STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05506

UNDZER VEG IN BOY UN KAMF

World Federation of Achdut Haavoda-Poale Zion

*Permanent preservation of this book was made possible
by Mortimer & Eileen Lorber
in honor of
their first grandchild, Sarah Lorber*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צען יאר מדינת ישראל - 1958 - 1948

אונדזער וועג
אין
ברי און קאַמף

זאמלבוך

ארויסגעגעבן פונעם וועלט-פארבאנד אחדות העבודה - פועלי ציון

תל-אביב

1958

ISRAEL'S FIRST DECADE 1948—1958

OUR PATH
in
CONSTRUCTION and STRUGGLE

PUBLISHED BY THE WORLD FEDERATION
OF ACHDUT HAAVODA — POALE ZION

רעדאַקציע: י. זרבבל, ז. רימון

הויפּט-פאַרקויף: י. ל. פרץ־ביבליאָטעק, תל-אביב, אלנבי 31

דרוקעריי „אורלי", י. לערמאַן, יסוד המעלה 27, תל־אביב, טעלעפאָן 32062.

צום אנדענק

פון די געפאַלענע חברים
פון דער פועלי־ציון־באַוועגונג,
החלוץ, החלוץ־הצעיר, דרור, באָראָכאָוו־יוגנט,
געטאָ־העלדן און פאַרטיזאַנער־קעמפער,
אין דער פינצטערער תקופה
פון חורבן און אומקום — 1939־45.

צום אנדענק

פון די אַלע, וואָס האָבן זייערע יונגע לעבנס
מקריב געווען פאַרן אויפקום פון מדינת ישראל.

* * *

דערציילן וועגן די גורל-פראגן, לעבנס-פראבלעמען און גרויסע היסטארישע אויפ־טועך פון מדינת-ישראל אין ערשטן יארצענדליק פון איר עקזיסטענץ, און צוגלייך — וועגן די בלאנדזשענישן, שטרויכלונגען און נישט-אויסגענוצטע מעגלעכקייטן פאר די זעלבע צען יאר, בכדי צו לערנען דערפון און אויסמיידן זיי אין דער צוקונפט — דאס איז געווען אונדזער ציל ארויסגעבנדיק דעם זאמלבוך.

און נאך אן אויפגאבע:

באקענען די יידישע מאסן און די יידישע יוגנט אין דער גאנצער וועלט מיט די אידעען, ראנגלענישן און דערגרייכונגען פון אחדות-העבודה—פועלי-ציון, וואס האט משפיע געווען די געשטאלטונג פון דער ציוניסטישער ארבעטער-באוועגונג און ארייגעשריבן א קאמף-רייכן קאפיטל אין דער געשיכטע פון מדינת ישראל און איר אויפקום.

מיר זענען אבער אויסן געווען נישט נאר ארויסברענגען אט דעם היסטארישן אמת. נאר בעיקר באלייכטן די פראבלעמען, ארויסציען פון זיי די געהעריקע מסקנות און פעסטשטעלן אויפן יסוד פון אונדזער רייכער דערפארונג און אין איינקלאנג מיט דער לערע פון באראכאוויסטישן ארבעטער-ציוניזם — אויף וועלכע וועגן דארפן גיין די יידישע ארבעטער-באוועגונג אין ישראל און די יידישע פאלקס-מאסן און יוגנט אין דער גאנצער וועלט, בכדי צו דערפילן די גרויסע אויפגאבן, וואס די געשיכטע האט אויף זיי ארויפגעלייגט אין דער איצטיקער שטורמישער תקופה, אויפן שוועל פון צווייטן יארצענדליק פון מדינת ישראל, וואס דערווארט דעם דריטן מיליאן.

זיכער האבן מיר נישט באוויזן ארומצונעמען און אלזייטיק באלייכטן די גאנצע פראבלעמאטיק פון דער מדינה, פון ציוניזם און פון דער ישראלדיקער ארבעטער-באוועגונג. דאס איז דער ערשטער יידישער זאמלבוך פון דעם פארנעם און כאראקטער.

לאמיר האפן, אז אט דערביישטייער אונדזערער וועט אנגענומען ווערן אין לאנד און אין די תפוצות מיט פולער פארשטענדעניש און וועט מיטהעלפן דערנענטערן די יידישע מאסן און יוגנט צו די שפרודלדיקע קוואלן פון סאציאליסטישן ציוניזם — צו אחדות-העבודה—פועלי-ציון, וואס האט אויף איר פאן אויסגעקריצט: סאציאליזם, חלוציות און הגשמה, בכדי דער דור, וואס איז געפרווט געווארן מיטן גרויסן אומגליק פון חורבן און אומקום און צוגלייך זוכה געווען צו דערלעבן דעם אויפקום פון מדינת ישראל — זאל קאנען מיט געמיינזאמע כוחות מקיים זיין דעם העכסטן געבאט פון אונדזער צייט: קיבוץ-גלויות פון אלע עדות און שבטים, פון אלע לענדער און רעזשימען און קאנצענטרירן זיי אין א פרייער זעלבשטענדיקער סאציאליסטישער מדינת ישראל.

די ארויסגעבער

י. טאבענקין

צען יאָר מדינת ישראל

וואָס זענען געווען די פאַקטאָרן וועלכע האָבן באַשאַפן די מדינה?

מדינת ישראל איז אונז נישט געגעבן געוואָרן נישט דורך א משיח און אויך נישט א דאַנק איבערנאַטירלעכע כוחות. זי איז נישט געבוירן געוואָרן דורך נסים — אין דער געשיכטע עקזיסטירן נישט קיין נסים.

נישט אונ״א האָט אונז געגעבן די מדינה — הגם אונ״א האָט אנגענומען א באַשלוס זי אויפצושטעלן — א באַשלוס וואָס איז נישט רעאַליזירט געוואָרן. זי איז נישט אנטשטאַנען אלס רעזולטאַט פון דער אונ״א־רעזאָלוציע, נישט דורך דער איניציאַטיוו פון אונ״א און אויך נישט אַדאַנק דער עקזיסטענץ פון אונ״א; די מדינה איז נישט געבויט געוואָרן מיט דער הילף פון אן אינטערנאַציאָנאַלן כוח און אויך נישט אין די גרענעצן וואָס זענען באַשטימט געוואָרן דורך דעם פּלענום פון די פאַראייניקטע פעלקער.

די מדינה איז נישט באַשאַפן געוואָרן דורך אַ משיחישער פּערזענלעכקייט, ווייל א פּערזענלעכקייט, ווי דערהויבן זי זאָל נישט זיין, שאַפט נישט קיין מדינות. הערצל האָט געוואָרבט דעם געדאַנק פון דער מדינה — ער האָט זי אָבער נישט באַשאַפן. ווייצמאַן האָט זיין גאַנץ לעבן געקעמפט אויפן פּאָליטישן און דיפּלאָמאַטישן געביט פאַרן אידעאַל פון דער מדינה — אָבער נישט ער האָט זי אויפגעשטעלט; דאָס זעלבע איז אויך ריכטיק לגבי די פּאַרזעצער פון אונזער פּאָליטישן און דיפּלאָמאַטישן געראַנגל — אויך זיי זענען נישט דער דעצידירנדיקער פאַקטאָר אין דעם אויפקום פון דער מדינה. די טאַט — די בויערישע, קאָלאָניזירנדיקע טאַט, און דער פּאַרטיידיקונגס־כוח וואָס שטיצט זיך אויף איר — אָט דאָס איז די באַזע פאַר פּאָליטישע דערגרייכונגען.

די דעקלאַראַציע וועגן דער אנטשטייאונג פון דער מדינה אין ה׳ אייר, איז געווען נישט מער ווי א באַשטעטיקונג פון א געשעענעם פאַקט, א רעזולטאַט פון דער מעכטיקער אנשטרענגונג פון אונזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג — וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דער יידישער עליה קיין ארץ־ישראל, אין דעם אָפּקויפן פון באָדן, אין דעם שאַפן פון א זעלבשטענדיקערווירטשאַפט, אין דעם באַלעבן פון דער העברעישער שפּראַך, און מער פון אלץ — אין פּיאָנערישער קאָלאָניזאַציע און בוי פון יידישע שטעט און דערפער.

נישט אַדאַנק דעם „הערצער־רענעסאַנס״ פון אחד־העם איז רעאַליזירט געוואָרן די מדינה, אויך נישט אַדאַנק די „בני משה״. אונזער פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט איז געבוירן געוואָרן מיטן כוח פון די יידישע עולים, וועלכע זענען באַוויזן געוואָרן, קודם כל, דורך דער נויטווענדיקייט צו געפינען אַ רעטונגס־האַפן, אַ מקום־מקלט פאַרן המשך פון אונזער פיזישן, גייסטיקן און נאַציאָנאַלן קיום.

זינט דער גרינדונג פון מוצא, פתח־תקוה און מקוה־ישראל, זינט דער בילו־עליה, זינט דעם קומען פון די תימנער פליטים און די אנטרונענע פון דזים מערב׳דיקן און מזרח׳דיקן גלות, די שארית הפליטה, ביז צום היינטיקן טאָג — איז די מדינה געווען א רעטונג פון פיזישער און גייסטיקער פּאַרטיליקונג — און נישט נאָר א שטראַלנדיקער צענטער פון קולטורעלער ליכט. די עצם עקזיסטענץ פון אונזער מדינה, די ווערטן וועלכע זי פאַרווירקלעכט — פאַרוואַנדלען זי אין א צענטער, וואָס באַווירקט דאָס לעבן פון פאָלק. אָבער איר רעאַלער און היסטאָרישער צוועק, איר הויפּט ציל איז — א טעריטאָריעלער פּאָליטישער צענטער, אויף צו ראַטעווען דעם קיום פון יידן און פאַרן המשך פון זייער אנטוויקלונג אלס מענטשן און אלס פאָלק.

די מדינה האָט נישט געראַטעוועט דאָס גאַנצע פאָלק. איידער זי איז אנטשטאַנען זענען אומגעקומען זעקס מיליאָנען פון אונזערע ברידער, און עס איז אונז נאָך דערוויל נישט געלונגען צו אויפנעמען די מערהייט פון די עלף מיליאָן יידן, וואָס געפינען זיך נאָך אלץ אין גלות, ווו זייער מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ שטייט נאָך אין סכנה — א סכנה, וואָס זעט זיך

קלאָר אין די איסלאַמישע לענדער ווי אויך אין לענדער, וועלכע לעבן דורך אַ פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קריזיס; אַ סכנה וואָס לויערט פאַרבאַהאַלטענערהייט אין פאַרהעלטעניסמעסיק סטאַבילע לענדער, ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן און ראַטן־פאַרבאַנד. מדינת ישראל איז אַ מדינה **פאַר דעם גאַנצן פאָלק** און אונזער בליק איז געווענדעט צו אַלע אונזערע ברידער, וואָס מיר זענען נאָך נישט זוכה געווען צו זייער היימקער.

מדינת ישראל האָט זיך געגרינדעט מיט צען יאָר צוריק, ווייל די נויטווענדיקייט פון איר אויפקום איז דעמאָלט געוואָרן אַ גרויסע מעגלעכקייט. צענדליקער יאָרן פון קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט אין לאַנד האָבן צוגעגרייט און רייף געמאַכט איר געבורט. וואָס מער עס איז געוואַקסן דער פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ארץ ישראל, אַלץ מער איז געשטיגן איר פּאָליטישער און עקאָנאָמישער געוויכט. און וואָס מער עס איז געוואַקסן דער כוח פון די יידן, אַלץ מער איז געשטיגן די קעגנערשאַפט מצד די ענגלענדער און אַראַבער. דאָס „ווייסע בוך" איז געווען אַן אויסדרוק פונם באַשלוס פון די ענגלענדער **איבערצורייסן** דעם וווּקס פון אונזער קראַפט אין לאַנד. דאָס „ווייסע בוך" איז **באַזיגט געוואָרן**: די יידן זענען גובר געווען די פיינטלעכע טענדענצן פון די ענגלענדער, אַראַבער און אַנדערע פּאָליטישע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן זיך באַמיט צו שטערן די אַנטוויקלונג פון אַ יידיש ארץ־ישראל.

די מדינה איז אַנטשטאַנען אַלס רעזולטאַט פון דעם קאָנפליקט וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט צווישן דעם כסדרדיקן וווּקס פונם יידישן כוח אין לאַנד און די ענגלענדער, וואָס האָבן נישט געוואָלט מוותר זיין אויפן המשך פון זייער שליטה איבערן לאַנד. דער וווּקס פון יידישן כוח האָט דאָ געשטעלט אין געפאַר די צוקונפט פון ענגלישער הערשאַפט. מיר זענען געווען די פּיאָנערן פון אַרויסשטויסן דעם בריטישן אימפּעריאַליזם פון אַפריקע און פון אַזיע. כאָטש נישט צוליב דעם זענען מיר געקומען קיין א"י — מיר זענען געקומען, כדי צו בויען דאָס לאַנד פאַר זיך, פאַר יידן. דער צוועק פון אונזער קומען קיין א"י איז געווען: די קאָנצענטרירונג פונעם פאָלק און יידישע אומאָפּהענגיקייט, די פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט פונם יידישן פאָלק אין זיין לאַנד.

אונזער זעלבשטענדיקייט איז נאָך נישט קיין פולע

מיט צען יאָר צוריק איז רייף געוואָרן דאָס אויפלעבן פון מדינת ישראל צוליב דעם דרוק פון דער יידישער נויט. מיר האָבן דערוואָרבן די מדינה מיט אונזער שווייס און בלוט, מיטן כוח פון קאָנסטרוקטיווער טאַט. אָבער אונזער פּאָליטישע סווערעניטעט איז נאָך אַלץ באַשרענקט, נישט נאָר צוליב דער צעטיילונג פון לאַנד, נאָר אויך צוליב דעם מאַנגל אין פּאָליטישער און מיליטערישער סטאַבילקייט אַרום אונז, דער וואָפנשטילשטאַנד צווישן ישראל און די אַראַבישע מדינות באַצייכנט בלויז אַ הפסקה צווישן אונזער נצחון אין אומאָפּהענגיקייט־קריג און די קריגס־דערקלערונגען קעגן אונז מצד די אַראַבישע לענדער. אויך אונזער זעלבשטענדיקייט איז נישט קיין פולע, ווייל די מדינה נויטיקט זיך נאָך דערווייל אין פינאַנסיעלער הילף פון אויסלאַנד. די מדינה באַזיצט נישט די מעגלעכקייט צו מאָביליזירן די יידן איבער דער וועלט, אָדער זייער געלט. מיר געדענקען זייער גוט, אַז אין דער צייט פון סיני־קריג האָט די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרבאָטן יידן פון די פאַראייניקטע שטאַטן צו פאָרן קיין ישראל. און אפילו דער ציוניסטישער אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט זיך נישט געקאָנט צוזאַמענטרעפן אין ישראל.

מדינת ישראל פאַרנעמט דערווייל בלויז אַ חלק פון ארץ ישראל, אַ חלק פון דער טעריטאָריע וואָס איז באַשטימט איר היסטאָריש. 10 יאָר עקזיסטענץ פון דער מדינה האָבן באַוויזן, אַז די חלוקה מאַכט דאָס לעבן פון ישראל שווער און פול מיט געפאַרן: די לאַגע און אומנאַטירלעכע גרענעצן פאַרגרעסערן די אומזיכערקייט און באַשרענקען אויך די מעגלעכקייט פון אויפנעמען דאָס גאַנצע פאָלק — וואָס געפינט זיך נאָך אין זיין מערהייט אין גלות — און זיי באַשרענקען די מעגלעכקייטן פון פולער אַנטוויקלונג פון אַ זעלבשטענדיק לעבן.

די נאַטירלעכע גרענעצן פון אַן אומאָפּהענגיקער מדינת ישראל, דאָס זענען די נאַטירלעכע גרענעצן פון גאַנץ ארץ־ישראל — פון לבנון ביזן רויטן ים און פון דעם מיטללענדישן ים ביז דעם מזרחדיקן מדבר — נישט אָנרירנדיק די רעכט פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג אין די דאָזיקע שטחים.

מען טאָר אָבער נישט פאַרמינערן דעם גרויסן פּאָזיטיוון ווערט פון דער אַנשטייאונג פון

דער מדינה אויך אין א טייל פון ארץ־ישראל: זי טראגט אין זיך די אויסזיכטן פון א מדינה פארן גאַנצן פאָלק אין דעם גאַנצן לאַנד. די גרענעצן פון אונזער מדינה, אזוי ווי זיי זענען איצט, זענען בעצם די גרענעצן פון די דעראָבערונגען פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע, ביז דער צייט פון צוזאמענברוך פון ענגלישן אימפּעריאַליזם און זיין הערשאַפט אין לאנד. זיי זענען פאַקטיש געווען דער באזיס פון דער מדינה.

אַמאָל זענען אין אונזער געזעלשאפט געווען מיינונגס פארשידנהייטן ווי אזוי וועט אנטשטיין די מדינה: דורך דיפּלאָמאטישע אונטערהאנדלונגען מיט די וועלט־פאַקטאָרן, וואָס האָבן געהערשט אין ארץ־ישראל און אין דער סביבה? אדער וועלן מיר באקומען דאָס לאנד דורך מיליטערישער דעראבערונג? — און עס האָט אויך עקזיסטירט א וועג, מיט וועלכן עס איז געגאַנגען אונזער באַוועגונג: דער וועג פון קאָלאָניזאַציע, פון בויען אַן אַרבעטנדיקן יידישן צענטער אין דעם נישט־באַזעצטן היסטאָרישן יידישן לאַנד, אין ארץ־ישראל.

דער עיקר - התישבות

מיר מוזן זען אין דער מדינה הויפּטזעכלעך דעם רעזולטאט פון אונזער קאָלאָניזאטאָרישער טעטיקייט. אונזער מיליטערישער כוח איז אויפגעוואקסן נאָר אדאנק דעם פאקט פון קאָלאָניזאציע און איר פארטיידיקונג. אויך די מיליטערישע דעראבערונג און פּאָליטיש־דיפּלאָמאטישע דערגרייכונגען שטאמען פון דער קאָלאָניזאציע און עקזיסטירן נאָר אדאנק איר. און אויך אין דער צוקונפט וועט די מאָס פון דער זעלבשטענדיקייט פון אונזער מדינה זיין אָפּהענגיק פון דעם פארנעם פון קאָלאָניזאציע אין אירע טערריטאָריעלע ראַמען. יעדער טייל פון א לאנד וואָס מען הערשט אַ דאַנק דיפּלאָמאַטיע אָדער בלויז מיטן כוח פון מיליטער — איז נישט זיכער, איז נישט דויערהאַפטיק־פעיק כל זמן מיר באַזעצן אים נישט דורך קאָלאָניזאַציע. אָט־אַזוי האָבן מיר דעראָבערט סיני אַדאַנק אונזער מיליטער און האָבן אים פאַרלאָזן צוליב פּאָליטישן דרוק. מיר הערשן דערווייל איבער די שטחים פון נגב, דער עיקר מיטן כוח פון אונזער מיליטער און מיר קאָנען זיי, חלילה, פארלירן צוליב אויסערלעכן, דיפּלאָמאטישן דרוק. כל זמן דער נגב וועט נישט ווערן קאָלאָניזירט, איז זיין אָנגעהעריקייט צו מדינת ישראל נישט קיין סטאַבילער, זיכערער פאַקטאָר. דערפאר מוזן מיר באטראכטן די באזידלונג פון נגב — אלס א קאָלאָניזאטארישע אויפגאבע פון א פּאָליטישער ערשט־ראנגיקער וויכטיקייט. דער פארלוסט פון נגב וואָלט געשטעלט אין סכנה די מדינת ישראל אלס לעזונג פון דער יידן־פראגע. נאָך מער: די קאָלאָניזאציע פון נגב פארזיכערט מער די סטאבילקייט פון אונזערע גרענעצן, ווי יעטוועדער מיליטערישער אפמאך, מיט וועלכער־נישט־איז גרויסמאכט. יעדער פּאָליטישער הסכם אלס אסעקוראציע — סיי א מערב'דיקער סיי א מזרח'דיקער — איז נישט מער ווי אן אילוזיע, און אלס אזעלכע קאָן זי זיין שעדלעך, אריינפלעכטנדיק אונזער אומאָפּהענגיקע פּאָליטיק אין דעם אַמעריקאַנישן אָדער סאָוויעטישן בלאָק, בעת אונזער כוח אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער ארענע וועט עקזיסטירן נאָר כל זמן מיר וועלן בלייבן „נישט־געבונדן”, מיט מעגלעכקייטן פון זעלבשטענדיקער אנטשיידונג אין יעדן ענין, כאָטש מיר זענען א קליין פאָלק און א קליינע מדינה.

מדינת ישראל, ווי אויך איר באשעפערן — די ציוניסטישע אָרגאניזאציע, וועלכע איז אויפגעקומען אין סוף פון 19־טן און ערשטער העלפט פון 20־טן יאָרהונדערט — זענען פארבונדן מיט דער באוועגונג פון נאציאָנאלער באפרייאונג און מיטן שטייגן פון ארבעטער־קלאס אלס קעמפנדיקער פאקטאָר וואָס פורעמט דאָס פּאָליטישע לעבן פון די אייראָפּעישע פעלקער. צווישן די דאָזיקע פעלקער האָבן די יידן געלעבט און געווען אויסגעבונדן מיט זייערער לעבנס־פּראָצעסן. דאָס איז געווען די עפּאָכע פון צוזאמענברוך פון דער סטאבילקייט פון די הערשנדיקע קלאסן און מיר זענען געווען די ערשטע קרבנות פון דעם דאָזיקן צוזאמענברוך. דער אנטי־סעמיטיזם איז נישט געבוירן געוואָרן אין 20־טן יאָרהונדערט, אָבער אין קיין שום אנדערן יאָר־הונדערט האָט ער זיך נישט אנטפּלעקט אויף אזא שוידערלעכן און קאטאסטראָפאלן אופן.

די פעלקער פון 20־טן יאָרהונדערט האָבן אָנגעווענדעט פיל פּאָליטישע מי, כדי צו שאפן די אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס פאַר פּאָליטישן לעבן פון סוווערענע מדינות אין אייראָפּע און אמעריקע, און איצט אויך אין אזיע און אפריקע. אזא מין אָרגאניזאציע איז פריער געווען דער פעלקער־בונד און היינט די אונ"אָ. די קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייט פון סוווערענע מדינות און די באציאונגען צווישן זיי, האָבן געבילדעט דעם פאָן פארן אויפקום פון מדינת ישראל. ווי

אלע אנדערע סוווערענע מדינות, גרויסע און קליינע, איז אויך ישראל אוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר דער ווירקלעכקייט פון א פּאָליטישער וועלט, וועלכע באַהעפט אין א קאָ־עקזיסטענץ מדינות, וואָס לעבן אין קאַפּיטאַליסטישן און סאָציאַליסטישן רעזשים, אין דער קריסטאַליזירונג פון דער דאָזיקער וועלט ווערן אַלץ קלענער און באַשרענקט די מעגלעכקייטן פון יידישער עקזיסטענץ אין גלות, אין יעדן גלות — קאַפּיטאַליסטישן, דיקטאַטאָריש־פאַשיסטישן, קאָמוניסטישן, דעמאָקראַטישן און ליבעראַלן. די יידן־פראַגע און די פראַגע פון מדינת ישראל האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָבלעם וועלכער באַשעפטיקט די גרויסמאַכטן — אייראָפּע און אַמעריקע — די אַראַבישע לענדער און די אַזיאַטישע און אַפריקאַנער פעלקער.

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון מדינת ישראל הענגט איצט אָפּ, מער ווי אין יעדער אַנדערער תקופה, פון איר ציוניסטישן, פּראָגרעסיוון און קאָלאָניזאַטאָרישן כאַראַקטער, איר צוגעבונדנקייט צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און צום וועלט־יידנטום; ווייל עס איז נישט בלויז א פּראָבלעם פון צוויי מיליאָן בירגער פון ישראל, נאָר דער פּראָבלעם פון עקזיסטענץ פון יידן אויף דער גאַנצער וועלט.

ווי צאָלרייך זענען די דערגרייכונגען אין די צען יאָר קיום פון מדינת ישראל! מיר האָבן אין די דאָזיקע צען יאָר דערגרייכט מער, ווי אין די פופציק יאָר פאַר דעם געבורט פון דער מדינה. דער יובילייי איז טאַקע א רעזולטאַט פון דער פּראָדוקטיווער, זעלבשטענדיקער טעטיקייט פון יידן אין ארץ־ישראל אין משך פון צענדליקער יאָרן. אָבער אין די לעצטע צען יאָר איז די באַפעלקערונג שטאַרק געוואַקסן און ציילט איצט קנאַפּע צוויי מיליאָן; א גרויסע אַנטוויקלונג איז פאָרגעקומען אין דער לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטרי; אונזערע טעכנישע קענטענישן איןביידע געביטן זענען שטאַרק געשטיגן, מיר זענען שוין אומשטאַנד צו פּראָדוצירן מאַשינען און געווער, עס איז אויסגעברייטערט און פאַרבעסערט געוואָרן אַן א שיעור אונזער טראַנספּאָרט אויף דער יבשה, אין ים און אין דער לופט; מיר האָבן צו פאַרצייכענען וויכטיקע דערגרייכונגען אויף די געביטן פון שפּראַך און ליטעראַטור, קונסט און קולטור אין אַלע פאָרמען — מאַלעריי און סקולפּטור, בינע און מוזיק; עס האָט זיך אויסגעברייטערט אונזער שול־וועזן, מיר האָבן געגרינדעט הויכע לערן־אַנשטאַלטן: די העברעישע אוניווערסיטעט, דער טכניון (טעכניקום), דער אינסטיטוט פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער פאָרשונג, דער ווייצמאַן־אינסטיטוט. אויך אין גלות האָט אונזער פאָלק פאַרמאָגט באַרימטע יחידים אויפן וויסנשאַפטלעכן געביט, אָבער איצט איז דאָס ערשטע מאָל אין אונזער געשיכטע, ווען מיר ברענגען אונזער בייטראַג פאַר דער אַלוועלטלעכער וויסנשאַפט נישט ווי יחידים, נאָר ווי א פאָלק און ווי א מדינה.

אויב מיר וועלן פאַרגלייכן די דערגרייכונג פון אונזער מדינה אין די ערשטע צען יאָר פון איר עקזיסטענץ, מיט די דערגרייכונגען פון אַנדערע מדינות, סיי קאַפּיטאַליסטישע און סיי סאָציאַליסטישע, אין משך פון זייערע ערשטע צען יאָר — וועלן מיר קאָנען באַשיינפּערלעך זען אין אונזערע דערגרייכונגען — די קאָלאָסאַלע לעבנס־קראַפט פון אונזער פאָלק.

געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געזען אין א יידיש מיליטער א תנאי פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה; און כל זמן עס עקזיסטירט נאָך נישט א יידישע מדינה, וועט דאָס מיליטער בילדן א טייל אין דער ענגלישער אַרמיי, און דאָס וועט זיין דער גורם, וועלכער וועט אונז ברענגען זעלבשטענדיקייט. מיר האָבן געזאָגט, אַז זעלבשטענדיקער כוח און זעלבשטענדיק געווער קומען נאָך פאַר דער מדינה און זיי וועלן עס דערנענטערן אונזער פּאָליטישע עמאַנסיפּאַציע און וועלן דערמעגלעכן דעם אויפקום פון אַן אייגענער מדינה. די אַרבעטס־עליה האָט געשאַפן דעם „השומר”, די הגנה, די אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל האָט געגרינדעט דעם פלמ”ח, און דער פלמ”ח איז געווען דער אָנהויב און דער קערן פון אונזער מאָביליזירטער אַרמיי. דער פאַקט פון אונזער רעאַלן און ווירקלעכן כוח אין עליה, קאָלאָניזאַציע און סטראַטעגישע פּאָזיציעס האָט פאַרוואַנדלט דאָס באַדערפעניש פון אַן אייגענער מדינה — אין אַ מעגלעכקייט. אָבער די גרעעצן פון אונזער רעאַלן כוח האָבן אויך באַשטימט די גרענעצן פון פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט — די גרענעצן פון אַ מדינה, וואָס איז אויפגעקומען אין אַ טייל פון ארץ־ישראל.

פופציק יאָר יידישע געשיכטע

כדי צו פאַרשטיין אין דער פול די רעוואָלוציע וואָס די צען יאָר פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט האָבן אַריינגעבראַכט אינעם לעבן פון אונזער פאָלק, מוזן מיר באַטראַכטן די דאָזיקע

יאָרן אויף דעם פּאָן פון פופציק יאָר יידישע געשיכטע — פאַר דער מדינה — די יאָרן 1897—1947.

אָט זענען עטלעכע פון די הויפּט־שטריכן פון דער דאָזיקער תקופה: די ליקווידאַציע פון דער עסטרייכיש־אונגאַרישער אימפּעריע און די פּאָליטישע צעברעקלונג פון איר יידישער באַפעלקערונג; דאָס רוסישע און פּוילישע יידנטום אין דעם תחום־המושב, אונטער דער הערשאַפט פון די ראָמאַנאָווס, אַ טיף־איינגעוואָרצלטער יידישער ישוב, איידער ער איז אין אונזער תקופה אין א גרויסער מאָס פאַרטיליקט געוואָרן, — די מערהייט, דורך די נאַציס, און אַנדערע — דורך אַרויפגעצוווּנגענע אַסימילאַטאָרישע טענדענצן אין ראַטן־פאַרבאַנד.

דער דרייפוס פּראָצעס; הערצל׳ס נסיעה צו פּלעווע, דעם אָרגאַניזאַטאָר פון די פּאָגראָמען; ביאַליק שרייבט „משא נמירוב״; יידן אין די רייען פון די באַפרייאונגס־באַוועגונגען פון אונטערדריקטע פעלקער; פּאָגראָמען און בלוט־בלבולים אין רוסלאַנד; דער „בונד״ אין רוסלאַנד ליטע און פּוילן — ביז צו זיינע ברעקלעך און רעשטלעך היינט, אין ישראל און אַמעריקע; פּועלי־ציון און זייערע שפּאַלטונגען; די 1905־רעוואָלוציע; יידן אין דעם זיך־צעפאַלנדיקן קאַפּיטאַליסטישן רעזשים; די ראַסיסטיש־נאַצישע פאָרמען פון דייטשן אַנטיסעמיטיזם — די דעגראַדאַציע פון מענטש און זיין פאַרטיליקונג; די אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און די גרויסע האָפנונגען וועלכע דאָס יידנטום האָט מיט איר פאַרבונדן — ביז דעם דאָקטוירים־פּראָצעס — דער פולקאָמער ליקווידאַציע פון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן אין אַלע זיינע פאָרמען, א חוץ דעם רעכט אויף רעליגיעזן קולט; די באַלפור דעקלאַראַציע, דער יידישער יישוב אין פּוילן צווישן ביידע וועלט מלחמות; דער אויפבלי פון יידישער קולטור אין יידיש און העברעיש; די יידיש־וועלטלעכע שול־נעץ און די „תרבות״־שולן; דער „החלוץ״ און די חלוצישע יוגנט־באַוועגונגען און די „הכשרה״ קיבוצים — — — און די זיילן רויך פון די אויוונס ווו עס זענען אומגעקומען זעקס מיליאָן פון אונזערע ברידער, דער מער, ווי אַלע אַנדערע יידן, קאָנצענטרירטער טייל פונעם פאָלק — — און רעשטלעך, רעשטלעך בלויז זענען פאַרבליבן פון דעם דאָזיקן שעפערישן לעבן.

קעגנאיבער דעם פאַרניכטעטן גלות, שטייט די מדינה, ווי די גרעסטע „רעקאָמפּענסאַציע״ וואָס איז אַמאָל געגעבן געוואָרן דעם יידישן פאָלק — זעלבשטענדיקייט. מאַטעריעל און גייסטיק לעבן וואָס שפּראָצט אויף און אַנטוויקלט זיך מיט א כוח, וואָס זיינס גלייכן האָבן מיר נישט געזען אין אונזער געשיכטע: עקאָנאָמיע און ווירטשאַפט, אינדוסטרי און אַגריקולטור, וויסנשאַפט און טעכניק, שפּראַך און ליטעראַטור; פון דעם „השומר״, דורך דער „הגנה״ און דעם פּלמ״ח און ביז צה״ל און מאָדערנער פאַרטיידיקונגס־סטראַטעגיע; אַן אַרבעטנדיק און קאָלעקטיוו פּויערטום און דערציערישע קאָלאָניזאַציע־אָרגאַניזאַציעס, וואָס דערציען יוגנט אין גלות, פאַר עליה אין ישראל — און אַלץ פאַרמירט זיך, בויט זיך אין משך פון א קורצער צייט.

מדינת ישראל איז נאָך נישט די מדינה פון די יידן. אמת, די ציוניסטישע טעטיקייט פון צענדליקער יאָרן האָט געשאַפן די מדינה; די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אָרגאַניזירט חלוצישע באַוועגונגען כדי צו קאָלאָניזירן דאָס לאַנד, און אויפגעשטעלט פאָנדן פאַר קאָלאָניזאַטאָרישער און דערציעריש־קולטורעלער טעטיקייט. זי האָט אַנטוויקלט א פּאָליטישע אַרבעט, וועלכע איז געווען באַשרענקט דורכן טעמפּא פון איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע. פאַרשידענע טיילן פון פאָלק — רעליגיעזע, אַסימילאַטאָרישע, יידן סאָציאַל־דעמאָקראַטן און קאָמוניסטן — האָבן געשענקט זייער שטיצע, כוח און פּאָליטישע פולמאַכטן עמיצן אַנדערש: די קאָנסערוואַטיווע, דעמאָקראַטן, סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן, פון אַנדערע פעלקער. אָבער יענע האָבן אַנגענומען די דאָזיקע פולמאַכטן נישט כדי צו פאַרטיידיקן די יידישע אינטערעסן; זיי זענען געבליבן פרעמד און גלייכגילטיק — און טיילווייז אויך פיינטלעך — צום ענין יידישן קיום.

בעת מיר פלעגן רעדן וועגן דער צוקונפטיקער יידישער מדינה, האָבן מיר בפירוש געהאַט אין זינען די קאָנצענטרירונג פון יידן — אַלע יידן — אין גאַנצן לאַנד. אין דעם האָבן מיר געזען דעם תנאי פאַר דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון יידן אלס פאָלק און אלס יחידים; מיר האָבן געוווּסט, אַז פאַר די יידן שטייט נאָר איין און איינציקע מעגלעכקייט! דעראָבערן דאָס לאַנד דורך עליה, אַרבעט, קאָלאָניזאַציע, פאַרטיידיקונג — דורך יידישער זעלבשטענדיקייט. דערפאַר זענען מיר געווען קעגן חלוקה, דאָס הייסט, קעגן פּריוויליקער הסכמה צום פאַרבאָט קעגן אונזער קאָלאָניזאַציע אין אַנדערע, נישט־באַזעצטע טיילן פון ארץ־ישראל, וועלכע געהערן צום אויפבוי־אויפטו אין אונזער היסטאָרישן באַוווסטזיין צו אונזער פאָטערלאַנד.

די מערהייט פון יידישן פאָלק געפינט זיך נאָך אלץ אין גלות און לעבט זיך אויס פּאָליטיש אין די לענדער וווּ זי וווינט, און נישט אין מדינת ישראל. עס איז גוט וואָס צום צענטן יובילייַ קומען פילע טוריסטן, אָבער טוריזם פאַרזיכערט נישט דעם קיום פון דער מדינה און די פּאָליטישע עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק; דאָס קען טאָן בלויז עליה. מדינת ישראל איז נאָך נישט די מדינה פון גאַנצן פאָלק. פון שטאַנדפּונקט פון פּאָליטישן ציוניזם דאַרף מען באַטראַכטן די מדינה אלס אַ תנאי פאַר אונזער ווייטערדיקן קיום — אַן עטאַפּ אויפן וועג צום ציל: זעלבשטענדיק־נאַציאָנאַל און סאָציאַל — פון גאַנצן פאָלק.

מיט העכער פופציק יאָר צוריק איז אויפגעקומען דער פּראָיעקט פון אוגאַנדאַ, אלס רעזולטאַט פון דער נישטיקייט פון דעם רעאַלן פּאָליטישן כוח פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין יענער תקופה — וועלכע איז ווידער געווען א רעזולטאַט פון דער שוואַכקייט פון יידישן כוח אין א״י — טראָץ דער געניאַלער היסטאָרישער דערשיינונג פון הערצל. די איינוואַנדערונג קיין ארץ ישראל, דאָס שאַפן דאָרט מאַטעריעלע פאַקטן דורך קאָלאָניזאַציע, פאַרטיידיקונג, דורך שטאַלטן אַ זעלבשטענדיקע יידישע געזעלשאַפט — אַדאַנק זיי האָט זיך געשאַפן די מדינה. די גרויסקייט פון מדינת ישראל ליגט דערין, וואָס זי האט געמאַכט א סוף צו „אומלעגאַלער״ עליה און „אומלעגאַלער״, קאָנספּיראַטיווער פאַרטיידיקונג, וואָס זי האָט דערלאַבערט די הערשאַפט איבערן באָדן, די פאַרטן, דאָס וואַסער און די וועגן; וואָס מיר זענען דערגאַנגען צו זעלבשטענ־דיקייט פון גייסט, קולטור, שפּראַך און מיליטערישן פאַרטיידיקונגס כוח.

מיר האבן געקענט זיין מער

נאָך איידער עס האָט עקזיסטירט מדינת ישראל, האָט דער וואַכזאַמער טייל פונם יידישן פאָלק אין דער ציוניסט. באַוועגונג געשטרעבט טעטיק און געשפּאַנט צו אַ יידישער מדינה. איצט שפּירט זיך א גלייכגילטיקייט לגבי דער באַדערפעניש אין א יידישער מדינה פאַר דער גרויסער מערהייט פון דעם יידישן פאָלק. די דאָזיקע גלייכגילטיקייט מערקט זיך אפילו אין געוויסע טיילן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. און פונדעסטוועגן, זענען דאָך די רייד פון הערצל, נאָרדוי, סירקין, באָראָכאָוו און פאַר זיי נאָך פינסקער — וועגן דער יידן־פּראָגע — געוואָרן מער רעאַל אין אונזער תקופה. דאָס יידנטום פון ראַטנפאַרבאַנד און דאָס יידנטום פון די פאַרייניקטע שטאַטן האָבן קיין צוקונפט נישט — אָן דער מדינה. באָראָכאָוו האָט אין זיין צייט געזאָגט, אַז די סטראַטעגישע באַזע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט איז שוואַך. אין אונזער תקופה האָט זיך נאָך די לאַגע פאַרערגערט, ווייל היינט־צו־טאָג, עקזיסטירט דאָך כמעט בכלל נישט א יידישער פּראָלעטאַריאַט אין גלות, און די ליידן פונם פּראָלעטאַריאַט דינען שוין מער נישט אלס באַזע פאַר זיין קאַמף. עס פאַרשטאַרקט זיך אין דער איצטיקער תקופה דער פּראָצעס פון דעפּראָלעטאַריזאַציע און דער צוריקקער צום מיטלשטאַנד, עס קומט ווידער אויף, דער אידעאַל פון „דיפּלאָם״ מיט זיינע פּריווילעגיעס... דער סימפּטאָם פון אנאמאַליע אין אונזער אַרבעטער־לעבן אין גלות באַשטייט שוין נישט דערין, וואָס עס פעלט אים אַן אַנטשיידנדע סטראַטעגישע באַזע, נאָר אין דעם פּראָצעס פון דעפּראָלעטאַריזאַציע.

דער וווּקס פון דער ישראל־באַפעלקערונג אין די צען יאָר — האָט נישט זיין גלייכנס אין אַנדערע לענדער. מיר האָבן אָבער נישט באַוויזן צו ראַטעווען די מיליאָנען פון מזרח אייראָפּעישן יידנטום, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס. די זעלבשטענדיקייט איז געקומען צו שפּעט. אָבער אויך אין משך פון די לעצטע צען יאָר האָבן מיר געקאָנט, אָביעקטיוו, זיין גרעסער אין אונזער צאָל, מער אומאָפּהענגיק אין אונזער עקאָנאָמיע, מער פאַרייניקט מאָראַליש און קולטורעל. מיר האָבן געקענט זיין מער און מוזן זיין שטאַרקער און מערער, בכדי צו פאַרזיכערן אונזער עקזיסטענץ.

די מדינה פון פאלק אין ארץ־ישראל

ארץ ישראל איז געווען דאָס סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע לאַנד אין נאָענטן מזרח. מיר האָבן עס זייער אַנטוויקלט. אָבער די אַנטוויקלונג פון לאַנד האָט פאַרשאַרפט דעם גלות פון די יידן אין די אראבישע לענדער. די יידן וואָס זענען עולה געווען קיין ישראל האָבן געראַטעוועט זייער קיום, אָבער ביז היינט איז נאָך די מערהייט פון פאָלק נישט געקומען צו אונז. און דער באָדן ברענט אונטער זייערע פיס אויף דער גאַנצער וועלט! פילע סימנים ווייזן אָן אז א גרויסע נויט

דראט דעם אמעריקאנער יידנטום; און אין אייראָפּע באַנייט זיך דער דייטשער מיליטאַריזם און באַדראָט דעם שלום פון דער וועלט, און דערמיט אויך די עקזיסטענץ פון אונזער פאָלק און מדינה. אין דער נעאָ־נאַצישער ליטעראַטור און פּרעסע פון באָן באַווייזט זיך א נייע טענה קעגן די יידן: „זיי פאַרשפּרייטן אויף דער וועלט א בלבול וועגן דעם מאָרד פון זעקס מיליאָן יידן דורך די דייטשן”...

מען דאַרף זיך נישט באַציִען מיט צופיל צוטרוי צו די כלומרשטיקע חרטה־רייד פון די דייטשן וועגן זייער מאָרד און רויב־טאַטן קעגן אייראָפּעיִשן יידנטום. עס מערקט זיך נישט, אַז אין דייטשלאַנד זאָל האָבן אויסגעוואַקסן א נייער דור, וועלכער טרייסלט זיך אָפּ פון די גרויל־טאַטן פון פריערדיקן דור. די רעפּאַראַציעס וואָס זענען באַצאָלט געוואָרן עקס־נאַציס, זענען פיל גרעסער ווי די רעפּאַראַציעס וועלכע עס האָבן באַקומען די קרבנות פון די נאַציס. דער דור אין דייטשלאַנד וואָס וועט זיך אָפּטרייסלען פון די נאַציס און זייערע טאַטן, וועט זיין דער דור וואָס וועט ענדערן דעם רעזשים און צונעמען די מאַכט ביי די עקס־נאַציס, אין דעם ווערמאַכט און אין בירגערלעכן לעבן. עס וועט זיין א געפערלעכע אילוזיע, זיך צו פאַרלאָזן אויף דייטשלאַנד, אַז זי וועט עס אונז אַרויסהעלפן קעגן די אַראַבער, אויב זיי וועלן דערקלערן א קריג קעגן אונז. נישט מערב־דייטשלאַנד און נישט מזרח־דייטשלאַנד האָבן נאָך נישט אויסגעשפּיגן פון זיך די פּירער פון דייטשן מיליטאַריזם, — און די סכנה איז פאַרבליבן!

די שרעק פאַרן וווקס פון יידישן כוח איז היינט פיל גרעסער ווי מיט צען יאָר צוריק, און דער אַראַבישער אַנגריף — אויב ער וועט קומען — וועט זיין פיל געפערלעכער ווי אין די טעג פון סיני־קריג. און מען מוז געדענקען: א מיליטערישער כוח איז פאַרזיכערט נאָר אויב ער שטיצט זיך אויף אַן עקאָנאָמישן כוח. אויך אונזער פאַרטיידיקונגס־קראַפט איז אָפּהענגיק פון דער גרויס פון אונזער עקאָנאָמישער מאַכט. די אַראַבישע הערשער שרעקן זיך נישט פאַר דער אילוזאָרישער סכנה אַז די יידישע מדינה וועט באַהערשן זיי און זייערע פעלקער; זיי האָבן מורא אַז זייער רעאַקציאָנערע פאַרשקלאַפנדיקע הערשאַפט איבער די אַראַבישע מאַסן וועט אָפּגעשוואַכט ווערן אַדאַנק דער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פון מדינת ישראל, וועלכע וועט ווערן און משפיע זיין מיט איר פּראָגרעסיוון, דעמאָקראַטישן כאַראַקטער, דורך איר קאָלאָני־זאַטאָרישער קראַפט און איר שטייגנדיקן לעבנס־ניוואָ.

מיר גייען אַריין אין צווייטן יאָר־צענדליק אונטער דעם סימן פון סכנות, גרעסערע ווי די, וואָס זענען פאַר אונז געשטאַנען אין ערשטן יאָרצענדליק. די יידישע נויט וועט וואַקסן, אָבער מדינת ישראל, אַלס פּאָליטישע ראַם פאַר דער קאָנצענטרירונג פון די צעזייטע יידן, איז א גרויסע מעגלעכקייט — אויב מיר וועלן לעבן אין גרויסער שפּאַנונג כדי צו פאַרגרעסערן דעם קאָלאָניזאַטאָרישן עקאָנאָמישן און מיליטערישן כוח פון דער מדינה. נאָר ווען מיר וועלן פאַרברייטערן די זידלונג פון נגב און פון גליל, אויב מיר וועלן ווייטער אַבסאָרבירן א גרויסע עליה — וועלן מיר קענען גובר זיין די סכנות.

די געפאַר ליגט אין דעם, וואָס די יידן געוווינען זיך צו צו זען די מדינת ישראל אַלס מעגלעכקייט פון הנאה און באַפרידיקונג, אַנשטאַט צו זען אין איר א גרויסע פאַרפליכטונג בכדי זי זאָל ווערן די מדינה פון פאָלק ישראל אין ארץ ישראל.

די זילבערנע טאַץ

„אין מדינה נתנת על מגש של כסף"
(אַ מדינה ווערט נישט צוגעטראָגן אויף אַ זילבערנער טאַץ)
חיים ווייצמאַן

...און ס'וועט שטיל ווערן ס'לאַנד, אויג פון הימל אין צונטער
קוים וועט צאַנקען אויף רויכיקע גרענעצן ווייט
און דאָס פאָלק וועט זיך שטעלן — ריס אין האַרצן, נאָר מונטער —
צו באַגעגענען דעם איינציקן נס פון דער צייט.

צו דער פייערונג גרייט — דער לבנה אַנטקעגן
וועט עס שטיין, דורכגענומען מיט יום־טוב און שרעק,
— און אַנטקעגן דעם פאָלק
וועלן שטיל זיך באַוועגן
אַ יונג מיט אַ מיידל אויף שטייגנדן שטעג.

ס'איז דער גאַרטל אין זאַמד נאָך אויף בגדים געבליבן.
שפּאַנען ביידע פּאַמעלעך,
אין שווייגן פאַרפלעכט
נישט געביטן קיין קליידער, נישט די שפּורן פאַרריבן
פונעם מי־טאָג און נאַכט, פונעם פייער־געפעכט.

אָפּגעמוטשעטע פון רוען, פאַרמאַטערטע, בלייבע —
ס'ליגט דער טוי פון דער יידישער יוגנט אויף זיי —
וועלן צוגיין גאָר שטיל.
און נישט זיין וועט קיין צייכן,
צי עס לעבן, צי ס'זענען געשאָסן די צוויי.

טרער־און־וווּנדערביים פאָלק און די שטילקייט צעפּלאַצט :
„זאָגט ווער זענט איר ?" און זיי — אָן אַ מינדעסטן ריר —
וועלן זאָגן : „מיר זענען די זילבערנע טאַץ,
וואָס די יידן־מדינה דערלאַנגט מען אויף איר !"

וועלן זאָגן, און פאַלן דעם פאָלק צו די פיס
און דאָס רעשט וועט דערציילן די געשיכטע געוויס.

נתן אלטערמאן

יידיש : בנימין

י. זרבבל

אין גורלדיקער שליחות



אין טעג פון פייערלעכקייטן צום ערשטן יאָרצענדליק פון דער מדינה ישראל, שווימט־אויף פון סניי די האַרבקייט פון דעם פּראָבלעם: מדינת ישראל און תפוצות ישראל.

זינט דעם אויפקום פונעם ציוניזם אלס פּאָליטישע באַוועגונג זענען אָנגעגאַנגען אומאויפהערלעכע וויכוחים וועגן דעם, ווי וועלן זיך שפּעטער, נאָך דער רעאַליזירונג פונעם אידעאַל „שיבת ציון“, געשטאַלטן די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן דער קומענדיקער יידישער מדינה און די מיליאָנען אין די תפוצות.

„שלילת הגלות“, אין איר שאַרפסטער אויסטייטשונג איז, אין עצם, געווען דער סימן מובהק פון די אַלע, וואָס האָבן געוואָלט גילטן אַלס פולע, הונדערטפּראָצענטיקע ציוניסטן. אין גלות, האָט עס געהייסן, קאָן מען גאָרנישט שאַפן אזוינס, וואָס זאָל האָבן א דויערנדיקן ווערט פאַרן פ א ל ק. דער גלות וועט פריער אָדער שפּעטער אונטערגיין צוליב געצוווּנגענער און פרייוויליקער אסימילאַציע. יעטוועדע קאָנסטרוקטיווע טעטיקייט א י ן גלות, פ אַ ר ן גלות, פון זיין טובה וועגן, איז א ברכה לבטלה און איז מ ח ו צ'ן גדר פון ציוניסטישע פליכטן. ציוניזם מוז זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און ענערגיע ווידמען אויסשליסלעך און בלויז יענע יידן, וואָס וועלן זיך קאָנצענטרירן אין ארץ ישראל.

דער אָפיציעלער ציוניזם איז געשטאַנען מיטן רוקן צו מיליאָנען יידן אין די גלות־לענדער, זיך אָפּגעקערט פון זייערע טאָגטעגלעכע ביטערע דאגות און שווערע ראַנגלענישן, פרעמד צו זייער שפּראַך און שאַפונגען, נישט ארויסגעוויזן קיין אינטערעס צו זייער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע רעכט און מעגלעכקייטן אין די ו ו י ן ־לענדער.

מיט דער צייט, ספּעציעל אונטער דער השפּעה פון די אויפגעברויזטע רעוואָלוציע־שטימונגען אין רוסלאַנד, האָבן זיך אויסגעבילדעט באַדייטנדיקע גרופּעס אויך אין דער אַלגעמיינער ציוניסטישער מחנה, וואָס האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט דער אַזויגערופענער „קעגנוואַרטס־אַרבעט“, און געגעבן איר אויסדרוק אינעם „העלסינגפאָרסער פּראָגראַם“.

די סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, בראש מיט פועלי ציון, האָט פון ערשטן מאָמענט אָנערקענט דעם געוואַלדיקן כוח, וואָס דרעמלט, אַ נישט אויסגענוצטער, אין די מיליאָנען גלות־יידן, וועלכע וועלן אין לעצטן סך הכל מיט זייערע האַנדלונגען און ראַנגלענישן באַשטימען אויך דעם גורל פון דעם יידישן נאַציאָנאַל־באַפרייערישן ווערק אין ארץ ישראל.

בּאָראָכאָוויזם האָט פּרינציפּיעל זיך אָריענטירט אויף די אויפגייענדיקע מאַסן־כחות אין גלותדיקן „ד אָ“, וועלכע וועלן אויפנעמען ציל־באַוווּסט דעם קאַמף סיי פאַר אויסברייטערן זייערע מעגלעכקייטן אויפן אָרט און סיי — דער עיקר — פאַר גאַראַנטירן דעם אויפקום און פאַנאַנדערבוי פונעם געוווּנטשטן „ד אָ ר ט“, אין אינטערעס פון דער אַ ל וו ע ל ט ל ע כ ע ר יידישער אַרבעטערשאַפט. דער אַלוועלטלעכער פאַרבאַנד פועלי ציון האָט געשאַפן דעם ערשטן פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ש ן פינאַנציעלן ארץ ישראל־אָרגאַן „פּאַלעסטינא אַרבעטער פאָנד“ און דערביי בפירוש אונטערגעשטראָכן, אַז אין ארץ ישראל זענען בלויז פאַראינטערעסירט נישט נאָר די אַרבעטער, וואָס געפינען זיך ש ו י ן דאָרט, נאָר אויך ריזיקע מחנות יידישע אַרבעטער, וואָס וועלן אהין עולה־זיין ערשט דערנאָך.

בּאָראָכאָוויזם האָט געשטאַרקט די הענט און געמוטיקט די מאַסן פאַר זייער קאַמף אויף די ערטער, געבויט שולן און דערציונגס־אַנשטאַלטן, אַנגעפירט דעם פּראָפעסיאָנעלן קאַמף און געשטאַנען אין דער שפּיץ פון די קעמפער פאַר די פּאָליטישע נאַציאָנאַלע רעכט פון די יידישע מינדערהייטן אין גלות. ער האָט די יידישע ח י י ש ע ה אין גלות געזען און באַטראַכט אין זייער געשיכטלעכער פאַרוועבטקייט מיט די ח י י ע ו ל ם פון דער נאַציע אין דער אייגענער מדינה.

אָבער דער ציוניזם, ווי אַ צעמענטירטע פּאָליטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע, האָט פּראַקטיש

איגנאָרירט דעם גלות און זיך באַצויגן מיט ביטול צו זיינע עוונטועלע דערגרייכונגען, קוים זיי זענען נישט געווען פאַרבונדן דירעקט אין געגעבענעם מאָמענט מיט ארץ ישראל. ער האָט זיך פאַרלייגט איינגאַנצן בלויז אויף „פּאַלעסטינאַ אַרבעט״; דאָס האָט אָפּט געגעבן געלעגנהייט און באַרעכטיקונג זיינע קעגנער אים פאַרצוואַרפן פּרעמדקייט און אַפילו קעגנערשאַפט צום לעבן און קאַמף פון די מיליאָנען יידן אין דער גאָרער וועלט, אַז ער שעפּט כלומרשט זיין יניקה בלויז פון יידישע צרות און פּאָגראָמען, איז צופרידן פון דער פאַרערגערטער יידישער לאַגע, ווייל ער האַלט פונעם כלל: וואָס ערגער אין גלות, אַלץ בעסער פאַרן ציוניזם...

אָט די פאַלשע און שעדלעכע ציוניסטישע פילאָסאָפיע האָט זיך פאַרשטאַרקט אין די יאָרן פון דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע מיטן אומקום פון אַ דריטל פאָלק. בעת דער פאָלקס דיכטער אין קראָקע, מ. געבירטיק, האָט אַרויסגעשיקט זיין פייפולן אַלאַרם: „אונזער אָרעם שטעטל ברענט — שטייט נישט ברידער מיט פאַרלייגטע הענט... לעשט דאָס פייער!״, האָט געגרילצט אין האַרצן דער משונהדיק־אַנטי־נאַציאָנאַלער רוף פון דעם ארץ ישראלדיקן שריפטשטעלער ח. הזז: „פאַרברענען דעם גלות!״, פּונקט ווי אָט די שרפה וואָלט באמת נויטיק געווען צו פאַרזיכערן דאָס גאולה־ווערק.

גלות און גאולה זענען ווידער דערשינען, ווי אַבסאָלוטע אַנטיפּאָדן, איינע אינגאַנצן קעגן דער צווייטער, אָן שום בריק צווישנאַנאַנדער. אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו האָט מען געזען דורכויס קאַטאַסטראָפע. דאָס און נאָר דאָס איז דער געשיכטלעכער גזר דין איבערן גלות און מיליאָנען יידן אין די גלות־לענדער.

אין דעם האָט געשטעקט אַ פאַטאַלער טעות. מען האָט נישט באַנומען, אַז ציוניזם איז אַ געשיכטלעכער אָביעקטיווער פּראָצעס און גלייכצייטיק — אויך אַ סוביעקטיווע אויפגאַבע, אַ שליחות סיי לגבי דעם יידישן כלל און סיי לגבי דעם יידישן יחיד.

אינעם פּראָצעס ווירקן כל ערליי פאַקטאָרן פון פאַרשידענעם עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און קולטורעלן כאַראַקטער. עלעמענטן פון עקאָנאָמישער איזאָלאַציע, פּאָליטישער דיסקרימינאַציע, רדיפות, פּאָגראָמען, שמד־גזירות, ברוטאַלע גירושים און ד. גל. געגוי אַזוי זענען אין אים פאַרוועבט בענקשאַפטן און חלומות פון טויזנטער יאָרן, משיחישע דערוואַכונגען און טיף־דרעמלענדיקע פאַרלאַנגען צו זעלבשטענדיקייט, צו אייגענער „מנוחה ונחלה״, צו ווערן „ככל הגויים״, וואָס האָבן זיך אין דער פּסיכיק פון פאָלק אידענטיפיצירט מיטן צוריקקער קיין ארץ ישראל.

דעם ציוניזם האָט אויסגעצייכנט פון די אַלע משיחישע באַוועגונגען דער פאַקט, וואָס ער האָט מאָביליזירט פאָלקס כחות צו קאָנסטרוקטיווע מעשים אין דער ריכטונג פון רעאַליזירן און אַפילו פאַרשנעלערן און צואיילן די אָביעקטיוו־אומפאַרמיידלעכע רעוואָלוציע אין דעם געשיכטלעכן גאַנג פון יידישן לעבן.

דער ציוניזם מוז דעריבער שטענדיק האָבן אין אויג דאָס גאַנצע פאָלק אין זיין צושפּרייטקייט און קאָנצענטרירונג, אין גלות און אין ארץ ישראל. ער טאָר נישט מפקיר זיין דעם גלות־ייד צום אַנטי־ציוניזם. דערמיט וועט ער ברענגען די גרעסטע רעה די מיליאָנען יידן, וואָס וועלן געשפייזט ווערן מיט שעדלעכע פאַרפירערישע זייפן־אילוזיעס; דערמיט וועט ער מותר זיין אויף מיליאָנען בויער, וואָס וועלן פריער צי שפּעטער געפאָדערט ווערן פאַרן גאולה־ווערק אין דער יידישער מדינה, וועלכע וועט נישט אויסקומען אָן זיי, פּונקט אַזוי, ווי זיי וועלן זיך נויטיקן אין איר.

די שעדלעכע אילוזיע

עס זענען נאָר וואָס פאַרענדיקט געוואָרן די ערשטע צען יאָר פון געבענטשטן מדינה־פאַנאַנדערבוי. די הייסעסטע אָנהענגער פון ציוניזם האָבן זיך קיינמאָל נישט פאַרגעשטעלט אין דמיון, אַז די מדינה וועט אַנטפּלעקן אַזעלכע יצירה־כחות אין משך פון אַזאַ קורצער צייט. אייגנטלעך וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז די גאָרע וועלט שטוינט, ווען זי באַקענט זיך מיט דעם ישראל־ווערק, ווי ער זעט אויס אין דערווירקלעכקייט.

אַפילו, אַז מען פאַרמאַכט נישט די אויגן אויף די פאַרדריסלעכע פעלערן און נעגאַטיווע דער־שיינונגען, וועלכע וואַרפן אַ שווערן שאָטן אויף די דערגרייכונגען, מוז מען פונדעסטוועגן באַוואונדערן אין יראת הכבוד, וואָס דאָס דורותדיקע נע־ונד פאָלק, געפּלאָגט מיט פּורעניותן,

געיאָגט פון שנאה, פארוונדיקט דורך פארטיליקונגס־אקציעס, האָט דאָך באוויזן ארויסצואנטפלעקן פּאָזיטיווס אויף די פאַרשידענע שטחים פון מענטשלעכן שאַפן, ווי אַ זעלבשטענדיק פאָלק, וואָס איז אָנגעוויזן דורכאויס אויף אייגענע כוחות, ווילנס און פעיקייטן.

ליידער האָבן אָט די אומגעאַנטע דערגרייכונגען געשאַפן אַ גינסטיקן פסיכישן באָדן פאַר היפּערטראָפישע זעלבסט־אָפּשאַצונגען און גוזמאדיקע איינרעדענישן ביי פירנדיקע קרייזן אין דער מדינה וועגן אירע כלומרשט אומבאגרענעצטע מעגלעכקייטן שוין היינט, אזא ווי זי איז. די מדינה האָט זיך א רגע געהאט אפגעריסן פון איר אָרגאַנישן נאָפל, דעם ציוניזם, אַלס פאָלקס־באוועגונג, און זיך אָנגעהויבן באטראכטן, ווי א כול־יכול, וועלכער נויטיקט זיך נישט מער אין די ציוניסטיש־אָרגאַניזירטע פאָלקס־כוחות. זי אַליין וועט שוין אַלץ אויפטאָן, מיט איר אייגענעם כח און אויטאָריטעט בא די „פריינט״, וואָס וועלן זיך ארום איר זאמלען, נישט פארמאגנדיק קיינע ציוניסטישע אספיראציעס, רחמנא ליצלן.

מהאָט פארגעסן דעם מקור, פון וועלכן עס האָבן עד היום זיך געפרישט און געזעטיקט אירע בויער און קאָנסטרואירער. מ׳האָט אוועקגעקוקט פון דעם וועג, וואָס דער ציוניזם האָט דורכגעמאַכט, ביז ער איז געקומען צו דער מדינה, אָדער ריכטיקער — כדי ער זאָל אויסבילדן דעם פונדאמענט פון דער מדינה. מהאָט, אפשר מיט א כיוון, אָנגעהויבן מזלזל זיין יענע פארטייען און גרופן, וואָס האָבן ציל־באוווסט מאָביליזירט אין גלות און מכשיר געווען אידעאָלאָגיש און פסיכאָלאָגיש חלוצישע און ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע ארבעטער עולה צו זיין אין דער „וויסטער פאַלעסטינא״, אָנהויבן דאָרט אַ ניי, איבערגעאַנדערשט לעבן צענדליקער יאָרן, איידער עס האָט זיך אנגעמערקט א וועלכע עס איז רעאלע אויסזיכט פארן אויפקום פון אַ מדינה יורידיש מיט אַלע אַנטשפּרעכנדיקע מלוכהשע אַטריבוטן און מאַכט־צוואַנג. דער זילזול האָט פוגע געווען אַ געוויסע צייט אויך די פרייוויליקע חלוצישע מחנה, וואָס האָט מיט איר אידעאַליסטישן פייער און בלוט־קרבן פארלייגט דעם יסוד און אויפגעטורמעט די וויכטיקסטע שטאָקן פון דעם מדינה־בנין.

עס האָט געריצט און פארפירט די שעדלעכע אילוזיע, אז די מדינה וועט מיט אירע געזעצן, צוואנגס־אפּאראַטן און ביוראָקראַטישע פאראָרדנונגען מסוגל זיין צו פארטרעטן דעם חלוצישן מסירת נפש און אינדיווידועלן אידעאַליזם, וואָס איז דער אויסדרוק פון דעם קאָלעקטיוון היסטאָרישן ווילן איבערצובויען דאָס יידישע פאָלקס־לעבן אויף נייע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פונדאַמענטן אין פולער האַרמאָניע מיט די אָביעקטיווע רעוואָלוציע־פּראָצעסן, וואָס פירן צו אַ נייער אַלגעמיין־מענטשלעכער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

דעם גרעסטן יידישן גלות־קאָלעקטיוו אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע האָט מען געזען דער עיקר ווי אַ פינאַנץ־קוואַל, פון וועלכן מ׳קאָן שעפּן געלט־מיטלען צום מדינה־אויפבוי; מען האָט זיך לגמרי נישט געקימערט צו מאָביליזירן אידעיש און פסיכיש יענעם מעכטיקן אַמעריקאַנש־יידישן מענטשן־רעזערוואַר, וואָס קאָן און מוז, בכן, ווערן אַ דעצידירנדיקער פאַקטאָר סיי פאַרן אויפבוי און סיין פאַרן קיום פון דער מדינה.

אָט די אילוזיע, אז מדינת ישראל קאָן זיך פון היינט־אָן פאַרלאָזן אויף „פריינט״ סימפּאַטיזירער און איז מער נישט אָנגעוויזן אויף ציוניזם פון יידישן פאָלק, האָט געמוזט שנעל צורינען. א מדינה, ווי אונזערע, ווערט נישט געבויט דורך צוואַנג־פאַראָרדנונגען און מלוכה־דעקרעטן. דער אַמאָליקער יישוב אין ארץ ישראל האָט געהאַט די ערשטע אויפגאַבע אַראָפּצוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון א פרעמדער אקופּאנטישער מאנדאַט־מאכט. אָבער די מדינה האָט איר פליכט און שליחות קודם כל צונויפצוברענגען אַהער די מיליאָנען יידן, וואָס נויטיקן זיך אין איר, און פאר וועמעס נאציאָנאַלן און סאָציאלן אויפקום זי איז געשאַפן. אונזער מדינה איז, אין תוך, אַ מדינה פון קאָנצענטרירטער עליה. מיליאָנען יידישע זין און טעכטער זענען צוזייט און צושפּרייט אין שבעים מדינות פון דער וועלט; קיין שום געזעץ האָט נישט די מאכט צו צווינגען זיי עולה־זיין דוקא אין דער יידישער מדינה אפילו נאָך דעם, ווי די דאָזיקע מדינה איז טאַקע פאראן. א פשיטא האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן צווינגען יידן פארן קיין ארץ ישראל פאַר דעם, ווי זי איז פראקלאמירט געוואָרן, אַלס יידישע מדינה.

די „פרומע״ עליות קיין ארץ ישראל אין משך פון לאַנגע דורות האָבן אויסגעדריקט די בענקשאַפט פון פאָלק צו דער אַמאָליקער מדינה, און געווען פאַרבונדן מיטן גלויבן אין ביאת הגואל באחרית הימים; כדי ארץ ישראל זאָל ווערן פון ס׳ניי די מדינה פון לעבנדיקן

פאָלק, וואָס נויטיקט זיך אין איר, ווי אין אַ רעאַלער באַזע פאַר זיין הייַנטיקן בוי און שאַפן מיטן גאַנצן אימפּעט און קראַפט פון זיין דינאַמישן טעמפּעראַמענט, האָט זיך געפאָדערט אַן עליה פון אַן אַנדער, — קאָנסטרוקטיוון כאַראַקטער, אַן עליה פון מענטשן, וואָס זענען דורכגענומען מיט דער פלאַמיקער איבערצייגונג אין דער זיכערער פּערספּעקטיוו פון רעאַליזירן הייַנט און מאָרגן דעם ציוניסטישן אידעאַל — דעם זין און תכלית פון זייער לעבן.

הצלה און גאולה

ישראל איז, היסטאָריש, בארופן אויסצופילן צוויי מינים שליחותן, וואָס קאָנען גיין אפּגעזונדערטע איינע פון דער צווייטער, און אויך — געפאָרט און אָרגאַניש באַהאַפטן: שליחות פון הצלה און שליחות פון גאולה.

פאַראַן לענדער און רעזשימען, ווו די דאָרטיקע יידן דראָט כסדר די סכנה פון פיזישער פאַרניכטונג, ממש. אָפט איז עס אַ פראַגע פון צייט. וואָס מען קאָן דורכפירן הייַנט, אין אַ באַשטימטן מאָמענט, וועט אוממעגלעך זיין צו דערליידיקן שפּעטער, אין אַ יאָר צי אין צוויי יאָר ארום. דער ציוניזם, אַ דאַנק ארץ ישראל, האָט די מעגלעכקייט און דעריבער אויך די פליכט: ראַטעווען יידן. ראשית חכמה — ראַטעווען. וואָס מער יידן ראַטעווען דורך אַריבערברענגען זיי קיין ארץ־ישראל, בפרט אַז דאָס לאַנד איז הייַנט בחינת אַ זעלבשטענדיקע סוווערענע יידישע מדינה, דאָס איז, פאַר זיך גענומען, אַן עלעמענטאַרע מענטשלעכע פליכט און אַ יידישע נאַציאָנאַלע מצווה. איז צו פאַרשרייבן אויפן חשבון פון דער מדינה איר גרויסע זכיה פון אננעמען אַלס איינעם פון די ערשטע געזעצן דעם חוק השבות, וואָס באַרעכטיקט יעדן ייד אומצוקערן זיך אין דאָזיקן לאַנד, אומאָפּהענגיק פון זיין פּאָליטישער איינשטעלונג און באַציונג צום עצם גרינדן אַ יידישע מדינה.

אָבער ציוניזם איז אַ פּאָליטישע באַפרייונגס־באַוועגונג, וואָס קאָן זיך נישט באַגנוגענען מיט ראַטעווען יחידים פון אַ שריפה, פון אַ מאָמענטאַלער געפאַר. ציוניזם האָט די שליחות פון גאולה — אויסצולייזן דאָס פאָלק פון די גלות־באַדינגונגען, ווו זיין לעבן איז אַ שטענדיקע אַנאָמאַליע, אַ פאַרקריפּלטער נאַציאָנאַלער קיום. צו אויסלייזונג פירט נאָר איין באַשטימטער וועג, ווי עס האָט אים אנגעצייכנט און באַרעכטיקט די געשיכטלעכע דערפאַרונג פון יידישן פאָלק אין דער וועלט און אין ארץ ישראל: דער וועג פון אומשיכטונג, פּראָדוקטיוויזאַציע, קאָנצענטרירטע קאָלאָניזאַציע און גייסטיקע איבערדערציונג, פאַרפלאַנצונג און פאַרוואָרצלונג אינעם פאָטערלענדישן באָדן, ווי אַ מלוכהש־זעלבשטענדיקער אָרגאַניזם.

ווער וועט אָט די גאולה־שליחות מקיים זיין? ווער איז מסוגל צו שפּאַנען מיט אָט דעם וועג? די ווירקלעכקייט דיקטירט דעם ענטפער: הצלה, אַליין, מיינט נאָך נישט גאולה. געבענטשט זאָלן זיין די אַלע טעטיקייטן, וואָס זענען אויסגערעכנט צו ראַטעווען מער און מער יידן קיין ארץ ישראל. דאָס פאָלק האָט געוווסט פון תמיד צו שעצן דעם יעניקן, וואָס האָט געראַטעוועט אפילו בלויז איין איינציקן יידישן נפש. כל המרבה, הרי זה משובח. הלואי, וואָס מער יידן אין דער מדינה — דאָס וועט אויך פאַר דער מדינה זיין אַ געווינס אין אַ סאַך הינזיכטן.

אָבער די באַפרייאונגס־באַוועגונג פאָדערט אַ ספּעציעלע קוואַליפיקאַציע־הכשרה פון די איינגעוואַנדערטע. פאַראַן אַ טיפער עיקרדיקער אונטערשייד צווישן אַן אימיגראַנט און אַן עולה. דער אימיגראַנט איז אַן אַנטרונענער פון ערגעץ, אַ געראַטעוועטער פון אַן אומגליק. ער וויל קודם כל ניצול ווערן פון דער געפאַר; דערנאָך וועט מען זיך „ארומקוקן". אפשר בלייבן דאָ און אפשר גאָר פאָרן ווייטער? ער וויל זיך נישט אנטאָן קיין כח און זיך באַמיען צופּאַסן צו דעם אָרטיקן, שוין פאַרטיקן ישראל לעבנס־שטייגער, צו דעם אייגנאַרטיקן היגן נוסח. אים פאַלט נישט איין צו טוישן זיין באַשעפטיקונג, און אודאי איז ער נישט קיין בעלן אוועקשלעפּן זיך אין ווייטן „סיביר" פון נגב כדי אויסצוטרעטן אַ וועג פאַר אַנדערע. אים איז מער ניחא צו גיין מיטן וועג, וואָס אַנדערע האָבן אויסגעטרעטן פאַר אים. צופעליקע אימיגראַנטן ווערן נישט פּריוווילליק קיין פּיאָנערן. אַזאַ קאָן ווערן נאָר דער עולה, וואָס זיין קומען אין לאַנד מיינט פאַר אים אַ מין עלית נשמה, אַ נשמה־אויפשטייג און אַ מאָראַלישע דערהויבונג. פאַר אים גילט אַ קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו — אַליין, מיט אייגענע לייב און נפש פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל, ווי ס׳הייסט אין העברעיש: הגשמה עצמית. ער ווייסט לכתחילה, אַז אים איז באַשערט אַ שליחות: ווייטערצובויען דאָס פאָטערלאַנד פאַר זיך אַליין און פאַרן גאַנצן פאָלק. אַזאַ קוואַליפיצירטע עליה וועט זיין פעיק צו

גיין אומעטום, אהין, אין יעדער געגנט, אין יעדן אָרט, ווו די מדינה און דאָס פאָלק זענען אָנגעוויזן אויף איר טאלאנט און שאפונג.

דאָ פלעכטן זיך איבער די ביידע עלעמענטן פון דער נאַציאָנאַלער שליחות: הצלה און גאולה. איינע איז נישט סותר די צווייטע, נאָר אדרבא — זיי דערגאנצן זיך קעגנזייטיק. אזא חלוצישע **עליה האָט נאטירלעכערהייט געבוירן די וואונדערלעכע דערשיינונג פון העפלה, אַלס איר המשך, וואָס האָט זיך נישט גערעכנט מיט שטערונגען, געבראכן צוימען, בייגעקומען שטרויכלונגען און ממשיך געווען מיט עקשנות דעם דערנערפולן גאנג קיין ארץ ישראל, ווו עס האָבן זי אָפּגעוואַרט אכזריותדיקע באַליידיקונגען און עינויים פון דער מאַנדאַט־מאַכט מיט אירע קאָנצענטראַציע־לאַגערן.**

די וויזיע פון אן ארבעטס-פאלק

עליה און העפלה זענען נאָך אויך נישט אַלץ, צו וואָס די גאולה־שליחות איז מחייב. אַליין **דאָס וווינען אין ארץ ישראל מיינט נישט אויטאָמאַטיש רעאַליזאַציע פונעם ציוניסטישן** אידעאַל. פון טיפעניש פון האַרצן רופן מיר יידן צו קומען זיך באַזעצן אין ישראל. מיר רופן **אַלעמען, יידן פון אַלע רעזשימען און פון אַלע לענדער, אָן חילוק צווישן מערב און מזרח, צווישן קאָמוניסטישן ראַטנפאַרבאַנד און קאַפּיטאַליסטישער אַמעריקע.** ווייל ערגעץ נישט, אין קיין שום אנדערע באדינגונגען, קאָן א ייד נישט דערגרייכן צו אַזאַ זעלבסטגעפיל און באוווסטזיין פון זיין גלייכווערטיקייט אַלס יידישער מענטש, ווי אין זיין אייגענער מדינה. מען דאַרף נישט **וואַרטן אויף דיסקרימינאַציע־דערשיינונגען און אַנטיסעמיטישע אויסברוכן. דעצידירנדיק איז אין** דעם פּרט נישט אזוי דער חשק צו אנטלויפן פון דעם ביזאיצטיקן וווין־אָרט, ווי דער אינערלעכער דראנג, פול און גאנץ אויסלעבן זיך אין נאטירלעכער אייגענער שאפערישער נאציאָנאַלער סביבה.

געוויס ווילן מיר, אז וואָס מער יידן, אלערליי יידן זאָלן קומען אהער. אָבער די ציוניסטישע באפרייונגס־באוועגונג פאַרמאָגט א וויזיע, און זי איז: א יידישער ארבעטס־פאָלק אין ישראל. דאָס נייע לעבן אין דער אייגענער מדינה מוז באזירן אויפן יסוד פון ארבעט. פון דעם דרינגט, אז די עליה גילט נאָר, ווי אן ערשטער שטאפּל, נאָך וועלכן מען מוז שטייגן **העכער צו אנדערע מדרגות: באשעפטיקונג, אָרט לעבן, מאָראַלישע אויפפירונג, לעבנס־שטייגער.** דער יחיד מוז זיך דערפילן פאראנטווארטלעך פארן כלל. „אין בכלל אלא מה שיש בפרט". נישט אנטיסעמיטן, אונזערע פארביסענע שונאים, האָבן געשאַפן די פארמולע: „כל ישראל ערבים זה לזה". דאָס איז א פּראָדוקט פון אונזער אייגענער יידישער לעבנס־דערפאַרונג און חכמה. עס מוז עקזיסטירן א געמיינזאַמע שותפותדיקע ראַם פון קעגנזייטיקער אחריות ביים פאַרלייגן יסודות פאַר אַ נייעם נאַציאָנאַלן לעבן. דער יחיד מו זיך אַליין איבעראַנדערשן און דורכדעם זיך אריינוועבן אין דעם סטיכישן פּראָצעס פון כללישן נאציאָנאַלן איבערבוי אין ארץ ישראל.

אנדערש ווערט אונטערגעהאַקט דער יסוד פונעם ציוניזם אין דער מדינה גופא. מקאָן וווינען אין דער מדינה און דאָ ממשיך זיין דאָס גלות־לעבן. גלות איז נישט בלויז אַ געאָגראַפישער באַגריף; עס איז אין עיקר א סאָציאַל־עקאָנאָמישער, א קולטורעל־פּסיכישער. מקאָן זיין א תושב אין ארץ ישראל און בלייבן פרעמד דער שפּראַך און דעם געמיט פון דער מדינה, נישט זיין אריינגעגלידערט אינעם שאפנדיקן קאָלעקטיוו און ליידן „אלערגיש" צוליבן ציוניסטישן קלימאַט...

אין חוץ לארץ זענען אָנגעגאַנגען וויכוחים וועגן דער נויטיקייט פון פּראָדוקטיוויזאַציע אין יידישן לעבן, וועגן אומשיכטן דאָס פאָלק און אריינציען יידן אין די גרונט־צווייגן פון דער פּראָדוקציע, פון וועלכער זיי ווערן דערווייטערט דורך דער מערהייטס באפעלקערונג און אירע הערשערישע פאַרשטייער. אין ארץ ישראל, לאַנג נאָך פאַר דער אַנטשטייונג פון דער מדינה, האָט זיך אָנגעהויבן דער פאקטישער פּראָצעס פון אזא אומשיכטונג; די אַגראַריזאַציע פון יידישע מאסן און זייער אריינדרינג אין דער שווערער אינדוסטריע זענען דאָ נישט געקומען אַלס רעזולטאט פון דער געשאפענער מדינה. גראד פאַרקערט. זיי האָבן עס געבראכט די מדינה. די פאריינינקטע פעלקער האָבן מיט 10 יאָר צוריק באשטעטיקט דעם עקזיסטירנדיקן פאקט, געגעבן זייער צושטימונג צום פּראָצעס, וואָס האָט געהאט זיין בראשית מיט

צענדליקער יאָרן צוריק און וועלכער האָט גורם געווען, אז דער יידישער י ש ו ב זאָל באַצייטנס זעלבשטענדיק אויסבילדן די אלע קעמערלעך און יסודות, וואָס געשטאַלטן היינט צו טאָג אפּיציעל, יורידיש די מדינת ישראל. אויב ציוניזם איז אין גלות באַטראַכט געוואָרן, ווי „מדינה אין וועג״, איז דער ישוב אין ארץ ישראל געוואָרן די „מדינה אין יסוד״, די „מדינה אין פ א ק ט.״

י ס ו ד אליין איז נאָך נישט דער ב נ י ן. דאָס ווערק דאַרף פאַנאַנדערגעבויט ווערן; דערצו בויטיקט ער זיך אין המונים בויער, וואָס זאָלן עס באַטראַכטן פאַר זייער לעבנס־ציל ממשיך צו זיין דעם ווייטערן פאַנאַנדערבוי, בלייבנדיק געטריי דעם יסוד, באַמיענדיק זיך אים פאַרפעסטיקן און נישט, חלילה, צוטרייסלען אָדער גאָר צושטערן.

זענען מיר עדות פון א שמערצלעכן חרפהדיקן פּראָצעס פון י ר י ד ה, ווי טויזנטער יידן פ א ר ל א ָ ז ן די מדינה און רייסן־איבער זייער פאַרבינדונג מיט ארץ־ישראל. לאָמיר קוקן דעם אמת אין פּנים. די יורדים רעקרוטירן זיך נישט בלויז פון פריש־געקומענע עולים, וועלכע האָבן זיך, צוליב פאַרשידענע טעמים, נישט באַוויזן איינצואָרדנען עקאָנאָמיש און זיי זוכן ערגעץ אנדערשווו „גאָלדענע גליקן״. צו אזעלכע קאָן מען אפשר נישט האָבן קיין טענות, מחמת זיי האָבן נאָך נישט געהאַט קיין צייט טועם זיין דעם אמתן טעם פון דעם נייעם ישראל־לעבן, זיי האָבן נאָך נישט אראָפּגעשווענקט דעם גלות־שטויב פון זייער פּסיכיק.

דער ירידה־שטראָם האָט אָבער מיטגעשלעפּט נישט קיין מינדערווערטיקע צאָל משפּחות וואָס האָבן לענגערע יאָרן פאַרבראַכט אין לאַנד, זענען ווירטשאַפטלעך גוט סיטואירט און געהערן צו יענע „ארויפגעארבעטע״, וואָס פירן ארויס מיט זיך נישט קיין קליינע פאַרמעגנס, דא דערוואָרבענע. זיי זענען כלל וכלל נישט זיכער, אז אין דעם נייעם איינוואַנדערונגס־לאַנד וועלן זיי לעקן א פעטערן ביינדל. אלא וואָס? עס פעלט זיי יענער „פּינטעלע ציוניזם״, וועלכער שליסט־אויס לכתחילה יעטוועדע מחשבה וועגן ירידה, מחמת דאָס מיינט: „אנטלויפן פון פראָנט״.

קיבוץ גלויות און מיזוג גלויות

ציוניזם האָט געפּריידיקט אלס הויפּט־עיקר פונעם ארץ ישראל־אויפבוי דעם פּרינציפּ פון ק י ב ו ץ ־ ג ל ו י ו ת, וואָס וועט אָפּשאַפן די אונטערשיידן צווישן די אלע שבטים און עדות, אויף וועלכע עס איז זיך צופאַלן דאָס פאָלק אין גלות, ווו איינער קאָן זיך נישט צונויפרעדן מיטן צווייטן און נישט אלע זענען באַטייליקט אין איין שותפותדיקער נאַציאָנאַלער יצירה. האָט די דערפאַרונג אין ישראל געלערנט, אז דער ענין איז גאָרנישט אזא פּשוטער און עס לאָזט זיך נישט אים דערליידיקן לויט אזא רויער, „פּרימיטיווער״ פאָרמולע.

עס זענען זיך אין לאַנד צונויפגעקומען צענדליקער גלות׳ן, וואָס יעדער איינער איז אנגעלאָדן מיט „אלדאס גוטס״ פון דער „אלטער היים״. א„קאַליקע מאמע איז פאָרט א מאמע״ — און אויך א גלות־היים איז דאָך איינגעבאַקן אין הארצן ווי א ה י י ם; מען איז נישט גרייט זי פאַרגעסן, נישט זי און נישט אסאך פון דעם, וואָס מען האָט דאָרט זיך איינגעשאַפט, ווי שפּראַך, מנהגים, רגילותן, שטייגער, נוסח, באַציונגען, איינשטעלונגען. האָט זיך אנגעהויבט א מישמאַש פון סתירותדיקע, קעגנזעצלעכע קולטור־עלעמענטן, וואָס בילדן אין סך הכל אַן אַנטי־קולטורעלן ערב רב, אַן אויסזיכט און חשך ווען עס איז אויטאָמאַטיש צו פאַרשווינדן. יעדער שבט און חלק האלט זיך ביי זיינס, גרויסט זיך מיט זיינס און וויל נישט מוותר זיין אויף א „קוצו של יוד״ לטובת דעם צווייטן שבט.

מבטל זיין אָט די ק ל ל ה וועט געראָטן נאָר דורך אַן אויסגעהאַלטענער בכיוונדיקער פּאָליטיק פון מ י ז ו ג ג ל ו י ו ת. אַזאַ צונויפשמעלץ איז נישט לייכט און וועט נישט גיין אזוי שנעל. דערצו פאָדערט זיך נישט נאָר גוטער ווילן און שיינע כוונה; עס פאָדערט זיך געהעריקע ב א ד י נ ג ו נ ג ע ן, ביי וועלכע די שבטים און עדות וועלן אויסגעגליכן ווערן סיי אין ר ע כ ט און דער עיקר — אין מ ע ג ל ע כ ק י י ט ן. גלייכע מעגלעכקייטן בנוגע א ר ב ע ט, וו ו י נ ו נ ג, ב י ל ד ו נ ג, ס אָ צ י אָ ל ע פּ אָ ז י צ י ע ס. און אלס ערשטער ת נ א י — אלע מוזן זיי באַזיצן איין איינהייטלעכע שותפותדיקע ש פּ ר אַ ך. קיין שום דיסקרימינאַציע צוליב שטאַם־לאַנד, שפּראַך, הויט און קאָליר.

אזא פּאָליטיק פון מ י ז ו ג ־ ג ל ו י ו ת וועט געפירט ווערן נאָר דורך א מדינה, וואָס זעט דערין א היסטאָרישע שליחות, דורך א פּאָליטישן רעזשים, וואָס זאָל זאָרגן ערנסט, אז דער דאָזיקער פּרינציפּ זאָל רעאַליזירט ווערן דורך שאַפן די דערמאָנטע ב אַ ד י נ ג ו נ ג ע ן. אין דער

מדינה זענען אָבער פאַראַן קלאַסן, וואָס אין זייער אינטערעס איז אויפצוהיטן די פאַרשידנקייט און פרעמדקייט צווישן די עדות, וואָס זיי לוינט זיך, עס זאָלן בלייבן אויך אויף ווייטער וואָס מער אָפּגעשטאַנענע, „פּרימיטיווע" עלעמענטן, וואָס באַנוגענען זיך מיט ווינציק און לאָזן זיך עקספּלואַטירן וואָס מער...

ווער זשע וועט אויפשטעלן און שטיצן דעם געהעריקן רעזשים פון קיבוץ און מיזוג־גלויות?

ציוניזם מיינט גאולה שלימה — נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע גאולה פונעם יידישן פאָלק; דער טרעגער פון אזא פולער גאולה קאָן זיין נאָר און איינציק דער אַרבעטער־קלאַס. אין דעם פּרט איז אונזער באַפרייונגס־באַוועגונג געגליכן צו דער באַפרייונגס־באַוועגונג פון יעדן אַנדער פאָלק. פאַר דער יידישער אַרבעטערשאַפט האָט גלייך פון ערשטן טאָג, ווי זי האָט קאָלעקטיוו אויפגענומען דעם ציוניזם, געגאָלטן אָן אַקסיאָמע, אַז נישט נאָר איז ער נישט אין סתירה מיטן סאָציאַליסטישן אידעאַל, נאָר פאַרקערט: ביידע זענען געקניפּט און געבונדן ווי אַן אָרגאַנישע גאַנצקייט. באַראָכאָוויזם האָט גאוניש פעסטגעשטעלט, אַז דער קלאַסן־קאַמף פונעם יידישן אַרבעטער־קלאַס איז פאַרקריפּלט אין רעזולטאַט פון זיין אומנאָרמאַלער סטראַטעגישער באַזע מחמת די פאַרקריפּלטע פּראָדוקציע־באַדינגונגען פון יידישן פאָלק. כדי אויסצופילן זיין שליחות פון סאָציאַליסטישן ציוניזם דאַרף נישט דער אַרבעטער־קלאַס ענדערן זיין סאָציאַלן כאַראַקטער, אָדער פאַרלאָזן זיין באַזונדערן קלאַסן־וועג אין לעבן און אין קאַמף. אדרבא — זיין שליחות איז אים מחייב אָפּצוהיטן טריי און ערלעך די קלאַסן־פּרינציפּן און די געבאָטן פון סאָציאַליזם. נישט שלום מאַכן מיט יעטוועדער פאָרם פון עקספּלואַטאַציע און פאַרדאָרבנקייט; נישט שלום מאַכן מיט די אַנאָמאַליעס פונעם יידישן כללישן קיום; באַקעמפן אָנפשרותדיק די אויסנעמלעכע „אתה בחרתנו"־פאַרקריפּלונגען, פונעם פאָלק, וואָס איז, צוליב אַ „גזירה מן השמים", פאַרמשפּט צום אייביקן נע־ונד, דיסקרימינאַציע און ברוטאַלסטע פאַרפאָלגונגען; אויפטרעטן מיט דער גאַנצער אַנטשיידנקייט קעגן מאָראַלישער דערנידערונג און ציניזשער צופּאַסונג צו הערשער און רעזשימען, וואָס טראָגן שמד און פאַרניכטונג דעם יידישן פאָלק אין נאָמען פון וועלכער עס זאָל נישט זיין „העכערער" אידעע; איינשפּאַנען אַלע זיינע פיזישע, פּסיכישע און מאָראַלישע כחות אין גרויסן צו דערווערבן פאַרן פאָלק גלייכווערטיקייט אין דער משפּחה פון פרייע אויסגעלייזטע פעלקער.

מדינה פון פאָלק

צום ערשטן יאָרצענדליק האָט די מדינה מאַניפעסטירט באַדייטנדיקע דערגרייכונגען אויף פאַרשיידענע שטחים פון לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטריאַליזאַציע און קולטור. אין אויבנאויפיקן חשבון איז עס דער קאָלעקטיווער אויפטו פון קנאַפּע צוויי מיליאָן איינוווינער. מוז אין צייכן פון אָט די פייערלעכקייטן אויפשווימען אין טיפער טראַגישקייט דאָס גורל־פּראָבלעם פון די אַנדערע עלף מיליאָן יידן אין די תפוצות. וואָס איז מיט זיי דער מער? טאַקע אין שיכות מיט דער מדינה ישראל — וואָס איז געוואָרן מיט זיי און וואָס שטייט נאָך זיי פאָר, וואָס קאָן ווערן מיט זיי?

אויף נאָך אזא שוידערלעכן אומקום פון 6 מיליאָן האַלט נישט דאָס יידישע פאָלק ביי אונטערגיין. ער ווערט זיך מיט באַנייטע כחות און אימפּעט. ער איז נישט פאַראַרעמט געוואָרן אויך נאָך דעם היטלערישן רויב־צוג. יידן פאַרנעמען אויך איצט וויכטיקע פּאָזיציעס אינעם עקאָנאָמישן, קולטורעלן און פּאָליטישן לעבן פון זייערע וווין־לענדער. זיי האָבן אפילו באַוויזן צוצוטראָגן מיליאַרדן דאָלאַרן צו דעם אויפבוי פון דער מדינה.

אין וואָס זשע באַשטייט די טראַגישקייט?

אין דעם, וואָס אין צייכן פון דער מדינה און אירע אויפטוען זעט מען ערשט באַשיימפּערלעך די פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן, וואָס די 11 מיליאָן יידן אין די תפוצות זענען נישט ביכולת אויסצונוצן נאָר דערפאַר, וואָס זיי זענען אויך היינט אומעטום נאַציאָנאַלע מיעוטים און ערגעץ נישט קאָנצענטרירט טעריטאָריאַל. דאָס האָט גורם געווען, אַז נישט געקוקט אויף דעם „אַרויפאַרבעטן זיך" פון יחידים, האָט דאָך דער יידישער כלל אָנגעוואָרן זיין פריערדיקע חשיבות און השפּעה. אין אַ געוויסער מאָס האָט דאָ געווירקט אויך דער פאַקט, וואָס עס איז פאַראַן אַ יידישע מדינה. די וועלט רעכנט זיך מיט איר נישט, ווי מיט אַ מדינה, וואָס פאַרמאָגט צוויי מיליאָן יידישע איינוווינער, נאָר ווי מיט דער מדינה פון

יידישן פאָלק. מעגן זיך די אַדער אַנדערע יידן צוליב פּאָליטישע, אָדער כלומרשט רעליגיעזע טעמים אָפּשאָקלען פון דער מדינה און שווערן בכל השבועות, אַז זיי געהערן ווייטער, ווי ביז איצט, צו יענעם יידישן סתם וועלט־פאָלק, — ווייסט אָבער די וועלט, אַז ס'איז אויפגעקומען און ס'עקזיסטירט א בפירושע יידישע מדינה, און אַז די דאָזיקע מדינה רעפּרעזענטירט פאַקטיש דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, אויך אין זיין צוזייונג.

שטוינט די וועלט: פאַרוואָס ציען זיך נישט די יידן פון אומעטום אין זייער מדינה? אין משך פון די 10 יאָר מדינה האָט זיך די עליה געצויגן אין אַן אומגעאַנטן היקף. הונדערטער טויזנטער האָבן געשטראָמט, ווי אַ פלייצנדיקע לאַווע. איז עס געוועזן הויפּטזעכלעך אַן עליה פון ראַטעווען זיך. גאַנצע קיבוצים האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען פון דירעקטער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און פאַרטיליקונג. גרויסע מאַסן האָבן נישט געוואָלט אויפשלאָגן זייערע געצעלטן דאָרט, ווו יעדער ערד־שטיק גילט ווי אַן אומבאַקאַנטער קבר פון זייערע נאָענטסטע, און ווו די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט גסיסה־כאָרכלען פון זייערע אומגעבראַכטע עלטערן און קינדער.

טראָץ דער אויפשווידערנדיקער אויסראָטונגס־פּאָליטיק לגבי יידישער קולטור און שפּראַך, דעם מאָרד פון יידישע שרייבער און גייסט־מענטשן, דער פאַקטישער ליקווידאַציע פון דעם ביראָ־בידזשאַנער „אויטאָנאָמען יידישן ראַיאָן" און אויסהפקר'ן די 3 מיליאָניקע יידישע באַפעלקערונג אין דער אַרבעטער מלוכה צו דער איינציקער גנבעכדיקער רעליגיעזער פאַרשטייערשאַפט פון רבנים, — זענען געבליבן פאַרהאַקט די טויערן פון ראַטנפאַרבאַנד פאַר יידישער עליה קיין ארץ־ישראל. דאָרט פאָרסירט מען ציניש ע „אינפאָרמאַציע" פון ישראל פון אַנוסים, וואָס ווערן דרעסירט ספּעציעל כדי דורך זייערע כלומרשט אויטענטישע „בריוו" און „פּלאָטקין"־אַרטיקלען מבזה זיין די מדינה אין די אויגן פון מיליאָנען, וועלכע פילן זיך, אין זייער איינגע־רעדטן „קאָסמאָפּאָליטיזם", נאָך אַלץ, אַלס קינדער פון דעם יידישן פאָלק און בענקען נאָך זיין מדינה.

אויך דאָס לאַנד פון קאַפּיטאַליסטישן וווילשטאַנד און אַמעריקאַנער פרייהייט, ווו עס שוויבלט און גריבלט מיט מאַסן „פריינט פון מדינת ישראל" און עס שטראָמט פינאַנציעלע הילף פאַר איר אויפבוי, רירט זיך נישט פון אָרט און אויך זי פעלט אין דער רשימה פון די וואָס בויען בפועל ממש, פּערזענלעך, דאָס באַפרייונגס־ווערק פון יידישן פאָלק.

עס מערקט זיך א געוויסער אומרו אין יענעם לאַנד און אין אַנדערע ענלעכע צו אים יידישע פּראָספּערירנדיקע יידישע קיבוצים. די אַסימילאַציע שטאַרקט זיך. געמישטע חתונות רייסן איבער טראַדיציע־ און משפּחה־פעדעם; דערשיינונגען פון דעפּראָלעטאַריזאַציע מערן זיך נאָכאַנאַנד און די יידישע סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַזע ווערט פאַרשמעלערט.

דער אויפקום פון דער מדינה ישראל איז פאַר די יידן אין די תפוצות דערשינען ווי א רעטונגס־אויסגאַנג, א מין אחיזה, אָן וועלכער מען קאָן זיך אָנכאַפּן כדי נישט אַזוי שנעל אונטערצוגעבן זיך דעם נאַציאָנאַלן פאַנאַנדערפאַל. דער פּרעסטיזש און אָנזען פון דער מדינה באַשטראַלט אויך זיי און דערוועקט ביי זיי נאַציאָנאַלע גאווה. אויב מען קאָן מער נישט שפּייזן די קינדער מיט זכרונות פונעם פּרעכטיקן עבר, מיט „מעשהלעך פון אַמאָל", שטעלט־צו די מדינה געוווג אָנציענדן שטאָף, וואָס אינטריגירט די פאַנטאַזיע און נערט די נשמה פון דער יוגנט היינט. מיליאָנען יידן ווערן אַלץ מער דורכגענומען מיט דער איבערצייגונג, אַז אויך פאַר זיי, מחוץ ארץ־ישראל, איז וויכטיק די מדינה, אַז ס'איז אין זייער אינטע־רעס אין די גלות־לענדער איר פאַנאַנדערבלי און הצלחה.

אויך אין דער מדינה גופא האָט די אַנטוויקלונג געצוווּנגען צו ענדערן א ריי געוועסט פעסטגעשטעלטע אַקסיאָמעס. אַזוי איז איצט אויפן סמך פון דערפאַרונג קלאָר געוואָרן, אַז די מדינה ישראל וועט באַרעכטיקן איר זכות הקיום נישט אַנדערש, ווי נאָר אַלס די מדינה פון פאָלק ישראל. אַז דער מדינה איז נויטיק ווי לופט, דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זיך דורכדרינגען מיט דעם געפיל און באַוווסטזיין, אַז סאיז באמת זיין מדינה, און אַז, בכן, טראָגט ער די פולע אחריות פאַר איר קיום און פאַנאַנדערבוי. אָן דעם וועט די מדינה נישט אויספילן איר היסטאָרישע גאולה־שליחות.

צו איר ערשטן יאָרצענדליק איז נאָך די מדינה ווייט נישט פאַרטיק אין איר אויפבוי: נישט אינערלעך און נישט אויסערלעך.

אינערלעך; ווי קליין די מדינה איז אין שטח — זענען נאָך עד היום פאַראַן ביי איר ריזיקע טעריטאָריאַלע בלויזן, נישט באַזעצטע און נישט באַאַרבעטע. דאָס מיינט, אַז די מדינה

איז הינטערשטעליק אין פרט פון אויסנוצן דעם מאקסימום פון אירע מינימאלע נאטור־רייכטימער. באפרייטע שטחים אין נגב און אין מערבדיקן גליל געהערן, אמת, צו דער מדינה, — דורך דעם בלוט פון אונזערע קעמפער, וואָס איז פאר זיי פארגאָסן געוואָרן בעתן קריג. זיי זענען אָבער נאָך אַלץ נישט באַנעצט מיטן שווייס פון יידישן ארבעטער און נישט באפרוכפערט דורך יידישע מוח און כח. כל זמן דאָס געשעט נישט, רייצט דאָס מדבר־לאַנד די גלוסטעניש פון באַגנטע שכנים און ווייטע שונאים, רעגט זיי אָן צו אילוזיעס וועגן געענדערטע גרענעצן, וואָס וועלן נאָך מער פאַרקלענערן און צונויפקוועטשן די יידישע מדינה. נאָר אַ חלוציש אָריענטירטער רעזשים וועט פירן אזא קאלאניזאציע און דאגהן וועגן אזא ווירטשאפטלעכער אנטוויקלונג, וואָס זאָל צושפרייטן די שוין פאַראַנענע באַפעלקערונג איבער אַלע ווינקעלעך פון לאַנד און זי מאָביליזירן צו דירעקטער פאראקער, פארזיי, פארפלאַנץ — און פאנאנדערבוי־ארבעט, וואָס וועט נישט איבערהיפערן קיין שום געגנט און ראיאָן, נישט לאָזן הפקר קיין שפאן באָדן, באַגראָזן און פאַרבוימערן אַלע באַרג־שטחים און וויסטע וואַדיס.

אזא פּאָליטיק פון נאציאָנאַל־באוווסטזיניקער עליה און חלוצישער סאָציאַל־עקאָנאָמישער קאָלאָניזאציע איז עלול צו ווערן דער דעצידירנדיקער פאקטאָר אויך לגבי אונזער פּאָזיציע אויסערלעך. נאָך מיליאָנען יידן אין דער מדינה באַדייט, אַז די סכנה פון דרויסנדיקן איבערפאַל ווערט אויטאָמאַטיש פארמינערט. הגנה, פלמ״ח און צה״ל האָבן דעמאָנסטרירט גענוג איבערצייגנדיק, וואָסער קראַפט עס פאַרמאָגט דער יידישער קאָלעקטיוו ווען מען אַטאַקירט אים אויף זיין אייגענעם באָדן און מען באדראָט זיין קיום אלס זעלבשטענדיק פאָלק. שוין איצט מוזן די אונז אַרומרינגלענדיקע שונאים האָבן אַן ערנסטן שיקול הדעת, צי עס לוינט זיך זיי אנצוגרייפן ישראל, טראכטנדיק וועגן דעם הויכן קרבנות־פרייז און זייער כמעט זיכערער מפלה. דער אומאויפהערלעכער וווקס פון דער ישראל־באפעלקערונג וועט, האָפנטלעך, ליקווידירן מיט דער צייט די דערוויל נאָך שטארק געפלעגטע איינרעדעניש, אז ישראל איז נישט מער, ווי אַ פאריבערגייענדיקע פּאסירונג...

נאָך מער וועט אונזער פּאָזיציע אויף דער אינטערנאציאָנאַלער ארענע געשטארקט ווערן צוליב דעם אויסגעשפּראָכענעם ראַדיקאַלן סאָציאַל־קולטורעלן כאַראַקטער פון אונזער ווערק. זינט דעם צווייטן וועלט־קריג איז א גרעסערע צאָל קליינע פעלקער באפרייט געוואָרן פון דרויסנדיקן יאָך און באקומען פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט. פון דעם שטאנדפונקט וואָלט מען זיך אויף אונז נישט אומגעקוקט צו־פיל. מילא, איז צוגעקומען נאָך איין מדינהלע — וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט עס אין אלגעמיינעם חשבון?! די שארפערע אויפמערקזאמקייט צו אונז ווערט ארויסגערופן צוליב דעם, וואָס אונזער ווערק אָטעמט מיט סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער וויזיע, מיט עטישע ווערטן און נביאישן מאָראַלישן פּאַטאָס. צוליב דעם, וואָס יעדן וואַרפט זיך אין די אויגן די גוואַלדיקע שפּאַנונג פון גייסטיקע כחות און מ׳דערזעט תיכף דעם ערנסטן פרווו צו גיין מיט אַ נישט־אויסגעטראָטענעם וועג ביי פאָרמירן באַציונגען צווישן יחיד און כלל, צווישן קינדער און עלטערן, צווישן פרייע בירגער און מדינה.

סאציאליסטיש־ציוניסטישע דערקענטעניש

דער ערשטער יאָרצענדליק האָט ארויסגערוקט פאר דער מדינה אריי געזעלשאפטלעכע פראָגן, מיט וועלכע דאָס יידישע פאָלק האָט ביז אַהער נישט געהאַט צו טאָן דירעקט. אויפן שטח און אין ראַם פון דער מדינה זענען זיך צונויפגעלאָפן אויך עלעמענטן מיט אויסגעשפּראָכן־נעגאטיווע נטיות און אנטי־סאָציאַלע געוווינהייטן. זיי שלעפּן די מדינה צום באַרג־אַראָפּ פון זינד און פארברעכנס, וואָס זענען עלול זי אַראָפּשטויסן פון איר היסטאָריש־אנגעצייכנטן וועג. מען מוז באַזיצן אַ טיף־פאַרוואָרצלטע אמונה אינעם כח פון אידעאַל, כדי אויסצוהאַלטן דעם אָנדראַנג פון אינעווייניקסטע צושטערערישע עלעמענטן און בייקומען זייער פאַרדאַרבנדיקע השפעה ספּעציעל אויפן אונטערוואַקסנדיקן דור. די יוגנט, וואָס האָט נישט געפּאַקט און געמאָזלט מיט „חבלי גאולה" און ווייסט נישט פון דעם יסורים־וועג, ביז צו דער מדינה, שפּאַנט מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס צו געניסן פון די נייע געשאפענע פּאָזיציעס און עס הויבט זיך אָן פארשפּרייטן, ווי א מאַראַזם, אויך ביי איר די מחלה פון קאריעריזם און גייעג נאָך לייכטע באשעפטיקונגען, וואָס ווייטער פון קאָנסטרוקטיווער פּראָדוקטיווער אַרבעט.

מיר האָבן פון תמיד געהאַלטן פאַר ריכטיק דעם געדאַנק, אז דער דערציונגס־סיסטעם איז

ישראל מוז פלעגן די דערקענטעניש באַ דער יוגנט וועגן יידישער המשכדיקייט און יידישער היסטאָרישער גורלדיקייט, דער יונגער דור דאַ זאָל וויסן, ווער זענען געווען זיינע אָבות, און פון וואַנען ער שטאַמט. ער זאָל וויסן, אַז די געשיכטע האָט אים נישט געפונען צופעליק אויף אַ פריי אויפגעאַקערט פעלד אין אַ פּאַרטיקער זעלבשטענדיקער יידישער מדינה, נאָר אַז ער האָט געזויגן מיט דער מאַמעס מילך טרערן און בלוט פון פּיאָנערן, העלדן, קעמפער פאַר זיין צוקונפט און גורל.

פונקט אַזוי איז ריכטיק, אַז גלייכצייטיק זאָל אין אים דערוועקט ווערן אויך די סאָציאַ־ליסטיש־ציוניסטישע דערקענטעניש, ער זאָל דערצויגן ווערן מיטן באַוווסטזיין, אַז פולע יידישע נאַציאָנאַלע גאולה קאָן געמאָלט זיין נאָר אין פּראָצעס פון אַלגעמיין מענשלעכער סאָציאַלער אויסלייזונג.

ער מוז וויסן נישט נאָר פון וואַנען ער קומט, נאָר אויך וווהין ער איז מחויב צו גיין.

סאָציאַליסטישער ציוניזם איז דער תוכן פון דערציונג און וויזיע פון אונזער „באחרית הימים" אין מדינת ישראל. סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער באַוווסטזיין — דער נשמה־סוד און רעגולאַטאָר פון אַלע אונזערע ראַנגלענישן און אויפטואונגען. דאָס איז אונדז דיקטירט געוואָרן דורך די אימפּעראַטיוון, וואָס זענען מיט בלוט און פייער אויסגעקריצט אויף אונזער פּאָן. זי האָט געפלאַטערט איבער אונזערע קעפּ מיט צענדליקער יאָרן צוריק, ווען עס האָבן זיך געהאַט אויסגעפּיקט די סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען; זי האָט באַגלייט טויזנטער חלוצים און אַרבעטער אויף זייער עליה־וועג אהער; פאַר אירע אמתן האָבן מיר בעת דער צווייטער עליה געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף אפילו מיט נאָענטע חברים באַ דער אַרבעט, מיטגלידער פונעם „הפועל הצעיר", ביז די לעצטע האָבן אונטערן דרוק פון דער ארץ ישראל־ווירקלעכקייט געמוזט אָנעמען די הויפּט־עיקרים פון סאָציאַליסטישן ציוניזם, וועלכע זענען שפּעטער פאַרפיקסירט געוואָרן אין דער אָפיציעלער פּלאַטפאָרם פון דער אַלגעמיינער הסתדרות.

אויף צו בויען דאָס פאַטערלאַנד איז סתם־ציוניזם נישט גענוג.

שליחות פון אחדות-עבודה - פועלי-ציון

די פּאַרטיי אחדות־עבודה — פועלי־ציון סימבאָליזירט די גאַנצקייט און פולקייט פונעם סאָציאַליסטיש־ציוניסטישן אידעאַל, וועלכער פאַרטראָגט נישט קיין צובּרעקלונג און פּראָצענטער. אין אירע פאַרשידענע פּאַרמאַציעס, אין איר שטרעבן צו אייניקייט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, איז די פּאַרטיי שטענדיק געבליבן טריי איר פּאָן. אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־מחנה האָבן די יידישע אַרבעטער געפירט אומדערמידלעך און קאָנסעקווענט דעם אידעישן געראַנגל פאַר די לאָזונגען פון זייער פאָן, וועלכע זענען דיקטירט נישט דורך ספרים און רעזאָלוציעס, נאָר דורך דער יידישער ווירקלעכקייט אין די תפוצות און אין דער מדינה ישראל.

ביכער פון מאַרקס און קאַוטסקי, רעזאָלוציעס פון לענין און סטאַלין האָבן געלייקנט אין קיום פון יידישן פאָלק און געשטעמפּלט די יידישע באַפרייונגס־באַוועגונג, ווי אַ רעאַקציאָנערע אוטאָפּיע. מיטן כח פון יידישן לעבן האָבן מיר זיך אַנטקעגנגעשטעלט די אַסימילאַציע־דיקטאַטן פון אינטערנאַציאָנאַלע פּראָלעטאַרישע וועג־ווייזער און אין טרייהייט צו אונזער פאָן געקעמפט פאַר איר אמת. אויך אין דער אַלגעמיין־ציוניסטישער באַוועגונג זענען מיר קיינמאָל נישט אָפּגעטרעטן פון אונזערע קלאַסן־פּרינציפּן, נאָר זיך באַמיט זיי צו פאַרקערפּערן אין לעבן און אין קאַמף.

מיר האָבן דורכגעמאַכט אַ היבשן שטיק וועג. די ברייטסטע שיכטן פון יידישן פאָלק הויבן־אָן באַנעמען די גורלדיקע חשיבות פון דער מדינה פאַר זייער ווייטערן קיום אין די תפוצות. איז די העכסטע צייט, אַז אויך אין דער מדינה זאָל מען וויסן אָפּצושאַצן די אומגעהויערע חשיבות פון דעם אַלעם, וואָס די יידישע מאַסן האָבן געשאַפן אין די שווערלעכע באַדינגונגען פון גלות, און וואָס זיי זענען מסוגל צו שאַפן הן לגבי זיך אויפן אָרט און הן לגבי זייער מדינה ישראל.

מיטן פּנים צו ארץ־ישראל — אַזאַ איז געווען דער קאַמפּס־לאָזונג פון דער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער באַוועגונג אין משך פון לאַנגע יאָרן אין אַלע גלות־לענדער; עס שטייגט אויף מיט אַלץ מער דרינגלעכקייט אין דער מדינה ישראל דער לאָזונג: מיטן פּנים צו דער יידישער ווירקלעכקייט אין די תפוצות ישראל!

קיינער וועט זיך נישט אונטערנעמען צו זאָגן נביאות, ווי לאנג וועט נאָך אָנהאַלטן דער קיום פון מיליאָנען יידן אין די תפוצות, אלס יידן; ס'איז אָבער אויסער יעדן ספק, אז ביזן לעצטן אָטעם־צוג וועט אָנגיין זייער גוראַל פאר און אייגענעם לעבנס־אינהאלט, פאר אויפהיטן דעם אייגענעם יידישן פּרצוף.

די מדינה ישראל איז בארופן צו שפּילן אן אומגעהויערע קאָנסטרוקטיווע ראָל אין אָט דעם גורל־גוראַל פון די יידישע תפוצות, אויף וויפל סוועט איר געלינגען צו ווערן א קאָנסטרוקטיווער מוסטער פון א פולבלוטיק יידיש לעבן. אויב זי וועט, חלילה, נישט באווייזן צו באאיינפלוסן די מיליאָנען יידן, זיי אליין זאָלן סוף־סוף אריבערציען זיך אהער, — קאָן זי אָבער משפיע זיין די יוגנט, דערוועקן ביי איר אינטערעס צום נייעם זיך־פארמירנדיקן דאָ לעבן און חשק, אליין איינצושפאנען זיך אין אָט דעם שאפערישן פּראָצעס.

דאָס וועט געמאָלט זיין נאָר אין פאַל אויב די מדינה וועט מיט פעסטער האַנט און אומ־בויגזאַמען ווילן אויפנעמען דעם קאַמף קעגן די פאַרקריפּלונגען, וואָס מערן זיך כמעט אויף אַלע שטחים פון געזעלשאפטלעכן לעבן. מטאָר נישט אָפּפטרן דעם ענין מיטן שאבלאָנעם תירוץ, אז תמיד איז פאראן א מרחק צווישן דעם געטרוימטן אידעאַל און זיין רעאַליזירונג. גראַד אין ארץ ישראל האָט די יידישע ארבעטערשאפט דערוויזן, אז מקאָן יאָ פורעמען די ווירקלעכקייט לויט דעם אידעאל, אויב ס'איז פאראן אן אָרגאניזירטער קאָלעקטיוו, וואָס האָט כסדר אין אויג דעם ווייטערן ציל און דיריגירט דעם גאנג פון די בויענדיקע כחות אין דער באשטימטער ריכטונג, בחינת: ייהרג ואל יעבור.

ישראל די מדינה איז באַרופן צו ווערן אויב נישט קיין „אור לגויים", איז אומבאַדינגט דער לייכט־טורעם פאר מיליאָנען יידן אין דער וועלט, זיי זאָלן אויפהערן בלאָנדזשען און דערזען בחוש דעם איינציקן וועג, וואָס פירט אומאָפּנויגלעך צום דערהויבענעם ציל.

מיר האָבן מיט העכער א האלבן יאָרהונדערט צוריק פּראָקלאמירט דעם לאָזונג וועגן ארץ ישראל אלס יידישע סאָציאליסטישע מדינה, פאָרמולירט די יידנפראַגע, ווי אן אינטערנאַ־ציאָנאַלע פּראַגע, געשאַפן אן אלוועלטלעכן פארבאנד פון יידישע ארבעטער אויפן יסוד פון סאָציאליסטישן ציוניזם. טויזנטער יידישע ארבעטער האָבן אויף אונזער רוף אויפגענומען די דאָפּלטע שליחות פון ראַטעווען דאָס פאָלק און אים ברענגען די פולע גאולה.

מיר זענען ערשט אין אָנהייב וועג, און שוין האָבן מיר זוכה געווען צו זען גרויסע פּירות פון קאָלעקטיווע אָנשטרענגונגען אין נאָמען פון אן אידעאל.

איז דאָס אונז מחייב אויף דער שוועל פון צווייטן יאָרצענדליק צו קלאמערן זיך ווייטער מיט ליבע און טרייהייט ארום דער אויסגעפּרוּווטער פאָן און רופן אין אונזערע רייען די אלע, וואָס פארמאָגן אידעישן כח און מאָראלישע פעסטקייט אָפּצורוימען פון וועג די אריבערגעבראַכטע אהער, על פי אינערציע און טראַדיציע, נעגאטיווע שעדלעכע ביי גונגען און אילוזיעס, און אויפנעמען די פולע אחריות פאר ממשיך זיין די היסטאָרישע סאָציאליסטיש־ציוניסטישע שליחות ביז צו איר פולער רעאליזירונג.

מקורות פון שנאת ישראל

מיר זענען פרעמדע און מיר האָבן נישט אין קיין שום אָרט דעם סאָציאַלן כח, וואָס זאָל אונדז מאַכן פאַר די הערשער פון דער לאַגע; מיר זענען אָפּגעריסן פון קאָנטאַקט מיט דער נאַטור און מיר פאַרמאָגן נישט אונדזער לאַנדווירטשאַפט. — דאָס אַלץ מאַכט אונדז מוראדיק אָפּגעריסן. אונדזער געשיכטע ווערט נישט געשאַפן און איז קיינמאָל נישט געשאַפן געוואָרן מיט אונדזערע כוחות; פון שטענדיק אָן איז געווען אונדזער גורל געבונדן אין אויסערלעכע באַציאונגען, און צו איז בכח דער פּראָגרעס פון גלות אויסצולייזן אונדז פון דער לאַגע, פון זיכערקייטסלאָזע, פון הענגענדע אין דער לופט? כל זמן שנאת ישראל, די פיינטשאַפט צו אונדז, ווייל מיר זענען פרעמדע, וועט ממשיך זיין צו עקזיסטירן, וועט דער פּראָגרעס אונדז מאַכן בלויז עמפינדלעכער, מער צוגעפּאַסטער געטראָפן צו ווערן, און פון סוביעקטיוון שטאַנדפונקט וועט אונדזער לאַגע ווערן אַלץ שווערער, ביז צום אומדערטרעגלעכן. שנאת ישראל וועט אָבער נישט אויפהערן, ווי נאָר אויפן וועג פון וועלכער ס'איז דעצידירנדיקער געזעלשאַפטלעכער איבערקערעניש, אָדער אויפן וועג פון שטופנווייזער אַטראָפּיע.

אַ סך אָפּטימיסטן זענען איבערצייגט, אַז דער מקור פון שנאת ישראל איז פון עקאָנאָמישע כוחות אין אונדזער צייט און אַז ס'וועט קומען די גרונט־רעפאָרמע פונעם עקזיסטירנדיקן געזעלשאַפטלעכן רעזשים וועט פאַרשווינדן אויך שנאת ישראל, ווי אַ פּראָדוקט פון דעם דאָזיקן רעזשים. ווען מיר האַלטן זיך געשטעלט אָן אַ זייט און זיך געווענדעט צו די פּרינציפּן פון דער פולער ציוניסטישער טעאָריע, וואָלט געווען מעגלעך צו באַווייזן, ערשטנס, אַז שנאת ישראל — איז נישט קיין דערשיינונג פון עקאָנאָמישן כאַראַקטער נאָר פון סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן כאַראַקטער, וואָס זיין מקור איז אין באַשטימטע כוחות, וועלכע ווירקן ווי אַ מוז אין יעדער געזעלשאַפט; צווייטנס, עקספּלאָאַטירט מען נישט די יידן, און נישט אין זייער שיינבאַרער עקספּלאָאַטאַציע וועקן זיי צו זיך פיינטשאַפט און אַז אַפילו אין דער קאָנקורענץ איז נישטאָ קיין אויפקלערונג פאַרן אַנטיסעמיטיזם, וועלכער דערשיינט אָפט אין ביז גאָר ברוטאַלע פאָרמען צווישן סאָציאַלע שיכטן, וועלכע דאַרפן, צוליב זייער לאַגע, נישט קאָנקורירן מיט יידן, ווי: פויערים, אַרבעטער און מלוכה־באַאַמטע; אויך די נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ גיט דאָ נישט וועלכע ס'איז אויפקלערונג, ווייל יידן פאַרמאָגן נישט קיין באַדן פאַר אַזאַ קאָנקורענץ; דריטנס, ווייל די אַנטשידענע ענדערונגען אין געזעלשאַפטלעכן רעזשים זענען נוגע דירעקט נאָר אין יורידישע אַנשטאַלטן און נישט אין געפילן פון מענטשן, וואָס שנאת ישראל איז איינע פון זיי. די געפילן, וואָס מיט דער רעוואָלוציע וועלן פאַרשווינדן פון זיי יענע יורידישע פאָרמען, וועלכע זענען געקומען פריער צום פאַרשיין — וועלן זיך שאַפן צו זייער באַפרידיקונג, נייע פאָרמען; פערטנס — אָט די דאָזיקע סאָציאַלע רעוואָלוציע, אויף וועלכער עס האָפן די אָפּטימיסטן, וועט נישט קומען אַזוי שנעל, און אויב זי וועט אַפילו יאָ קומען, איז צום סוף, שנאת־ישראל ווי אַ געפיל, וואָס איז נישט אָפּהענגיק אין קיין זאַך ווי אַ סתמיקע דערשיינונג, דאָס הייסט, אַ דערשיינונג, וועלכע האָט זיך שוין פון לאַנג באַפרייט פון כל מיני אורזאַכן און באַגרינדונגען, וועלכע איז באַקאַנט ווי סתם אַ שנאה צום יידן, ווייל ער איז אַ ייד; וועט קאָנען פאַרשווינדן אין אַ פּראָצעס פון אַ רואיקער סאָציאַלער אַנטוויקלונג, און וועט אונטערגיין פון מאַנגל אין יניקה. ווייל אורזאַכן פאַר איר וועלן ווערן אַלץ מער און מער זעלטענער מיטן פאָרשריט פון דער געזעלשאַפט.

היוצא מדברינו איז, אַז מיר וועלן דאַרפן וואַרטן זייער אַ סך טעג ביז צו דער ישועה, אַזויפיל טעג, וואָס אין משך פון דער צייט קען מען אויפשטעלן עטלעכע יידישע מדינות „און ביז ס'וועט קומען די נחמה וועט אויסגיין די נשמה". וועלן מיר טאַקע נאָך אַביסל ווערן אינגאַנצן איבעריק און עס וועט אויסגיין דער רעזערוו, וואָס אַ דאַנק אים עקזיסטירן מיר דערוויל. און פון דער צווייטער זייט, איז עס נישט קיין סוד, אַז אין די לענדער, וועלכע דערלויבן אונדז דערווייל נאָך צו עמיגרירן אין זיי, אין די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד, זענען מיר שוין געוואָרן זייער בולט, און דאָ און דאָרט דערוועקט זיך כלפי אונדז ביז גאָר אַ ברענענדיקע שנאת ישראל, און אונדזערע אביונים האָבן שוין אָנגעפילט דעם געטאָ ביי זיינע ברעגעס, ביז ער איז געצוואונגען מפקיר צו זיין צום ביטערן גורל, די אַלע וואָס קומען לעצטנס, און עס ווערן שוין געמאַכט באַגרענעצונגען אינעם אַריינפאָר אין די דאָזיקע לענדער און זיי זענען עלול פאַרמאַכט צו ווערן אינגאַנצן אין דער נאָענטסטער צייט.

ב. באָראָכאָוו

(צו דער פראַגע פון ציון און טעריטאָריע)

די מויער פון געטא

(געדענק-ווערטער)

מיט אַ הייליקן ציטער האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט אין דער באַפרייטער מדינת ישראל, מיטן אַנקום פון צענטן יאָר זינט איר אַנטשטייאונג, בכדי אויפברענגען דעם אָנדענק פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק.

וויאַזוי איז עס געשען, אַז דאָס זעלבע פאָלק און דער זעלבער דור, האָט מיט אייגענע הענט אויפגעשטעלט זיין באַפרייטע מדינה?

דער גייסט פון מינכען איז עס געווען דער, וואָס האָט געזייט צווישן די פאַרשידענע פעלקער אילוזיעס, באַרואיקט און אָנגעשטעקט מיט גייסט פון פשרה און הכנעה צו געוואַלט און ברוטאַלן כוח.

פאַר אָט דער שוואַכקייט האָבן די אייראָפּעישע פעלקער באַצאָלט מיט צענדליקער מיליאָנען קרבנות אויף די שחיטה־פעלדער און אין די שחיטה־לאַגערן. און דאָס יידישע פאָלק — מיט זעקס און אַ פערטל מיליאָן דערמאָרדעטע, און טויזנטער קהילות, וועלכע זענען חרוב און אָפּגעווישט געוואָרן פון דער אייראָפּעישער ערד. אַ לאַנגע — צו לאַנגע צייט איז פאַרביי ביז די פרייהייטס־כוחות פון די פעלקער האָבן זיך אויפגעוועקט צו אַ מוטיקן קאַמף, בכדי אַנטקעגנשטעלן זיך און באַזיגן די היטלער־האָרדע.

פיל טייערע קרבנות זענען געפאַלן, ביז די יידישע יוגנט האָט זיך צוגעגרייט צו קאַמף און צו מרידה.

דער גייסט פון מרידה איז דאָס געווען, וואָס האָט פאַנאַנדערגעוויקלט די פאָן פונעם פאָלק אויף די ווענט פון וואַרשעווער געטאָ. דאָס איז געווען אַ שטאַרקער און שטורמישער יידישער און מענטשלעכער פּראָטעסט קעגן דערנידעריקונג, קעגן אונטערגעבן זיך; אַ פלאַמיקער קאַמפס־אויסדרוק פון אַ צעשפּרייט, דערנידעריקט און באַליידיקט פאָלק — קעגן שונא און פאַרטיליקער.

ווער ס'באַטראַכט דעם יידישן אויפשטאַנד אין די געטאָס, בלויז אַלס אַקט פון פאַרצווייפלונג און איינמאָליקן צאָרן־אויסברוך, זעט אים ווי אַ שפּרודלדיקן קוואַל, וואָס איז אָבער אָפּגעשניטן פון זיין אונטערערדישער, פאַרבאָרגענער פליסונג.

פופציק־זיבעציק יאָר זיך באַנייענדיק יידיש לעבן האָבן אים אויסגעטראָגן און געבוירן. כוחות פון יידישער אויפלעבונג, פון חלוצישער באַפרייאונג, די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, די אַלע, וועלכע האָבן אויסגעגלייכט דעם רוקן פון דור און איבערגעשיכטעט זיינע ווערטן — זיי זענען עס געווען די, וואָס האָבן געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר יידישער זעלבשטענדיקייט, פאַר אַ יידישער מדינה, פאַרן ישראלדיקן באַפרייאונגס־קאַמף.

זיי זענען עס געווען די, וואָס האָבן גערופן דעם דור פון גלות אויפצושטייגן אויף זיינע מויערן — אין וועמענס קיום דער דור האָט נישט געגלויבט — און זיך ראַנגלען דעם לעצטן געראַנגל, און די, וועלכע זענען אויפגעשטיגן אויף די מויערן, האָבן געגלויבט אַז:

„קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס'וועט נאָך אָפּהילכן אונדזער טראָט —
מיר זענען דאָ!"

מיר זענען באַרופן, אויף אונדזערע אָנדענק־צוזאַמענקונפטן, נישט נאָר אויפברענגען אונדזער טרויער איבער די מיליאָנען אומגעקומענע זין און טעכטער פון יידישן פאָלק, דערהרגעטע, דער־

מאָרדעטע, דערשטיקטע אין די געטאָס און טויט־לאַגערן — נאָר מיר דאַרפן אויך דערמאָנען מיט שטאָלץ און מיט ערע, דעם העראָישן געראַנגל פונעם יידישן פאָלק בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה — אונדזערע הונדערטער טויזנטער זין און טעכטער, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין קאַמף, און אונדזער אָנטייל אינעם טיטאַנען־געראַנגל אין דער וועלט, ביים באַזיגן די דייטשע, בלוטדורשטיקע בעסטיע.

אַ מיליאָן מיט דריי הונדערט טויזנט יידן האָבן געקעמפט אין די מיליטערישע רייען פון די אַליאירטע פעלקער אין דער וועלט, צענדליקער טויזנטער יידישע פאַרטיזאַנער אין ראַטנפאַרבאַנד, פוילן, פראַנקרייך, בעלגיע, יוגאָסלאַוויע, איטאַליע, און צענדליקער טויזנטער יידישע קעמפער אין די געטאָס און אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן.

מיר זענען באַרופן, אין אונדזער פריי היימלאַנד, צונויפצוזאַמלען די גרויסע פּרטיות פון יידישן קאַמף אויף פרעמדער ערד, צונויפצוקלייבן ברעקלעך פון יידישער גבורה, ווי מען נעמט צונויף בלומען פון אַ קראַנץ — אַ קראַנץ פון רום, שטאָלץ און ערע פאַרן יידישן פאָלק.

פופצן יאָר זענען פאַרלאָפן זינט דעם געטאָ־אויפשטאַנד — און אין לאַנד וואַקסן אונדזערע זין און טעכטער, אַ פרייער שטאָלצער דור, וועלכער באַזיגט די וויסטעניש און פאַרטיידיקט אונדזערע גרענעצן. דאָס איז אַ דור, פון המשך, וועלכער האָט נישט געוווּסט קיין לעבן פון גלות און פרעמדקייט, פון ליידיקגייעריי און אָפּהענגיקייט.

והיה, אַז ס׳וועלן דיך פרעגן דיין זון און דיין טאָכטער: דור, ווער ביסטו?! — ווּעסטו זיי ענטפערן:

איך בין די מויער פון געטאָ, וועמען פאַרברעכערישע הענט האָבן אומגעוואָרפן, געשטירצט און צעשטערט — און איך בין אַ געפּאַנצערטע מויער, וועלכע פאַרטיידיקט און היט אָפּ יידיש לעבן — אַ לעבן פון אַ פריי פאָלק, א לעבן פון המשך.

אַ רינגעלע בין איך, וואָס פאַרבינדט צווישן תהום פון אומקום, און צווישן לעבן פון זעלבשטענדיקע יידן אין אונדזער מדינה — די איין און איינציקע — מדינת ישראל.

יצחק צוקערמאַן (אַנטעק)

(פון אַ רעדע אויף אַ מאַסן־אַקאַדעמיע אין קיבוץ לוחמי הגיטאות צום 15־טן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד).

אין בוי און קאמף

א. ציזלינג

פון לייק סאַקסעס ביז ירושלים

דער פייערלעכער מאָמענט פון פּראָקלאַמירן די זעלבשטענדיקייט פון דער יידישער מדינה אין זאַל פון מוזיי אין תל־אביב, ווען פאַר דיינע אויגן ווערט אַ פאָלק פונדאָסניי געבוירן און שטרענגט זיך אָן אָפּצובויען זיינע חורבות — לאָזט זיך נישט אויסדריקן אין ווערטער. איך האָב געזען, ווי עס ווערן פאַרווירקלעכט טרוימען פון אַ פאָלק, וועלכע זענען געקומען צום אויסדרוק אין דער העפלה און חלוציזם, אין דער הגנה און אין קאַמף. איך האָב געוווסט, אַז דער ציל איז נאָך ווייט נישט דערגרייכט, אָבער אָט דער טאָג איז געווען אַן אַנטשיידנדיקע פּאַזע אויפן וועג צום ציל. ווען איך האָב פאַרלאָזט דעם טיש פון דער צייטווייליקער רעגירונג, האָב איך זיך געזען אָנגעטאָן אין אַר־בעט־קליידער, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שלאַכט־גאַרטל — און צוזאַ־מען מיט אונדז, חברים פון דער התישבות און הגנה, דאָס פאָלק און זיינע מאַסן, גרייט צו באַשיצן דאָס דערגרייכטע און שפּרייזן אויפן וועג צו נייע בערג־שפּיצן אין אַ שטימונג פון פייערלעכער איינגעהאַלטענער ערנסטקייט.

אין יענער תקופה, אין די טעג פון לעצטן קאַמף פאַר דער אָפּשטימונג פון 29־סטן נאָוועמבער אין לייק־סאַקסעס, בין איך דאָרט געווען טעטיק, ווי אַ מיטגליד פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און ווי אַ פאָרשטייער פון דער פּאַרטיי אחדות־העבודה—פּועלי־ציון. די אויפגאַבע פון דער קאָמיסיע איז געווען צו שטאַרקן די טעטיקייט פון דער דעלעגאַציע פון דער יידישער אַגענץ — די רעפּרעזענטאַנץ פון יידישן פאָלק פאַר די אונ״א־אינסטאַנצן, און באַטייליקן זיך אין אירע פאַרהאַנדלונגען ערב דער גורלדיקער אַנטשיידונג.

די דעלעגאַציע איז איינגעלאַדן געוואָרן, צו רעפערירן אירע פאָדערונגען אין אַלע אונ״א־אינסטאַנצן, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיטן ארץ־ישראל־פּראָבלעם: דער פּלענום, די ספּעציעלע פּאָליטישע קאָמיסיע און איר סוב־קאָמיסיע פאַר ארץ־ישראל פראַגן. די איניציאַטיוו פאַר אונדזערע ארויסטריטן האָט געהערט אונדזערע פאָרשטייער; אין פראַגן פון פּראָצעדור האָבן דעצידירט די אונ״א־אינסטאַנצן.

עס זיינען פאַרשטייט זיך, פאָרגעקומען דיסקוסיעס וועגן דעם אופן פון אונדזערע אַרויסטריטן. צום ביישפּיל: איינער פון די דעצידירנדיקע פאַקטאָרן, וועלכער איז געווען טעטיק אין אמעריקע אַלס באַפולמעכטיקטער מצד דער פּאָליטישער לייטונג פון דער יידישער אַגענץ, האָט פאָרגעלייגט, נאָך פאַר דער גראָמיקאָ־דעקלאַראַציע, איינצושטעלן אַ קאָנטאַקט מיט דער סאָוויעטישער רעפּרעזענטאַנץ אין אונ״א. דער פאָרשלאַג איז אנטשידן אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיטן מאָטיוו (אַן אַלט־נייע טענה!), אַז אַזאַ קאָנטאַקט האָט נישט קיין שום אויסזיכטן און ער וועט דערווייטערן פון אונדז די פריינטשאַפט פון די מערב־מלוכות. מיט דער גראָמיקאָ־דעקלאַראַציע, וועלכע איז געקומען, ווי באַוווסט, לויט דער זעלבשטענדיקער איניציאַטיוו פון ראַטנפאַרבאַנד, האָט זיך דער מצב, פאַרשטענדלעך, געענדערט, און אין דער דעלעגאַציע איז דערגרייכט געוואָרן אַ פולשטענדיקע איינשטימיקייט מכוח קומען אין באַרירונג, לויט אונדזער איניציאַטיוו, מיט אַלע פעלקער.

דאַקעגן זיינען פאָרגעקומען אינערלעכע דיסקוסיעס — און אָפטמאָל גאַנץ שטורמישע — וועגן דעם אופן, ווי מיר זאָלן ארויסרוקן אונדזערע פאָדערונגען אין גרונט־פראַגן; די גרענעצן פון לאַנד, די קאָמפּעטענצן פון אינטערנאַציאָנאַלן כוח, וואָס דאַרף געשאַפן ווערן, ווי ווייט דאַרף גרייכן די מיטאַרבעט מיט דער אַראַבישער מדינה, און אַ סך אַנדערע פראַגן. די דיסקוסיעס האָבן אָבער נישט פוגע געווען די בשותפותדיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און דעם געאייניקטן ארויסטריט פון אונדזערע פאָרשטייער כלפי חוץ.

די אונטערשטיצונג מצד דעם סאָוויעטישן בלאָק איז אונדז פאַרזיכערט געוואָרן אָן שום באַוואָרענישן — האָבן מיר דעריבער קאָנצענטרירט אונדזערע בעסטע אָנשטרענגונגען צו משפּיע זיין די דעלעגאַציעס פון די מערב־לענדער, אין דער ערשטער ריי — פון די פאַראייניקטע שטאַטן,

וואָס איר רעגירונג האָט נאָך די גאַנצע צייט נישט געהאַט קיין פעסטע שטעלונג. צו אונדז זיינען דערגאַנגען פאַרטרויליכע ידיעות וועגן די אינערליכע דעבאַטן ביי דער אמעריקאַנער דעלעגאַציע, ווי אויך אַנטפּלעקונגען פון „קולטורעלן אנטיסעמיטיזם". עס האָט זיך געפאָדערט א סך אַנשטרענגונג אויף צו באאיינפלוסן די וואַקלדיקע שטעלונג פון דער פראַנצויזישער דעלעגאַציע. מען האָט געמוזט געניט ארבעטן צווישן די דעלעגאַציעס פון די לאַטיין־אמעריקאנישע מדינות. בלויז צוויי פון זיי, — גוואַטעמאַלאַ און אורוגוויי — האָבן אונדז געשטיצט אָן שום פאַרויסיקע באַוואָרעניש. ווי באקאנט, זענען די פאָרשטייער פון דיביידע מדינות — גראַנאַדוס און פאַבריגאַט — געווען מיטגלידער פון דער אונ"אָ־דעלעגאַציע צו פאָרשן דעם א"י־פּראָבלעם און זיי האָבן זיך כמעט פולשטענדיק סאָלידאַריזירט מיט אונדז אין זייערע אַרויסטריטן.

אין קאמף פאר דערגרייכן די אונטערשטיצונג פון די פאראייניקטע שטאַטן, וועמענס שטעלונג האָט אויך דעצידירט די אנטשיידונג פון פיל קליינע מדינות, און אין דעם אָנשטרענג צו באַקומען די פּאָזיטיווע אַנטשיידונג פון פרעזידענט טרומאַן האָט אויך פיל מיטגעווירקט — אַלס צוגאָב צו אונדזער דעלעגאַציע — דאָס אמעריקאַנישע יידנטום. דער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, חיים וויצמאַן ז"ל, האָט אַדאַנק זיין פעיקייט, זיין איינפלוס און צוליבער פון זיין פערזענלעכקייט — דערפילט אַ ביז גאָר וויכטיקע ראָל ביים ענדערן, ממש אין דער לעצטער מינוט, די שטעלונג פון פרעזידענט טרומאַן לטובת אונדזער זאַך.

גרויס אַקטיוויטעט ביים אונטערשטיצן אונדזערע פאָדערונגען האָבן ארויסגעוויזן די פאָרשטייער פון פוילן און טשעכאָסלאָוואַקיע. עס אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אז די שטעלונג פון סאָוויעטישן בלאָק האָט צו יענער צייט באַאיינפלוסט אויך די שטעלונג פון אמעריקע, ווי די שטעלונג פון די אלע מדינות, וועלכע געפינען זיך אונטער איר איינפלוס. עס האָט געווירקט אויך די מורא פאר דער רעאַגירונג פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין אמעריקע.

עס איז זעלבסטפארשטענדלעך אז דער דערפאָלג פון דער פאָליטישער און דיפּלאָמאַטישער טעטיקייט פון דער יידישער דעלעגאציע איז דערמעגלעכט געוואָרן נאָר און בלויז א דאַנק די ידיעות, וועלכע זענען צו יענער צייט אָנגעקומען פון ארץ־ישראל, וועגן אונדזער קאַמף און אַנטפּלעקטן כוח — ידיעות, וועלכע האָבן געשטארקט דעם באוווסטזיין אין אונדזערע גערעכטע פאָדערונגען און אין אונדזער פאָליטישער איינשטעלונג פאר אונדזערע רעכט. דאָס איז געווען אַ געאייניקטער פראָנט פון שיצן זיך מיט געווער אין האַנט, מיט שיפן מעפילים צו די ברעגעס פון לאנד — און דער פאָליטישער קאמף אין אונ"א.

דער צעטיילונגס־פּלאן – א צייטווייליקער באשלוס

מען פרעגט אונדז אָפט: ווי בינדט זיך עס אונדזער אונטערשטיצונג פון די אונ"אָ־באַשלוסן נאָכדעם ווי מיר האָבן זיינערצייט שאַרף באַקעמפט דעם חלוקה־פּראָיעקט? דער צעטיילונגס־פּלאַן, וועלכער איז אין יאָר 1937 פאָרגעלייגט געוואָרן דורך בן־גוריון און אנדערע, איז געקומען אין אַ תקופה פון די פאַרשטאַרקטע „געשעענישן" מצד די אראבער, און האָט באַזירט אויף דער הנחה, אז די מדינה וועט דערגרייכט ווערן מיטן חסד פון גרויס־בריטאַניע און בעת די דעבאַטן ביים „קיילעכדיקן טיש" פון דיפּלאָמאַטן.

דעם דאָזיקן פּלאַן פון א „חסד מדינה" האָבן מיר זיך אנטשידן אַנטקעגן־געשטעלט. צו יענער צייט בין איך געווען א מיטגליד אין דער קאָמיסיע צו באַקעמפן דעם צעטיילונגס־פּלאַן, וואָס אין איר שפּיץ זענען געשטאַנען מ. מ. אוסישקין, ב. כצנלסון ז"ל און יצחק טאַבענקין. מיר האָבן געזען אינעם פּלאַן נישט נאָר א פּאָליטישע אילוזיע, נאָר אויך און דער עיקר דאָס אָפּזאָגן זיך פון גרעסטן טייל פון לאַנד לטובת אַן אראבישער מדינה. עס האָט זיך טאַקע גאָר שנעל ארויסגעוויזן, אַז גראַד די אָנהענגער פון צעטיילונגס־פּראָיעקט זענען שפּעטער געווען די ערשטע איינצושטימען צו טרומאַנס פּלאַן וועגן א באגרענעצטע עליה פון 100 טויזנט יידן, אָן שום וועלכע ס'איז גאַראַנטיעס אויף דער צוקונפט.

גאַנץ אנדערש לחלוטין האָט אויסגעזען דער מצב בעת די דעבאַטן אין אונ"א, נאָך 10 יאָר. איצט האָבן מיר שוין פאַרמאָגט א פּאָזיציע פון א קאָנקרעטן כוח; אין לאנד האָבן געשטראָמט יידן פון דער העפלה־באַוועגונג, בעיקר פון די היימלאָזע־לאַגערן אין אייראָפּע; עס האָט זיך אויסגעברייטערט אונדזער קאַמף קעגן דער בריטישער הערשאַפט אין לאַנד; עס האָט זיך אונדז איינגעגעבן צו מאָביליזירן אַ גרויסע צאָל פעלקער, צווישן זיי אויך דעם ראַטנפאַרבאַנד,

פאר אונטערשטיצן אונדזער שטעלונג. אונדזער קאַמף האָט צעטרייסלט די באַזע פון דער בריטישער הערשאַפט אין לאַנד. ביי אַזאַ סיטואַציע איז שוין די האָפענונג פון דער מדינה מער נישט געווען אָפּהענגיק פונעם חסד פון די ענגלענדער, ווייל ס׳איז איבערהויפּט נישט געווען אויסצורעכענען אויף זייער חסד. געוויס, אונדזער כוח האָט נאָך נישט געקלעקט צו דערגרייכן די זעלבשטענדיקייט אין גאַנצן לאַנד; מיר האָבן דערוויַיל דערגרייכט די אָנערקענונג פאַר אונדזער כוח, וועלכן מיר האָבן פּאַקטיש געשאַפן, און מיר האָבן ווייטער געהאַלטן אין איין אונטערשטרייכן, אַז דעם צעטיילונגס־פּלאַן פון אונ״א באַטראַכטן מיר בלויז ווי אַ צייטווייליקן באַשלוס, ווי אַ שטאַפּל אויפן וועג צו דערגרייכן די גאַנצקייט פון לאַנד ביי געמיינזאַמער פאַרשטענדיקונג מיט די אַראַבישע בירגער פון לאַנד און מיט די אַראַבער פון גאַנצן ראַיאָן, ביי דער שטייגערונג פון אונדזער כוח און אונדזער צוקונפטיקער אַנטוויקלונג אין באַדינגונגען פון שלום און פּראָגרעס.

טיפע מיינונגס־פאַרשידנהייטן האָבן זיך אַנטפּלעקט שוין נאָכן באַשלוס פון אונ״א ביים ענין פון די מעפּילים־שיפן „קוממיות״ און „עצמאות״, וועלכע האָבן געזאָלט אָפּשווימען קיין א״י פון קאָנסטאַנצע (רומעניע) מיט 16 טויזנט יידן פון די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער. דער אַמעריקאַנער אויסערן־מיניסטער, גענעראַל מאַרשאַל, האָט געפאָדערט אויפצוהאַלטן די שיפן ביז נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה. ער האָט דאָס מאָטיווירט מיט דעם, אַז די יידן פון די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער שטעלן מיט זיך פאָר אַ געפאַר פון קאָמוניסטישער אַריינ־דרינגונג אין מיטעלן מזרח... די העכסטע אינסטאַנצן האָבן זיך אונטערגעגעבן דעם דאָזיקן דרוק און אַרויסגעגעבן אינסטרוקציעס, אָפּצוהאַלטן דאָס אָפּגיין פון די שיפן, נישט קוקנדיק אויף דער פאַרביטערונג און פּראָטעסט פון די מיטגלידער פון „מוסד לעליה״ און פון די עולים זעלבסט.

דאָס איז געווען אַ שענדלעכע און געפערלעכע אינסטרוקציע, וועלכע האָט געקאָנט געבן אַן אָפיציעלע יידישע באַשטעטיקונג די טענות מכוח דער „אומלעגאַלקייט״ פון דער העפלה; מיט איר איז אויך געווען פאַרבונדן די גרויסע געפאַר פאַר פאַרזעצן די עליה פון יענע לענדער, וועלכע האָבן ביז דעמאָלט געשלאָסן די טויערן און נישט אַרויסגעלאָזן זייערע יידישע בירגער. ענדלעך אָבער — אַדאַנק אַ טייל פון די „מוסד״־מיטגלידער און אונטערן דרוק פון די עולים גופא — אין קעגנזאַץ צו דער דאָזיקער אינסטרוקציע — האָבן זיך די שיפן געלאָזט אין וועג אַריין, סימבאָליזירנדיק — נישט אַזוי ווייט דעם באַשלוס פון דער פּאָליטישער לייטונג, ווי אונדזער זעלבשטענדיקייט און אומאָפּהענגיקייט.

דער פּאַרלאַמענט פון דער „מדינה אונטערוועגס״

לויט אַ באַשלוס פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט זענען אויפגעשטעלט געוואָרן צוויי העכערע אינסטיטוציעס: „מועצת העם״, וועלכע האָט געציילט 37 מיטגלידער און „מינהלת העם״, וועלכע איז באַשטאַנען פון 13 מיטגלידער. די צוויי אינסטאַנצן זענען פון פאָרויס באַשטימט גע־וואָרן צו בילדן, אין איינקלאַנג מיט די אונ״א־באַשלוסן, די „מועצת המדינה״ (מדינה־ראַט) און די „ממשלת זמנית״ (צייטווייליקע רעגירונג). אין די ביידע אינסטיטוציעס זענען געווען פאַרטרעטן אַלע פּאַרטייען; עס זענען אָבער באַוועלט געוואָרן יענע פּאַרטייען, וועלכע מען האָט זיינער צייט נישט דערלויבט צו באַטייליקן זיך אין דער לייטונג פון דער יידישער אַגענץ און מען האָט זיך נישט גערעכנט מיט די כוחות־פאַרהעלטענישן אין ציוניסטישן קאָנגרעס. דער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי (מפ״ם), וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין פעברואַר פון יענעם יאָר, איז צוגעטיילט געוואָרן אַ פאַרשטייערשאַפט פון בלויז צוויי מיטגלידער אין „מינהלת העם״ — בנטוב און איך — און אין דער „מועצת העם״ איז אונדזער פאַרשטייערשאַפט באַשטאַנען פון 5 מיט־גלידער אָנשטאָט צוויי מאָל אַזוי פיל, וואָס מיר האָבן געדאַרפט באַקומען, ווען מ׳וואָלט זיך גע־רעכנט מיט די רעזולטאַטן פון די וואַלן.

בעתן אָננעמען די „מגילת העצמאות״ (זעלבשטענדיקייטס־דעקלאַראַציע) איז פאָרגעקומען בלויז איין אָפּשטימונג. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַריינשטעלן צום סוף פונעם זעלבשטענדי־קייט־מאַניפעסט די באַצייכענונג „צור ישראל״ — אַן אויסגעשפּראָכן רעליגיעזער באַגריף, הגם אַ גאַנץ מליצהדיקער.

דער דאָזיקער נוסח איז אַריינגעטראָגן געוואָרן דורך מפא״י. מיר האָבן זיך אַקעגנגעשטעלט

איינצושליסן אָט דעם באַגריף. כדאַי צו אונטערשטרייכן, אַז דווקא די שטעלן, וועלכע דערמאָנען די ציוניסטישע באַוועגונג און דאָס געשאַפֿענע ווערק פֿון ד״ר הערצל, זענען פֿאַרגעשלאָגן געוואָרן דורך אונדז, און נישט דורך די פֿירער פֿון דער ציוניסטישער לייטונג. מ׳קאָן פֿון דאַנען, אַ סברא, שפּינען דעם וויכוח וועגן דעם סטאַטוס פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע נאָכן אויפֿקום פֿון דער מדינה. מיר האָבן אויך איינגעשלאָסן אין דער „מגילת העצמאות״ דעם אַפּזאַץ, וועלכער דערמאָנט די ראָל פֿון די „חלוצים, מעפּילים, ומגינים״, ווי אויך די ווערטער, „אַז דאָס יידישע פֿאָלק ברענגט די ברכה פֿון פֿאַרשריט פֿאַר אַלע בירגער פֿון לאַנד״. באַגלייך מיט אונדזער קעגנערשאַפֿט צום רעליגיעזן „אני מאמין״ און „צור ישראל״, האָבן מיר בייגעטראָגן אונדזער צושטייער ביים סטיליזירן די אַפּזאַצן, וועלכע הויבן אַרויס די מקורות פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט — מיטן תנ״ך בראש — און די גייסטיקע און רעליגיעזע אַנטוויקלונג פֿון יידישן פֿאָלק במשך פֿון דורות.

אין דער צייטווייליקער רעגירונג איז מיר אויסגעקומען צו פֿאַרנעמען דעם אַמט פֿון אַגראַר־מיניסטער. מיין ערשטע „ביורא״ האָט זיך געפֿונען אין תל־אביב און איז באַשטאַנען בלויז פֿון אַ שרייב־טיש אין איינעם פֿון די צימערן פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי. שפּעטער האָבן מיר באַקומען צו אונדזער רשות נאָך ביוראָען אין דעם בנין פֿון דער סוכנות, און גאָר שפּעטער — עטלעכע בנינים אין דער קריה. די לייטונג פֿון מיין מיניסטעריום האָב איך צוזאַמענגעשטעלט פֿון דריי מענטשן, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט די התישבות אין אַלע אירע פֿאָרמען. לויטן דאָזיקן פּרינציפּ האָב איך אויך צוזאַמענגעשטעלט דאָס באַאַמטנטום פֿון מיין מיניסטעריום. איך האָב זיך געהאַלטן ביים פּרינציפּ פֿון אַן „אַדמיניסטראַציע וועלכע וואַקסט אַרויס פֿון פֿעלד״, דאָס הייסט: די התישבות זאָל זיין ווי געהעריק פֿאַרטראַטן.

עס איז אויך ווערט צו פֿאַרצייכענען, אַז דער לייטער פֿון מיין מיניסטעריום און זיינע צוויי געהילפֿן, האָבן געאַרבעט אין דער ראַם פֿון אַ ל י י ט ו נ ג. אַזוי האָב איך אויך צוזאַמענגעשטעלט אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכן ראַט (מועצה חקלאית) און אויך אַנדערע מועצות (ראַטן). בכדי אויסצושטעלן די אַרבעט פֿון אַגראַר מיניסטעריום אויף געזעלשאַפֿטלעכע יסודות. די דאָזיקע געשאַפֿענע אינסטיטוציעס זענען צו יענער צייט געווען אַ מין נייע זאַך, און זיי האָבן אַרויסגערופֿן אַן אומצופֿרידנהייט אין געוויסע קרייזן פֿון דער רעגירונג.

די ערשטע „אַרבעט״ פֿון מיין מיניסטעריום איז באַשטאַנען אין אַרויסשיקן דריי בריוו, נומערירטע לויט דער ריי: א׳ ב׳ ג׳ — צום קרן קיימת לישראל, צו דער התישבות־אָפּטיילונג ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און צום פֿאַריין פֿון די לאַנדווירשאַפֿטלעכע אַרבעטער. אין די בריוו האָב איך אונטערגעשטראָכן דעם פֿאַקט, אַז די זעלבשטענדיקייט און דאָס אַגראַר־מיניסטעריום אין מדינת־ישראל — זענען געקומען אין רעזולטאַט פֿון דער אַרבעט פֿון די באַדן־אויסלייזער און זייערע מתישבים, אַז די זעלבשטענדיקייט פֿון אונדזער מדינה איז נישט פּלוצלינג אַראָפּגעפֿאַלן פֿון הימל.

שפּעטער האָב איך איינגעשטעלט אַ קאָנטאַקט מיט יעדער איינער פֿון די אָרגאַניזאַציעס און פֿאַקטאָרן אין דער יידישער לאַנדווירשאַפֿט און מיט די קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס, וועלכע באַדינען זיי.

חוץ די אַדמיניסטראַטיווע אויפֿגאַבן פֿון אָרגאַניזירן דאָס מיניסטעריום און די זאָרג, אַז אַלץ זאָל „קלאַפּן״ ווי געהעריק — האָבן מיר זיך אויך פֿאַרנומען מיט ווייטדיסטאַנסיקער פּלאַני־רונג און מיט דרינגענדיקע אַרבעט וואָס איז אויסן געווען אויסצוברייטערן די לאַנדווירטשאַפֿט־לעכע באַזע פֿון ישוב.

אין סאַמע ברען פֿון די שלאַכטן, איז אויסגעברייטערט געוואָרן דער פֿאַרזיי־שטח מיט 350 טויזנט דונאַם, און דאָס איז געווען מעגלעך דורכצופֿירן נאָר אַדאַנק דעם אַנשפּאַרן זיך אויף דער שוין עקזיסטירנדיקער התישבות און גאָר באַזונדערס — אויף די קיבוצים.

אין מיין אַרבעט אַלס אַגראַר־מיניסטער, אין דער צייטווייליקער רעגירונג, איז מיר אָסך אויסגעקומען צו טרעפֿן זיך מיט אונדזער ערשטן מדינה־פּרעזידענט ד״ר חיים וויצמאַן ז״ל, און יעדע באַגעגעניש מיט אים איז פֿאַר מיר געווען תמיד אַן אומפֿאַרגעסלעכע איבערלעבונג. ביז היינט קאָן איך נישט פֿאַרגעסן דאָס טיפֿע געפֿיל, וואָס האָט מיך באַהערשט, בעת ער האָט זיך צוגעהערט צו מיינע ווערטער וועגן דעם מצב אין דער לאַנדווירטשאַפֿט, אָדער ווען ער האָט פֿאַר מיר פֿונאַנדערגעוויקלט זיינע פּלענער וועגן נייע געוויקסן, וועגן אַנווענדן נייע וויסנ־שאַפֿטלעכע מעטאָדן, וועגן באַאַרבעטן די וויסטע געביטן אַלס באַזע פֿאַר דער גרויס־אינדוסטרי־אַדג״ל. אין דער פּערזענלעכקייט פֿון ד״ר וויצמאַן האָבן זיך צונויפֿגעמישט דער גלויבן אין דעם

מענטש־קאַלאָניסט און די מעלות פון אַ פּראָמינענטן וויסנשאַפטסמאַן. עס איז געווען אַ פּריידיקע דערשיינונג צו זען דעם דאָזיקן מענטש, וועלכער האָט מיטן כוח פון זיין פערזענלעכקייט און מיטן כוח פון זיין שעפערישע וויזיע — ווייט אַריבערגעשטיגן די גרענעצן פון זיינע באַשרענקטע קאָמפּעטענצן, ווי אַזוי ער איז גובר זיין עלטער און צייכנט פּלענער פאַר דער צוקונפט.

שטרייטן אין דער צייטווייליקער רעגירונג

די קאַדענץ פון דער צייטווייליקער רעגירונג איז געווען אַ שטורמישע תקופה, וואָס לאָזט זיך נישט רעזומירן אין געציילטע ווערטער. אַ תקופה פון אַ גרויסער בשותפותדיקער צעמענטירונג פון גאַנצן פאָלק מיטן ציל אויסצופירן די דרייסטע אויפגאַבן — אַ תקופה פון גורלדיקע קאַמפן, וועמענס רעזולטאַטן האָבן אין אַ נישט קליינער מאָס אַנטשיידעט דעם גורל פון דער יונגער מדינה.

פון די אינערלעכע שטרייטן אין יענער תקופה איז ווערט צו פאַרצייכענען:

א) די דיסקוסיע וועגן פאַרשמעלערן די גרענעצן פון דער מדינה אין סאַמע ברען פון די שלאַכטן, וואָס עס האָבן פאָרגעשלאָגן די שליחים פון „סטייט־דעפּאַרטאַמענט" און אַ טייל פון די רעגירונגס־מיטגלידער זענען נוטה געווען צו געבן זייער צושטימונג צום פאָרשלאָג. צום זעלבן מין געהערט אויך די רעזאָלוציע וועגן צוריקציען זיך פון אבו־עגילה, וואָס איז באַשלאָסן געוואָרן דורך איין מענטש, אָן שום דעבאַטע אין דער רעגירונג.

ב) די אויפלייזונג פון פּלמ"ח — אַן אַקציע, וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן לויט אַ פּערזענלעכן דעקרעט פון דוד בן־גוריון.

ג) די געשיכטע מיט דער שיף „אַלטאַלענאַ", וועלכע האָט דערפירט צו דעם, אַז די רעליגיעזע מיניסטאָרן האָבן צייטווייליק פאַרלאָזט די רעגירונג.

און אויפן עקאָנאָמישן געביט: דאָס איבערגעבן דעם אימפּאָרט אין פּריוואַטע הענט, וואָס האָט צוגעהאָלפן, אַז יחידים זענען רייך געוואָרן אויף אַ ספּעקולאַנטישן אופן; די קאָנצענטראַציע פון טויזנטער אַרבעטסלאָזע עולים אין די לאַגערן און דאָס אַריבערפירן זיי שפּעטער אויף שיכון אין די דירות פון אַנטלאָפענע אַראַבער אין די שטעט, אַנשטאָט צו שיקן זיי מלכתחילה אין די אַנטוויקלונגס־געביטן; דאָס נישט געבן הילף צו אויפנעמען נייע עולים און יוגנט אין די קיבוצים; דאָס צעשטערן פאַרלאָזענע דערפער אַנשטאָט זיי פונדאַסנייַ באַזעצן; אַ פעלערהאַפטע פּלאַנירונג, וועלכע האָט צונישט געמאַכט די מעגלעכקייט פון באַלעבן די וויסטע שטחים — און נאָך און נאָך.

די אַראַבישע מינדערהייט

איך האָלט פאַר נויטיק זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן נאָך אַ פראַגע, וועלכע איז לויט מיין מיינונג, איינע פון די גרונט־פּראָבלעמען פון אונדזער מדינה: דאָס פּראָבלעם פון דער אַראַבישער מינדערהייט.

מיר האָבן אין יענע טעג, בעת די שלאַכטן, אין דער צייטווייליקער רעגירונג, און אויך שפּעטער במשך פון אַלע יאָרן, זינט דער עקזיסטענץ פון דער מדינה — נישט אויפגעהערט צו טראַכטן און אויסאַרבעטן פּראַקטישע פאָרשלאָגן, וועלכע זאָלן פאַרזיכערן די נאַציאָנאַלע און עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון די אַראַבישע איינוווינער ביי אונדז אין לאַנד דורך איינגלידערן זיי אין ישראל מיט דער פּערספּעקטיוו פון אַ גאַנץ און אומטיילבאַר ארץ־ישראל, וועלכעס פאַרווירקלעכט דעם קיבוץ גלויות אויף אַ פרידלעכן אופן. מיר האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט אַבסטראַקטע נוסחאות, נאָר אויסגעאַרבעט פּלענער פאַר דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג פון די אַראַבער, כדי צו דערנענטערן די עקאָנאָמישע סטרוקטורן פון ביידע פעלקער, מיטן ציל צו דערמעגלעכן זייער פרייע אַנטוויקלונג און זייערע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע אָנגעלעגנהייטן. הגם איך באַריר נישט דאָ די זיכער־הייטס־פּראָבלעמען, דאָך — מיין איך, אַז דער נישט ריכטיקער שיקול־דעת מצד די דעצידירנדיקע פאַקטאָרן איז דער צייטווייליקער רעגירונג, און נאָך מער אין דער סטאַבילער רעגירונג — האָבן פאַרשאַפט דער מדינה נישט קיין קליינעם פּאָליטישן ווי אויך עקאָנאָמישן שאָדן.

איך שטרייך אונטער נאָכאַמאָל, כדי צו פאַרמיידן אַ נישט־ריכטיקן איינדרוק: טראָץ די שטרייטן און מיינונגס־פאַרשידנהייטן, איז די צייטווייליקע רעגירונג, און צוזאַמען מיט איר דאָס גאַנצע פאָלק, — געווען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון געמיינזאַמער פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין אַלע מאָמענטן פון נסיון און אַנטשיידונג. גרויסע זאַכן האָט אויפגעטאָן די צייטווייליקע

רעגירונג, און דאָס וויכטיקסטע: זי האָט אָרגאַניזירט און מאָביליזירט דאָס פאָלק פאַרן נצחון; זי האָט פאַרוואַנדלט דעם כּוח פון „הגנה" אין אַ גוט געשולטן מיליטערישן קאַמף־גרייטן און באַוואָפנטן כוח — צה"ל. עס איז באַפרייט געוואָרן אַ גרויסער טייל פון לאַנד; די עליה האָט גענומען שטראָמען אין גרויסן מאַסשטאַב; עס זענען אָראָפּגעבראַכט געוואָרן אין לאַנד די מעפּילים, וועלכע זענען פאַרטריבן געוואָרן קיין ציפּערן; עס איז אויסגעברייטערט געוואָרן די פּראָדוקציע; און גאָר באַזונדערס די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע; עס איז געשאַפן געוואָרן אַ דערציִאונגס־נעץ, אין וועלכער עס זענען גלייכבאַרעכטיקט אַלע ריכטונגען (אַריינגערעכנט אגודת ישראל); עס איז געשאַפן געוואָרן אַ דינסט־אַפּאַראַט פאַר אויסערע ענינים, מיטן ציל צו פאַרבינדן ישראל מיט אַלע מדינות פון דער גאַרער וועלט.

אונדזערע גרויסע דערגרייכונגען נאָך צען יאָר

איצט שטייען מיר אויף דער שוועל פון צווייטן יאָרצענדליק פון אונדזער זעלבשטענדיקייט. דער סך הכל פון דער פאַרגאַנגענהייט איז איינגעוויקלט אינם גלויבן אין דער צוקונפט. מיט איין וואָרט: „אני מאמין"! איך גלויב! נישט קיין מיסטישער גלויבן, נאָר אַ גלויבן אין אַקטיווען חלוציזם, וואָס וועט דערפירן צו קיבוץ־גלויות און צום סאָציאַליזם.

ווען מען קומט היינט געבן אַן איבערבליק איבער די פאַרלאָפענע 10 יאָר, הגם מען פאַרמאַכט נישט די אויגן אויף די באַגאַנגענע פעלערן און זייערע פאַטאַלע רעזולטאַטן, מוז מען אָבער זאָגן, אַז מיר שטייען היינט צו טאָג כלפּי דער גאַנצער וועלט און כלפּי זיך זעלבסט — מיט גרויסע דער־גרייכונגען און גרויסן פאָרשריט. די דערגרייכונגען האָבן, דעם אמת זאָגנדיק, געקאָנט זיין פיל גרעסערע, אָבער אַלץ וואָס איז דערגרייכט געוואָרן — איז אויף אַזויפיל וואָגיק, אַז ס'איז אַ גרויסער זכות פאַר יעדן מענטש, וואָס האָט געלעבט און געווירקט אין דער תקופה, וועלכע דערהויבט זיך העכער פונעם פונדאַמענט, וואָס איז אַוועקגעלייגט געוואָרן דורך דורות חלוצים און וועגדעט איר בליק אין די ברייטע ווייטקייטן.

ווען די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג ביי אונדז אין לאַנד וואָלט געווען בכוח — אין קומענדיקן יאָרצענדליק — דורכצופירן די אמתדיקע צוזאַמענאַרבעט, נישט בלויז סתם גערעדט, נאָר אַקטיוו מיטאַרבעטן מיטן ציל צו פאַרמירן דאָס לעבן פון דער מדינה אין חלוציש־יידיש־סאָציאַליסטישן גייסט און טאַט, וואָלטן מיר געקאָנט זיין זיכער, אַז אין צווייטן יאָרצענדליק פון אונדזער מדינה־זעלבשטענדיקייט וועלן פאַרקומען נאָך גרעסערע ענדערונגען, ווי אין ערשטן יאָרצענדליק — וועלכע וועלן דינען ווי אַ לייכט־טורעם פאַר די שפּעטערדיקע טעג.

> אין דער געשיכטע פון די יידישע מלחמות חזרט זיך יעדעס מאָל איבער — פון די צייטן פון גדעון און יהודה המכבי — די זעלבע דערשיינונג: חייניקע קעגן אַ סך. דאָס זעלבע דערוואַרט אונדז אפשר אין די נאָענטסטע צייטן. לאָמיר נישט פאַרשעמען אונדזער גורל.
>
> ב. כצנלסון

זאב צור

אויפן שוועל פון צווייטן יארצענדליק

מיטן ערשטן צעניאָריקן יובל פון מדינת ישראל שליסט זיך אַ ברויזיקע תקופה אין איר אנטוויקלונג. דער יידישער ישוב האָט זיך פאַרגרעסערט מיט איבער אַ מיליאָן (דערפון כמעט אַ מיליאָן נייע עולים), עס איז פאָרגעקומען אַ קארדינאלע ענדערונג אין דער רעאַליזירונג פון ציוניסטישן אידעאַל און אין דער לעזונג פון דער יידן־פראַגע. אין דער דאָזיקער תקופה האָט זיך פאַרדרייפאַכט די לאַנדווירטשאַפטלעכע און אינדוסטריעלע פראָדוקציע, און היינט פאַרזאָרגן מיר שוין אַליין איבער 70% פון דער אונדז נויטיקער באַשפייזונג.

אָבער מיר טאָרן בשום אופן נישט טראַכטן, אז אין דער דאָזיקער תקופה האָט זיך פארענדיקט דער פראָצעס פון קיבוץ־גלויות און פון דער קאָלאָניזאַציע פון ארץ־ישראל, אַז אַלע אונדזערע פראָבלעמען פון ישוב, און פון דער ארבעטער־באוועגונג האָבן שוין דערגרייכט א נאָרמאַליזירונג אויפן ווירטשאַפטלעכן, געזעלשאַפטלעכן און פאָליטישן געביט. מיר געפינען זיך אין אן איבערגאנגס־פעריאָד וואָס פירט צו אַ נייער תקופה, אין וועלכער די אויפגאבן וועלן ווערן גרעסער און שווערער, און זייער פארווירקלעכונג — מער דרינגענד.

די מעגלעכקייט פון שליסן אַ שלום מיט די אַראַבישע מדינות הענגט, ליידער, אָפּ פון אונדז אין א גאָר קליינער מאָס. כל זמן עס הערשן די כלערליי „נאסערס״ אין דער אראבישער וועלט, און אונדזער סביבה בלייבט אַ ברען־פונקט אין דעם קאַלטן קריג — מוזן מיר אומאויפהערלעך פאַרשטאַרקן אונדזער פאַרטיידיקונגס־קראַפט, כדי צו זיין גרייט אין יעדער צייט באַשיצן אונדזער לעבן און עקזיסטענץ.

מיט דער קאנצענטרירונג פון צוויי מיליאָן יידן אין מדינת ישראל האָט זיך די קאלאניזאציע קאנצענטרירט אין דעם צפונ׳דיקן, באזעצטן און באארבעטן טייל פון לאַנד, און דער דרום, ווו ס׳געפינט זיך דער גרויסער טייל פון אונדזער באָדן, איז פאַרבליבן וויסט און נישט באַזעצט.

אָבער אויך אין די באזעצטע געביטן שטייען מיר נאָך ביים אָנהויב פון וועג. היינט־צו־טאָג באארבעטן מיר קנאפע 4 מיליאָן דונאם ערד, בעת מען קאָן באארבעטן נאָך עטלעכע מיליאָן דונאם, און עס ווערט דערווייל נישט פולקאָם באארבעט און אויסגענוצט דער גאנצער שטח וואָס פלעגט באארבעט ווערן אין דער נישט־ווייטער פארגאַנגענהייט.

עס האָט זיך, אמת, אויסגעברייטערט אונדזער פראָדוקציע און עס האָט זיך אין אַ גרויסער מאָס פארגרעסערט אונזער נאציאָנאלע הכנסה, אָבער עס עקזיסטירט נאָך אַלץ אַ דעפיציט אין בילאַנס פון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט, נישט אַריינרעכנדיק אפילו דעם דעפיציט אין אימפּאָרט קאפיטאל פאר צוועקן פון עקאָנאָמישער עקספאנסיע און אבסארבירונג פון עליה. טראָץ דעם, וואָס מיר מוזן שפּאָרן אין הוצאות אויף קאָנסטרוקטיווע צוועקן, „עסן״ מיר אויף אַ חלק פון געלט וואָס קומט פון אויסלאַנד. די אויסזיכטן, אז עס וועט זיך פארקלענערן דער קאַפּיטאל־צופלוס פון אויסלאַנד, און די פאַרגרעסערטע אויסגאַבן אויף פאַרטיידיקונג, עליה און בוי — פארשארפן נאָך דעם עקאָנאָמישן פראָבלעם. עס פארשארפט זיך אויך דער קלאסן־קאַמף און עס פארגרעסערן זיך די סאָציאַלע דיפערענצן נישט נאָר צווישן ארבעטער און בורזשואזיע, נאָר אפילו אינם ארבעטער־קלאַס גופא, צווישן די איינגעוואָרצלטע שיכטן פון ישוב און די איינוווינער פון די מעברות. עס האָט זיך פארגרעסערט די דיספּראָפּאָרץ אין דער אנטוויקלונג און לעבנס־ניוואָ אין שטאָט און אין דאָרף, צווישן די פּראָדוקטיווע צווייגן און פארמיטלער און פארשידענע אדמיניסטראטיווע אפאראטן.

עס שטעלט זיך פאר אונז א פשוטע און ערנסטע פראגע: צי קאָן דאָס קליין און אָרעם לאַנד, מיט זיינע וויסטע שטחים און קליינע נאטירלעכע אוצרות — אויפנעמען ווייטערדיקע מיליאָנען עולים און דערביי אָפּהיטן די פּאָליטישע עקאָנאָמישע זעלבשטענדיקייט?

עס עקזיסטירט נישט קיין קאַפּיטאַליסטישע לעזונג

סיי לגבי דער פאַרגאַנגענהייט און סיי אַלס וועג־אָנווייזונג פאַר דער צוקונפט קאָן מען זאָגן, אַז עס עקזיסטירט נישט קיין לעזונג פאַר די פּראָבלעמען פון קיבוץ גלויות און קאָלאָניזאַציע פון לאַנד מיט דעם קאַפּיטאַליסטישן וועג — מען קאָן אויך נישט פאַרווירקלעכן די דאָזיקע צילן אויף אַ קאַפּיטאַליסטישן אופן, אפילו אָן קאַפּיטאַליסטן. טראָץ אַלע באַמיאונגען אויף צוציען פּריוואַטן קאַפּיטאַל קיין ישראל, מערקט זיך אַ בולטע פאַרערגערונג אינעם פּראָצעס פון אימפּאָרט פון פּריוואַטן קאַפּיטאַל פון אויסלאַנד.

מיר וועלן זיך למשל, איבערצייגן, אַז דאָס קאַפּיטאַל, וואָס איז אַריינגעקומען פון אויסלאַנד און אינוועסטירט געוואָרן אין אונטערנעמונגען ביז ענדע 1957 — באַטרעפט סך הכל 104,3 מיליאָן דאָלאַר. אין 1955 האָבן אַזעלכע אינוועסטיציעס באַטראָפן 17.5 מיליאָן דאָלאַר, זיי האָבן זיך פאַרקלענערט אין 1956 אויף 7.5 מיליאָן דאָלאַר, און אין 1957 אויף 12.5 מיליאָן דאָלאַר, און דאָס — טראָץ אַלע באַמיאונגען פון דער רעגירונג צוציען קאַפּיטאַל פון אויסלאַנד.

נאָך מער: אין די לעצטע פאַר יאָר האָבן פאַרלאָזן ישראל עטלעכע גרויסע אונטערנעמונגען, פאַרבליבענע פון דער מאַנדאַט־עפּאָכע — דער דאָזיקער פּראָצעס איז אין אַ גרויסער מאָס אַ רעזולטאַט פון קאַפּיטאַל־באַוועגונג אויף דער וועלט, ווייל קאַפּיטאַל שטראָמט לעצטנס נישט צו הינטערשטעליקע לענדער, נאָר צו לענדער מיט נעפט־אוצרות און אַנדערע ענלעכע רייכטימער. דערצו מוז מען צוגעבן עטלעכע ספּעציפישע לאָקאַלע פאַקטאָרן: די פּאָליטישע און מיליטערישע אומזיכערהייט, דער אַראַבישער באָיקאָט, מאַנגל אין רוי־מאַטעריאַלן א.א.וו.

פּראָפעסאָר ריימאָנד גראָס פון ניו־יאָרק אוניווערסיטעט האָט זיך אויסגעדריקט, אַז: „ישראל איז דער בעסטער מוסטער פאַר דעם, ווי אַזוי זיך באַציען צו אויסלענדישן קאַפּיטאַל"; ענלעכע מיינונגען האָבן אויסגעדריקט אויך אַנדערע פרעמדע עקספּערטן.

אויך לגבי דער טעטיקייט פון קאַפּיטאַל, וועלכער איז שוין קאָנצענטרירט געוואָרן אין ישראל, איז די לאַגע זייער ענלעך:

(א) קאָנצענטראַציע אין די גרויסע שטעט, און אַ גלייכגילטיקייט לגבי נישט־באַזעצטע שטחים.

(ב) קאָנצענטראַציע אין ליקווידע געשעפטן: האַנדל, באַנקן, לייכטע אינדוסטרי.

(ג) נאָך דעם ווי ער האָט אָנגעזאַמלט געלט אין באַנקן און האַנדל, האָט זיך דער פּריוואַט־קאַפּיטאַל נישט געווענדעט — ווי אין אַנדערע לענדער וואָס געפינען זיך אין דער אינדוסטריאַליזאַציע־עפּאָכע — צו אינדוסטרי.

(ד) אין אַנדערע לענדער האָבן זיך באַוויזן מאָנאָפּאָליסטישע און קאַרטעלישע טענדענצן אין דער פּריוואַטער ווירטשאַפט, ערשט אין שפּעטערדיקע שטופעס פון זייער אַנטוויקלונג — ביי אונדז אָבער האָבן די דאָזיקע דעגענערירונגס־סימפּטאָמען באַגלייט דעם פּריוואַט־קאַפּיטאַל גלייך פון אָנהייב אָן.

טראָץ דעם אַלעם, זענען מיר נישט קעגן די באַמיאונגען צוציען אויסלענדישן קאַפּיטאַל, מיר זענען נאָר קעגן דער אילוזיע, אַז די עולים און דער אַרבעטער־קלאַס קאָנען האָפן, אַז זיי וועלן באַקומען אַן ענטפער צו זייער נויט דורך דער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט פון פּריוואַט־קאַפּיטאַל. ווייל די קאַפּיטאַליסטישע לעזונג קומט ביי אונדז דער עיקר, נישט מיטן ציל אַריינצוברענגען קאַפּיטאַל אין לאַנד, נאָר כדי צו באַנוצן זיך מיט די מיטלען, וועלכע געפינען זיך אין די הענט פון דער מדינה.

אונדזער דעוויזן־דעפיציט, וועלכער האָט באַטראָפן אין פאַרגאַנגענעם יאָר 200 מיליאָן דאָלאַר; די אויסזיכטן, אַז דער אימפּאָרט פון קאַפּיטאַל זאָל באַשרענקט ווערן; עקספּאָרט־שוועריקייטן א.ד.גל. — ברענגען דערצו, אַז מ'רעדט ביי אונדז אַלץ מער און מער וועגן אַ קאַפּיטאַליסטישער אָריענטאַציע אין דעם בוי פון אונדזער ווירטשאַפט — אַלס דעם איינציקן וועג פאַר איר אַנטוויקלונג. די הויפּט־שטריכן פון דעם דאָזיקן וועג זענען: 1) די ליקווידירונג פון דעם רעאַלן לוין דורכן אָפּרייסן דעם אַרבעטס־לוין פון לעבנס־קאָסט, 2) שאַפן אַן איבערגאַנגס־תקופה פון אַרבעטסלאָזיקייט, כדי צוגרייטן דעם באָדן פאַר אַ נידערונג פונם אַרבעטס־לוין. 3) אָפּזאָגן אַרבעטער צוליב ראַציאָנאַליזאַציע־צוועקן. 4) דעוואַלואַציע פון ישראל־פונט דורך נישט־געצוימטע און פרייע פרייזן־העכערונג. 5) די אָפּשאַפונג פון סובסידיעס פאַר עסענציעלע פּראָדוקטן און דאָס נישט־אַריינמישן זיך פון דער רעגירונג אין פרייזן־קאָנטראָל. 6) באַשרענקען די סאָציאַלע הילף

און באשרענקונג פון פראגרעסיע אין שטייערן. 7) פארגרעסערן די דיפערענץ אין געהאלטן און פארדינסטן, ווייל ס׳איז לייכטער באפרידיקן טויזנטער און צענדליקער טויזנטער איידער צו באפרידיקן הונדערטער טויזנטער, בפרט נאך, ווען די טויזנטער פארנעמען וויכטיקע פאסטנס אין דער ווירטשאפט, געזעלשאפט און רעגירונג. 8) איבעררייסן די אנטוויקלונג פון לאנדווירט־שאפט, שווער־אינדוסטרי און זידלונג פון נייע שטחים און ווענדן אנשטאט דעם אלע אנשטרענ־גונגען צו די עקזיסטירנדיקע שטאטישע צענטערן און דער עיקר אויף לייכטער אינדוסטרי. 9) די באשרענקונג פון דער טעטיקייט פון דער רעגירונג אלס פאקטאר אין דער אנטוויקלונג פון דער ווירטשאפט פון לאנד.

עקאנאמישער און סאציאלער חשבון פון צענטן יובילײ

אויך אונדז באאומרואיקט די עקאנאמישע אפהענגיקייט פון דער מדינה פון אויסערלעכע פאקטארן. נאר מיר באטראכטן אלס הויפט־פראבלעם דעם אופן פון באנוצן זיך מיטן אריינקו־מענדיקן קאפיטאל, זיין פארווענדונג אין פארשידענע אינוועסטיציעס, און דער עיקר יענער חלק פונעם קאפיטאל, וועלכער ווערט נישט אינוועסטירט, נאר ווערט „אויפגעגעסן".

אין משך פון זיבן יאר האט דער דאזיקער דעפיציט צווישן אריינקום פון קאפיטאל און אינוועסטיציעס דערגרייכט צו דער סומע פון בערך א מיליארד פונט, פון דעם אלגעמיינער סומע פון 4 מיליארדן, וועלכע זענען אריין אין דער מדינה. מוזן מיר דערפאר באטראכטן אלס אונדזער ערשטן ציל די ליקווידאציע פון דעם דאזיקן דעפיציט.

מען דארף אויך מאכן אן ערלעכן חשבון צווישן דער עליה און דעם אלטן ישוב, און עס וועט זיך דאן ארויסווייזן, אז אדאנק און צוליב דער עליה שטראמט א גרויסער טייל פון דעם קאפיטאל און קומט צו אונז, אבער ער באפרוכפערט אויך דעם אבסארבירנדיקן, אלטן ישוב, נאך איידער ער שאפט דעם מינימום פארן קיום פון דער נייער עליה. דאס בויען הייזער פאר נייע עולים, דער טראנספארט, די אדמיניסטראטיווע אפאראטן, א. א. וו. האבן היבש פארפעסטיקט די עקא־נאמישע לאגע פון די אלטע איינוווינער.

וואס שייך דעם פארשלאג פון אראפנידערן דעם לעבנס־ניווא, פרעגט זיך די פראגע, וועמענס לעבנס־ניווא מיינט מען דאס? צי געדענקען די, וואס ברענגען דעם פארשלאג, אז 180,000 לוין־ארבעטער פארדינען ביז 200 פונט א מאנאט? אז בעת איין דריטל פון דער באפעלקערונג פארנוצט א העלפט פון דער אלגעמיינער קאנסומציע פון שפייז־פראדוקטן אין לאנד, און אן אנדערער דריטל פון דער באפעלקערונג — מיט קלענערע הכנסות — פארנוצט בלויז 20%? און וועגן באשרענקען דעם לעבנס־ניווא פון די העכערע שיכטן לוינט זיך דאך אפילו נישט צו רעדן, פון פראקטישן שטאנדפונקט.

לאמיר אויך דערמאנען די פראגע פון העכערן די ארבעטס־פראדוקטיוויטעט. די פראדוקטיווי־קייט ביי אונדז איז גאר נישט נידעריק, בפרט נאך אויב מען נעמט אין באטראכט די פאקטארן, וועלכע באשטימען די פראדוקטיוויקייט: פראדוקציע־מיטלען, טעכנישער ניווא, פראפעסיאנעלע אויסבילדונג א. א. וו. און פונדעסטוועגן מערקט זיך א כסדר׳דיקע שטייגערונג פון פראדוקטיוויטעט פונם ארבעטער אין דער מדינה, אין יערלעכע פראצענטן: אין 1954 — 18% אין לאנדווירשאפט און 11% אין אינדוסטרי; אין 1955 — 5% אין לאנדווירטשאפט, 11% אין אינדוסטרי, און 1956 — 7% לאנדווירטשאפט און 7% אינדוסטרי. זינט די מדינה איז אנטשטאנען, האט זיך די צאל ארבעטער אין לאנדווירטשאפט פארגרעסערט 2.4 מאל, און די פראדוקציע — 3.4 מאל. דאס הייסט אז די פראדוקטיוויטעט איז זייער געשטיגן. ענלעך איז אויך די לאגע אין דער אינדוסטרי.

מען מאכט ביי אונדז פארגלייכן מיט דער פראדוקטיוויטעט אין די פאראייניקטע שטאטן; אבער אויב אונדזער פראדוקטיוויטעט איז נידעריקער, איז אונדזער לוין נאך נידעריקער אין פארגלייך, און באטרעפט בלויז 25%—30% פון אמעריקאנער לוין.

אן איבערגרופירונג אויפן געזעלשאפטלעכן און פראפעסיאנעלן געביט

אנשטאט די אלע פארשלאגן פון „פארציען דעם גארטל" פון ארבעטער קלאס און די שיכטן פון א נידעריקן לעבנס־ניווא — דארף מען אנווייזן א וועג אויף צו פאררייכטן דעם נאציאנאלן בילאנס דורך אן אנדערע אויסנוצונג פון אונדזער מענטשן־מאטעריאל. פאראן ביי אונדז אין לאנד גרויסע נישט אויסגענוצטע רעזערוווארן פון מענטשן; בלויז 53% פון די ארבעטספעיקע ארבעטן ביי אונדז, אין פארגלייך מיט 65% אין אייראפע; און בלויז 45% פון זיי זענען באשעפטיקט אין

לאנדווירטשאפט, אינדוסטרי און בוי — אין פארגלייך מיט 60% אין אייראָפּע. כדי פארגלייכן ביי אונדז פּראָפּאָרציאָנעל דעם פּראָצענט באַשעפטיקטע אין פּראָדוקטיווע געביטן צו דער פּראַפּאָרץ אין אויסלאַנד — וואָלטן מיר געדאַרפט אַריבערפירן צו די דאָזיקע באַשעפטיקונגס־צווייגן 15%—20 פון די, וואָס אַרבעטן היינט אין אַנדערע, נישט פּראָדוצירנדיקע געביטן.

אין 1954 האָט מען אויסגערעכנט, אז 200,000 (30%—40) פון ארבעטס־פעיקע זענען נאָך נישט אבסארבירט געוואָרן אין דער ישראל־ווירטשאפט. אריבערפירנדיק בלויז 10% פון באשעפטיקטע אין פארמיטלונג, באדינונג א. א. וו. צו פּראָדוקציע, וואָלט די פּראָדוקציע געשטיגן מיט 25%. אזא ענדערונג, אין דער פּראָפּאָרץ וועט פארגרעסערן די רעאלע נאַציאָנאלע הכנסה, באשרענקענדיק דעם אימפּאָרט און פארגרעסערנדיק דעם עקספּאָרט.

פאַראַן צוויי טענות קעגן דעם דאָזיקן פאָרשלאָג: ערשטנס — אַז פּראַקטיש קאָן מען אים נישט דורכפירן, און צווייטנס — אַז עס פעלן נישט קיין אַרבעטס־הענט, נאָר פאַרקערט, עס פעלט ארבעט.

ווער עס טענה׳ט, אז דער פּראָבלעם איז נישט פון ארבעטס־קראפט, קוקט אויף אים נישט פון קאָלאָניזאַטאָרישן און פּראָדוקטיוון שטאַנדפּונקט; ווייל מיר פאַרמאָגן נישט־אויסגענוצטע שטחים און וואסער־קוועלן; פאראן אין דער אינדוסטרי פּראָדוציר־מיטלען וועלכע ווערן נישט פולשטענדיק אויסגענוצט, און די אלע געביטן קענען אבסארבירן נייע ארבעטער און לאנדווירטן, און דער עיקר: אריבערפירנדיק מענטשן פון פארמיטלונג צו פּראָדוקציע, וועט זיך באפרייען קאַפּיטאַל פאַר קאָנסטרוקטיווע צוועקן און עס וועט זיך פאַרשטאַרקן אונדזער עקאָנאָמישע אומאָפּהענגיקייט.

מען זאָגט, אז עס וואַרט נישט קיין פּראָדוקטיווע ארבעט אויף נייע ארבעטער. ענטפערן מיר: מען דאַרף די ארבעט שאַפן. ארבעטסלאָזע און אפילו צוזאמען מיט קאפיטאל, שאַפן נאָך נישט קיין ווירטשאַפט. עס הערשט ביי אונדז אַ געזעלשאַפטלעכער און עקאָנאָמישער רעזשים, אין וועלכן ס׳ווערן נישט ריכטיק פאַרטיילט די אַרבעטס־כוחות אין לאַנד, פונעם שטאַנדפּונקט פון דער עקזיסטירנדיקער ווירטשאפט און איר ווייטערדיקער אנטוויקלונג. צוליב כלומר׳שטיקע פּראָדוקטיוויטעט־אויסרעכענונגען איז מען ביי אונדז מוותר אויף דער אַרבעט פון די עלטערע מענטשן און פון פרויען. און אין דער זעלבער צייט פעלן אויס אַרבעטס־הענט אין דער אַלטער און נייער קאָלאָניזאַציע. אַרבעטס־פּלעצער וואָס זענען פּאַסיק פאַר פרויען און עלטערע מענטשן ווערן פאַרנומען דורך יינגערע כוחות, און די קאָלאָניזאַציע פון נייע שטחים אין וייטן נגב ווערט אַרויפגעוואָרפן אויף דער נייער עליה, וועלכע איז ווייט נישט קיין עליה פון חלוצישער יוגנט.

די קאלאניזאציע פון לאנד און די רעארגאניזאציע פון דער ווירטשאפט פאָדערן א נייע פארטיילונג פון די ארבעטס־קרעפטן אין סאָציאַלן, פּראָפעסיאָנעלן און טעריטאָריעלן זין. פאַרשטייט זיך, אז פון די דאָזיקע ענדערונגען וועלן געטראָפן ווערן פארשידענע שיכטן פון דער באפעלקערונג, אָבער דאָס איז נישט צו פארמיידן. דער פאקט, וואָס דער קאפּיטאליזם האָט נישט קיין לעזונג, מיינט נאָך נישט, פון זיך אליין, אז די ארבעטערשאפט פארמאָגט די דאָזיקע לעזונג — סיידן, די ארבעטער־באוועגונג וועט ביי זיך געפינען דעם כוח דורכצופירן געזעלשאפטלעכע ענדערונגען און איבערבויען זיך צוליב די נייע אויפגאבן. עס איז דאָ כדאי צו דערמאנען באָראָכאָװ׳ס פראגנאָז: „ציוניזם איז מעגלעך בלויז אויב פּראָלעטארישער ציוניזם איז מעגלעך. אָבער אויב דער יידישער פּראָלעטאריאט פארמאָגט נישט קיין אייגענע דרכים אויף צו פארווירקלעכן דעם ציוניזם — איז ציוניזם אַן אילוזיע אָן אויסזיכטן״.

א ציוניסטיש־פּראלעטארישע לעזונג

דער סאָציאַליסטישער ציוניזם האָט געהאט אייגענע וועגן כדי צו פארווירקלעכן דעם סאָציאַליזם און ציוניזם: „החלוץ״, די חלוצישע יוגנט־באוועגונגען, קיבוץ, קבוצה, קאָאָפּעראַציע, א נייער טיפּ פון פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען, קופּת־חולים א. א. וו. א דאנק די ספּעציפישע מעטאָדן פון אונדזער אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך דער ציוניזם פאַרוואַנדלט פון אַן אוטאָפּיע אין א ווירקלעכקייט. היינט אָבער שטייט די פראגע: צי פארמאָגט נאָך דער ארבעטער־קלאַס אייגענע וועגן אויף צו רעאַליזירן אונדזער אידעאַל. אויב נישט, דראָט אַ געפאַר, אַז דער קריזיס זאָל זיך פאַרשאַרפן. אַ בליק אויפן אַרום איבערצייגט אונדז, ווי גרויס עס זענען די סכנות וואָס

לויערן אויף אונז. דערמיט מיינען מיר נישט בלויז דעם פּאָליטישן פּראָבלעם, ווי־אַזוי מקיים צו זיין אויך אין דער צוקונפט די השפעה פון די אַרבעטער־פּאַרטייען אין דער רעגירונג — נאָר: וואָס דאַרף זיין דער וועג פון דער אַרבעטערשאַפט אין דער ווירטשאַפט און אין דער געזעלשאַפט.

געפאַרן פאַר דער אַרבעטער-ווירטשאַפט

די אַרבעטער־ווירטשאַפט אין ישראל איז געוואָרן אַ גרויסער כוח — זי בילדעט מיט זיך אַ דריטל פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה און פאַרמעגן; זי קאָנצענטרירט זיך אויף אַ בולטן אופן אין די פּראָדוקטיווע געביטן — 70% פון דער לאַנדווירטשאַפט און אַ דעציזירנדיקע וואָג אין די פונדאַמענטאַלע אינדוסטריעס. צוזאַמען מיט דער נאַציאָנאַלער און געזעלשאַפטלעכער ווירטשאַפט בילדעט זי צוויי דריטל פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה און פאַרמעגן.

מען קאָן נישט באַטראַכטן די ישראל־ווירטשאַפט ווי אַ געוויינלעכע קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט, און פאַרגלייכן די אַרבעטער־ווירטשאַפט צו אַ נישט־סאָציאַליסטישע. מ׳דאַרף זיי באַטראַכטן ווי אַן עמבריאָן וואָס וואַקסט און אַנטוויקלט זיך, ביז ער וועט ירשענען די גאַנצע ווירטשאַפט פון לאַנד. די דאָזיקע דערשיינונג פון זאַמען פון דער צוקונפטיקער ווירטשאַפט, וועלכע פאָרמירן זיך אין דער אַלטער סביבה איז נישט ניי. דאָס ספּעציפישע ביי אונדז איז, וואָס די אַרבעטער־ווירטשאַפט פאָרמירט זיך נישט, דער עיקר, ווי אַן אַנטוויקלונג פון דער פּריוואַטער ווירטשאַפט, נאָר זי בויט זיך באַזונדער, דורך קאָלאָניזאַציע און דורך שאַפן אַ נייע ווירטשאַפט.

די אַרבעטער־ווירטשאַפט שטייט אָבער היינט פאַר געפאַרן און נישט נאָר פאַר אויסזיכטן פון וווּקס און אַנטוויקלונג.

דער הויפּט־פּראָבלעם איז פון וויטערדיקער אַנטוויקלונג. די אַרבעטער־באַוועגונג וועט נישט קאָנען פאַרזעצן דעם בוי פון איר זעלבשטענדיקן ווערק, אויב זי וועט נישט געווינען די יוגנט און די אַרבעטערשאַפט. אַ דורכפאַל אין דעם דאָזיקן געביט וועט שטעלן אין ספק די אויסזיכטן פון אַרבעטער־קלאַס אופצובויען אַן אייגענע ווירטשאַפט.

אין די לעצטע צען יאָר זענען פאָרגעקומען וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָבן אַ גרויסן איינפלוס אויף די וויטערדיקע מעגלעכקייטן פון קאָלאָניזאַטאָרישער עקספּאַנסיע:

1) עס האָט זיך באַדייטנד פאַרגרעסערט דער פּראָצענט פון נישט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער און אַזעלכע וואָס זענען נישט באַשעפטיקט אויף שטענדיקע אַרבעט־פּלעצער (צווישן 1947 און 1957 אַ צוּוואוקס פון 9% פון הסתדרות חברים).

2) ס׳האָט זיך פאַרקלענערט מיט 9% די פּראָפּאָרץ פון חברים אין קיבוצים, און מיט 4% — פון אינדוסטריעלע אַרבעטער.

3) עס איז געשטיגן מיט 4% די פּראָפּאָרץ פון ביוראָ־אַנגעשטעלטע און פרייע פּראָפעסיעס. דער „נייער פּראָלעטאַריאַט" — אַ דערשיינונג געבראַכט דורך דער מאַסן־עליה, און די דעפּראָלעטאַריזאַציע־פּראָצעסן אין דער אַלטער אַרבעטערשאַפט — זענען געוועזן בייפּראָדוקטן פון דער אפּשוואַכונג פון דעם קאָלאָניזאַטאָרישן רוקן־ביין.

דאָס אַנטלויפן פון חלוציש׳ן לעבנס-שטייגער און די סכנה פון טרייד-יוניאָניזם

אויב ביי די דערוואַקסענע אַרבעטער ווירקן פאַקטאָרן וועלכע האַלטן אײַן די אויבן־דערמאָנטע פּראָצעסן, זענען אָבער ביי דער יוגנט געוועזן פאַקטאָרן וועלכע האָבן די דאָזיקע פּראָצעסן פאַרשנעלערט און דערגענטערט. עס פאָדערט זיך אַן ערנסטער סך־הכל לגבי דער אַבסאָרבירונג פונעם דור, וועלכער איז אויסגעוואַקסן אין די לעצטע פופצן יאָר, דער דור פון די קעמפער און בויער פון פלמ״ח און צה״ל. זינט דעם סוף פון אומאָפּהענגיקייט־קריג און נאָכדעם ווי עס זענען געגרינדעט געוואָרן דורכן פלמ״ח און דער חלוצישער יוגנט די גרענעץ־זידלונגען, הערט זיך מער נישט וועגן ישראל יוגנט אין דער נייער קאָלאָניזאַציע. די גרענעץ־ישובים זענען פאַרבליבן פאַריתומ׳ט. די יוגנט שטראַמט אָבער נישט, נישט בלויז צו די נייע זידלונגען, נאָר אויך נישט צו די אַלטע, פאַרפעסטיקטע.

אין דער ישראל־יוגנט זעען זיך בולט די רעזולטאַטן פון דער ווערטן־ניוועלאַציע וועלכע

איז פאָרגעקומען אין די דאָזיקע יאָרן. ווידעראמאָל ווערט באוויזן, אז אויב די ארבעטער־באוועגונג און ווירטשאפט מוז קאָ־עקזיסטירן מיטן קאפיטאליזם, מוז זיך פירן אן אומאויפהער־לעכער סאָציאלער, אידעאָלאָגישער און פּאָליטישער קאמף פאר דער אנטוויקלונג פון אן אַרבעטער־ווירטשאַפט, וועלכע קאָן נישט שלום מאַכן מיט קעגנערישע ווערטן און באַגריפן, וועלכע שטעלן אין סכנה די צוקונפט פון א פּראָלעטארישער און נאציאָנאלער ווירטשאפט.

דער „נייער פּראָלעטאריאט" וואָס איז געקומען מיט דער נייער עליה, האָט שוין פיל אויפגעטאָן אין ישראל: ער ארבעט עס אין אלע שווערע און פּראָדוקטיווע ארבעטן. אָבער ער איז נאָך נישט אימשטאַנד צו זיין דער טרעגער פון קאָנסטרוקטיווע ווערק. און ווער וועט אים פירן אויפן וועג פון פּראָלעטארישער חלוצישקייט?

אין ישראל, וו מיר מוזן ערשט שאַפן דעם דאָרף און אַנדערע פונדאַמענטאַלע צווייגן פון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט, פלעגן די מיטל־שיכטן פון אינטעליגענץ און פרייע פּראָפעסיעס דינען אַלס רעזערוואַר פון מענטשלעכן מאַטעריאַל פאַר די דאָזיקע ארבעטן. היינט אָבער זענען די מיטל־שיכטן געוואָרן א מאַגנעט, וועלכע ציט צו זיך די יוגנט און דעם שוין איינגעוואָרצלטן פּראָלעטאריאט. די מיטל־שיכטן האָבן געשאפן דעם לאָזונג פון פארגרעסערן די סאָציאלע דיפערענץ. אַמאָל פלעגן די חלוצישע כוחות האָבן א גרויסע השפעה אויפן ארבעטער־קלאַס — היינט קעמפן די מיטעלע שיכטן פאר עקאָנאָמישע פּריווילעגיעס.

אמת, די דאָזיקע סאָציאלע און לוין־דיפערענצן זענען נאָך דערווייל אין ישראל נישט גרויס. די 30% פון קלענערע פארדינער קריגן אין ישראל 14.5% פון דער אלגעמיינער הכנסה, אין ענגלאנד — 11% און בלויז 9% אין די פאראייניקטע שטאטן און די 30% פון די העכסטע הכנסות נעמען ביי אונז נאר 47% פון אלגעמיינער הכנסה, אין פארגלייך מיט 56% אין די פאראייניקטע שטאטן און 53% אין ענגלאנד. אָבער בעת יענע מדינות זענען היינט פעסטונגען פון קאפיטאליזם, זענען מיר א סאָציאליסטישער אינזל און א מדינה אין אנהויב פון איר בוי. און די דיפערענץ צווישן די אויבערשטע און אונטערשטע 30% איז צו גרויס פאר א קלענער און ארעמער מדינה וואָס קעמפט פאר איר עקזיסטענץ.

נאָך א שטרויכלונג אויפן וועג פון דער ארבעטער־באוועגונג איז דער טרייד־יוניאָניזם, וועלכער וועגדעט אָפּ די אויפמערקזאמקייט פון ארבעטער־קלאַס פון זיין היסטאָרישן גרויסן גאנג פאר א געזעלשאַפטלעכער רעוואָלוציע, און פארבייט אים אויף קליינע, צייטווייליקע אינטערעסן. דער טרייד־יוניאָניזם קומט נישט צום ארבעטער און צו דער יוגנט מיט פּאָדערונגען — ער גיט בלויז... אמאָל א שילינג און אמאָל עטוואָס מער, אָבער ער פארקויפט פאר א „טאָפּ לינדזן" די העגעמאָניע פון אַרבעטער־קלאַס אין דער מדינה.

טראָץ דעם דאָזיקן אנאליז פון דער לאַגע אין דער ארבעטער־באוועגונג, דאַרף מען נישט קוקן פּעסימיסטיש אויף די אויסזיכטן אין גראנגל פאר א ציוניסטיש־סאָציאליסטישער לעזונג, נישט נאָר צוליב דעם גרויסן כוח וועלכן מיר פארמאָגן, נאָר אויך, ווייל עס זענען פאראן רעאַלע פאַקטאָרן, וועלכע קאָנען העלפן פאַרווירקלעכן אונדזערע צילן אין די קומענדיקע צען יאָר. לאָמיר פאַרצייכנען עטלעכע פון די דאָזיקע פאַקטאָרן:

(א) די דעפּראָלעטאריזאציע־פּראָצעסן האָבן נישט קיין גרויסע אנטוויקלונגס־אויסזיכטן אין ישראל, ווייל די נישט־פּראָדוצירנדיקע שיכטן זענען שוין איבערפילט. (ב) די יוגנט, ביי וועלכער מיר וועלן איינגיכן האָבן יאָרגעגנג פון 40.000, האָט קיין אַנדער אויסזיכט ווי צו גיין צו פּראָדוקטיווער ארבעט. (ג) אויב עס וועט אין גיכן נישט קומען אן עקאָנאָמישע און געזעל־שאַפטלעכע איבערשיכטונג אין לאַנד, וועט אונדז דער עקאָנאָמישער קריזיס וואָס דערוואַרט אונדז צווינגען אַריבערצוגיין צו פּראָדוקטיווער אַרבעט, (ד) דער קינסטלעכער זייפן־בלאָז פון לוין־דיפערענץ, וואָס האָט ביי אונדז קיין רעאַלן אַנהאַלט נישט אין דער ווירטשאַפט און עקאָ־נאָמיע, וועט איינגיכן פּלאַצן.

די ארבעטער־באוועגונג דארף פארלייגן אלס אלטערנאטיוו אנטקעגן דעם קאפיטאליסטישן וועג אַ פּלאַן אויף פּראָדוקטיוויזירן די באַפעלקערונג — און קודם כל די יוגנט, באַארבעטן פלענער פארן בוי פון דער ארבעטער־ווירטשאפט אלס קאָנקורענט פאר דער קאפיטאליסטישער ווירטשאפט. צום דאָזיקן צוועק דארף די מדינה געבן א בולטע פּרעפערענץ דער ארבעטער־ווירטשאפט.

אונדזערע צוקונפטיקע אויפגאַבן זענען: אַוועקשטעלן אין צענטער פון ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט די קאָלאָניזאַציע פון דרומדיקן נגב, אַריבערפירן די ירדן־וואַסערן קיין נגב, אַנטוויקלען די לאַנדווירטשאַפט און פונדאַמענטאַלע אינדוסטריעס.

אין פאַרגאַנגענעם יאָרצענדליק זענען נאָך געשטאַנען צו דער דיספּאָזיציע פון דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע פאַרוואָרלאָזטע שטחים אין באַזעצטן טייל פון לאַנד, איצט אָבער דאַרפן מיר ווענדן אונדזערע אָנשטרענגונגען צו די נאָך נישט־באַזעצטע שטחים.

מען זאָגט, אַז די לאַנדווירטשאַפט דאַרף זיך שוין מער נישט אַנטוויקלען, ווייל אויב זי שטייט אויף א הויכער מדרגה, איז גענוג אַז 15% ביז 20% פון דער באַפעלקערונג זאָל אַרבעטן אויף דעם געביט, כדי צו באַפרידיקן די באַדערפענישן פון א לאַנד. מען מוז אָבער פאַרשטיין, אַז די דאָזיקע 15% אָדער 20% שאַפן דעם באַזיס פון עקזיסטענץ פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג! לויט דעם וואָסער און באָדן וואָס מיר באַזיצן, קאָנען מיר נאָך פאַרגרעסערן אונדזער לאַנדווירטשאַפט, אַז זי זאָל זיין אימשטאַנד צו שפּייזן מיליאָנען מער ווי די עקזיסטירנדיקע צוויי־מיליאָניקע באַפעלקערונג, און קענען עקספּאָרטירן לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן.

מיר מוזן אַנטוויקלען עלעמענטאַרע אינדוסטריעס. מען מוז אַריבערגיין פון דער סטאַדיע פון אויספאַרטיקונג צו די וויכטיקע, פונדאַמענטאַלע סטאַדיעס פון פּראָדוקציע. דערצו דאַרף מען האָבן שווערע אינוועסטיציעס, אָבער אָן דעם איז אוממעגלעך אויסצובררייטערן אונדזער עקספּאָרט און פאַרקלענערן דעם אימפּאָרט.

עס מוז איבערגעאַנדערשט ווערן די סאָציאַלע און פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון ישוב. 25% פון אונדזער דערוואַקסנדיקער יוגנט אַרבעט נישט און שטודירט נישט, און אפילו ביי דער שול־יוגנט מערקן זיך טענדענצן פון קאַריעריזם. מוז מען פאַרשטאַרקן און פאַרגרעסערן די רעכט פון די חלוצישע באַוועגונגען אין דעם שול־וועזן, פאַרוואַנדלען דערציאונג צו לאַנדווירטשאַפטלעכער און פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט אין אַן ערשטראַנגיקן דערציערישן ציל אין דעם שטאַטלעכן שול־וועזן; די לאַנדווירטשאַפטלעכע און פּראָפעסיאָנעלע דערציאונג מוז אויסגעהאַלטן ווערן דורך דער רעגירונג, און געשטעלט ווערן צו דער דיספּאָזיציע פון די חלוצישע באַוועגונגען; די שולן אין די קיבוצים מוזן פאַרוואַנדלט ווערן אין דערציאונגס־צענטערס, סובסידירט פון דער רעגירונג און אַרבעטער־באַוועגונג — די דערציערישע מעגלעכקייטן פון די דאָזיקע אַנשטאַלטן ווערן נישט אויסגענוצט אין דער געהעריקער מאָס. עס מוזן געמאַכט ווערן ספּעציעלע אָנשטרענגונגען אויפן געביט פון דערציאונג פון די מזרח־עדות; דאָרט קומט נאָך צו צו דער סאָציאַלער דיסקרימינאַציע אויך די עדות־דיסקרימינאַציע און עס שאַפט זיך א פרוכטבאַר פעלד פאַר פאַשיסטישע נייגונגען און פּאָליטישע דעמאַגאָגן. דער מיליטערישער דינסט דאַרף פאַרלענגערט ווערן אויף נאָך א יאָר, וואָס וועט געווידמעט ווערן פאַר דינסט אין די גרענעץ־יישובים און אַנדערע חלוצישע ווערק. גזעלשאַפטלעכע אַפּאַראַטן מוזן געשלאָסן ווערן פאַר יונגע מענטשן. 10% פון די באַשעפטיקטע אין פאַרמיטלונג באַדינונג א. א. וו. מוזן אַריבערגעפירט ווערן צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. אין אַלע אַרבעט־צווייגן ווו דאָס איז מעגלעך, מוז מען פאַרבייטן יוגנט און יונגע מענטשן אויף פרויען און עלטערע.

די רעגירונג מוז ווענדן די נייע עליה צו קאָלאָניזאַציע; ליקווידירן די מעברות; פאַרבעסערן די וווינונג־לאַגע אין די קיבוצים (50% פון די איינוווינער פון די עלטערע קיבוצים וווינען נאָך אין הילצערנע באַראַקעס).

דער אימפּאָרט פון די וויכטיקסטע פּראָדוקטן מוז קאָנצענטרירט ווערן אין די הענט פון דער רעגירונג.

עס מוז געפירט ווערן א קאַמף קעגן קאַרטעלן. די פּאָליטיק פון פּראָגרעסיווע שטייערן מוז פאַרגעזעצט ווערן. דער פאַרמעגן־שטייער באַטרעפט בלויז 1,2% פון כלל שטייערן. אויך אין דעם אינקאַם־שטייער איז פאַרגעקומען א רעגרעסיע, און עס מוז קומען אַן ענדערונג.

מען מוז פאַרקלענערן דעם עול פון פאַרמיטלונג און אירע פאַרדינסטן מיט דער הילף פון קאָאָפּעראַציע, נייע מעטאָדן אין פאַרקויף א.א.וו. מען טאָר נישט דערלאָזן, אַז פאַרמיטלונג זאָל צונעמען א גרויסן חלק פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה.

מען קאָן פאַרקלענערן די סאָציאַלע דיפערענץ, דורכפירנדיק א געזעץ פון אַסעקוראַציע קעגן אַרבעטסלאָזיקייט. דער רעאַלער לוין קאָן אָפּגעהיט ווערן דורך פאַרבינדן דעם לוין מיט

דעם אינדעקס און צופּאַסן די לוין־פּאָליטיק צו טעריטאָריעלער און פּראָפעסיאָנעלער אָריענ־טאַציע און דערמונטערונג פון פּראָדוקטיוויטעט.

דער דאָזיקער פּלאַן און די סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע לעזונג זענען דער איינציקער אַלטערנאַטיוו צום קאַפּיטאַליסטישן וועג אין ישראל; כדי אים פאַרווירקלעכן איז נויטיק אַ געאייניקטער פראָנט פון די אַרבעטער־כּחות אין הסתדרות און אין דער רעגירונג.

אין דער הסתדרות און אין דער מדינה

די הסתדרות מוז באַנייען איר סטרוקטור כּדי פאַרשטאַרקן איר אומאָפּהענגיקייט און חלוצישן כּוח. אַרבעטער מוזן באַטייליקט ווערן אין דער אַרבעטער־ווירטשאַפט — נישט נאָר אין דער אָנפירונג, נאָר אויך אין געפיל פון אחריות, אין געפיל פון שותפות און עקאָנאָמישער באַפרידי־קונג; עס מוז באַשרענקט ווערן דער כּוח פון דער ביוראָקראַטיע אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַר־אייניקן; עס מוז געמאַכט ווערן אַ רעוויזיע פון פּראָבלעם פון דערציאונג. די אַרבעטער־באַוועגונג טאָר נישט מוותּר זיין אויף איר השפּעה אויף דער דערציאונג פון אירע קינדער. מוז מען דער־איבער באַנייען דעם הסתדרות־שול־וועזן.

קופּת־חולים טאָר נישט אַרויסגענומען ווערן פון די ראַמען פון דער הסתדרות. אין דער רעגירונג מוז מען קעמפן פאַר אַ סאָציאַלער ענדערונג אין דער מדינה. די דערגרייכונגען פון דער איצטיקער קאָאַליציע קאָנען נישט רייניוואַשן אירע דורכפאַלן אין נישט פאַרשטאַרקן די חלוצישע טענדענצן אין לאַנד.

מיר האָבן געזען אין דער קאָאַליציע אַ וועג צו פאַרשטאַרקן דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם אַלס אַלטערנאַטיוו צו די עקספּלאָאַטירנדיקע קלאַסן; מיר זענען אָבער אין דער רעגירונג באַזיגט געוואָרן אין עטלעכע וויכטיקע פראַגן — די מיינונג אַז מען טאָר נישט פאַרלאָזן דעם סיני איז נישט די זעלבע, וואָס פאָדערט אַ ריקצוג; ס'איז פאַראַן אַן אונטערשיד צווישן אננעמען די אייזענהאַוער־דאָקטרין און אָריענטאַציע אויף דייטשלאַנד — און קעגנערשאַפט צו די דאָזיקע טענדענצן. אָבער מיר האָבן געזען אַלס באַזע פאַר דער רעגירונגס־קאָאַליציע אַן אַנדער קאָאַליציע, פון די קיבוצים אויף די גרענעצן און אַרבעטער אין די וואַרשטאַטן און פאַבריקן. אין דער דאָזיקער סאָציאַלער באַזע זעען מיר דעם אויסזיכט פון אַ דערנענטערונג און אַן ענדערונג אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און אין דער מדינה.

דער „סאָציאַלער רעוויזיאָניזם" אין אונדזער תּקופה, פּוצט זיך ביי אונדז אין פעדערן פון דעמאָקראַטיזם און פאַרטיידיקונג פון די רעכט פון פּרט קעגן די פּאַרטייען, פאַרטיידיקונג פון דער מדינה קעגן דער „פאַרשלינגערישער אַרבעטער־ווירטשאַפט", פאַרטיידיקונג פון דער אינטעליגענץ קעגן לוין־העכערונג פון פּשוט'ן אַרבעטער. זי פאָדערט ביי דער יוגנט אוועקוואַרפן „די תּורה פונם אַלטוואַרג פון דער צווייטער עליה" און זיך צוהערן צו נייע לידער פון נאַציאָנאַלער דיפער־רענץ און טעכנאָקראַטיע. אָבער די פאָן, וועלכע ס'האָט אויפגעהויבן דער סאָציאַליסטישער ציו־ניזם אין אַנהויב פון דעם יאָרהונדערט טראָגט ביז היינט צו טאָג אַ רעוואָלוציאָנערע בשׂורה און אידעאַל, וואָס האָבן נישט פאַרלוירן זייער אינהאַלט, און בלויז די מעטאָדן פון זייער רעאַ־ליזירונג האָבן זיך געביטן. מוז קאָנסאָלידירט און פאַרשטאַרקט ווערן דער כּוח פון ציוניסטישן סאָציאַליזם, מיט זיין נאַציאָנאַלן און געזעלשאַפטלעכן אינהאַלט און ווערט.

י. בראַגינסקי:

עליה און קליטה



די אנטשטייאונג פון מדינת־ישראל איז פאַר דעם וועלט־יידנטום געווען א פונקט פון הויכער שפאַנונג. די דאָזיקע געשעעניש האָט געהאַט איר אָפּקלאַנג אין די סאַמע ווייטסטע ווינקעלעך פון דער וועלט. א שטורעם פון באַגייסטערונג האָט פאַרפלייצט אַלע יידישע צענטערן. גרויסע מאַסן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די ברעגעס פון ישראל. דאָס וועלט־יידנטום האָט זיך פולשטענדיק אידענטיפיצירט מיט דער מדינה, מיט איר פראַגרעס און אויפבוי. ישראל האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א לייכט־טורעם פאַרן גאַנצן פאָלק.

דאָס לאַנד איז אין א גרויסער מאָס געווען חרוב אַלס רעזולטאַט פון דעם באַפרייאונגס־קריג און די פריערדיקע בלוטיקע געשעענישן. אָבער די געשיכטע האָט אונז געגעבן א מעכטיקן אימפעט אין בוי און טאַט; אין ברענגען און אויפנעמען היימלאָזע, אויסגעמאַטערטע און געפייניקטע ברידער; אין דער אויפלעבונג פון דער וויסטעניש, אין פלאַסטערן וועגן פאַר א קאָנצענטראַציע פון די פאָלקס־מאַסן אין דער מדינה. דער פאַרנעם איז געווען א ברייטער, דער אָנגריף איז געווען אַ מעכטיקער — לענגאויס דעם גאַנצן פראָנט.

און אָט איידער די בויער האָבן זיך באַוויזן א קער טאָן, האָט די יידישע געשיכטע א הויך געטאָן איר לאַנגן אָטעם — און דער ערשטער יאָרצענדליק פון דער מדינה איז שוין פאַרביי.

צען יאָר איז נישט פיל אויף דעם היסטאָרישן שליאַך. אָבער אין דעם לעבן פון א פאָלק, וואָס ראַנגלט זיך פאַרן קיום פון זיין מדינה, באַלאַגערט דורך כוחות וואָס ווילן זי פאַרניכטן, און וועלכער איז פאַרנומען אין דעם מעכטיקן ווערק פון בוי און גוראַנגל קעגן אינערלעכע און אויסערלעכע שוועריקייטן — איז עס א גאַנץ לאַנגע תקופה. די דאָזיקע יאָרן זענען, אין אמת, געווען יאָרן פון איניציאַטיוו און פון טאַט, יאָרן פון פילע דערגרייכונגען. די ישראלדיקע פּאַנאָראַמע איז פונדאַמענטאַל איבערגעאַנדערשט געוואָרן; עס האָט זיך פאַרדרייפאַכט דער באַארבעטער שטח, עס האָט זיך פילפאַך פאַרגרעסערט די לאַנדווירטשאַפטלעכע און אינדוס־טריעלע פראָדוקציע. אין דער לענג און אין דער ברייט פון לאַנד זענען אויפגעקומען 450 נייע ישובים, וווּ עס ברויזט א ניי לעבן און עס ווערט געבוירן א נייער דור. שטעט, דערפער און שטעטלעך, קיבוצים און קבוצות האָבן אָפּגעשטויסן אויף צוריק דעם מדבר און די וויסטעניש. די עולים האָבן — אַמאָל שטאַרקער, אַמאָל שוואַכער — אומאויפהערלעך געפלאַסן קיין ישראל און פאַרדרייפאַכט די יידישע באַפעלקערונג.

די היסטאָרישע שותפות

מער ווי 900.000 יידן זענען אריין אין לאַנד און די מדינה האָט זיי צעשפּרייט און זיי פאַרוואַנדלט אין געטרייע זין פון פּאַטערלאַנד און פאַראַנטוואָרטלעכע בירגער. מען מוז אָבער זאָגן דעם אמת: דאָס אַלץ וואָלט נישט געשען — ווען דאָס וועלט־יידנטום, און קודם כל דאָס אַמעריקאַנער יידנטום — וואָלט דער מדינה נישט מיטגעהאָלפן. יעדער וואָס זאָרגט פאַרן המשך פון יידישן פאָלק אַלס נאַציאָנאַלע איינהייט, מוז פריער צי שפּעטער קומען צו דעם אויספיר, אַז די מערהייט פון פאָלק מוז זיך קאָנצענטרירן אין ארץ־ישראל און אַקטיוו מיטהעלפן אין דעם בוי פון דער מדינה. דערפאַר איז דאָ נישטאָ קיין רייד וועגן די, וואָס ווערן אויפגעפאָדערט און גיבן — פון איין זייט — און די, וואָס פאָדערן און נעמען פון דער אַנדערער זייט; עס איז פאַראַן א היסטאָרישע שותפות צווישן די טיילן פון פאָלק, וואָס לעבן אין גלות און אין מדינת ישראל. אַדאַנק דער דאָזיקער שותפות האָבן מיר אַבסאָרבירט העכער 900.000 יידן, וועלכע זענען געקומען אין משך פון די ערשטע צען יאָר און זענען צעשפּרייט געוואָרן איבערן לאַנד:

אין די שטעט און קאָלאָניעס	—	620.000
התישבות אין אַלע פאָרמען	—	165.000
צייטווייליקע וווין־ערטער	—	115.000

טראָץ אַלע שטרויכלונגען און פעלערן, טראָץ דעם, וואָס עס האָבן אויסגעפעלט פינאַנציעלע מיטלען האָבן גרויסע טיילן פון די עולים זיך איינגעלעבט אין ישראל, זיך פאַרוואָרצלט פיזיש און גייסטיק.

אין משך פון די צען יאָר האָבן 30.000 מענטשן דורכגעמאַכט די „אולפנים״, וועלכע ווערן אויסגעהאַלטן דורך דער מדינה און דער ציוניסטישער באַוועגונג — אַנשטאָלטן ווו דערוואַקסענע עולים גייען אַדורך אַ קורס פון העברעיש און דאָס דערמעגלעכט זיי זיך גיכער איינאָרדנען אין לאַנד. די גרויסע צאָל קורסאַנטן זענען פאָטערס פון משפחות — דאָס מיינט, אַז די אולפנים האָבן געהאָלפן אַבסאָרבירן איבער 100.000 נפשות.

סאָציאַלע פאַלן אין דער עליה

די עליה האָט אויך מיטגעבראַכט פיל קראַנקע און אינוואַלידן, עלטערע מענטשן, וואָס זענען שוין נישט מסוגל צו אַרבעטן און אויסהאַלטן זיך, און די מדינה און די געזעלשאַפט האָבן געמוזט נעמען אויף זיך דעם דאָזיקן עול. מען מוז נעמען אין באַטראַכט, אַז מיט דער ליקווידאַציע פון יידישע ישובים אין פאַרשידענע לענדער האָט מען נישט געקאָנט דאָרט איבערלאָזן דעם דאָזיקן אומבאַהאָלפענעם טייל פון ישוב. אין משך פון די צען יאָר זענען צו אונז אָנגעקומען 130.000 סאָציאַלע פאַלן, וועלכע זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אויפן פאָלגנדיקן אופן:

1.	אין אַנשטאַלטן	6.500
2.	אין מסחר	46.000
3.	אין ספּעציעלע ווערק־וואַרשטאַטן	2.500
4.	מיט דער הילף פון קרובים	7.500
5.	אין שטאַטישע דירות, מיט דער האָפנונג אַז זיי וועלן אַליין זיך געפינען פּרנסה	61.000
6.	אין דער לאַנדווירטשאַפט	3.300
7.	עס וואַרטן נאָך אויף איינאָרדנונג	3.200

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס האָט געפאָדערט אַ סך זאָרג, אינדיווידועלע באַהאַנדלונג און געוואַלטיקע אינוועסטיציעס.

וווינונג־פּראָבלעמען

בכדי צו אַבסאָרבירן די 900.000 עולים זענען געבויט געוואָרן צענדליקער טויזנטער דירות. די ערשטע צוויי יאָר האָט מען געקאָנט אויסנוצן דירות פאַרלאָזטע דורך אַראַבער, נאָכדעם ווי זיי זענען רעמאָנטירט געוואָרן דורך דער אָפּטיילונג פאַר קליטה, אָבער דורך דעם איז געלעזט געוואָרן נאָר אַ קלענער חלק פון דעם דירות־פּראָבלעם.

אין משך פון די צען יאָר זענען רעמאָנטירט און אויפגעבויט געוואָרן:

הייזער פון בעטאָן און ציגל־בוי קאָנסטרוקציע	88.399
אַזבעסט־באַראַקן	5,243
דירות וואָס האָבן זיך באַפרייט	6.217

אַרבעט און באַשעפטיקונג

טראָץ אַלע וויכטיקע דערגרייכונגען טאָר מען נישט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן אונדזער ציל נאָך ווייט נישט דערגרייכט. די צייט דריקט און אַרבעט קעגן אונדז. די פּאָליטישע געשעענישן אין צפון אַפריקע; די לאַגע פון יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד, די אַנטוויקלונגען אין אונגאַרן און אין פּוילן, די עקספּאַנסיע פון נאַצעריזם, — דאָס אַלץ באַווייזט, אַז אין פילע לענדער אין גלות וועט ווערן פאַר יידן אוממעגלעך צו לעבן רואיק. שוין היינט זענען פאַראַן העכער אַ מיליאָן יידן, וועלכע האָבן פאַרלוירן די זיכערקייט אין דער סטאַביליטעט פון זייער עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן. זייער פאַרמעגן איז נישט זיכער און אפילו זייער פיזישער קיום שטייט אין

געפאַר. מיר מוזן זיין גרייט זיי אויפנעמען. עס שטייט אונז פאָר זייער אַ שווערע אויפגאַבע. דאָס וועט זיין אַ סטיכישע עליה, אַן עליה פון פליטים און אנטרונענע, נישט געצוימט און נישט קאָנטראָלירט אין צייט, ציפערן און צוזאמענשטעל. מיר טאָרן זיך אויך נישט מאכן קיין אילוזיעס וועגן די מיטלען, וואָס וועלן שטיין אין אונזער רשות. דער איינציקער פונדאמענטאַלער און סטאַבילער פאַקטאָר, וואָס מיר קענען און דארפן באַזאָרגן באַצייטנס, דאָס זענען ארבעטס־פלעצער. און אַרבעט היינט צו טאָג קאָן זיין פאַרבונדן נאָר מיט באַפעלקערן און באַפרוכפּערן די וויסטעניש. דאָס מיינט התיישבות, דאָס מיינט בויען וווינונגען אין די געהעריקע ערטער. נישטאָ קיין אנדער וועג — דער ים ברעג קען מער נישט אבסאַרבירן קיין מאסן איינוואַנדערונג. מען מוז באַזעצן די גרענעצן און זייער פּעריפעריע. עס זענען נישטאָ קיין אויסזיכטן צו שאַפן אַ מיטל־קלאַס פון אַ טייל פון דער עליה און אים באַזעצן אין די שטעט. די עולים וואָס וועלן קומען וועלן זיין אַן מיטלען, און אויך די מדינה פאַרמאָגט נישט קיין געלט אויף דעם צוועק. עס איז אויך פאַראַן אַ סכנה אין די דאָזיקע פאַרשלאַגן וואָס שטאַמען פון די בירגערלעכע פּאַרטייען, חוץ דעם וואָס זיי זענען נישט דורכפירבאַר ווענדן זיי אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פון אונזער הויפּט־ציל — די אנטוויקלונג פון לאַנד, די קאָלאָניזאַציע פון די וויסטע טיילן, די פאַרגרעסערונג פון דער אינדוסטריעלער און לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע און פאַרשטאַרקונג פון עקספּאָרט.

ליידער, קענען מיר היינט צו טאָג נישט זאָגן, אַז עס איז געטאָן געוואָרן, אַלץ וואָס מען האָט געקאָנט, אין דער דאָזיקער ריכטונג. די אנטוויקלונגס־געביטן (אזורי פיתוח) — די הויפּט צענטערס פאַר אבסאָרבירונג פון עולים — געפינען זיך נישט אין דער פּאַסיגער לאַגע פאַר דעם צוועק פון קליטת עליה. די אינדוסטרי איז אַהין נישט אַריין אין דער געהעריקער מאָס, און די באַפעלקערונג לעבט דאָרט פון נויט־אַרבעטן. אויף אַזאַ אופן וועלן מיר נישט גיין פאָרויס, די אינדוסטריאַליזאַציע פון לאַנד מוז אנגיין צוזאמען מיט דער צעטיילונג און צעשפּרייטונג פון דער עליה. דאָס, וואָס עס פעלט אינדוסטרי אין די הויפּט־צענטערס פון קליטה, איז איינע פון די גרעסטע שטערונגען פאַר דער צוקונפטיקער עליה. מען מוז פאַרברייטערן די ארבעטס־מעגלעכקייטן אין די אנטוויקלונגס־געביטן, כדי די עולים זאָלן קענען ארבעטן, ווייל דאָס איז זייער עלעמענטאַרע רעכט. דאָס מיינט וואַסער, וואַסער־לייטונג, מעכאַניזאַציע.

אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. מען טאָר זיך נישט באַגנוגענען בלויז מיט מאַטעריעלער פאַרזאָרגונג. עס מוזן אויך אָנגענומען ווערן מיטלען פאַר קולטורעלער קליטה פון די עולים אין ישראלדיקן לעבן. מען מוז געדענקען, אַז די עולים, וואָס וועלן קומען, זענען אין זייער מערהייט אַ שטאָטישער עלעמענט. זיי האָבן נישט קיין לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַרגאַנגענהייט, אַ טייל פון זיי האָט קיינמאָל זיך נישט פאַרנומען מיט פיזישער אַרבעט. זיי זענען געוווינט צו אַ שטאָטישן לעבנס־שטייגער. אַלע נייע קאָלאָניזאַציע־פּונקטן מוזן באַזאָרגט ווערן מיט שטאָטישע אַטריבוטן. עולים וואָס באַזעצן זיך אין נגב מוזן געניסן פון פּריאָריטעטן, און נישט פאַרקערט, ווי די לאַגע איז היינט. די אינסטאַלאַציע פון אַ טעלעפאָן אין תל־אביב קאָסט 300 פונט, אין נגב בערך צען מאָל אַזוי פיל. עלעקטרי איז פאַראַן אין תל־אביב און נישט אין נגב, וווינונגען לעבן תל־אביב זענען בעסערע ווי די וווינונגען אין דער התישבות. קולטור, קונסט, ווי אויך פאַרווייַלונגען, זענען פאַראַן אין תל־אביב און חיפה, אבער נישט דאָרט. דערפאַר איז אַזוי שווער, דערפאַר זענען די חבלי־קליטה אַזוי פּיינלעך. די לאַגע מוז זיך ענדערן, דער נגב און די התישבות מוזן באַקומען פּריאָריטעט, דורך בעסערע וווינונגען און בעסערע לעבנס־באַדינגונגען.

ליידער, דערשרעקן זיך פילע פאַראַנטוואָרטלעכע טוער אין דער מדינה צוליב די שוועריקייטן פון קליטת עליה און זיי הויבן אָן טראַכטן וועגן באַשרענקן די איינוואַנדערונג. מוז מען געדענקען אַז דאָס באַגרענעצן די איצטיקע קליינע עליה וועט איינשרומפּן אונדזער פעיקייט צו אבסאָרבירן די גרויסע עליה, וואָס דאַרף נאָך קומען. דער עצם באַשטימען עליה־קוואָטעס דערשטיקט בכלל די עליה.

בעת מיר רעדן וועגן אָבסאָרבירן דעם דריטן מיליאָן, לאָמיר נישט פאַרגעסן אַז די סאָציאַלע איבערשטאַלטונג פון אַ מיליאָן יידן איז נישט קיין לייכטע זאַך. עס איז פיל שווערער און קאָמפּליצירטער צו פאַרוואַנדלען אַ ייד אין אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן אַרבעטער, איידער אים איבערלאָזן אַלס שניידער. אין אַ לאַנדווירט מוז מען אינוועסטירן 30.000 פונט, בעת פאַר

איינאָרדנען א שניידער ביי זיין פאַך איז גענוג א 5.000 פונט: א דירה, א ניי־מאשין און א ביסל רוי־מאַטעריאַל, — עס איז אָבער פאַראַן א פונדאַמענטאַלער אונטערשיד: דער לאַנדווירט וועט בלייבן ביי זיין באַשעפטיקונג, און מען וועט שטענדיק קויפן ביי אים זיין גרינס און ברויט, אָבער די שניידער — זענען שוין היינט נישט נויטיק אין ארץ־ישראל. און נישט נאָר שניידעריי — פאַראַן פיל פרנסות, וועלכע מען ברויכט נישט אין לאַנד. איז דעריבער נויטיק א סאָציאַלע איבערשיכטונג.

אַ צווייטער פּראָבלעם: ס׳זענען פאַראַן פיל געזונטע ענערגישע עולים, וואָס ווערן פאַרנאַכ־לעסיקט און פארוואנדלט אין „סאָציאַלע פאַלן״. דעריבער זענען פאראן אזוי פיל פארביטערטע מענטשן, וואָס נויטיקן זיך אין מאַטעריעלער אונטערשטיצונג, און נאָך מער אין גייסטיקער הילף. אויך דאָ פאָדערן זיך ענדערונגען און פארבעסערונגען. מען מוז ענדערן דעם פאלשן צוגאנג און שאפן ארבעט פאר עלטערע מענשן, מען מוז זיי אבסארבירן אויף ארבעטס־פלעצער טראָץ דער „אומבאקוועמלעכקייט״ וואָס איז מיט דעם פארבונדן, און וועלכע אין לכתחילה אויפגעב־לאָזן געוואָרן דורך פארשידענע פאקטאָרן אין לאנד.

מיר מוזן ליקווידירן דאָס געפיל פון דיסקרימינאציע וועלכער עקזיסטירט אין די שטאָטישע פעריפעריעס, און דער עיקר אין די אנטוויקלונגס־געביטן. די עולים פון טוניס און מאראָקאָ זעען, אז די עולים פון אייראָפּע אנטלויפן פון די ערטער, ווו מען האָט זיי באזעצט, גייען אריבער אין תל־אביב און אנדערע שטעט, קריגן הילף פון קרובים און הלוואות פון די אנשטאלטן, און אָרדנען זיך איין ביי ארבעט. די וואָס אָרדנען זיך נישט איין, געהערן שטענדיק צו די מזרח־עדות, דאָס איז דער חלק פון יישוב וועמען עס פעלן אפילו די מינימאלע באדינגונגען. זעלבסטפארשטענדלעך, אַז זיי ווערן באַהערשט דורך אַ געפיל פון קריוודע און באַוועלטקייט.

איידער מיר הויבן אָן צו אַבסאָרבירן דעם דריטן מיליאָן, מוז מען פולשטענדיק אַבסאָרבירן אלע טיילן פון דער עליה פון ערשטן יארצענדליק, וואָס האָבן זיך נאָך נישט איינגעלעבט און נישט איינגעאָרדנט, וועלכע וואנדערן נאָך און אנטלויפן פון די אנטוויקלונגס־געביטן קיין תל־אביב און אייניקע פון זיי זוכן אפילו וועגן אויף אַרויסצופאָרן פון ישראל. עס איז קלאָר, אַז אמתדיקע קליטה פון עולים, און צוזאמענשמעלצונג פון עדות איז נישט קיין איינמאליקער אקט, נאר א לאנגער פּראָצעס. מען קען און דאַרף אָבער דעם דאָזיקן פּראָצעס צואיילן און פארקירצן. מיר האָבן עס נאָך כמעט נישט געטאָן, מיר מוזן עס טאָן.

די ישראל־באַפעלקערונג - פארן דריטן מיליאן

כדי צו פארזיכערן די קליטה פון דער קומענדיקער עליה, וועלן מיר פאָדערן א גרעסערע הילף פון דעם וועלט־יידנטום, און קודם כל פון די יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אָבער אויך די ישראלדיקע באַפעלקערונג וועלן מיר נישט באַפרייען פון דעם דאָזיקן עול. אויך זי וועט זיך מוזן טיילן מיט פרנסה, כדי אבסארבירן די ניי־געקומענע. מיר דארפן איינפירן אין לאנד, אז דער פארקויף פון טאבאק און סיגארעטן־מאַנאָפּאָלן א. א. וו. זאָל איבערגעגעבן ווערן נאָר אינוואַלידן און אַלטע לייט. מיר וועלן אויך אויפפאַסן, אַז דער מענטשן־מאַטעריאַל אין לאַנד זאָל פארטיילט ווערן אויף אַן אנדערן אופן. עס איז אומדערלאָזבאר אז עלטערע עולים, וואָס זענען נאָך ארבעטס־פעיק זאָלן נישט קענען געפינען ארבעט, און זאָלן פארוואנדלט ווערן אין קאַנדידאַטן פאַר סאָציאַלער שטיצע, בעת די ביוראָען זענען איבערפולט מיט יונגעלייט. אויב עס וועט סוף כל סוף איינגעפירט ווערן אין לאַנד אַ גערעכטע פאַרטיילונג פון מענטשן־מאַטע־ריאַל; אויב דער קאַפּיטאַל וועט געוועגדעט ווערן אין דער געהעריקער ריכטונג, אויב מיר וועלן פאַרגרעסערן אונדזער לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע און וועלן זיך נישט נויטיקן אין אימפּאָרט פון געברויך־אַרטיקלען, וועט זיך דאַן באַוויזן, ווי גרויס עס זענען אונדזערע אינער־לעכע כוחות און ווי גרויס עס זענען די מעגלעכקייטן פון דער מדינה צו אבסארבירן נייע עולים.

דעם דאָזיקן חשבון דאַרף מען מאכן טאָג־טעגלעך, מיר טאָרן נישט רוען. און ווייל עס פעלט נאָך די געהעריקע פאַרשטענדעניש און גרייטקייט צו מאַכן דעם דאָזיקן חשבון און אַלץ, וואָס דרינגט פון אים אַרויס — איז עס די פליכט פון אונדזער באַוועגונג אומאויפהערלעך מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען, כדי צו באַגעגענען דעם דריטן מיליאָן און אים העלפן זיך איינוואָרצלען אין לאַנד.

י. וואַשטשינאַ

די הסתדרות - פראָבלעמען און אויפגאַבן

די הסתדרות איז נישט נאָר די גרעסטע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע אין ישראל; אין הינזיכט פון דער צאָל מיטגלידער און דעם פאַרנעם פון איר טעטיקייט אויף פאַרשידענע געביטן — איבערשטייגט זי אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס צוזאַמען. העכער 55% פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד, וואָס מאַכט אויס קרוב א מיליאָן נפשות — זענען היינט צו טאָג אַנגעשלאָסן אין דער הסתדרות. צוויי דריטל פונעם יידישן ישוב, ד. ה. אַן ערך אַ מיליאָן מיט אַ פערטל נפשות, געניסן פון מעדיצינישער הילף דורך דער פאַרמיטלונג פון קופת־חולים ביי דער הסתדרות.

די גרויס און אומפאַנג פון דער הסתדרות קומט אויך בולט צום אויסדרוק אויפן געביט פון אָרגאַניזירן די לוין־אַרבעטער: די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג נעמט אַרום בערך 90% פון אַלע אַרבעטנדיקע: טאָג־לוין האַרעפּאַשניקעס, אינדוסטריעלע און לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, באַאַמטע, לערער, אינזשעניערן, דאָקטוירים און אַנדערע פרייע פּראָפעסיעס. אויף יעדע הונדערט אַרבעטנדיקע אין לאַנד, וואָס לעבן פון אַרבעטס־לוין — זענען ניינציק פאַרבונדן מיט דער הסתדרות. די דאָזיקע דערשיינונג האָט כמעט נישט אירס גלייכן אין קיין שום אַרט אויף דער וועלט.

קרוב אַ דריטל פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער איז באַשעפטיקט אין דער אַרבעטער־ווירטשאַפט (משק הפועלים). אין אַלע פאָרמען און ראַמען פון דער אַרבעטער־ווירטשאַפט: קאָאָפּעראַטיווער און אַדמיניסטראַטיווער (אינדוסטרי, בוי, שטיינהאַקערייען א. א. וו.).

אין ערשטן יאָרצענדליק פון אונדזער זעלבשטענדיקייט, ווען דער ישוב האָט זיך אויסגעברייטערט און געוואַקסן אין א שנעלע טעמפּאָ, איז נישט נאָר וואָס די הסתדרות נישט געבליבן הינטערשטעליק אין איר וווקס און טעטיקייט, נאָר איר כוח און וואָג איז פאַרהעלטנישמעסיק באַדייטנדיק געשטיגן.

די פאָלגנדיקע ציפערן שפּיגלען אָפּ אויף א בולטן אופן דעם כוח־אויפשטייג און די וואָגיקייט פון דער הסתדרות אין ערשטן יאָרצענדליק פון מדינת ישראל:

זינט דעם אויפקום פון דער מדינה (1948) ביז סוף 1957 האָט די יידישע באַפעלקערונג אין לאַנד זיך פאַרגרעסערט פון 713.000 נפשות אויף 1.760.000 (2.74). אין זעלבן צייט־אָפּשניט האָט די הסתדרות פאַרגרעסערט איר צאָל מיטגלידער פון 175,000 אויף 615,000 (3.5) און די צאָל נפשות אין דער הסתדרות איז געשטיגן פון 268 טויזנט (1948) ביז קרוב אַ מיליאָן.

די אַרבעטער־ווירטשאַפט (משק הפועלים) פּראָדוצירט העכער 30% פון דער נאַציאָנאַלער פּראָדוקציע און זי איז היינט דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג פונם לאַנד, אין דער לאַנדווירטשאַפט ווי אויך אין דער אינדוסטרי.

אין א פיל גרעסערער מאָס האָט זיך אין אָט דער תקופה אויסגעברייטערט די סאָציאַלע טעטיקייט פון דער הסתדרות. עס האָבן זיך פאַרגרעסערט און עס זענען געשאַפן געוואָרן פאַרזיכערונגס־פאָנדן א דאַנק וועלכע הונדערטער טויזנטער אַרבעטער זענען פאַרזיכערט אין פאַל פון קראַנקהייט, אַרבעט־אומגליקן, עלטער א. ד. גל. די צאָל פון די פאַרזיכערטע און דער אומפאַנג פון דער פאַרזיכערונג האָלטן אין איין שטייגן און דערגרייכן שוין ביז 350 טויזנט.

די דאָזיקע גלענצנדיקע דערגרייכונגען, קענען אָבער נישט פאַרשטעלן פאַר אונדז די אָפּווייכונגען און געפאַרן, וועלכע מערקן זיך אין די לעצטע יאָרן אין דער טעטיקייט און אין די שטרעבונגען פון דער הסתדרות. די דאָזיקע אָפּווייכונגען זענען עלול אונטערצוגראָבן די יסודות פון דער הסתדרות אין שעדיקן איר אַנטוויקלונג, במשך פון דער דאָזיקער גאַנצער תקופה און

באַזונדערס אין דער לעצטער צייט מערקן זיך פּראָצעסן און דערשיינונגען, וועלכע רופן ארויס טיפע זאָרג: דאָס אויסברייטערן זיך פון דער דיפערענץ אין לוינען צווישן די פיזישע ארבעטער און דער ארבעטנדיקער אינטעליגענץ; די פּרווון אפצוזונדערן זיך פון דער אלגעמיינער הסתדרות־ראַם; אראָפּנידערן די באַדייטונג פון דער ארבעטער־התישבות; קעגנערשאַפט צו דער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט פון דער הסתדרות — דאָס זענען אַלץ פאַקטאָרן, וועלכע שוואַכן אָפּ די הסתדרות און איר אינערלעכע צעמענטירונג.

אַ דאַנק די חלוצישע ווערטן פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט, האָט די הסתדרות דערגרייכט אַזאַ הויכע מדרגה. איר כוח און אומאָויפהערלעכער וווקס זענען אין דער ערשטער ריי אַ רעזולטאַט פון דערפילן די באַשטימונגען און אויפגאַבן, וואָס די הסתדרות האָט אויף זיך גענומען כדי צו ענטפערן אויף די היסטאָרישע און אַקטועלע באַדערפענישן פונם פאָלק און פון אַרבעטער־קלאַס. דאָס איז דערמעגלעכט געוואָרן אַדאַנק דעם, וואָס אין איר טעטיקייט איז די הסתדרות באַוועגט געוואָרן דורך די גרונט־יסודות פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטיש־חלוצישער אַרבעטער־באַוועגונג.

די אויפגאבן פון דער הסתדרות

די ספּעציפישקייט פון דער הסתדרות באַשטייט קודם כל אין דעם, וואָס זי איז נישט בלויז אַ „טרייד־יוניאָן"־באַוועגונג; זי איז נישט נאָר אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַרבאַנד וואָס אָרגאַניזירט די אַרבעטער און פאַרטיידיקט זייערע רעכט. די הסתדרות מיט אַלע אירע אָפּטיילונגען און סעקטאָרן שפּילט פון תמיד אָן די וויכטיקסטע ראָל ביים פאַרווירקלעכן די שטרעבונג צו נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג פון יידישן פאָלק און איר אויפגאַבע איז צו פאַרוואַנדלען די יידישע מאַסן אין אַן אַרבעטנדיק פאָלק אין זיין סווערענער מדינה, פאַרוואָרצלט אין באָדן, אין דער אינדוסטרי, אין האַנטווערק און אין דער אייגענער נאַציאָנאַלער קולטור און וויסנשאַפט. אויסער דער אויפגאַבע פון אָרגאַניזירן די אַרבעטער־מאַסן, האָט די הסתדרות אויף זיך גענומען אויך די אויפגאַבן פון התישבות, פון שאַפן אַרבעטס־קוואַלן און אויסבויען אַן אייגענע אַרבעטער־ווירטשאַפט, און באַדייטנדיקע אויפגאַבן אויפן געביט פון זיכערהייט און קולטור־טעטיקייט.

די זאָרג פאַרן לוין־אַרבעטער, דאָס שיצן זיינע רעכט, דער אומאויפהערלעכער קאַמף פאַר אַן אַנשטענדיקן לעבנס־סטאַנדאַרט פאַרן ארבעטער און אָנגעשטעלטן, נישט לאָזן אים עקספּלאָאַטירן און באַוועלן; די באַמיאונגען אויפצוהויבן דעם פּראָפעסיאָנעלן ניוואָ פון צענדליקער טויזנטער ארבעטער; דאָס אומאויפהערלעכע שטרעבן צוצוציען וואָס מער ארבעטער און אויפקלערן די ווייניק באַוווסטזיניקע, צו פאַרוואַנדלען לומפּנפּראָלעטאַריער אין אַן אָרגאַניזירטן און צעמענטירטן אַרבעטער־כוח — די דאָזיקע פאַרצווייגטע טעטיקייט פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג האָט נישט נאָר אַ סאָציאַלע, נאָר אויך אַ גרויסע פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע באַדייטונג.

די ארבעטער־באַוועגונג אין לאַנד האָט אַנגעווענדעט אַזעלכע אָרגאַניזיר־מיטלען און וועגן, וואָס זענען נישט געווען אנגענומען אין קיין שום אַנדער לאַנד און האָט אויסגעשמידט פאַר זיך ספּעציעלע אינסטרומענטן אויף צו רעאַליזירן אירע צילן. איינער פון זיי איז — דער ארבעטער־ראַט (מועצת הפועלים), וועלכער פאַרנעמט זיך, פּונקט ווי די גאַנצע הסתדרות, סיי מיט פּראָפעסיאָנעלער ארגאַניזירונג און סיי מיט אַנדערע טעטיקייטן אויף פאַרשידענע געביטן: אויפנעמען די עליה, אויפקלערונג, פּראָפעסיאָנעלע אויסבילדונג א. א. וו.

וואָס מער עס האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל לוין־ארבעטער אין לאַנד, האָבן זיך געהאַלטן אין פאַרמערן און צוקומען נייע ארגאַניזיר פאָרמען. מיט א צען יאָר צוריק זענען געשאַפן געוואָרן לאַנד־אַרגאַניזאַציעס פאַר פאַרשידענע פּראָפעסיעס, וואָס האָבן פריער עקזיסטירט בלויז פאַר באַאַמטע און בוי־אַרבעטער. היינט־צו־טאָג עקזיסטירן קרוב 30 לאַנד־פאַרבאַנדן און אַרגאַניזאַציעס פון פאַרשידענע ווירטשאַפטס צווייגן און פאַכן ווי אויך לאַנד־קאָמיטעטן און אונטערנעמונגען, וועלכע טראָגן אַן אַלגעמיינעם לאַנד־כאַראַקטער (אַנגעשטעלטע פון קופּת־חולים, סוכנות, תנובה, עלעקטרי־געזעלשאַפט א. אנד.).

די גרונט־באַזע פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין איז דאָס הויפּט־קאָמערל — די ארבעטער אָרגאַניזאַציע אויפן אַרבעטס־פּלאַץ. די טויזנטער אַרבעטער־קאָמיטעטן־מיטגלידער, וועלכע טראָגן דעם יאָך און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די אַרבעטער־אינטערעסן אויף די ערטער,

דעפּרעזענטירן די אַרבעטער כלפּי דעם אַרבעטס־געבער און פאַרנעמען זיך מיט די טאָג־טעגלעכע אָנגעלעגנהייטן פון זייערע חברים (קלאַסיפיקאַציע, אורלויבן, געזונטהייט א. א. וו). — זיי בילדן דעם עיקרדיקן אַקטיוויסטן־שיכט פונעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין און פון דער הסתדרות אין אַלע טעטיקייט־צווייגן.

אין פאַרשידענע לענדער דערגייט די צאָל לוין־אַרבעטער, וועלכע זענען באַשעפטיקט אין דער געזעלשאַפטלעכער ווירטשאַפט ביז 15—25 פּראָצענט פון דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט. ביי אונז אין לאַנד זענען 60% פון די הסתדרות־מיטגלידער באַשעפטיקט ביי דער געזעלשאַפטלעכער ווירטשאַפט, אין מדינה־אַפּאַראַט און אין דער אייגענער ווירטשאַפט פון דער הסתדרות, ווייל אין ישראל געפינען זיך די רייכטימער און אוצרות פון לאַנד (באָדן, וואַסער, מינעראַלן) און די וויכטיקסטע צווייגן (האַנדלס־פלאָט, אַוויאַציע, אייזנבאַן, געזעלשאַפטלעכע קאָמוניקאַציע) ווי אויך יסודתדיקע אונטערנעמונגען (מיליטערישע אינדוסטריע, אייזנגיסעריי, גלאָז־הוטעס, צעמענט, שטיינהאַקערייען, שיפן־רעפּעראַציעס און נאָך) — אין רשות פון דער מדינה, הסתדרות און דער געזעלשאַפט. די דאָזיקע פאַקטן גיבן צו א ספּעציפישן כאַראַקטער דער טעטיקייט פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין ביי אונדז אין לאַנד.

דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין — וועלכער איז איינגעגלידערט אין דער אַלגעמיינער קלאַסן־אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעטערשאַפט און באַטייליקט זיך אין אירע וויכטיקע אויפגאַבן — איז דער רוקנביין פון דער הסתדרות.

דער קאַמף פון די לוין־אַרבעטער צו פאַרקלענערן די עקספּלאַטאַציע, דורך אפהיטן דעם רעאַלן ווערט פון לוין און זיין העכערונג, אויסבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען און די סאָציאַלע רעכט — שטעלט מיט זיך פאַר א פּאָזיטיוון פאַקטאָר פאַרן פאָרשריט פון דער ווירטשאַפט פון לאַנד. דער דאָזיקער קאַמף שטויסט די אַרבעטס־געבער אָנצונעמען מיטלען פון ראַציאָנאַליזאַציע, מעכאַניזאַציע און אַרבעטס־פאָרמען, וועלכע פאַרגרעסערן די פּראָדוקטיוויטעט אין די פאַרשידענע אונטערנעמונגען.

די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג קען נישט זיין גלייכגילטיק לגבי דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער פּאָליטיק פון דער מדינה, ווייל אירע ראַנגלענישן און דערגרייכונגען זענען אין אַ גרויסער מאָס אפּהענגיק פון דעם. די לוין־העכערונג וועט נישט האָבן קיין שום באַדייט, אויב די דערגרייכטע הוספה וועט צונישט ווערן צוליבן אַראָפּנידערן דעם רעאַלן ווערט פונם לוין.

אַלע פאַקטאָרן, וואָס האָבן אן איינפלוס אויף דער געשטאַלטונג פון דער מדינה־עקאָנאָמיק און אויף דעם לעבנס־סטאַנדאַרט, דאַרפן באַטראַכט און באַהאַנדלט ווערן דורכן פּראָפעסיאָנעלן פאַריין; ווייל עס איז פאַראַן אן אומאָפּטיילבארע פאַרבינדונג צווישן פּראָפעסיאָנעלן און פּאָליטישן קאַמף פון די אַרבעטער. —

פאַרשידענע וועגן צום ציל

דער קלאַסן־קאַמף פירט זיך אין דער געזעלשאַפט אויף אַלע לעבנס־געביטן — אין דער ווירטשאַפט, קולטור און דערציאונג, אויפן געביט פון התישבות און אַנטוויקלונג און איז גערעכנט פאַר דער מאַכט. דער קאַמף פאַר העכערן דעם לעבנס־ניוואָ פון די אַרבעטנדיקע מיט דער הילף פון פאַרטיידיקן דעם לוין און בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען — דאָס איז דער ערשטער שטאַפּל פון סאָציאַלן קאַמף, וועלכער פירט זיך אין ישראל.

די באַמיאונגען צו העכערן דעם לעבנס־ניוואָ פון די אַרבעטנדיקע, פאָדערן אומבאַדינגט פיל אויפמערקזאַמקייט און אָנשטרענגונגען, כדי צו פאַרגרעסערן דעם קוואַנטום פון מאַטעריעלע ווערטן. אָבער די נאַטירלעכע רייכטימער פון אונדזער לאַנד זענען ליידער דערווייל נאָר אין סטאַדיע פון פּאָטענציעלע ווערטן, וועלכע מוזן ערשט אַנטדעקט און אַנטוויקלט ווערן, דאַקעגן זענען דער פאַרנעם פון דער פּראָדוקציע און דער פּראָדוקציע־ניוואָ אַזעלכע פאַקטאָרן, וואָס קאָנען געהעכערט און פאַרגרעסערט ווערן דורך דער מדינה, קאַפּיטאַל און אַרבעטס־הענט.

דער הויפּט־וועג, אויף וועלכן עס גייען און פּראָגרעסירן די אַרבעטער מיטן ציל צו פאַרגרעסערן דעם אומפאַנג פון דער פּראָדוקציע און צו הויבן די אַרבעטס־פּראָדוקטיווקייט — דאָס איז די אייגענע ווירטשאַפט, אין וועלכער די אַרבעטער זענען די באַזיצער פון די פּראָדוציר־מיטלען און פון די מיטלען פאַר אַנטוויקלונג און זיי טראָגן די אַחריות פאַר דער פּלאַנירונג און אַדמיניסטראַציע. די הסתדרות האָט זיך אָבער קיינמאָל נישט באַצויגן פרעמד צו די באַדערפע־

בישן פון דער ווירטשאַפט בכלל. זי דערציט און אינסטרואירט די אַרבעטער צו פאַראַנטוואָרט־לעכקייט ביי דער אַרבעט, צו זאָרגן פאַר דער ווירטשאַפט און פאַר דער אַרבעט־פּראָדוקטיוויטעט. פּראָפעסיאָנעלע צוגרייטונג און פאַך־פאַרפולקאָמונג פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין איר טעטיקייט.

די אַרבעטער־ווירטשאַפט באַשעפטיקט קרוב 162 טויזנט אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, (40% פון אַלע באַשפייזער אין לאַנד), אָרגאַניזירטע אין דער הסתדרות. איר געוויכט אין פאַרשידענע פּראָדוקציע־צווייגן שטעלט זיך פאַר אַזוי: אין דער לאַנדווירטשאַפט — 70%, אין דער אינדוסטרי (אויסער האַנטווערקער) — 25%, אין בוי — 40%, אין קאָמוניקאַציע — 30%, אין שיף־וועזן — 30%.

דער אָנטייל פון דער אַרבעטער־ווירטשאַפט אין דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער הכנסה ווערט געשאַצט אין לעצטן יאָר בערך 30%.

די הסתדרותישע ווירטשאפט איז געבויט אויף דריי פארשידענע פארמאציעס: די קיבוצישע, די קאָאָפּעראַטיווע און די אדמיניסטראטיווע.

דער לאַנדווירטשאַפטלעכער סעקטאָר, אויסער די אונטערנעמונגען פון „יכין־חקל", איז אינגאַנצן איינגעשלאָסן אין דער קיבוצישער און מושבישער ראַם, ווייל דער באָדן און די פּראָדוציר־מיטלען געפינען זיך אין באַזיץ פון די אַרבעטער און אויף זייער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

די קאָמוניקאַציע־ווירטשאַפט, מיט וועלכער עס דיספּאָנירט די הסתדרות, איז אינגאַנצן אָרגאַניזירט (אויסער די קאָמוניקאַציע־אונטערנעמונגען פון „סולל־בונה" און פון די אַגראַר־ווירטשאַפטן) אויף אַ קאָאָפּעראַטיוון יסוד, אין באַזיץ פון די אַרבעטער. די אָנגעהעריקייט צום קאָאָפּעראַטיוו איז פאַרבונדן מיט אַ פינאַנסיעלער אינוועסטיציע (אַקציע). אין דאָזיקן סעקטאָר איז די לעצטע יאָרן פאַרשאַרפט געוואָרן דער פּראָבלעם פון לוין־אַרבעט, ווייל די צאָל לוין־אַרבעטער אין אַט דעם קאָאָפּעראַטיוון סעקטאָר איז נישט קלענער פון דער צאָל מיטגלידער.

אין דער בוי־אינדוסטרי און אין שיפס־וועזן האָט זיך אַנטוויקלט דער עיקר די פאָרם פון אַדמיניסטראַטיווער ווירטשאַפט, צב"ש „סולל בונה", „צים", א. אַנד. (אויסער די פישער און שיף־אונטערנעמונגען פון הקבוץ המאוחד).

פארוואס קעמפט אחה"ע־פּוע"צ?

אין פאַרגלייך מיט אַנדערע לענדער געפינט זיך אונדזער לאַנד אויפן נידעריקסטן שטאַפּל לגבי דער צאָל באַשפּייזער. בלויז 38 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג געהערן צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע. אָבער אויך דער פאַנאַנדערטייל פון די באַשפייזער לויט די באַזונדערע צווייגן ווייזט נישט קיין בילד פון אַ געזונטער ווירטשאַפט. בלויז 36 פּראָצענט פון אַלע באַשפּיי־זער זענען באַשעפטיקט אין די פּראָדוקציע־צווייגן! אין דער לאַנדווירטשאַפט — (14,4%) און אין דער אינדוסטרי (21.4%). די איבעריקע זענען באַשעפטיקט אין האַנדל, פינאַנסן, באַדינונג — (45%), בוי — (8,3%), טראַנספּאָרט און קאָמוניקאַציע — (6,5%).

דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין קאָן נישט דינען ווי אַן אינסטרומענט אויסצוהיילן אַלע וווּנדן פון דער ווירטשאַפט, אָבער אויך וויפל ער איז יאָ בכוח אין אַ געוויסער מאָס צו ריכטן **די אַרבעטער אין די פאַרשידענע ווירטשאַפטס־צווייגן, איז זיין אויפגאַבע פּאָפּולאַריזירן די וויכטיקייט פון די שעפערישע פּראָדוקטיווע אַרבעטן, כדי זיי זאָלן האָבן א צוציאונגס־קראַפט פאַר די אַרבעטער.**

דער אַרבעטס־לוין פון א העלפט פון אַלע לוין־אַרבעטער באַטרעפט נישט מער פון 230 ל"י חודשלעך; פון זיי דערגרייכן נישט 50% צו 200 ל"י א מאָנאַט (און דאָס — חוץ די אַרבעטסלאָזע) דער דאָזיקער מצב פאַרפליכטעט אומבאַדינגט אַרויסצוהייבן די אָפּגעשטאַנענע שיכטן, וועלכע זענען היינטערשטעליק אין זייער לוין און אין זייערע אַרבעטס־באַדינגונגען. דאָס איז נישט בלויז א פראַגע פון אויסבעסערן א סאָציאַלן און געזעלשאַפטלעכן אומרעכט, נאָר א דרינגענדיקע וויטוועדיקייט פאַר דער ישראַלדיקער ווירטשאַפט. העכערן דעם לוין, פאַרזיכערן באַשעפטיקונג פאַר די צוריקגעשטאַנענע שיכטן, וועט העלפן פאַרוואָרצלען די עליה אין לאַנד, וועט אויסמיידן געזעלשאַפטלעכע שטרויכלונגען און וועט גלייכצייטיק שטאַרקן די ווירטשאַפט.

מיטן אויפקום פון דער מדינה האָט די רעגירונג אויף זיך גענומען צו זאָרגן פאַר דער פאַרגרעסערונג פון דער סאָציאַלער פאַרזיכערונג אין לאַנד. אין יאָר 1954 איז געשאַפן געוואָרן

און אנגעהויבן איר טעטיקייט די אינסטיטוציע פאר נאציאָנאַלער פארזיכערונג, וועלכע פארנעמט זיך איצט מיט פארזיכערונג פון עלטער, שטיצע פאר מוטערשאפט און פארזיכערן לוין־ארבעטער פון ארבעטס־פארפאלן. אין אפריל ד. י. האָט מען אנגעהויבן אויסצאָלן פענסיע פאר זקנים. די וויכטיקסטע רעכט אָבער, אויפן סאָציאלן געביט, האָבן די ארבעטער דערגרייכט דורכן פראפעסיאנעלן קאמף במשך פון א סך יאָרן; הייינט־צו־טאָג איז כמעט נישטאָ קיין איין אונטערנעמונג אָדער ארגאניזירטער ארבעטס־פלאץ, ווי קליין ער זאָל נישט זיין, ווו די ארבעטער זאָלן נישט געניסן פון סאָציאלע באדינגונגען. איינער פון די וויכטיקסטע יסודות אין די ארבעטס־אָפמאַכן, צי דאָס זענען קאָלעקטיווע, אָרטיקע אָדער פון לאַנדס־מאַסשטאַב — דאָס זענען די גענויע פעסטשטעלונגען פון די אַרבעטס־ און סאָציאַלע באַדינגונגען.

סאציאלע דערגרײכונגען

די וויכטיקסטע סאָציאַלע באַדינגונגען ווערן מער ווייניקער פעסטגעשטעלט אין פאָלגנדיקע 10 פאַראַגראַפן: 1) יערלעכער אורלויב; 2) נאַציאָנאַלע פאַרזיכערונג (עלטער, מוטערשאַפט, אַרבעטס־פאָרפאַל); 3) אַנטשעדיקונג פאַר אַרבעטס־פאָרפאַלן (אַ צוגאָב צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזיכערונג; 4) יום־טוב־טעג; 5) פאַרגלייך־פאָנד פאַר רעזערוויסטן; 6) פאַראַלעלער שפּיטאָל־שטייער; 7) פענסיע־פאָנד; 8) קינדיקונגס־אַנטשעדיקונג; 9) באַטייליקונג אין אורלויב־הוצאות; 10) קראַנקהייט־שטיצע. אויסער די אויבנדערמאָנטע דערגרייכונגען זענען אין אַ גאַנצער ריי אַרבעטס־פלעצער איינגעקעמפט געוואָרן די רעכט אויף אַרבעטס־קליידער און שיך, באַטייליקונג מצד די אַרבעטס־געבער אין אויסהאַלטן קיכן א. א. וו. די סאָציאַלע באַדינגונגען מאַכן אויס אַ היבשן פּראָצענט פון אַרבעטס־לוין און דערגרייכן אין דער אינדוסטריע ביז 24,4—26,6 פּראָצענט (אין דרוקעריי־פאַך — ביז 34,7), די סאָציאַלע באַדינגונגען אין „כור" הויבן זיך אָן פון מינימום 27,6 און דערגייען ביז 36 פּראָצענט. אָנגעשטעלטע פון די הסתדרותישע אינסטיטוציעס — מינימום 27,2 — מאַקסימום 31,5 פּראָצענט. מדינה־אָנגעשטעלטע — מינימום 25,6 — מאַקסימום — 29,9 פּראָצענט.

דער צענטראַלער פּראָבלעם אויפן געביט פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג, וואָס האָט נאָך ביז איצט נישט געפונען קיין לעזונג איז: די פאַרזיכערונג אין פאַל פון אַרבעטסלאָזיקייט, פאַר דעם ראַנגלען מיר זיך אומאויפהערלעך. די פּראַגע איז גאָרנישט אַזאַ איינפאַכע. אין אַ לאַנד פון אומאויפהערלעכער עליה, ווי אונדזער מדינה, ווערט די פּראַגע פון פולער באַשעפטיקונג נישט אויסגעשעפט מיט פאַרזיכערן שטענדיקע אַרבעט פאַר די פאַראַנענע אַרבעטער. דאָס הויפּט־פּראָבלעם באַשטייט אין איבערפירן די נייע עולים צו אַרבעט. אַבסאָרבירן זיי אין אַרבעט און איבערהויפּט אין פיזישער אַרבעט, — דאָס איז איינע פון די הויפּט־שוועריקייטן אינעם קליטה־פּראָצעס. גלייכצייטיק אָבער טאָר מען נישט פאַרגעסן, אַז עס עקזיסטירט אַ פּראָבלעם פון אַרבעטסלאָזע, צייטווייליקע און כראָנישע, און פאַרן דאָזיקן פּראָבלעם מוז געפונען ווערן אַ לעזונג. מען טאָר נישט איבערלאָזן דעם אַרבעטסלאָזן אויף הפקר. אמת, די רעגירונג האָט טאַקע געפּרוווט לעזן די פּראַגע דורך שאַפן איניציאירטע אַרבעטן. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס פאַרענטפערט נישט די אַרבעטסלאָזיקייט־פּראַגע, ווייל פאַקטיש בלייבן נישט ווייניק אַרבעטסלאָזע אָן שום לעזונג.

דערפאַר פאָדערט אחדות־העבודה—פּועלי־ציון, עס זאָל אָנגענומען ווערן אַ געזעץ, וואָס פאַרזיכערט דעם אַרבעטסלאָזן אַ מינימום־עקזיסטענץ.

די פראגע פון עלטערע מענטשן

אונדזער לאַנד איז פאַרהעלטנישמעסיק יונג, אין פּרט פונעם עלטער־צוזאַמענשטעל פון די בירגער. דער זקנים־שיכט פון 65 יאָר און העכער שטייגט נישט איבער 4,7% און דאָס איז ווייניקער ווי אין די לענדער פון אייראָפּע.

און דאָך דערשיינט איצט אין אַ פאַרשאַרפטער פאָרם דער פּראָבלעם פון מיטליעריקע און זיך עלטערנדיקע מענטשן. די לשכת העבודה (אַרבעטס־פאַרמיטלונגס־ביוראָ) רעגיסטרירט בלויז אַזעלכע אַרבעטס־זוכנדיקע, וואָס זענען נישט עלטער פון 55 יאָר. די צאָל אַרבעטסלאָזע פון 55 יאָר און העכער דערגייט ביז 20 טויזנט. ביים אָננעמען אַרבעטער אויף פאַרשידענע אַרבעטס־פלעצער ווי אויך אין געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס איז מען נאָך מער מקפּיד אויפן

עלטער פונעם קאַנדידאַט און ס'איז פאַראַן אַ טענדענץ צוצונעמען נאָר יונגע. דאָס איז איינע פון די סאַמע אומגעזונטסטע דערשיינונגען אין לאַנד. אחדות־העבודה—פּועלי־ציון ראַנגלט זיך פאַר אָפּשאַפן די דאָזיקע נישט יושרדיקע באַגרענצונג.

די פראַגע פון עלטערע מענטשן, פון 65 יאָר און העכער, מוז געפינען איר לעזונג מיט דער הילף פון פענסיע. אין חודש אַפּריל ד. י. איז דער ביטוח־לאומי (נאַציאָנאַלע פאַרזיכערונג) צו־געטרעטן אויסצוצאָלן פענסיע פאַר צענדליקער טויזנטער זקנים. דער ביטוח לאומי קאָן אָבער נאָך נישט פולשטענדיק לעזן די פראַגע, ווייל די רענטע איז קליין און זי קאָן דעריבער נישט דערמעגלעכן דעם נויט־באַדערפטיקן צו עקזיסטירן, ווי אויך צוליב דעם פאַקט, וואָס דער גרעסטער טייל זקנים, צוליב פאַרשידענע סיבות, אין היינט־צו־טאָג נישט באַרעכטיקט צו באַ־קומען פענסיע. אין פאַרלויף פון דער צייט וועט די פראַגע פון זקנים איבער 65 יאָר געוויס גע־פינען איר לעזונג, ווייל 300 טויזנט אַרבעטער זענען דאָך אָרגאַניזירט אין דער ראַם פון פאַר־שידענע קאַסעס און פאָנדן, וועלכע פאַרזיכערן פענסיע, וואָס דערגענצט דעם ביטוח לאומי, אָדער בודזשעט־פענסיע מצד אינסטיטוציעס און אונטערנעמונגען (רעגירונגס־אָנגעשטעלטע, עלעק־טרי־געזעלשאַפט, מוניציפּאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונגען א.א.וו.). די פולע פענסיע, פון וועלכער די אַרבעטער וועלן דאַ געניסן, וועט דערגייען ביז 65—70 פּראָצענט פון לוין אָדער פון אַלגעמיי־נעם פאַרדינסט, און דאָס וועט דערמעגלעכן אַן אָנשטענדיקע עקזיסטענץ; במשך פון דער צייט וועט די עלטער־רענטע פון ביטוח לאומי זיך פאַרגרעסערן און זי וועט, ביים אָנזאַמלען זיך פון אַ צאָל אַרבעטס־יאָרן, — אַרומנעמען אַ גרעסערע צאָל זקנים. די פראַגע, וועלכע האָט נאָך ביז איצט נישט געפונען קיין לעזונג — דאָס זענען די נויטבאַדערפטיקע, וועלכע האָבן נאָך נישט דערגרייכט דעם פענסיע־עלטער.

צו דער שיכט 55־יאָריקע ביז פענסיע־עלטער געהערן אויך צענדליקער טויזנטער אַרבע־טער, וועלכע פילן אויס וויכטיקע אויפגאַבן אין דער ווירטשאַפט. די צוויי צענדליק טויזנט, וועלכע האָבן זיך נישט פאַרוואָרצלט אין דער אַרבעט, שאַפן אַ האַרבן סאָציאַלן פּראָבלעם און בילדן אַן עקאָנאָמישע לאַסט, ווייל עס האַנדלט זיך וועגן מענטשן, וואָס פון שטאַנדפּונקט פון זייער פיזישער פעיקייט אָדער קענטעניש, קאָן מען זיי אַוועקשטעלן ביי אַזעלכע אַרבעטן און פאָסטנס, וואָס ווערן אָנגעפירט דורך יונגע.

כדי צו ליקווידירן אָט דעם אומרעכט, פאָדערט זיך אַ ספּעציעלע אָנשטרענגונג מצד דער מדינה און געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן, בכדי אָפּצושאַפן די עקזיסטירנדיקע באַגרענעצונגען לגבי דעם עלטער פון די קאַנדידאַטן. די לשכת עבודה דאַרף רעגיסטרירן יעדן אַרבעטס־זוכנ־דיקן ביז פענסיע־עלטער. פאַר מענטשן אין די עלטערע יאָרן מוזן געשאַפן ווערן געוויסע צוגע־פּאַסטע אַרבעטן, ווי: וועכטערײַ, אָרדנער, אינקאַסענטן א.א.וו., וואָס מענטשן אין עלטער פון 55 יאָר קאָנען דאָס טאָן און אָפטמאָל מיט מער פאַראַנטוואָרטלעכקייט ווי די גאָר יונגע.

דער אונטערשיד אין די לוינען

די עקזיסטירנדיקע לוין־טאַריפן און די אונטערשידן צווישן זיי האָבן זיך שטופנווייז אויס־פאָרמירט דורך לאַנגדויערנדיקער אַנטוויקלונג. מען קאָן נישט אָנווייזן אויף אַן אָביעקטיוון מאַסשטאַב ביים פעסטשטעלן די פאַרשידענע סטאַנדאַרטן און די אונטערשידן אין די אַרבעטס־לוין־באַדינגונגען. די דאָזיקע אַנטוויקלונג פון די לוין־טאַריפן אין די פאַרשידענע פאַכן איז אָן שום ספק, אַ רעזולטאַט פון אַ סך פאַרשידענע צוזאַמענווירקנדיקע פאַקטאָרן, ווי: באַשעפטי־קונגס־מצב אויף וויפל דאָס פאַך איז געווען אָרגאַניזירט, דער כאַראַקטער פון אַרבעטס־געבער, איינפלוסן פון דרויסן, פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע טענדענצן א.א.וו.

אין די ערשטע יאָרן, ווען די הסתדרות איז געגרינדעט געוואָרן און שפּעטער, איידער עס האָט זיך נאָך אַנטוויקלט די סאָציאַלע דיפערענציאַציע, איז די הערשנדיקע טענדענץ געווען צו באַגרענעצן ביז גאָר דעם אונטערשיד אין לוין און אין די באַדינגונגען צווישן די פאַרשידענע שיכטן פון דער אַרבעטערשאַפט. די הסתדרות זעלבסט האָט איינגעפירט לגבי אירע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע די פאַמיליע־קלאַסיפיקאַציע (דרגה משפחתית) און די הויך פונעם לוין איז באַדייטנדיק אָפּהענגיק געווען פון דער גרויס פון דער משפּחה.

די אַנטוויקלונג אין די לעצטע עטלעכע יאָר האָט מיט זיך געבראַכט נייע טענדענצן אין דער ריכטונג פון אויסברייטערן די קלאַסיפיקאַציעס אין יעדן איינציקן פאַך און פאַרגרעסערן

דעם אונטערשיד אין לוין און אין די רעכט צווישן די פאַרשידענע אַרבעטס־צווייגן (צווישן די פיזישע אַרבעטער — און פרייע פּראָפעסיעס און הויכע באַאַמטע). במשך פון דער צייט איז אויך אָפּגעשאַפט געוואָרן די פאַמיליע־קלאַסיפיקאַציע אין דער הסתדרות.

איזאָלאַציע־ און דיפערענציאַציע־טענדענצן

די שטרעבונג פון געוויסע קרייזן אויסצוברייטערן דעם אונטערשיד צווישן די לוינען פון פיזישע און גייסטיקע אַרבעטער — איז אין גרונט־גענומען אַ רעזולטאַט פון געוויסע געזעל־שאַפטלעכע טענדענצן, וועלכע האָבן זיך לעצטנס פאַרשטאַרקט אין אונדזער לעבן. דער גרויסער וווקס פונעם לעבנס־סטאַנדאַרט פון די נישט־אַרבעטנדיקע שיכטן דינט ווי אַ מוסטער און צוצי־אונגס־קראַפט פאַר דער העכערער שיכט פון דער אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ. די פּרווון, וואָס ווערן לעצטנס געמאַכט דורך פאַרשידענע קרייזן פון אינזשיניערן, פּראָפעסאָרן און דאָקטוירים צו שאַפן אַ פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע אויסער די ראַמען פון דער הסתדרות — נעמען זיך פון דער איבערצייגונג פון די דאָזיקע קרייזן, אַז וואָס מער זיי וועלן זיך דערווייטערן פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע און פון די פיזישע אַרבעטער — אַלץ בעסער וועט זיין פאַר זיי.

די דאָזיקע טענדענצן און שטרעבונגען האַלטן מיר פאַר געפערלעכע. זייער נעגאַטיווע באַ־דייטונג גייט ווייט אַרויס פון די ראַמען פון געוויסע פּראָצעסן אין ווירטשאַפטלעכן לעבן. די שוין עקזיסטירנדיקע דיפערענץ און איר באַרעכטיקונג מצד די רעכטע עלעמענטן אין לאַנד און אַ גרויסן טייל פון מפא״י, — טרעפט זייער שווער אין די יסודות פון דער ישראל־ווירטשאַפט און גראָבט אונטער דעם געזונטן געזעלשאַפטלעכן פונדאַמענט פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין יש־ראל. אַ לאַנד, וואָס איז ערשט ווידער אַנטשטאַנען, וואָס דאַרף באַפרוכפּערן וויסטעניש, נויטיקט זיך אין דורות חלוצים, נעמט אויף נייע עולים פון צענדליקער לענדער, אַ לאַנד, וואָס דאַרף אַזוי פיל אויסגעבן אויף זיכערהייטס־צוועקן, מוז באַזירן איר כוח אין דער ערשטער ריי אויף דער סאָלידאַריטעט אין די אַרבעטער־רייען — קודם כל אין פרט פון לוין און סאָציאַלער פּאַרזי־כערונג.

די הסתדרות איז דערגאַנגען צו דער גרויסער איינקייט ווי זי איז הייענט נישט ווייניק אַדאַנק דער דאָזיקער פאַרהעלטנישמעסיקער סאָלידאַריטעט. די שטאַרקע נייגונגען איר צו פאַר־ברייטערן און נאָכמער פאַרטיפן די אינערלעכע דיפערענציאַציע אין לוין, שאַפן געפערלעכע פּרעצעדענסן, וואָס זענען עלול צו דערשיטערן די יסודות פון דער הסתדרות־גאַנצקייט. און אַרום דעם גייט אָן אין דער ערשטער ריי אונדזער געראַנגל אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

אחדות־העבודה—פּועלי־ציון זעט אין דער הסתדרות די קלאַסן־אָרגאַניזאַציע פון דער יידי־שער אַרבעטערשאַפט; די אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אין די יאָרן פון פאַר דער מדינה און אין דעם ערשטן יאָרצענדליק פון מדינת ישראל געווען דער וויכטיקער פאַקטאָר פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און נאָך גרעסערע אויפגאַבן און מיסיעס דערוואַרטן איר אין די קומענדיקע יאָרן. לויט אונדזער טיפסטער איבערצייגונג איז דאָס דער־פילן די דאָזיקע אויפגאַבן אין דער צוקונפט אָפּהענגיק פונעם בלייבן טריי אירע יסודות און פונעם אָפּהיטן די סאָציאַליס־טיש־חלוצישע ווערטן אַלס באַזע פאַר איר טעטיקייט.

מיר האָבן נישט קיין אַנדערן אויסוועג. דער קאַמף איז אַן אויפגעצוואונגענער. אונדזער געהער דינט צו פאַרטיידיקן אונדזער בויונג און פאַרן פרידלעכן שאַפן מוזן מיר זיין קריגעריש גרייט. פאַר די דריי עלעמענטן: עליה, התישבות און הגנה — איז דאָס יידישן פאָלק געצוואונגען צו גיין ביז דאָס לעצטע.

י. טאַבענקין

רות העקטין

די פרוי אין מדינת ישראל

שוין ביי די ערשטע טריט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג ביי אונדז אין לאַנד, ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן אויפשפּראָצן אַ נייַ לעבן פון שאַפן און בויען און עס האָבן זיך גענומען אַנטוויקלען נייע לעבנס־פאָרמען, וועלכע פאַרקערפּערן אין זיך די בעסטע שטרעבונגען פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט — איז אין דעם אַלעמען שוין קענטיק געווען די באַטייליקונג פון דער פרוי. אַט דעם שטיקל וועג האָט די פרוי אין לאַנד דורכגעמאַכט זינט דער ערשטער לאַנדווירטשאַפטלעכער קבוצה אין כנרת, דורך אַרייַנדרינגען און דעראָבערן די אַרבעט אין דער קאָלאָניע (כיבוש עבודה), דורך שאַפן זעלבשטענדיקע בוי־גרופּן, ביזן אויפשטעלן קיבוצים און מושבים.

עס איז אויסער יעדן ספק, אַז אָן דער באַטייליקונג פון דער פרוי, וואָלט קיינמאָל נישט אַנטשטאַנען די געמישטע ווירטשאַפט, ווי אויך די געזעלשאַפט מיט איר רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט. מיר קאָנען זיך אויך אויף קיין פאַל נישט פאָרשטעלן די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטרי, פון אירע פאַרשידענע צווייגן, ביי אונדז אין לאַנד — אָן דער באַטייליקונג פון דער אַרבעטנדיקער פרוי. ווערן דאָך שוין זינט פיל יאָרן און אויך הייַנט צו טאָג גאַנצע צווייגן פון דער אינדוסטרי אויסגעטראָגן אויף די פּלייצעס פון די אַרבעטנדיקע פרויען. אפילו די גלענצנדיקע קאַפּיטלען, וועלכע ווערן ביז הייַנט פאַרצייכנט אין דער געשיכטע פון ישוב, ווי השומר, הגנה, העפּלה, זעלבשטענדיקייט־מלחמה, עליה־אויפנעם אדג"ל — אין זיי איז ביז גאָר קענטיק דער אנטייל פון דער פרוי.

אַזוי זענען מיר דערגאַנגען ביז צו דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה. מיר האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט אַ גרויסן פאַרמעג און באַדייטנדיקע דערגרייכונגען אויף פאַרשידענע געביטן און אפשר נישט ווייניק אַ דאַנק דעם האָבן מיר גלייך באַקומען אַ גרונט־געזעץ פון „פרויען־גלייכבארעכטיקונג". אין דאָזיקן געזעץ ווערט געזאָגט: „יורידיש איז די פרוי גלייכבאַרעכטיקט מיטן מאַן, אַלע געזעצלעכע אינסטרוקציעס, וועלכע דיסקרימינירן די פרוי בלויז צוליב דעם, וואָס זי איז אַ פרוי — טאָרן נישט אָנגעווענדעט ווערן אין לעבן".

*

דער איבערוויגנדיקער טייל פון דער באַפעלקערונג ביי אונדז איז אַן אַרבעטנדיקער. די צאָל פרויען פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג, פון 14 יאָר אָן און העכער באַטרעפט, לויט דער אָפּשאַצונג פון יאָר 1956 — 543000 נפשות. פון דעם: אַרבעטנדיקע פרויען אויסער זייער הויז־ווירטשאַפט — 138000, ד. ה. קרוב 25%. ווייניקער ווי אין אַלע אייראָפּעישע און אַנדערע לענדער: אין ענגלאַנד, צ"ב, מאַכט אויס די צאָל אַרבעטנדיקע פרויען אויסער זייער הויז־ווירטשאַפט 30%, אין פראַנקרייך — 35%, אין דייטשלאַנד — 37%, אין עסטרייך — 39%, אין יאַפּאַן — 42% און אין ראַטנפאַרבאַנד — 45%. אונדזער פּראָצענט איז דער קלענסטער, דערצו איז נאָך אַ געוויסער טייל פון די דאָזיקע פרויען בלויז טיילווייז באַשעפטיקט. עס איז אויך כדאי צו פאַרצייכענען אַן אינטערעסאַנטן פאַקט, אַז דער גרעסטער טייל פון די אַרבעטנדיקע פרויען באַשטייט פון אומפאַרהייראַטע, וועלכע מאַכן אויס 41% און די פאַרהייראַטע — בלויז 14%. מען קאָן אָנווייזן אויף פאַרשידענע סיבות, וועלכע האָבן דערפירט צו אַזאַ מצב. איינע פון די הויפּט־סיבות איז די, וואָס אַ באַדייטנדיקער טייל פון די אַרבעטנדיקע פרויען שטאַמען פון די אַראַבישע לענדער, ווו פרויען־אַרבעט האָט כמעט נישט עקזיסטירט. אינטערעסאַנט איז אויך די פאַנאַנדערטיילונג פון די אַרבעטנדיקע פרויען לויט זייערע באַשעפטיקונגען: ביי התישבות — 46,7%, ביי אינדוסטרי און האַנטווערק — 10,1%, באַאַמטע, אונטערריכט און פרייע פּראָפעסיעס — 33,8%, באַדינונג — 37,2%. דאָס דאָזיקע בילד קאָן אונדז ווייט נישט צופרידנשטעלן, און דאָס טראָץ די פאַרלייכטערנדיקע געזעצן ביי אונדז בנוגע דער אַרבעטנ־

דיקער פרוי. אַ געזעץ אַלזאָ איז נאָך, ווייזט אויס, נישט גענוג; עס מוז זיין אויך אַ גינסטיקע אַטמאָספער און אַ פאַרשטאַרקטע צוגרייטונג אין פאַרשידענע פאַכן צווישן פרויען און מיידלעך. צום באַדויערן עקזיסטירט אויך אויפן דאָזיקן געביט אַן אומדערלאָזבאַרע דיסקרימינאַציע. צום ביישפּיל, דאָס געזעץ פון פאַכמענישער אויסבילדונג פון דער יוגנט, פון וועלכן די מיידלעך געניסן לגמרי נישט, ווייל דאָס געזעץ נעמט אַרום נאָר די פאַכן, ביי וועלכע עס זענען באַשעפטיקט יינגלעך. אויך דער לוין איז נישט קיין גלייכער פאַר דער זעלבער אַרבעט אויף פיל אַרבעט־פּלעצער, ווו עס אַרבעטן פרויען און מענער.

*

מיר האַלטן פאַר אונדזער פליכט אָנצווייזן אויף אַ גאַנצער ריי פּאָזיטיווע געזעצן, וועלכע פאַרלייכטערן דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן פון דער אַרבעטנדיקער פרוי. אַזוי איז דאָס געזעץ פון פרויען־אַרבעט, פון יאָר 1956, וואָס פאַרוועրט אויך אַזעלכע אַרבעטן, וועלכע זענען שעדלעך פאַרן געזונט. דאָס געזעץ וועגן אַרבעט־שעהן און רו פון 1950, וואָס באַשטימט אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג — גיט דער מוטער־זייגערין דאָס רעכט אָוועקצוגיין אויף אַ שעה פון דער אַרבעט, אויפן חשבון פון אַרבעטס־געבער. אַזוי אויך דאָס געזעץ וועגן נאַציאָנאַלער פאַרזיכערונג (ביטוח לאומי) פון יאָר 1954, וועלכער פאַרנעמט זיך מיט דער פאַרזיכערונג פון מוטערס, אלמנות און יתומות, ווי אויך אַרבעט־פּאָרפאַלן. דאָס געזעץ וועגן מוטער־פאַרזיכערונג, וואָס דערמעגלעכט דער מוטער צו באַקומען געבורט־שטיצע אויף צו דעקן די געבורט־אויסגאַבן און איינקויפן די ערשטע אויסשטאַטונג פאַרן זויגלינג — דאָס איז אַ זאַך פון ערשטראַנגיקער וויכטיקייט פאַר די מאַסן אַרבעטנדיקע פרויען. אַ דאַנק דעם האָבן 96% יידישע פרויען און 25% פרויען פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן — די מעגלעכקייט צו געבוירן זייערע קינדער אין שפּיטעלער ביי גוטע היגיענישע באַדינגונגען. אויסער דעם באַקומען די געווינערינס די מעגלעכקייט צו געניסן פון אַ דריי־חדשימדיקן געבורט־אורלויב און אַ גאַנץ פעליק יאָר האָבן זיי דאָס רעכט נישט צו קומען צו דער אַרבעט. אַ גאָר באַזונדערע פאַרלייכטערונג און אַ דערמוטיקונג פאַר דער אַרבעטנדיקער פרוי — איז די אויסבעסערונג צום געזעץ פון הכנסה־שטייער, וואָס איז הייַ־יאָר אָנגענומען געוואָרן אין כנסת מיט די שטימען פון די פרויען־דעפּוטאַטן פון אַלע אַרבעטער־פראַקציעס. אָן צווייפל, אַז ווען נישט די דאָזיקע געזעצן, וואָלט דער פּראָצענט פון די אַרבעטנדיקע פרויען ביי אונדז אין לאַנד געווען אַ פיל קלענערער.

איינס פון אונדזערע וויכטיקסטע פּראָבלעמען איז די זיכערקייט פון אונדזערע גרענעצן. קיין שום בירגער און בירגערין אין אונדזער מדינה איז נישט פטור פון דער דאָזיקער פליכט. איז נישט קיין צופאַל, וואָס דער געזעץ וועגן זיכערהייט־דינסט איז חל אויך אויף פרויען און פאַרפליכטעט יעדע פרוי אין עלטער פון 18—26 צו דינען אין מיליטער, מיטן אויסנאַם פון געהייראַטע פרויען, שוואַנגערע און מוטערס פון קליינע קינדער. אַן אויסנאַם פון דאָזיקן געזעץ בילדן די רעליגיעזע פרויען, וועלכע געניסן פון געזעץ פון נאַציאָנאַלער דינסט („חוק שירות לאומי”). ליידער מוז דאָ געזאָגט ווערן, אַז דער אויסנאַם פאַר די רעליגיעזע פרויען דינט ווי אַ מאַסקירונג־מיטל בכדי אַרויסצודרייען זיך פון די נאַציאָנאַלע פליכטן.

*

מען מוז אָבער געדענקען, אַז מדינת ישראל איז אַ לאַנד פון קיבוץ־גלויות. עס קומען יידן, מענער און פרויען, פון פאַרשידענע לענדער, מיט אַ פאַרשידנאַרטיקער מענטאַליטעט, טראַדיציע און געוווינהייטן. אין די גלות־לענדער איז די פּאָזיציע פון דער פרוי אין דער געזעלשאַפט און אין דער פאַמיליע — נישט איינע און די זעלבע. פאַראַן פרויען, וועלכע קאָנען נישט קיין צורה פון קיין אות (צווישן די נייע עולים, וואָס זענען געקומען זינט דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה געפינען זיך אַנאַלפאַבעטן: מענער — 14%, פרויען — 28%). אין די אָפּגעשטאַנענע קרייזן איז מען איבערצייגט, אַז עס איז גאָרנישט נויטיק צו קענען לייענען. דעריבער איז פון גאָר גרויסער וויכטיקייט דאָס געזעץ וועגן אָבליגאַטאָרישער דערציאונג, כדי צו שטאַרקן די פּאָזיציע פון דער פרוי אין דער מדינה. טראָץ אַלע שוועריקייטן, וועלכע דאָס געזעץ טרעפט אָן אויפן וועג פון זיין רעאַליזאַציע — איז עס דאָך דאָס איינציקע מיטל צו ליקווידירן די עם־הארצות און דעם אַנאַלפאַבעטיזם.

פאַרשידענע טיילן פון אונדזער פאָלק האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אָפּגעשטאַנענע געוווינ־

הייטן און טראַדיציעס פון יענעם לאַנד, אין וועלכן זיי האָבן דורות־לאַנג געלעבט, ווי פּאָלי־גאַמיע (גאָר באַזונדערס איז דאָס נוגע די יידן פון תימן). קעגן אַזאַ דערשיינונג האָט מען געמוזט קעמפן מיט דער הילף פון אַ שטאַרקער אויפקלערונגס־אַרבעט. אָבער דאָס עפעקטיווסטע מיטל אין קאַמף קעגן ביגאַמיע איז דאָס געזעץ, וואָס איז פּאַקטיש איינגעשלאָסן אין געזעץ וועגן פרויען גלייכבאַרעכטיקונג. דערצו האָט מען נאָך געמוזט פירן אַ קאַמף קעגן חתונות פון מינדעריעריקע. עס זענען דאָ פאַלן, וואָס מיידעלעך אין עלטער פון 10—12 יאָר זענען שוין געווען פאַרהייראַט. דערפאַר איז אין יאָר 1950, אָנגענומען געוואָרן אַ געזעץ, וועלכער פאַרווערט חתונה צו האָבן יינגער פון 17 יאָר, הגם די רעליגיעזע קרייזן זענען נישט איינשטימיק מיט דעם און זוכן וועגן צוריקצודרייען דאָס ראַד פון דער געשיכטע. ביי דער געלעגנהייט דאַרף אויך דערמאָנט ווערן דאָס שענדלעכע געזעץ וועגן הייראַטן און גטן, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין יאָר 1953. עס איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך אַ צווייטן געזעץ, פון יאָר 1955, דאָס אַזוי גערופענע „דיינים געזעץ", לויט וועלכן די דיינים וועלן נישט שווערן אָפּצוהיטן די ג ע ז ע צ ן פון ישראל, נאָר די ד י נ י ם פון דער תורה, וואָס זענען אין סתירה צו דער גלייכבאַרעכטיקונג פון דער פרוי.

דאָס געזעץ פון הייראַטן און גטן מאַכט צונישט דעם געזעץ וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פון דער פרוי, ווייל טראָגט דעם רעליגיעזן צוואַנג בנוגע דער מערהייט פון דער באַפעלקערונג — איז ער אויך באַזירט אויף דער הערשאַפט פונם מאַן אין דער משפחה, וואָס געניסט אין פאַל פון אַ גט. דאָס פאַרמעגן, וואָס די פרוי ברענגט אַריין פ א ר און נ א ך דער חתונה, געהערט דעם מאַן, אויב זי האָט נישט געזאָרגט באַצייטנס צו פאַרזיכערן אירע רעכט אויף דעם פאַרמעגן. לויטן יידישן דין באַקומט די פרוי אירע מזונות נאָכן מאַנס טויט, אָבער נישט די ירושה. דאָס זעלבע אויך מיט די טעכטער, די ירושה גייט איבער צו די זין.

ערשט נאָך לאַנגע ראַנגלענישן אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און אין כנסת איז אָנגענומען געוואָרן אין יאָר 1958 דאָס „ירושה־געזעץ", וואָס שטעלט פעסט די גלייכע רעכט פון דער פרוי מיטן מאַן ביים באַקומען די ירושה און אַז דאָס ציווילע געריכט פון דער מדינה איז באַרופן צו אַנטשיידן אין ירושה־ענינים. אָבער אויך אין דעם פאַל איז נישט אַלץ אַזוי גלאַטיק. צוליב פּאָליטישע אויסרעכענונגען האָט מפא״י נאָכגעגעבן די רעליגיעזע און אין געזעץ איז אַריינגעגעבן געוואָרן אַ פּונקט, אַז די פאַראינטערעסירטע צדדים קענען געמשפּט ווערן אויך אין אַ רבנישן געריכט, אויב זיי זענען מסכּים דערצו. דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט דער גענויער אויסרעכענונג, אַז אין אַ גרויסן טייל פון די מזרח־עדות דעצידירט דער מאַן אין דער משפחה; אַזוי אַרום וועלן טויזנטער פרויען באַעוולט ווערן צוליב אַזאַ „אויסבעסערונג".

אחדות־העבודה — פּועלי־ציון פירט אָן אומדערמידלעכן קאַמף אין כנסת פאַר אָננעמען אַ געזעץ וועגן ציווילע חתונות און גטן און אַריינפירן אויסבעסערונגען אין געזעץ פון רעליגיעזע חתונות און גטן אויף וויפל ער עקזיסטירט, און אויף וויפל רעליגיעזע קרייזן זענען אין אים פאַראינטערעסירט — ער זאָל זיין אין איינקלאַנג מיטן גרונט־געזעץ פון דער מדינה — גלייכבאַרעכטיקונג פון דער פרוי. אַזוי, צ״ב, איז אַדאַנק אונדזער פאָדערונג אָנגענומען געוואָרן אַן אויסבעסערונג, לויט וועלכער די פרוי קאָן פאַרלאַנגען, אַז די קינדער זאָלן פאַרשריבן ווערן אויך אין איר פּאַספּאָרט, ווייל ביז איצט זענען זיי פאַרשריבן געוואָרן נאָר אין דעם פּאַספּאָרט פון דעם פאָטער.

*

ליידער נעמען נישט די פרויען אין אַ גענוגנדיקער מאָס זייער גורל אין די אייגענע הענט, און די פּאַרטייען, אין זייער גרעסטער מערהייט, האַנדלען לויט דעם, ווי עס דיקטירן זיי זייערע פּאַרטייאישע אינטערעסן. אַזוי, למשל, האָט מפא״י צוליב פאַרשידענע וואַל־חשבונות, געשטימט פאַרן געזעץ פון הייראַטן און גטן, — הגם דער גרעסטער טייל פון אירע מיטגלידערינס זענען איינשטימיק מיט אונדז אין דער דאָזיקער פראַגע. עס איז אויך כדאי צו פאַרצייכענען, אַז אין די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פון די פאַרשידענע פּאַרטייען, האָבן פרויען נישט קיין גרויסע השפּעה. אין די צענטראַל־קאָמיטעטן זענען פרויען גאַנץ ווייניק פאַרטראַטן. לויט אַן אויספאָרשונג, וועלכע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך אונעסקאָ אין יאָר 1956, דערוויסן מיר זיך אַגב, אַ גאָר אינטערעסאַנטע זאַך: עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אין די קריסטלעכע פּאַרטייען אויף דער גאַנצער וועלט, מאַכן אויס די פרויען 30% פון אַלע מיטגלידער; דאַקעגן אין די לינקע

פֿאַרטייען בלויז 20% און אין די ליבעראַלע — פֿון 10% ביז 15%. דער גרעסטער טייל פֿון די פֿאַרטייען האָט זיך במשך פֿון פֿיל יאָרן קעגנגעשטעלט דער גרינדונג פֿון באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס און קעמערלעך פֿון פֿרויען. אין דער לעצטער צייט, אָבער, האָט דאָס אייז געדירט, און די פֿאַרטייען האָבן ענדלעך פֿאַרשטאַנען, אַז עס נויטיקט זיך אַ ספּעציעלע טעטיקייט און אויפֿקלערונגס־אַרבעט צווישן פֿרויען.

ווען מיר באַטראַכטן די פּאָזיציע פֿון דער פֿרוי אין די צענטראַלע אינסטאַנצן פֿון דער הסתדרות, ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך דאָ איז דער מצב ווייט נישט קיין צופֿרידנשטעלנדיקער. נישטאָ, צום ביישפּיל, קיין סעקרעטאַרינס פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע לאַנד־פֿאַרבאַנדן. דאָס זעלבע איז אויך נוגע לייטערינס פֿון די אַרבעטער־ראַטן אין די שטעט און מושבות, הגם די פֿרויען אין דער הסתדרות, באַטרעפֿן 50% פֿון אַלע מיטגלידער. צווישן די 96 מיטגלידער פֿון ועד הפּועל פֿון דער הסתדרות — בילדן די פֿרויען ווייניקער ווי 10%. אין די אָרטיקע ראַטן (מועצות מקומיות) ווערן וואָס אַן אמת יאָ אויסגעוויילט פֿרויען, אָבער גאַנץ ווייניק פֿון זיי זענען אַקטיוו. אין גאַנצן לאַנד זענען בלויז צוויי פֿאָרזיץ־פֿלעצער אין די מוניציפּאַלע אינסטאַנצן באַזעצט דורך פֿרויען: אין ראשון־לציון און אין כפֿר־יונה.

דער מצב איז אין דעם פּרט פֿיל בעסער אין דער געוויילטער העכסטער מדינה־אינסטאַנץ — אין דער כנסת: צווישן די 120 דעפּוטאַטן זענען דאָ 11 פֿרויען. בלויז אין קאָנגרעס פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן זענען דאָ מער פֿרויען — 12%. דאַקעגן אין פֿראַנקרייך, בלויז 3% און אין דייטשלאַנד — 7%. מיר זענען אויך פֿאַרטראָטן אין די העכסטע שפּיצן פֿון דער מדינה־פֿירערשאַפֿט — אונדזער אויסערן־מיניסטער איז אַ פֿרוי. עס איז ווערט צו פֿאַרצייכענען, אַז אין די לינקע פֿאַרטייען קומט דער פֿרוי אַן לייכטער צו דערשלאָגן זיך צו אַן ערנסטער פּאָזיציע. אויף וויפֿל, אָבער, פֿרויען ווערן טעטיק אין פּאָליטישן לעבן, אַזוי באַגרענעצן זיי זיך אויף געוויסע געביטן: קולטור, דערציאונג, געזונטהייט, סאָציאַלע הילף, פֿרויען־רעכט א.ד.גל.

אויפֿן געביט פֿון וויסנשאַפֿט, ליטעראַטור און קונסט פֿאַרנעמען די פֿרויען אַ באַדייטנדיקן פּלאַץ. אַזוי זענען, אין יאָר 1955, אין ווייצמאַן־אינסטיטוט, צווישן 120 וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשער — געווען 15 פֿרויען. אין דער אוניווערסיטעט געפֿינען זיך היינט צו טאָג 32% פֿרויען, אין טעכניקום — 8%, אין דער קונסט־שול „בצלאל" — 60%. אין דער ישׂראלדיקער פּרעסע באַטייליקן זיך נישט ווייניק פֿרויען. פֿאַראַן אויך פֿאַרלאַמענטאַרישע און פּאָליטישע קאָרעספּאָנדענטינס.

*

אין סך־הכל קאָן מען זאָגן, אַז די פֿרויען אין ישׂראל זענען טעטיק אויף אַלע געביטן, אָבער נישט פּראָפּאָרציאָנעל צו זייער צאָל און זייערע מעגלעכקייטן.

אַנדערש איז די לאַגע אין קיבוץ. עס איז זיך בכלל נישט פֿאַרצושטעלן דעם אויפֿקום און אַנטוויקלונג פֿון דער קיבוצישער באַוועגונג אָן דער אַקטיווער באַטייליקונג פֿון דער חברה. אין קיבוץ אין אַלע געביטן פֿון קיבוצישן לעבן און שאַפֿן. עס זענען דאָ פֿיל צווייגן אין קיבוץ, וואָס זענען איניציאירט און ווערן אָנגעפֿירט דורך די חברות.

די קיבוצישע באַוועגונג האָט פֿון שטענדיק אָן אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט פֿון דער אַקטיוויטעט פֿון די חברות אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן דורך מיטבאַטייליקן זיי אין די אָנפֿירנדיקע אינסטאַנצן פֿונעם ישוב, הסתדרות און דער באַוועגונג. דער קיבוץ־המאוחד האָט נאָך מיט יאָרן צוריק אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז אין אַלע אינסטאַנצן פֿון דער קיבוצישער באַוועגונג דאַרף אויסגעוויילט ווערן לכל הפּחות אַ דריטל חברות. דאָסזעלבע האָבן שפּעטער אויך באַשלאָסן די איבעריקע קיבוצישע אָרגאַניזאַציעס.

מיר מוזן פֿאַרשטאַרקן די אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט און אויפֿקלערונגס־אַרבעט צווישן פֿרויען ביי אונדז אין לאַנד. די דאָזיקע פֿליכט ליגט, אין דער ערשטער ריי, אויף די פֿרויען־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע דאַרפֿן פֿירן אַ טעטיקייט צווישן זייערער מיטגלידערינס און אויסער זייערע רייען, בכדי צו רעאַליזירן אין טאָג־טעגלעכן לעבן די פֿולע גלייכבאַרעכטיקונג פֿון דער פֿרוי אין מדינת ישׂראל.

אברהם עבאַס ז״ל

קיבוץ גלויות און מיזוג גלויות

איינקע וואָכן פאַר זיין פלוצלינגן פריצייטיקן טויט האָט חבר אברהם עבאס ז״ל אונדז איבערגעגעבן דעם דאָזיקן ארטיקל פאַרן יידישן זאמלבוך. ח׳ עבאס — איינער פון די אנפירנדיקע חברים פון אחדות־העבודה—פועלי־ציון, אַ כנסת־דעפוטאַט, אַן אומדערמידלעכער קעמפער פאַר די רעכט פון די מזרח־עדות און פאַר דער פולשטענדיקער צוזאַמענשמעלצונג פון אלע עדות און שבטים אין לאנד — האָט מיט פרייד אנגענומען אונדזער פאָרשלאַג, דערציילן די יידן אין חוץ־לארץ וועגן די פּראָבלעמען, שוועריקייטן און האָפענונגען פון די מזרח־עדות, וועגן די חיכטיקסטע אפשר פּראָבלעמען פון אונדזער דור — קיבוץ גלויות או מיזוג גלויות, וואָס שטעלן מיט זיך פאַר בעצם איין פּראָבלעם: אַ געאייניקטער פאָלק, צונויפגעשמאָלצן פון פאַר־שידענע עדות און שבטים, לענדער, טראַדיציעס, קולטורן און שפּראַכן, פאַר וועמען עס שטייט איין היסטאָרישע אויפגאַבע, אויסבויען און פארשטאַרקן אַ פרייע אַרבעטנדיקע מדינת ישראל. פאַר די דאָזיקע אידעען האָט אברהם עבאס ז״ל אַװעקגעגעבן זיין גאנצן לעבן.

איין גורל

„ממזרח אביא זרעך וממערב אקבצך:\
אמר לצפון תני ולתימן אל תכלאי\
הביאי בני מרחוק ובנותי מקצה ארץ״\
(ישעיהו מ״ג)

די לעצטע געשעענישן אין אונדזער ראיאָן פאַרפליכטן אונדז צו זען אונדזער לאַגע אַזוי ווי זי איז. מיר זענען פול מיט זאָרג פאַרן גורל און זיכערקייט פון מדינת ישראל. די דאָזיקע זאָרג דאַרף אנפילן די הערצער פון אלע יידן אין דער גאָרער וועלט.

דאָס אמעריקאַנער יידנטום, דער גרעסטער יידישער ישוב אין דער וועלט פאַרפעסטיקט זיין צוזאַמענבונד מיט דער מדינה און פאַרשטאַרקט זיין פינאַנסיעלע הילף. אָבער די וויכטיקסטע אויפגאַבע אינם איצטיקן מאָמענט — איז דאָך א מאסן־עליה און וואָס שנעלער.

פון אלע ביז איצטיקע עליה־לענדער פליסן דינע שטראָמען, אָדער זענען אינגאנצן אָפּגע־שטעלט געוואָרן. די איינציקע האָפענונג פאַר דער נאָענטסטער צייט איז אַן עליה פון אונדזערע ברידער פון די אייראָפּעישע לענדער און בעיקר פון אמעריקאַנער יידנטום. וועלן די דאָזיקע יידן נאָכטאָן דעם ביישפּיל פון די יידן אין די מזרח־לענדער, וועלכע האָבן פאַרלאָזן זייער האָב און גוטס אין זייערע וווין־ערטער און עולה געווען קיין ישראל?

סוף סוף איז דאָך יידישער גורל איינער און דערזעלבער אין דער גאנצער וועלט און אויף אונדז אלעמען ליגט די אויפגאַבע — בויען די יידישע מדינה.

אין די ווייטערדיקע שורות וויל איך גענויער באַקענען אונדזערע ברידער אין אויסלאַנד מיט דעם שווערן און אַנגעווייטיקטן פּראָבלעם וואָס הייסט: מיזוג גלויות.

דער וועג צו קיבוץ־גלויות איז לאַנג און שווער, פיל שווערער אָבער איז דער וועג וואָס פירט צו א באַהעפטונג און צוזאַמענשמעלצונג פון די גלויות. עס וועט נישט זיין קיין גוזמא, אויב מיר וועלן זאָגן: פון דער לעזונג פון דעם דאָזיקן פּראָבלעם הענגט אָפּ אין א גרויסער מאָס די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל.

מיר שטייען אויף דער שוועל פון דעם צווייטן יאָרצענדליק פון דער מדינה. מיר דערוואַרטן דעם דריטן מיליאָן. די פּאָליטישע דערגרייכונגען פון די ערשטע צען יאָר זענען אימפּאָזאַנט און מעכטיק, די יסודות פון דער מדינה זענען פאַרפעסטיקט געוואָרן. עס פורעמט זיך די יידישע געזעלשאַפט אין ישראל. עס בויט זיך די ווירטשאַפט, די גרענעצן — פאַרשטאַרקט און באַוואַכט. מיר האָבן געשאַפן פאַקטן, וועגן וועלכע עס האָבן געחלומ׳ט לאַנגע דורות — עס

האָט זיך אנגעהויבן דער יידישער רענעסאנס. צי קענען מיר אָבער זאָגן, אז דאָס גאנצע פאָלק און אַלע זיינע טיילן, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט קיין ציון, זענען פולע שותפים אין דעם ווערק פון שאפן און אויפבוי?

עס איז נאָך נישט געווען אזא ברויזנדע תקופה אין דער געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק, א תקופה וואָס פארשטארקט דאָס געפיל פון סאָלידאריטעט פון די תפוצות מיט דער מדינה. דאָס אַמעריקאַנער יידנטום און אַנדערע יידישע קהילות אין דער גאַרער וועלט, האָבן בייגע־שטייערט גאָר גרויסע סומעס פאר דער אנטוויקלונג און אויפבלי פון ישראל. הינטער דעם אייזערנעם פאַרהאנג קלאפן שטאַלצער די יידישע הערצער, בעת עס דערגרייכן צו זיי ידיעות וועגן דעם וווקס פון דער יידישער מדינה. הונדערטער טויזנטער עולים זענען געקומען פון די סאָציאַליסטישע לענדער בולגאַריע, פוילן און אונגאַרן.

נאָך אַן איבעררייס פון עטלעכע יאָר האָט זיך באנייט די מאסן־עליה. אין די יאָרן 7—1956 זענען אָנגעקומען איבער 160,000 עולים, א גרויסער טייל — פון מזרח אייראָפּע. עס זענען אויך געקומען 15.000 יידן פון מצרים, אַנטרונענע פון נאַצערס דיקטאַטור נאָך זיין מיליטערישער מפלה אין סיני.

די אבסארבירונג פון דער מזרח־עליה

אין משך פון די ערשטע צען יאָר זענען אין מדינת ישראל אָנגעקומען העכער 900,000 יידן, דערפון — כמעט 600,000 — פון די מוסולמענישע לענדער, פון צפון־אפריקע און פון אראבישן האלב־אינזל. די מערהייט פון דער דאָזיקער עליה איז געקומען קיין ישראל אין די ערשטע דריי יאָר:

150,000	עולים	פון	צפון־אפריקע (אַלזשיר, טוניס און מאַראָקאָ)
125,000	"	"	איראַק
50,000	"	"	תימן
40,000	"	"	בולגאריע
40,000	"	"	טערקיי
40,000	"	"	טריפּאָליטאניע
40,000	"	"	מצרים
35,000	"	"	פערסיע
30,000	"	"	פון אנדערע מזרח־לענדער

סך הכל 550,000 עולים.

די דאָזיקע ציפערן באַווייזן דייטלעך, ווי גרויס עס איז דער חלק פון די מזרח־יידן אין דעם וווקס פון דער באפעלקערונג.

איידער עס איז אנטשטאַנען די מדינה, איז די עליה פון די מזרח־יידן געווען נישט קיין גרויסע. אָבער טראָץ די גרויסע שוועריקייטן, פון וועלכע עס האָט געליטן די ציוניסטישע טעטיקייט אין די אראבישע און מוסולמענישע לענדער, זענען צענדליקער טויזנטער יידן געקומען פון דאָרט קיין ארץ־ישראל. אומלעגאַל, אויף פאַרשידענע וועגן און שטעגן, דורך מדבריות, דורכשמוגלענדיק פילע גרענעצן, האָבן זיי זיך אַריינגעגנבעט אין לאַנד, נישט באַקומענדיק קיין סערטיפיקאַטן פון דער ענגלישער מאנדאט־רעגירונג.

אין 1929, נאָך איידער עס האָט זיך אָרגאַניזירט די אַנשטאַלט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט אומלעגאַלער עליה, האָט זיך געשאפן אין סיריע א חלוצישע באַוועגונג. קנאַפּע 50,000 יידן זענען געקומען אומלעגאַל פון סיריע און לבנון לאנג פאר דער אָרגאַניזירטער העפלה פון אייראָפּע. אין דער זעלבער תקופה זענען קיין ישראל געקומען מער ווי 30 טויזנט יידן פון איראַק. אַ גרויסער טייל פון זיי האָט זיך דערצויגן אין דער חלוצישער באַוועגונג, וואָס איז אין איראַק אָרגאַניזירט געוואָרן אין די פערציקער יאָרן דורך די שליחים פון דעם קיבוץ המאוחד.

מען איז געקומען אויך פון גריכנלאַנד, בולגאַריע און טערקיי. א שאָד וואָס די היסטאָריקער האָבן נאָך נישט באַשריבן די עפּאָפּייע פון אומלעגאַלער עליה פון די מזרח־לענדער.

אין טאָג ווען מדינת־ישראל איז געבוירן געוואָרן, האָבן די יידן פון די מזרח לענדער באַטראָפן קנאַפּע 30% פון דעם יידישן ישוב. נאָך פאר דער עליה פון ביל״ו און פאר דער חיבת־ציון באַוועגונג האָבן טויזנטער מזרח־יידן געלעבט אין די שטעט יפו, טבריה, חיפה, ירושלים און צפת. מען קען דרייסט באַהויפּטן, אז אין משך פון אַלע דורות האָט נישט אויפגעהערט

די עליה פון גלות־ישמעאל. נאָכן אויפקום פון דער מדינה האָט זיך אָבער דער דאָזיקער שטראָם פאַרוואַנדלט אין אַ מעכטיקן פאַקטאָר. גאַנצע קהילות האָבן פאַרלאָזן זייער פאַרמעגן, די הייזער וואָס זיי האָבן געבויט אין משך פון דורות, און זענען עולה געווען קיין ישראל אין די סאַמע טעג פון די שלאַכטן פון באַפרייאונגס־קריג, כדי צו באַטייליקן זיך אין דעם בוי פון דער מדינה.

א גרויסער טייל פון די דאָזיקע עולים איז אבסאָרבירט געוואָרן אין די פאַרשידענע צווייגן פון דער ישראל־ווירטשאַפט. די סכנות און די רעגירונג האָבן אויסגעבויט צענדליקער טויזנטער הייזער פאַר זיי. אין אַלגעמיין קען מען זאָגן, אַז עקאָנאָמיש האָבן זיך די מזרח־יידן איינגעלעבט אין ישראל.

ליידער קען מען דאָס נישט באַהויפּטן לגבי דער געזעלשאַפטלעכער קליטה. די קולטורעלע און סאָציאַלע דיפערענצן צווישן דעם „ערשטן" און „צווייטן" ישראל זענען זייער גרויס. סבות זענען פאַרשידענע. די מזרח־יידן האָבן פיל אויפגעטאָן פאַרן בוי פון דער מדינה. זיי זענען געווען א דעציזירנדיקער פאַקטאָר אין דער קאָלאָניזאַציע פון דער וויסטעניש, פון נגב און פון דער ערבה. פאַכלאָזע עלעמענטן אין די לענדער פון וועלכע זיי זענען געקומען — סוחרים, פעדלער און פאַרמיטלער, — האָבן זיי זיך פאַרוואַנדלט אין בויער און שעפער, לאַנדווירטן און אינדוסטריעלע אַרבעטער. זיי האָבן דורכגעמאַכט אַ רעוואָלוציאָנערע ענדערונג אין זייער לעבנס־שטייגער. זיי זענען קאָנצענטרירט מאַסנווייז אין די נייע שטעטלעך פאַר עולים און אין די פּיאָנערישע אונטערנעמונגען. זיי זענען צעזייט און צעשפּרייט אין דער לענג און אין דער ברייט פון דער ישראלדיקער מאַפּע. זיי זענען נישט קיין גרויסע איבערקלייבער און פאָדערן נישט מער ווי אַרבעט און גענוג פרנסה כדי אויסצוהאַלטן זייערע פילקעפּיקע משפּחות. ליידער האָבן זיי די דאָזיקע באַדינגונגען אָפט נישט באַקומען. פונדעסטוועגן האָבן זיי זייערע פלעצער נישט פאַרלאָזן, זיי האָבן זיך מיט אַלע כוחות איינגעקלאַמערט אין זייערע הייזלעך, זיך איינגעוואָרצלט און איינגעלעבט.

די מזרח עדות אין דער התישבות

מען שאַצט, אַז איבער 25% פון דער קיבוץ־באַפעלקערונג שטאַמען פון די מזרח־לענדער. אַ טייל פון זיי — געבוירענע אין ישראל, וואָס זענען געגאַנגען צו התישבות צוזאַמען מיט זייערע חברים פון אַנדערע עדות. אַנדערע יוגנטלעכע זענען צום קיבוץ געקומען דורך דער יוגנט־עליה אָדער פון דער חלוצישער קיבוץ־באַוועגונג אין אויסלאַנד. אויך הונדערטער משפּחות פון נייע עולים האָבן זיך באַזעצט אין די קיבוצים. דער גרעסטער טייל מזרח־יידן האָבן זיך באַזעצט אין נייע מושבים פאַר עולים אין די ראַמען פון דער הסתדרות, ווו זיי באַטרעפן 67% פון דער באַפעלקערונג. די דאָזיקע עולים מעגן שטאָלץ זיין, וואָס זיי פּילן־אויס, קאָנקרעט, די הויפּט־אויפגאַבן פון דער מדינה: ק א ל א נ י ז א צ י ע פ ו ן ד ע ר ו ו י ס ט ע נ י ש א י ן נ ג ב און אין גליל, אין ירושלימער „קאָרידאָר" און אין די בערג־קאָלאָניעס. זיי האָבן געליטן די יסורים פון בויען אַ קאָלעקטיווע לאַנדווירטשאַפט, אַ באַגריף וואָס איז זיי אין גלות לחלוטין פרעמד געווען.

עס זענען פאַרשטענדלעך אויך פאָרגעקומען דעזערציעס און וואַנדערונגען, אַלס רעזולטאַט פון עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע קריזיסן. די חבלי־קליטה דויערן נאָך ביזן היינטיקן טאָג. פיל מושבים האָבן נאָך נישט דערגרייכט די לאַגע פון עקאָנאָמישער זעלבשטענדיקייט. זיי ליידן פון אַרבעטסלאָזיקייט, שווערע קאָמוניקאַציע־באַדינגונגען, מאַנגל אין עלעקטרישן שטראָם, מאַנגל אין געניטע און פעיקע אינסטרוקטאָרן, שווערע באַדינגונגען פון באַוואַכונג און זיכערקייט. טראָץ דעם אַלעם האָבן זיי אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, און האָבן ראַדיקאַל געענדערט דעם באַשפּייזער־צוזאַמענשטעל פון דער באַפעלקערונג. זיי האָבן פאַרגרעסערט די לאַנדווירטשאַפט־לעכע פּראָדוקציע און פאַרקלענערט דעם אימפּאָרט פון שפּייז־פּראָדוקטן. נאָך מער: זיי האָבן פאַרגרעסערט און אויסגעברייטערט דעם עקספּאָרט פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן (ערד־ניס, בוימוואָל, מאַראַנצן, א. א. וו.).

גרופּעס פון באַשפּייזער אין דער מדינה

געוויסע סטאַטיסטישע ציפערן האָבן אַ שייכות צו אונדזער טעמע:

א) פּ אָ ל י צ י י: אין 1955 האָבן אין דער פּאָליציי געדינט 6,000 מאַן; אַ העלפט פון דער

דאָזיקער צאָל שטאַמט פון די מזרח־לענדער. אָבער צווישן די 600 אָפיצירן און אונטעראָפיצירן, זענען בלויז 10% מזרח־יידן. בלויז 25.3% לערער אין ישראל שטאַמען פון אזיע, אפריקע און פון באַלקאַן.

אין דער צאָל פון 2082 הויכע באַאַמטע אין ישראל (ריכטער, דירעקטאָרן פון רעגירונגס־אנשטאַלטן, אַמבאַסאַדאָרן, הויכע אָפיצירן אין מיליטער א.א.וו.) — געפינען זיך בלויז 117 ספרדים און מזרח־יידן.

דאָס בילד ענדערט זיך ראַדיקאַל, ווען מיר באַטראַכטן אַזאַ סאָרט באַשעפטיקונג, ווי לוין־אַרבעטער אין דער לאַנדווירטשאַפט (דאָס איז די אַרבעט, וואָס ווערט אַמערגסטן באַצאָלט אין מדינת ישראל). דאָרט געפינען מיר צווישן 50,000 אַרבעטער — 40,000 מזרח־יידן. נאָך גרעסער איז דער פּראָצענט פון מזרח־יידן ביי צייטווייליקע נויט־אַרבעטן — 95%.

קאָמענטאָרן זענען איבעריק. די סטאַטיסטיק גיט אונדז אַ קלאָר בילד איבער דעם אָרט פון די מזרח־יידן צווישן די ישראַלדיקע באַשפּייזער.

מען האָט אַמאָל געמיינט, אַז אין משך פון אַ קורצער צייט וועלן זיך די עדות אין ישראל אויסמישן אויטאָמאַטיש, דורך געמישטע חתונות. די ווירקלעכקייט האָט אָבער באַוויזן, אַז די לאַגע ווערט נישט בעסער, נאָר פאַרקערט, זי פאַרערגערט זיך. די אשכנזישע יידן האָבן חתונה צווישן זיך, און די ספרדים און מזרח־יידן — צווישן זיך. די סטאַטיסטיק ווייזט אונדז, אַז דער פּראָצענט פון געמישטע חתונות איז גאָר נישטיק: בלויז 7.5% פון חתונות וואָס זענען פאָר־געקומען פאַריקן יאָר, זענען געווען צווישן אשכנזישע חתנים מיט מזרחדיקע כלות; בלויז 3.5% — צווישן מזרח־יידן און אשכנזישע פרויען.

די אַלע אויבנדערמאַנטע ציפערן, פאַקטן און ביישפּילן פאָדערן פּראַקטישע מסקנות, וואָס זאָלן פירן צו אַ ראַדיקאַלער ענדערונג פון דער לאַגע אין דער צוקונפט. דאָס פּראָבלעם איז קודם־כל דערציאונג און בילדונג. עס מוז פאַרשטאַרקט ווערן די דערציערישע טעטיקייט ביי דער יוגנט פון די מזרח־עדות.

עס מוז אָפּגעשאַפן ווערן דער שכר־לימוד אין די מיטל־שולן און אין די פּראָפעסיאָנעלע און לאַנדווירטשאַפטלעכע שולן. אויך דאָס וועט נישט לייזן אינגאַנצן די פּראַגע; עס עקזיסטירט אויך דאָס פּראָבלעם פון פינאַנסיעלער שטיצע פאַר עלטערן, וועלכע ווערן זייער אָפּט אויס־געהאַלטן פון דער אַרבעט פון די קינדער. אויב מיר וועלן ווייטער גיין מיטן אַלטן וועג, וועט זיך נישט ענדערן די לאַגע, אַז די גאַנצע ישראַלדיקע אינטעליגענץ — שרייבער, פּאָעטן, זשורנאַליסטן, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, הויכע באַאַמטע, ריכטער, אינזשינערן, הויכע אָפיצירן און געלערנטע, לאַבאָראַנטן, טעכניקער א.א.וו. — וועלן אַלע זיין אשכנזישע, און די מזרח־יידן וועלן בלייבן די „וואַסער־טרעגער און האָלץ־העקער".

כדי פאַרמיידן דעם דאָזיקן געפערלעכן פּראָצעס, פאָדערט זיך אַ געפּלאַנטע פּאָליטיק. די פאַקטאָרן וועלכע פּלאַנען און פירן־אָן מיט דער דערציאונג און בילדונג אין דער מדינה, מוזן איינזען די ערנסטקייט פון דער לאַגע. אויב מיר וועלן בלייבן פּאַסיוו, וועלן די יסודות פון עגאַליטעט אינגאַנצן צעשטערט ווערן, די אומצופרידנקייט און פאַרביטערונג וועלן שטייגן און ווער ווייס, צו וואָס דאָס קען דערפירן.

דער מזרח־ייד אין געזעלשאַפטלעכן לעבן

שטענדיק, בעת עס דערנענטערן זיך די וואַלן, ווערט „לעבעדיק" אַרום די מזרח־יידן. פּאַרטייען און טוער ווילן אויסנוצן די אומצופרידנקייט פון די מאַסן אַלס אַ שפּרונג־ברעט ביי זייער וואַל־קאַמפּאַניע.

אין משך פון צענדליקער יאָרן זענען אַלע חברים פון דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אַגענץ און דער ציוניסטישער אַקציאָנס־קאָמיטעט געווען נאָר אשכנזים.

דריימאָל זענען שוין פאָרגעקומען אין ישראל וואַלן צו דער כנסת. און אַלע דריי מאָל האָט זיך נישט געענדערט אין דער כנסת די פּראָפּאָרציאָנעלע פאָרשטייערשאַפט פון די מזרח־עדות, וועלכע שטעלן מיט זיך היינט פאָר 50 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג. צווישן 113 יידישע דעפּוטאַטן, געפינען מיר — 11 ספרדים און מזרח־יידן.

נישט פיל בעסער איז די לאַגע אין דעם ועד הפועל פון דער הסתדרות. מפא"י האָט צווישן

55 פאַרשטייער — פינף ספרדים, אחדות העבודה — 3 ספרדים ביי 14 מיטגלידער, קיין איינער פון די 12 מפ״ם־פאַרשטייער שטאַמט נישט פון די מזרח־עדות.

אויב מען טענהט, אַז עס פעלן פעיקע מענטשן אין די מזרח־עדות — איז עס פעלשונג פון דער ווירקלעכקייט. אַט זענען 60% פון די פאַרשטייער פון אחדות־העבודה—פועלי־ציון אין די אַרבעטס־ביוראָען — מזרח־יידן. מיר קענען די איבערגעגעבענע און פעיקע אַרבעט פון די דאָזיקע חברים, ווי אויך פון צענדליקער פּאַרטיי־חברים פון די מזרח־עדות, וועלכע זענען אַקטיוו אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. ווען אַלע פּאַרטייען וואָלטן אַזוי געהאַנדלט, און געפּלעגט אַ קאַדער פון אַקטיוויסטן צווישן די מזרח־יידן, וואָלט עס געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויפן פּראָצעס פון צוזאַמענשמעלצונג פון גלויות.

אַט איז פאַרגעקומען די לאַנדעס־קאָנפערענץ פון אחדות־העבודה—פועלי־ציון. א דריטל פון די דעלעגאַטן האָבן געשטאַמט פון די מזרח־עדות. דאָ איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דער לאָזונג פון מיזוג גלויות. די דאָזיקע חברים דעלעגאַטן האָבן אויך גענומען אַן אקטיוון אנטייל אין די דעבאַטן פון דער קאָנפערענץ. און זייערע אַרויסטרעטונגען זענען געשטאַנען אויף א באַדייטנ־דיקער הויך. פאַר איינעם ווי איך, וואָס האָט זיין גאַנצע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט געווידמעט דעם דאָזיקן פּראָבלעם — האָט עס פאַרשאַפט פיל פרייד און באַפרידיקונג. אין פּאַרטיי־ראַט וואָס ציילט 335 חברים זענען אויסגעוויילט געוואָרן נאָענט צו 100 חברים פון די מזרח־עדות און 25 חברים אין צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס ציילט 96 מאַן.

דאָס איז א ווענדע־פּונקט. דערפאַר איז נישט קיין וונדער, וואָס גרויסע מאַסן פון די מזרח־עדות זעען אין אחדות־העבודה—פועלי־ציון זייער גייסטיקע היים.

הלוואי זאָלן אַנדערע געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען, אינסטאַנצן און אינסטיטוציעס נאָכטאָן דעם דאָזיקן ביישפּיל און צוטראָגן זייער ביישטייער צו א פולשטענדיקער צוזאַמענשמעלצונג פון אַלע עדות און שבטים אין מדינת ישראל.

נאָר אין נאָמען פון לעבן גייען די קינדער פון דער אַרבעט צום טויט, רופן זיי צום שוץ קעגן דעם אויסערלעכן שונא און זאַמלען זיך צו מלחמה קעגן דעם פיינט, וואָס לויערט פון אינעווייניק. עס וועלן נאָך פאַלן קרבנות און מיר וועלן נאָך פלעכטן בלומען, בלומען פון אומשטערבלעכקייט און בלומען פון אייביקן פרילינג פאַר די, וואָס זענען זיך מוסר־נפש פאַר דער הייליקייט פונעם לעבן.

נ ח מ ן ס י ר ק י ן

ציון הלא תשאלי לשלום אסיריך, דורשי שלומך, והם יתר עדריך! מים ומזרח ומצפון ותימן, שלום רחוק שאי מכל עבריך.

ר ב י י ה ו ד ה ה ל ו י

משה בראַסלאַווסקי

אונדזער שליחות אין דער העברעישער ליטעראַטור

נישטאָ מער די אַמאָליקע צייטן. מיר פלעגן זיין שטאָלץ אויף אונדזערע דערגרייכונגען. דעמאָלט פלעגן מיר וויסן, אַז מיר פילן אויס די שליחות פון אונדזער פאָלק און קלאַס, אין דער נייער יידישער געשיכטע און אין דער יונגער העברעישער ליטעראַטור. איצט הערשט אַן אַנדערער גייסט ארום אונז און אין אונז. פילע פון די מקורות פון וועלכע מיר פלעגן שעפּן אונדזער כוח האָבן זיך אויסגעוועבט. אונ־דזער אַמאָליקער שטאָלץ איז שווער געטראָפן געוואָרן.

ווען מיר באַטראַכטן דעם וועג וועלכן עס האָט דורכגעמאַכט אונדזער באַוועגונג, זעען מיר, אַז אונדזער פאַרצווייגטע חלוצישע איבערלעבונג האָט שטענדיק געזוכט אייגענע וועגן פאַר איר אויס־דרוק. אַזוי זענען מיר געווען די ערשטע וואָס האָבן געגעבן אַן אויסדרוק דער דעראָבערונג פון דעם ים און פיש־פאַנג — אַ נייע און אומבאַקאַנטע טעמע אין אונדזער לעבן און ליטעראַטור — אין אהרן מגדס „ים־ווינט" („רוח ימים") און אין די דערציילונגען פון א. טבקאי; מיר האָבן זיך באַטייליקט אין דער דעראָבערונג פון נגב, און מיר זענען געווען די ערשטע וואָס האָבן אים געבראַכט אַלס ליטעראַרישןביישטייער אין דעם בוך „ערד אָן שאָטן" (אדמה ללא צל) פון יונת און אלכסנדר סנד, און שפּעטער אין אַ ריי אַנדערע שאַפונגען; מיר האָבן אויסגעפילט אַ חלוצישע אויפגאַבע אין דער ליטעראַטור פון שליחות, און פאַראַשוטיסטן — און לאָמיר דאָ דערמאַנען צווישן אַנדערע די שריפטן, וועלכע עס האָט אונז איבערגעלאָזט חנה סענעש, וועמעס שליחות, לעבן און טויט האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין פאָלק; מיר זענען געווען די פּיאָנערן אין דער ליטעראַטור פון הגנה, גערוואַנגל און באַפרייאונג — אָנהייבנדיק מיט די בריוו פון „אסיר עברי", אין דעם בוך „פון הינטער די מויערן" („מבין החומות") פון משה כרמל, און „חברים דערציילן וועגן דזשימי" („חברים מספרים על ג'ימי") — און ביז צום גרויסן זאַמלבוך „ספר הפלמ"ח"; עס האָט נישט געפעלט אונדזער חלק אין דער ליטעראַטור פון דער יידישער בריגאַדע. נאָך ביים סוף פון וועלט־קריג האָבן מיר אָנגעהויבן צו שאַפן אַ יד ושם פאַר דעם גערוואַנגל און חורבן פון אייראָפּעישן יידנטום — מיט „בלעטער פון שריפה" („דפי הדליקה") פון דעם קאָמענדאַנט פון ביאַליסטאָקער געטאָ און ביז צום בוך, וואָס וועט בלייבן אַן עדות פאַר דורות — „דאָס בוך פון די געטאָ־קעמפער" („ספר לוחמי הגיטאות"), און אין ליטעראַרישן אויסדרוק — אין „אויפן שיידוועג" („פרשת דרכים"). אַן אונדז וואָלט געווען אוממעגלעך אַרויסצוגעבן די גרויסע זאַמלביכער פון דער באַוועגונג, און אונזערע חברים האָבן געשטאַלטעט דעם כאַראַקטער פון „ספר החלוץ", „ספר המעפילים", „מגן בסתר" (א בוך וועגן דער געוואַגטער שליחות פון די פאַראַשוטיסטן). מיר האָבן באַשריבן אין א קאָנצענטרירטער פאָרם דאָס לעבן פון דער חבר'טע אין קיבוץ, אין דעם בוך „חברות בקיבוץ". מיר זענען געווען צווישן די, וואָס האָבן געשאַפן די פּאָעזיע פון דעם קיבוצישן דאָרף, וואָס האָט זיך צעבליט אין דעם פּייזאַזש פון ישראל, אין אירע פעלדער און קאָלעקטיוון לעבן — אין דער דאָזיקער משפּחה האָבן מיר צו פאַרצייכענען פּאַניע ז"ל, י. רבינוב, משה בסוק, זרבבל גלעד, חיה ורד און אַנדערע.

מיט די דאָזיקע שאַפונגען האָבן מיר ארומגענומען א גרויסן טייל פון די געשעענישן אין אין דער נייער ישראלדיקער געשיכטע, און מיר האָבן אין א געוויסער מאָס באַפרידיקט די באַדערפעניש פון דער באַוועגונג אין ליטעראַרישן אויסדרוק. אַזוי האָבן מיר זיך באַטייליקט אין שאַפן אַ באַזע פאַר דער ליטעראַטור פון אונדזער דור, און זי איז דאָך אַ תנאי פאַר וווקס און פאַר טיפער איינוואָרצלונג. דאָס זענען געווען די ערשטע שיכטן אין דעם אויסדרוק פון א נייעם לעבנס־שטייגער, וואָס איז נאָך פריער קיינמאָל נישט ארויסגעבראַכט געוואָרן.

עס איז נישט זיכער, אז אין א דין וחשבון וועגן דער ישראלדיקער ליטעראַטור, וואָלטן די אַלע אויבנדערמאָנטע שאַפונגען דערמאָנט געוואָרן. אָבער אונדזער באַוועגונג גייט צו מיט אַן אַנדערער מאָס צו דער אָפּשאַצונג פון די דאָזיקע ווערק. אונדז איז וויכטיק זייער דערציערישע

שליחות, דאָס וואָס זיי דערהויבן דעם גייסט. די דאָזיקע שליחות האָבן זיי דערפילט, און נישט נאָר אין קיבוץ. ווער ווייס צי אַזעלכע ווערק ווי „מבין החומות" אָדער „חנה סענעש", צי „חברים מספרים על ג'ימי" וועלן אַמאָל דערמאָנט בעת אַ לעקציע פון העברעישער ליטעראַטור, אָבער ווייער דערציערישער כוח איז נישט קלענער פון דעם כוח פון אויסגעשפּראָכענע ליטעראַרישע שאַפונגען. אַזעלכע ווערק זענען אויך אַ געווער און אַ באַגלייטער אויפן פראָנט און אין טאָג־טעגלעכן לעבן.

א קולטור וואָס איז חרוב געוואָרן

דער שטורעם פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט איבערגעאַנדערשט ביז די סאַמע יסודות דאָס נאַציאָנאַלע לעבן פון אונדזער פאָלק, און מיר זענען איינער פון די שטראָמען וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דעם דאָזיקן ווולקאַנישן קראַטער. דער שעפערישער כוח פון דעם יידישן גלות איז אַרויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען, אָפּגעמעקט און פאַרשטומט געוואָרן. דער קערפּער, די נשמה און דאָס לשון פון גלות זענען פאַרלעצט געוואָרן. דער גלות עקזיסטירט, אָבער זיינע מקורות זענען אויסגעטריקנט געוואָרן. מיר אין ישראל קאָנען זיך נישט באַגיין אָן אים, בויען מיר דעריבער מיט די שטיינער פון זיינע צעפאַלענע און צעשטערטע ווענט, ברענגען צונויף דערשיטערטע און צעבראָכענע טיילן זיינע. מיר נויטיקן זיך אין כוחות; מיר שמעלצן איבער אַ פאָלק, און דאָס פאָלק איז אונדזער רוישטאָף.

די שאַפונג פון פאָלק אין גלות איז פאַרוועלקט געוואָרן. דער באָדן אויף וועלכן ער וואַקסט איז אויסגעדאַרט געוואָרן. עס האָט זיך אויסגעשעפּט דער עבר און זיינע אוצרות — די ירושה פון דורות. אַלץ האָט זיך פאַרענדערט. אַמאָל האָט דער גלות געפּלעגט מיט זיין בלוט און לעבנס־זאַפטן, דעם עמבריאָנישן כוח פון ישראל — היינט שטראָמט צו אונדז דער גלות אַ נעבעכדיקער, סיי אין גוף און סיי אין גייסט. עס איז נישט צו דערקענען אין אים די אַמאָליקע שיינקייט, דאָס אַמאָליקע רייכטום.

פאַראַן אַן יידיש לעבן, אָבער זיינע פאָרמען זענען פּרוכטלאָז און פאַרגליווערט, אָן לשון, אָן אויסדרוק, אָן שאַפונג. דער פּרצוף פון גלות איז צערונען. נישטאָ דאָס אַמאָליקע רוסלאַנד, דאָס אַמאָליקע פּוילן און ליטע, דאָס אַמאָליקע דייטשלאַנד. פאַראַן אַ יידנטום פון אנוסים אין ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס זיין דערנידעריקונג שרייט צום הימל און די רעשטלעך פון שעפערישער קראַפט וואָס זענען נאָך אין אים פאַרבליבן ווערן אַכזריותדיק צעטראָטן; פאַראַן אַ גבירישע, זאַט יידנטום אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס ישראל איז אַן אַנקער פאַר זיין נאַציאָנאַלער שטאָלץ, און דערווייל קויפט ער אויס זיין געוויסן דורך געלט באַשטייערונגען; פאַראַן אַ פאַרגליווערט יידנטום אין די אַראַבישע לענדער, אַן שעפערישער סטיכיע. עס קומען קיין ישראל יידן פון דאָ און פון דאָרט, אָן דעם גייסטיקן באַגאַזש, וואָס פלעגט אָנומלטן אַריינברענגען נייע ווערטן פון פרוכטבאַרקייט. און איצט קומען זיי אָן ווערטן, און אפשר אויך נישט צו ווערטן. ס'איז מער אַן אַנטלויפן פון ערגעץ, איידער אַ קומען צו עפּעס. ס'איז אַ דור פון מדבר, וואָס איז נישט פאַרבליבן אין מדבר און האָט דעם מדבר מיטגעבראַכט אין זיין נשמה. זיי זוכן אין ישראל אַ קאָמפּענסאַציע פאַר זייערעליידן. זיי קומען אָהער פול מיט שרעק פאַר דעם קאָלעקטיוו. אַ סך פון זיי קומען פון די לענדער פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע, אָבער דער סאָציאַליזם האָט נישט באַרייכערט זיין לעבן, האָט זיי נישט פאַרוואַנדלט אין אַרבעטס־מענטשן. די אַלע וואָס שטייען היינט בעצם אינעם צענטער פון דער יידישער רעוואָלוציע, זענען אָן אָביעקט פאַר שאַפן, אָבער ס'איז אַ גרויסער ספק צי זיי אַליין וועלןביישטייערן עפּעס וויכטיקס אין דעם שאַפן פון פאָלק. ערשט ווען זיי וועלן זיך דאָ איינוואָרצלען, וועלן זיך עפענען זייערע אויגן לגבי זייער פאַר־גאַנגענהייט. ערשט זייערע קינדער וועלן זיך אַריינפלעכטן אין אונדזער שעפערישן ווערק.

דאָס אַלץ איז געשען אין משך פון אַ דור. מיר גאַפן מיט שרעק נישט נאָר אויפן גורל פון די דערמאָרדעטע. נישט ווינציקער דערפון: וואָס איז דער גורל פון די פאַרבליבענע, וואָס עס איז געשען מיט די לעבעדיקע, מיט דער נשמה פון פאָלק.

א נייער דור אין דער ליטעראטור

אונדזער פאָלק לעבט צווישן צוויי פאָלוסן — דער גלות און ישראל. אָבער די יידישע ליטע־ראַטור איז אַריבער פון איין פאָלוס צום צווייטן. אין איין גורלדיקן מאָמענט האָט זיך אַלץ גע־

ביטן — די געאָגראַפיע, דער פּייזאַזש, די ערד און די הימלען, קערפּער און נשמה, פּראָבלעמען פון יחיד און קאָלעקטיוו, דער קלימאַט פון שאַפן האָט זיך פולשטענדיק אי־בערגעביטן, ממילא, זענען אויך די קוועלן פון דעם שאַפן אַנדערע ווי אַמאָל.

די ליטעראַטור האָט דורכגעמאַכט רעוואָלוציאָנערע און עוואָלוציאָנערע פּראָצעסן, און אין רעזולטאַט, איז נאָך שווערע חבלי־לידה געבוירן געוואָרן די יונגע ישראלדיקע ליטעראַטור. אמת, זי איז אַ המשך, און פונדעסטוועגן איז זי אַנדערש אין איר אייגנאַרטיקייט, ווערטן און איינהאַלט. עס בייט זיך די טעמאַטיק. נישט דאָס שטעטל, נישט דער בית מדרש, נישט די פּאַריטומטע שכינה און דער טרויער פון דעם אויסגעוואָרצלטן יחיד, און אפילו נישט דער חבר פון „החלוץ״ און דער קאָמיסאַר. עס לעבן נאָך מיט אונדז צוזאַמען אין ישראל די גרויסע פאָרשטייער פון גלות־ליטעראַטור — עגנון און הזז — און ווער ווייס צי זיי זענען נישט די לעצטע מאָלער פון יענעם צווייטיקן גלות לעבן. דער דור פון יורשים איז א דור וואָס האָט נישט געקענט דעם גלות, אָדער ער האָט אים געקאָנט נאָר אין זיין יוגנט, אין אַ פאַרקריפּלטער פאָרם.

אין אלגעמיינע, סכעמאַטישע שטריכן, קאָן מען אזוי שילדערן די אַנטוויקלונג פון דעם אַקטיוון טרעגער פון דער העברעישער ליטעראַטור אין ישראל: פון אָנהויב זענען געקומען גלותדיקע שרייבער, ברענגענדיק מיט זיך זייער פאַרגאַנגענהייט — און א שרייבער קאָן זיך נישט באַפרייען פון א וועלט פון איבערלעבונגען, בילדער און געפילן, וואָס איז ביי אים פאַרוואָרצלט פון קינדהייט אָן; ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָט א טייל פון זיי — ווער פריער און ווער שפּעטער — ארויסגעברענגט אביסל פון דער ישראלדיקערווירקלעכקייט, נאָך איידער זי האָט באַקומען איר אייגנאַרטיקע פאָרם. שפּעטער געפינען מיר אַ יינגערן שיכט, געקומען קיין ישראל אין זייער קינדער־ אָדער יוגנט־יאָרן, און זייער איינוואָרצלען זיך אין ארץ־ישראלדיקן באָדן איז נישט געווען פאַרבונדן מיט אַזויפיל שוועריקייטן, ווי ביי זייערע פאָרגייער. און צום סוף איז געקומען דער אין ישראל געבוירענער שרייבער, וועלכער האָט נישט געקאָנט דעם גלות, און זיין גאַנץ לעבן האָט זיך אַנטוויקלט אין ישראל. די דאָזיקע יונגע שרייבער שאַפן מיט זייער ווערק דעם ערשטן רינג אין דער קייט פון דעם המשך. אין דער צוקונפט וועט די מערהייט פון דער שרייבער־משפּחה אין ישראל באַשטיין פון געבוירענע אין לאַנד, און אויך וויפל עס וועט אין זיי נאָך זיין א שפור פון גלות, וועט עס זיין אַן אויסדרוק פון עדות אויפן שוועל פון אריבערגיין קיין ישראל, אָדער שוין אין ישראל, אין דער באַליידיקנדיקער עקזיסטענץ אין די צייטווייליקע מעברות, פּראָבלעמען פון קליטה פון נייע עולים אין ישראל־לעבן.

דערווייל האָבן זיך דאָ געשאַפן נייע שיכטן פון לעבן: דערפער, פעלדער, לאַנדשאַפטן האָבן זיך צעגרינט און געוואָרפן זייער שאָטן.

שטורעם־כוואַליעס

די ראַמען זענען צו ענג אויף צו באַשרייבן אַלע פאַרשידענע פאַזן אין דער אַנטוויקלונג פון דער ישראלדיקער ליטעראַטור. מיר מוזן אָבער, כאָטש אין עטלעכע שורות, פאַרצייכענען דעם שטורעם, וואָס האָט געבושעוועט אין ארץ־ישראל און אויף דער וועלט נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג און אין די טעג פון דער דריטער עליה, וואָס אין איר פּאַלג האָט זיך געשאַפן די שטורעם־פּאָעזיע. פּאָעזיע, וואָס האָט פאַרויסגעפילט די גרויסע קאַטאַסטראָפע פון דעם גלות און אַ בענקשאַפט נאָך גאולה און באַנייאונג, אַ פּאָעזיע וואָס איז געבוירן געוואָרן פון דער מענטשלעכער און יידישער רעוואָלוציע, וואָס האָט געקעמפט פאַר נייע ווערטן און האָט זיך דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה פון מענטשלעכן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. די דאָזיקע פּאָעזיע האָט איבע־ראַשט מיט איר פאָרם און אינהאַלט, מעלאָדיעס און ריטמען. נאָך אַ קורצער צייט, ווען דער שטורעם האָט זיך עטוואָס באַרואיקט, האָט זיך אָבער די דאָזיקע פּאָעזיע צעפּיצלט און צעטיילט, און יעדער איז זיך געגאַנגען זיין וועג און געדינט זיין אייגענעם גאָט.

א צווייטער שטורעם, וואָס אויך ער האָט אריינגעווייעט און אויסגעפילט די זעגלען פון דעם העברעישן שאַפן איז געקומען אין דער תקופה פון געראַנגל און חורבן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פאַר דעם צווייטן וועלט־קריג.

אין גלות איז אין די פאָלגן פון דעם דאָזיקן שטורעם געקומען דער חורבן, און אין ישראל האָט זיך דאָס פאָלק געשטאַרקט און געגרייט צום אַנטשיידנדיקן קאַמף. די טעג פון די בלוטיקע געשעענישן, באַלאַגערונג און אומלעגאַלער עליה, און דאַן דער וועלט קריג, די יידישע בריגאַדע,

הגנה און פלמ״ח, קאמפן און אַרעסטן, און צום שלוס — דער באפרייאונגס־קריג, וואָס האָט דורך בלוטיקע איבערלעבונגען געפירט צו פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט. און זייט ביי זייט מיט די אַלע געשעענישן — וווקס, דעראָבערונג פון דער וויסטע, די ישובים פון מויער און טורעם (חומה ומגדל) און קאָלאָניזאַציע דורך ישראַלדיקער יוגנט. די ליטעראַטור פאָלגט אין די שריט פון די ברויזיקע געשעענישן. די הויפּט־אַנטפּלעקונג פון ישראַלדיקן לעבן: עס באַווייזט זיך דער דור פון די זין.

דאָס אַרבעטנדיקע ארץ ישראל האָט געגעבן אירע בעסטע זין. דער דאָזיקער דור איז דורכן גורל פון קאַמף אריינגעוואָרפן געוואָרן אין שטורעם, און אין אים שנעל רייף געוואָרן. ער האָט אויף זיין רוקן געטראָגן דאָס פאָלק, ער איז געשטאַנען אין ברען־פּונקט פון דער צעפלאַמטער יידישער געשיכטע. ער איז נישט געווען אַליין, ער אָבער איז געשטאַנען אין דער שפּיץ — אין פלמ״ח, אין די קאַמפן, אויף די ים־ברעגן. דער גראַנגל האָט אויף אים ארויפגעלייגט א גרויסע אחריות פארן גורל פון פאָלק.

אין דעם דאָזיקן ברענענדיקן קלימאַט פון דער תקופה זענען די פּראַצעסן רייף געוואָרן אין א צוגעאיילטן טעמפּאָ. ווען נישט די בלוטיקע געשעענישן, וואָלט זיך אפשר דער דאָזיקער דור נישט אויסגעצייכנט מיט זיין אייגנאַרטיקייט. ער וואָלט מן הסתם אומבאַמערקטערהייט פאַר־שלונגען געוואָרן אין דער געזעלשאַפט פון זיינע עלטערן, און וואָלט פארבאהאַלטענערהייט בייגעשטייערט זיין חלק. אָבער ווען ער האָט זיך געשטעלט צום רוף און פאַרלאָזט זיין היים, אוועק פון שויס פון זיין מוטער, האָט ער דאַן דערוואָרבן זיין אייגנאַרטיקייט, זיין באַזונדערן לעבנס־שטייגער, מאַניערן, אין זיין אופן רעדן, אין זיין צבר׳ישן סטיל. עס האָט זיך אנטפּלעקט א געשטאַלט — דער מענטשלעכער פּראָדוקט פון נייעם ארץ־ישראל, אַ מענטשן־טיפּ, מיט זיין ספּעציפישער כאַראַקטעריסטיק; און יעדער מענטשן־טיפּ, וועלכער איז אַ רעזולטאַט פון אַן איינגעוואָרצלטן לעבנס־שטייגער, איז א יסוד פאַר פּראָזע.

די יידישע געשיכטע האָט זיך געטראָפן פנים אל פנים מיט דער התישבות און מיט דער הגנה, מיטן קיבוץ און מיט דעם פלמ״ח. דער קיבוץ איז געווען די היים פאַר דער הגנה און דעם פלמ״ח, זייער לעבנס צענטער און אָרגאַניזיר־באַזע. אין דער דאָזיקער צייט איז דער קיבוץ געווען דער צענטער פון ישראַלדיקער געשיכטע. פון קיבוץ פלעגט מען ארויס אויף פּאַטראָלן, אויף שלאַכטן מיטן פיינט, אויפנעמען מעפּילים אויף די ברעגעס, פון אים פלעגן ארויס די קאָנוואָיען צו די באַלאַגערטע ישובים. פון דאָרט פלעגט מען ארויס אויף שליחות. אין קיבוץ האָט זיך געשאַפן דער פלמ״חישער פאָלקלאָר.

די דאָזיקע תקופה האָט ארויפגעלייגט איר שטעמפּל אויף דער יונגער ישראַלדיקער פּאָעזיע און פּראָזע. זי האָט זיי געגעבן איר געוואַנט... ווען דער פּאָעט פון פאָלק וואָלט פונדאַסניי געפרעגט: „אויב דו ווילסט קענען דעם קוואַל״... פון וועלכן דער דור האָט געשעפּט זיין כוח און גבורה — וואָלט דער ענטפער געמוזט זיין אַן אַנדערער ווי ביאַליקס ענטפער.

דאָס זענען געווען די טעג פון דעם הויך־פּונקט פון שעפערישן געפיל פון יונגן דור. און ווי הינטער יעדן הויך־פּונקט — האָט אויך דאָ געלויערט דער באַרג־אַראָפּ.

דער קיבוץ אין דער ליטעראַטור

די איצטיקע תקופה האָט צוגעאיילט די באַגעגעניש צווישן דער העברעישער פּראָזע און דעם קיבוץ. עס איז שווער געווען פאַרויסצובאַשטימען, ווי אַזוי אָט די באַגעגעניש וועט פאָרקומען, ווי אַזוי וועט דער קיבוץ דערשיינען אויפן דערציילערישן פּאַן? די אַלע באַגעגעניש־פּרוּוון פון פריער האָבן זיך ס׳רוב אויסגעלאָזן מיט א פאַרדראָס: צייטנווייז פאַר ביידע און אַמאָל — פאַר איינעם פון זיי. נאָך אַלעמען איז דאָך קיבוץ אַן איבערלעבונג, וואָס קיין שום ליטעראַטור האָט זיך נאָך מיט איר נישט פאַרמאָסטן. האָט געמאַטערט די פראַגע: „ווי אַזוי״? נישט ווינציקע האָבן זיך גריילעך געצויגן צו אָט דער טעמאַטיק, אָבער נישט געוווּסט דעם ו ו ע ג. די ספּעצי־פישע פּראָבלעמען פון דער האַנדלונג, די געזעלשאַפטלעכע גלייכהייט, דאָס פעלן פון אויסער־לעכער דראַמאַטישקייט אינעם טאָג טעגלעכן לעבן — איין טאָג ענלעך צום צווייטן — דאָס פּראָבלעם פון פאַרוועבן זיך צווישן יחיד און כלל, — דאָס אַלץ איז געווען אין פלוג זייער איינפאַך, און דאָך זייער קאָמפּליצירט. נישט קיין קלאַסן און נישט קיין קלאַסן־קאַמף, נישט קיין רווישנדיקע גאַסן, נישט קיין עקספּלואַטאַציע, טורמעס און פאַרברעכנס. די געשעענישן —

טיף אינעווייניקסטע ; דער שווערפּונקט — אין דער אומגעזעענער בליאונג. די דרויסנדיקע צייכנס פונעם לעבנס־געוועב גלייכן־אויס, ווי עס שיינט, אַלעמען, אָבער דאָס ספּעציפיש־אינדיווידועלע איז אַ סך טיפער, און ס'איז כלל נישט לייכט אים אויפצודעקן. דער געזעלשאַפטלעכער קלימאַט — אויך אים און זיינע ווירקנדיקע עלעמענטן איז נישט גרינג צו דעשיפרירן.

דער קאָלעקטיוו אליין — ער איז דער הויפּט־העלד, און פונדעסטוועגן שפּאַנט דאָ ארום דער קינסטלער, דער קיבוץ־מענטש, ווי אין אַ מענטשן־וואַלד און איז נישט פריי פון צו זיין ענג צוגעשמידט סיי אין צייט און סיי אין אָרט צום פייזאַזש פון דעם גאַנצן וואַלד. און פאַרקערט, דער דרויסנדיקער מענטש, וואָס זעט, אייגנטלעך בלויז פון ווייטן דעם קיבוץ, איז פרעמד צו זיין נשמה, צו זיינע איבערלעבונגען. די איבערגעטריבענע פאַרהיימישונג פון דעם קינסטלער מיט זיינע געשטאַלטן טראָגט אין זיך אַ געפאַר. אזוי איז, על כל פנים, אין די ערשטע שטאַפּלען פון דער קיבוצישער פּראָזע. די שאַפונגס־פאַנטאַזיע פונעם קינסטלער איז געפּענטעט אין געוויסע גרענעצן.

די דינאַמישע אַנטוויקלונג פונעם קיבוץ אין דער שטורעם־תקופה, זיין ארויסמארש צו געראַנגל, אַקציעס און פּערספּעקטיוו, האָט פאַנאַנדערגעעפנט פענצטער און אַריינגעשפּריצט בלוט אין זיין לעבנס־האַנדלונג.

אין דער געשיכטע פון אָט דער ליטעראַטור טאָר מען נישט איבערהיפּערן דעם בוך „ערד אָן שאָטן" פון יונתן און אלכסנדר סנד (וואָס איז איבערגעזעצט אין יידיש). דאָס איז געווען אַ דורכברוך אין אַ שטומער מויער. נישט צופעליק האָט אָט די שאַפונג געפונען אַן עכאָ אין הארצן פון טויזנטער לייענער, דער עיקר אין דער קיבוצישער באַוועגונג. נאָר אַ שאַפער פון אינעווייניק, וואָס איז פאַרוואָרצלט און האָט אַ טיפע באַציאונג צו די ווערטן, האָט געקאָנט עפענען אַ טיר פאַר אָט דער איבערלעבונג, וואָס דער ליטעראַטור אויסדרוק האָט זיך לאַנג געראַנגלט און זי נישט געקאָנט בייקומען לייכט. ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס דער יונגער דור האָט אַ אַזאַ קענטיקן חלק אין די ערשטע רינגען פון דער יונגער פּראָזע, וואָס דער קיבוץ און פלמ"ח זענען אין איר צענטער. אויך צווישן די קיבוצים איז צו פאַרצייכענען דעם אָנטייל פון די יונגע כיבוש־ און גרענעץ־ישובים.

די פּרוּוון וואָס זענען אויף דעם דאָזיקן שטח געמאַכט געוואָרן דורך טאַלאַנטפולע קינסטלער אין העברעיש און אין יידיש, האָבן לרוב נישט באַפּרוכפּערט, נישט צוגעגעבן גייסטיק ; ס'איז געבליבן די פּערמדקייט. טאַלאַנט אַליין, איז אין דעם פּרט, נישט גענוג.

אויב מיר זאָלן וועלן מאַכן דעם חשבון פון אונדזער יונגער פּראָזע זינט דעם אויפקום פון דער מדינה, האָבן מיר אויסצורעכענען עטלעכע פונדאַמענטאַלע שאַפונגען, וואָס זענען דערשינען פאַר אָט דער צייט.

עס קומען אין באַטראַכט : „ערד אָן שאָטן", וואָס מיר האָבן אויבן דערמאַנט. „חדוה ואני" פון א ה ר ן מ ג ד ; די דאָזיקע שאַפונג האָט אונז אריינגעפירט אין דער סביבה פון ישראלדיקן „עמך". אַ שלל טיפן, ותיקים און עולים פון אלערליי עדות און שיכטן.

ס'איז צום ערשטן מאָל, וואָס מיר האָבן דערשפּירט דעם אָטעם פון אַ פאָלק, פון טומלדיקער גאַס, מיט אירע ספּעציפיש־ישראלדיקע פאַרבן און ריחות.

„מלך בשר ודם" פון מ ש ה ש מ י ר. אַ שאַפונג, וואָס האָט איבערראַשט מיט איר פאַרנעם און מיט דעם טאַלאַנט פונעם קינסטלער אויפצולעבן דורך זיין פּענדזל פאַרצייטיקע תקופות אינעם צעשטורעמטן לעבן פון פאָלק ישראל.

די דאָזיקע שאַפונגען, וואָס זענען פאָלוס־ווייט איינע פון דער צווייטער, אויבנאויפיק פאַרמאָגן זיי איין און דעם זעלבן אויסגאַנגס־פּונקט — די קעגנוואַרט. איינע האָט זיך אוועקגעלאָזט פון דעם פּרימאַרגן פון דער זיך באַנייענדיקער יידישער מלוכהשקייט צו דער פאַרצייטיקער מלוכהשקייט, צום פאָלק, וואָס א י ז ג ע ו ע ן, צו צייטן, ווען ער איז אויסגעשטעלט אויף גרויסע שטורעמס ; און א. מגד האָט אריינגעשפּאַנט אינעם היינטצייטיקן, אויפצוכאַפּן דעם פּרצוף פון אַ פאָלק, וואָס ה א ל ט א י ן ו ו ע ר ן.

"פנים אל פנים" פון א ב א ק אָ ו נ ע ר — אַ געשטאַלט פון אַ קאָמפּנדיקער ישראל־איינהייט, אַ שאַפונג, אין וועלכער מען שפּירט אַ ברויזנדיקן געוויסן צוליב געשעענישן, וואָס האָבן זיך אָט ערשט פאַנאַדערגעשפּילט, זי פאַרכאַפּט אונז מיט דער קראַפט פון איר אידענטיטעט. אויך זי זאָגט עדות, אז כדי ארויסצובריינגען פּרקים פון דער היינטצייטיקייט דעצידירט נישט דער

טאַלאַנט אַליין פאַר זיך. ס׳פאַדערט זיך די טיפע אינעווייניקסטע באַציאונג צום געשילדערטן לעבן; מיט אַט דער קראַפט איז דער קינסטלער מסוגל אריינצושפּרינגען דירעקט אין די אָרעמס פון קעגנוואַרט, אַ שפּרונג, וואָס יעטוועדע פּראָזע ציטערט פאַר אים.

„אבן על פי הבאר" — פון נ ת ן ש ח ם. מיר האָבן פון תמיד אָן געהאַפט, אַז ס׳וועט קומען אַ קינסטלער, וואָס וועט גראָבן אין אונזער רייכער גאָלד־גרוב פון די לעצטע געשיכטע־יאָרן אונדזערע. זאָלן דאָ פאַרצייכנט ווערן די צוויי ראָמאַנען פון שלמה ניצן „בינו לבינה" און „צבת בצבת", וואָס שילדערן דעם דור פון די אבות און קינדער אין די טעג פון באַפרייאונגס־קריג; זאָל אויך דערמאָנט ווערן די דערציילונג פון י ה ו ד י ת ה נ ד ל „רחוב המדרגות", די דערציילונגען פון צ ב י א ר ד, פון ח נ ו ך ב ר ט ו ב, בפרט זיין לעצטע שאַפונג „שש כנפים לאחד". אין די אַלע ווערק איז פאַראַן דער ווילן אויסצולייזן באַזונדערע טיילן פון אונדזער נייער מענטשלעכער לאַנדשאַפט, ספּעציפישע געוועבן אינעם קיבוצישן לעבן.

לאָמיר דערמאָנען די געבענטשטע שאַפונגען פון מ. ט ב י ב, וועגן דעם לעבן פון תימנים, ווי זיי ווערן פאַרפלאַנצט אין דער יידישער קאָלאָניע. די דערציילונגען פון מ ת י מ ג ד מיט זייער אייגנאַרטיקייט. וועגן ס. י ז ה ר לוינט זיך אָפּצושטעלן באַזונדער.

פון די ווערק וועגן לעבן אין ג ל ו ת, וואָס זענען באַלויכטן מיט אַן ארץ ישראלדיקער שיין, און וואַרפן אין עצם איבער אַ בריק צו ארץ־ישראל דערמאָנען מיר „שאול ויוהנה" — פון נ ע מ י פ ר נ ק ל, אַ ווערק, וואָס באהערשט אייך דורך דער עפּישער רחבות און אינערלעכער שפּאַנונג, וואָס ווערט אויפגענומען דורך דעם יידנטום אין דייטשלאַנד מיט היטלערס אויפטריט. „פרשת דרכים" פון מ. ג ר ב ו ב צ ק י, וועגן דער קאַטאַסטראָפע אין געטאָ לאָדז, אַ שוידערלעכע דערהויבנדיקע דראַמע, פון וועלכער עס ווערט אראָפּגעריסן דער פאַרהאַנג; אויך די ראָמאַנען פון י ו נ ת און א ל כ ס נ ד ר ס נ ד („הכיתה החמישית" און „ימיהם הפרוצים לרוח"), וואָס שילדערן דאָס יידישע לעבן אין פּוילן ערב דער וועלט־מלחמה.

די אַלע אויסגערעכנטע ווערק און אויך יענע, וואָס ווערן דאָ נישט דערמאַנט, זענען אין סך הכל אַ טרייער עדות, אַז די יונגע פּראָזע מאַכט אָנשטרענגונגען צו געבן אויסדרוק פאַר אַסך לעבנס־דערשיינונגען, אויסברייטערן דעם האָריזאָנט צו דעם ווייטן און נאָענטן עבר און באַהעפטן זיך אויך מיטן הווה.

די נייע ווירקלעכקייט

היינט צו טאָג איז דער ברען־פּונקט פון דעם פאָלקס לעבן אין לאַנד נישט דערזעלבער, ווי אַמאָל. די „צווייטע ארץ־ישראל" באַשטייט פון גלותן און עדות, וואָס קומען זיך דאָ צונויף און זי געפינט זיך אינעם שאָטן פון אַנדערע וועלטן. זי שפּאַנט אַרום אין די גאַסן פון באר־שבע, מגדל אשקלון, לכיש, אין די מעברות און ארבעטס־דערפער, און צווישן די נויט־אַרבעטער. די דאָזיקע ארץ־ישראל האָט נישט אויפגעשטעלט קיין קיבוצים — בלויז ברעקלעך פון איר זענען אהין אריינגעפאַלן דערווייל. אָט די ארץ־ישראל ראַנגלט זיך אין קליטה־יסורים, און די חבלי־קליטה זענען אייגנטלעך די פּראָבלעמען פון פאָלק און פון דער ליטעראַטור. אין די דאָזיקע געצעלטן פון די פאַרשטויסענע ברידער פלאַטערט היינט צו טאָג די נשמה פון פאָלק. דאָרט איז דער פּראָנט פון געראַנגל פאַר זיין געשטאַלטונג. דאָרט איז די קאַוואַדלע.

די עולים אַליין ווייסן עס נאָך נישט. זיי ווייסן נישט וואָס אַזוינס און צוליב וואָס מישט אין זייער לעבן דער יידישער גורל און צו וואָסערע פּראָצעסן דינען זיי היינט צו טאָג ווי אַ בריק. זייער שליחות איז זיי גופא נישט באַקאַנט און נישט אַזוי שנעל וועלן זיי זי תופס זיין. זיי פאַרמאָגן נישט דעם כוח צו געבן זיך אַליין אַן אויסדרוק, אַרויסברענגען זייערע איבער־לעבונגען. און דער יונגער יידישער שרייבער באַזיצט נאָך נישט דאָס נויטיקע „אויגל" צו זען און הערן, וואָס עס פּילט יענער יידישער מענטש. „צווישן אים און יענע — ווי זאָגט עס נתן אלטערמאַן — ברענט די בריק".

געוויס זענען דאָ און דאָרט פאַראַן התחלות פון אויסדרוק. עס טרעפט אַז אַ שרייבער אין יידיש (מ ג ד ל מ א ן), וואָס לעבט צווישן די עולים, דערלאַנגט דעם אויסדרוק פון אַזאַ לעבן אין „פאַרלאָזטן דאָרף". עס טרעפט און ש ל מ ה ש ו ו א ר ץ שילדערט אַזוי באַחנט „די נייע מענטשן אין די הויכע בערג". מיר וואַרטן נאָך אָבער אויף יענעם קינסטלער, וואָס וועט אַריינבליקן אינעם תהום פון יענעמס לעבן און וועט פאַרנעמען די קוועלעניש פון זייער פאַרוואָרצלונג. ס׳איז

קיין ספק, אַז פון זייערע קינדער און יוגנטלעכע וועט נאָך קומען עמעצער, וואָס וועט איינזאַפּן די באַליידיקונג פון זייער לעבן און די גאווה פון זייער פאַרהיימישן זיך און וועט פון זיך אויסהאַמערן דאָס געהעריקע וואָרט. אָבער מ׳טאָר זיך נישט טרייסטן מיט דעם, וואָס וועט ערשט קומען אַמאָל. די העברעישע ליטעראַטור טאָר זיך נישט זוכן קיין רו אין אַנדערע עולמות, ווייטע, פּאַרצייטיקע און נישט פּילן דעם פייערדיקן ברי פון איצטיקן ברען־פּונקט אין לעבן פון אונדזער פאָלק אין אונדזער לאַנד.

מיר האָבן איצט באַקומען צוויי פונדאַמענטאַלע ווערק אין אונדזער ארץ־ישראלדיקער ליטעראַטור — „עיר היונה" פון נ ת ן א ל ט ע ר מ א ן און די גרויסע דערציילונג „ימי צקלג" פון ס. י ז ה ר. צי דען סימבאָליזירן נישט ביידע דעם אומקער צו דעם הווה, צו די ברען־פּונקטן פון דער יונגער ישראל? ביידע אָטעמען זיי א טיף געוויסן, געשפּאַנטע וואַכזאַמקייט צום עיקר, און זיי קאָנען באַאיינפלוסן אונדזער ליטעראַטור.

אַזוי קער איך זיך אום צו אונדזער אייגענעם שטעג, ווי ער שלענגלט זיך אין די פעלדער פון אונדזער לעבן. אָפט גייען מיר אום מיט אָט דעם שטעג און ווייסן אַליין נישט, וווּהין ער פירט. און עס טרעפט אַז פלוצים, צו אונדזער אייגענער איבערראַשונג, בויגן מיר זיך צו אַ קוואַל וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט א פרישער, הגם א פאַראומערטער. אומגליק האָט אים אָפּגעדעקט. ס׳איז אַן אומגליק אויפגעריכט צו ווערן פון אַן אומגליק. דאָס איז ג ו ר ל: י ו ס ף פ י נ ס ק י און ש ל ו מ י ת. ביידע זענען אוועקגערויבט געוואָרן אין זייער יוגנט. איינער — בשעת דער סיני־אַקציע. די צווייטע — אין א וועג־קאַטאַסטראָפע. ביידע האָבן זיי געהערט צום צווייטן דור אין קיבוץ. אין די איבערגעבליבענע כתבים זייערע איז פאַראַן בשורה, אַז אויך דער דאָזיקער דור פאַרמאָגט קראַפט און חיות.

דורך זייער טויט פאַרזיכערן זיי אונז שטיל די האָפענונג, אַז נישט אַלץ איז אויסגערונען און ס׳איז דאָ אַן אויסזיכט פאַר אונדזערע פאַרלאַנגען, זיי זאָלן מקוים ווערן.

...אין פייער אויף מיין שוועל, צי הער איך נישט ווי ס׳זידט דאָס בלוט פון זכריה און פון
יוסף חיים ברענער? —
צי בין איך נישט אַליין דער שמיד, וואָס שמידט אי גראַבאייזנס,
אי קייטן, אי גאולה־פּענער?

ה. ל י ו י ק

ל. שמעוני־חיין

יידיש־קולטור אין ישראל

צוזאַמען מיט אַלע סך הכלען, וואָס ווערן איצט געמאַכט אין שייכות מיט 10 יאָר מדינת ישראל, איז כדאי צו מאַכן אַ געוויסן סך הכל אויך פון צען יאָר יידיש אין אייגענעם יידישן לאַנד.

אמת, די טעמע קלינגט אַביסל משונהדיק, וואָרום אויב שוין יאָ אַ סך הכל, וואָלט מען אים געדאַרפט מאַכן פון 30 יאָר יידיש ליטעראַרישע שאַפונג אין ארץ־ישראל, היות ווי אין אויגוסט 1958 איז געוואָרן דרייסיק יאָר זייט ס'איז דערשינען דער ערשטער יידישער ליטעראַרישער זאַמלבוך אין ירושלים „אַנהויב", אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע לינקע פּועלי־ציון חברים צוזאַמען מיט די דעמאָלטיקע יינגע יידישע דיכטער: י. פּאַפּיערניקאָוו און יעקב צבי שאַרגעל.

דאָס זאָגט כלל נישט, אַז ערשט אין אויגוסט 1928, האָט יידיש אין ישראל זוכה געווען צו ווערן געדרוקט ס'ערשטע מאָל, חלילה! פון דער וווּנדערבאַרער פּרעסע־זאַמלונג ביי זלמן פּעווזנער אין תל־אביב, ווערן מיר געוואָר, אַז די ערשטע וואָכן־צייטונג אין יידיש אין א"י, „די ראָזע", האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין ירושלים אין 1874, בעת אַ חודש־אויסגאַבע, „חבצלת", אין יידיש איז דערשינען שוין אין 1863. אין פּעווזנערס זאַמלונגען געפינען מיר יידישע אויסגאַבן פון די יאָרן 1887, 94—1892 ביז צו די פּועלי־ציוניסטישע „אָנפאַנג" אין 1907, „דאָס לאַנד" 1913, מיט נאָך צענדליקער פאַרשידנפאַרביקע יידישע אויסגאַבן פון אַ העכערן ניוואָ פון 1919 ביזן חודש נאָוועמבער 1934, ווען ס'האָט אָנגעהויבן דערשיינען די ערשטע פּעריאָדישע יידישע צייטונג „נייוועלט" (אַרויסגעגעבן פון לינקע פּועלי־ציון), זי איז דערשינען אומאונטערבראָכן 22 יאָר צייט — איינמאָל צוויי מאָל, צייטנווייז דריי מאָל אַ וואָך, ביז דער חשובסטער פערטליאַר־שריפט „די גאָלדענע קייט", ביז דער ערשטער יידישער טאָג־צייטונג אין מדינת ישראל, וואָס מפא"י האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין אויגוסט 1953 און איר גיך געשלאָסן, כדי צו מאַכן פריי דעם פּלאַץ פאַר דער טעגלעכער „לעצטע נייעס", וואָס דערשיינט ביז היינט־צו־טאָג, באַגלייט מיט אַן אילוסטרירטער יידישער וואָכנבלאַט.

די געבראַכטע שורות זאָגן עדות, אַז יידיש לעבט אין ישראל צוזאַמען מיט די יידן צענדליקער יאָרן, זיכער נאָך פאַר דער „טשערנאָוויצער קאָנפערענץ" פון פאַר 50 יאָר צוריק...

מיר שרייבן וועגן יידיש אין מדינת ישראל, מחמת דער טראַגיק פון יידיש, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיטן יידישן פאָלק בעיקר אין יידיש־צענטער אין מזרח־אייראָפּע אין „רוסלאַנד־ליטע־פּוילן", צוצוגעבן גאַליציע, לעטלאַנד מיט עסטלאַנד... מיטן אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק פון מזרח־אייראָפּע איז מיט בלוט פאַרשטאָפּט געוואָרן דער מזרח־אייראָפּעישער שפּרודלדיקער יידישער שאַפונגס־קוואַל. אויב דאָ און דאָרטן, אין דרום־ און צפון־אַמעריקע, פלאַקערט נאָך צייטנווייז אויף אַ שפּראַכן־וויכוח, איז ער נישט וועגן יידיש, אָדער העברעיש, נאָר וועגן מעמד פון יידיש אין מדינת ישראל.

צו אונדזער ווייטיק קאָנען מיר נישט צוגעבן צום חשבון די צוויי מיליאָן יידן פון ראַטנפאַרבאַנד, ווו די יידישע קולטור און ליטעראַטור איז געקעפּט געוואָרן, און ס'איינציק לעגאַלע ספר מיט מרובעדיקע אותיות, וואָס איז דאָרטן פאַרבליבן — איז דער סידור. — —

זשורנאַלן, צייטונגען, ראַדיאָ

פאַר די לעצטע צען יאָר איז מדינת ישראל געוואָרן אַ וואָגיקער צענטער פון יידיש און יידיש שאַפונג. יידיש אין ישראל לעבט זיך אויס ברייטער, פרייער, פולבלוטיקער, ווי אַנדערשוו. די תקופה פון „גדוד מגיני השפה" איז נישט מער, ווי מאַטעריאַל פאַר געשיכטע־פאָרשער.

אָט: אַכט יאָר צייט דערשיינט אין מדינת ישראל די „גאָלדענע קייט", וואָס ציילט שוין היינט־צו־טאָג 31 בענדער אָנגעשטאָפּטע מיט יידישע שאַפונג פון הויכן ווערט, די „גאָלדענע

קייט״ אין ישראל איז געוואָרן די כנסת פאַר די יידישע בעלעטריסטן, דיכטער, זשורנאַליסטן, עסייאיסטן און שרייבער פון גאָר דער וועלט. ס'איז צוצוגעבן, אַז די „גאָלדענע קייט״ גיט אַרויס די הסתדרות. די רעדאַקציע באַשטייט היינט פון אברהם סוצקעווער, א. פינעס און מענדל מאַן, און פאַר די „אַלערגישע״ שפּראַך־דיסקוטאַנטן, באַזונדערס פון אַנטי־ציוניסטישן לאַגער דאַרף רעדן דער פאַקט, אַז מיר געפינען אין דער „גאָלדענער קייט״ אַרבעטן פון — — — דוד בן־גוריון, זלמן שזר, יוסף שפּרינצאַק וכדומה, שוין אָפּגערעדט פון די „יידישיסטישע״ שריפטשטעלער, ווי יעקב זרובבל, מ. ערעם, דניאל לייבל, אָדער די גענע־ראַלן יצחק שדה, יגאל אלון, מ. כרמל וכדומה.

אָט דערשיינט שוין קנאַפּע דריי יאָר דער רירעוודיקער חודשדיקער „היימיש״, אונטער דער רעדאַקציע פון משה גראָסמאַן.

ס'דערשיינט אין ישראל די וועכנטלעכע יידישע צייטונג פון מפ״ם „ישראל שטימע״; ס'יידישע „פאָלק און ציון״ פון סוכנות ווערט פאַרשפּרייט אין ישראל און אין אויסלאַנד; מפא״י גיט אַרויס אַ 2־וועכנטלעכע יידישע אויסגאַבע „טאָג איין טאָג אויס״ מיט עטלעכע זייטן געווידמעט יידיש ליטעראַרישע שאַפונגען. די קליינע בונדיסט־ישע גרופּע גיט אין ישראל אַרויס אַ חודש־זשורנאַל „לעבנס־פראַגן״. איצט דערשיינט די וואָכנשריפט „פאָלקסבלאַט״ ב״י אחדות עבודה—פועלי ציון.

גיבן מיר צו די טעגלעכע צייטונג „לעצטע נייעס״ מיט דער „אילוסטרירטער וואָכנבלאַט״ און די באַנייטע „יידישע צייטונג״, וואָס פאַרמעסט זיך אויף אַ טאָג־צייטונג, זעען מיר, אַז אין די 10 יאָר מדינת ישראל האָט יידיש אַ פּרעסע און פּעריאָדיק נישט אָפּצושטיין פון אַנדערע גרויסע יידישע קיבוצים. בעיקר: — יידיש האָט אין ישראל מאַסן לעזער, וואָס לייענען די יידישע אויסגאַבן און זענען נישט נאָר אַבאָנענטן, וואָס רייסן נישט אַראָפּ די קאָנווערטן פון זשורנאַל אָדער צייטונג; דאָ האָבן מיר יידישע מאַסן, וואָס לייענען יידיש, ווי מאַסן יידן לייענען העברעיש אָן די מינדסטע „פּרינציפּן״.

לאָמיר צוגעבן די יידישע אודיציע פון מלוכה־ראַדיאָ אין ישראל (קול ציון לגולה), וואָס ווערט מיט אינטערעס געהערט פון צענדליקער טויזנטער יידן אין ישראל גופא, מחוץ די טויזנטער, וואָס הערן אין אויסלאַנד. די יידישע ראַדיאָ־שעה פון ישראל שטייט אויף אַ הויכער מדרגה. ס'יידיש פון ישראל־ראַדיאָ איז זויבער, ליטעראַריש, ערנסט און באַלערנד. יידיש ראַדיאָ אין ישראל קאָנצענטרירט אַרום זיך יידישע שרייבער, קינסטלער, קריטיקער, אַרטיסטן און קאָמענטאַטאָרן פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע און אידעישע קרייזן. דאָס אַלץ — מחוץ די טעגלעכע אַרטיקע און וועלט נייעס איבערזיכט, מחוץ יידישע לידער און דעקלאַמאַציעס. אָדער שמועסן איבער דערשינענע ביכער, טעאַטער, געזעלשאַפטלעכע קולטורעלע פּאַסירונגען א. אַז. וו.

מיט 7 יאָר צוריק איז אין מדינת ישראל געשאַפן געוואָרן די קאַטעדרע פאַר יידיש אין ירושלימער אוניווערסיטעט, וואָס ווערט געלייטעט פון פּראָפעסאָר דב סדן (דב שטאָק). די קאַטעדרע פאַר יידיש אַנטוויקלט זיך לאַנגזאַם, אָבער גרינטלעך און ערנסט. דאָ קריגן יידישע סטודענטן אַקאַדעמיש־יידישע בילדונג, וואָס איז לויט דער ווייניק מפורסם אין דער ברייטער יידישער עפנטלעכקייט, נישט נאָר אין אויסלאַנד, אפילו דאָ הי...

150 יידישע שרייבער און זשורנאליסטן

אין אַפּריל־נומער „היימיש״ (1958) איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ רשימה פון קנאַפּע הונדערט און פופציק יידישע שרייבער און יידישע זשורנאַליסטן אין ישראל, צווישן זיי נעמען זייער באַקאַנטע אין אַלע יידישע תפוצות. אין ליכט פון דער רשימה דערמאַנען מיר זיך די גרינדונג פון איצטיקן „יידישן שרייבער און זשורנאַליסטן־פאַריין״ אין ישראל מיט בערך 31 יאָר צוריק. די גרינדער זענען ווידער געווען לינקע פועלי־ציון, וואָס האָבן צוזאַמען מיט די אומפאַרטייאישע שרייבער, געציילט ניין מאַן בס״ה. אין דער תקופה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און „עליה ב״ זענען צוגעקומען נאָך אַ פאָר צענדליק יידישע שרייבער און פאַר די צען יאָר מדינת ישראל איז די צאָל אויסגעוואַקסן ביז 150, כן ירבו! דער ערשטער פאָרזיצער פון יידישן „שרייבער און זשורנאַליסטן פאַריין״ איז געווען דער איצטיקער וויצע פאָרזיצער פון כנסת ד״ר ניר־ראַפאַלקעס.

דער „יידישער שרייבער און זשורנאַליסטן פאַריין״ האָט ביזן סוף פון דער צווייטער וועלט

מלחמה, חוץ פאַרשפּרייטן ליטעראַרישע תורה בעל פה, זיך פאַרנומען מיטן אַרויסגעבן יידישע ליטעראַרישע זשורנאַלן, ווו די יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן פון א״י זענען געקומען צום אויסדרוק. אָנגעהויבן פון דער סעריע „איינס״, „צוויי״, „דריי״, „צווישן איינס און צוויי״, „פיר״ ביזן פּרעכטיקן באַנד „ישראל שריפטן״ פון יאָר 1938, ווו ס'האָבן שוין אַנטייל גענומען 29 שרייבער. אין יאָר 1931 האָט דער א״י שרייבער אברהם בליי גענומען אַרויסגעבן זיינע מאָנאַטס העפטן: „מאַי״, „יוני״, „אָקטאָבער״. אַן אַנדער שרייבער גרופּע האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי יידישע ליטעראַרישע זשורנאַלן „שטאַמען״ (ביז 1942). חיפה'ער יידישע שרייבער גרופּע האָט אַרויסגעגעבן „חיפה״ מיט נאָך אייניקע העפטן. אין אַפּריל 1935 האָט דער יידישער שרייבער פאַריין אַרויסגעגעבן דעם זאַמלבוך „ווייטער״ מיט אַ רייכן אינהאַלט.

אין יאָר 45—1944 איז דערשינען די „בריק״, פריער „אייגנס״ און נאָך אַ ליטעראַרישע אויסגאַבע, ווו א. ליס האָט אַריינגעלייגט אַ סך ליבע מיט מי. מיר דערמאָנען די „בלעטער״ — אַ ספּעציעלע ליטעראַרישע זייט „פאַר ליטעראַטור און קריטיק״, וואָס איז אַרויס ווי אַ ביילאַגע צו „נייוועלט״ במשך די מלחמה יאָרן. די ביילאַגע האָט מחמת לעגאַליטעט און מאַנגל פון פּאַפּיר אָנגעגעבן „נייוועלט״, בעת די רעדאַקציע איז געלעגן אין די הענט פון יידישן שרייבער־פאַריין, געגליכן צום איצטיקן „משא״ ביים „למרחב״.

דער זעלבער ליטעראטן פאַריין, וואָס ציילט איצט צען מאָל מער מיטגלידער ווי דעמאָלט, האָט פאַר דער גאַנצער תקופה פון 10 יאָר מדינת ישראל, אַרויסגעגעבן בלויז איין זאַמלהעפט, לכבוד דעם 75 יאָריקן יובליי פון ד ו ד פּ י נ ס ק י. אין זיין אייגענעם לאָקאַל אין תל־אביב טרעטן אַרויס סיסטעמאַטיש, יעדע וואָך מיט רעפעראַטן וועגן ליטעראַטור און קולטור היגע, היימישע שרייבער און שרייבער־געסט פון יידישן אויסלאַנד.

יידיש האָט געזונגען פריער אין א״י — און זינגט ווייטער אין מדינת ישראל, דאָס יידישע ליד פון ישראל דערגייט ברייט און ווייט אין יידישן אויסלאַנד, ווייל אונדזער מדינה פאַרמאָגט צענדליקער יידישע דיכטער, פעיקע, טאַלאַנטירטע.

פון די ראשונים אין א״י זענען געווען י. פּאַפּיערניקאָוו, יעקב צבי שארגעל און שמחה אייזן ז״ל. זייערע א״י לידער זענען פאַרשפּרייט געוואָרן סיי אין ארץ־ישראל און סיי אין גאָר דער יידישער וועלט. י. פּאַפּיערניקאָוו איז געווען דער ע ר ש ט ע ר יידישער זינגער פון אַרבעטנדיקן ישראל און ער האָט כשר פאַרדינט די שנת העשור פּרעמיע אויפן נאָמען פון דוד פּינסקי פון דער י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק אין תל־אביב. די זשורי איז, אגב, באַשטאַנען פון פּראָפ. דוב סדן, ד. ב. מאַלקין און י. זרובבל. י. פּאַפּיערניקאָוו, שארגעל יעקב צבי און זיי צו לאַנגע יאָר שמחה אייזן האָבן אַרויסגעגעבן אין א״י אייניקע לידער ב י כ ל ע ך און וואָגיקע ב י כ ע ר. ש. אייזן־שטאָל האָט דורך זיין „חתונה אין קאַטרא״ אַריינגעפלאָכטן אַראַבישע מאָטיוון אין דער יידישער דיכטונג. מיט דער צייט איז געקומען די פּרעכטיקע פאַרשטאַרקונג צום געזונגענעם געדיכטעטן יידישן וואָרט. צו פאַרצייכענען אַזעלכע נעמען ווי אריה שמרי, אברהם לעוו — צוויי קיבוץ־מענטשן יידישע דיכטער, וואָס זייערע ה ע ב ר ע י ש ע קיבוצישע פאַרלאַגן האָבן ביידן באַערט אין מדינת ישראל מיט אַרויסגעבן פּראַכט־בענדער פון זייער ישראל דיכטונג. י. ח. בילעצקי און שלמה שנהוד (שענהויט) — ביידע צאַרטע באַזינגער פון דער ישראל סובּ־טעלקייט, שיינקייט און איידעלן אומעט. י. מאַניק, הלל שארגל, גרינבערג, פּאַקנטרעגער. צו דערמאָנען 2 דיכטער ווי מנחם סטעמפּעל און מאָטל וועקסלער, וואָס האָבן אַ סך צוגעזאָגט און גיך פאַרשוווּנדן.

פון די יידישע פרויען דיכטער איז צו פאַרצייכענען רקודה פּאָטאַש, מלכה לאָקער און ברכה קאָפּשטיין. אַזוי צו קייטלען די קייט פון דער יידישער דיכטונג אין די לעצטע פאַר יאָר פון מדינת ישראל דאַרף מען צוגעבן אַזעלכע קרעפטיקע טאַלאַנטן ווי י. פרידמאַן, ל. אייכנראַנד, ב ו נ ע ם ה ע ל ע ר אָדער אונטערשטרייכן דעם פאַקט, אַז א ו ר י צ ב י ג ר י נ ב ע ר ג האָט ווידער גענומען שרייבן און פאַרעפנטלעכן י י ד י ש ע לידער אין מדינת ישראל.

כבוד פאר די גרויסע שרייבער און דיכטער

רייך, קרעפטיק און פילפאַרביק איז די יידישע שרייבער־משפחה אין מדינת ישראל. פאַר די צען יאָר קיום פון ישראל, ווי מיט צענדליקער יאָרן פאַרן 14טן מאַי 1948, האָט זי באַפרוכ־פערט און באַרייכערט דעם אוצר פון דער יידישער ליטעראַטור אין פּראָזע, זשורנאַליסטיק,

עסיי, קריטיק און פובליציסטיק. ישראל איז פאַר די צען יאָר קיום געוואָרן אַן ערשט־ראַנגיקער צענטער פון דער יידישער ליטעראַטור, נישט נאָר דורך אַריינוועבן אין איר די ישראל־טעמאַטיק און פּראָבלעמאַטיק, די א״י־העראָיק, די יידישע גבורה, געראַנגל, קליטה, איבערפלאַנץ, פאַרוואָרצלונג און נאַציאָנאַלע אויפלעבונג, די יידישע גאולה, צוזאַמען מיטן גרויסן ליכט, צוזאַמען מיט די שאָטן־זייטן פון יידישן לאַנד, לעבן און שטייגער — נאָר אויך ווי אַן אַנקער־פּלאַץ פאַר דער שארית הפליטה פון יידישער שרייבער, ווי אַ מקום פאַר „עלית רגל״ פאַר די גרעסטע שעפער פון דער יידישער ליטעראַטור אין די איצטיקע צעשטורעמטע יאָרן.

ווו אין דער יידישער וועלט האָבן די גרעסטע פון די יידישע ליטעראַטור און דיכטונג מייסטער, זוכה געווען צו אַזעלכע מלכותדיקע מאַסן־אויפנאַמען, צו אַזעלכע קבלת־פּנימער פון אַ סך טויזנטער, אומעטום, אין יעדער שטאָט פון מדינת ישראל? ווו האָבן זיי געהאַט אַזאַ קולטור־דורשטיקן, אינטעלעקטועל־אויפנעמיקן עולם צוהערער, ווי אין אונדזערע קיבוצים? ווו האָבן זיכערהייטס־איינהייטן סאַלוטירט יידישע שרייבער? ווו, אויב נישט אין מדינת ישראל האָבן בירגערמייסטער, מיניסטאָרן, בראש מיטן פּרעמיער־מיניסטער און אפילו פּרעזידענט, אַזוי וואַרעם, האַרציק, היימיש זיי אויפגענומען, ווי אין אונדזער יידישער מדינה?

ווו האָבן אַזעלכע ריזיקע מאַסן אַזוי אויפגענומען ש. אַשן ז״ל, ה. לייוויקן, ז. שניאורן, י. אָפּאַטאָשון, אהרן צייטלינען, איציק מאַנגערן — ווי מען האָט זיי אויפגענומען אין ישראל, פאַרבעטן צוריקצוקומען, זיך באַזעצן און ווייטער שאַפן אין שויס פון יידישן פאָלק אין יידיש אין אייגענעם יידישן לאַנד ישראל.

לאָמיר אָפּירבערענגען אַ טייל פונעם קראַנץ יידישע שרייבער, וואָס לעבן און שאַפן אין מדינת ישראל אַזוי צו לעזן: דוד פּינסקי, יעקב זרובבל, א. מ. פוקס, משה סתוי (סטאַווסקי), ש. בערלינסקי, רחל פייגענבערג, משה גראָסמאַן, ק. צעטניק, מענדל מאַן, אַ. פּינעס, א. ריוועס, יצחק פּאַנער, פּנחס ביזבערג, ד״ר יחיאל האָפער, דוד פּלינקער, חיים ראַבינזאָן, משה גראָס־צימערמאַן, י. שפּיגעל, דער געלערנטער יידישער וואָרט מייסטער און סטיליסט דניאל לייבל, ד״ר ניר ראַפּאַלקעס, משה ערעם, ל. חיין־שמעוני, י. פּערלאָוו, ספּיוואַק און נאָך, נאָך נעמען מיט אַ רייכן ליטעראַרישן סטאַזש, מיט אַן אַקטיוו פון אַרויסגעגעבענע ספרים, וואָס באַצירן יידישע ביכער־שרענק און ביבליאָטעקן אין גאָר דער וועלט. און ווו איז דער יידיש־העברעישער פּראָזע־מייסטער זלמן שניאור, וואָס אָטעמט די לופט פון רמת גן?

און ווו זענען די ישראל קונסט־טעאַטער־ און ליטעראַטור־קריטיקער, קאָמענטאַטאָרן און ליטעראַרישע מפרשים, ערשטראַנגיקע עסייאיסטן און פובליציסטן, ווי: ד. ב. מאַלקין, ד״ר קרוק, ד״ר יוריס, לעאָ קעניג, א. ליס, גיטל מייזל, אפרים שרייער, וואָלף יאַסני, רחל אויערבאַך, מרדכי פוקס, הערש מענדל א. א. וו.

לאָמיר דערמאָנען די שרייבער און זשורנאַליסטן פון ישראל, וואָס זענען אַוועק אין דער אייביקייט, ווער ס׳איז אַוועק אויסצולעבן די יאָרן, ווער ס׳איז אַרויסגעריסן געוואָרן אין בליִענדן עלטער אין סאַמען שאַפן: שלום אַש, יואל מאַסטבוים, י. ניימאַן, שמחה אייזן, אברהם לעווינסאָן, ד״ר ישראל רובין, יצחק לעוו, יעקב פּעטערזייל, יוסף ראָזען, חיים טורנער און מולע עדעלמאַן.

די גרופּע „יונג־ישראל"

צווישן די אויסגערעכנטע פּראָזאַיקער האָבן מיר שרייבער, וואָס זענען איינגעוואָרצלט אינעם לעבן און שטייגער און שרייבן דורכאויס ישראל־טעמאַטיק; דערמיט פירן זיי אויס אַ גרויסע נאַציאָנאַל־קינסטלערישע און ציוניסטישע שליחות אין אַלע תפוצות.

עס איז אויך אויפגעגאַנגען אין ישראל פון קיבוץ אַרויס, וואָס איז אין פלוג געוואָרן כולו העברעיש, די גרופּע „יונג ישראל", וואָס גיט אַרויס אַן אומפּעריאָדישע אייגענע יידישע צייט־שריפט מיטן זעלבן נאָמען.

די „יונג ישראל"־גרופּע פאַרמאָגט אַזעלכע אָריגינעלע קרעפטיקע פּראָזאַיקער, ווי יאָסל בירשטיין (געדרוקט אַ בוך „אויף שמאָלע טראָטואַרן"), צבי אייזנמאַן (זיין בוך „די באַן"), א. קאַרפּינאָוויטש, משה יונגמאַן, דער מאָדערניסט אברהם רינצלער, די דיכטערינס רחל פישמאַן, רבקה באסמאַן. ש. וואָרזאַגער, משה גורין.

יידיש חורבן־ליטעראַטור

אויך די חורבן־ליטעראַטור האָט אירע יידיש־שרייבער אין ישראל, ווי די דערמאָנטע רחל אויערבאַך, וואָס טראָגט היינט אַ יידישן וועלט־נאָמען, מחמת אירע פּאַרטיפטע היסטאָרישע חורבן־באַשרייבונגען אין בוך און אין דער זשורנאַליסטיק; ד״ר דוואָרזשעצקי, דער מחבר פון ווערק איבער דער דייטשיש־האָקענקרייציקער מערדער מעדיצין, רבקה קוויטקאָווסקאַ־פּנחסיק, חיה עלבוים־דאָרעמבוס און מאַלאשאַ מאַלי. אַלע זענען מחברים פון חורבן־ביכער, דערשינען אין ישראל אין יידיש לשון.

„דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק״ פון יצחק קאַצענעלסאָן אין אָריגינאַל און פּרעכטיקן אַלבאָם־פאָרמאַט איז דאָך צוערשט דערשינען אין ישראל, אַרויסגעגעבן פונעם ביכער־פאַרלאַג פון הקיבוץ המאוחד.

חוץ דעם אַלעמען איז דערשינען אין ישראל אין יידיש לשון, אין די לעצטע צען יאָר, אַ גאַנצע ריי ביכער־מצבות פאַר אומגעקומענע יידישע קהלות, שטעט און שטעטלעך, אַרויסגעגעבן דורך לאַנדסמאַנשאַפטן, צו פאַראייביקן זייערע געוועזענע היימען.

טעאַטער אין יידיש

דער יידישער טעאַטער אין ישראל ציילט זיין געשיכטע זייט 1888, ווען אַ יידישע „אַרטיסטן״־גרופּע, האָט אויסגעפירט „שולמית״ פון גאָלדפאַדען אין ירושלים. מיר געפינען ידיעות וועגן יידישע טעאַטער אויפפירונגען אין 1909, 1910 אין יפו, אין 1919 האָבן יידישע לעגיאָנערן געשפּילט יידיש טעאַטער אין לוד, פון 1925 ביז 1929 האָט אַ יידישע טעאַטער־גרופּע ביי דער פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציע געשפּילט אין חיפה, אַ קורצערע צייט האָט אַזאַ גרופּע געשפּילט אין תל־אביב.

ביז דער וועלט מלחמה און דערנאָך ביז 1948 האָבן מיר געזען פאַרשידענע יידישע טעאַטער־אויפפירונגען פון געסט, פון יחידים און פון גרופּן אַרטיסטן.

זייט 1950 ביז היינט, זענען פאַראַן אין ישראל יידישע פּראָפעסיאָנעלע אַרטיסטן, וואָס שפּילן, אַזוי צו זאָגן, „יידיש טעאַטער״. לגבי אונדז איז יידיש לשון נישט מכפּר אויף שונד און שאַרזש. געווען אָבער אויך ערנסטע פּרוון. 2 יאָר האָט געשפּילט דער יידישער „גאָלדפאַדן״־טעאַטער אין אַלע שטעט און גרעסערע קאָלאָניעס פון ישראל. ער האָט פאַרמאָגט אַ פיינעם אַנסאַמבל אַרטיסטן, לײַדער איז ער שוין אַראָפּ פון דער סצענע.

ז. טורקאָוו איז אויך אויפגעטרעטן מיט דערפאָלג מיט ערנסטן רעפּערטואַר, אָבער צו אַ שטענדיקן יידישן טעאַטער אַנסאַמבל איז ער נישט צוגעקומען.

דזשיגאַן און שומאַכער שפּילן מיט גרויס דערפאָלג זייט עטלעכע יאָר פאַר איבערפולטע זאַלן.

מיט גרויס דערפאָלג פאַר גרויסע מאַסן זענען אויפגעטראָטן אין ישראל מאָריס שוואַרץ, יוסף בולאָוו, רחל האָלצער און דער יידישער וואָרט־מייסטער הערץ גראָסבאַרד.

אין ס״ה: דער יידישער טעאַטער לעבט־איבער אַ שווערן קריזיס, אַ פּשיטא אין ישראל, ווו אַ גוטער יידישער טעאַטער וואָלט געפונען אַ וואַרעמע היים מיט טויזנטער באַזוכער.

ביבליאָטעקן און פאַרלאַגן

אין 1925 האָט שוין עקזיסטירט אַ יידישע ביבליאָטעק ביים קלוב פון די לינקע פּועלי־ציון אין חיפה; זי איז נאָך כלערליי גלגולים אַריבער אין נשר־תל חנן און איז היינט באַקאַנט ווי די „איזשביצער ביבליאָטעק״ ביי אחדות־העבודה — פּועלי־ציון; אַ ביבליאָטעק אַן איינגע־וואָרצלטע מיט טויזנטער בענדער און אַ ברייטן לייענער־עולם.

מיט 31 יאָר צוריק איז דורך פּועלי־ציון אין תל־אביב געשאַפן געוואָרן די י. ל. פּרץ ביבליאָ־טעק; זי אַנטוויקלט זיך ביזן היינטיקן טאָג און האָט אַן אָפּטיילונג אין יפו. די י. ל. פּרץ ביי־בליאָטעק פאַרמאָגט טויזנטער יידישע און העברעישע בענדער מיט מאַסן לייענער. דאָרט זענען אויפגעזאַמלט יידישע ביכער פון אַלע טיילן יידיש־וועלט ביז די גאָר נייעסטע אויסגאַבן.

די פּרץ ביבליאָטעק האָט דאָס לעצטע יאָר אַן איי גענעם יידישן ביכער פאַר־לאַג — היינט צו טאָג דעם איינציקן ערנסטן יידיש־פאַרלאַג אין מדינת ישראל.

אין אַ קורצער צייט האָט דער פאַרלאַג ביי דער י. ל. פרץ ביבליאָטעק אַרויסגעגעבן צוויי בענד „בלעטער פון אַ לעבן“ פון י. זרובבל (קנאַפּע טויזנט זייטן, גרויס פאָרמאַט), 2 בענד („נאַכט איבער גלושינא“ און „ביי דער ווייסל“) פון מענדל מאַן, „אין מדבר סיני“ פון א. סוצקעווער, „געקליבענע שריפטן“ פון יוסף ראָזען, „אין געראַנגל“ פון יצחק לעוו, „מיינע איבערלעבונגען“ פון טאַבאַקמאַן, אַ באַנד דערציילונגען פון ש. בערלינסקי, אַ באַנד פּראָזע „היימישע און נאָענטע“ פון פּאַפּיערניקאָוו, „דאָס הויז פון די ליאַלקעס“ פון ק. צעטניק, יאָסל בירשטיינס בוך „אויף שמאָלע טראָטואַרן“ (אַ ראָמאַן פון קיבוץ לעבן), יצחק פאַנערס בוך איבער שלום אַש, אפרים שרייער: וועגן קונסט און טעאַטער (אין העברעיש), צען יאָר ישראל דיכטער (העברעישע) פון מ. יאַפּע, אַ פּראַכט באַנד פון מלך נוי (נײַשטאַט) „דאָס ערשטע און צענטע יאָר פון מדינת ישראל“.

די נאָענטסטע צייט דערשיינען ה. לייוויקס קאַטאָרגע־זכרונות, יעקב פאַטס „שמועסן מיט יידישע שרייבער“, לעשצינסקיס בוך וועגן יידישע תפוצות, זרובבלס 3־טער באַנד, גירס זכרונות. באַזונדערס צו פאַרצייכענען: „נדחי ישראל“ פון פרעזידענט בן־צבי (יידיש). דער פאַרלאַג האָט שנעל זיך קונה שם געווען אין לאַנד און איז שוין באַקאַנט אין יידישן אויסלאַנד.

דער בונדישער „אַרבעטער־רינג“ אין ישראל האָט אויפגעשטעלט די „קורסקי־ביבליאָטעק“ אין תל־אביב מיט אַן אָפּטיילונג אין חיפה, ער האַלט אויך אויס אַ יידישע נאָכמיטאָג־שולע פאַר אַ פּאָר צענדליק קינדער. יידישע ביכער געפינט איר אין אַלע גרעסערע ביבליאָטעקן פון ישראל, באַזונדערס אין די ביבליאָטעקן פון ועדת התרבות פון הסתדרות.

במשך די לעצטע 10 יאָר זענען געדרוקט געוואָרן יידישע ביכער, דיכטונג און דערציילונגען אויך דורך די „גאָלדענע קייט“ און אַנדערע פאַרלאַגן. כדאי צו דערמאָנען דעם רינגעלבלום־אינסטיטוט, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם „מוליע בוך“.

מיר קאָנען נישט פאַרענדיקן די אַרבעט וועגן „10 יאָר יידיש אין ישראל“ נישט צו דערמאָנען נאָך 2 עקסטרעמען, ווי מק״י, וואָס גיט אַרויס אַ וועכנטלעכע יידישע צייטונג „פריי ישראל“, וואָס פאַרשפּרייט אין יידיש יעווסעקישע כפירה און — — — די נטורי קרתא, וואָס לעבן זיך אויס אין יידיש, האַלטן־אויס אַ יידישן „חדר וועזן“ מיט ישיבות צו באַשמוצן די ווענט פון ירושלים, צפת און אָפּטמאָל טבריה מיט זייערע קללות און חרמות אין יידיש לשון.

ישראל א צענטער פון יידישן ווארט

פון דער סכעמאַטישער איבערזיכט איז צו זען, ווי מדינת ישראל איז בהדרגה געוואָרן אַ צענטער פון יידישן וואָרט, פון יידישער פּרעסע, זשורנאַליסטיק, ביכער, פּראָזע און דיכטונג אפילו, טעאַטער, צוצוגעבן דאָס יידיש ליטעראַריש וואָרט בעל פה במשך די אַלע יאָרן. אין די ערשטע יאָרן פון מדינת ישראל איז דערשינען אַ ספּעציעלע יידישע צייטונג, פאַר די יידיש־געברויכער אין צבא הגנה לישראל. מען דאַרף צוגעבן וועגן אוצרות יידישע זאַמלונגען אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים, אין דעם „פּעווזנער הויז“, אין רינגעלבלום אינסטיטוט, אין „ארכיון עבודה“ פון הסתדרות און אין נאָך אינסטיטוציעס.

מיר האָבן אין דער איבערזיכט נישט דערמאָנט העברעישע שרייבער, וואָס שרייבן יידיש און איבערזעצן פון יידיש אין העברעיש, ווי: י. ד. בערקאָוויטש, שמשון מעלצער, שלמה שנהוד, משה באַסאָק א. אַ. וו. מיר האָבן אויך נישט דערמאָנט יידישע היסטאָריקער, וואָס שאַפן אויך אין יידיש אין ישראל ווי: ד״ר רפאל מאַלער, נחמן בלומענטאַל און זייערס גלייכן.

לאָמיר פאַרענדיקן מיט דער ברכה צו דערגאַנצן די איבערזיכט צום סוף פון 20־טן יאָר מדינת ישראל אין ווויל און שלום.

משה ערעם

אראבער־פּראָבלעם אין מדינת ישראל

געוועזן א צייט, ווען די אפיציעלע, אנגענומענע ווערסיע האָט געטענהט מיט רוגזה: אַ פּראָבלעם? ס'איז בכלל קיין פּראָבלעם נישט! די אראבישע בירגער האָבן אלע רעכט אין ישראל, לויט דער מגילת היסוד, אָבער היות ווי מיר געפינען זיך נאָך אין צושטאַנד פון קריג מיט די ארומיקע אראבישע לענדער, וואָס ווילן בשום אופן נישט שלום מאכן מיט אונדז, מוזן מיר אנווענדן א ריי פּארזיכטס־מיטלען, וואָס באגרענעצן צייטווייליק די רעכט פון די אראבישע בירגער. מען דארף זאָגן דעם אמת: א סך אין ישראל האָבן אָנגענומען די דער־קלערונג ווי א לאגישע, ווי אן אומפּארמיידלעכע בייז. אזוי איז איינגעשטעלט און פּאַרפעסטיקט געוואָרן דער אַזוי־גערופענער ממשל צבאי (מיליטערישע פאַרוואַלטונג) אין דעם געביט פון דעם אַראַבישן מיעוט. ממשל צבאי באדייט, אז די באוועגונגס־פרייהייט פון דער אראבישער מינדערהייט איז באגרענעצט און קאנטראלירט, ממילא, ווערט באגרענעצט און קאנטראלירט איר רעכט אויף ארבעט מחוץ די גרענעצן פונם געביט. איצטער, נאָך דעם, זוי עס זענען א דורך עטלעכע יאָר, דארף מען שוין זיין נישט קיין גרויסער פּאָליטיקער, כדי איבער־צוציינן זיך, אַז אָט די „לאָגישע" און „פאַרשטענדלעכע" פּאָליטיק האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווי אַ פאַלשע, קורצזיכטיקע פּאָליטיק, וואָס האָט געבוירן אַ גאָר האַרבן פּראָבלעם. די „שטאַרקע האַנט" האָט נישט געהאָלפן צו פארשטארקן די זיכערקייט פון דער מדינה. פארקערט, זי האָט אָנגעזאמלט אין דעם אַראַבישן ישוב פאַרביטערונג, אָפּטמאָל אומזיסט און אומנישט, און האָט פאַרלייכטערט די מלאכה פון העצער, וועלכע גראָבן אונטער דעם עצם קיום פון דער מדינה.

און דאס מערקווירדיקסטע איז, וואס גראד די קאנסטרוקטיווע ארבעט פון דער רעגירונג לטובת דעם אראבישן מיעוט איז געוואָרן א סטימול צו פארטיפן די אומצופרידנ־קייט און די פארביטערונג. טאקע ווייל מדינת ישראל האָט אויפגעהויבן דעם לעבנס־סטאנדארט און קולטורעלן ניווא פון דער אראבישער באפעלקערונג, איז שארפער געוואָרן דער קעגנזאַץ צווישן די דערגרייכונגען און די באַגרענעצונגען. ס'איז געשטיגן דאָס באַוווסטזיין און די עמאַציאָנעלע עמפינדלעכקייט לגבי יעדן אַקט פון דיסקרימינאַציע און „באַזונדערע באַציאונג." אט דער פראָצעס איז כלל וכלל נישט קיין ספעציפישער דווקא פאר מדינת ישראל. איר טרעפט זיך אן מיט אים איבעראל, וו ס'איז דא א פאקטישע גראדאציע צווישן צוויי טיילן פון דער באפעלקערונג. די ישראל־רעגירונג האָט באדארפט, מער ווי ווער עס איז, היטן זיך מען זאָל אויף איר נישט אָנווענדן דעם פארשאָלטענעם כלל: „גאָרנישט געלערנט און אלץ פארגעסן".

די דערגרייכונגען

ווי געזאָגט, האָט דער אראבישער מיעוט דערגרייכט נישט ווייניק אין מדינת ישראל. די העץ־קאַמפּאַניע פון מק"י און פון די אראבישע שאָוויניסטישע קרייזן, אז די ישראל רעגירונג איז כולה חייב — איז נישט מער ווי א בייזוויליקער בלבול. די אראבישע לאנדווירטשאפט (און 80% פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג לעבט פון לאַנדווירטשאַפט) האָט באַקומען אַ גאָר היבשן שוווּנג במשך די 10 יאָר. עס פארשווינדט, מיט שנעלע טריט די פרימיטיווע אפגעשטאנענקייט, דער טראקטאָר און קאמביין שטויסן ארויס דעם טראדיציאנעלן אקער; דער באוואסערטער באָדן איז געוואקסן פון 3000 צו 20.000 דונאם; די שיטה פון זריעה איז מאָדערניזירט געוואָרן, די רעגירונג באזאָרגט די לאנדווירטשאפט מיט נייע סאָרטן זרעים, העלפט ארייגפירן נייע קולטורן און שטעלט צום רשות פון דער אַראַבישער לאַנדווירטשאַפט באַדייטנדע סכומים לאַנג טערמיניקע און קורץ טערמיניקע הלוואות. די אַראַבישע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע איז אַריינגעפלאָכטן אין דעם אלגעמיינעם מארק און ס'איז שוין לאנג ליקווידירט געוואָרן דער פרווו ארויסצובאקומען פון אראבישן דאָרף פּראָדוקטן אויף ביליקערע פרייזן. אויך דאָס אויסזען פונם אראבישן דאָרף ענדערט זיך: די צוגאנג־שאָסייען פארבינדן דעם דאָרף מיט די צענטראלע קאָמוניקאציע־

וועגן; דער דאָרף ווערט עלעקטריפיצירט און די וואַסער־רערן ברענגען אַריין דאָס וואַסער דירעקט אין די הייזער; די צאָל מוניציפּאַלע אייגנריכטונגען איז געוואַקסן; 90% פון די קינדער לערנען אין די שולן; קינדער־גערטנער באַפרייען די מוטערס פון דער פּערמאַנענטער זאָרג פאַר דעם קליינוואַרג במשך דעם טאָג; דאָס אַראַבישע דאָרף האָט באַקומען שוין עטלעכע מעדיצינישע ראַיאָן־אינסטיטוציעס, וואָס ליפערן סטאַבילע מעדיצינישע הילף; די סאָציאַלע הילף פאַר עלטערע, שוואַכע, נישט אַרבעטס־פעיקע — ווערט געגעבן אויף די זעלבע יסודות, ווי אין דער יידישער באַפעלקערונג.

דאָס זענען אַלץ פּאָזיטיווע אויפטוען. אָבער ווי געזאָגט, גראָד אָט די אויפטוען האָבן פאַרשאַרפט און נאָך בולטער אונטערגעשטראָכן דעם אויסנאַם־צושטאַנד פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג. אָט דער צושטאַנד קומט צום אויסדרוק אין 4 פאָרמען: א) די מיליטערישע פאַרוואַלטונג (ממשל צבאי), ב) די לאַגע פון דער אַראַבישער אינטעליגענץ, ג) די רעכט אויף אַרבעט, ד) דער פּראָבלעם פון נכסי נפקדים (דאָס פאַרמעגן פון די אַנטלאָפענע).

לאָמיר זיך אָפּשטעלן בקיצור אויף אָט די אַנגעוויטיקטע פונקטן:

די מיליטערישע פאַרוואַלטונג נעמט אַרום 168 טויזנט אַראַבישע בירגער און אירע צענטערן געפינען זיך אין נצרת, כפר יונה און באר־שבע. אין גליל — 114 טויזנט, אין דרייעק — 36 טויזנט, אין נגב — 16 טויזנט, אין הר־הנגב — 2000 נפשות. צו די באַזונדערע קאָמפּעטענצן פון דער מיליטערישער פאַרוואַלטונג געהערן: באַשרענקען דאָס רעכט פון פרייער באַוועגונג מחוץ פון דעם וווין־אָרט; אַריבערפירן פאַרדעכטיקטע אין אַנדערע פלעצער; פאַרהאַלטן אדמיניסטראַטיוו־ פּראָקלאַמירן אין געוויסע אויסעראָרדנטלעכע פאַלן אויסנאַם־צושטאַנד אינעם געביט. אין יאָר 1957 זענען אין דרייעק געווען 25 פאַלן פון אַריבערפירן און 13 אַרעסטן. אין דער זעלבער צייט אין צפון — 60 פאַלן פון אַריבערפירן און 60 אַרעסטן.

מיר, יידן, געדענקען נאָך גוט די תקופה פון „תחום המושב" אין רוסלאַנד, ווען יידן איז געווען פאַרבאָטן די פרייע באַוועגונג איבער גאַנץ רוסלאַנד. אויך דאָרט איז איינער פון די אָפיציעלע תירוצים געווען: יידן זענען נישט קיין זיכערער עלעמענט. איז דען שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי דער ממשל צבאי פאַרגרעסערט דעם נישט־זיכערן עלעמענט אין דער מדינה? אַז מען דאַרף לייגן די גרעסטע אַכט אויף די שוץ־מיטלען און זיכערהייט איז, נאַטירלעך, קיין פראַגע נישט; אַז אונדזערע לאַנגע, פאַרפלאָנטערטע גרענעצן ווערן באַדראָט פון אינפילטראַנטן־שעדיקער, אויסגעשולטע מערדער, שפּיאָנען — איז אויך קלאָר. דעריבער איז וואַכזאַמקייט איינער פון די גרעסטע געבאָטן. אָבער ווען מען שטעלט אַוועק אונטער פאַרדאַכט די מערהייט פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין דער מדינה — באַקומען מיר פונקט אַ פאַרקערטן רעזולטאַט: נישט מען שאַפט מ ע ר זיכערקייט, נאָר ווייניקער זיכערקייט, ווייל מען גראָבט דערמיט אונטער די לאָיאַליטעט פון צענדליקער טויזנטער בירגער אומזיסט און אומנישט. דער ממשל צבאי ווערט, אויסער דעם, אַ פולער אַפּוטרופּוס פון דער באַפעלקערונג און אָביעקטיוו ווערט געעפנט אַ טיר פאַר כלערליי פאַלן פון פּראָטעקציאָניזם, קאָרופּציע, דרוק א.אז.וו. ס'איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס נישט בלויז די גאַנצע אַראַבישע באַפעלקערונג טרעט אַרויס שאַרף קעגן דער אינסטיטוציע פון ממשל צבאי, נאָר כמעט אין אַלע פּאַרטייען פון דער יידישער באַפעלקערונג — אַרייַנגערעכנט מפא"י — וואַקסט די קעגנערשאַפט, און עס שטאַרקט זיך די פאָדערונג צו ליקווידירן דעם ממשל צבאי.

די אַראַבישע אינטעליגענץ

ס'איז געווען איינער פון די שאַרפסטע פּראָבלעמען: וואָס ברייטער עס ווערט די נעץ פון די אַראַבישע שולן, אַלץ דרינגענדער און רייפער ווערט די פראַגע וועגן „דעם וועג אין לעבן" פון דער שטודירנדיקער יוגנט. זי פאַרלאַנגט, מיט רעכט, איר אינטעגראַציע אין דער ווירטשאַפט און אין דעם אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט פון דער מדינה. זי פאַרלאַנגט פאַך־בילדונג און די מעגלעכקייט אָנצווענדן די פּראָפעסיאָנעלע קענטעניש אין לעבן. ביז איצטער האָט מען זיך אין דער רעגירונג קנאַפּ וואָס אָפּגעגעבן מיט דער פראַגע, ווייל דער צוווּקס פון דער אינטעליגענץ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. יעדעס יאָר, יעדער אַרויסלאָז פון די שולן מאַכט די פראַגע אַלץ אַקטועלער און מען קאָן שוין בשום אופן נישט אָפּשטופּן אָדער פאַרטושן די אומבאַדינגטע נויטיקייט דורכצופירן די פולע איינגלידערונג פון דער אַראַבישער יוגנט און אינטעליגענץ אין אַלע געביטן פונם מדינה־לעבן.

עס קומען צו יעדעס יאָר קאַדרען פון אַראַבישער אַרבעטס־קראַפט, אָבער ס׳איז אַ פאַקט, אַז די יידישע ווירטשאַפט אין איר גרעסטן טייל איז געשלאָסן פאַר איר; נישט די יידישע אינדוסטרי, נישט די קאָאָפּעראַטיוון ווייזן אַרויס גרויס חשק עפענען זייערע טירן פאַר אַראַבישע אַרבעטער. אַודאי, מען קען טענהן: דער אַראַבישער ישוב איז אַ טעריטאָריעלער און תל־אביב איז נישט מחויב צו זאָרגן פאַר אַרבעטער פון דרויסן, בשעת זי האָט איר אַרבעטס־קראַפט, אירע אַרבעטסלאָזע. די טענה וואָלט געהאַט אַ יסוד, ווען די ווירטשאַפטלעכע פּאָליטיק פון דער רעגירונג וואָלט זיך פאַרלייגט צו **אינדוסטריאַליזירן** דעם אַראַבישן ישוב. אינדוס־טריאַליזאַציע באַדייט, טאַקע, סטאַביליזאַציע פון דער אַרבעטס־קראַפט אויפן פּלאַץ. און ס׳איז קיין ספק נישט, אַז אין דער ריכטונג מוז גיין די ווירטשאַפטלעכע פּלאַנירונג פון דער רעגירונג. אָבער דערווייל בלייבט עס אַ פּראָבלעם, וואָס באַקומט אַ כאַראַקטער פון נאַציאָנאַלער דיסקרי־מינאַציע. אמת, מען מוז צוגעבן, אַז אין די **רעגירונגס־אַרבעטן** ווערט די אַראַבישע באַפעלקערונג באַשעפטיקט.

גאָר אַ וויכטיקער שריט אין דעם פּרט איז דער פּונקט אין דעם נייעם געזעץ וועגן די אַרבעטס־ביוראָען (לשכות העבודה), וואָס האַלט ביים אָנגענומען ווערן אין דער כנסת און וואָס פאַרבאָט בפירוש יעדע נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע, פּאָליטישע אָדער עלטער־דיסקרימינאַציע ביים באַקומען אַרבעט. וואָס שנעלער מיר וועלן אינטעגרירן די אַראַבישע אַרבעטס־קראַפט אין דעם אַלגעמיינעם געוועב פון דער ווירטשאַפט — אַלץ געזונטער און בעסער פאַר דער מדינה.

אַ באַזונדער פּראָבלעם איז דאָס פאַרמעגן פון די אַנטלאָפענע. ס׳איז געווען גאַנץ נאַטירלעך, אַז דאָס פאַרמעגן (באָדן, אינווענטאַר, הייזער און אַזוי ווייטער) פון די וועלכע זענען אַנטלאָפן אין גאַנג פון דער מלחמה, האָט איבערגענומען די רע־גירונג. אָבער ווי איז דער דין, אַז טויזנטער האָבן זיך אומגעקערט מיט דער דערלויבעניש פון דער רעגירונג און זיי זענען געוואָרן בירגער מיט אַלע רעכט? ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז לויטן געזעץ וועגן דעם פאַרמעגן רעכענען זיי זיך נאָך אַלץ פאַר אַפּוועזנדע, פּונקט ווי זיי וואָלטן נישט געלעבט אין דער מדינה. די פראַגע איז אויפגעהויבן געוואָרן נישט איינמאָל אין דער כנסת און ערשט נישט לאַנג איז אַנגעצייכנט געוואָרן אַ קאָנקרעטע לייזונג. עס איז אָנערקענט געוואָרן זייער רעכט אויף זייער פאַרמעגן און ספּעציעלע יידיש־אַראַבישע קאָמיסיעס וועלן באַשטימען אַלע פּרטים, ווי צו קאָמפּענסירן די צוריקגעקומענע פאַר זייער פאַרמעגן. וווּ עס איז מעגלעך, וועט ער צוריקגעגעבן ווערן, וווּ דאָס פאַרמעגן איז שוין אויסגענוצט געוואָרן — וועלן די צוריקגעקומענע באַקומען זייער קאָמפּענסאַציע מיט באָדן אָדער געלט.

דער פּרייז פון באָדן־פאַרמעגן וועט פעסטגעשטעלט ווערן נישט לויט נידעריקע אָפּשאַצונגען פון אַמאָליקן ווערט, נאָר לויט די אַלגעמיינע כללים פון די פּרייז־ענדערונגען במשך פון דער צייט. נישט די אַדמיניסטראַציע, נאָר די געמישטע קאָמיסיע וועט באַשטימען די הויך פון דער קאָמפּענסאַציע. ס׳איז יעדנפאַלס אַן אָנזאָג פון אַן אויסוועג.

מיר פאַרקלענערן נישט, נאַטירלעך, די חשיבות פון קאָנסטרוקטיווע רעפאָרמען. אָבער די **ראַדיקאַלע** לייזונג פון דעם אַראַבישן פּראָבלעם אין ישראל בלייבט די **פולע, ממשות־דיקע גלייכבארעכטיקונג** פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג

אחדות־העבודה - פועלי־ציון קעגן ממשל צבאי

די לאַנד־קאָנפערענץ תשי״ח פון אחדות עבודה—פועלי ציון האָט אָנגענומען אין דער פראַגע פאָלגנדע רעזאָלוציע:

„די פּאַרטיי וועט טאָן אַלץ בכדי מבטל צו מאַכן די מיליטערישע פאַרוואַלטונג און איינפירן זיכערהייט־מאָסמיטלען, וואָס זאָלן נישט באַעוולה׳ן די רעכט פון די אַראַבישע בירגער פון ישראל. די מדינה איז פאַרפליכטעט צו זאָרגן אָן אויפהער פאַר דעם געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן אויפשטייג פון די ישראל־אַראַבער; פאַר די פולע בירגערלעכע רעכט פון דער אַראַבישער נאַציאָנאַלער מינדערהייט; פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער קאָאָפּעראַציע און מעכאַניזאַציע אין אַראַבישן דאָרף; פאַר דער געזעלשאַפטלעכער אויפשטייגונג פון דער אַראַבישער פרוי; פאַר דער פאַרזיכערונג פון דערציאונגס־ און געזונטהייטס־וועזן; פאַר דעם, אַז די אַראַבער זאָלן געניסן פון די אַנטוויקלונגס־פּלענער, וואָס זאָלן געשטעלט ווערן צום דינסט

פון דער אראבישער באפעלקערונג אין לאנד. דאָס פארטיידיקן די אראבישע בירגער פון עוולות און דיסקרימינאַציע — איז אַ פליכט פון יעדער רעגירונג און אַן אידעישער און מאָראַלישער יסוד און פרינציפּ פון סאָציאַליסטישן ציוניזם״.

די פארטיי אחדות העבודה — פועלי ציון האָט זיך, אַן באווארעניש, שוין פון לאנג אנגאזשירט אין אָט דעם געראנגל פאר דער פ ו ל ע ר א ו ן פ א ק ט י ש ע ר גלייכבארעכטיקונג פון דער אראבישער באפעלקערונג. די פארטיי האָט מיט רעכט אונטערגעשטראָכן נישט איינמאָל, אז אין תוך איז עס נישט קיין „אראבישע פראגע״, נאָר א י י ד י ש ע פ ר א ג ע ; דער יידישער ישוב קען נישט זיין זיכער, אויב דיסקרימינאציע שאפט פארביטערונג און אומצוטרוי צו דער מדינה; דער י י ד י ש ע ר ישוב קען נישט טראָגן אויף זיך דעם פלעק פון אומגערעכטיקייט לגבי א צווייט פאָלק. די פארטיי איז דעריבער שטענדיק ארויסגעטראָטן קעגן דעם ווייטערדיקן המשך פון ממשל־צבאי און קלאר און דייטלעך פארמולירט אין אלע אירע פּאָליטישע פלאטפאָרמען די קאָנקרעטע פאָדערונגען גלייכצושטעלן די אראבישע בירגער מיט די יידישע אויף אלע געביטן: אין דער ווירטשאפט אין קולטור און אין סאָציאלן וועזן; בכדי זיי זאָלן אדורכגעדרונגען ווערן מיטן געפיל און באַוווסטזיין, אַז די מדינה איז אַ מוטער פאַר אַלע אירע זין — אַ מדינה צו וועלכער מ׳איז צוגעבונדן מיט ליבע און טריישאַפט.

יידישע באַפעלקערונג, עקאָנאָמיש־אַקטיווע און לוין־אַרבעטער
אין די יאָרן 1947 — 1957

	באַפעלקערונג	ס״ה עקאָנ.־אַקטיווע	ס״ה לוין־אַרבעטער	% עקאָנ. אַקטיווע	% פון לוין־אַרב. . די באַשפּייזער
1947	590.000	250.000	150.000	42	60
1957	1.721.000	650.000	420.000	38	65

בילדונגס־אַנשטאַלטן פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין ישראל (1958)

	מוסולמענער	קריסטן	יידן	דרו־ן	אַנדערע	ס״ה
לערער	342	289	46	48	1	726
לערערינס	75	192	30	5	9	311
ס״ה	417	481	76	53	10	1.037
שילער	15.050	2.607	—	2.460	—	20.126
שילערינס	6.667	2.037	—	1.437	1	10.142
ס״ה	21.726	4.644	—	3.897	1	30.268

יגאל אלון

וואס איז געווען דער פלמ״ח ?

וואָס, אייגנטלעך, איז געווען דער פלמ״ח ? איז ער געווען אַ חלוציש־קאָלאָניזאַטאָרישע יוגנט־באַוועגונג, אָדער אַ מיליטערישע פֿאָרמאַציע ? אָדער אַ פּרייוויליקע, זעלבשטענדיקע באַפֿרייאונגס־באַוועגונג ? איז ער געווען אין זיין מהות אַ געאיבטע, פֿאַכמענישע אַרמיי, אָדער אַ פּאַרטיזאַנער־אַרמיי ? אָדער אַ פֿאָלקס־אַרמיי, וואָס אירע רייען זענען אָפֿן פֿאַר יעדן יוגנטלעכן ? און אפשר שטורעם־אפטיילונגען פון אויסדערוויילטע ?

אויף וויפל עס איז דערלויבט איינעם פון דער מחנה צו אורטיילן וועגן אויפטו, וואָס איז אים אמנאענטסטן צום האַרצן, וועל איך זיך דערלויבן צו זאָגן, אז אין דער אמתן, איז דער פלמ״ח געווען, אין זיין עצם יסוד, א סינטעז פון אָט די אַלע עלעמענטן.

דאָס איז געווען די אַרמיי פון די יוגנטלעכע, וועמענס כח האָט געשטאַמט פון דער באַגייסטערונג פון טאַט, פון דבקות, פון גלויבן און פרייד. דער פלמ״ח איז געווען אין זיין מהות, א מיליטערישע איינהייט וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט, אויסגעאיבט און דערצויגן צו הויכער פֿאַכמענישקייט און צו ערנסטער איבערגעגעבנקייט: אָבער אין קעגנזאַץ צו אַנדערע אָנערקענטע ארמייען, איז דאָס געווען אַן אַרמיי, וואָס האָט אי געאַרבעט, אי זיך געאיבט, געשאַפֿן און געקעמפט, וואָס האָט דורך אַרבעט פֿאַרדינט איר אויפהאַלט און באַשפייזונג, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ מיליטער פון אַן אָרעם פֿאָלק, וואָס האָט געשטרעבט צו זיין נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט.

חוץ דער גרויסער צאָל פרייוויליקע האָבן אין פלמ״ח געדינט אויך קעמפער, וואָס זענען אָנגעקומען לויטן באַפֿעל פון דינסט־פליכט און מיטן כוח פון פלמ״ח־ווערטן און זיינע דערציאונגס־מעטאָדן, זענען אָט די מאָביליזירטע געוואָרן ממש ווי פרייוויליקע. דער פלמ״ח איז בעצם געווען א „סטאַבילע ארמיי״ פון א „מדינה אונטערוועגנס״, אונטערגעאָרדנט די באַפֿעלן פון א „רעגירונג־אונטערוועגנס״, אָבער גלייכצייטיק האָט דער פלמ״ח געטראָגן א כאַראַקטער פון א באַפֿרייאונגס־באַוועגונג, וואָס האָט זיך באַזירט אויף פרייוויליקע — און דאָס איז דאָך נישט געווען קיין סוד — אז ווען נישט די פּיאָנערישקייט פון די פלמ״ח׳ניקעס, און זייער פרייעם ווילן, וואָלט דער פלמ״ח נישט אנטשטאַנען און אפילו נישט עקזיסטירט. דאָס זענען געווען די יעניקע, וואָס האָבן געשטרעבט צו פרייהייט פון זייער פֿאָלק, פֿאַרלויפנדיק דעם וועג די שטאָטס־מענער מיט זייערע וואַקלענישן און פֿאַרשפּעטיקטע מאָביליזיר־באַפֿעלן. זיי האָבן זיך נישט דערשראָקן פֿאַר די שווערע לעבנס־באַדינגונגען און נישט־באַרעכטיקטער נויט. זיי האָבן אַזוי געטאָן מיט קלאָרן באַוווסטזיין פון זייער פּערזענלעכער און אלגעמיינער שליחות אלס די אַוואַנגאַרד־ארמיי אינעם קאַמף פֿאַר דער זעלבשטענדיקייט פון ישראל. דער רוב פון די קעמפער זענען געווען יוגנטלעכע, הי־געבוירענע, און די מינדערהייט — פון גלות־געקומענע. היינט־צו־טאָג, נאָך די היסטאָרישע געשעענישן, וואָס האָבן געענדערט די לאַגע פונעם פֿאָלק און ווייסנדיק די ראָל פון פלמ״ח אין די דאָזיקע אַנטשיידונגען — איז לייכט זיך פֿאָרצושטעלן, וואָס פֿאַר אַ גורל עס האָט דערוואַרט דעם ישוב, ווען עס וואָלט נישט אויפגעקומען, צו דער צייט, דער פלמ״ח, בכדי צו שטעלן זיך אין דער שפּיץ פון דער באַפֿרייאונגס־אַרמיי.

דער פלמ״ח איז געווען א רעגולערע ארמיי, אָבער ער האָט אויך געקענט זיין א פּאַרטיזאַנישע־אַרמיי ווען די קאַמפּס־אומשטענדן האָבן געפֿאָדערט געוואַגטע אַקציעס פון איינצלנע און פון קלענערע און גרעסערע גרופּעס אויף די פֿראָנטליניעס און, דער עיקר, פון יענער זייט פיינטלעכער ליניע. צוליב דעם אַלעם — איז דאָס געווען אַ מיליטער, וואָס האָט זיך דערצויגן צו זעלבשטענדיקן דענקען, אַדורכברעכנדיק די שטייפֿע שאַבלאָן־ראַמען און זיך געשאַפֿן עלאַסטישע קאַמפּס־מעטאָדן.

דער פלמ״ח איז געווען אַ פֿאָלקס־אַרמיי, וואָס זיינע רייען זענען געווען אָפֿן פֿאַר יעדן אויפריכטיקן וואָלונטיר, וואָס האָט זיך געשטעלט צום דינסט פונעם פֿאָלק. דער פלמ״ח אין זיין דיסציפּלין האָט זיך אונטערגעוואַרפֿן די באַשלוסן פון די אויסגעוויילטע אינסטאַנצן און איז גלייכצייטיק געווען אַ שטורעם־פֿאָרמאַציע אַדאַנק דעם הויכן ניוואָ פון איבונגען און דערציאונג.

אינם לעבן פון פלמ״ח און אין זיינע אויפטואונגען זענען געקומען צום פולן אויסדרוק די בעסטע בענקשאַפטן פון דורות און בתוכם אונדזער דור מיט זיין שטרעבונג צו אַ יידישן זעלבּ־שטענדיקן כוח פאַר נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכער באַפרייאונג און זעלבסט־פאַרטיידיקונג. דעריבער האָט דער פלמ״ח דורך זיין עצם־עקזיסטענץ, פאַרשטאַרקט די קראַפט פון דער „הגנה״; אָבער די עיקר־באַדייטונג פון דער קראַפט־טראַנספוזיציע איז באַשטאַנען קודם־כּל, אין זיין נייעם אינהאַלט, וואָס דער פלמ״ח האָט פאַקטיש איבערגעוויזן דער „הגנה״, דער אינהאַלט פון אַ געזעלשאַפטלעך־מיליטערישער אונטערגרונט־באַוועגונג, וועלכע האָט געקעמפט פאַר פאָלקס־באַפרייאונג, נישט בלויז אַלס מיליטערישע אָרגאַניזאַציע, וועמענס אויפגאַבע איז געווען נאָר „צו פאַרטיידיקן דעם נפש און דאָס פאַרמעגן״.

אמת, דער פלמ״ח איז נישט געווען דער איינציקער פאַקטאָר, וואָס, האָט אונדז געבראַכט דעם נצחון. די „הגנה״ מיט אַלע אירע אָפּצווייגונגען און די התישבות האָבן אויך געהאַט אַ בּכבודיקן חלק אין דעם. נאָר, ס׳איז אויסער יעדן צווייפל, אַז אָן דעם פלמ״ח וואָלטן מיר נישט נאָר פאַרשפּילט דעם קאַמף אין אָנהויב ביי די ערשטע שטאַפּלען פון דער אָפּעראַציע — נאָר אויך אין דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד פון פאַרטיידיקונג צו אַנגריף און אין דער אָפענסיווע זעלבסט, האָט דער פלמ״ח אויסגעפירט אויפגאַבן, וואָס אָן זיי וואָלט דער זיג בכלל נישט מעגלעך געווען. נאָך מער: ווען דער פלמ״ח וואָלט נישט אַנטשטאַנען אין דער תקופה פון אונטערגרונט, וואָלטן פיל געוואַגטע אונטערנעמונגען, פון פּאָליטיש־מיליטערישן באַדייט, קיינמאָל נישט אויסגעפירט געוואָרן, נישט אין די צייטן פון דער באַפרייאונגס־מלחמה און נישט פאַר איר.

ווער עס וויל אויספרווון די באַציאונגען פון יחידים און פון קרייזן צום געדאַנק אויפצושטעלן אַ יידיש־מיליטערישן, זעלבשטענדיקן כוח צום קאַמף קעגן פאַרשקלאַפנדיקן מאַנדאַטאָרישן רעזשים, און קעגן די אַראַבישע אַנגרייפער, בכדי צו באַפרייען דאָס גאַנצע לאַנד און פאַרזיכערן זעלבשטענדיקייט דער מדינה — איז גענוג אויסצופרווון די באַציאונג פון יענע קרייזן צום אויפשטעלן און עקזיסטענץ פון פלמ״ח, וואָס אָן אים איז נישט מעגלעך געווען אויסצופירן די שווערע און דערהויבענע אויפגאַבן.

די פלמ״חישע הויפט־ווערטן

ווי יעדע באַוועגונג אָדער פאַרבאַנד, וואָס האָט אַן אָריגינעלן געזעלשאַפטלעך־מיליטערישן אינהאַלט, האָט אויך דער פלמ״ח פאַרקערפּערט ווערטן, וועלכע זענען געווען אַ פּראָדוקט פון אַ פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן וועלט־באַנעם פון דערפאַרונג און טאַט, צוגעפּאַסט צו די באַדינ־גונגען פונעם פאָלק און באַזונדערערווירקלעכקייט פונעם לאַנד. דאָס זענען די הויפט־ווערטן — כאָטש עס איז אוממעגלעך זיי אַלע אויסצורעכענען אין קורצע שטריכן:

א. אַ פאַרטיידיקונגס־אַרמיי איז אַן אומאָפּטיילבאַרער חלק פונם פאָלק. זי איז אַנטשטאַנען כדי צו באַדינען און צו באַשיצן דאָס פאָלק און נישט חלילה אונטערשיידן זיך און אָפּפרעמדן פון אים.

ב. ווינציקע זענען בכוח אַנטקעגנצושטעלן זיך אַ סך נאָר מיטן באַדינג, אויב זיי ווייסן ווי פולשטענדיק אויסצונוצן דעם מענטשן־רעזערוו און דעם טעכנישן און עקאָנאָמישן פּאָטענציאַל פונעם פאָלק און דערהייבן דעם קערפּערלעכן און גייסטיקן ניוואָ פון די קעמפער. קלאָר, אַז דער שונא וועט שטענדיק געניסן פון איבערגעוויכט אין מענטשן־כוח און באַוואָפענונג. די שטענדיקע כמותדיקע איבערגעוויכט פונעם שונא קאָן מען בייקומען נאָר דורך אַן איכותדיקער איבערגעוויכט, דורך טעכנישער און גייסטיקער גרייטקייט פונם קעמפער. זאַכן, וואָס זענען אין אונדזערע מעגלעכקייטן צום דערגרייכן.

ג. נישט גרינגשעצנדיק דעם ווערט פון געווער, האָט דער פלמ״ח געזען אַלס דאָמינירנדיקן פאַקטאָר אין דער מלחמה — דעם מענטש. יצחק שדה פלעגט זאָגן: „אויב מיר וועלן האָבן הויכווערטיקע קעמפער, וועלן מיר דאָך בייקומען דעם שונא און דערוואָרבן זיין געווער, אַפילו ווען מיר וועלן נישט זיין ווי געהעריק באַוואָפנט״. דעריבער האָט מען נישט געטאָרט „צעברעכן דעם ציווילן בירגער, כדי אויסצופורעמען פון אים אַ זעלנער״, ווי ס׳איז אָנגענומען אין אַנדערע פאַכמענישע אַרמייען, נאָר, פאַרקערט, מען האָט געדאַרפט דעם בירגער אויפהויבן דורך בילדונג, איבונג, דערציאונג און חברישע באַציאונג פון קעגנזייטיקן כבוד.

יעדע מיליטערישע איינהייט שטרעבט, לויט איר נאַטירלעכער מהות, צו אוניפאַרמיזירונג,

דורך סטאַנדאַריזירן אירע מיטגלידער. אין דער אמתן איז נייטיק אַ געוויסע אוניפאָרמיזירונג כדי צו באַשטימען אַ געוויסע שותפותדיקע פּאַראייניקייטלעכונג; אָבער מ׳האָט קיינמאָל נישט געטאָרט פאַרגעסן, אַז איין מענטש איז נישט ענלעך צום צווייטן. יעדער מענטש האָט זיך זיינע פעיקייטן און שוואַכקייטן און אַן איבערגעטריבענע סטאַנדאַריזאַציע קאָן פאַרטושן די פּערזענלעכקייט פון אַ יחיד און אראָפּנידערן דעם ניוואָ פון דער איינהייט צום ניוואָ פון די שוואַכסטע אין איר. אַ מיליטערישע איינהייט אין אַ מאָדערנער אַרמיי און — איבערהויפּט אין אַ קליינער אַרמיי ווי אונדזערע — דאַרף זיין אַ האַרמאָנישער צונויפשפּיל פון אַלערליי פּערזענלעכקייטן און פעיקייטן. דערפאַר איז נויטווענדיק, צוגלייך מיט קאָלעקטיווער אויסשולונג, אויך פאַרנעמען זיך פּערזענלעך מיט יעדן יחיד, לויט זיינע פעיקייטן און נטיות, כדי אויפצוהייבן דעם ניוואָ פון די יחידים — וואָס זיי שאַפן די איינהייט — צום ניוואָ פון דער איינהייט.

ד. ס׳איז נויטיק צו אַנטוויקלען אינעם קעמפער די פעיקייטן פון זעלבסטגעדאַנק, צו פאַרשטיין די פּרינציפּן פונעם קאַמף און צו באַנעמען זיינע צילן. דער קעמפער אַלס יחיד דאַרף אויך וויסן דעם סוד פון זעלבשטענדיקער טעטיקייט און קאָלעקטיווער צוזאַמענאַרבעט — אין אַ גרויסער איינהייט, ווי אין אַ קליינער.

ה. קאַמפּס־פעיקייט, אויסהאַלטעוודיקייט, דיסציפּלינירטקייט און קוואַליטעט פון פּערזענלעכער איניציאַטיוו ווערן ממשותדיק, ווען זיי ווערן ריכטיק צוזאמענגעגאסן דורכן הויכן ניוואָ פון איבונגען, דורכן פאַרטיפן דאָס באַוווסטזיין ביי די קעמפער און דורך פאַרפעסטיקן די מיליטערישע ראָם באַנוצנדיק זיך מיט דערציאונג, אין קעגנזאַץ צו דרעסירונג.

ו. מיליטערישע טעאָריע, איז נישט מער ווי אַ טייל פונם אַלגעמיינעם וועלט־באַנעם פונם כלל און פונעם יחיד, וואָס בילדן די אַרמיי. די טעאָריע דאַרף זיך קריסטאַליזירן ווי אַ סינטעז פון דער מחשבה מיט זעלבסט־אַנאַלאַגיע און לערנען צוגלייך פון יענעמס דערפאַרונג — איינשליסנדיק די דערפאַרונג פונם שונא — און צופּאַסן דאָס אַלץ צו אונדזערע ספּעציפישע באַדינגונגען און סיטואַציעס.

ז. חברשאַפט פון קעמפער האָט דעם ווערט פון געווער. די טיפע פריינטשאַפט און חברישע באַציאונגען צווישן די פּלמ״ח קעמפער, אָן אונטערשייד פון ראַנג און פליכטן, אינם טאָג־טעגלעכן לעבן און אַזוי אינם קאַמף, ביים אַרויסראַטעווען פאַרוווּנדעטע פון אונטער דעם פיינטלעכן פייער, ווי אויך די זאָרג פאַר די משפחות פון די געפאַלענע, דער קעגנזייטיקער צוטרוי און קעגנזייטיקע הילף, צווישן די קעמפער בשעת וואָפן־שטילשטאַנד און אין די צייטן פון מלחמה — דאָס אַלץ האָט געשטאַרקט און געפעסטיקט אונדזער כוח.

ח. דער קעמפער דאַרף אויך ווידמען אַ טייל פון זיין צייט פאַר פּראַקטישער אַרבעט — ביי ערד־אַרבעט, אינדוסטרי, בוי־אַרבעט און ביים לערנען זיך ציווילע פאַכן. דאָס פאַרבינדן מיליטער דינסט מיט אַרבעט האָט נישט נאָר דערמעגלעכט אויסהאַלטן דאָס מיליטער, נאָר אויך פאַרגרעסערט די קוואַליטעט פונעם קעמפער, אַלס שאַפנדיקער מענטש, וואָס איז צונויפגעבונדן מיט דער חלוציש־שעפערישער באַוועגונג, וועלכע האָט געלייגט איר סטעמפּל אויפן כאַראַקטער און אויף דער פאָלקסטימלעכער געשטאַלטונג פונעם פּלמ״ח.

ט. דער אנשלוס פון די ישובים אין די געגנטלעכע פאַרטיידיקונגס־אָפּעראַציעס צוזאַמען מיט אָפענסיווער אַקטיוויטעט דורך אָפּעראַטיווער עלאַסטישקייט, מיט טאַקטיק פון גערילאַ־מלחמה, און רעגולערן קאַמף, האָט דערהויבן אונדזערע קעמפערישע איינהייטן צו אַ גאָר הויכער מדרגה.

י. און אחרון, אחרון, עס דאַרפן באַצייכנט ווערן יענע ווערטן וואָס זייער חשיבות איז אַן ערשטראַנגיקע: יעדע מיליטערישע אויפגאַבע דאַרף אויפגענומען ווערן ווי אַ שליחות און נישט ווי אַ פּראָפעסיע, אָדער סתם אַ קאַריערע. פון דעם איז נישט געדרונגען, אַז מ׳דאַרף זיך באַציען מיט גרינגשעצונג צום לערנען קריג־טאַקטיק ווי אַ קעגנשטאַנד. פאַרקערט. אָבער אונדזער מיליטאַריזם איז אין אַ געוויסער מאָס אַ מוז, וואָס קאָן נישט געטאַדלט ווערן, מחמת זיין טיף־אמתער יסוד איז מסירת נפש, דורך גלייכהייט פון קרבן. דאַרף מען זיך היטן און אויסהיטן פון תכליתדיקן צוגאַנג, כביכול, אַז די הויפּט־זאַך איז קאַריערע — אַ צוגאַנג, וואָס שוואַכט אָפּ די דינאַמיק און די וואָלונטעריש־אידעישע באַזע, וואָס דאָס איז דער האַרבסטער נסיון אין אַ מענטשלעך לעבן; דעריבער דאַרף דאָס מיליטער־דינסט אויפגענומען ווערן ווי אַ שליחות.

דער פּלמ״ח איז אַדורכגעגאַנגען אַ סאַך נסיונות און ער איז זיי בייגעקומען אין די אַכט יאָר

פון זיין קיום. נישט ווינציק זענען אויך געווען זיינע פעלערן און שוואכקייטן, אָבער, א קאמפס־באוועגונג ווערט געאורטיילט לויט דעם סופיקן בילאנס, און אז עס וועלן עקזאמינירט ווערן די טואונגען פון פלמ״ח, איז כמעט זיכער, אז דער ערלעכער היסטאָריקער — דער „בוכהאלטער״ פון די צייטן — וועט וויסן אפצושטעלן זיך אויף דעם ווערט פון די דערגרייכונגען, וואָס האָבן פיל בייגעשטייערט צו אונדזער נצחון.

ס׳וועט זיין אַ טעות אָפּצושאַצן דעם פלמ״ח נאָר לויט זיינע קאָנקרעטע קאַמפּס־רעזולטאַטן, וואָס אויך מיט זיי איז זיך נישטאָ וואָס צו שעמען, ווייל זיי זענען נישט געקומען צופעליק, נאר אלס פראדוקט פון לאנג־יעריקע צוגרייטונגען און אנשטרענגונגען; ס׳איז דורכויס כדאי ארויסצוברענגען די הויפּט־דערגרייכונגען פונם פלמ״ח אויך פון די יאָרן, נאָך איידער די קאַמפן; דעמאָלט האָט ער מכשיר געווען די הערצער, מוחות און מוסקולן צו דעם גרויסן און אנטשיידנדיקן עקזאמען.

דער פלמ״ח איז נישט אַנטשטאַנען נאָר מיטן כוח פון באַפעל און האָט נישט עקזיסטירט נאָר לויט דער באַשטימונג פון די הויכע אינסטאַנצן, הגם ס׳איז נישט אוועקצומאכן דעם גרויסןביישטייער פון א געוויסער צאָל אקטיוויסטן, אין דער שפּיץ מיט יצחק שדה. מ׳קען זאָגן, אז דאָס פארזעצן די עקזיסטענץ פון פלמ״ח איז געקומען, צום אלעם ערשטן, אין זכות פון אן אינערלעכער אויפוואכונג ביי טויזנטער אומבאקאנטע קעמפער, וועלכע האָבן ריכטיק אויפגעכאַפּט די טריט פון דער געשיכטע.

אונדזער אויסהאַלטן דעם צווייטן פּאַרמעסט באַשטייט אין דער פולקאָמער קעגנערשאַפט צו סעפּעראַטיזם, אונדזער טיפע אָנגעהעריקייט צו די פאָלקס־מאַסן און אונדזער דיסציפּלין־פליכט לגבי די נאַציאָנאַלע אינסטאַנצן. זאָל עס נישט אויפגענומען ווערן אזוי לייכט. יעדן, ווער עס איז באַקאַנט די פרשה פון דעם קאמף פאַרן קיום פונם פלמ״ח, נאָך ביי די ערשטע טריט זיינע, אנטקעגן דער פרעמדקייט, אומפאַרשטענדעניש און פאַלשע פּאָליטישע באַגריפן, די תקופה פון אָפּשוואַכונג און נידערגעשלאָגנקייט, דווקא אין אַ צייט, ווען ס׳האָט זיך געפאָדערט פאַרשטאַרקטע אַקטיוויטעט; די שווערע אויפגאַבע פונעם פלמ״ח אין די צייטן פון אָפּהענטיקייט, וואָס האָט געהערשט אין אָנפאַנג פון דער באַפרייאונגס־מלחמה, און צום סוף אונדזער אויסשטייַן דעם ביטערן נסיון ביים פאַנאַנדערלאָזן די פאָרמאַציע — דער וועט וויסן ווי געהעריק אָפּצושאַצן וויפל גייסטיקע כוחות און באַוווסטזיניקע איבערגעגעבנקייט האָבן זיך געפאָדערט, כדי דער פלמ״ח זאָל נישט זוכן אן אויסלאַדונג אין אפזונדערן זיך אזוי, ווי די גרופּעס „סעפּאַראטלער״ וואָס האָבן באַפלעקט די געשיכטע פון ישראל.

א תורה, וואס האט זיך געהאַרטעוועט אין פייער פון קאמף

אויך דער דריטער נסיון איז נישט געווען פון די לייכטע — דאָס אויספּרוּוון אונדזער אייגענעם נישט־שאַבלאָנען מיליטערישן וועג. ביזן פלמ״ח איז נישט געווען קיין פריערדיקע טראַדיציע פון אַן אָרגאַניזירטער און מאָביליזירטער יידישער אַרמיי, און ער האָט געמוזט זוכן און פּלאַסטערן אייגענע וועגן פון אָנהויב אָן. צוליבן אויספעלן פון אַזאַ טראַדיציע, האָט געלויערט ביי די ערשטע שריט די סכנה פון גיין אויף דער ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד, צופּאַסנדיק זיך צו די אייגנשאַפטן און געבוי פון פרעמדע אַרמייען, וואָס אַנטשפּרעכן נישט אונדזערע באַדערפענישן. א סך גוטע מענטשן פון דער „הגנה״ און פון צה״ל האָבן זיך געלאָזט לייכט פאַרפירן. צו אונדזער גליק איז דער פלמ״ח און מיט אים אַ סך פון דער „הגנה״ — פאַרבליבן געטריי דעם פּרינציפּ פון זעלבשטענדיקער איניציאַטיוו. און אַזוי האָבן זיך שטאַפּלווייז אויס־קריסטאַליזירט פאָרמען פון אָרדענונג פון פירונג, דערציאונג און איבונג, פאַרוואַלטונג און קאַמפּס־פעיקייט, וואָס אין זייער פאַראייניקונג האָבן זיי געשאַפן די באַזונדערע תורה פונעם פלמ״ח, וועלכע האָט געדינט ווי אַ גרונטשטיין פאַר אַ יידישער קאַמפּס־לערע, וואָס האָט זיך געהאַרטעוועט אינעם פייער פון קאַמף.

דער פערטער נסיון דאָס איז דער נסיון פון פייער, וואָס האָט באַלויכטן און אַנטפּלעקט אין דער אַכזריותדיקערווירקלעכקייט, אַלע יענע ווערטן וואָס האָבן געבילדעט אין זייער אַלגעמיינעם צונויפבונד, דעם פלמ״ח. וועגן דעם פאַרמעסט זאָלן בעסער דערציילן די ברעג־כוואַליעס פון די חרמון־אַראָפּגענג, וועלכע האָבן געזען, ווי אזוי „די יינגלעך האָבן געטראָגן זייער פאָלק אויף די אקסלען״ און זיי אָפּגעפירט צו א נייעם גורל; ברוכוואַרג פון אויפגעריסענע ראדאר־

טור־עמס, וועלכע האָבן נאָכשפּיאָנירט די מעפּילים־שיפלעך; און די אויפגעריסענע בריקן וועלן דערציילן וועגן דער נקמה פון די פּאַרטריבענע; דאָס מקריב זיין זיך פון די פּאַראַשוטיסטן, וועלכע זענען אויפגעהאַנגען געוואָרן דורך זייערע פייניקער און האָבן אליין הערצער אָנגעצונדן — וועט עדות זאָגן פון ווייט, פון פרעמדע לענדער. דער רעש פון ליטאַני־טייך, די ריגלען פון שער־ציון, די פעלזן פון אילת וועלן דערציילן, וואָס זיי האָבן געזען. דער גערויש פון לייוונטענע עראָפּלאַנען, דער געמורמל פון די „זשאַבע"־דיווערסאַנטן און „די פּאַרלווירענע טריט" פון אונדזערע אויסשפּירער איבער יענער זייט פּראָנט־ליניע, וועלן אַנטפּלעקן זייער גבורה.

פלמ"ח - דער המשך פון יידישער גבורה

ס'האָט אויסגעזען, אז דער פלמ"ח וואָלט ווי פאָרגעזעצט צו וועבן דעם טראַדיציע־פאָדעם פון יידישן העלדנטום און קנאות, ווי אין די פאָרצייטישע מלחמות בעת די פרייהייט־קאַמפן קעגן די רוימישע און גריכישע אקופּאַנטן; בעת דעם אויפשטאַנד און לעצטן קאַמף אין מצדה; דער קידוש־השם אין די פאַרשידענע גלות'ן; די ביל"ו חלוצים און די פויערים פון די ערשטע מושבות; תל־חי פאַרטיידיקער און דער „השומר"; געטאָ און פּאַרטיזאַנער־קעמפער — דאָס איז געווען א היסטאָרישער המשך, וואָס האָט אָנגעפילט די הערצער מיט ליבשאַפט צום פאָטערלאַנד און שטאָלץ צום פאָלק.

דעריבער, האָט דאָס אלץ געזעטיקט דעם שטאָלץ פון דער ארמיי, וואָס יעדער באשיידענער קעמפער האָט איר אויסגעטראָגן אויף זיינע אַקסלען, אַן ארמיי, וואָס גלויבט אין איר כוח און איז געטריי איר מאמע — די „הגנה". דער פלמ"ח האָט זוכה געווען אויסצוטרעטן דעם בכורה־וועג, וועלכער האָט געפירט טויזנטער יונגווארג און עלטערע, פון אלע פאָלקס־שיכטן, צו דער הויך פון זעלבסט־פאַרווירקלעכונג, פונם יחיד און פונם דור.

גליקלעך איז דער פלמ"ח־מענטש, וואָס שטייענדיק אויף הויכקייטן פון מתולה קוקט ער אַראָפּ צום נגב און שטייענדיק ביים ים בליקט ער צום מדבר...

...אַ נייער וווּנדערבאַרער יידישער דור וועט אַנטשטיין אין לאַנד. ס'וועלן איפלעבן די מכבים. אונדזער פרייהייט וועט ברענגען פרייהייט אַלע פעלקער. אונדזער רייכטום וועט אויך זיי באַרייכערן, אונדזער גרויסקייט וועט גרויסמאַכן אויך זיי. און דאָס, וואָס מיר וועלן פּרוּוון שאַפן דאָרט פאַר אונדזער גליק און דערפאָלג — וועט ברענגען גליק און מזל ברכה דער גאַנצער מענטשהייט.

ה ע ר צ ל

...ס'האָבן אַ זין און ס'וועלן האָבן אַ באַצאָלט די אַלע קרבנות — אויב איבער זייערע קברים וועט אויפגעבויט ווערן אַ שטאַרקע בריק פון אַ גרויסן פאַרנעם און אויפן דאָזיקן בריק וועלן גיין און קומען די אויסגעלייזטע און באַפרייטע.

י צ ח ק   ש ד ה

משה כרמל

זיכערהייט־פּראָבלעמען פֿון מדינת־ישראל

מיר אָבסערווירן די פּאָליטישע ענדערונגען אין מיטעלן מזרח, וועלכע טראָגן אין זיך דעם אָנהויב פֿון דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון נאַצערס טרוים מכוח שאַפֿן אַ גרויסע אַראַבישע אימפּעריע אונטער זײַן אייגענער אָנפֿירונג. פֿאַר אונדזערע אויגן קומט אויף, אין אַ בליץ־שנעלן טעמפּאָ, אַ גרויסער און געאייניקטער אַראַבישער כּוח, אַ בונד פֿון עטלעכע מדינות, וועלכער וועט זײַן אונטערגעוואָרפֿן איין פּאָליטישן דיקטאַט און אַן איינהייטלעכער מיליטערישער קאָמאַנדע, וועלכע וועט אין דער צוקונפֿט געמיינזאַם פּלאַנירן און זאָרגן פֿאַר דער רעאַליזירונג פֿון די דאָזיקע פּלענער.

אונדז דריקט וואָס אַ מאָל מערער דער גאַרטל פֿון פֿײַנטשאַפֿט. עס איז גאָרנישט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, אַז במשך פֿון אַ קורצער צײַט וועלן אַלע אונדזערע שכנים — אין צפֿון, אין מזרח און אין דרום — בילדן איין לאַגער, וועלכער וועט זײַן אונטערגעוואָרפֿן דער קאָמאַנדע פֿון דעם געפֿערלעכסטן צווישן די פֿײַנט פֿון ישראל, וואָס די גרעסטע פֿון זײַנע אַספּיראַציעס איז די פֿאַרטיליקונג פֿון ישראל. נאָך מערער: די מאַכט און איינפֿלוס פֿון נאַצערן, אויב זיי וועלן רעכטצײַטיק נישט געצוימט ווערן, זענען זיי עלול ווי אַ פֿײַער אין וואַלד אַריבערצוּוואַרפֿן זיך נישט נאָר אויף די מדינות, וועלכע האָבן מיט אונדז אַ געמיינזאַמע גרענעץ, נאָר אויך אויף אַלע איבעריקע אַראַביש־מוסולמענישע מדינות אין מיטעלן מזרח איינשליסנדיק אויך סעודיע, תימן, סודאַן, און ליביע. און קיינער קאָן איצט נישט פֿאָרויסזען, וואָס עס וועט אין דעם פֿאַל זײַן דער גורל פֿון די אַראַבישע לענדער אין צפֿון־אַפֿריקע.

אַז נאַצער וועט אַוועקגעשטעלט ווערן בראש פֿון אַזאַ מעכטיקער אימפּעריע, וועט נאַטירלעך זײַן אַפּעטיט שטײַגן און זײַנע לײַדנשאַפֿטן וועלן זיך נאָך מערער פֿאַנאַנדערפֿלאַקערן. דאָס איז אַ ביז גאָר גרויסע געפֿאַר און גאַנץ מעגלעך — שוין גאָר אין דער נאָענטער צוקונפֿט.

די ענדערונג אין איראַק — הייסט די צעברעקלונג פֿון דער שטאַרקסטער רינג אין דער קייט פֿון די מדינות אין דאָזיקן ראַיאָן, וועלכע געפֿינען זיך נאָך אונטער דעם איינפֿלוס פֿון מערב. דאָס אַנטבלויזט אַלע אַנדערע, מער שוואַכערע, מדינות אינעם ראַיאָן, וואָס זענען נאָך פֿאַרבליבן אין מערב־לאַגער און עס שאַפֿן זיך מער גינסטיקע באַדינגונגען פֿאַר זייער פֿאַנאַנדערפֿאַל. אַזוי זעען מיר, ווי עס זינקט דער צפֿונדיקער באַסטיאָן און צעפֿאַלט זיך דער באַגדאַדער פּאַקט.

דאָס פֿאַלן פֿון איראַק האָט מען געקאָנט פֿאָרויסזען. נישט איינמאָל האָבן מיר אַלאַרמירט און ווידער אַמאָל אַלאַרמירט, אַז:

א. דאָס געוועט, וואָס דער מערב שטעלט צו איראַק און סעוד־אַראַביע, כּלומרשט מיטן ציל צו פֿאַרטיידיקן זיך קעגן די סאָוויעטן — וועט אין דער לעצטער שורה געווענדעט ווערן קעגן ישראל און דעמאָלט וועלן די געוועזע־ליפֿעראַנטן מער נישט האָבן קיין שליטה איבער אים.

ב. מען קאָן נישט אויסרעכענען אויף דער שפּאַלטונג אין אַראַבישן לאַגער און אויף זײַנע קעגנזאַצן, וועלכע וועלן כּלומרשט אייביק עקזיסטירן; עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז זײַן צעמענטירונג וועט קומען פֿריִער, אַזוי אַז קעגן ישראל וועט שטיין אַ געאייניקטער, קאָנצענטרירטער כּוח.

מען קאָן אויך נישט פֿאַרמאַכן די אויגן אויפֿן פֿאַקט, אַז דער מערב שטיצט זיך אין די דאָזיקע לענדער אויף וואַקלדיקע פֿעאָדאַלע רעזשימען, וועלכע זענען אָפּגעריסן פֿון די פֿאָלקסמאַסן און האָבן נישט בײַ זיי קיין שום אָנשפּאַר. עס האָט זיך, ווײַזט אויס, נישט געפֿונען קיין איין דרייסטער קרייז, וואָס זאָל זײַן גרייט צו פֿאַרטיידיקן אָט די רעזשימען און אײַנשטעלן פֿאַר זיי דאָס לעבן. זייער פֿיל מענטשן דאָרט שטרעבן, ווײַזט אויס, צו אַ ראַדיקאַלער ענדערונג, צו אַ ווענדונג כּדי צו באַפֿרײַען זיך פֿון פֿרעמדע פֿאַקטאָרן, וועלכע זיי באַטראַכטן ווי עקספּלאָאַטאַטאָרן און באַציִען זיך צו זיי מיט שנאה. טיילמאָל אָבער איז דאָס דאָזיקע באַפֿרײַען

זיך פון פרעמדן יאָך אַ מין שטאַפּל, צו נעמען אויף זיך אַ נייעם יאָך פון אַנדערע עקספּלאָאַטאַ־טאָרן און אונטערדריקער, ווי אַ שטייגער סיריע, וועלכע האָט אויף זיך אָנגעטאָן נאַצערס יאָך.

עס וועט דעריבער נישט זיין אומרעאַל צו זאָגן, אַז דאָס פאַרשפּאַרן דעם וועג פאַר דער נאַצערישער עקספּאַנסיע דורכן מיליטער פון די מערב־מלוכות, איז בלויז אַ צייטווייליקע און פאַריבערגייענדיקע דערשיינונג אין פאַרגלייך מיט דער שטאַנדהאַפטיקייט פון דער פּאָליטי־שער און מיליטערישער פאַרפעסטיקונג פון די אַראַבישע מדינות, וואָס נאַצערן האָט זיך איינ־געגעבן צו שטעלן זיך אין זייער שפּיץ.

אַזוי ווי אַזוי דאַרפן מיר, ווי ביי יעדער לאָגישער באַטראַכטונג, נעמען אין באַטראַכט די ערגסטע מעגלעכקייט, און דאָס איז — די אַרומרינגלונג פון ישראל אין דער נאָענטער צוקונפט. האָבנדיק דאָס אין אויג דאַרפן מיר ריכטן אונדזערע ווייטערדיקע שריט.

דער שלום איז ווייט פון אונדז

אונדזער ענין געפינט זיך איצט אין צענטער צווישן צוויי פאַרשידענע ריכטלינינעס:

א) די באַציאונגען צווישן ישראל און די אַראַבישע מדינות.

ב) דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַרמעסט אין אונדזער ראַיאָן.

אין דער ערשטער ריי זענען מיר מחויב צואיילן די פאַרשטאַרקונג פון אונדזער מיליטערישן פּאָטענציאַל, ווייל די דירעקטע און גרויסע געפאַר דראָט אונדז מצד נאַצערס לאַגער. מוזן מיר דעריבער זיין צוגעגרייט צו פאַרמעסטן זיך מיט אָט דעם שונא אין פאַל ער וועט אונדז אָנ־גרייפן — און אים בייקומען. די צייט וואָס איז אונדז איבערגעבליבן ביז די אַרומרינגלונג וועט פאַרענדיקט ווערן — מוז דורך אונדז ווירקזאַם און עפעקטיוו אויסגענוצט ווערן. די דראַמאַ־טישע געשעענישן, לעצטנס, האָבן פאַר אונדז אַנטפּלעקט נייע מעגלעכקייטן פון באַוואָפענונג. און מיר מוזן זיך צואיילן זיי אויסצונוצן. די געשפּאַנטקייט פון אונדזער לאַגע געפינט איצט מער פאַרשטענדעניש און די עפנטלעכע מיינונג אין דער גרעסער וועלט, ווי אויך פאַרשידענע פּאָליטיקער הויבן אָן צו באַנעמען די באַדערפענישן פון אונדזער זיכערקייט און עקזיסטענץ, מערער ווי זיי האָבן דאָס פאַרשטאַנען אין די עטלעכע חדשים פאַר דער סיני־אַקציע און נאָך איר, ווען עס איז אויף אונדז אויסגעאיבט געוואָרן אַ דרוק מצד די גרויסמאַכטן צוריקצוציען זיך, וואָס עס האָט אין רעזולטאַט דערמעגלעכט נאַצערן צו באַפרייען זיך פון שטיקנדיקן קלעם.

ווען מיר באַטראַכטן איצט דעם מצב פון אונדזער מדינה, מוזן מיר קודם כל פעסטשטעלן, אַז 10 יאָר נאָך איר אַנטשטייאונג געפינט זיך נאָך דער געגאַרטער שלום, ליידער, זייער ווייט פון אונדז. און נאָך היינט צו טאָג שטייט די זיכערהייטס־פראַגע אין צענטער פון די זאָרגן פון ישראלדיקן פּאָליטישן געדאַנק.

דאָס וואָס מיר האָבן פאַרשטאַרקט אונדזער כוח דורך פאַרגרעסערן די באַפעלקערונג פון לאַנד און פאַרפעסטיקן זיין עקאָנאָמיק, דאָס וואָס מיר האָבן געאָגראַפיש זיך פאַראַנקערט און באַקרעפטיקט אונדזער מיליטער (און מיר האָבן טאַקע פאַרשטאַרקט דעם דאָזיקן כוח, הגם נישט אין אַ גענוגנדיקער מאָס אין ערשטן יאָר־צענדליק פון אונדזער מדינה־עקזיסטענץ) — האָבן מיר אָבער מיט דעם נאָך נישט באַקומען די געהעריקע באַרואיקונג און דעם שלום, נאָר בלויז די מעגלעכקייט צו עקזיסטירן אין באַדינגונגען פון באַלאַגערונג.

מיר זענען פאַרפליכטעט צו בויען און פאַרשטאַרקן די מדינה אין געהעריקן טעמפּאָ, נע־מענדיק אין אַכט אירע באַדערפענישן און די רעטונגס־באַדערפענישן פון די יידישע ישובים אין די גלות־לענדער. דערביי מוזן מיר זאָרגן וועגן דעם, וואָס פאַר אַן אָרט און פּאָזיציע אונדזער מדינה זאָל פאַרנעמען אינעם ראַיאָן און אין דער פעלקער־משפחה אין דער גרעסער וועלט, ווייל די ביידע זאַכן זענען טיף נוגע איר צוקונפט און אַנטוויקלונג. דעריבער מוזן מיר גוט באַטראַכטן אונדזערע האַנדלונגען צווישן מדינות, פעלקער און סאָציאַלע באַוועגונגען, מיר מוזן זיין ווייט־זעעוודיק און פירן אַ פּאָליטיק, וואָס איז אויסגערעכנט אויף אַ ווייטער מעטע. אַלע אונדזערע האַנדלונגען און אונדזער פּאָליטיק דאַרפן זיין אויסגערעכנט אויף דעם, אַז אונדזער מדינה זאָל זיך אידענטיפיצירן מיט די שטרעבונגען פון נאַציאָנאַלער זעלבשטענדי־קייט, דעמאָקראַטיע, פּערזענלעכע פרייהייט, סאָציאַלער פּראָגרעס, קולטורעלער פאָרשריט און שלום. מיר מוזן אויסמיידן יעדע טאַט, וואָס קאָן אויסגעטייטשט ווערן דורך דער עפנטלעכער מיינונג, אַז מיר העלפן־צו אָדער זענען גלייכגילטיק לגבי די שטרעבונגען פון פעלקער־אונ־

טערדריקונג, פון אייביק אויפהאַלטן אָפּגעשטאַנענע רעזשימען, נעגירונג פון דער פּערזענלע־כער פרייהייט, העצן, צוגרייטונגען צו מלחמה און סאַבאָטירן דעם שלום.
אונדזער מדינה געפינט זיך אויף א געאָגראַפישן שטח, וועלכער איז באַזעצט דורך פעל־קער, וואָס האָבן ערשט נישט לאַנג באַקומען זייער זעלבשטענדיקייט. די דאָזיקע זעלבשטענ־דיקייט זייערע האָט זיך נאָך נישט אויסגעקריסטאַליזירט און פּאַרפעסטיקט, האָט נאָך נישט געפונען אירע געהעריקע סטאַבילע פאָרמען. אירע ראַמען זענען צופעליק אויפגעצווונגען גע־וואָרן מיט דער הילף פון אינטריגעס מצד פרעמדע מלוכות. די דאָזיקע פעלקער זענען איבער־געלאָדן מיט פיינטשאַפט און אומצוטרוי לגבי פרעמדע — אַ רעזולטאַט פון אונטערדריקונג און אָפּגעשטאַנענקייט אין משך פון הונדערטער יאָרן. די פאַרשטענדלעכע שנאה צום אימפּער־יאַליזם און קאָלאָניאַליזם, וועלכע פאַרשקלאָפּן און אונטערדריקן פעלקער — האָט געבוירן די שרעק פאַרן פרעמדן און דעם פאַרדאַכט פאַר זיינע פּלענער. אַראַבישע הערשער — פעאָדאַלע, מאָנאַרכיסטישע און דיקטאַטאָרישע — נוצן־אויס דעם דאָזיקן מצב, כדי איינצופירן רעאַקציאָ־נערע רעזשימען, וועלכע זענען פרעמד די באַדערפענישן פון זייערע פעלקער און נוצן זיי אָפט אויס מיט דער אָפענער און מאַסקירטער הילף פון דרויסן — אין דינסט פון פרעמדע שטרע־בונגען און אינטערעסן.

ישראל און אירע שכנים

אין דעם מיט אומצוטרוי אָנגעלאָדענעם מצב, שטרעבן די אַראַבישע הערשער פאַרצושטעלן אויך אונדז פאַר זייערע פעלקער ווי פרעמדע, וואָס שאַפן אַ פיינטלעכע באַזע אינעם ראַיאָן, ווי דינער פון די אינטערעסן פון פרעמדע גרויסמאַכטן, וועלכע זענען קעגן זיי און זייערע באַדערפענישן — אַ זאַך, וואָס געפינט זיך אין שרייענדיקער סתירה צו די פאַקטן און שטרע־בונגען פון דער יידישער באַפרייאונגס־באַוועגונג. לויטן מהות און היסטאָרישע פאַקטן איז נישט פאַראַן קיין אינטערעסן־קעגנזאַץ צווישן מדינת ישראל און צווישן די אַראַבישע מדינות און אונדזער גורל איז געקניפּט און געבונדן.
די אַראַבישע וועלט באַפרייט זיך, שטייגט און פאַרשטאַרקט זיך דורך קעגנזאַצן, אינטרי־געס, יסורים און קאָנוווּלסיעס. אייניקייט און שפּאַלטונג, ברידערלעכקייט און אַנטאַגאָניזם, נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם, פרייהייט־שטרעבונגען און אונטערדריקונגס־לוסט — דאָס אַלץ גייט דאָרט געפּאָרט. די אַראַבישע מדינות פאַרבאַהאַלטן נאָך אין זיך גרויסע איבעראַשונגען פאַר דער גאַנצער וועלט.
און דאָך וועט עס נישט זיין פאַרנונפטיק צו באַציען זיך מיט גרינגשעצונג צו די פּראָצעסן, וואָס קומען פאַר ביי אונדזערע שכנים און נישט זען די טיפע וואָרצלען, פון וועלכע זיי ציען זייער יניקה. מען טאָר די דאָזיקע פּראָצעסן נישט גרינגשעצן, עס איז זיי נישט אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט און מען טאָר זיך זיי נישט קעגנשטעלן. אַדרבאָ מיר טאָרן זיי נישט אַרויסלאָזן פון אויג, מיר דאַרפן זיי לערנען און אַרויסציען די געהעריקע אויספירן פון די טענדענצן, וואָס זיי אַנטהאַלטן אין זיך, מיט זייערע אויסזיכטן זיך אויסצוברייטערן. מיר מוזן זיך שטעלן די פראַגע: וואָס זענען די אַראַבישע מדינות אויסן מיט זייער פאַראייניקונג — שלום אָדער מלחמה? נאַכקאָנטראָלירן, וואָס פאַר אַ ראָל דערפילן דאָ די נאַפט־קוואַלן? גוט בודק זיין, צי די פאַראייניקונגען זענען אויסן צו ליקווידירן מדינת־ישראל — דאָס וואָס עס האָט זיך נישט איינגעגעבן ביז איצט, ווען די פאַרשידענע אַראַבישע מדינות זענען געווען צוקריגט צווישן זיך. מיר מוזן נאָכפאָרשן, אויף וויפל די פאַראייניקונגען אַנטהאַלטן אין זיך קערנדלעך פון עקאָנאָמישער, סאָציאַלער און קולטורעלער עמאַנציפּאַציע פאַר די אַראַבישע פעלקער, וואָס דאָס איז אַ באַדינג פאַר אמתער פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט.
פון די פיר אַראַבישע מדינות, מיט וועלכע מיר פאַרמאָגן אַ בשותפותדיקע גרענעץ — זענען מצרים און סיריע די שטאַרקסטע פון אָביעקטיוון שטאַנדפּונקט און סוביעקטיוו באַדראָען זיי אַממערסטן אונדזער עקזיסטענץ. פאַראַן אַ גרונט צו פאַרדאַכטן, אַז די פאַראייניקונג פון דיביידע מדינות און דאָס אונטעראָרדענען זייער מיליטער אַ פאַראייניקטער קאָמאַנדע אונטער נאַצערס אָנפירונג — וועט ביי זיי שטאַרקן דאָס געפיל פון שטייגנדיקן כוח און שטויסן זיי צו ווייטערדיקע און נאָך גרעסערע אַוואַנטורעס קעגן ישראל.
מיר קאָנען נאָך האָבן אַ סך צרות פון עזה־פּאַס, ווייל מיר האָבן אים אונטערן דרוק פון

אַמעריקע פאַרלאָזן און איבערגעגעבן אין די הענט פון מצרים, ווייל די אָפּיציעלע ישראלדיקע פּאָליטיק האָט נישט געוואָגט אַנטקעגן צו שטעלן זיך די דראָאונגען, און ווייל די מערהייט פון אונדזער רעגירונג טראָגט זיך אַרום מיט אילוזיעס צו באַקומען גאַראַנטיעס פון אַמעריקע פאַר אונדזער זיכערקייט און אַזוי אַרום זיך איינגלידערן אין איר בלאָקן־פּאָליטיק.

די כוונות צו פּראָקלאַמירן דעם עזה־פּאַס ווי אַ באַפרייטן פּאַלעסטינע־שטח און דאָרט אויפשטעלן אַ „פּאַלעסטינע־רעגירונג" אונטער דער אָנפירונג פון ירושלימער מופתי, וועלכער איז אונדז גוט באַקאַנט פון זיין פאַרגאַנגענהייט, אויפשטעלן אַ מדינה, וועלכע זאָל זיין איינ־געגלידערט אין דער מצריש־סירישער פאַראייניקונג — דער דאָזיקער פּראָיעקט איז דערווייל אָפּגעלייגט געוואָרן, אָבער ער איז אַ טייל פון אַ ברייט־פאַרצווייגטן פּלאַן צו פאַרוואַנדלען דעם עזה־פּאַס אין אַ שפּרונג־ברעט פאַר אַן אָנפאַל אויף די גרענעצן פון מדינת־ישראל און ווי אַ בריקן־קאָפּ פאַר אַ נייער אינוואַזיע מיטן ציל אונטערצוגראָבן איר עקזיסטענץ.

מען טאָר אויך נישט פאַרגעסן, אַז אַזעלכע פּינצטערע פּלענער, אויב זיי וועלן אויסגע־פירט ווערן און ווען זיי וועלן אויסגעפירט ווערן — קאָנען זיי געניסן פון דער אונטער־שטיצונג פון דעם אָדער יענעם בלאָק, איבערהויפּט אויב זיי וועלן זיך אָנשפּאַרן אויפן צעטיי־לונגס־פּלאַן פון יאָר 1947.

התישבות - א דרינגענדיקע אויפגאבע

וויסנדיק אויף זיכער, אַז די פּוסטקייט און וויסטקייט זענען גורם פּאָליטישע און מיליטע־רישע געפאַרן און אַז באַזעצטע פּונקטן זענען מעכטיקע שוץ־פעסטונגען, אויסער דער הויפּט־אויפגאַבע, וועלכע זיי דערפילן ביים פאַרוואָרצלען זיך אין לאַנד און צופאַסן זיך צו אירע באַדינגונגען — זענען מיר פאַרפליכטעט אין אַ שנעלן טעמפּאָ צו שאַפן אַ גאַנצע ריי קאָלאָ־ניזאַציע־פּונקטן, אין צענטער פון גליל, לענגאויס אונדזער גרענעץ מיט ירדן, ווי אויך ביי אונדזערע גרענעצן מיט מצרים לענגאויס דעם נגב, אויפן וועג קיין אילת. די דאָזיקע התישבות־פּונקטן, זענען ביז גאָר לעבנסוויכטיק פאַר דער זיכערקייט פון אונדזערע גרענעצן, אין אָנבליק פון געפאַרן פון אַ שנעלן אָנגריף און פון דער נויטווענדיקייט פון אַ מיליטערישער פאַרטיידי־קונג פון לאַנד אין פאַל פון אַ מעגלעכער אינוואַזיע.

פון דערפאַרונג ווייסן מיר, אַז די ביידע זאַכן מוזן גיין געפּאָרט און ווירקן האַנט ביי האַנט. נאָר די דאָזיקע צונויפפלעכטונג פון מיליטער — וועלכעס קאָן נישט איבערשטייגן די געהעריקע פּראָפּאָרץ לגבי דער גרויס פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד — מיט די ציווילע שוץ־פּונקטן, איז עלול צו פאַרזיכערן די עפעקטיווע פאַרטיידיקונג פון לאַנד.

דאָס פאַרשטאַרקן זיך פון סאָוויעטישן איינפלוס אויפן מיטעלן מזרח, וועלכן מיר אָבסער־ווירן איבערהויפּט די לעצטע 2 יאָר, איז, ליידער, באַגלייט געוואָרן מיט גרויסע געווער־ליפע־רונגען פאַר מצרים און סיריע, וואָס איז זיי נישט נויטיק צו קיין אַנדער זאַך, נאָר בלויז צו פאַרניכטן ישראל. וואָסערער עס זאָל נישט זיין דער ציל פון די געווער־ליפעראַנטן, ווען עס זאָל זיך אַפילו בלויז האַנדלען וועגן גלאָבאַלע פּלענער, איז דאָך אָבער אַ פאַקט, אַז דאָס דאָזיקע געווער איז דורך די מצרים קאָנצענטרירט געוואָרן אויף די אָנגריף־באַזעס האַרט ביי אונדזער גרענעץ און מיט דער הילף פון דאָזיקן געווער איז געפּלאַנט געוואָרן די גרויסע אַריינדרינגונג קיין ישראל, כדי זי צו פאַרטיליקן — אַן אינוואַזיע, וועלכע די געוואָגטע, פּאָליטיש־פאַרנונפ־טיקע און ווייטזעעוודיקע סיני־אַקציע האָט רעכטצייטיק צונישט געמאַכט.

די שטרעבונג פון די גרויסמאַכטן צו באַקומען אַן איינפלוס אין די אַראַבישע מדינות, ברענגט אַרויס פון צייט צו צייט, ווי גייסטער פון יענער וועלט — פאַרשידענע פּלענער צו פאַרשמעלערן די עקזיסטירנדיקע גרענעצן פון אונדזער מדינה. דאָס אַרויסרוקן פאַרשמעלע־רונגס־לאָזונגען — מער ווי עס דערנענטערט דעם שלום, דערווייטערט עס אים. ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז מדינת־ישראל וועט מיט אַלע אירע כוחות זיך אַנטקעגנשטעלן און צונישט מאַכן די פּרווון אָנצורירן אירע גרענעצן. מיר זענען מחויב צו פירן אַן אינטענסיווע פּאָליטישע טע־טיקייט מיטן ציל אָפּצושטויסן די פּאָליטישע אָנגריפן אויף אונדז; מיר וועלן זיך נישט אָפּ־שרעקן אַרויסצוזאָגן אָפן אונדזער מיינונג און שטעלן אַ מעכטיקן מיליטערישן ווידערשטאַנד קעגן יעדן פּרווו — פון וועלכער זייט ער זאָל נאָר נישט קומען — אָנצורירן אונדזער סוווע־רענעם שטח.

די אינטריגעס וועלן אָבער, ווייזט אויס, פולשטענדיק פאַרשווינדן פון דער אויבערפלאַך, ערשט דעמאָלט, ווען ס'וועלן זיין קאָנקרעטע פאַקטן פון התישבות און אַנטוויקלונג אין יענע געביטן, אויף וועלכע עס שאַרפן די ציין אונדזערע פיינט און ווילן זיי פון אונדז אָפּרייסן. און דאָס מוזן מיר דורכפירן וואָס שנעלער און פּלאַנמעסיק — איידער מיר האָבן נאָך נישט פאַרשפעטיקט.

אמתע זעלבשטענדיקייט און פולשטענדיקע אומאָפּהענגיקייט

זינט דער אַנטשטייאונג פון מדינת־ישראל, הערט מען נישט אויף צו דיסקוטירן ביי אונדז איבער די וועגן פון אונדזער פּאָליטיק אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע. אַלע פאַרצווייפלטע פּרוּוון מצד די אָנהענגער פון דער מערב־אָריענטאַציע, וועלכע האָבן זייט דעם ערשטן טאָג פון דער אַנטשטייאונג פון אונדזער מדינה געשטרעבט אַנצושפּאַרן אונדזער זיכערהייט אויפן מערב־בלאָק אין דער געשטאַלט פון אַ זיכערהייטס־פּאַקט, אָדער גאָר שפּעטער אין געשטאַלט פון גאַראַנטיעס מצד נאַט"ו, מיטן ציל איינצושליסן זיך אין מערב־בלאָק — די אַלע פּרוּוון זענען פולשטענדיק דורכגעפאַלן, הגם, זיי עקזיסטירן נאָך, לײַדער, אין די מוחות פון דעצידירנדיקע ישראלדיקע פּאָליטיקער.

דער פאַקט, וואָס במשך פון די לעצטע 2 יאָר איז אין אונדזער ראַיאָן ביז גאָר געשטיגן דער איינפלוס פון מזרח־בלאָק, ווי מיר וואָלטן געוואָרן שכנים פון דער מעכטיקער סאָוויעטי־שער גרויסמאַכט — פאַרפּליכטעט איצט אויך די אָנהענגער פון דער מערב־אָריענטאַציע צו רעווידירן פון דאָסניי זייער שטעלונג, אויב ס'איז נאָך בײַ זיי פאַרבליבן כאָטש אַ ברעקל חוש פאַר רעאַלער פּאָליטיק.

די זיכערהייט פון ישראל פאַרפּליכטעט אונדז צו אַ שטעלונג פון אמתער זעלבשטענדיקייט און פולשטענדיקער אומאָפּהענגיקייט פון פרעמדע שטרעבונגען און כוחות. מיר מוזן אומאויפ־הערלעך שטרעבן, עס זאָל הערשן שלום אויף דער גאָרער וועלט, אין אונדזער ראַיאָן און אין אונדזער מדינה. דער ראַטנפאַרבאַנד, וועלכער שטיצט די שלום־שטרעבונגען אין אַלע לענ־דער — העלפט גאַנץ ווייט נישט צו, צו דערהאַלטן דעם שלום אין אונדזער ראַיאָן דורך פאַר־שטעלן אונדז ווי אַגרעסאָרן און מלחמה־העצער, אין פולשטענדיקער סתירה צום אמת און צו די פאַקטן. דאָ ווירקט אויסשליסלעך דער ציל צו געווינען פאַר זיך די סימפּאַטיעס פון דער אַראַבישער וועלט. אַלע ווייסן אונדזער גרייטקייט צו שלום מיט די אַראַבישע מדינות און אונדזער גרייטקייט צו דירעקטע פאַרהאַנדלונגען מיט אונדזערע שכנים אָן שום פאַרבאַדינגונגען.

די זיכערהייט פון ישראל קאָן זיך נישט באַזירן אויף דער דערגרייכונג פון גאַראַנטיעס מצד איין בלאָק, וועלכער וועט כלומרשט אָנשרעקן דעם צווייטן בלאָק אונדז נישט צו טשעפּן. אַזעלכע „גאַראַנטיעס", ווען מיר זאָלן זיי אפילו באַקומען, וואָלטן זיי מערער באַדראָט אונדזער עקזיסטענץ, ווי זי פאַרזיכערט, ווייל זיי וואָלטן אונדז איינגעגלידערט אין די סטראַטעגישע פּלענער פון מערב, זיי וואָלטן דערפירט צו דעם, אַז די מערב־מלוכות וואָלטן באַקומען די אויפזיכט איבער אונדזער זיכערהייטס־אַפּאַראַט און איבער אונדזער מיליטער און אַזוי אַרום וואָלטן זיי אונדז אויסגעשטעלט אויף געפאַרן מצד דעם מזרח־בלאָק.

עס ליגט אין די אינטערעסן פון ישראל צו פירן אַ פּאָליטיק, וואָס זאָל אַרויסציען דעם דאָזיקן ראַיאָן פון דער קאָנקורענץ צווישן די צוויי גיגאַנטישע בלאָקן און באַפרייען אים פון די קאָמפּליקאַציעס פון אַ קאַלטער מלחמה און פון דער שטענדיקער מורא פאַר אַ קומענדיקן קריג. עס מוז פאַרקומען אַ באַלדיקע ווענדונג אין דער איינזייטיקער אָפּיציעלער פּאָליטיק פון ישראל. עס איז שוין די העכסטע צייט צו באַפרייען זיך פון די אילוזיעס, אַז מיר קאָנען דערגרייכן אונדזער זיכערהייט דורך אָנשפּאַרן זיך אויפן מערב, צי דאָס זענען די פאַראייניקטע שטאַטן, צי דאָס מיליטאַריסטישע דייטשלאַנד, אָדער אַ וועלכע נישט איז מערבדיקע מיליטע־רישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז באַשטימט פאַר אַנדערע צוועקן. וואָס פריער די דאָזיקע ווענ־דונג וועט קומען — בעסער וועט עס זיין פאַר ישראל, פאַר איר זיכערהייט, פאַר איר צוקונפט און פאַר איר פּאָזיציע צווישן די פעלקער.

דער געטרייסטער פאַרבינדעטער - דאָס יידישע פאָלק

אין אָנבליק פון די מעכטיקע כוחות, וועלכע קאָנצענטרירן זיך אַרום אונדז צוליב די אַראַ־בישע פאַראייניקונגען, אין אָנבליק פון די פיינטלעכע נייגונגען מצד גיגאַנטישע וועלט־כוחות,

— איז ביז גאָר נאַטירלעך דאָס יאָגן זיך נאָך פאַרבינדעטע און פריינט, כדי צו פאַרשטאַרקן אונדזער אייגענעם כוח לגבי נייע מעגלעכע נסיונות, וועלכע דערוואַרטן אונדז. אַרומזוכנדיק פריינט מוזן מיר קודם כל געדענקען אונדזער ערשטן, בעסטן און געטרייסטן פאַר־בינדעטן: דאָס יידישע פאָלק אין די תפוצות. אונדזער „פעדעראַציע" מיט די יידישע ישובים אין דער גאָרער וועלט, מוז זיך וואָס מערער פאַרטיפן, פאַר־שטאַרקן און צעמענטירן, ווייל די דאָזיקע יידישע ישובים זענען דער הויפּט־מקור פון כוח און שטאַרקייט פאַר אונדזער מדינה. זיי, די יידישע פאָלקס־מאַסן אין די תפוצות וועלן אונדז העלפן פאַרגרעסערן דעם עליה־שטראָם און באַפעלקערן די וויסטע געביטן, זיי וועלן אונדז בייהילפיק זיין ביים מאָביליזירן יידישן קאַפּיטאַל פאַר דער אַנטוויקלונג פון אונדזער לאַנד, ביים אויסגעפינען נייע באַשפּייזונגס־קוואַלן און ביים מאָביליזירן דעם פּאַסיקן מענטשן־מאַטעריאַל אין פאַל פון אַ קריג. דער דאָזיקער מעכטיקער פּאָטענציאַל איז ביז איצט בלויז טיילווייז געקומען צום אויסדרוק. אין אַ גאָר גרויסער מאָס איז עס אָפּהענגיק פון אונדז צו אַנטפּלעקן און געפינען די ריזיקע כוחות צווישן די פאַרשידענע יידישע ישובים, ביי אַן אמתדיקער מיטאַרבעט און אויפריכטיקן צוגאַנג, פאַרן געמיינזאַמען און העכערן אינטערעס פון גאַנצן יידישן פאָלק — ווי דאָס איז געקומען צום אויסדרוק ביים אויפשטעלן און אויפ־ריכטן די מדינה און ביים פאַרווירקלעכן אירע גרויסע און אויף אַ ווייטער מעטע אויסגערעכנטע צילן.



דער פּאָרט אין אילת

י. בר־יהודה

פאר א וועלטלעכער מדינת־ישראל

איינע פון די וויכטיקסטע דערגרייכונגען פון דער ציוניסטישער באוועגונג, וואָס איז ראוי באצייכנט צו ווערן — איז דאָס אויסמיידן אַ רעליגיעזן קולטור־קאַמף אין אירע רייען. זיכער זענען דאָ און דאָרט פאָרגעקומען רייבונגען און צוזאמענשטויסן, אָבער צו קיין ערנסטע געשעענישן איז עס נישט דערגאנגען. דער עקסטרעם־רעליגיעזער לאגער איז בכלל געווען מחוץ די ראמען פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע. די אגודת־ישראל האָט ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה ביטער באקעמפט דעם ציוניזם און אלץ, וואָס איז מיט אים געווען פארבונדן. די ציוניסטישע באוועגונג האָט דירעקט דערפון נישט געליטן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווען די אָנפירנדיקע רעליגיעזע אויטאָריטעטן פון דער אַגודה אין מזרח־אייראָפּע, און באַזונדערס אין פוילן, וואָלטן אָנגעווענדעט זייער גרויסע השפעה אויפן רעליגיעזן יידנטום דאָרט, בכדי וואָס מער און וואָס גיכער עולה צו זיין קיין א״י, ווי דאָס האָט געטאָן, מיט זיינע באשיידענע מעגלעכקייטן, דער יאבלאָנגער רבי, צום ביישפּיל, — וואָלטן פיל טויזנטער יידן מיט זייערע משפחות געווען מיט אונדז דאָ און אויסגעמיטן זייער ביטערן גורל אין דער פינצטערער נאצישער תקופה פון חורבן און אומקום.

אנדערש איז עס געווען מיטן מזרחי. די רבנים ר׳ צבי הירש קאלישער און ר׳ שמואל מאָהילעווער — די מיטגרינדער פון חיבת־ציון באוועגונג, און שפּעטער אויך דער פארשטאָרבענער רב הראשי פון א״י — הרב א. י. קוק — זיי אַלעמען האָט פאַראייניקט איין וועזנטלעכער און ערשטראַנגיק־וויכטיקער שטריך: טאָלעראַנץ און פאַרשטענדעניש צום וועלטלעכן ציוניזם און דאָס האָט געשאפן א באזע פאר געמיינזאמער צוזאמענארבעט.

ווי געזאָגט, זענען פון צייט צו צייט פאָרגעקומען סיכסוכים צווישן וועלטלעכן און מזרחיסטיש־רעליגיעזן ציוניזם, אָבער מערסטנטייל איז עס געווען נישט אויפן באָדן פון רעליגיעזע פּראָבלעמען — נאָר בעיקר צוליב בודזשעט־פראגן, מאכט־פּאָזיציעס און אנדערע ענלעכע „רעליגיעזע״ ענינים, ביי וועלכע די אמת רעליגיעזע פראגן זענען נישט געווען דער עיקר, הגם זיי זענען אָפט ארויסגעשטעלט געוואָרן אויבן אָן.

פיל פון אונדז געדענקען נאָך, ווי אזוי די מזרחי־דעלעגאטן זענען געשטאנען אויפן 19טן ציוניסטישן קאָנגרעס מיט די וואַליזעס אין די הענט, גרייט צו פאַרלאָזן די ציוניסטישע באַוועגונג און אָנשליסן זיך אין זשאַבאָטינסקיס „נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע״. עס האָט דאַן ביי זיי געזיגט דער שכל הישר און זיי זענען דאָך פאַרבליבן, מוחל זייענדיק די „נייע גליקן״ וואָס זשאַבאָטינסקי האָט זיי צוגעזאָגט. ס׳איז איבעריק צוצוגעבן, אַז דער דאָזיקער כמעט־קריזיס האָט דאַן מיט רעליגיעזע פראַגן קיין שום שייכות נישט געהאַט.

אזוי ציט עס זיך די גאנצע צייט, ווען אוטיליטארע פראגן און נישט קיין פרינציפּיעלע פּראָבלעמען שלינגען איין די גאנצע אויפמערקזאמקייט פונם רעליגיעזן בלאָק.

אָט למשל, האָבן די רעליגיעזע געשטימט אין תל־אביבער שטאט־ראט פאר א קאנדידאט פון רעכטן אַלגעמיין־ציוניסטישן און רעוויזיאָניסטישן בלאָק, אַלס בירגערמייסטער פון תל־אביב. זייער טענה איז געווען, אז אלס רעליגיעזע קענען זיי נישט שטימען פארן ארבעטער קאנדידאט — פאר גאָלדע מאיר, היות זיי קענען נישט שטימען פאר א פרוי. אין דער זעלבער צייט, האָט זיי אָבער נישט געשטערט איינטיילצונעמען אין דער קאָאליציע־רעגירונג, ווו די זעלבע גאָלדע מאיר האָט פארנומען דעם אמט פון ארבעט־און שפּעטער אויסערן־מיניסטער. דאָס איז איין ביישפּיל פון א סך. בכל אופן אַן אויסגעהאלטענע ליניע דארף מען ביי זיי נישט זוכן.

לעצטנס זענען די אפּעטיטן פונם רעליגיעזן בלאָק שטארק געוואקסן. די סיבה איז: צווישן דער גרויסער מאַסן־עליה זענען געקומען טיילן, וואָס די מזרחי האַלט זיך פאַר זייער נאטירלעכן אפּיעקון און וויל רעדן און אויך דעצידירן אין זייער נאמען, הגם די וואלן וואָס זענען פאָרגעקומען מיט א פּאָר יאָר צוריק האָבן עס ווייט נישט באשטעטיקט. באזונדערס קומט

עס צום אויסדרוק אין שול־וועזן, ווו די רעליגיעזע ווענדן אָן פאַרשידענע מיטלען — און נישט שטענדיק קיין פאסיקע — כדי אריבערצופירן וועלטלעכע שולן און אנשליסן זיי אין זייער רעליגיעזן שול־נעץ.

עס קען אויך זיין, אז זיי האָבן ביי זיך באשלאָסן נישט אָפּצושטיין צו ווייט פון די נטורי קרתא, בכדי צו דערווייזן די פרומע קרייזן אין אויסלאַנד, אז נישט נאָר די נטורי קרתא קעמפן קעגן דער וועלטלעכער מדינת ישראל און פאַרשוואַרצן איר פּנים דאָ און אין חוץ לארץ — נאָר דער רעליגיעזער בלאָק — מען קאָן זיך אויך אויף אים פאַרלאָזן...

א בולטער ביישפיל פון דעם נייעם מסוכנדיקן וועג, אויף וועלכן דער רעליגיעזער בלאָק האָט זיך איצט אוועקגעלאָזט — איז זייער ארויסטריט פון דער קאָאַליציע־רעגירונג צוליב דער פראגע, ווי אזוי רעגיסטרירן די ישראל איינוווינער.

אַרום וואָס איז דער וויכוח

פאַר א סך יידן אין לאַנד און נאָכמער אין אויסלאַנד איז נישט קלאָר, צוליב וואָס זענען די רעליגיעזע ארויסגעטראָטן פון דער קאָאַליציע־רעגירונג? אויף וואָס באַזירן זיך זייערע טענות, און צי האָט ווירקלעך ווער געוואָלט באַשרענקען די רעכט פון די רעליגיעזע יידן אין מדינת ישראל? עס הויבט זיך נישט אָן און עס לאָזט זיך נישט אויס.

די פאַראָרדענונגען פון אינערן־מיניסטעריום וועגן פאַרשרייבן די נאַציאָנאַליטעט פון דעם ישראל־בירגער — זייער כוונה איז געווען אריינברענגען אָרדנונג אין דעם דאָזיקן געביט. זיי פאַרמאָגן אָנווייזונגען וואָס האָבן עקזיסטירט נאָך פאַר די צייטן פון רעליגיעזן אינערן־מיניסטער און אנדערע מיניסטאָרן — נאָר מיט מער קלאָרקייט און סיסטעם, בכדי צו פאַרמיידן אזעלכע סקאַנדאַליעזע פאַקטן, וועלכע זענען געשען מיט אייניקע יונגעלייט אין לאַנד, וואָס אין שייכות מיט זייער חתונה האָבן האָט דער ראַבינאַט זיי געמאַכט קאַלאָסאַלע שטערונגען אָן אַ יסוד. דאָס דאָזיקע איזדיעקעווען זיך איבער יונגע מענטשן, וואָס האָבן זיך דערצויגן אַלס יידן אין אַלע הינזיכטן און פאַרטיידיקט דאָס לאַנד דינענדיק אין צה״ל — האָט אַרויסגערופן גרויס פאַרביטערונג אין גאַנצן לאַנד, אפילו צווישן רעליגיעזע מענטשן, וואָס ווילן נישט קאָנקורירן מיט די נטורי־קרתא.

אין די פאַראָרדענונגען האָבן מיר געשריבן, „אז דער רעגיסטראַציע־באַאַמטער האָט נישט קיין יורידישע פולמאכט פעסטצושטעלן דעם פערזענלעכן שטאַנד פון מענטשן און נישט ער דאַרף דעצידירן אין יורידישע אָדער רעליגיעזע פראַגן״. ער דאַרף זיין „פאָרזיכטיק אין אויספילן זיין פליכט״. ער דאַרף אויך וואַרענען דעם, וואָס קומט זיך ביי אים רעגיסטרירן און פאַרצייכענען פערזענלעכע פרטים, „ווייל די רעגיסטראַציע דינט נישט אלס יורידישער באַווייז פאַר דער ריכטיקייט פון די פרטים, וואָס זענען פאַרצייכנט געוואָרן; — זי דינט בלויז אלס באַווייז, אז די פליכט פון רעגיסטראַציע איז דערפילט געוואָרן״, דערביי דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן, אַז דעו־געזעץ פון בירגער־רעגיסטראַציע זעט פאָרויס א באַדייטנד־האַרבע שטראָף פאַר אָנגעבן א פאַלשע אינפאָרמאַציע. בדרך כלל דאַרף דער באַאַמטער גלויבן דעם בירגער, אז ער זאָגט אמת, סיידן עס איז דאָ אַן אַנגעמבאַרער גרונט צו צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון די אנגעגעבענע פרטים.

פונקט 17 פון די פאַראָרדנונגען זאָגט: „די פאַרצייכענונג „ייד״ שטעלט פעסט, ווער איז אַ ייד לגבי די געזעצן, אָבער דאָס איז נישט קיין פעסטשטעלונג, ווער איז אַ ייד לגבי אַ דין־תורה״. דאָס געהערט נישט צום רעגיסטראַטאָר. וועגן דינים פון דער תורה דעצידירן די רבנים, אָבער ווער געהערט צו דער יידישער נאַציאָנאַליטעט — דאָס שטעלן מיר פעסט, די כנסת, די געוויילטע פונם פאָלק.

די ענינים פון חתונות און גט׳ן פון יידן אין ישראל, בירגער פון דער מדינה, אָדער אירע איינוווינער — געהערן צו דער אויסשליסלעכער קאָמפּעטענץ פון די רבנישע בית־דינס, צי דאָס געפעלט אונדז, אָדער נישט, און ס׳איז גוט באַקאַנט, אז דאָס געפעלט אונדז נישט. דאקעגן, די כנסת־געזעצן באַזירן נישט אויף רעליגיעזע הלכות, נאָר אויף פעסטגעשטעלטע יורידישע כללים.

ווי אזוי האט מען רעגיסטרירט?

ווי האָט אויסגעזען ביז די דאָזיקע פאַראָרדנונגען? די רעגיסטראַציע פון די איינוווינער האָט זיך אָנגעהויבן גלייך נאָכן אנטשטיין פון מדינת ישראל, דורך דער ערשטער פאָלקס־ציילונג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 8.11.48. די איינוווינער האָבן געדאַרפט ענטפערן אויף 20 פראגן, צווישן זיי אויך די צוויי פראַגן: „נאַציאָנאַליטעט" און „רעליגיע". די פערזענלעכע פראגע־בויגנס האָבן געבילדעט די באזע פארן עקזיסטירנדיקן איינוווינער־רעגיסטער. די ענטפערס זענען נישט באַצווייפלט געוואָרן; מען האָט זיי אָנגענומען אלס אמתדיקע. דאָס איז געווען, דוכט זיך, נאָך אין דער צייט פון דער צייטווייליקער רעגירונג, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אויך די „מזרחי" און דער „הפועל המזרחי" (דאן זענען זיי נאָך געווען צוויי באַזונ־דערע פּאַרטייען) ווי אויך „אגודת ישראל".

דאָס איז דער יסוד פון דער איינוווינער־רעגיסטראַציע. יעטוועדער באַשלוס וועגן ענדערן און אָנהויבן גיין אויף אַן אַנדער וועג — פאַרפּליכטעט קודם־כל אויסמעקן אַלץ, וואָס איז פאַרצייכנט געוואָרן מיט 10 יאָר צוריק, און פון דאַן ביז היינט, און גלייכצייטיק אנהויבן קאָנטראָלירן ווער איז א ייד.

פאַקטיש האָט די איבערוויגנדיקע מערהייט פון יידישן ישוב געענטפערט אויף די צוויי פראַגן — נאַציאָנאַליטעט און רעליגיע „ייד". עס זענען אָבער אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געענטפערט אויף דער פראַגע רעליגיע: „נישט רעליגיעז" / „רעליגיעלאָז, אָדער דער רעגיסטראַטאָר האָט גאָרנישט פאַרצייכנט. דער דאָזיקער ענין פון רעגיסטראַציע „נישט רעליגיעז", „רעליגיעלאָז" האָט זיך געצויגן די גאַנצע צייט. נאָך מער: אין אַ געוויסן פאַל איז אָנגעגעבן געוואָרן א פאָדערונג פון א 16־יעריקער מיידל, ענדערן די באַצייכענונג „יידישע רעליגיע" און אָנשטאָט דעם פאַרשרייבן „רעליגיעלאָז". אַרום דעם דאָזיקן ענין האָט זיך אַנטוויקלט אַ וויכוח צווישן פאַרשידענע יוריסטן און עס זענען פאַרבליבן פיל דאָקומענטן. דער וויכוח איז געווען: צי א 16־יעריקע מיידל האָט רעכט צו מעלדן וועגן דעם אָן דער דערלויבעניש פון פאָטער, אָדער נישט. אָבער לגבי 18־יעריקע איז גאָר קיין פראַגע נישט געווען, אז זיי קענען זיך פאַרשרייבן אלס „נישט־רעליגיעז" און פאַקטיש אזוי האָט מען פאַרשריבן אין משך פון דער גאַנצער צייט.

אין פאַל פון געמישטע חתונות

אין יאַנואַר 1955 איז דערשינען אַ פאַראָרדענונג וועגן רעגיסטרירן ניי־געבוירענע קינדער:

„אין פונקט 10 — רעליגיע — דאַרף מען רעגיסטרירן אין איינקלאַנג מיט דעם פּרט ביי די עלטערן, דאָסזעלבע אין פונקט 11 — נאַציאָנאַליטעט". אין זעלבן טאָג האָט מען זיך געכאַפּט, אַז עס איז נישט דערמאָנט געוואָרן דער ענין פון געמישטע חתונות און דאַן איז געשיקט געוואָרן אַ צוגאַב־צירקולאַר: „אין פונקט 10 — רעליגיע — דאַרף מען רעגיסטרירן אין איינקלאַנג מיט דעם פּרט ביי די עלטערן. אין פאַל, ווען די עלטערן געהערן צו באַזונדערע רעליגיעס — געמישטע חתונות — דאַרף דער פּרט רעגיסטרירט ווערן אויפן יסוד פון א דעקלאַראַציע, אונטערגעשריבן פון ביידע עלטערן אין וועלכער זיי מעלדן זייער פאַרלאַנג אין וואָסער רעליגיע צו פאַרשרייבן זייער קינד". אין פונקט 11 נאַציאָנאַליטעט — די זעלבע פּראָצעדור.

דערביי איז כדאי אונטערשטרייכן, אַז אין די איצטיקע פאַראָרדנונגען זאָגט זיך, דאָס אין פאַל פון אַ געמישטער חתונה, ווען איינער פונעם פּאָרפאָלק איז אַ ייד און ביידע האָבן באַשלאָסן קומען אין מדינת ישראל און ביידע דעקלאַרירן אויפריכטיק בנוגע זייער קינד, אַז ער איז אַ ייד — דאַרף מען אים רעגיסטרירן אַלס אַ ייד. צו דעם האָט די רעגירונג צוגעגעבן אַן אויס־בעסערונג: מיטן באַדינג, אַז דאָס קינד געהערט נישט צו אַן אַנדער רעליגיע.

דאָס פּראָבלעם פון געשמדטע

אין יאָר 1952, אין דער צייט פון דעמאָלסטיקן אינערן־מיניסטער שאַפּירא, און אין יאָר 1954, אין די צייטן פון דעמאָלסטיקן אינערן־מיניסטער רוקח — אין שיכות מיט דער פאָדערונג פון געוויסע געשמדטע יידן, וואָס האָבן געוואָלט געניסן פונם „חוק השבות", לויט וועלכן אַלע

יידן האָבן דאָס רעכט צוריקקערן זיך אין ארץ ישראל — איז די פראגע באהאנדלט געוואָרן דורכן אינערן און יוסטיץ־מיניסטעריום און עס זענען אָנגענומען געוואָרן באשלוסן.

דער ערשטער פאַל איז געווען מיט א יידן, וואָס האָט זיך געשמדט און געלעבט ווי א נזיר אין איינעם פון די מאָנאַסטירן אין ירושלים. ער האָט געפאָדערט מען זאָל אים רעגיסטרירן אַלס א קריסט לויט דער רעליגיע און אלס א ייד לויט דער נאציאָנאליטעט, און אין איינקלאנג דערמיט געבן אים אַן אריינפאָר־דערלויבעניש לויטן „חוק השבות", ווייל ער האָט זיך דאן געפונען אין עבר־הירדן און געוואָלט צוריקקערן אין זיין מאנאסטיר אין ירושלים.

דער יוסטיץ־מיניסטער האָט געשריבן דעם 13טן דעצעמבער 1952 „איך ווענדע אייער אויפמערקזאמקייט צו מיינע פריערדיקע מעלדונגען, וואָס זענען דערשינען עפנטלעך, לויט זיי ווערט דעצידירט דער שטאנד פון א מענטשן אלס ייד אויפן יסוד פון זיין דעקלאראציע, אויב נאָר זי איז געגעבן געוואָרן אויפריכטיקערהייט".

מיט אַ טאָג שפעטער שרייבט דער זעלבער יוסטיץ־מיניסטער: „איך נעם נישט אָן דעם צוגאנג פון הויפט־ראבינאט צו די פראגן פון רעליגיע און נאציאָנאליטעט, ווייל פון אזא צוגאנג ביז א ראסן־געזעצגעבונג איז א קליינער מרחק, און מיר דארפן זיך דערפון דערווייטערן".

אינטערעסאנט איז דער בריוו פון לייטער פון „אָפטיילונג פאר ראבינאט און רבנישן משפט אין רעליגיע־מיניסטעריום אין ירושלים", הרב דב כץ, וואָס האָט געשריבן דעם 14טן יאנואר 1952 אין שייכות מיט אַ יידישער פרוי, וואָס האָט זיך געשמדט. אין דעם בריוו מעלדעט ער: „נאָכן באַראָטן זיך מיט די הויפט־רבנים אין ישראל", אַז אויך לויט זייער מיינונג „דאַרף מען נישט ענדערן די רעגיסטראַציע פון נאַציאָנאַליטעט".

אמת איז, אַז דער קאָנקרעטער פאַרשלאָג פון די רבנים — פאַרשרייבן אין רובריק נאַציאָנאַ־ליטעט: „געשמדטער ייד" קען, פארשטייט זיך, נישט אָנגענומען ווערן, ווייל אזא נאציאָנאליטעט עקזיסטירט נישט אין ערגעץ. די רבנים האָבן צוגעגעבן, אז לויט זייער מיינונג דאַרף מען „פאַרשרייבן אלס ייד, אָבער געשמדטער ייד".

דער דעמאָלסטיקער אינערן־מיניסטער, שאפירא, האָט באשלאָסן אנערקענען די רעכט פון דעם געשמדטן יידן צו געניסן פון „חוק השבות" און יענער האָט באקומען די אריינפאָר־דערלויבעניש אלס א ייד פון דער קריסטלעכער רעליגיע.

מיר זאָלן קענען דערפילן די אויפגאבן

עס איז באוווסט, אז אויפן רעליגיעזן געביט זענען פאראן יסודותדיקע און שווער פרינציפּ־יעלע חלוקי־דעות צווישן די פארשידענע טיילן, וואָס געפינען זיך צוזאמען אין דער רעגירונג. אָבער זיי אלע נעמען אָן, אז די אויסערלעכע געפארן, וואָס באדראָען די מדינה און די נויט־ווענדיקייט נישט נאָר דעקלאַמירן וועגן אַ גרויסער עליה, נאָר פאַרזיכערן און אַבסאָרבירן זי פולשטענדיק — דאָס זענען אַלץ אַזעלכע שווערע און דעצידירנדיקע פּראָבלעמען, וואָס באַשטימען אונדזער אלעמענס גורל און דעם גורל פון מדינת ישראל — אז יעדער פון אונדז זאָל טראָגן אלע שווערקייטן פאַרגעסן דאָס זייניקע מיטן באַדינג, אז דער צווייטער צד זאָל אויך אזוי טאָן. ווייל פאר אונדז אלעמען שטייען אזעלכע קאָלאָסאלע אויפגאבן, וואָס די געשיכטע האָט אויף אונדז ארויפגעלייגט און עס פאָדערט זיך א געוואלדיקע אָנשטרענגונג מיר זאָלן צוזאמען קענען זיי אויספירן.

אין משך פון 10 יאָר זענען מיר דרייפאכיק געוואקסן, אָבער מיר האָבן געדארפט וואקסן פינפפאַכיק, זעקספאַכיק און מער, און דערצו פיל מאָל שנעלער. אַלע וואָס קומען אין לאַנד זענען געוווּנטשן. אָט איז לעצטנס געקומען די אונגאַרישע עליה. מיר האָבן געוווּסט, אַז אין איר גרעסטער מערהייט איז זי עקסטרעם־רעליגיעז. א טייל פון איר איז נישט־ציוניסטיש און אַנטי־ציוניסטיש. צי איז דען געווען ביי וועמען פון אונדז דער מינדסטער ספק, אַז מ'דאַרף מאכן די העכסטע אנשטרענגונגען כדי צו ברענגען אהער ווער נאָר עס קען קומען?

איין עליה איז נישט ענלעך צו דער צווייטער. פון אונגאַרן איז געקומען אַן אַנדערע עליה ווי פון אַרגענטינע; פון פוילן — אַן אַנדערע ווי פון צפון־אַפריקע א.א.וו. פון יעדן לאַנד קומט אַן עליה, לויט דעם, ווי זי האָט זיך אויסגעשטאַלטעט אין איינקלאַנג מיט דער היסטאָרישער אַנט־וויקלונג אויפן אָרט. און זיי אלעמען ווילן מיר אויפנעמען אזוי ווי זיי זענען מיט אָפענע אָרעמס. דאָ אין לאַנד וועלן מיר זיך ראַנגלען איבער דער געשטאַלטונג פון פאַראייניקטן יידנטום.

נישט דעקלאמירן וועגן אייגהייט, נאָר ברענגען אַלעמען אַזוי ווי זיי זענען און דערמעגלעכן זיי אַלעמען לעבן אין מדינת ישראל אַזוי ווי זיי זענען! דאָס איז געווען דער יסוד ביים אויפֿשטעלן די מדינה; אַנדערש וואָלטן מיר נישט געקאָנט אויפֿשטעלן. די רעליגיעזע יידן און זייערע פֿאַרשטייער זענען מיט 10 יאָר צוריק געווען נישט וויניקער רעליגיעז ווי זיי זענען היינט, און דאַן, ווען זיי האָבן צוזאַמען מיט אונדז געטאָן אַלץ, בכדי די מדינה זאָל אַנטשטיין — האָבן זיי געוווּסט, אַז ס'איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרן: די לעבנס־געזעצן אין מדינת ישראל וועלן נישט באַשטימט ווערן לויט דער הלכה. זיי האָבן דאַן נישט געפֿאָדערט פֿון אונדז, אַז די הלכה זאָל דעצידירן, ווייל ס איז געווען צווישן אונדז אַ נישט געשריבענער הסכם.

עס זענען דאָ זאַכן אין דער געשיכטע פֿון פֿעלקער, וואָס הגם זיי זענען נישט פּרעציזירטע אין גענויע פֿאָרמולעס — זענען זיי דאָך יסודותדיק און באַשטימען דעם גאַנג פֿון די ענינים אויף דורות. עס איז געווען אַ נישט־פֿאָרמולירטער אָפּמאַך צווישן דעם רעליגיעזן טייל און נישט רעליגיעזן טייל: א) אין מדינת ישראל וועט נישט דערלויבט זיין קיין שום קאַמף קעגן קיין שום רעליגיע; ב) אין דער דאָזיקער מדינה וועלן קיינעם נישט פֿאַרפֿליכטן געזעצן, וואָס געהערן נישט צו דער מדינה, ווי רעליגיעזע געזעצן. אַפֿילו די זאַכן, וואָס מיר האָבן באַשטימט לויט דער הלכה — דאָס געזעץ פֿון חתונות און גט'ן — האָבן מיר באַשטימט נישט דערפֿאַר, ווייל זיי זענען לויט דער הלכה — נאָר לויטן געזעץ פֿון דער כנסת, אַז זיי זאָלן פֿאַרפֿליכטן לויט דער הלכה.

די רבנים זענען נישט געוויילט פֿון פֿאָלק. זיי זענען, זיכער, בכבודיקע מענטשן, וועלכע קענען תורה און געזעצן, וואָס האָבן זיך צונויפֿגעזאַמלט אין משך פֿון דורות, אָבער אפֿילו אַלס רבנים זענען זיי נישט קיין געוויילטע.

דער הויפּט־ראַבינאַט האָט באַקומען אין לאַנד אַזעלכע פֿולמאַכטן, ווי אין ערגעץ נישט. און דאָס — מיטן כוח פֿון דער מאַכט, וואָס די כנסת און אונדזערע געזעצן האָבן אים געגעבן, און נישט מיטן כוח פֿון זיין אויטאָריטעט. איצט זאָגט מען אונדז: די רבנים קענען באַשליסן און פֿאַרפֿליכטן אויך אין ענינים פֿון נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ט ע ט. פֿרעגט זיך: ווער וועט דעצידירן וועגן אונדזערע לעבנס־ענינים, די רבנים, אָדער די כנסת?

און נאָך אַ ביישפּיל: אין פֿאַרלויף פֿון די פֿאַרהאַנדלונגען האָבן מיר געפֿרעגט די רעליגיעזע, צי מען מעג מגייר זיין אויך אין דעם פֿאַל, ווען די מוטער פֿאַרבלייבט נישט קיין יידישע? און אַ צווייטע פֿראַגע: צי וועלן די רעליגיעזע אַנערקענען דאָס מגייר זיין דורך הרב סילווער אין אַמעריקע, צום ביישפּיל? דער ענטפֿער איז געווען אַ פּשוטער און אַ קלאָרער — ניין. שפּעטער איז די תשובה אויסגעבעסערט געוואָרן: מיר'ן נישט פֿרעגן, ו ו ע ר עס האָט מגייר געווען, נאָר ו ו י א אַ ז ו י האָט מען מגייר געווען, לויט דער הלכה, אָדער נישט. — און ו ו ע ר וועט פֿעסטשטעלן צי דאָס איז לויט דער הלכה? הרב סילווער אַליין? — ניין, דער היגער הויפּט־ראַבינאַט.

איינער פֿון די רעליגיעזע כנסת־דעפּוטאַטן האָט אונדז געפּרוּווט אַנשרעקן: וואָס וועלן זאָגן די יידן אין אַמעריקע? אויף דעם האָבן מיר אים געענטפֿערט: מיינסטו דען, אַז דאָרטן זענען דאָ בלויז אַזעלכע יידן, וואָס אַנערקענען נאָר ד ײ ן רב? אין אַמעריקע זענען דאָ אַ סך יידן, וואָס אַנערקענען פֿאַרשידענע אַנדערע רבנים. דו ווייסט נאָך נישט, ווי זיי וועלן אויפֿנעמען דיינע ווערטער: „נאָר מיין רב! אויב נישט — ביסטו אַ גוי".

וועלן מיר איצט אנהויבן בודק זיין?

אַזוי האָבן אויסגעזען די ענינים ביז היינט. איצט, ווען ווער פֿון אונדזערע קינדער וועט וועלן חתונה האָבן, וועט מען דאַרפֿן אויפֿשטעלן אַן אויספֿאָרשונגס־ביוראָ, ווי אין דעם פֿאַל פֿון דעם פֿאַראַשוטיסט אין גבעתיים, וועמענס מוטער האָט זיך מגייר געווען מיט 25—30 יאָר צוריק. דאָס קינד איז דאַן געמל'ט געוואָרן דורך אַ רב, וואָס אפֿילו דער ראַבינאַט אַנערקענט אים פֿאַר „כשר"; אָבער ווען דאָס קינד איז אויסגעוואַקסן, האָט מען אים גענומען אויספֿרעגן: ו ע ר האָט מגייר געווען דער מאַמען און נאָכדעם געפּסקנט: דו ביסט נישט קיין ייד, דו ביסט אַ גוי.

אַזוי וועלן מיר לעבן אין מדינת ישראל? וועלן מיר דען איצט אָנהויבן צו פֿאָרשן די מאַמעס און די באָבעס פֿאַר 20, 30 און 40 יאָר? אַזעלכע משפּחות זענען דאָ צענדליקער

טויזנטער. זיי זענען דאָ אין דער דייטשער, יוגאָסלאַווישער און בולגאַרישער עליה. זיי לעבן צווישן אונדז און זיי זענען יידן נישט ווייניקער פון יעדן רב. זיי רעדן העברעיש, זיי לעבן ווי מיר — זיי שטאַרבן פאַר אונדזער לעבן. וועלן מיר זיי איצט אָנהויבן בודק זיין?

אין חוץ־לארץ ווערט וואָס ווייטער אַלץ שאַרפער די פראַגע פון געמישטע חתונות. זענען מיר פאַראינטערעסירט אָפּצושטויסן די קינדער פון די דאָזיקע געמישטע חתונות, אָדער פאַרקערט — זיי צוריקברענגען צו אונדז? וועלן די רעליגיעזע יידן אין אַמעריקע — אויסער די נטורי קרתא — מסכים זיין אויף אַזאַ בולטע און שאַרפע אָפּשטויסונג־אַקציע? מיר זענען אַ באַוועגונג וואָס זאַמלט צונויף די צעשפּרייטע טיילן פון פאָלק — וועלן מיר דען שטערן דעם יעניקן, וואָס האָט געמאַכט דעם דעצידירנדיקן שריט און עולה געווען אין לאַנד — זיך צוריקקערן און פולשטענדיק צונויפשמעלצן מיט אונדזער פאָלק?

לאָמיר זיך היטן פון אַזאַ נטורי־קרתא־יזם, פון די פאַרשידענע מאָדערנע נטורי־קרתאניקעס.

וואָס שיידט פאַנאַנדערביים היינטיקן טאָג די נטורי־קרתא פון דעם ציוניסטישן לאַגער, אין וועלכן ס'איז אויך ווי נישט איז אָנגעשלאָסן די „אגודה"? דער אונטערשיד איז איינער: די נטורי־קרתא זאָגן: „אויסער דעם, וואָס ס'שטייט געשריבן אין מ י י ן סידור, עקזיסטירט בכלל נישט". זיי גלויבן אין דעם. אָבער אויף דעם יסוד טוען זיי פיל סקאַנדאַליעזע זאַכן. זיי האַלטן, אַז מדינת ישראל זאָל בעסער חרוב ווערן, איידער זי וועט זיך פירן נישט לויט זייער „סידור".

דער געמיינזאמער בנין

דער „מזרחי" האָט אַמאָל אויפגעהויבן אַן אַנדער פאָן. מיר זענען די גאַנצע צייט געשטאַנען מיט איר אין נישט קיין לייכטע געזעלשאַפטלעכע ראַנגלענישן. אָבער דער מזרחי האָט געהאַט אַ פאָן, וועלכע ער האָט אויפגעהויבן צווישן רעליגיעזע יידן. ער האָט געזאָגט: מיר האָבן טאַקע אַן אייגענעם הלכה־„סידור", אָבער מיר לעבן צוזאַמען מיט די, וואָס האָבן אַנדערע „סידורים", ווייל דאָס יידישע פאָלק איז איינער.

עס איז דאָ אַ געפאַר, אַז אין טומל פון מלחמה און אָפּאָזיציע וועלן די רעליגיעזע פאָרשטייער פוגע זיין אין דער זאַך, אין וועלכער ס'העננט אָפּ אויך זייער צוקונפט, אַ זאַך, וואָס איז ביז איצט געווען טייער אונדז אַלעמען: אין וואָס פאַראַ טעמפּאָ, אין וואָס פאַראַ פאָרנעם וועלן מיר פאָרזעצן בויען מדינת ישראל, וואָס זאַמלט צונויף יידן מיט אַלע זייערע „מחזורים", מיט אַלע זייערע „סידורים" און מיט אַלע זייערע הלכות, אַזוי ווי זיי זענען. דאָס בשותפותדיקע לעבן אין בשותפותדיקן בנין וועט זיכער אַמאָל אויך פעסטשטעלן די בשותפותדיקע, באַנייטע „הלכה".

...כדי צו זיין אַ ציוניסט דאַרף מען זיין אַ מענטש, פאַרשטיין דעם צער פון אַ פאָלק, אַ מענטש מיט אַ ריין האַרץ און אַ קלאָרן קאָפּ, און גלייכצייטיק גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון דעם אוממעגלעכן, און זיין אָן אַ שיעור שטאַרק, כדי צו אַרבעטן פאַרן פאָלק און בויען דאָרט, וווּ עס איז נישטאָ קיין אויסגעטראָטענער וועג.

י. ח. ברענער

קלאסן־קאמף אין ארץ־ישראל

די יידישע עמיגראַציע אין ארץ־ישראל אַנטהאַלט אַלע באַדינגונגען פאַרן שאַרפסטן קאמף צווישן אַרבעט און קאַפּיטאל אין לאנד. ביידע עלעמענטן — די יידישע אַרבעטער און די יידישע אונטערנעמער — האָבן פון גלות באַקומען אַ גרינטלעכע פּאָליטישע דערציאונג און זיי ברענגען מיט זיך מיט אין ארץ־ישראל די שטענדיקע אַנטאַגאָניזמען פונעם גלות. עס איז דורכאויס פאַלש די מיינונג, אַז די יידישע אַרבעטער קענען אין ארץ־ישראל ווערן בעלי־בתים און די בעלי־בתים קענען װערן אַרבעטער. אין דער מיינונג האַלטן זיך פיל קעגנער פון דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. די גרויסע מערהייט פון די יידישע פּראָלעטאַריער װעלן בלייבן פּראָ־לעטאַריער, כאָטש פיל אונטערנעמער װעלן, נאַטירלעך, איבערגיין אין פּראָלעטאַרישן קלאַס. אַזוי ווי דער ציוניזם איז נישט קיין קינסטלעכער עקספּערימענט, נאָר אַ סטיכישער פּראָצעס, קענען די ציוניסטישע אינסטיטוציעס קיינמאָל נישט װערן װילטעטיקע אַנשטאַלטן. עס איז זייער צווייפלהאַפט, אויב די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע װעט קאָנען אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אַרויסגעבן די עמיגראַנטן סובסידיעס אויף אַריבערצופאָרן קיין ארץ־ישראל און זיך דאָרטן באַזעצן. אין אַזאַ פאַל איז די אויסזיכט צו מאַכן די פּראָלעטאַריער פאַר זעלבשטענדיקע בעלי בתים נישט מער ווי אַ בויך־סברא.

דער יידישער אַרבעטער וועט אַרויספאָרן קיין ארץ־ישראל און װעט אַהין אָנקומען אָן געלט־מיטלען און װעט דעריבער בלייבן אַן אַרבעטער, עס װעט זיך ענדערן זיין באַשעפטיקונג (דער שניידער אָדער אַנגעשטעלטער, לאָמיר זאָגן, וועט זיך פאַרדינגען צו אַרבעטן אויף די פעלדער אָדער גערטנער) ; עס װעט זיך אָבער נישט ענדערן זיין קלאַסן־פּאָזיציע. דער יידישער אונטערנעמער װעט ברענגען קיין ארץ־ישראל אַ קאַפּיטאַל און דעריבער װעט ער בלייבן אַ קאַפּיטאַליסט. און ווידער דאָסזעלבע : ער וועט בייטן זיין פּראָפעסיע, אָבער נישט זיין קלאַסן־פּאָזיציע.

װען דער יידישער אַרבעטער קומט קיין ארץ־ישראל, ברענגט ער אַהין מיט זיך זיין פּראָלעטאַרישן, רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־זעלבסטבאַוואוסטזיין און זיין דערפאַרונג אין קלאַסן־קאַמף ; מיט דערפאַרונג איז אויך באַװאָרנט דער יידישער אונטערנעמער, װאָס קומט זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל. די עקספּלאָאַטאַציע, וואָס דער יידישער אַרבעטער פילט אין די ענגע װאַרשטאַטן אין גלות, װעט זיך נאָכמער פאַרשאַרפן אין ארץ־ישראל, װייל די קאַפּיטאַליסטן וועלן זיך דאָ דאַרפן צופאסן צו נייע באַדינגונגען און בייקומען די רייבונג פון די שטאַרק צוריקגעשטאַנענע פּאָליטישע פּאָרמען. דאָס, וואָס די יידישע פּראָדוקציע װעט זיך איבערטראָגן נענטער צו אירע אָנפאַנג־סטאַדיען, װעט פאַרן יידישן אַרבעטער שאַפן אַ ברייטערע און באַ־קוועמערע אַרענע פון קלאַסן־קאמף, װעט פאַרבעסערן זיין סטראַטעגישע באַזע און וועט אין דעם קאַמף אַריינגיסן אַ נייע מער פרוכטבאַרע ענערגיע.

ב. באָראָכאָוו

מדינה און פאלק

ב. ניר

רעכטלאָזיקייט אדער היימלאָזיקייט

דאָס יידישע פאָלק איז דאָס איינציקע אין דער וועלט, וואָס האָט פארלוירן זיין פאָליטישע זעלבשטענדיקייט מיט טויזנטער יאָרן צוריק און האָט פארגעזעצט זיין לעבן אין צעשפּרייטקייט צווישן פעלקער און לענדער. דאָס האָט געשאַפן אן ערנסטן פּראָבלעם הן פארן יידישן פאָלק און הן פאר די פעלקער, צווישן וועלכע יידן לעבן.

פארן יידישן פאָלק איז עס א פּראָבלעם צו שאַפן א זעלכע באַדינגונגען, אז דאָס פאָלק זאָל קענען פירן א נאָרמאַל לעבן. עס איז דאָך נישט קיין ספק, אז אין משך פון צוויי טויזנט יאָר לעבט דאָס פאָלק אומנאָרמאַל. ס׳איז אויך נישט נויטיק אפצושטעלן זיך געניי אויף די פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע אנאמאליעס פונם יידישן לעבן, ווייל וועגן דעם איז שוין א סך געשריבן געוואָרן הן דורך באראכאוון און הן דורך זיינע תלמידים.

פאר די פעלקער צווישן וועלכע די יידן לעבן איז עס א פּראָבלעם דערפאַר, ווייל זיי זעען אין די יידן א פרעמדן גליד וואָס פּאַסט זיך ניט אריין אין זייער נאציאָנאַלן אָרגאַניזם און שטערט כאילו זיין נאָרמאלער אנטוויקלונג.

מיט אנדערע ווערטער: די עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק איז געוואָרן א פּראָבלעם פאר יידן און פאר גויים.

די נישט־יידן האָבן געוואָלט לייזן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם אויף צוויי אופנים: אדער פולשטענדיקע אסימילאציע אָדער פאַרניכטונג פון יידן. סובארין, דער רעדאקטאָר פון דער רעאַקציאָנערער צייטונג „נאוואיע וורעמיא״ אין די צאַרישע צייטן — האָט געגעבן א געמישטע לייזונג: „איין דריטל וועט זיך אסימילירן, איין דריטל וועלן מיר אויסשעכטן און איין דריטל וועט עמיגרירן״. צו אונדזער גרויסן אומגליק איז היטלער געווען קאנסעקווענטער פאר אים.

מאַרקס האָט געהאַלטן, אז „די באפרייאונג פון יידנטום איז די באפרייאונג פון דער וועלט פון דעם יידנטום״. די סאָציאליסטישע וועלט האָט, נאַטירלעך, געהאלטן פון דער אסימילאַציע. אָבער די אינטערנאַציאָנאלע וועלט האָט זיך קיינמאָל נישט אפגעגעבן קיין דין וחשבון ווי אזוי קאָן די דאָזיקע אסימילאַציע פארווירקלעכט ווערן אין לעבן.

דאָס יידישע פאָלק האָט נאַטירלעך נישט געקאנט אויפנעמען די דאָזיקע לייזונג פון פּראָבלעם. נאָר טיילן פון פאָלק, ספּעציעל די אינטעליגענץ, האָבן זיך אנגעכאפּט אן אסימילאציע; אנדערע טיילן פון פאָלק, באזונדערס די רעליגיעזע, האָבן געקעמפט קעגן אסימילאציע, דורך אפּהיטן די רעליגיע מיט אלע אירע מנהגים און מצוות. אזוי ווי די רעליגיע האָט אבער נישט געקענט לייזן דאָס פּראָבלעם פון נאָרמאַלער עקזיסטענץ פון פאָלק — האָבן זיי געוואַרט אויף נסים און אויף משיח׳ן.

נאָר אין סוף פון ניינצנטן יאָרהונדערט זענען אנטשטאַנען צוויי נאַציאָנאַלע יידישע באַוועגונגען, וועלכע האָבן געפּרווט אויפקלערן די עיקר סיבה פון דער אומנאָרמאַלער עקזיסטענץ פון פאָלק און אַנטשפּרעכנד דערצו פאָרגעשלאָגן צוויי פאַרשידענע לייזונגען.

איינע האָט געהאלטן, אז די עיקר סיבה פון די אַנאָמאַליעס פונם פאָלק איז די רעכטלאָזיקייט, און דעריבער האָט זי געשטרעבט דורך דער רעוואָלוציע אָפּשאַפן אלע פּאָליטישע, קולטורעלע און עקאָנאָמישע באַגרענעצונגען און אין דעם האָט זי געזען די לייזונג פון דער יידן־פראַגע — דאָס איז געווען דער „בונד״.

די צווייטע באוועגונג — די ציוניסטישע — האָט געהאלטן, אז די עיקר סיבה פון דער אומנאָרמאלקייט איז די היימלאָזיקייט. און דעריבער האָט זי ארויסגערוקט די צווייטע לייזונג — די שאפונג פון א יידישער היים אין ארץ ישראל.

דיביידע באַוועגונגען זענען דערשינען אין יאָר 1897 (דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון „בונד״ און דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס). און אין משך פון צוואנציק יאָר (1897—1917) איז פאָרגעקומען אַ ויכוח צווישן די ביידע ריכטונגען, דער ויכוח איז בעצם געווען אַ ריין־

טעאָרעטישער. יעדער באַוועגונג האָט געפּרוווט טאָן אין דער ריכטונג פון איר לייזונג, אָבער ביידע האָבן פאַקטיש געקאָנט אויפטאָן זייער ווייניק. ביידע האָבן נישט געהאַט די נויטיקע פאָרבאַדינגונגען בכדי צו רעאַליזירן זייער לייזונג.

אין יאָר 1917 זענען אבער פאָרגעקומען צוויי היסטאָרישע געשעענישן. די געשיכטע האָט געגעבן ביידע באַוועגונגען דעם היסטאָרישן שאַנס אָנצוהויבן פאַרווירקלעכן זייערע טעאָריעס. אין יאָר 1917 איז פאָרגעקומען די גרויסע אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וועלכע האָט געלייגט דעם יסוד פון דער פרייהייט פאַר אַלע בירגער — און דער „בונד" האָט באַקומען די מעגלעכקייט אָנצוהויבן רעאַליזירן זיין לייזונג: נאָרמאַליזירן דאָס לעבן פון יידישן פאָלק.

אין דעם זעלבן יאָר האָט די בריטישע רעגירונג געגעבן די באַלפור־דעקלאַראַציע. עס איז קיין ספק נישט, אַז די הויפּט־סיבה פון דער דאָזיקער דעקלאַראַציע זענען געווען די אינטערעסן פון ענגלישן אימפּעריאַליזם, אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, האָט די דעקלאַראַציע, אין א געוויסער מאָס, געגעבן די מעגלעכקייט דער ציוניסטישער באַוועגונג אָנהויבן רעאַליזירן איר לייזונג — בויען די נאַציאָנאַלע היים פאַרן יידישן פאָלק.

אין יאָר 1917, אַלזא, האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע תקופה, וואָס האָט געדויערט דרייסיק יאָר (1917—1947), אין וועלכער דער פריערדיקער טעאָרעטישער קאַמף צווישן די ביידע ריכטונגען האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א קאַמף פון מעשים.

דער „בונד" אין רוסלאַנד האָט זיך ליקווידירט אַלס זעלבשטענדיקע באַוועגונג און זיך אַריינגעגאָסן אין דער יידישער סעקציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דאָ געפּרוווט „נאָרמאַליזירן" דאָס יידישע לעבן. עס איז גוט באַקאַנט מיט וואָס עס האָבן זיך געענדיקט די אַלע פּרוּוון, אַריינגערעכנט אויך דעם פּרווו פון פּראָדוקטיוויזאַציע און אַגראַריזאַציע, און דעם פּרווו אויפצושטעלן א יידישע רעפּובליק אין בירָאָבידזשאַן. עס איז אויך גוט באַקאַנט דער גורל פון דער יידישער שפּראַך, יידישע שרייבער און בכלל פון יידישן לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד. אָבער נישט געקוקט אויף דעם האָט דער „בונד" אין פּוילן, (טראָץ דעם באַנקראָט פון דער שיטה אין ראַטן־פאַרבאַנד) פאָרגעזעצט זיין ליניע אין פּוילן און געקעמפט פאַר סאָציאַליזם און גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידישע מאַסן. דער רעזולטאַט איז גוט באַקאַנט.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אָנגעהויבן די קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין ארץ־ישראל. עס האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז גיין די עליה אין לאַנד, און נישט געקוקט אויף אַלע שטערונגען מצד דער בריטישער רעגירונג, זענען געשאַפן געוואָרן אַלע ווירטשאַפטס־צווייגן ווי: אינדוסטרי, האַנדל און לאַנדווירטשאַפט. ביסלעכווייז האָבן זיך אין ארץ־ישראל קאָנצענטרירט מאַסן פון יידישע אַרבעטער; עס איז געשאַפן געוואָרן א יידישער פּראָלעטאַריאַט אין דער פּראָדוקציע, עס איז געשאַפן געוואָרן א געוויסע אויטאָנאָמיע פון יידישן לעבן.

און איצט נאָך דרייסיק יאָר קען מען שוין אונטערפירן סך הכלען.

אין סוף פון דער דאָזיקער תקופה זענען קלאָר געוואָרן פאַר אַלעמען די רעזולטאַטן פון די ביידע שיטות. די טעאָריע פון רעכטלאָזיקייט האָט פולשטענדיק באַנקראָטירט. אין די לענדער וווּ עס זענען שוין אָפּגעשאַפט געוואָרן אַלע באַגרענצונגען קעגן יידן — ווי די סאָציאַליסטישע לענדער — איז נישט נאָר נישט געלייזט די יידן־פראַגע, נאָר זי איז נאָך האַרבער געוואָרן. 30 יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז געוואַלדיק געשטיגן דער אַנטיסעמיטיזם אין ראַטן־פאַרבאַנד; עס זענען געשלאָסן געוואָרן די יידישע שולן, און עס איז כמעט פאַרשוווּנדן די יידישע שפּראַך, דער יידישער טעאַטער, און דער עיקר — עס איז נישט פאַרשוווּנדן געוואָרן די הויפּט־אַנאָמאַליע פון יידישן פאָלק, די יידישע מאַסן זענען נישט אַריבער צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער — איז פון איין זייט פאַרניכטעט געוואָרן א דריטל פונם יידישן פאָלק, און פון דער צווייטער — זענען געבליבן די אַלע אַנאָמאַליעס ווי פריער: דאָס יידישע פאָלק איז ווייט פון לאַנדווירטשאַפט, עס קאָנצענטרירט זיך בעיקר אין דער געברויכס־אינדוסטרי און אין קליינע אונטערנעמונגען.

אין דערזעלביקער צייט איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די יידישע מדינה אין ארץ־ישראל, ווו דער יידישער אַרבעטער איז אַריבער צו פּראָדוקטיווער אַרבעט און געשאַפן דעם קערן פון א נאָרמאַל יידיש פאָלק.

די דריטע תקופה פון צען יאָר (1947—1957) האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן דעם באַנקראָט פון דער שיטה פון רעכטלאָזיקייט און די רעאַליטעט פון דער צווייטער שיטה, וואָס האָט געזען דעם נאַציאָנאַלן אומגליק אין דער יידישער היימלאָזיקייט.

אין די סאָציאַליסטישע לענדער האָט דער אַנטיסעמיטיזם דערגרייכט זיין קולמינאַציע־פונקט, דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם משפט פון סלאַנסקי און זיינע חברים אין טשעכיען און אין דעם משפט פון די דאָקטוירים אין ראַטן־פאַרבאַנד. עס זענען דערמאָרדעט געוואָרן כמעט אַלע יידישע שרייבער אין ראַטן־פאַרבאַנד. און אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וווּ עס זענען אַפילו געשאַפן געוואָרן נייע גרעסערע יידישע צענטערן, האָבן זיך נישט נאָר נישט געענדערט די סאָציאַלע באַדינגונגען פון יידישן לעבן, נאָר ווי עס זעט אויס — גייט דאָרט דאָס יידישע לעבן אין דער זעלבער ריכטונג, ווי אין די יידישע גרויסע צענטערן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין צפון־אַמעריקע זענען די זעלבע אַנאָמאַליעס, ווי זיי זענען געווען אומעטום. אין דער לאַטיין־אַמעריקע, וווּ עס זעט אויס אַז דאָס יידישע עקאָנאָמישע לעבן איז אין א באַפרידיקנדיקן צושטאַנד — איז דאָס בילד גלייך ווי למשל מיט הונדערט יאָר צוריק אין פוילן. די יידן בילדן דאָרט דעם עלעמענט, וואָס דרינגט אַריין — לויט באַראַכאָוו׳ס אויסדרוק — אין די בלויזן פון דער אַרטיקער ווירטשאַפט און האָט געשאַפן דאָרט דעם דריטן שטאַנד כל זמן די אָרטיקע באַפעלקערונג איז געווען אָפּגעשטאַנען. אין לאַטיין־אַמעריקע איז די אָרטיקע באַפעלקערונג נאָך נישט דערוואַקסן ווירטשאַפטלעך און די לענדער זענען רייך — איז דעריבער געלונגען די יידן זיך דאָרט אַרויפצואַרבעטן. אָבער עס איז קלאָר, אַז אויך דאָרט, מיט דער צייט, ווען די אָרטיקע באַפעלקערונג וועט זיך אַנטוויקלען, וועט דער יידישער עלעמענט ווערן איבעריק, ווי עס איז געווען אין פוילן, און עס וועט זיך אָנהויבן דער פּראָצעס פון איזאָלאַציע.

דאַקעגן איז דער יידישער ישוב אין מדינת ישראל, פאַר די צען יאָר פאַרדרייפאַכט געוואָרן, מיר זענען באַשיימפּערלעך ווי עס רעאַליזירט זיך דער פּראָצעס פון שאַפן דעם יידישן טעריטאָריעלן צענטער; עס איז אויפגעקומען פאַרהעלטנישמעסיק אַ גרויסער אַרבעטער־קלאַס — אַ העלפט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, וועלכער איז קאָנצענטרירט אין אַלע צווייגן פון דער אינדוסטריע, האַנדל און לאַנדווירטשאַפט, אין בויען וועגן, אייזנבאַן וכדומה. עס האָט זיך געשאַפן די צענטראַלע מאַכט און די מוניציפּאַליטעטן, עס איז אַנטשטאַנען און אַנטוויקלט זיך די יידישע מדינה, נישט געקוקט אויף אַלע אינערלעכע און אויסערלעכע שוועריקייטן.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דער היסטאָרישער ויכוח צווישן ציוניזם און זיינע קעגנער. אַלע שיכטן פון יידישן פאָלק מוזן זיך איצט קאָנצענטרירן און פאַראייניקן בכדי צו אַנטוויקלען, פאַרגרעסערן און פאַרשטאַרקן די יידישע מדינה, פאַרשטאַרקנדיק גלייכצייטיק דעם נאַציאָנאַלן אינהאַלט פונם יידישן לעבן אין די תפוצות, עס זאָל שטאַרקער ווערן דער בונד צווישן „דאָ" און „דאָרט".

...טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט!
מאַכט פעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גייסט.
עס האָט געלייכט שוין נישט איין נאַכט,
עס האָט געזיגט שוין נישט איין שלאַכט
און נישט געלאָזט די פאָן פון האַנט!

י. ל. פּרץ

יהודה טיבערג

ישוב אמעריקע און מדינת ישראל

דער קאַמף פאַר אַן אייגענער מדינה און שפּעטער די הילף פאַר דער אויפגעקומענער מדינת ישראל האָבן צעמענטירט און צוזאַמענגעשלאָסן די יידישע ישובים אין צענדליקער לענדער, ווי עס האָט עס נישט באַוויזן צו טאָן אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער קיין שום אַנדערע באַוועגונג ביים יידישן פאָלק! מיט דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל איז געשאַפן געוואָרן נישט בלויז אַ פיזישער צענטער פאַר דעם צעשפּרייטן יידישן פאָלק — עס איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ צענטראַלער, גייסטיקער זאַמלפּונקט, צו וועלכן עס ציען זיך די פעדים פון יידישער שאַפונג אין דער גאַנצער וועלט און וועלכער איז היסטאָריש אָנגעברייט צו פאַרשמעלצן אַלע יידישע גייסטיקע ענערגיעס אין איין גרויסער אַלוועלטלעכער יידיש-נאַציאָנאַלער יצירה!

די סך-הכלען פון די דערגרייכונגען פון מדינת ישראל אין איר ערשטער דעקאַדע, לייענען זיך ווי קאַפּיטלען פון אַן אַטעם-פאַרכאַפּנדיקער עפּאָפּייע. די אָפּשניטן פון עליה און קליטה, פון בוי און פון קאַמף מאַכן בלאַס די עפּיק פון די תנ״כישע דערציילונגען. יידן אין אַלע לענדער האָבן גענוג אורזאַכן צו זיין שטאָלץ אויף די אויפטוען פון דער מדינה און זיך צו פרייען מיט דער הילף וואָס זיי אַליין האָבן אַזוי פריוויליק און פרייגיביק צוגעטראָגן צו די דאָזיקע געבענטשטע היסטאָרישע דערגרייכונגען.

וויאַזוי זשע האָבן די דאָזיקע אַלע וואונדערלעכע דערגרייכונגען זיך אויסגעווירקט אויפן לעבן פון די יידן אין אַמעריקע? וויאַזוי שפּיגלט זיך אָפּ דער עשור אויף דעם היסטאָרישן גאַנג פון די געשעענישן אין אַ לאַנד, ווו יידן לעבן אין גרויסע מאַסן צווישן אַנדערע פעלקער?

אייגנאַרטיק און איינציקאַרטיק איז דער אַמעריקאַנער יידישער ישוב. ער איז פאַרהעלטנישמעסיק יונג (אויב מען זאָל רעכענען פון דער צייט, ווען ער האָט אָנגענומען אַ כאַראַקטער פון אַ מ א ס ן-ישוב, איז ער איינגאַנצן אַלט בערך הונדערט יאָר). זיין געזעלשאַפטלעכער און סאָציאַלער בוי איז אַנדערש פון אַלע יידישע ישובים וואָס מיר קענען פון דער געשיכטע. ער איז אפשר דער איינציקער יידישער ישוב, וואָס האָט זיין געזעלשאַפטלעכן בוי נישט אָנגעפאַנגען מיט אַ רעליגיעזער קהילה, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט אַנדערע יידישע געמיינדעס, וואָס האָבן זיך אויסגעבילדעט אין לויף פון אונדזער גלות-געשיכטע. דאָס אַמעריקאַנער יידנטום געפינט זיך, געזעלשאַפטלעך, נאָך אין דעם צושטאַנד פון ווערן. ער זוכט נאָך די פאָרמען אין וועלכע אויסצוגיסן זיין נאַציאָנאַלן אינהאַלט.

און נאָך עפּעס: אין דער צייט ווען די יידישע געזעלשאַפט אין אייראָפּע האָט זיך אויסקריסטאַליזירט סאָציאַל, גייסטיק, אידעאָלאָגיש און פאַרטייאיש, איז דאָס יידישע אַמעריקע פון אַלעמען, פון אַלע יידישע פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס אין אייראָפּע, באַטראַכט געוואָרן בלויז ווי אַ פ י נ אַ נ ס י ע ל ע ר אינסטרומענט צו העלפן אַנטוויקלען די אייראָפּעישע אינסטיטוציעס; אויך די ציוניסטן האָבן געקוקט צום אַמעריקאַנער יידישן ישוב, ווי צום פינאַנסיעלן אָרעם פון דער ציוניסטישער וועלט-באַוועגונג. דער דאָזיקער צוגאַנג איז געווען גענוג פאַרשטענדלעך פאַר יענער צייט: דער אויפבוי פון ארץ ישראל האָט זיך געשטיצט אויף צוויי עלעמענטן: חלוצישער מענטשן-מאַטעריאַל — אַזאַ האָט זיך געפונען לרוב אין דעם גרויסן ניין-מיליאָניקן יידישן מאַסיוו פון מזרח-אייראָפּע. דער דאָזיקער קוואַל פון חלוצישער ענערגיע האָט איבערגעשוווּמען זיינע אייגענע ברעגעס און געמוזט אָנקומען צו אומלעגאַלער עליה, כדי כאָטש טיילוויז צו באַפרידיקן דעם דראַנג פון דער אייראָפּעישער יוגנט עולה צו זיין קיין ארץ ישראל. עס איז דעריבער נישט געווען קיין נויטווענדיקייט און אויך נישט קיין כוחות אויף צו אַנטוויקלען אַ ציוניסטישע הגשמה-באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

האָט זיך אַזוי אַרום געשאַפן אַ ספּעציפישער אַמעריקאַנער ציוניזם, וואָס האָט געהאַט פאַר-

זיך אַלס איינציקע הויפּט־אויפגאַבע דעם צווייטן עלעמענט: דינען ווי אַ קוואַל פון מ אַ ט ע ר־י ע ל ע ר שטיצע פאַר דער חלוצישער אויפבוי־אַרבעט אין ארץ ישראל.

די דאָזיקע אויפגאַבע האָט דאָס אַמעריקאַנער יידנטום דערפילט בשלימות. עס איז שווער צו געפינען נאָך אַ געשיכטלעכןביישפּיל פון אַזויפיל וואַרעמער איבערגעגעבנקייט פון אַ יידישן ישוב. אָבער ווען, צוליב דעם חורבן האָט אויסגעטריקנט דער קוואַל פון מענטשן־מאַטעריאַל פאַר דעם אויפבוי פון דער מדינה, האָט זיך ערשט אַרויסגעשטעלט, וואָס פאַר אַ טראַגישער פעלער עס איז געמאַכט געוואָרן דערמיט, וואָס דער אַמעריקאַנער ציוניזם האָט דערצויגן אַ דור פון פילאַנטראָפּישע ציוניסטן, אָבער נישט קיין דור פון חלוצים. דער אויפקום פון מדינת ישראל האָט קיין סך נישט געקאָנט ענדערן אויפן מאָמענט. דערציען אַ פאָלק צו חלוצישער טאַט קאָן מען נישט לויט אַ באַפעל; דאָס איז אַ לאַנגער היסטאָרישער פּראָצעס, וואָס הויבט זיך אָן מיטן קינד אין שול און לייגט אַרויף זיין שטעמפּל אויף דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פונעם פאָלק, אין אַלע זיינע סאָציאַלע און קולטורעלע פאָרמען. אין דאָזיקן דורכרייס פון דעם אַמעריקאַנער ציוניזם איז, אָביעקטיוו גענומען, און פון היסטאָרישן רעטראָספּעקט, נישטאָ קיין איינצלנער שולדיקער. עס איז דעריבער זינלאָז זיך אַריינצולאָזן אין קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען. עס איז גלייכער צו כאַפּן אַ בליק אויף דעם, ווי אַזוי עס האָבן געווירקט די ערשטע צען יאָר פון מדינת ישראל אויף דעם אַמעריקאַנער פּראַנט און אפשר אויך אַרויסציען מסקנות פאַר וויטערדיקע אויסזיכטן.

פאַר דעם אויפקום פון דער מדינה איז דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע געווען צעפּיצלט און צעשפּאָלטן, און הגם עס האָט זיך פון צייט צו צייט אַרויסגעשיילט אַ נאַציאָנאַלער יידישער פּראַנט אין מאָמענטן פון נאַציאָנאַלער נויט (עמוירדזשענסי בלע"ז), זענען דאָס אָבער געווען פאַראיינצלטע פאַלן. און אפילו דאַן זענען געווען גאַנץ באַדייטנדיקע חלקים פון דער יידישער געזעלשאַפט, וואָס האָבן זיך נישט געפילט פאַרפליכטעט אונטערצוואַרפן דער אַלגעמיינער דיסציפּלין. עס איז אין דעם אַמעריקאַנער יידישן לעבן נישט געווען קיין צענטראַלע נאַציאָנאַלע אידעע וואָס זאָל שטיין אויסער די ראַמען פון אידעישער פּאַרטייאישער און גרופּן־מחלוקת.

ד אָ ס א י ז י אָ ד ע ר ג ר ע י כ ט ג ע וו אָ ר ן מ י ט ן אַ נ ט ש ט יי ן פ ו ן מ ד י נ ת י ש ר א ל.

עס זענען דאָ פאַראַן אָן אַ שיעור אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, גרופּן און פּאַרטייען, רעליגיעזע אָרדנס און פריידענקערישע גרופּירונגען, סינאַגאָגעס און קלובן, יוניאָנס און פאַבריקאַנטן־אַסאָסיאַציעס; סאָציאַל און אידעיש איז דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע אַזוי פאַרשידנאַרטיק און אַזוי צעברעקלט, ווי עס איז נישט געווען קיין אַנדערער יידישער ישוב — אָבער מען קאָן מיט זיכערקייט פעסטשטעלן, אַז אַלע, בוכשטעבלעך אַלע (מיטן אויסנאַם פון שפּליטער־קלייזלעך, וואָס קאָנען נישט גענומען ווערן אין חשבון סיי לויט זייער צאָל און אויך נישט לויט זייער איכותדיקער וואָג) האָבן פריוויליק גענומען אויף זיך די נאַציאָנאַלע דיסציפּלין בנוגע צו מדינת ישראל.

די דאָזיקע נאַציאָנאַלע דיסציפּלין ווייס נישט פון קיין גרענעצן: זי שפּרייזט אַריבער רעליגיעזע צוימען, זי פאַרטושט סאָציאַלע אינטערעסן, זי ווישט אָפּ פּאַרטיי־גרענעצן, זי פליסט אַרויס פון דער טיפסטער ליבשאַפט, וואָס אַ פאָלק קאָן אויסהאָדעווען אין זיך פאַר אַן אויסגעחלומטער אידעע.

זיכער באַמיען זיך פאַרשידענע עלעמענטן אינעם פאָלק צו באַווירקן דעם גאַנג פון דער אַנטוויקלונג אין דער יידישער מדינה אין הסכם מיט זייערע אייגענע גלוסטונגען. יעדער שיכט שטרעבט (און מיט רעכט) צו באַאיינפלוסן די פאָרמען פון דער געשטאַלטונג פון דער מדינה; יעדע גרופּע וויל זען די אויסבילדונג פון דער מדינה אין איר אייגענער פאָרם. קומט אַרום דעם פאַר אַ נאָרמאַלער אידעישער געפעכט. זאָל אָבער וועלכע עס איז גרופּע אָדער אידעישע מחנה פּרווון אויפהייבן אַ קאַמף קעגן דער מ ד י נ ה, וועט זי גלייך געשטעלט ווערן מחוץ למחנה פון דער יידישער געזעלשאַפט!

דאָס איז אַנווענדבאַר סיי צו די (ווי עס זענען די אַמעריקאַנער נטורי קרתא) וואָס פּרווון אַפּעלירן אין נאָמען פון רעליגיעזע פּרינציפּן, אַזוי ווי צו אַנדערע, וואָס זענען מוציא דיבה אויפן לאַנד צוליב די אָדער אַנדערע סאָציאַלע א יי נ פ י ר ו נ ג ע ן.

דער יצר הרע פון אויסאיבן פּאָליטישן איינפלוס אויף דער ישראל־רעגירונג, און אפילו פּאָליטישן דרוק, האָט נישט איינמאָל געקלאַפּט אין די טירן פון יידישע אָרגאַניזאַציעס. עס האָבן געפּרוווט אַנווענדן פּאָליטישן דרוק די ציונים כלליים (זיי זענען פאַר דעם אויפקום פון דער

מדינה געווען די איינפלוסרייכסטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין לאַנד מיט איבער דריי הונדערט טויזנט מיטגלידער), זיי האָבן זייער שנעל אויסגעפונען אַז די יידישע מאַסן וועלן נישט טאָלערירן אַזאַ ליניע. צענדליקער טויזנטער אַלגעמיינע ציוניסטן זענען אַרויסגעטראָטן פון דער אָרגאַניזאַציע. די ציוניסטישע מאַסן האָבן „געשטימט מיט זייערע פיס" און האָבן געצווונגען זייערע פירער, טיילוויז, זיך צוריקצוציען פון זייער דרך.

גרויסע אוצרות פון צערטלעכער ליבשאַפט און אינטימער וואַרעמקייט פאַר דער יידישער מדינה ליגט באַהאַלטן אין שויס פון דעם יידישן פאָלק אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זיי קומען צום בעסטן צום אויסדרוק אין זיין גרייטקייט זיך צו שטעלן אין שוץ פון דער מדינה ביי אַלע געלעגנהייטן. ווער עס האָט נישט געזען, צוערשט די זאָרג און דעם ציטער, און דאַן דעם שטאָלץ און די פרייד פון די אַמעריקאַנער יידן בעת דער סיני־אַקציע, דער וועט קיינמאָל נישט קאָנען זיך דערגרונטעווען צו דעם פאַרבאַהאַלטענעם אוצר פון מסירת נפש פאַר דער מדינה וואָס דרימלט אין די טיפענישן פון דעם אַמעריקאַנער יידישן ישוב.

זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן דער פינאַנסיעלער ביישטייער פון די אַמעריקאַנער יידן צו דער אויסברייטערונג און פאַרפעסטיקונג פון ישראלס ווירטשאַפטלעכע האָריזאָנטן. דער פלאַץ וואָס אַן אַמעריקאַנער ייד זאָל פאַרנעמען אין דעם געזעלשאַפטלעכן קרייז, אין וועלכן ער פאַרקערט, איז, אין אַ סך, זייער אַ סך, פאַלן אָפּהענגיק פון זיין באַציאונג צו די פאָנדן, וואָס באַדינען די יידישע מדינה! צו אַזאַ מדרגה פון נאַציאָנאַלער דיסציפּלין האָט זייער זעלטן דערגרייכט וועלכער ס'איז אַנדערער יידישער ישוב.

אין סך הכל, האָבן די צען יאָר יידישע מדינה כמעט פולשטענדיק געענדערט דעם געזעלשאַפטלעכן פּרצוף פון דעם אַמעריקאַנער ישוב. אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אין משך פון צענדליקער יאָרן באַגרינדעט זייער באַזונדערע עקזיסטענץ מיט זייער אַקטיוון, טיילמאָל פאַרסמעגדיקן אַנטי־ציוניזם, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וואַרעמע פריינט פון דער מדינה. עס גילט אין כלל אין דעם יידישן אַמעריקע נאָך צען יאָר עקזיסטענץ פון מדינת ישראל: ווער עס טרעט אַרויס קעגן דער יידישער מדינה, האָט נישט קיין אָרט אין יידישן לעבן. אַזוי זענען געשטעלט געוואָרן מחוץ למחנה די יידישע קאָמוניסטן, און אַזוי אויך זענען אויסגעשפּיגן געוואָרן פון דער יידישער מיט די אָפּטריניקעס פון דעם „קאָונסיל פאַר דזשודאַאיזם". די באַציאונג צו ביידע גרופּן איז ווי צו פאַרעטער און מצורעים.

פונוואַנען נעמט זיך צו דעם יידישן אַמעריקע אַזאַ טיף פאַרוואָרצלטער געפיל פאַר דער יידישער מדינה? סוף־סוף לעבן דאָך די אַמעריקאַנער יידן אין פאַרהעלטנישמעסיק גוטע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, און, כידוע, איז אַ גוטער עקאָנאָמישער קלימאַט ביי יידן קיינמאָל נישט געווען קיין סגולה פאַר דער עקספּאַנסיע פון זייער נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין; אויך געזעלשאַפטלעך לעבט זיך די אַמעריקאַנער יידן נישט שלעכט; זיי ליידן נישט צופיל פון קיין דיסקרימינאַציעס, און די אַנטיסעמיטישע אויסשרייטונגען האָבן יעדנפאַלס, ביז היינט, נישט אָנגענומען קיין ערנסטע פּראָפּאָרציעס; ווזשע פאַרט ליגט דער סוד פון זייער גרויסער איבערגעגעבנקייט צו דער יידישער מדינה און זייער גרייטקייט איר צו באַשיצן און העלפן איר בייקומען אַלע שוועריקייטן?

מען דאַרף זוכן דעם ענטפער אויף דער דאָזיקער וויכטיקער פראַגע דווקא אין דער אייגנאַרטיקייט פון דעם אמעריקאַנער יידישן ישוב, אין די פּראָצעסן, וואָס האָבן אים געגעבן זיין היינטיקן אויסזען, און אין די פּראָבלעמען, וואָס זיין אייגנאַרטיקייט שטעלן פאַר אים אַוועק: צוליב אַ גאַנצער ריי סיבות, האָט דאָס יידישע לעבן זיך יידיש נישט פאַרוואָרצלט אין אַמעריקע. רעליגיעזע ווערטן זענען אין דעם שטורעם פון עמיגראַציע און רעוואָלוציע פאַרלוירן געגאַנגען, דער אַמעריקאַנער שמעלץ־טאָפּ האָט אויך צעשמעטערט אויף שטיקלעך דאָס לעצטע ביסל טראַדיציע, וואָס דער אימיגראַנט האָט מיט זיך געבראַכט פון זיין אַלטער היים.

מיט דעם גרויסן שטראָם פון אימיגראַציע אין דעם נייעם לאַנד זענען אָנגעקומען אויך אַ סך אינטעליגענטישע עלעמענטן, וואָס זענען פאַרכליניעט געוואָרן פון די פרייהייטן וואָס האָבן זיך אויסגעשפּרייט פאַר זיי און, ווי אַ רעאַקציע צו דער געצווונגענער אָפּגעזונדערטקייט אין דער אַלטער היים, האָבן זיי זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם אמעריקאַנער שמעלץ־טאָפּ און האָבן געזוכט מיט זיך מיטצושלעפּן אין דער אַסימילאַציע אויך די ברייטע יידישע מאַסן. דאָס איז זיי אויך געלונגען אין אַ גאַר גרויסער מאָס. מיט קליינע אויסנאַמען, האָבן די יידישע אימיגראַנטן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם גאַנצן באַגאַזש פון יידישקייט און יידיש־נאַציאָנאַלער פאַראַנטוואָרטלעכ־

קייט. זייער איינציקע לאָיאַליטעט אין דער יידישער סביבה האָט זיך באַגרענעצט צו הילפסאַרבעט לטובת זייערע קרובים אין דער אַלטער היים.

די צוגעבונדנקייט צו דער אַלטער, אייראָפּעאישער היים איז אָבער געווען אַ צעמענטירנדיקער פאַקטאָר בלויז פאַר דעם ערשטן דור איינוואַנדערער, ער האָט אָנגעהויבן שוואַכער צו ווערן מיט דער צייט; דער צווייטער דור, און אוודאי דער דריטער, האָבן שוין געהאַט אַ זייער שוואַכן אינטערעס אין לענדער, וועלכע זיי האָבן קיינמאָל נישט געזען, און צו וועלכע זיי האָבן נישט געפילט קיין שום צוגעבונדנקייט. אויף דעם יונגן דור האָבן אויך געהאַט אַ שלעכטע ווירקונג די אָפּקלאַנגען פון די פאַרפאָלגונגען אויף יידן אין די מזרח־אייראָפּעישע לענדער. ווי פרייע מענטשן, דערצויגענע אין דעם דעמאָקראַטישן אַמעריקע, האָבן זיי געפילט פאַראַכטונג נישט בלויז צו די אונטערדריקער נאָר אויך צו די יידן, וואָס זענען געווען קרבנות פון אָט די פאַרפאָלגונגען און הילפלאָז זיך אַנטקעגנצושטעלן די פאַרפאָלגער.

אַזוי זענען פאַרביי צוויי, דריי דורות און עס איז אויסגעוואַקסן אַ יידישער דור אשר לא ידע את יוסף; ער האָט נישט געהאַט עפּעס פון די טראַדיציעס פון די ערשטע אימיגראַנטן און אויך נישט קיין אייגענע יידישע, נאַציאָנאַלע דערציאונג.

ווען דער אַמעריקאַנער ישוב האָט זיך אַרומגעקוקט, ווו ער האַלט אין פּרט פון יידישקייט, האָט ער געזען אַרום זיך אַ שרעקלעכן חלל, אַ וואַקום וועלכן עס איז נישטאָ מיט וואָס אויסצופילן; דער ישוב האָט הילפלאָז זיך צוגעקוקט, ווי זיינע זין און טעכטער ווערן פאַרכאַפּט פון אידעען און באַוועגונגען, וואָס האָבן נישט קיין שום פאַרבינדונג מיט היסטאָרישער יידישקייט אין וועלכער ס'איז פאָרם, און ווי אין אַ סך פאַלן ווערן זיי אָוועקגערויבט דורך באַוועגונגען, וואָס זענען אויסגעשפּראָכן פיינטלעך צו יידישע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס. עס איז געבליבן איין איינציקע האָפענונג אויף צוריקצוגעווינען די יידישע קינדער פאַר נאַציאָנאַלן המשך: באַגייסטערן זיי מיט אַזאַ יידיש־נאַציאָנאַלער אידעע, וואָס זאָל אַפּעלירן צו זייער פאַנטאַזיע, זאָל אָנצינדן זייער יוגנטלעכע ענערגיע און זאָל געבן אַ מעגלעכקייט אויסצונוצן זייער יוגנטלעכע באַגייסטערונג — דאָס האָט זיי געקענט געבן בלויז דער דראַמאַטישער קאַמף ערב דער מדינה און דער גערוואַנגל פון דער מדינה פאַר איר קיום און אויסברייטערונג אין משך פון די לעצטע צען יאָר!

דער קאַמף פאַר דער נשמה פון דער אַמעריקאַנער יידישער יוגנט פירט זיך נאָך אין זיין גאַנצער שאַרפקייט. עס זענען פאַראַן גענוג אָביעקטיווע און אויך סוביעקטיווע כוחות, וואָס צילן אָפּצופרעמדן די יוגנט פון איר נאַציאָנאַלן שורש. אויף עקסטרעם רעכט און אויף עקסטרעם לינקס אין דעם אַמעריקאַנער ישוב זענען פאַראַן לאַגערן, וואָס פּריידיקן טעאָריעס פון פולשטענדיקן אויסמיש פון דער יידישער מינדערהייט, ביז עס זאָל קיין זכר נישט בלייבן פון יידישן פאָלק. יידישע קאָמוניסטן פון איין זייט און די מולטי־מיליאָנערישע „דזשודאַאיסטן" פון דער אַנדערער, טרעפן זיך צוזאַמען אויף דעם פעלד פון אַסימילאַציע. עס איז נישט קיין נייע דערשיינונג אין דער יידישער געשיכטע, אָבער זי נעמט־אָן דראָענדיקע פאָרמען אין אַמעריקע.

דערפאַר איז אַזוי שטאַרק דער דראַנג פון די יידישע פאַראַנטוואָרטלעכע עסקנים זיך צו דערנענטערן און וואָס ענגער פאַרבינדן מיט מדינת ישראל; דערפאַר דער טיפער אינטערעס אין דעם נאָרמאַלן בוי פון דער מדינה, דערפאַר אויך, פיל מאָל, די פולע אידענטיפיקאַציע מיט ישראלס אינטערעסן, אַפילו ווען די אָפיציעלע אַמעריקאַנער מלוכה־קרייזן זענען טיילמאָל פיינטלעך צו ישראל. עס איז דער פאַרלאַנג צו געפינען אַן אָנהאַלט פאַר זייערע קינדער אינעם יידישן לעבן.

די דאָזיקע לאַגע רופט אַרויס אַ גאַנצע ריי פּראָבלעמען און לייגט אַרויף גרויסע אחריותן אויף די פירער פונעם אַמעריקאַנער יידנטום און אויך אויף די געזעלשאַפטלעכע קרייזן פון מדינת ישראל; מען קאָן נישט צוגיין צו דער אַמעריקאַנער יוגנט מיטן מאָסשטאַב, וועלכן מען האָט באַנוצט אין די אייראָפּעאישע לענדער פ אַ ר דער מלחמה; עס איז אַן אַנדער מענטשן־מאַטעריאַל, אַן אַנדערער היסטאָרישער פּאָן, אַן אַנדערע דערציאונג.

אַ גרויסצוגיקער פּלאַן דאַרף אויסגעאַרבעט ווערן, וואָס זאָל דערמעגלעכן אַזעלכע קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן ישראל און אַמעריקע, אַז ביידע יידישע צענטערן זאָלן דערפון געניסן. נישט אַריינגייענדיק אין פּרטים פון אַזאַ פּלאַן, זאָל אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז הויפּטזעכלעך דאַרף דער פּלאַן ווערן צוגעפּאַסט צו דער ש ט ו ד י ר נ ד י ק ע ר יוגנט, וואָס

בילדעט היינט אין אַמעריקע דעם רוב מנין פון די יוגנטלעכע. די מדינה האָט אין אַמעריקע אַנטוויקלט גרויסע און עפעקטיווע קאַמפּאַניעס פאַר מאַטעריעלע מיטלען און זיי ברענגען וואונדערלעכע רעזולטאַטן. איז דאָס טאַקע זייער גוט.

איצטער מוז אויפגעשטעלט ווערן אַן אימפּאָזאַנטער קאַמפּייִן פאַר דער נשמה פון דער אַמעריקאַנער יוגנט. אַלע מיטלען וואָס זענען, מצד פאַרשידענע ציוניסטישע, אַפילו חלוצישע באַוועגונגען אָנגענומען געוואָרן צו געווינען די יוגנט, זענען נישט געלונגען. דער קאָנטאַקט צווישן אַמעריקע און ישראל ווערט אויפגעהאַלטן דורך טוריסטן פון אַלטן דור, וואָס קומען זיך קוויקן מיט די הייליקע ערטער, אָדער מיט די נייע מיליטערישע מכשירים פון צה״ל. דאָס איז נישט גענוג, נישט פאַר דער מדינה און אויך נישט פאַר דער פאָרזעצונג פון יידיש נאַציאָנאַלן המשך אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

עס איז נויטיק אַ נייער צוגאַנג. מיט וויזיע, מיט פאַרנעם! עס דאַרף אויפגעשטעלט ווערן אַ גרויסער, פילמיליאָניקער קאַמפּיין צווישן די יידישע עלטערן, זיי זאָלן שיקן זייערע זין און טעכטער אויף איין יאָר שטודיום קיין מדינת ישראל. דער לאָזונג פון דוד בן־גוריון, מיט עטלעכע יאָר צוריק „מיר ווילן ביי אייך צונעמען אייערע קינדער״, האָט נישט געווירקט. נישט די עלטערן זענען געווען גרייט „אָוועקצוגעבן״ די קינדער און נישט די קינדער זענען געווען גרייט איבערצורייסן מיט אַמעריקע און ווערן בירגער פון ישראל.

אַנדערש וועט עס זיין, ווען דער לאָזונג וועט געוואָרפן ווערן צו די עלטערן: „באָרגט אונדז אויס אייערע קינדער אויף איין יאָר!״ עס קענען זיין טויזנטער יונגע מענטשן וואָס וואָלטן געשטראָמט צו די ברעגן פון דעם לאַנד, ווען וועלכן זיי הערן אַזויפיל און וואָס אינטריגירט און רייצט זייער פאַנטאַזיע. אַ טייל פון זיי, אין אָנפאַנג אַ קליינער טייל, וואָלט זיך באַהאַפטן מיטן לאַנד, אַנדערע וואָלטן צוריקגעפאָרן אַ היים נאָך אַ געוויסן לערן־פּעריאָד און וואָלטן מיט זיך געבראַכט קיין אַמעריקע די „אווירא דארץ ישראל״. סוף סוף זענען עס דאָך די קומענדיקע פירער און אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם אַמעריקאַנער ישוב!

אוודאי זענען פאַראַן אַזעלכע אינסטיטוציעס ביי דער יידישער אַגענץ און אַנדערע ציוניסטישע מוסדות — דאָס זענען אָבער קליינטשיקע אינסטיטוציעס, מיט קליינע השגות. אין אַמעריקע מוז מען אַרבעטן מיט גרויס פאַרנעם, כדי צוצוקומען צו מאַסן!

די אַמעריקאַנער יידישע יוגנט וועט געוווּנען ווערן פאַר נאַציאָנאַלע אויפגאַבן דורך גרויסצוגיקע פּלענער, אָדער זי וועט אינגאַנצן אָפּגעפרעמדט ווערן פון יידישע אינטערעסן.



באַראַכאָוו־הויז אין קיבוץ משמר הנגב

א. תרשיש

המשכדיקייט אין דער יידישער גאולה-באוועגונג

די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן ישראל און גלות, צווישן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דער ישראל־רעגירונג, און די אויפגאַבן פון ציוניזם לגבי דער דערציאונג פון די פאָלקס־מאַסן אין אויסלאַנד — און דער עיקר פון דער יוגנט, כדי זיי אַריינפלעכטן אין די גאולה־פּראָצעסן — דאָס זענען אַלץ פּראָבלעמען, וואָס לאָזן נישט רוען די פון אונז, אין ישראל און אין גלות, פאַר וועמען דער ציוניזם — דער אידעאַל פון דורות, וואָס ווערט פאַרווירקלעכט אין אונזערע טעג — איז טייער און פאַר וועמען ער סימבאָליזירט דעם היסטאָרישן המשך פון דער יידישער גאולה־באַוועגונג.

דאָס איז אַ פּראָבלעם פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק, אָבער איר שווער־פּונקט איז קודם כל דאָס גלות־יידנטום, צוזייט און צושפּרייט אין אַלע לענדער און אונטער אַלע רעזשימען.

אויפן טעאָרעטישן צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין פאַרגאַנגענעם זומער, האָט דער דיכטער ה. לייוויק מיט אַ סך געפיל אויסגעדריקט זיין גלויבן, אַז דער היסטאָרישער המשך, די אומאויפהערלעכע אויסגעבונדנקייט צווישן אַלע טיילן פון פאָלק, זענען דער יסוד פון לעבן ביי יעדן יידן און דער סוד פון אונזער קיום אין דער איצטיקער ברוינזנדיקער תקופה, סיי אין ישראל און סיי אין אויסלאַנד. דערהויבנדיק זיך צו דער העכסטער מדרגה פון מענטשלעכן און ליטעראַרישן אויסדרוק, האָט דער דיכטער געוואָרנט אונז, די ישראלדיקע, מיר זאָלן נישט באַטראַכטן די מדינה ווי אַ „בראשית”, אָפּגעריסן פון דעם נעכטן, בחינת אַ „שפּרונג איבער צוויי טויזנט יאָר”.

ה. לייוויק, האָט נישט קיין אילוזיעס; ער ווייס, אַז אויך דאָס לעבן פון אַמעריקאַנער יידנטום איז אַ גלות־לעבן אין פולן זין פון דעם באַגריף „גלות”; ווייל ער בויען אין האַרצן פון יידישן יחיד, אַ בריק פון יידישער היסטאָרישער המשכדיקייט צווישן פאָטערלאַנד און גלות, כדי צו שאַפן אַזוי אַרום דאָס געפיל פון יידישער אחדות. אָבער טראָץ דעם אויסדרוק פון ווייטאָג און דעם פערזענלעכן אמת פון דעם דיכטער, וועלכער זעט אין יידישן יחיד דעם הויפּט־טרעגער פון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן פון אונזער דור — איז אָבער דאָס פּראָבלעם פון המשכדיקייט אין נאַציאָנאַלן לעבן פון יידישן פאָלק און אַלע זיינע טיילן, פאַרבליבן אין זיין גאַנצער טראַגישקייט און שאַרפקייט אויך היינט, צען יאָר נאָכן אַנטשטיין פון מדינת ישראל. מען קאָן נישט גובר זיין די סכנה פון „דאָפּלטן תהום צווישן נעכטן און היינט און צווישן מדינה און גלות”, דורך דעם טאַדלען די באַציאונג פון ביטול צו אַלע אויסדרוקן פון יידישער קולטור. מיר ווערן מיטגעריסן דורך מעכטיקע כוחות. עס איז נישט גענוג אָנצודייטן די „נעווראָזן”. זיי זענען אַ רעזולטאַט פון דער עקזיסטירנדיקער יידישער אַנאָמאַליע, פון דעם תהום וואָס פאַרטיפט זיך מיט און אָן אונזער שולד, ווייל מיר זענען נאָך נישט קיין „פולע בעלי־בתים איבער אונזער געשיכטע”. אפשר איז דאָס טאַקע דער טיפסטער זין פון דער יידישער באַפרייאונגס־באַוועגונג, פון דער נאַציאָנאַלער גאולה־באַוועגונג: דער ברענענדיקער באַגער איבערצונעמען אין אונזערע אייגענע הענט די לייצעס פון דער יידישער געשיכטע. און אויב מיר זענען אַלע מיד און אויסגעשעפּט פון אונזערע נאַציאָנאַלע, קולטורעלע און שפּראַכן־טראַגעדיעס, קומט דווקא דער מלאך, וואָס וואַכט איבער היסטאָרישער המשכדיקייט און פאָדערט פון אונז אַ לעזונג, אויף וויפל זי הענגט אָפּ פון אונז; ער פאָדערט ביי אונז קאַמף קעגן דעם פיינטלעכן דרויסן, וואָס האַמערט אַראָפּ אומברחמנותדיקע קלעפּ אויפן פּראָצעס פון דעם יידישן רענעסאַנס.

ווי־זשע געפינט זיך די צוואַנג, בכדי זיך איינקלאַמערן, אויף פאָרטצוזעצן די מלאכה, וועלכע עס דאַרף דורכפירן אונזער דור, וואָס האָט געפילט די צאָרנדיקע בייטש פון יידישער פאַרניכטונג, אָבער האָט אויך געהאַט די זכיה צו דערלעבן די געבורט פון מדינת ישראל? צי וועט דען די יידישע גאולה־באַוועגונג האָבן אַ המשך, און וואָס פאַר אַ פאָרם וועט ער אָננעמען?

צי פאַרמאָגט נאָך איר אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַם — די ציוניסטישע באַוועגונג — גענוג קאָנס־טרוקטיווע כוחות, און צי איז זי אָנערקענט און אָנגענומען דורך דער מערהייט פון דעם נאָך צעזייטן און צעשפּרייטן פאָלק? באַזיצט זי נאָך די העכסטע מאָראַלישע אויטאָריטעט אין דעם לעבן פון פאָלק?

אודאי איז עס אַ „מאָדנע" פראַגע: די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע — אירע אַנשטאַלטן, אירע גרויסע אונטערנעמונגען אין דעם אויפבוי פון לאַנד, אין דער אָרגאַניזירונג פון עליה און איר אָבסאָרבירונג — זיי האָבן עס דאָך אונז געבראַכט אַהער. די ראַם עקזיסטירט, אין דעם איז קיין שום צווייפל נישטאָ. זי טרעפט זיך צונויף גאַנץ אָפט און רעגלמעסיק. אירע אַנשטאַלטן פונקציאָנירן. די ציוניסטישע באַוועגונג קעמפט פאַר איר עקזיסטענץ, און אפילו פאַר אירע „פּריווילעגיעס"; זי שליסט אָפּמאַכן און גייט איין אויף „פּשרות" מיט דער ישראל־רעגירונג. און פונדעסטוועגן האָט זי באַקומען שטאַרקע אינערלעכע קעגנער, דורך וועלכע זי ווערט זייער שאַרף באַקעמפט. מען זאָגט אפילו, אַז זי, די „נעבעכדיקע", האָט שוין איר נשמה אויסגעהויכט און האָט שוין פאַרענדיקט איר היסטאָרישן וועג. און אפילו די וואָס פאַרטיידיקן זי, טוען עס אַביסל שוואַכלעך, און דער עיקר — אין נאָמען פון אירע אַמאָליקע פאַרדינסטן — לגבי דעם היינט און דער צוקונפט, פאַרטושט זיך די פאָרמולירונג פון אירע אויפגאַבן אין סאָציאָלאָגישע און אפילו מעטאַפיזיש־רעליגיעזע נעפּלען.

די פראַגע פון קיום און המשך פון דער נאַציאָנאַלער גאולה־באַוועגונג אין פאָרם פון דער ציוניסטישער באַוועגונג הענגט איבער אונזער ווירקלעכקייט, כאָטש עס איז נישטאָ קיין צווייפל אין איר נויטווענדיקייט און היסטאָרישער המשכדיקייט. ווייל נאַציאָנאַלע גאולה — און מיר באַנוצן זיך מיט דעם דאָזיקן טערמין, טראָץ זיין „משיח'ישן" קלאַנג — איז פאַר אונז נישט קיין מיסטישע, מעטאַפיזישע צי רעליגיעזע קאַטעגאָריע. זי מיינט, גאולה ממש: דערלייזונג פון פאַרשקלאַפונג, פון צעוואָרפנקייט צו אַ לעבן אין פאָטערלאַנד, צו פּאָליטישער זעלב־שטענדיקייט און שטאַטלעכער סוווערעניטעט.

אפגעשוואכטע מאראלישע אויטאריטעט

די קאָמפּראָמיסן און אָפּמאַכן צווישן די צוויי אָרעמס פון דער יידישער באַפרייאונגס־באַוועגונג — ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און מדינת ישראל — געהערן צו דער קאַטעגאָריע פון אינסטיטוציאָנעלער רוטין. זיי זענען נישט מער ווי אַן אויסערלעכער אויסדרוק פון אַ טיפן אָרגאַניזאַציאָנעלן און אידעאָלאָגישן קריזיס. דער עיקר פון דעם דאָזיקן קריזיס געפינט זיך נישט אין דער פאַרלוירענער אָרגאַניזאַציאָנעלער אויטאָריטעט, נאָר אין דער אָפּגעשוואַכטער מאָראַלישער, אידעאָלאָגישער אויטאָריטעט, אין דעם אָפּגעשוואַכטן כוח פון די פאָדערונגען לגבי די פאָלקס־מאַסן און לגבי דער יוגנט, אין דעם, וואָס מען זינקט אין קאָמפּיינען, אַן אַ מאָראַלישער, אידעאָלאָגישער באַוועגונג; וואָס מען פּאַסט זיך צו צו דעם ספּעציפישן כאַראַק־טער פון די מאַסן, צווישן וועלכע עס פונקציאָנירן די אינסטאַנצן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג; וואָס מען שטעלט נישט אַוועק קלאָר דעם פּראָבלעם פון דער צוקונפט פון יידישן פאָלק אין אונזער תקופה און אין אונזער דור; וואָס מען באַצייכנט נישט דעם עיקר פון דעם דאָזיקן פּראָבלעם אין דער איצטיקער קאָמפּליצירטער ווירקלעכקייט פון גראַנגל צווישן די צוויי בלאָקן.

אין דעם פּרט איז אגב נישטאָ קיין אונטערשיד צווישן די אידעאָלאָגן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און אירע קעגנער. ביידע באַטראַכטן דאָס אַמעריקאַנער יידנטום אַלס אינטעגראַלן חלק פון אַמעריקאַנער פאָלק, וועלכן מען קאָן נישט „אויפרודערן", און דאָס גלייכע לגבי דער רעשט פון „מערב"־יידנטום, און דאָס סאָוועטישע יידנטום — ווי אַ פּראָבלעם, וועלכן מען באַהאַנדלט אָן שום אויסזיכטן אויף הצלחה. ביידע באַגנוגענען זיך מיטן וואָרעמען יידישן האַרץ, מיט דער פּאָליטישער און מאַטעריעלער הילף פאַרן בוי פון דער מדינה און ביידע זעען נישט אין דער מדינה אַ מעכטיקן אינסטרומענט, וואָס קען און דאַרף פונדאַמענטאַל איבערגעשטאַלטן דעם ציוניזם.

נאציאנאלע עמאנציפאציע – א היסטארישער פראצעס

די געשטאַלט פון דער נאַציאָנאַלער גאולה־באַוועגונג, וועלכע האָט אונז פון איין זייט באַפרייט פון פאַרשקלאַפונג און צוזייטקייט, און פון די געפאַרן פון אַסימילאַציע — פון דער

צווייטער זייט, האָט נישט קיין „אייביקע", פעסטע פאָרמען. זי בייט כסדר איר אויסזען. די ציוניסטישע באַוועגונג היינט צו טאָג נויטיקט זיך געוויס אין אַזאַ איבערגעשטאַלטונג, כדי זיך צופּאַסן צו דער נייער יידישערווירקלעכקייט. יעדע תקופה האָט אירע ספּעציפישע פאָרמען פון געדאַנק און רעאַליזירונג. די ווירקלעכקייט בייט זיך און באַנייט זיך און צוזאַמען מיט איר וואַקסן אירע ספּעציעלע באַדערפנישן, וואָס כדי זיי צו באַפרידיקן שאַפן זיך נישט נאָר נייע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען, נאָר אַ גאַנצע וועלט פון קאָנצעפּטן און באַגריפן, וועלכע זענען צוגעפּאַסט צום מוח און צום האַרצן פון נייעם דור.

דער גאַנג פון אונזער געשיכטע, זינט מיר זענען געוואָרן אַ פאָלק, צייכנט זיך אויס מיט דעם זעלבן לאָגישן סדר, וועלכער שטאַמט אייגנטלעך פון דעם פשט פון חומש: יציאת מצרים און די באַפרייאונג פון פאַרשקלאַפונג; מתן תורה — נאַציאָנאַלע קריסטאַליזירונג פון אייגנאַרטיקן לעבנס־שטייגער און די דעראָבערונג פונעם פאָטערלאַנד. נאַציאָנאַלע קולטור — רעזולטאַט פון נאַציאָנאַלן זעלבסט־באַוווסטזיין — איז אַן אָרגאַנישער חלק פון דעם פּראָצעס פון נאַציאָנאַלער עמאַנציפּאַציע. אויך די דעראָבערונג פון אַ פאָטערלאַנד איז נישט קיין ענדגילטיקער עטאַפּ, נאָר אַן אַריינפיר צו ווייטערדיקע עטאַפּן אין דער אַנטוויקלונג פון פאָלק.

און פּונקט אַזוי ווי אין די ערשטע דורות, געשעט אויך ביי די שפּעטערדיקע דורות. ווען נישט די קריסטאַליזאַציע פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק און זיין עמאַנציפּאַציע פון די רעליגיעזע קייטן, איז נאָך אַ ספק צי מיר וואָלטן דערגאַנגען צום „צוגעזאָגטן לאַנד" דורך פּאָליטישן ציוניזם און ציוניסטישער קאָנסטרוקטיווער חלוצישקייט, וועלכע האָט געשאַפן אַ נייע, רעוואָלוציאָנערע תקופה אין דעם לעבן פון יידישן פאָלק.

מיר ווילן פאַרשטייט זיך נישט זאָגן, אַז די יידישע רעליגיע איז געשטאַנען אין קעגנזאַץ צום ציוניזם. עס איז אין איר געווען פאַרבאָרגן די שטרעבונג צו גאולה, אין איר שויס זענען אויסגעוואַקסן די משיחישע באַוועגונגען. אָבער דער ציוניזם האָט אַריינגעבראַכט אַן ענדערונג אין די טרעגער פון דער יידישער גאולה, וואָס קומט נישט דורך אַן איינמאָליקן נס, נאָר אַלס רעזולטאַט פון פּאָליטישן קאַמף און פערזענלעכער חלוצישקייט.

צוויי, כלומרשט־קעגנזעצלעכע, פּראָצעסן האָבן צוגעהאָלפן דער גאולה־באַוועגונג פון יידישן פאָלק — דעם ציוניזם: די יידישע עמאַנציפּאַציע וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע — וועלכע איז אין איר צייט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ נייע יציאת־מצרים, דער צווייטער פּראָצעס, וואָס האָט באַגלייט דעם ערשטן, איז באַשטאַנען אין דעם וווּקס פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין אייראָפּע, נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דאָס צעשטערן פון מחיצות צווישן יידנטום און אַנדערע פעלקער האָט צונויפגעפירט די יידישע מאַסן, אָנגעפילטע מיט באַוווסטזיין פון בירגערלעכער פרייהייט, מיט די דאָזיקע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. די עמאַנציפּאַציע, וועלכע איז געקומען דווקא אין צייט פון דער רעוואָלוציע, האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן דעם אומווילן פון די פעלקער צו אַסימילירן אין זיך די יידן. זי האָט פאַרשאַרפט דאָס באַוווסטזיין, אַז יידן זענען נישט נאָר אַ „רעליגיעזע סעקטע", נאָר אַ פאָלק, וואָס איז פרעמד אין זיין מהות, און וויפל זיי זאָלן נישט „איינשרומפּן" און „אויספּרעסן" זייער יידישקייט, מוז זי אויפשווימען און אַנטפּלעקן זיך צוליב זייער גייסטיקער און קולטורעלער אייגנאַרטיקייט.

אין מיטלאַלטער האָט די קאַטוילישע קירכע צוגעזאָגט אויך דעם יידן „גאולה" אין איר שויס, אויב ער וועט נאָר בייטן זיין גלויבן. אָבער דער נאַציאָנאַלער, וועלטלעכער שטאַט האָט צעשטערט די אילוזיע פון יידישער „אינטעגראַציע". אין דער דיאַלעקטישער שפּראַך קען מען זאָגן, אַז די עמאַנציפּאַציע האָט אין זיך פאַרבאָרגן איר קעגנזאַץ. די קוואַליע פון פרייוויליקער אַסימילאַציע וואָס איז דאַן אַדורך איבערן יידנטום, האָט פאַרשאַרפט דאָס געפיל פון פרעמדקייט ביי די יידן. און כאָטש די אַסימילאַציע האָט מיטגעריסן פיל יידן און האָט באַרייכט די וועלט־קולטור, האָט זי אויך בולטער געמאַכט די מחיצות צווישן יידן און גויים. די דאָזיקע פּראָצעסן זענען פאָרגעקומען אין די לענדער פון קאַפּיטאַליזם. היינט קומען זיי פאָר אין די לענדער פון סאָציאַליזם: ראַטן־פאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס.

טאָמער גלויבט מען, אַז דאָס פלעגן נאַציאָנאַלע יידישע קולטור אין אַלע אירע אַנטפּלעקונגען, די רעליגיעז־גייסטיקע, יידיש־וועלטלעכע און אפילו תנ"כיש־העברעיִשע, אין די פאַרשידענע גלות־לענדער — וועט פאַרזיכערן די המשכדיקייט — לערנען מיר פון היסטאָרישער דערפאַרונג, אַז דאָס איז אַן אילוזיע. דאָס מיינט נישט, חס וחלילה, אַז מיר באַציען זיך מיט גרינגשעצונג צו אַלע אויסדרוקן פון יידישער זעלבשטענדיקייט אין שפּראַך, קולטור, אין בית־מדרש, פאָלקלאָר

און לעבנס־שטייגער. דאָ איז נישטאָ קיין גרויסער אונטערשיד צווישן דעם יידנטום פון די צוויי בלאָקן, פון שטאַנדפּונקט פון היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, טראָץ אַלע אונטערשידן לגבי די מעגלעכקייטן, לגבי דער מאָס פון איניציאַטיוו און אין דער באַציאונג פון דער געזעלשאַפט און רעגירונגס־אַנשטאַלטן.

די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד

אונזער פאָדערונג צו דער רעגירונג פון ראַטן־פאַרבאַנד, זי זאָל געבן די יידן, וואָס לעבן דאָרט, קולטורעלע אויטאָנאָמיע, איז באַרעכטיקט. די יידן אַלס פאָלק זענען באַרעכטיקט צו זעלבשטענדיקער קולטורעלער טעטיקייט, און נישט ווי אַ צוטשעפּעניש — געגנוי ווי אַלע אַנדערע פעלקער פון ראַטן־פאַרבאַנד. מען קען זיי נישט האַלטן פון איין זייט פאַר אַ נאַציאָ־נאַלער מינדערהייט, פאָדערנדיק פון זיי צו פאַרצייכנען אין די אָפיציעלע דאָקומענטן זייער נאַציאָנאַליטעט, און אין דער זעלבער צייט — צונעמען ביי זיי די פּריווילעגיעס פון אַ נאַציאָ־נאַלער מינדערהייט, צו וועלכע זיי זענען באַרעכטיקט לויט דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע; באַשולדיקן זיי, אַז זיי זענען קאָסמאָפּאָליטן אָן אַ פאָטערלאַנד, און אויסראָטן פיזיש אַלע יידישע קולטור־פירער, שרייבער, קינסטלער, טוער. און אויב אפילו נישט דורך סטאַליניסטישע מעטאָדן פון טעראָר, פאָדערן פון זיי פולשטענדיקע „אינטעגראַציע״, פולע צוזאַמענשמעלצונג מיט די פיל גרויסע און קליינע פעלקער פון ראַטן־פאַרבאַנד.

די „יידישע פּאָליטיק״ פון ראַטן־פאַרבאַנד ווירקט, אָן אַ ספק, אין דער פאַרקערטער ריכטונג דערפון, וואָס עס וויל דערגרייכן די סאָוויעטישע רעגירונג. זי האָט פאַרשטאַרקט דעם געפיל פון יידישער סאָלידאַריטעט, די צוגעבונדקייט צו זעלבשטענדיקער יידישער קולטור און האָט פאַרשאַרפט דעם אינטערעס פאַר דעם, וואָס קומט פאָר אין מדינת ישראל. פונדעסטוועגן, לויט דעם וואָס עס גיבן איבער די, וואָס האָבן באַזוכט דעם ראַטן־פאַרבאַנד און זיך געטראָפן מיט די סאָוויעטישע יידן און מיט די רעגירונגס־אַנשטאַלטן, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט זייערע פּראָ־בלעמען, וועט די „יידן־פּראָגע״ וואָס עקזיסטירט אין ראַטן־פאַרבאַנד נישט געלעזט ווערן בלויז דערמיט, וואָס מען וועט אָנערקענען די רעכט פון יידן אויף קולטורעלער טעטיקייט. אפילו נאָר צוליב דעם, וואָס במשך פון די „גוטע טעג״, ווען עס האָבן אין ר. פ. עקזיסטירט יידישע קולטור און ליטעראַטור, איז זייער אַנטוויקלונג געווען, לויט ה. לייוויק׳ס פאָרמולירונג — אַ פאַטאַלע, נישט נאָר צוליב סטאַלינ׳ס חטאים, נאָר דער עיקר דערפאַר, וואָס „די יידישע קאָמוניסטישע פירער און שרייבער, זענען אַריין אין אַ שרעקלעכער התלהבות פון בראשית, נאָך מער איידער די אַלגעמיינע סאָוויעטישע שריפטשטעלער; פונקט ווי די יידישע געשיכטע וואָלט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1917 און אַלץ וואָס איז געווען פריער איז נישט מער ווי פאַרעלטערטער שימל״.

דאָס סאָוויעטישע יידנטום, טראָץ די גוואַלטיקע כוחות, וואָס זענען אין אים פאַרבאָרגן, וועט נישט זיין בכוח צו דרייען אויף צוריק דאָס ראָד פון דער געשיכטע און שטאַלטן ביי זיך פונדאַסניי די אינטעגראַלע יידישע היסטאָרישע אויפפאַסונג און פאַרעמען אַ נאַציאָנאַלן יידישן לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד. און אויב זיי וועלן עס פאַרזוכן צו טאָן, וועלן זיי אָנטרעפן אויף אַ שאַרפן ווידערשטאַנד מצד דעם דור, וואָס איז אויפגעוואַקסן אויף סאָוויעטישער נאַציאָנאַלער קולטור און אַלע נאַציאָנאַלע קולטורן אין ראַטן־פאַרבאַנד. די רוסישע קונסט און ליטעראַטור גייען אויפן וועג, וואָס איז זיי אָנגעדייטעט געוואָרן דורך דער סאָוויעטישער פירערשאַפט. און טראָץ די ליידן פון פּרטים, וואָס זענען נישט מסכים מיט דעם יאָך פון פּאָליטישער אָריענטאַציע אין קולטור, דראָט נישט קיין סכנה דער נאַציאָנאַלער רוסישער קולטור.

אַנדערש איז אָבער די לאַגע פון דער יידישער קולטור אין דער דאָזיקער מדינה, ווייל זי איז געגליכן צו אַן „אָפּגעברענטן פעלד״ וווּ מען מוז אַלץ אָנהויבן פון סאַמע אָנהויב. עס איז נאָך אַ וווּנדער, וואָס זי איז נישט פולשטענדיק אויסגעטריקנט געוואָרן, וואָס עס זענען נאָך דאָרט פאַראַן אַזעלכע, וואָס חלומ׳ען וועגן יידישער שאַפונג. אָבער אין סך הכל, איז שוין באַשטימט געוואָרן איר גורל, סיידן זי וועט פונדאַסניי באַטייליקט ווערן אין דעם פּראָצעס פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, וואָס זיין העכסטער אויסדרוק איז שיבת ציון. מיר גלויבן אַז די איזאָלאַציע פון סאָוויעטישן יידנטום, פריער אַ פּריוויליקע — צוליב רעוואָלוציאָנערער באַגייסטערונג, און

דערנאָך אַ געצווונגענע איזאָלאַציע — וועט נישט פּאַרבלייבן אַן אייביקער פֿאַקט. אין דער הינזיכט האָט זיך פֿאַרענדיקט אַ תּקופֿה, כאָטש מיר זעען נאָך נישט דעם אָנהויב פֿון דער נייער תּקופֿה.

דאָס „מערבֿ׳דיקע" יידנטום

דאָס גלייכע קאָן געזאָגט ווערן לגבי אָפּהיטן דעם „יידישן פּונק" אין די „מערבֿ"־לענדער און אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן — אין קאַפּיטאַליסטישן בלאָק. די יידישע קולטורעלע ירושה אין אירע וועלטלעכע און רעליגיעזע אַנטפּלעקונגען וועט צערונען ווערן אין די דאָזיקע לענדער, אויב זי וועט נישט ווערן באַהאַפֿטן מיט די קאָנקרעטע אויספֿירן פֿון דער יידישער באַפֿרייאונגס־באַוועגונג. אויך דאָ פֿאַרלאָזן זיך אָפּטימיסטישע נביאים אויף אילוזיעס. אויך דאָ זענען מעכטיק די כוואַליעס, וואָס רייסן אַרויס די יידישע מאַסן פֿון זייערע ראַמען, פֿון זייערע בתּי־מדרשים און צענטערן.

די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט פֿון יידישן בית־מדרש איז פֿאַרשוווּנדן אין דעם טומל און גערויש פֿון אַמעריקאַנער לעבן. ווייל אויך רעליגיע איז אין אַמעריקע, לויט דער מיינונג פֿון פֿאַרשער, אַן ענין פֿאַר „ספּעציאַליסטן פֿון רעליגיע". עס איז אַ ספֿק, צי זי אינטערעסירט די מאַסן, וועלכע זענען פֿאַרטאָן אין פּראָבלעמען פֿון קריג און שלום, צי אין פּראָבלעמען פֿון עקאָנאָמישן קריזיס און סכּנה פֿון דעפּלאַציע פֿון לעבנס־ניוואָ, פֿיל מער ווי מיט אַלע רעליגיעזע שטרעמונגען.

יעדנפֿאַלס איז רעליגיעזע רוטין, די פֿאָרמעלע ראַם פֿון אָנגעהעריקייט צו אַ סינאַגאָגע, קיין צוים נישט פֿאַר אַסימילאַציע אין לעבן און געזעלשאַפֿט; זי קאָן נישט אָפּהיטן דעם נאַציאָנאַלן גייסט און די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט. אויב עס איז פֿאַראַן אַ גייסטיק־נאַציאָנאַלע פֿערמענ־טאַציע ביי יידן, וועלכע היט אָפּ פֿון פֿולשטענדיקער אַסימילאַציע, איז עס נישט נאָר אַדאַנק דער יידישער קולטור און ליטעראַטור, וועלכע עקזיסטירט נאָך און האָט זיכער אַ פּאָזיטיווע ווירקונג, און אויך נישט נאָר אַ דאַנק פֿאָרמעלער רעליגיעזקייט, נאָר צוליב דער פֿאַרבינדונג און אינטערעס צו מדינת ישׂראל און צו איר ווערק, אירע טאַטן, איר פֿאַרטיידיקונגס־קאַמף.

די צוקונפֿט פֿון ציוניזם

די צוקונפֿט פֿון ציוניזם — אויב מיר פֿאַרשטייען אונטער דעם דאָזיקן באַגריף די גאַנצע נאַציאָנאַלע און גייסטיק־קולטורעלע פּראָבלעמאַטיק פֿון פֿאָלק — ליגט אין אַן אַלגעמיינער „שיבֿת ציון", אויב אפֿילו דאָס איז אַ זייער פֿאַרצויגענער פּראָצעס.

די דחיקת הקץ איז פֿאַרבאָרגן אין עצם פֿון דער יידישער געשיכטע. די קאַטאַקליזמען פֿון דעם גלות־לעבן „שטופּן" און יאָגן־אונטער די ציוניסטישע באַוועגונג, וועלכע איז שטענדיק געווען אַ העראַלד, אַן אָנזאָגער, וואָס זאָגט נבֿיאות און וואָרנט, אָבער אויך דער כּוח וואָס באַוועגט, דערציט, גרייט־צו און אָרגאַניזירט די יעניקע, וועלכע פֿילן די אומבאַקוועמלעכקייט פֿון זייער שטייגער־לעבן און לעבן־דורך די קאַטאַסטראָפֿעס.

די צייט פֿאַר ציוניזם איז נאָך נישט פֿאַרביי. ער מוז אָבער באַנייט ווערן, ער נויטיקט זיך אין גרעסערע אָנשטרענגונגען, דערציערישע און גייסטיקע, ער נויטיקט זיך אין אינערלעכן וווּקס. און דאָס איז זיין אמתדיקער עקזאַמען. אָבער ווען מיר פֿאָדערן די באַנייאונג פֿון ציוניזם אין גלות, פֿאָדערט זיך אויך אַ גרויסע ענדערונג אין זיין וויכטיקסטן צענטער — אין ישׂראל, ווו ציוניזם ווערט פֿאַרווירקלעכט. מאָראַלישע ווערטן, אַ רעזשים פֿון אַרבעט און קאָלאָניזאַציע, באַשיידענער לעבנס־שטייגער, ווינציקער גלאַנץ און אויסערלעכער פּוץ; פֿאַרשטאַנד פֿאַר אונזער היסטאָרישער שליחות און אחריות — דערפֿון קאָן אויסוואַקסן פֿונדאַסניי יידישע ציר־ניסטישע חלוצישקייט, אַ ווילן צו קאָנסטרוקטיווער אַרבעט, וואָס גייט נישט איין אויף פּשרות מיט באַקוועמלעכקייטן, וועלכע זענען געוואָרן אַן „אידעאַל" ביי פֿילע אין ישׂראל. אָבער אַ ישׂראל, ווו עס הערשט אַן „אַמעריקאַניזאַציע" פֿון לעבן, וועט נישט צוציען די יידישע יוגנט וואָס לעבט אין אַמעריקע. ווער וועט עס דען פֿאַרבייטן דעם „אָריגינאַל" אויף אַן ערגערן סוראָגאַט?

לאָמיר נעמען אויף זיך די פֿליכטן צו פֿאַרווירקלעכן דעם ציוניזם; דאָס וועט צוציען די יידישע יוגנט פֿון אויסלאַנד און וועט וועבן דעם פֿאָדעם פֿון המשכדיקייט פֿון יידישער גאולה, וואָס וועט מיט זיך ברענגען פֿרייהייט פֿאַרן יחיד און פֿרייהייט פֿאַרן פֿאָלק.

ש. שווייצער

יידיש פאלק און יידישע מדינה



דער בעל־היובל איז די יידישע מדינה, די שמחה איז די שמחה פונעם גאַנצן יידישן פאָלק.

נישטאָ זיכער קיין איין יידישער ישוב אין דער וועלט, מעג ער זיין ווי קליין און מעג ער זיך געפינען אין דעם פאַרוואָרפנסטן ווינקל פונעם ערד־קיילעך, וואָס זאָל זיך נישט פילן ווי אַ שותּף צו דער גרויסער נאַציאָנאַלער פרייד, וואָס זאָל נישט זיין שטאָלץ אויף די דערגרייכונגען פון דער מדינה אונדזערער און וואָס זאָל נישט צו־גלייך ציטערן פאַר איר ווייטערדיקן גורל.

די מדינה איז געשאַפן געוואָרן דורכן פאָלק. אירע יסודות זענען פאַרלייגט געוואָרן און זי איז אויסגעבויט געוואָרן דורך דעם פאָלקס בעסטע זין און טעכטער — דורך דער אויטענטישסטער יידישער באַפרייערישער פאָלקס־באַוועגונג, וואָס איר נאָמען איז ציוניזם.

און ווען די מדינה איז מיט צען יאָר צוריק אָפיציעל פראָקלאַמירט געוואָרן זעקס חדשים נאָכן היסטאָרישן באַשלוס פון די פאַראייניקטע פעלקער — איז די דאָזיקע פראָקלאַמאַציע נישט געווען עפּעס אַנדערש, ווי אַ לעגאַל־יורידישע פאַרדאָקומענטירונג פון לעבעדיקע, ממשותדיקע פאַקטן, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געהאַט געשאַפן אויף דער ערד פון זיין אַלט־באַניטן פאָ־טערלאַנד, ווי די רעאַליזירונג פון בענקענישן און שטרעבונגען צו אויסלייזונג, וואָס האָבן אים כסדר באַגלייט אין משך פון זיין צוויי־טויזנט־יאָריקן גלות־וועג.

ס'איז סימבאָליש, אַז דאָס פייערן פון דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל פאַלט קאַלענ־דאַריש צונויף מיט דעם יאָרטאָג פון דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

מיר האָבן שוין אַן אַלטע טראַדיציע ביי אונדז, אַז אַ נאַציאָנאַלע שמחה איז תמיד צונויפ־געמישט מיט געוויסע עלעמענטן פון טרויער. דאָס איז דער אייביקער געבאָט, וואָס הייסט אונדז קיינמאָל נישט פאַרגעסן די פינצטערע טעג פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט און רופט אונדז כסדר צו פאַרבאַהאַלטן אין זכרון און אין האַרצן די אַלע, וואָס האָבן אונדזער שמחה נישט דערלעבט, כאָטש זיי האָבן אין איר זייער חלק.

אינעם היינטיקן היסטאָרישן פאַל, בעת מיר פייערן דעם טאָג פון נאַציאָנאַלער דערלייזונג, באַהעפטן מיר זיך אין געדעכעניש מיט די אַלע מיליאָנען, וואָס זענען אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונדז אין יענע טעג, בעת וועלכע דער פינצטערער גלות־גורל אונדזערער האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדז און פאַר דער וועלט אין זיין גאַנצער מאוימדיקער אַכזריותדיקייט.

מיר דערמאָנען מיט ווייטיק און יראת הכבוד די אַלע העלדן, וואָס האָבן געהייליקט דעם יידישן נאָמען און פאַרטיידיקט דעם יידישן כבוד פּנים אל פּנים מיט אונדזערע שונאים און אויסראָטער, די אַלע זין און טעכטער אונדזערע פון דער הגנה, פון צבא הגנה לישראל מיטן פּלמ"ח בראש, וואָס זענען געפאַלן איןביידע פאַרטיידיקונגס־מלחמות, ווי אויך די אַלע, וואָס האָבן זייערע יונגע לעבנס אַוועקגעגעבן ביים פאַרלייגן די יסודות, אויף וועלכע די מדינה איז אויסגעוואַקסן.

זייער אַלעמענס חלק אין דער יידישער מדינה איז אַ גרויסער. לאָמיר זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן. לאָמיר זיי דערמאָנען אין טאָג פון דער גרויסער פאָלקס־פרייד.

*

די אויפטוען און דערגרייכונגען פון דער יידישער מדינה אין משך פון די ערשטע צען יאָר פון איר עקזיסטענץ — אויף אַלע געביטן — זענען אויסערגעוויינלעכע און האָבן זיכער קיין פאַרגלייך נישט אין דער געשיכטע פון פעלקער. דאָס יידישע פאָלק אין דער וועלט איז שטאָלץ מיט דער מדינה און פילט אינסטינקטיוו, אַז איר גלאַנץ און איר רום אין דער וועלט שיינען אַראָפּ אויף יעדן איינציקן יידישן יחיד, ווו ער זאָל זיך נישט געפינען.

קאָן זיין, אַז דאָס דאָזיקע איז פאַרן ייד שוין געוואָרן אַזאַ נאַטירלעכע זאַך, אַז ער האָט

אפילו אויפגעהערט עס צו פילן. ער וואָלט ערשט אָנגעהויבן צו פילן אויף וויפיל זיין אייגענער גורל הענגט אָפּ פון דעם גורל פון דער יידישער מדינה, ווען דאָרט וואָלט חס ושלום געשען עפּעס נישט גוטעס — פונקט ווי ס'איז מיטן מענטשנס געזונט, וואָס ער ווייסט עס ווי אַפּצושאַצן ערשט דאַן, ווען עס פעלט אים.

פאַרטראַכט מען זיך אָבער אַ מינוט, ווי וואָלטן מיר, יידיש פאָלק אין דער וועלט, היינט אויסגעזען, ווען די יידישע מדינה וואָלט מיט צען יאָר צוריק נישט געשאַפן געוואָרן, — קאָן מען דאַן באַנעמען אין דער פולער מאָס די באַדייטונג פון דער מדינה פאַרן פאָלק אין דער צעשפּרייטונג.

צי וואָלטן מיר נאָך היינט געווען עפּעס מער ווי איין גרויסע שארית הפליטה נאָכן חורבן, אַ בינטל גרעסערע אָדער קלענערע קבוצים אָן שום נאַציאָנאַלע פּערספּעקטיוון, אָן אויסזיכטן אויף מעגלעכע אויסלייזעריש איבעראַנדערשונגען און במילא — אָן אינהאַלט און אָן וועג אין טאָג־טעגלעכן לעבן?

דאָס שאַפן פון דער מדינה, איר עקזיסטענץ, איר אויפשוווּנג האָט — אָביעקטיוו גענומען — אָנגעפילט מיט אינהאַלט דאָס לעבן פונעם צעשפּרייטן פאָלק, האָט דאָס פאָלק אין אַ געוויסער מאָס צעמענטירט, געאייניקט, איז געוואָרן פאַר אים דער לייכט־טורעם אין דעם ברויזנדיקן ים, וואָס נעמט אַרום אַלע גלותן.

ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, מוז מען דאָך פעסטשטעלן, אַז דאָס אַנטשטיין פון דער מדינה האָט ערשט בולט געמאַכט די געפאַרן, וואָס לויערן אויף אונדזער עקזיסטענץ ווי אַ פאָלק.

אַ גרויסן טעות באַגייען די, וואָס האַלטן, אַז מיט דעם שאַפן פון דער מדינה איז דערגרייכט געוואָרן דער ציל, וואָס דער ציוניזם האָט זיך געשטעלט ביי זיין אַנטשטייאונג ווי אַ פּאָליטישע באַוועגונג מיט זעכציק יאָר צוריק.

אויב דאָס פּראָגראַם פונעם פּאָליטישן ציוניזם האָט אַנטהאַלטן די שטרעבונג צו שאַפן אַן „עפנטלעך־רעכטלעך געזיכערטע היים אין ארץ ישראל" (און מדינה איז די פולקאָמסטע פאָרם פון אַזאַ היים), טאָר מען נישט פאַרגעסן, אַז די דאָזיקע היים — אָדער מדינה — — איז בלויז דער מיטל צו דערגרייכן דעם ציל, וואָס איז געווען און געבליבן: דאָס אָפּשאַפן די יידן־פראַגע אין דער וועלט דורכן קאָנצענטרירן דאָס יידישע פאָלק אין זיין אייגענעם לאַנד.

היינט — 60 יאָר נאָך דעם אַנטשטיין פון דעם פּאָליטישן ציוניזם און 10 יאָר נאָך דער גרינדונג פון דער יידישער מדינה, אינעם ליכט פון די ממש רעוואָלוציאָנערע געשעענישן און אַנטוויקלונגען אין דער וועלט פאַר דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט, מוז יעדער אויפריכטיקער באַאָבאַכטער פעסטשטעלן, אַז די יידן־פראַגע איז, אין תוך גענומען, פאַרבליבן די זעלביקע, ווי זי איז געווען מיט יאָרן צוריק. בלויז די פאָרמען, אין וועלכע זי קומט צום אויסדרוק, קאָנען דאָ אָדער דאָרט זיין אַנדערע ווי אַמאָל; דער עיקר־פּראָבלעם איז נישט געענדערט געוואָרן.

די יידישע אייגנאַרטיקייט איז פאַרבליבן, די איזאָלאַציע־פּראָצעסן האַלטן אָן לגבי די יידישע מינדערהייטן, ווו זיי זאָלן זיך נישט געפינען. און כאָטש זיי זעען זיך אויבנאויפיק אפשר נישט תמיד אַרויס, ווערן זיי אָבער בולט אין צייט פון סאָציאַלע און פּאָליטישע אויפטרייסלונגען אָדער יווירונגען. דאָס דאָזיקע קומט פאָר, נישט געקוקט אויף דעם פאַראַלעלן אַסימילאַציע־פּראָצעס, וואָס האָט אין איין פאַרשטאַרקן זיך.

אַמאָליקע יאָרן האָט אַ יידן־פּראָבלעם עקזיסטירט צוזאַמען מיט אַ יידישן מאַסן־לעבן — היינט איז דער ענין פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט אפשר אַ טרויעריקערער. דאָס יידן־פּראָבלעם האָט נישט אויפגעהערט צו עקזיסטירן, אָבער צוגלייך מיט אים באַשטייט אַ מעכטיקע אַסימילאַציע־טענדענץ, וואָס שוואַכט מוראדיק אָפּ די ווידערשטאַנדקראַפט פונעם יידן ווי אַ יחיד און פאַרגרעסערט נאָך די געפאַרן פאַר דער עקזיסטענץ פונעם פאָלק ווי אַ כלל.

דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין די גלותן האָט זיך פאַר די לעצטע יאָרן פ אַ ר מ ע ר ב ט, דאָס הייסט, איז געגאַנגען אויפן וועג פונעם אַמאָליקן מערב־יידנטום פון דער עמאַנציפּאַציע־עפּאָכע. דערביי עקזיסטירט אָבער נישט מער דאָס אַמאָליקע שפּרודלדיקע יידישע לעבן פון די מ ז ר ח־לענדער, וואָס איז אין יענע יאָרן געווען די גאַראַנטיע פאַרן קיום האומה און דער קוואַל פון נאַציאָנאַלער ענערגיע און באַנייאונג.

הערצלס און באָראָכאָווס אַנאַליז פון דער יידישער ווירקלעכקייט איז פאַרבליבן אין זיין גאַנצער קראַפט בנוגע דעם איבערוויגנדיקן טייל פונעם יידישן פאָלק — 85% — וואָס געפינט

זיך היינט צו טאָג אויסער די גרענעצן פון דער יידישער מדינה. ער באַשטעטיקט זיך הן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, הן אין די סאָציאַליסטישע. גראָד אין ראַטנפאַרבאַנד, ווו די אָביעקטיוו באַדינגונגען פאַר פולשטענדיקער אַסימילאַציע און אויסמישונג האָבן געדאַרפט זיין די בעסטע, האָט זיך דער ציוניסטישער פּראָגנאָז אַרויסגעוויזן אין זיין פולן אמת.

אין ראַטנפאַרבאַנד איז דער מצב אַזאַ, אַז ער איז שוין אָן שום ספק אַריינגעדרונגען אינעם באַוווסטזיין פונעם גרעסטן טייל פון דעם דאָרטיקן דריי־מיליאָניקן יידישן ישוב.

אין פוילן האָט דווקא דער ליבעראַלערער רעזשים אַנטפּלעקט אין זיין גאַנצער שאַרפקייט די לאַגע פון די דאָרטיקע יידן און זייער דראַנג נאָך עליה און אויסלייזונג, וואָס איז יאָרנלאַנג געווען געפּענטעט. די תורה פון אַסימילאַציע האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן ווי אַ באַנקראָטירטע. ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז די יידן ווערן אויך ביי די כלומרשט גינסטיקסטע באַדינגונגען נישט אַבסאָרבירט דורך די שכנותדיקע פעלקער און פאַרבלייבן, נישט געקוקט אויף אַלעם, אַ פרעמדער אָרגאַניזם.

אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז די לאַגע, וואָס אָן אמת, נישט צוגעשפּיצט, און ס'קאָן זיך אויסדאַכטן, אַז דאָרט, אין באַדינגונגען פון בירגערלעכער און פּאָליטישער פרייהייט און גלייכקייט, קאָן דער ייד אָן שטערונגען דערגרייכן יעטוועדן סאָציאַלן אויפשטייג לויט זיינע פעיקייטן און באַמיאונגען. דאָס קאָן זיין ריכטיק וואָס שייך יחידים (פּונקט ווי דאָס איז ריכטיק געווען אין די אַמאָליקע קאָמפּאַקטע יידישע ישובים, אַפילו אין מזרח־אייראָפּע). דער תוך אָבער פון דער יידן־פּראַגע, ווי פון דעם פּראָבלעם פונעם יידישן כלל, איז פאַרבליבן דער זעלביקער, וואָס אַמאָל. די קאַפּיטאַליסטישע וועלט איז פאַרבליבן ווי זי איז געווען, ד. ה. אויסגעשטעלט אויף עקאָנאָמישע און סאָציאַלע קריזיסן און קיינער קאָן נישט פאַרזיכערן, וואָס אַזעלכע דערשיטערונגען קאָנען מיט זיך ברענגען פאַר די באַטרעפנדיקע יידישע ישובים. דער אַנטיסעמיטיזם אין אַלע זיינע פאָרמען איז תמיד געווען און איז געבליבן אַ געפערלעכער אויפרייס־שטאָף ביי אַלע סאָציאַלע אויטפרייסלונגען.

*

אין פראַנקרייך איז דער מצב לײדער און לײדער שפּלדיק מיר האָבן אין פראַנקרייך, 13 יאָר זינט דער באַפרייאונג, פאַרלוירן כמעט אַ האַלבן דור יידן. פראַנקרייך פאַרמאָגט גוטע הייסע יידישע יידן. זיי זענען אויפגערודערט געוואָרן אין די טעג פון דער סיני־קאַמפּאַניע. עס זענען אָבער פאַראַן פּראָבלעמען פון חינוך.

אַ ביישפּיל. פּאַריז פאַרמאָגט לויט די השערות — קיין גענויע סטאַטיסטיק איז נישטאָ — אומגעפער 250 ביז 270 טויזנט יידן, ד. ה. בערך פון 60 ביז 70 טויזנט יוגנטלעכע און קינדער. אין פּאַריז זענען פאַראַן נישט מער ווי 3000 קינדער — דאָס איז די מאַקסימאַלע צאָל — וועלכע געניסן אויף דעם אָדער אַנדערן אופן אַ שמץ פון יידישער דערציאונג. טאָג־טעגלעך גייען אין יידישע שולן אין פּאַריז נישט מער ווי 300 אָדער 330 יידישע יינגלעך און מיידלעך. עס זענען פאַראַן צוגאָב־שולן. אַז אָך און ווי צו די דאָזיקע צוגאָב־שולן. עס זענען פאַראַן זומער־קאָלאָניעס אַרום פּאַריז און אין פאַרשידענע ערטער ביים ים און אויף די בערג. מען האָט זינט עטלעכע יאָר אָנגעהויבן איינצופירן די זומער־קאָלאָניעס פאַר ישראל. האָבן אונדזערע ציוניסטישע פאַרטייען מיט דער ציוניסטישער פעדעראַציע געקאָנט און געדאַרפט אויסנוצן דעם אוצר, וואָס די קינדער באַדייטן פאַר אונדז. די צאָל פון די קינדער, וואָס זענען געווען אין ישראל דערגרייכט שוין היינט צו 1800 ביז 2000. אָבער ווו זענען זיי? ציי האַלט מען זיי צוזאַמען?

לויט ידיעות, וועלכע זענען דאָ, גרייט מען זיך אויף דעם מוסטער פון דעם פראַנצויזישן ליצעאום אין תל־אביב צו מאַכן אויך אַ העברעאישן ליצעאום אין פּאַריז. מען שעמט זיך מן הסתם פאַר די גויים עס נישט צו מאַכן. עס איז אָבער געווען אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט געהייסן „דערציאונגס־צענטער". די אינסטיטוציע האָט עקזיסטירט 8 ביז 9 יאָר. מיט 3 חדשים צוריק האָט מען זי אויף אַ זיצונג פון דער העכסטער סאָציאַלער אינסטאַנץ פון די פראַנצויזישע יידן, פולשטענדיק ליקווידירט.

דעם 30־טן סעפּטעמבער האָט די אינסטיטוציע אויפגעהערט צו עקזיסטירן. דער „פאָנד" האָט צוריקגעצויגן דעם בודזשעט פון וועלכן דער „דערציאונגס־צענטער" האָט געהאַט געגאַסן. און דאָס איז געווען די איינציקע אינסטיטוציע, אַדאַנק וועלכער יידישע קינדער, יידישע שילער, יידישע סטודענטן האָבן געקאָנט געפינען עפּעס ממשותדיקס פון יידישקייט, ציוניזם און ישראל. ציוניסטן האָבן נישט אויפגעהויבן קיין פינגער, כדי צו דער דאָזיקער חרפה נישט דערלאָזן.

דאָס וויל כלל נישט הייסן פּרעדיקן גרויל־פּראָפּאַגאַנדע, וואָס שייך אונדזער צוקונפט אין די גלות־לענדער און מאָלן די אויסזיכטן פון די פאַרשידענע יידישע ישובים אויסער ישראל אין שוואַרצע פאַרבן. ווען מען וויל אָבער אָנצייכענען פּערספּעקטיוון פאַר די יידישע צעוואָרפענע קיבוצים, מוז מען קוקן דעם אמת אין די אויגן אַריין און זיך נישט לאָזן פאַרוויגן דורך זיסע אילוזיעס.

ס׳איז דער חוב פון די פאַראַנטוואָרטלעכע יידישע טוער אין אַלע לענדער אין דער וועלט צו וועקן דעם באַוווסטזיין פון די יידן, זיי זאָלן באַגרייפן די אמתע לאַגע זייערע. זינט יאָרן זענען מיר עדות פון אַ דיסקוסיע, וואָס גייט אָן מיט די פאַראַנטוואָרטלעכסטע ציוניסטישע פירער פונעם אַמעריקאַנער יידנטום אין דעם פּרט און ס׳זעט זיך נאָך ליידער נישט, זיי זאָלן אָנהויבן באַנעמען ציוניסטיש דעם מצב פון זייער ישוב.

ווען דאָס אַמעריקאַנער יידנטום וועט אָנהויבן צו באַגרייפן, אַז מיט שטיצן ישראל מאַטעריעל און פּאָליטיש (און קיינער טאָר נישט אונטערשעצן דעם קאָלאָסאַלן ווערט, וואָס די דאָזיקע הילף באַטייט פאַר דער מדינה), טאָר מען מער היינט צו טאָג נישט יוצא זיין, נאָר מ׳מוז קלערן וועגן אַ ל יי ן א י ב ע ר ב ו י ע ן ז י ך, באַהעפטיקנדיק זיך מיט דער יידישער מדינה, שיקנדיק אַהין אייגענע קינדער־חלוצים, וועט עס האָבן געמאַכט אַ גרויסן שריט צום פאַרזיכערן זיין אייגענעם קיום. (דאָס זעלביקע איז גילטיק אויך פאַר די אַנדערע ישובים אין דער וועלט).

אין דער פּערספּעקטיוו וועט אויך אַנדערש אויסזען דאָס שטאַרקן יידיש לעבן אויף די ערטער, וואָס איז היינט צו טאָג געוואָרן דער הויפּט־לאָזונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין דער גאָרער וועלט.

קיבוץ גלויות איז אַ לאַנגער, אַ סך דורות־אַרומנעמענדיקער פּראָצעס. אָבער יעדער דור דאַרף צוטראָגן צו אים זיין אייגענעם צושטייער.

אונדזער היינטיקער דור אין חוץ לארץ — אין די פאַרשידענע גלותן פון אונדזער אַלוועלטלעכער צעשפּרייטקייט — מוז זיך אין די טעג פון דעם ערשטן חג העשור פון דער מדינה כסדר שטעלן די פראַגע: וואָס האָבן מיר געטאָן צו דער פאַרווירקלעכונג פון דער פולקאָמער אויסלייזונג פונעם פאָלק, פאַר וועלכער ס׳איז מיט צען יאָר צוריק געשאַפן געוואָרן דער גרויסער און דערהויבענער מיטל, וואָס הייסט: יידישע מדינה?

...ווער עס חייסט דעם טעם פון ח י ר ד ע א ו ן ש יי נ ק יי ט אין לעבן — דער וועט נישט פאַרקויפן זיין נשמה פאַר אַ מנווולדיקן לעבן און נישט פאַר אַ מנוחלדיקן טויט.

ח. נ. ב י אַ ל י ק

חיים פינקעלשטיין

יידישער קיום אין דרום אמעריקע

דאָס צענטראַלסטע פּראָבלעם, וואָס שטייט היינט פאַר יידישע ישובים אפשר אין דער גאָרער יידישער וועלט, איז דאָס פּראָבלעם פון י י ד י ש ע ר ק ו ל ט ו ר א ו ן י י ד י ש ע ר ד ע ר צ י ו נ ג.

נישט בלויז מדינת ישראל פייערט איר צען יאָריקן יובל — דאָס גאנצע פאָלק פייערט אים.

אָבער דער חג העשור פאַרפליכטעט אונדז צו זען נ י ש ט ב ל ו י ז ד י מ ד י נ ה א ל י י ן. דאָס בילד פון דער מדינה וועט זיין ניט קלאר, אויב מיר וועלן ביי דער געלעגנהייט נישט מאכן דעם חשבון ווי עס זעט אויס ד אָ ס ג אַ נ צ ע י י ד י ש ע פ אָ ל ק. דאָס דאַרפן מיר טון, טאקע אין ליכט פון דער מדינה, אונטער דעם פּראָזשעקטאר פון אָט דער נייער נאַציאָנאַלערווירקלעכקייט אין וועלכער מיר לעבן היינט. אנדערש — אָן דעם אלגעמיינעם חשבון — וועט אויך דער חשבון פון דער מדינה נישט זיין קיין פולער, קיין גאנצער.

צוויי באלאנסן

די מלוכה איז געקומען צום יום־טוב מיט אַ באַלאַנס פון גרויסע דערגרייכונגען אויף אַלע געביטן פונעם לעבן. ווירטשאפטלעך, פּאָליטיש, מיליטעריש, גייסטיק, קולטורעל — אלץ איז אין צושטאַנד פון כסדרדיקן וווקס און אַנטוויקלונג. און אַלע דערפאַרונגען פון די פאַרגאַנגענע צען יאָר באווייזן, אז מיר קענען קוקן מיט צוטרוי אויף דער צוקונפט פון ישראל.

געשעט דאָס זעלבע אויך מיטן יידישן לעבן אין דער וועלט?

איז אויך אונדזער באלאנס פון די לעצטע יאָרן געלאָפן פאראלעל מיטן באלאנס פון ישראל? ליידער איז אונדזער חשבון אן אנדערער.

אין דער זעלבער צייט וואָס די מדינה גייט בארג ארויף, גייט דאָס יידישע לעבן אין דער גאָרער וועלט — צו אונדזער באַדויערן — באַרג־אַראָפּ.

עס איז נישט קיין מליצה אויב מיר וועלן זאָגן, אז דאָרט ווערט ליכטיקער פון יאָר צו יאָר, פון טאָג צו טאָג. דאָ, ביי אונדז, אין אלע תפוצות, ווערט — ליידער — טונקעלער.

י ש ר א ל — ווי געזאָגט — האָט צו פאַרצייכענען נישט בלויז מיליטערישע נצחונות און ווירטשאַפטלעכע דערגרייכונגען. אויך אויפן קולטור־געביט און אויף אַלע געביטן פונעם גייסטיקן לעבן זענען די דערגרייכונגען גאָר נישט קלענער, און אפשר — לויט מיין באַשיידענער מיינונג — נ אָ ך ג ר ע ס ע ר.

פון פארשיידענע שבטים, מיט פארשיידענע לשונות, דערוויטערטע און פרעמדע, פאָרמירט אויס ישראל אן א י י נ ה י י ט ל ע ך פ אָ ל ק מיט א ג ע מ י י נ ז א מ ע ר נאציאָנאלער שפּראך, מיט א י י ן קולטור, וואָס טראָגט אין זיך די אידעע פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס און גלייכצייטיק אויך — די סימנים פון אַ נייער ציוויליזאציע, אין גייסט פון דער אלטער און אייביקער לערע פון די נביאים פון ישראל.

א ו י ס ע ר י ש ר א ל וואקסט די אסימילאציע אין דעם יידישן לעבן. פון איין שפּראך גייען מיר אַריבער צו אַ ס ך ש פּ ר אַ כ ן; פון אַן איינהייטלעכער קולטור — צ ו אַ צ ע ב ר ע־ ק ל ט ע ר און עס איז פאַראַן די געפאַר, אַז דער מאַסיוו פון פאָלק, וואָס האָט דורך פיל יאָרהונדערטער פון דער געשיכטע אויסגעהאַלטן זיין איינהייטלעכן נאַציאָנאַלן קולטור־כאראקטער, זאָל דווקא איצט צ ע ש פּ ל י ט ע ר ט ווערן אין באזונדערע שבטים, וואָס פאלן ארונטער אלץ מער און מער דער השפעה פון די לענדער און פעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן.

די דאָזיקע כאראקטעריסטיק וועגן דער לאגע פון יידן איבער דער וועלט אין פארגלייך מיט ישראל, פארמינערט גאָרנישט די חשיבות און די ווערטן פון דער יידישער מדינה. מחמת די מדינה־אידעע און איר טרעגער — דער ציוניזם, האָט קיינמאָל נישט צוגעזאָגט, אַז אין זכות פון דער מדינה וועט געגעזן ווערן דאָס פאָלק אויך א ו י ס ע ר דער מדינה.

פאַר אונדז מוז זיין קלאָר: דער גלות — אין זיין נאַציאָנאַלן, סאָציאַלן — און במילא אויך אין זיין קולטורעלן אַספּעקט — לייזט זיך אויף נאָר פאַר יענע יידן וואָס קומען איז דעם אייגענעם לאַנד. פאַר די וואָס בלייבן אויסער דער מדינה בלייבט גלות — גלות, מיט אַלע געפאַרן פון נאַציאָנאַלער ליקווידאַציע און מיט אַלע מעגלעכע קאָנסעקווענצן, וואָס זענען פאַרבונדן דערמיט.

און ווייל עס איז פאַראַן די דאָזיקע געפאַר — מוזן מיר שטענדיק שטיין אויף דער וואַך.

דער סאָציאַלער מצב

אײדער מיר גייען צו צו דעם גייסטיקן באַלאַנס פון די יידן אין די תפוצות ווילן מיר זיך דאָ אָפּשטעלן אין קורצן אויף דער עקאָנאָמיש־סאָציאַלער לאַגע פון די יידישע מאַסן אין די גלות־לענדער בכלל און אין די אַמעריקעס בפרט. עס איז אויך איבעריק פיל אויפצוקלערן, אַז דער גייסטיק־קולטורעלער מצב און די סאָציאַל־עקאָנאָמישע לאַגע פון גלות־יידנטום זענען גע־קניפּט און געבונדן צווישן זיך, דאָס זענען צוויי זייטן פון איין מטבע און מען קאָן נישט באַ־האַנדלען איין פּראָבלעם, נישט באַרירנדיק גלייכצייטיקן דעם צווייטן.

דער ווערט פון ישראל באַשטייט נישט בלויז אין דער געאָגראַפישער קאָנצענטרירונג פון יידן, נאָר ער באַשטייט אין דעם, וואָס אַ דאַנק דער נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע קומט פאָר אַ טיפע סאָציאַלע איבערשיכטונג פון די יידן וואָס קומען קיין ישראל.

פון נעכטיקע קליינהענדלער, פון נישט־פּראָלעטאַריער, ווערן יידן אין ישראל פויערים, ווערן יידן פּראָלעטאַריער. פופצן פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג זענען שוין היינט באַשעפ־טיקט ביי דער לאַנדווירטשאַפט און די צאָל אַרבעטנדיקע אין די שטעט, די צאָל עקאָנאָמיש־אַקטיווע אין די פאַרשידענע צווייגן פון דער ווירטשאַפט האָט אין ישראל איבערגעשטיגן פיל אַלטע און אַנטוויקלטע לענדער. און קלאָר איז, אַז חוץ ישראל, האָבן יידן אין ערגעץ אין דער וועלט נישט געהאַט אַזאַ פּראָפּאָרץ אין דער לאַנדווירטשאַפט, אין דער אינדוסטרי און אין דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג בכלל.

מיט העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק האָט בער באָראָכאָוו, דער באַגרינדער פון פּראָ־לעטאַרישן ציוניזם, אָנגעוויזן אויף דער אומנאָרמאַלער סאָציאַלער סטרוקטור פון יידישן פאָלק, ווי אַ רעזולטאַט פון די גלות־באַדינגונגען אין וועלכע דאָס פאָלק לעבט. צווישן אַנדערע אייגנאַר־טיקע דערשיינונגען אין יידישן לעבן, האָט ער אָנגעוויזן אויף דער אומנאָרמאַלער צאָל נישט־פּראָדוקטיווע עלעמענטן; אויפן פעלן פון אַ גרויסער אַרבעטערשאַפט; פון אַ פויערטום און אויפן נישט זיין פאַרטראָטן אין די צווייגן פון דער ווירטשאַפט, וואָס דעצידירן די עקאָנאָמישע אַנט־וויקלונג און דעם גאַנג פונעם לעבן פון די פאַרשידענע לענדער ווו יידן וווינען.

פאַר דער צייט זענען פאָרגעקומען גרינטלעכע איבערקערענישן און ענדערונגען אין דער גאַנצער וועלט.

עס האָט זיך געביטן די געאָגראַפיע פון יידישן וועלט־פאָלק. ס׳האָבן זיך געביטן די פּאָלי־טישע רעזשימען אונטער וועלכע יידן לעבן; אין אַ גרויסער טייל וועלט איז באַזייטיקט געוואָרן דער קאַפּיטאַליזם. מיט יידן גופא זענען געמאַכט געוואָרן גרויסע סאָציאַלע, ווירטשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע עקספּערימענטן אין אַמעריקע, אַרגענטינע, קאַנאַדע, רוסלאַנד, אוקראַינע און אין אַנדערע לענדער.

וואָס איז דער רעזולטאַט פון דעם אַלעמען ביים היינטיקן טאָג?

דער פּראָצעס פון דעפּראָלעטאַריזאַציע גייט אָן מיט דער גאַנצער שאַרפקייט אין אַלע לענ־דער, אונטער אַלע רעזשימען, אָן אונטערשיד.

וויפל האָפענונגען, וויפל מי און וויפל מיטלען איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַמעריקע, אין אַרגענטינע, אין ראַטנפאַרבאַנד (אוקראַינע, קרים, ביראָבי־דזשאַן)? און וואָס איז פון דעם געוואָרן?

די צאָל יידישע קאָלאָניסטן, פויערים, ווערט כסדר קלענער, נישט בלויז פּראָצענטועל, נאָר אויך נומעריש. יידישע אַרבעטער, פּראָלעטאַריער ווערן אַלץ ווינציקער און ווינציקער אין דער גאַנצער וועלט.

אין מערב און צענטראַל־אייראָפּע, אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע, שווייץ, איטאַליע —

זענען היינט קיין יידישע אַרבעטער בכלל נישטאָ. דאָס זעלבע איז אויך אין די מערסטע לענדער פון דרום־אַמעריקע, ספּעציעל אין די קלענערע ישובים. אין אַרגענטינע קאָן מען נאָך רעדן וועגן יידישע אַרבעטער בלויז אין בוענאָס־איירעס. אָבער אין דער פּראָווינץ, ווו עס לעבן צווישן הונ־דערט פופציק און צוויי הונדערט טויזנט יידן, זענען קיין יידישע אַרבעטער, מיטן אויסנאַם פון די קאָלאָניעס, אויך נישט בנמצא.

ווי ס'איז באַקאַנט, פאַלט די צאָל יידישע פיזישע אַרבעטער אויך אין ראַטנפאַרבאַנד. און דאָס זעלבע געשעט אויך אין דעם סאַמע סאָציאַל־ און פּאָליטיש־קעגנזעצלעכן לאַנד — אין אַמעריקע.

יידישע אַרבעטער, אין אַ גרויסער צאָל, זענען נאָך פאַראַן אין גרויסן ניו־יאָרק, אין גאַר ווינציק — אין דער פּראָווינץ. אָבער אויך אין ניו־יאָרק ווערט די צאָל יידישע אַרבעטער אַלץ קלענער, ספּעציעל צווישן נייעם דור.

עס איז אינטערעסאַנט די סטאַטיסטיק וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן צווישן די אַביטוריענטן פון די אַרבעטער־רינג־מיטלשולן. צווישן 263 אויסגעפרעגטע עקס־תלמידים ווערט אָנגעגעבן, אַז 19 פּראָצענט זענען פּראָפעסיאָנאַלן; 11 פּראָצענט לערער און פּראָפעסאָרן; 6 פּראָצענט גע־שעפטסלייט, 33 פּראָצענט הויז־פרויען; 8 פּראָצענט דירעקטאָרן; 3 פּראָצענט „ווייסע קאָלנער"־אַרבעטער.

און בלויז איין פּראָצענט זענען שאַפּ־אַרבעטער.

היות דאָס זענען אַביטוריענטן פון סאָציאַליסטישע שולן, ווו עס ווערט געפלעגט ליבשאַפט און באַציונג צו אַרבעט, קאָן מען נישט גלייבן, אַז ביי די דאָזיקע מענטשן איז פאַראַן אַ פאַר־אורטייל צו אַרבעט. דערביי דאַרף מען געדענקען, אַז די מערסטע זענען אַליין קינדער פון אַרבעטער. איז אויב צווישן זיי זענען פאַראַן שאַפּ־אַרבעטער בלויז איין פּראָצענט, ווי איז שוין דער חשבון צווישן דער יוגנט אין אַלגעמיין?

געוויס קאָן מען נישט אָננעמען די דאָזיקע סטאַטיסטיק פון דער גאַנץ באַגרענעצטער צאָל אַביטוריענטן פון די אַרבעטער־רינג־מיטלשולן ווי אַ מאָסגעבנדיקן יסוד ביים באַשטימען די צאָל און די פּראָפּאָרץ פון יידישע אַרבעטער צווישן נייעם דור אין גרעסטן יידישן ישוב אין דער וועלט. אָבער כאַראַקטעריסטיש איז די דאָזיקע סטאַטיסטיק און קלאָר איז, אויך אַדאַנק אַנדערע פאַקטן, אַז די צאָל יידישע אַרבעטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן ווערט כסדר אַלץ קלענער.

אין אַרגענטינע איז די דעפּראָלעטאַריזאַציע פון יידישע אַרבעטער, געקומענע פון שטעט און שטעטלעך פון מזרח־אייראָפּע, אָנגעגאַנגען פיל שנעלער און אימפּעטפולער ווי אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן. אין צפון־אַמעריקע האָט די יידישע מאַסן־עמיגראַציע ביים סוף פון פאָריקן און אין אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט, זיך אָנגעטראָפן אויפן פּראָצעס פון דער גרויס־קאַ־פּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג; אויף דעם אויפקום פון דער מעכטיקער אינדוסטריע, אין וועלכער דעם יידישן אַרבעטער און בעל־מלאכה פון קליינעם שטעטל, אָן מיטלען און דערפאַרונג איז נישט געווען אַזוי לייכט אַריבערצוגיין די שוועל. אין אַרגענטינע, דאַקעגן, איז דער איבערגאַנג צום מיטלשיכט געוואָרן פיל לייכטער. דער וועג צום מיטל־קלאַס איז געווען פולשטענדיק אָפן. דאָס לאַנד האָט זיך געניטיקט אין דעם אָנטייל פון דעם יידן אינעם האַנדל, אין דער האַנט־ווערקעריי, אין דער ניי־אויפגעקומענער יונגער אינדוסטריע. אפילו מיט גאָר קליינע מיטלען האָט מען געקאָנט צוקומען צו די דאָזיקע נייע יונגע ווירטשאַפט־צווייגן.

דאָס זעלבע איז אויך געשען אין בראַזיל, אין טשילע, אין אורוגוויי און אין די אַנדערע לענדער פון דרום־אַמעריקע, ווו יידן בילדן אַ גאָר וויכטיקן באַשטאַנדטייל אינעם אוואַנגאַרד פון זייער נאָר־וואָס אויפגעקומענער קאַפּיטאַליסטיש־ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג.

וואָס איז דער סך־הכל, היינט־צו־טאָג, פון אונדזער סאָציאַלן באַלאַנס אין אַרגענטינע?

ביזן סוף פון די צוואַנציקער יאָרן זענען נאָך געווען אין בוענאָס־איירעס באַזונדערע אָרגאַ־ניזירטע יידישע גרופּעס ביי די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־פאַריינען פון סטאָלערס, שניידער, קירזשנער. געווען איז אויך אַ גרויסע צאָל יידישע אַרבעטער אין אַנדערע פאַכן, הגם זיי זענען נישט געווען באַזונדער אָרגאַניזירט. היינט איז נישטאָ קיין איין אָרגאַניזירטע פּראָפעסיאָנעלע יידישע אַרבעטער־גרופּע. דאַקעגן זענען היינט פאַראַן פאַריינען פון יידישע מעבל־פאַבריקאַנטן, שניידער־באַלעבאַטים, שטריקער־פאַבריקאַנטן, טעקסטיל־פאַבריקאַנטן, קאָאָפּעראַטיוון פון יידי־

שע קליינהענדלער, גאָלד־סוחרים, פוטערוואַרג־סוחרים, אַ יידישער באַנק־וועזן און אַ שלל מיט לייַ־קאַסעס און אַנדערע עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס, וואָס באַדינען דעם מיטלקלאַס. אָבער פּראָפעסיאָנעלע, צי סאָציאַלע אינסטיטוציעס פון יידישע אַרבעטער — גאָרנישט.

אין דער גאַנצער וועלט (חוץ ישראל), קאָנצענטרירן זיך יידן אַלץ מער אינעם מיטל־קלאַס, ווי אונטערנעמער, פּאַרמיטלער, סוחרים, בעלי מלאכות, קליינהענדלער און אין די פרייע פּראָפעסיעס. דער פּראָצעס פון דעפּראָלעטאַריזאַציע גייט אָן אין דער גאַנצער וועלט, אָן אונטערשיד. אומעטום, צי דאָס איז אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, צי אין דער סאָציאַליסטישער, איז די סאָציאַלע סטרוקטור פון יידן די זעלבע אומנאָרמאַלע. אומעטום זענען יידן אין די זעלבע ווירטשאַפט־צווייגן, וואָס זענען די ערשטע מעגלעכע קרבנות פון יעדן ווינטל, שוין אָפּגערעדט פון אַ שטורעם...

עקאָנאָמיש מעגן אפילו אַ גרויסער טייל יידן לעבן גאָרנישט שלעכט. פון אַ יחידישן שטאַנדפּונקט איז עס זיכער נישט קיין פּראָבלעם. ס אָ צ י אַ ל געזומען איז אָבער די לאַגע פון יידן, ווי אַ נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו, נישט קיין נאָרמאַלע.

די דאָזיקע סאָציאַלע אומנאָרמאַלקייט ווירקט זיך אויס אויף פאַרשידענע געביטן פונעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן און זי ווירקט זיך אויך אויס אויפן פּראָצעס פון עליה קיין ישראל, ספּעציעל פון די לענדער פון דער מערבדיקער וועלט, וו די עליה איז נישט באַשווערט, ווי אין די מזרח־לענדער, צוליב פּאָליטישע מאָטיוון..

עס איז פאַר מיר קיין ספק נישט, אַז ווען מיר וואָלטן היינט פאַרמאָגט אַ יונגע יידישע אַרבעטערשאַפט אין די לענדער פון מערב־אייראָפּע און אַמעריקע, וואָלטן מיר אויך געהאַט אַן אומפאַרגלייכלעך גרעסערע עליה פון די דאָזיקע לענדער.

דעם יידן פון מיטלקלאַס איז היינט נישט בלויז שווערער ווי דעם אַרבעטער זיך אָפּצורייסן פון זיינע דעראָבערטע פּאָזיציעס אויפן פּלאַץ וו ער לעבט, נאָר אים איז אויך שווער אויפצוהאַלטן זיין סאָציאַלע פּאָזיציע ווען ער קומט אין ישראל.

ישראל נייטיקט זיך טאַקע אין יידן, אָבער זי נייטיקט זיך נישט אין קיין פּאַרמיטלער, הענדלער, סוחרים. זי נייטיקט זיך אין אַרבעטספּעציקע, פּראָדוקטיווע עלעמענטן אין שטאָט און אין דאָרף. און אויף די פּאָזיציעס איז דער ייד פון מיטלקלאַס נישט גרייט צו גיין. די, וואָס וואָלטן געוויס יאָ גרייט געווען צו גיין — די יידישע אַרבעטערשאַפט — מחמת זי האָט — פּאַראַפּראַזירנדיק אַן אַלטן רעוואָלוציאָנערן זאָג — גאָרנישט צו פאַרלירן, נאָר בלויז צו געווינען פון דער עליה, זי, די דאָזיקע אַרבעטערשאַפט, פאַרשווינדט וואָס ווייטער אַלץ מער פון דער סאָציאַלער אַרענע אין אַלע לענדער וו יידן לעבן היינט־צו־טאָג.

אַזוי זעט אויס דער סאָציאַלער מצב פון די יידישע מאַסן אין זייער צעשפּרייטקייט. ער איז אומנאָרמאַל און שווער, אָבער פיל שווערער פאַר אים איז דער גייסטיק־קולטורעלער באַלאַנס פון די יידישע תפוצות, גאַנץ באַזונדער פון דעם יונגן דור אין די גלות־לענדער.

דער גלות - און א קולטור־רענעסאנס

די אַנטשטייאונג פון דער מדינה האָט געראַטעוועט נישט בלויז די יידן וואָס לעבן אין איר, נאָר דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. זי האָט דעם יידן אין גלות געראַטעוועט מאָראַליש. זי האָט דערוועקט ביי יידן אַ געפיל פון נייעם מענטשלעכן שטאָלץ און האָט אַנטפּלעקט נייע טיפע, ביז איצט אַפילו נישט געאָנטע, קוואַלן פאַר דער נאַציאָנאַלער יידישער ווירדע.

אָבער ביי דעם אַלעמען, איז עס דאָך נישט געלונגען אָפּצושטעלן די אַסימילאַציע און צו פאַרשטאַרקן דאָס קולטור־שעפערישע לעבן אין די תפוצות. וואָס שייך — אַ נאַציאָנאַלן קולטור־רענעסאַנס, זעט עס אויס גאָר ווייט, ווייט...

דער אויפקום פון ציוניזם, ווי א פּאָליטישע באַוועגונג פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, האָט דווקא געבראַכט מיט זיך גלייכצייטיק דעם אויפלעב פון א נאַציאָנאַלער קולטור־באַוועגונג; זי האָט געבראַכט די באַנייונג פון דער העברעישער שפּראַך, די באַנייונג פון פיל גייסטיקע ווערטן און דעם אויפקום פון פיל שעפערישע כוחות, וואָס האָבן אויפגערודערט ביז די טיפענישן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. וויפל קולטור־שעפערישע ווערטן און מאַניפעסטירונגען פון גייסטיקער אויז געזעלשאַפטלעכער דערהויבנקייט זענען אויפגעקומען דעמאָלט און זינט דעמאָלט. היינט, אין

דער תקופה פון דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם, מערקט זיך נישט דערווייל קיין סימן פון אַן ענלעכן קולטור־רענעסאַנס אין דער יידישער וועלט, אויסער דער יידישער מדינה.

אָפּט שטעלט זיך די פראַגע:

אַזויפיל דראַמאַטישער שטאָף אַזויפיל גבורה און קדושה; אַזויפיל יידיש־מענטשלעכע דערהויבנקייט; אַזויפיל יידישע באַנייאונג; אַזאַ שלל פון נייע אייגענע ווערטן און אייגענער יצירה וואָס ישראל פאַרמאָגט, אַז עס שטייגט ממש איבער אַלץ וואָס מען האָט זיך געקענט פאָרשטעלן וועגן דער מדינה און וועגן יידישן פאָלק, — פאַרוואָס האָט עס נאָך נישט געפונען דעם געהעריקן אָפּקלאַנג אין דער ליטעראַטור? אין דער קונסט? פאַרוואָס האָט עס נישט משפיע געווען אויפצורודערן אונדזער גייסטיקן און קולטורעלן לעבן?

שווער צו געבן אַ געגוייען ענטפער.

געוויס קען מען טיילווייז פאַרענטפערן די פראַגע מיטן גייסטיקן קריזיס, וואָס עס לעבט איבער די גאַנצע וועלט. פאַראַן אָבער אויך אייגענע סיבות, פיל טיפערע:

פון איין זייט דערקלערט זיך עס אפשר דערמיט וואָס די מדינה איז אויפגעקומען באַלד נאָכן גרויסן חורבן, וואָס האָט צוזאַמען מיטן מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום אומגעבראַכט אונדזער פאָלקס־אינטעליגענץ, אונדזערע שרייבער און לערער, אונדזערע בעסטע שעפערישע כוחות.

די פאַרווירקלעכונג פון נאַציאָנאַלן מלוכה'שן ווידערגעבורט האָט אונדז געטראָפן אין אונדזער גרעסטער צעבראָכנקייט, וואָס וועט נאָך לאַנג, לאַנג זיך לאָזן פילן אינעם יידישן לעבן. נישט אומזיסט זענען אונדזערע שרייבער, אונדזערע דיכטער נאָך אַלץ פאַרנומען מיט באַוויינען דעם אומגליק פון יידישן פאָלק. די יידישע ליטעראַטור באַשעפטיקט זיך פאַקטיש נאָך אַלץ מיט איין טעמע: ח ו ר ב ן. און דאָס אַליין, אפילו ווען דאָס איז דער שענסטער, דער העכלעכסטער מאָנומענט אויף דעם פאַרשניטענעם יידישן לעבן, קאָן נישט ווערן קיין קוואַל פאַר אַ נייעם יידישן קולטור־רענעסאַנס.

די נייע גענעראַציע - ווייט פון אונדז

פון דער צווייטער זייט — קומען נישט צו ביי אונדז ק י י ן נ י י ע ש ע פ ע ר י ש ע כ ו ח ו ת. זיי האָבן נאַטירלעך געדאַרפט קומען פון דער נייער גענעראַציע. און דאָ ליגט דער שווערפּונקט: די נייע גענעראַציע אין איר אַבסאָלוטער מערהייט, איז נאָך נישט צוגעגרייט צו דער גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכער שליחות. צווישן דער נייער גענעראַציע מיט דער אַלטער שטייט אַ וואַנט פון אַן אַנדער שפּראַך און אַנדער קולטור, די יידישע שפּראַך און די העברעישע שפּראַך, און די קולטור אין ביידע אונדזערע שפּראַכן איז דערווייל נאָך נישט געוואָרן — מיטן אויסנאַם פון ווינציקע — דער אויסדרוק פון זייער גייסטיקן און קולטורעלן לעבן, און נאָך ווינציקער איז זי דער אויסדרוק פון דער אינטעלעקטועלער שעפערישקייט פון אָט דער יוגנט.

עס איז אונדזער ווילן און שטרעבן, אַז די נייע גענעראַציע זאָל איבערנעמען די פירונג אין אונדזער קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן. אָבער מיר זעען פאַר זיך אַ טראַגישע דערשיינונג: דאָרט ווו די נייע גענעראַציע נעמט איבער די פירונג אין יידישן לעבן, דאָרט פאַרשווינדט די יידישע קולטור־שעפערישקייט און די יידישע קולטור בכלל.

וואָס איז געשען אין ענגלאַנד; וואָס געשעט אין אַמעריקע? און וואָס הייבט אָן צו געשען אין די שכנותדיקע ישובים פון דרום אַמעריקע, ווו דער נייער דור הייבט אָן צו געבן דער טאָן?

איך ווייס: מען קאָן זיין גוטע יידן, אַפילו ווען מען רעדט ענגליש, פראַנצויזיש, פּאָרטוגעזיש. שפּאַניש. איך ווייס, אַז מען קען אין אַלע שפּראַכן פון דער וועלט פּרעדיקן יידישקייט און אַגיטירן פאַר יידיש־נאַציאָנאַלע אידעען. מען קאָן אפילו שאַפן באַשטימטע יידישקייט־ווערטן. אָבער י י ד י ש ע ש ע פ ע ר י ש ק י י ט, אין פולסטן זין פון וואָרט, איז מעגלעך נאָר אין דער שפּראַך, אָדער שפּראַכן, וואָס זענען א י ד ע נ ט י ש און אָ ר ג א נ י ש פ א ר ב ו נ ד ן מ י ט ן י י ד י ש ן פ אָ ל ק. דאָס איז י י ד י ש, דאָס איז ה ע ב ר ע י ש. און אפשר איז כדאי ביי דער געלעגנהייט נאָך אַמאָל צו זאָגן, אַז שפּראַך איז נישט בלויז אינסטרומענט פאַר אַ קולטור, ווי מאַנכע זאָגן, נאָר אַליין אויך קולטור; אַן א ו מ צ ע ט ײ ל ב א ר ע ר ב א ש ט א נ ד ט ײ ל פון דער קולטור, פון דעם גייסט, פון דער נשמה, פון דעם גאַנצן אינערלעכן וועזן פון פאָלק.

מיר מוזן זאָגן דעם אמת, אַז ליידער זענען פאַר די מערסטע — אפילו פון די בעסטע פון דער נייער גענעראַציע, וואָס רעדן אפילו יידיש און העברעיש און לייענען יידיש און העברעיש,

די אייגענע שפראַכן אונדזערע נישט דער פולער אויסדרוק פון זייער גייסטיקער שעפערישקייט...

דאָס זאָגן מיר וועגן די בעסטע. און ווי זעען אויס די דורכשניטלעכע?

ווי זעען אויס די סתם־יידן פון דער נייער גענעראַציע? און ווי זעט אויס דאָס יידישע קולטורעלע און גייסטיקע לעבן בכלל?

פאַר די וואָס קענען דאָס יידישע לעבן אין דרום־אַמעריקע און אין אַלע אַנדערע תפוצות, איז זייער קלאָר דאָס דאָזיקע בילד. צום באַדויערן — ט ר ו י ע ר י ק ־ ק ל אָ ר.

פאַראַן זיכער אויך פאָזיטיווע ווערטן. אָבער דאָס פאָזיטיווע אויפן קולטור־געביט איז פאַרבונדן בעיקר מיטן אַלטן דור. דער נייער דור — מיטן אויסנאַם פון גאָר ווינציקע — שטייט אָן א זייט פון דעם יידישן קולטור־לעבן. און קלאָר איז, אַז אַזוי לאַנג ווי דער נייער דור וועט נישט ווערן אַן אַקטיווער שותף צום יידישן קולטור געזעלשאַפטלעכן לעבן און צו דער יידישער קולטור־שעפערישקייט, אַזוי לאַנג וועט דער מצב נישט געענדערט ווערן צום גוטן.

געפאַר פון גייסטיקער ליקווידאַציע

דערפאַר באַקומט זיך אַזא טרויעריק בילד:

דאָס קולטור־לעבן אין אַלע ישובים ווערט בלאַסער און בלוט־אָרעמער פון יאָר צו יאָר. אומעטום, אין אַלע ישובים פעלן שולן. אין די גאַנץ־קליינע ישובים זענען בכלל קיין יידישע שולן נישטאָ, און ניט אַלע שולן וואָס זענען פאַראַן שטייען אויף דער געהעריקער הויך. נישטאָ גענוג לערער, נישטאָ קיין אינטעליגענץ, נישטאָ אַפילו גענוג באמת „גראַמאַטנע״ יידן.

ס׳איז שווער צו דעפינירן דעם קריזיס אין אונדזער קולטור־לעבן מיט דעם קלאַסישן באַגריף פון אַסימילאַציע; הגם דער פועל יוצא איז דער זעלבער. אַסימילאַציע האָט געהאַט איר פילאָזאָפיע, איר אידעע. דאָ זענען נישט בנימצא קיין אַסימילאַציע־טעאָריעס. עס איז פאַראַן עפּעס ערגערס דערפון — ע ם ה אָ ר צ ו ת א י ן פ ש ו ט ן ז י ן פ ו ן ו ו אָ ר ט.

פאַראַנען צענדליקער טויזנטער יידן וואָס האָבן בכלל נישט פאַרזוכט דעם טעם פון יידישקייט. זיי קענען נישט קיין יידיש, נישט קיין העברעיש, אָפּגערעדט פון דער ליטעראַטור אין ביידע שפּראַכן. זיי קענען נישט אונדזער געשיכטע, די העראָיק און די גבורה פון פאָלק. זיי איז פרעמד אונדזערע אידעאַלן, אונדזערע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, וועלטלעכע צי רעליגיעזע; זיי איז פרעמד אונדזער עטיק, אונדזער קולטור. מיט איין וואָרט — זיי קענען נישט אַפילו קיין צורת אלף פון יידישקייט. די דאָזיקע יידן זענען פון יידישקייט קיינמאָל נישט אוועק, זיי זענען באַלד צו איר נישט דערגאַנגען...

ווי טרויעריק עס איז: מיר, ד ע ר ע ם ה ס פ ר; מיר וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט איבערגענומען מיט קיין גרויסקייט אין צאָל און מיט קיין פיזישע גבורות, מיר, וואָס האָבן שטאָלצירט נאָר מיט איין זאַך — מ י ט ן ס פ ר, מיט וויסן, מיט קולטור און גייסט; מיר, ד ע ר ע ם ה ס פ ר, האָבן היינט אין אונדזערע ישובים מער א נ א ל פ א ב ע ט ן אין באַצוג צו דער אייגענער שפּראַך און אייגענער קולטור, ווי פיל פון די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע פעלקער אויף דער וועלט.

און דערביי דאַרף מען געדענקען, אַז אַפילו דאָס סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע פאָלק, מיט דער העכסטער צאָל אַנאַלפאַבעטן, אויב עס לעבט נאָך אין אייגענעם לאַנד, אין אַן אייגענער סביבה, וועט ניט אונטערגיין צוליב קולטורלאָזיקייט אַליין. עס זענען פאַראַן פיל נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פאַקטאָרן, וואָס זאָרגן שוין דערפאַר. אָבער מיר, וואָס לעבן ווי קליינע מי׳נדערהייטן אינערהאַלב א פרעמדער קולטור, אין א ניט־יידישער סביבה, אין סאָציאַלע באַדינגונגען וועלכע זענען אָביעקטיוו גינסטיק פאַר אַסימילאַציע, טאָקע מחמת סאָציאַלע טעמים; מיר שטייען כסדר פאַר דער געפאַר אַז ד ע ר ד אָ ז י ק ע ר י י ד — אָן יידישער קולטור און אָן יידישן לעבנס־שטייגער — ער ו ו ע ט ב כ ל ל אָ פּ ש ט י י ן פונעם יידישן לעבן און וועט פאַרטראָגן ווערן פונעם מינדסטן ווינטל אין דער פרעמדער וועלט אריין.

דאָס איז די געפאַר, וואָס שטייט היינט פאַר גרויסע טיילן פון אונדזער פאָלק און די געפאַר טאָר אונדז נישט לאָזן רוען. מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז די גייסטיקע ליקווידאַציע האָט נישט ווייניקער פאַרדאָרבן און פאַרמינערט אונדזער פאָלק, ווי די פיזישע אויסראָטונגען, וועלכע מיר זענען אויסגעשטאַנען אין אַלע צייטן פון דער יידישער געשיכטע.

איך ווייס נישט צי אמאָל איז געווען פיל לייכטער צו זיין א ייד, ווי היינט. עס זענען אָבער געווען צייטן ווען פאַרן יידן איז קיין אנדער ברירה נישט געווען. דער ייד האָט געלעבט אָפּגעזונדערט פון דער אַרומיקער וועלט. היגע געטאָ־מויערן אינעם מיטלאַלטער און עקאָנאָמי־שע און פּאָליטישע מויערן אין דער נייער און נייסטער צייט אין מזרח־אייראָפּע — און אפילו נאָך היינט אין די אָריענטאַלישע לענדער — האָבן דעם יידן איזאָלירט אויך פון דער פרעמדער קולטור. ווילנדיק צי נישט ווילנדיק, האָט זיך דער ייד געמוזט פאַרפאַנצערן אין זיין אייגענער סביבה און אין דעם אייגענעם לעבן, סיי סאָציאַל, סיי עקאָנאָמיש און סיי גייסטיק־קולטורעל.

היינט איז די לאַגע אַנדערש. נישט נאָר אין די לענדער ווו דאָס יידישע קולטור־געזעלשאַפט־לעכע לעבן ווערט אונטערדריקט און אויסגעריסן מיט געוואַלד, אפילו אין דער ליבעראַלער וועלט איז היינט אויך שווער צו זיין א ייד. מחמת אין דער דאָזיקער וועלט אין וועלכער מיר לעבן, איז פאַראַן די אַלטערנאַטיוו: מען קען לייכט זיך אַריבערשיפן אין דעם גרויסן פרעמדן ניט־יידישן ים, וואָס שטייט אָן אָפענער, ממש ווי מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס, אַרויפצונעמען אויף זיינע כוואַליעס די קינדער אונדזערע.

צוליב דעם — וועט קיינעם נישט איינפאַלן, אַז מיר דאַרפן בענקען נאָך דעם אַמאָליקן געטאָ, נאָך דער איזאָלאַציע, וואָס האָט געצוווּנגען יידן צו בלייבן אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט. מיר דאַרפן אָבער זוכן דעם וועג ווי אַזוי צו קענען לעבן ווי יידן, זענענדיק פרייע מענטשן און געניסנדיק פון אַלע רעכטן, ווי גלייכע בירגער פון די לענדער ווו מיר לעבן.

דאָס איז היינט דער הויפּטפּראָבלעם, וואָס שטייט פאַר דער מערהייט פון יידישן פאָלק, אָדער ריכטיקער — פאַרן גאַנצן פאָלק אין דער פרייער וועלט: געפינען די גלייכ־געוויכט פאַרן יידישן מענטש צו לעבן ווי א ייד אין דער ניט־יידישער וועלט.

דאָס מאַכן זיך אָפּטימיסטישע אילוזיעס, אַז מען קאָן אין גלות דערהאַלטן אַ פול, גאַנץ און געזיכערט יידיש לעבן איז דעריבער געפערלעך, מחמת עס דערלאָזט נישט צו זען די געפאַר, וואָס דער עצם־גלות אנטהאלט אין זיך, און דאָס שטערט במילא צו מאכן די געהעריקע מסקנות ווהיין עס דאַרף אָריענטירט און געריכטעט ווערן דער גאנג פון דעם יידישן פאָלק.

אָבער כל זמן יידן לעבן אין די תפוצות — און דאָס וועט נאָך מסתמא לאנג, לאַנג אַזוי זיין — מוז מען טאָן אַלץ וואָס עס איז מעגלעך, כדי דאָס יידישע לעבן צו דערהאַלטן.

עס איז שוין געזאָגט געוואָרן: דעם גלות קען מען האָבן פיינט, אָבער דעם יידן אין גלות מוז מען ליב האָבן און פאר זיין קיום מוזן מיר זאָרגן. און ווייל עס איז שווער צו דערהאלטן דאָס יידישע לעבן און ווייל מיר ווייסן, אז א גרויסער טייל פון אונדזער ענערגיע וועט, צוליב די אָביעקטיווע באַדינגונגען, אלע מאָל גיין אין ניוועץ, מוזן נאָך מער קאָנצענטרירט ווערן אלע אונדזערע כוחות, כדי קעגנצושטעלן זיך אלע געפאַרן וואָס לויערן אויף אונדזער עקזיסטענץ.

עס איז א פּשוטער כלל: וואָס קעלטער עס איז אין דרויסן, אַלץ מער מוז מען הייצן אינע־ווייניק, כדי אויסצוגלייכן די טעמפּעראַטור.

און ביי אונדז איז קאַלט! זייער קאַלט אין דער יידישער וועלט.

קליינע רעזולטאַטן

קיינער קען נישט זאָגן, אַז מיר האָבן גאָרנישט געטון צו הייבן די טעמפּעראַטור פון אונדזער נאַציאָנאַל־יידישן קולטורעלן לעבן.

פאַראַן פאַרמעסטן און פאַראַן אפילו אַזעלכע דערגרייכונגען, וואָס קענען דינען אלס מוסטערן אוןביישפּילן פון דעם וואָס עס איז דאָך מעגלעך צו טון, ווען ס'איז פאַראַן גוטער ווילן, אידעאַליזם, וויזיע, טריישאַפט און איבערגעגעבנקייט צום יידישן לעבן.

אין אַרגענטינע, און אויך אין די שכנישע לענדער, האָט די יידישע קולטור־בויאונג און די יידישע דערציאונג אַנצוווייזן אויף ווּנדערלעכע איניציאַטיוו־פעיקייטן. אויפן חשבון פון דעם קולטור און שול־טוער; אויפן חשבון פון דעם יידישן שרייבער, פון דעם לערער, פונעם שויי־שפּילער; אויפן חשבון פון די געטרייע עסקנים פון די יידישע שולן און קולטור־אינסטיטוציעס, קען פאַרשריבן ווערן — מיט רעכט — נישט בלויז דאָס וואָס איז געטון געוואָרן דירעקט אויפן

געביט פון חינוך און תרבות, נאָר כמעט אַלץ וואָס ווערט געטון אויף אַלע געביטן פונעם יידישן לעבן.

דאָס האָבן די דאָזיקע מענטשן געוועקט און גערופן אַנדערע, און אין דער ערשטער רייע אַליין געוויזן אַ ביישפּיל פון אָפּט באמת מסירות נפשדיקער איבערגעגעבנקייט צו דער יידישער קולטור און יידישער דערציאונג.

אַדאַנק דעם איז געשאַפן געוואָרן דאָס יידישע שול־וועזן, וואָס קען דינען אַלס ביישפּיל פאַר פיל אַנדערע ישובים; אַ צייטונגס־וועזן; פאַרלאַגן פאַר יידישע ביכער, קולטור־אינסטיטוציעס, אָרגאַניזאַציעס און קערפּערשאַפטן, ווי די קהילות און אַנדערע אַנשטאַלטן, וואָס באַדינען דאָס קולטור־געזעלשאַפטלעכע לעבן.

ביי דעם אַלעמען זענען די רעזולטאַטן דערוויייל נאָך זייער קליינע. און דאָס וואָס איז געטון געוואָרן איז צו ווייניק, זייער ווייניק, לגבי דאָס וואָס דאַרף געטון ווערן צו פאַרזיכערן אונדזער לעבן, אונדזער שאַפן, אונדזער קיום.

די יידישע דערציונג אין אַרגענטינע האָט אין די לעצטע יאָרן געמאַכט באַדייטנדע פאָרשריטן. די צאָל קינדער אין די שולן איז גרעסער געוואָרן, און דער איכות, די קוואַליטעט פון די שולן איז אויך געשטיגן.

עס איז אויפגעקומען אַ נייער צווייג: דער סעמינאַר, די מיטלשולן, די מדרשה, וואָס זענען אַ באַווייז פון וווּקס און פאַרטיפונג פון דער שול. עס איז אויפגעקומען אַ שיכט — דערוויייל נאָך אַ דינער — פון אַ יידישער אינטעליגענץ; פון יונגע יידישע לערער, וואָס פאַרנעמען שוין היינט כמעט אַלע לערער־פּאָסטנס אין די יידישע שולן.

דאָך זענען נאָך אַלץ דער גרעסטער טייל יידישע קינדער אויסער דער יידישער שול און אויסער יעדער מין השפּעה פון דער יידישער דערציונג.

אין בוענאָס איירעס, אין דעם גרעסטן יידישן צענטער אין דרום אַמעריקע, וואָס האָט אַליין מער פון אַ דריטל פון אַלע יידן אויפן דרום אַמעריקאַנער קאָנטינענט, באַקומען יידישע דערציונג, אין בעסטן פאַל, בלויז אַ דריטל פון אַלע יידישע קינדער אין שול־עלטער, און אפשר נאָך ווייניקער דערפון.

ווער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די דאָזיקע קינדער? געוויס, זייערע טאַטעס, זייערע מאַמעס. אָבער אויך מיר זענען פאַראַנטוואָרטלעך! וואָס פאַר אַ פאָלק גיט היינט איבער די דערציונג פון די קינדער בלויז אין רשות פון די עלטערן?

די מצווה פון יידישן חינוך

צוואַנג־בילדונג איז היינט איינגעפירט ביי אַלע פעלקער. די גרעסטע דעמאָקראַטיעס, די ליבעראַלסטע רעזשימען לאָזן נישט איבער די דערציונג אויפן אייגנזען און ווילן פון די עלטערן אַליין. וואָס ליבעראַלער עס איז אַ פאָלק, וואָס מער אַנטוויקלט עס איז קולטורעל, אַלץ שטרענגער איז דאָס געזעץ פון אָבליגאַטאָרישער בילדונג. פאַרוואָסזשע זענען מיר אַזוי סופּער־„דעמאָקראַטיש", אַזוי „ליבעראַל"־אַנאַרכיסטיש, ביז הפקרדיקייט, אין באַצוג צו דער יידישער בילדונג און דערציונג פון אונדזערע קינדער? ווועלן מיר האָבן אַ פאַראַנטפערונג פאַר די דאָזיקע קינדער וואָס לערנען גאָרנישט, ווען זיי וועלן אַמאָל ביי אונדז פאָדערן אַ חשבון פאַר אונדזער אחריותלאָזער נאַכלעסיקייט און גלייכגילטיקייט לגבי זיי? און הלוואַי זאָלן זיי פאָדערן. ערגער וועט זיין, אַז זיי וועלן גאָרנישט פאָדערן, גאָרנישט מאָנען.

אוודאי האָבן מיר נישט די מיטלען, דאָס לעגאַלע געזעץ, וואָס עס פאַרמאָגט דער שטאַט, כדי צו צווינגען, אַז דאָס אָבליגאַטאָרישע בילדונגס־געזעץ זאָל אויסגעפאָלגט ווערן. מיר האָבן אָבער גענוג מאָראַלישע מיטלען, כדי צו צווינגען די עלטערן צו געבן זייערע קינדער אַ יידישע דערציונג, פּונקט ווי מיר צווינגען מאַנכע מאָל יידן צו דערפילן אַנדערע מצוות, וועלכע מיר האַלטן פאַר וויכטיק און הייליק.

אין אונדזער יידישן לעבן אין דער גאָרער וועלט, איז היינט נישטאָ קיין גרעסערע מצווה — פּאַראַלעל מיט דער מצווה צו העלפן בויען ישראל — ווי די מצווה פון יידישן חינוך.

פּונקט ווי ס'איז אַ זינד צו פאַראַטן די יידישע מדינה, אַזוי איז אַ זינד צו פאַראַטן דאָס יידישע פאָלק, וואָס לעבט אויסער דער מדינה. די צענטראַלע אינסטאַנצן פון אונדזערע ישובים, די קהילות און אַנדערע קערפּערשאַפטן, דאַרפן זאָרגן, אַז דער געבאָט פון

יידישן חינוך, וואָס איז דער יסוד פאַרן יידישן לעבן, זאָל אָפּגעהיט ווערן פון אלע יידן אָן אויסנאַם.

פּאַראַלעל דערמיט מוז געהויבן ווערן די קוואַליטעט פון דער יידישער שול און פון יידישן חינוך בכלל.

דערציונג — דאַרף מען געדענקען — איז נישט אָפּהענגיק פון דער שול אַליין. קיין שום פאָלק בויט נישט די דערציונג פון קינדער נאָר אויף דער שול. אין דער דערציונג ווירקן אסך פאַקטאָרן: די היים, די גאַס, די סביבה, דאָס טעאַטער, קינאָ, ראַדיאָ, די צייטונגען, זשורנאַלן, דאָס עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע לעבן. די שול איז נאָר איינע פון די פאַקטאָרן. זייער אַ וויכטיקער פאַקטאָר, אָבער נישט דער איינציקער.

ווייל איז דער שול, דעם לערער, דעם דערציער, און ווייל איז דעם פאָלק ביי ועמען די פארשיידענע פאַקטאָרן ווירקן אין דער זעלבער ריכטונג, אין הארמאָנישקייט מיט דער שול.

ביי אונדז איז ליידער פאַרקערט. די גאַס, די סביבה, דאָס אַרומיקע לעבן און אפילו די היים איז נישט הארמאָניש מיט דער שול. אונדזער שול איז ווי אַ שיף וואָס איז געצוואונגען צו שווימען כסדר, אָן אויפהער, קעגן שטראָם. וואָלט עס נאָך נישט געווען אזוי געפערלעך ווען די פאסאזשירן אונדזערע — די קינדער — וואָלטן שטענדיק געווען אויף דער שיף. אָבער עס איז דאָך נישט אזוי. אז זיי גייען נאָר ארויס פון דער שול, אין וועלכער זיי פארברענגען בלויז געציילטע שעה'ן אין טאָג, אזוי ווערן זיי פארכאפּט פון דער השפעה פון דער פרעמדער קולטור, וואָס האָט אומפארגלייכלעך גרעסערע מיטלען פון אונדז.

און די היים? וואָס טוט די היים קעגנצווווירקן אָט די אלע פרעמדע השפעות?

אונדזער שול דאַרף דעריבער געוואַלדיק איבערגעבויט ווערן. אנדערש וועט זי, אין אונדזערע באַדינגונגען, קיין גרויסע רעזולטאַטן נישט געבן. אונדזער שול דאַרף אליין זיין א גאַנצער אָרקעסטער, וואָס זאָל חוץ לימוד קענען געבן דעם קינד, כאָטש טיילוויז, דאָס וואָס אים פעלט אין דער היים, אין דער גאַס, אין דער סביבה.

אין אונדזערע באַדינגונגען, מוז די שול — אויב זי וויל זיין געטריי צום לעבן — לערנען די קינדער, סיי אין יידיש, סיי אין העברעיש, דאָס שענסטע פון דעם וואָס דאָס יידישע לעבן פאַרמאָגט. און ווייל די שול זיין געטריי צו דער צייט דער היינטיקער אין וועלכער מיר לעבן; געטריי צום פאָלק, און דער עיקר — געטריי צום קינד, מוז זי זיין דורכגעדרונגען מיטן העכסטן אידעאַל פון פאָלק — דער אידעאַל פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס.

אָן אַן אידעאַל איז קיין דערציונג בכלל נישט מעגלעך.

נישט רעליגיע אַליין און נישט וועלטלעכקייט; נישט יידיש און נישט העברעיש אַליין וועט קענען היינט צו טאָג באַווירקן צו דערהאלטן דאָס אַקטיווע שעפערישע יידישע לעבן, און אוודאי וועט עס נישט קענען ווערן די טרייבקראַפט פון נאַציאָנאַלן קולטור־רענעסאַנס, אויב דאָס אַלץ וועט נישט ווערן דורכגעדרונגען מיטן גרויסן נאַציאָנאַלן באַפרייונגס־פּראָצעס פון אונדזער פאָלק אין מדינת ישראל.

די דאָזיקע נאַציאָנאַלע רענעסאַנס־אידעע, באַהאָפטן מיט דער אייגענער קולטור, מיט די אייגענע שפּראַכן, איז באַרופן צו געבן דעם קינד און דעם יוגנטלעכן אַן אינהאַלט און אַ ציל אין לעבן. דורך דער שטרעבונג צו פאַרבינדן זיך מיט דעם פולן און גאַנצן יידישן לעבן, וואָס איז מעגלעך נאָר אין ישראל, קען דער יוגנטלעכער געפינען אַ זין פאַר זיין יידישקייט און אַ זין פאַר זיין מענטשלעכקייט.

אויב אַרגענטינע גיט היינט אַ גרעסערע עליה ווי אַנדערע לענדער פון דער מערב־וועלט; אויב מיר האָבן אַ גרעסערע חלוצישע באַוועגונג ווי אַנדערע ישובים, איז דאָס געוויס אויך צו פאַרדאַנקען וואָס אין אַרגענטינע איז דער מצב אויפן געביט פון קולטור און חינוך־טעטיקייט נאָך פאַרט בעסער ווי אין אַנדערע לענדער.

פונקט ווי דער אינטערעס פאַר ישראל האָט ארויסגערופן אַ געוויסע באַציונג צו זיך אַליין, ווי צו יידן, צו מענטשן, אזוי וועט דער אינטערעס און די אויפמערקזאַמקייט פאַרן אייגענעם לעבן, נאָך מער שטאַרקן אויך די באַציונג צו ישראל.

פון דער דערפאַרונג ווייסן מיר, אַז פון די לענדער ווו קיין יידיש קולטור־לעבן איז נישט געווען, זענען יידן געפאָרן קיין ישראל ערשט דעמאָלט ווען מען האָט זיי געטריבן. דאַקעגן, פון די לענדער ווו עס איז געווען אַן אַקטיוו, שעפעריש יידיש קולטור־לעבן, איז געווען אַן עליה

א חלוצישע, א פ ר י י ו ו י ל י ק ע, נישט קיין געטריבענע, נאָר ווי א רעזולטאט פון העכערע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען און פארלאַנגען.

א סיסטעמאַטישע אויפקלערונג וועגן די פראָבלעמען פון חינוך און תרבות וועט צוזאמען מיט די מאַטעריעלע מיטלען, וואָס דאַרפן געשאַפן ווערן, סיסטעמאַטיש צעאַקערן דעם באָדן און וועט האלטן וואכזאם דעם אינטערעס און אויפמערקזאמקייט ארום דער יידישער שול און ארום דער יידישער קולטור. אזוי ארום וועט די אקציע פאר דער יידישער דערציונג אליין ווערן א געזעלשאפטלעך־ד ע ר צ י ע ר י ש ע ר פאקטאָר, ווייל זי וועט הייבן דעם אינטערעס פאר אלץ וואָס איז פארבונדן מיטן אייגענעם נאציאָנאלן יידישן לעבן.

אונדזער מדבר איז א שטומער

עס זענען פאראן אויסערלעכע געפארן און אינערלעכע געפאַרן. עס ווענדעט זיך נישט אין אונדז צו פארמיידן די געפארן וואָס קומען פון דרויסן, מחמת זייער דערשיינונג איז נישט אָפּהענגיק פון אונדז, נאָר פון די אָביעקטיווע באדינגונגען אין וועלכע מיר לעבן. אָבער די אינערלעכע געפארן זענען אין גרעסטן טייל אָפּהענגיק פון אונדז אליין, און קיינער קען זיי אונדז נישט פארמיידן, נ אָ ר מ י ר א ל י י ן.

לאָמיר זיך לערנען פון ישראל ווי זי קעמפט קעגן אַלע געפאַרן, די דרויסנדיקע ווי די אינערלעכע. לאָמיר זיך לערנען פון איר, ווי זי קעמפט צו באזיגן דעם מדבר אינערהאלב דער יידישער מדינה.

אויך מיר פאַרמאָגן מ ד ב ר אין אונדזער לעבן. אַ גייסטיקן מדבר, אַ קולטורעלן, וואָס איז גאָרנישט ווינציקער געפערלעך ווי דער מדבר אין ישראל.

אז איך בין געווען אין ישראל, נאָענט פונעם מדבר, האָב איך נישט איינמאָל געהערט דאָס ווויען פון שאקאלן. אין דער טונקעלער שטילקייט פון דער נאכט האָט זיך מיר אויסגעדוכט אז איך הער דאָס געוויין פון א קינד...

אונדזער מדבר איז א שטומער. עס ווויען נישט קיין שאקאלן און עס וויינען נישט קיין קינדער.

אָט די שטומע שטילקייט איז נאָך שרעקלעכער, נאָך פיינלעכער פאַרן געוויין.

פיל פון אונדזערע קינדער ווערן שטומע יידן, און מיר שווייגן!

רעדט נישט צו אונדז די שטומקייט דורך די אויגן פון די דאָזיקע קינדער?

שרעקט אונדז נישט זייער שטילקייט, זייער שווייגן, זייער גלייכגילטיקייט צום יידישן לעבן?

מאָנט עס נישט פון אונדז אַ קלאָרן, אַ באַלדיקן אומפאַרזאַמטן ענטפער?

דורך דער פינצטערניש פון אונדזערע טעג, די טעג פון פאַראַכטונג, רייסט זיך שוין אַדורך אַ פרייהייטס־שטראַל. אויף די חורבות פון דעגענערירטן מאָרד־רעזשים וועט אויפגעבויט ווערן די פרייע פעדעראַציע פון סאָציאַליסטישע לענדער און אין דער יידישער סאָציאַליסטישער מדינה אין א״י וועט אויפשטיין און אויפגעריכטעט ווערן דאָס פיל־געפרוווטע און דאָס פיל־געליטענע יידישע פאָלק.

מ ר ד כ י ט ע נ ע נ ב ו י ם

י. באנקאָווער

עליה — דער צענטער פון אונדזער לעבן

אין די איצטיקע טעג פון צען־יאָריקן יובל פון מדינת ישראל, פאַרזוכן מיר אַלע צו מאַכן אַ סך הכל פון אונדזערע דערגרייכונגען אין משך פון דער דאָזיקער תקופה, ווי אויך פון דעם, וואָס מיר האָבן נישט באַוויזן, און דערפון וואָס מיר זענען נישט געווען בכוח צו דערגרייכן.

מיטן אויפקום פון דער יידישער מדינה האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער און לאַנגער ויכוח וועגן דער ווייטערדיקער ראָל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. די מערהייט אין איר, און בתוכם אויך אונדזער פאַרטיי, אחדות־העבודה—פועלי־ציון, באַוויגן דורך אַ טיפער באַציאונג און פּאָליטיש־היסטאָרישן אינסטינקט — האָט זיך געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז דער ציוניזם האָט זיך נאָך נישט פאַרעלטערט, אַז עס האָבן זיך נאָך נישט פאַרענדיקט די אויפגאַבן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. פאַרקערט — די דאָזיקע אויפגאַבן זענען געשטיגן און געוואַקסן, פּראָפּאָרציאָנעל צום וווּקס פון די מעגלעכקייטן פון דער מדינה, פּראָפּאָרציאָנעל צו די סכנות פאַר איר קיום, וואָס זענען גרעסער און בולטער געוואָרן.

אין קעגנזאַץ צו דער דאָזיקער היסטאָרישער און „קאָנסערוואַטיווער" אויפפאַסונג לגבי דעם פּלאַץ פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין דעם בוי פון פאָלק און מדינה, זעען מיר אַ נייע אויפפאַסונג — וואָס בן־גוריון איז איר ראַדיקאַלסטער פאַרשטייער — וועלכע טענה'עט, אַז מיט דער גרינדונג פון דער מדינה האָט די ציוניסטישע באַוועגונג אויסגעפּילט און פאַרענדיקט איר שליחות. דער דאָזיקער ויכוח, וועלכער ווערט טיילמאָל שאַרף און ביטער, דויערט שוין צען יאָר — און די ציוניסטישע באַוועגונג ווערט אויפגעפּאָדערט אין איין און דערזעלבער צייט — צו פאַרפעסטיקונג און וווּקס — און צו זעלבסט־ליקווידאַציע.

די דאָזיקע דיסקוסיע ווי אויך די פאַרטיידיקונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג — איז איינער פון די סאַמע שווערסטע גערાַנגלען, וואָס אונדזער פאַרטיי האָט געמוזט פירן אין די לעצטע יאָרן. אויפן פאָרום פון לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט ח' י. טאַבענקין אויספירלעך אויסגעדריקט אונדזער פּרינציפּיעלע שטעלונג לגבי דער דאָזיקער גורל'דיקער פראַגע:

„דער פיר־און־צוואַנציקסטער ציוניסטישער קאָנגרעס טראָגט אויף זיך אַ גרויסע אחריות. מיר מוזן אָוועקשטעלן די ציוניסטישע באַוועגונג אויף איר ריכטיקן פּלאַץ. אודאי זענען פאַראַן סתם יידן, וועלכע האָבן ליב מדינת ישראל נישט ווייניקער ווי עס האָבן זי ליב די ציוניסטן, און אַמאָל אויך מער. זיי סימפּאַטיזירן מיט מדינת ישראל, ווייל זיי אַליין ווילן אין איר נישט לעבן, ווייל זי איז פאַר זיי נישט מער ווי אַ צוגאָב, אַ שיינע באַצירונג פאַר אַן אייביקן גלות. אָבער מיר, די ציוניסטן — בירגערלעכע, רעליגיעזע, סאָציאַליסטישע — מיר ווייסן, אַז בלויז אַ קליינער חלק פון פאָלק און פון לאַנד שטייען שוין אין אונדזער רשות אויף צו בויען אונדזער קיום און צוקונפט, און אַז מיר מוזן וואָס שנעלער פאַרגרעסערן דעם דאָזיקן חלק".

„מדינת ישראל ברויכט אייער הילף נישט ווייל די ציוניסטישע באַוועגונג איז אַ צוגאָב צו דער מדינה, נאָר ווייל די מדינה איז אַ וויכטיקער אינסטרומענט כדי צו פאַרווירקלעכן דעם ווילן פון יידישן פאָלק און צוגרייטן דעם באָדן און די באַדינגונגען פאַר זיין עקזיסטענץ. אָבער מדינת ישראל וועט נישט קענען פאַרזיכערן דעם דאָזיקן קיום, אויב עס וועט נישט עקזיסטירן אַ ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס וועט נישט רוען אויף אירע לאָרבער־בלעטער, וועלכע זאָל נישט זיין זאַט און פויל, נאָר וועט דורשטן נאָך יידישן כוח — אַלגעמיינעם, פּאָליטישן און גייסטיקן כוח. מיר, די ציוניסטן פון ערשטן קאָנגרעס, פון נחמן סירקינס צייטן און פון אַלע פיראונצוואַנציק קאָנגרעסן, זאָגן די דעלעגאַטן פון דעם ציוניסטישן קאָנגרעס: איר האָט פיל אויפגעטאָן, און פיל מער מוזט איר נאָך אויפטאָן. נישט צוליב פחד, אָבער אויך אָן אילוזיעס, מיט אַ קלאָרן באַוווּסטזיין וועגן די סכנות וואָס לויערן אויף אונז, אויף אייך, אויפן גאַנצן פאָלק, אויף אונדז אַלעמען. איז אייער חוב און פליכט צו פאַרשטאַרקן אין די נאָענטסטע טעג,

דורך עליה, דורך עקאָנאָמישע מיטלען, און דורך קולטור. מיר נויטיקן זיך אין כוח וואָס זאָל קעמפן פאַר גערעכטיקייט, פאַר ברודערשאַפט, פאַר פּאָליטישער דערוואַקסנקייט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג."

אנהויב פון פארשטענדיקונג

איצט, אויף דער שוועל פון צווייטן יאָרצענדליק — קענען מיר פאַרצייכנען דעם סוף פון דעם טראַגישן און לאַנגיאָריקן ויכוח, און דעם אָנהויב פון אַ פאַרשטענדיקונג צווישן מדינת ישראל און דער ציוניסטישער באַוועגונג. אויף דער לעצטער זיצונג פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, בעת עס איז ווידער אַרויסגעבראַכט געוואָרן די דאָזיקע פראַגע, האָט זיך די זיצונג פאַרענדיקט מיט אַ באַשלוס, וועלכער פאָדערט תיכּף־דיקע אונטערהאַנדלונגען צווישן די פאַר־שטייער פון די ציוניסטישע פּאַרטייען און דער רעגירונג — וועגן רעגולירן די באַציאונגען. אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט פאָרשטייער פון אַלע פּאַרטייען און וועלכע איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר דעם דאָזיקן צוועק — האָט פאָרמולירט אַן איינ־שטימיקן פאָרשלאַג פון אַלע פּאַרטייען, אַלס באַזע פאַר די באַציאונגען מיט דער רעגירונג. דער דאָזיקער פאָרשלאַג זאָגט:

„די ספּעציעלע קאָמיסיע, וועלכע איז אויסגעקליבן געוואָרן אויף דער לעצטער זיצונג פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, כדי צו באַטראַכטן די וועגן פון צוזאַמענאַרבעט צווישן דער מדינה און דער אָנפירערשאַפט פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, און צווישן דער ישראל־רעגירונג און דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אַגענץ, זעט אין דעם „קאָאָרדינאַציע־אַנשטאַלט" דעם הויפּט אינסטרומענט פאַר דער קאָאָרדינאַציע און צוזאַמענאַרבעט אין די געביטן ווו ביידע קערפּערשאַפטן ווירקן צוזאַמען און פּאַראַלעל, אין גייסט פון דעם טשאַרטער וואָס איז געגעבן געוואָרן דער ציוניסטישער באַוועגונג לויט דעם „געזעץ פון דעם סטאַטוס פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע", וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין כנסת דעם 24טן נאָוועמבער 1952.

און אָט זענען די פאָרשלאַגן פון דער ספּעציעלער קאָמיסיע:

1) כדי דער אַנשטאַלט פאַר קאָאָרדינאַציע זאָל פונקציאָנירן ווי געהעריק, לייגט די קאָמיסיע פאָר די גרינדונג פון צוויי סוב־קאָמיסיעס, אין וועלכע עס וועלן זיך באַטייליקן פאָרשטייער פון דער רעגירונג און פון דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אַגענץ: איינע — פאַר טעטיקייט אין לאַנד, אינקלוזיוו די מאָביליזאַציע פון געלט־מיטלען, און איינע — פאַר טעטיקייט אין אויסלאַנד.

2) די קאָמיסיע האַלט פאַר ריכטיק דעם באַשלוס וועגן דער צוקונפטיקער אַרבעט פון דעם אַנשטאַלט פאַר קאָאָרדינאַציע, לויט זיין פאָרמולירונג פון 24.3.58, און שטרייכט אונטער די וויכטיקייט פון די פאָלגנדיקע פּאַראַגראַפן:

א. יעדער „צד" (די רעגירונג און די עקזעקוטיווע פון דער יידישער אַגענץ) מעג פאָר־לייגן דעם פאָרזיצער פון דעם אַנשטאַלט פאַר קאָאָרדינאַציע (דער פרעמיער) פונקטן צום סדר היום פון די זיצונגען;

ב. פּראָיעקטירטע געזעצן וועלן אַלס „מעמאָראַנדום־פאָרשלאַגן" געבראַכט ווערן צו דער עקזעקוטיווע, און אויב זי וועט האַלטן, אַז דער אינהאַלט פון געזעץ איז שייך צו די טעטיקייטן פון דער יידישער אַגענץ, וועט זי איבערגעבן דער רעגירונג אירע באַמערקונגען.

3) די קאָמיסיע האַלט, אַז די רעגירונג דאַרף דערמעגלעכן דעם פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אָדער — אין זיין אָפּוועזנהייט — דעם פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע פון דער אַגענץ, ער זאָל ברענגען צו זיצונגען פון דער רעגירונג, פּרינציפּיעלע און ספּעציעל וויכטיקע פראַגן (אויב עס וועלן זיך געפינען), ציען צו זיי די אויפמערקזאַמקייט פון דער רעגירונג און זיך מיט איר באַראַטן.

4) די קאָמיסיע האַלט, אַז מען דאַרף אינטענסיווער אויסנוצן די כוחות פון דער ציו־ניסטישער באַוועגונג, פון די פּאַרטייען, צענטראַלע און לאָקאַלע אַנשטאַלטן און פּערזענלעכ־קייטן, כדי צו שאַפן אויף דער וועלט פריינט פאַר ישראל. דערצו איז נויטיק, אַז די פאָר־שטייערשאַפטן פון דער מדינה אין אויסלאַנד זאָלן באַקומען שטענדיקע דירעקטיוון אויפצוהאַלטן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט די ציוניסטישע קערפּערשאַפטן אין די פאַרשידענע לענדער.

5) כדי די צענטראַלע אינסטאַנצן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג זאָלן באַקומען

קאמפעטענטע פאליטישע אינפארמאציע, האלט די קאמיסיע פאר געוואונטשן די ציוניסטישע עקזעקוטיווע זאל רעגלמעסיק באקומען אינפארמאציע פון דעם אויסערן־מיניסטער, אדער זיינעם א פארשטייער.

6) די קאמיסיע רעקאמענדירט, עס זאל באטראכט ווערן דער פארשלאג וועגן גרינדן א נאציאנאלן אינסטיטוט פאר אינפארמאציע און אנטוויקלונג פון קולטורעלע באציאונגען מיט אנדערע פעלקער.

די רעגירונג האט אנגענומען דעם פארשלאג פון דער קאמיסיע, זי האט אין אים אבער אריינגעבראכט עטלעכע ענדערונגען, וועלכע אנטשפרעכן נישט דעם סטאטוס פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. ווען מיר מוזן ווייטער פירן אונזער קאמף פאר א פולן אפמאך און פאר פארזיכערן די עלעמענטארע פריווילעגיעס פון דער ציוניסטישער באוועגונג אין דער מדינה.

אונזער פארטיי האט פיל געלייסטעט און בייגעשטייערט בכדי צו פארשטארקן דעם אנזען און דעם כוח פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע.

צענטראלע אויפגאבן פון דער ציוניסטישער באוועגונג

אונזער קאמף אויף דער ציוניסטישער ארענע האט זיך קאנצענטרירט נישט נאר אויפן פראבלעם פון דעם סטאטוס, כוח און קאמפעטענצן פון דער ציוניסטישער באוועגונג נאך דער גרינדונג פון דער מדינה. מיר האבן שטענדיק באטראכט אלס צענטראלע אויפגאבע פון דער ציוניסטישער באוועגונג וויכטיקע — קאנסטרוקטיווע ציוניסטישע טאטן, וואס זאלן שאפן מעגלעכקייטן פאר גרויסער עליה און קאלאניזאציע אויף א ברייטן פארנעם, און די מאביליזאציע פון די אנשטרענגונגען פון יידישן פאלק און פון דער ציוניסטישער באוועגונג פאר די גרויסע ציוניסטישע אונטערנעמונגען, וואס זאלן אנטשפרעכן די באדערפענישן פון פאלק און דעם בוי פון דער מדינה.

זייער אפט איז אונזער פארטיי געווען די איינציקע, וואס האט געקעמפט אומאויפהערלעך, נישט איינגייענדיק אויף קאמפראמיסן, פאר אן אומבאגרענעצטער עליה אלס יסוד און הויפט־אויפגאבע פון דער ציוניסטישער באוועגונג. מיר האבן שטענדיק געפאדערט ספעציעלע אויפמערקזאמקייט פאר דעם החלוץ און פאר דער יוגנט און געקעמפט פאר דעם צענטראלן ארט פון התישבות אין דער טעטיקייט פון דער ציוניסטישער באוועגונג.

אלע זענען מיר שטאלץ אויף דעם גרויסן יש וואס איז דערגרייכט געווארן אדאנק דער אנגעשטרענגטער ארבעט פון דורות חלוצים און מיט דער הילף פון דער ציוניסטישער באוועגונג. מיר טארן אבער נישט פארגעסן, אז מיר באטרעפן בלויז 2 מיליאן אין דער מדינה — ארומגערינגלט דורך צענדליקער מיליאנען אראבער, וועלכע גרייטן פלענער פון א קאמף קעגן אונדזער עצם־עקזיסטענץ; לאמיר געדענקען, אז מיר לעבן אין דעם קליינעם צפונדיקן טייל פון לאנד. בעת דער גרויסער טייל פון אונדזער טעריטאריע — דער נגב, איז נאך דערוויל כמעט אינגאנצן נישט באזעצט, אז די מערהייט פון פאלק געפינט זיך נאך אלץ אין גלות — א טייל *ווייל נישט* זיך רירן פון ארט צוליב כלומרשטן ווילטאג, און א טייל *קאן נישט* זיך רירן צוליב צרות.

אין צענטער פון די בארעטונגען פון דער ציוניסטישער באוועגונג דארפן געשטעלט ווערן: *עליה און קליטה, קאלאניזאציע, דער החלוץ און די יוגנט־עליה. עס האט זיך נאך נישט פארענדיקט דער פראצעס פון קאלאניזירן דאס לאנד*: צוויי מיליאן יידן זענען קאנצענטרירט אין איין העלפט פון דער מדינה אין 800 זידלונגען, און אין דער צווייטער העלפט — אויף דרום פון באר־שבע, לעבן בלויז 10,000 איינוווינער אין 20 ישובים.

אין משך פון צען יאר מדינה האבן מיר קאלאניזירט די פרוכטבארע טיילן פון לאנד, דעם בעסטן באדן אין צענטער פון דער מדינה. די צוקונפטיקע התישבות וועט מוזן דורכגעפירט ווערן אין ערגערע באדינגונגען ווי פריער — *און זי וועט פאדערן אומדערמידלעכע און אויסגעהאלטענע בויער*. עס הערן זיך לעצטנס שטימען וועלכע דריקן אויס א צווייפל, צי די ציוניסטישע באוועגונג קען און דארף בכלל ממשיך זיין דאס ווערק פון התישבות. און מען לייגט פאר ארויפווארפן די דאזיקע פליכט אויף די פלייצעס פון דער מדינה. *עס קאן נישט זיין א מער געפערלעכער געדאנק*. די ציוניסטישע באוועגונג מוז, ווי שטענדיק, באטראכטן די התישבות פאר איינע פון אירע הויפט־אויפגאבן — ווייל קאלאניזאציע שאפט און פארזיכערט די קוועלן פאר עליה און קליטה.

די זאָרג פאַר דער צוקונפט פון דער יוגנט און פון אונזער קאָלאָניזאַטאָרישן ווערק, פאַר גרויסער עליה און מיליטערישער זיכערקייט — דאָס אַלץ פאָדערט אויף די ציוניסטישע באַוועגונג צו באַנייען מיט פאַרשטאַרקטן אימפעט אַ ב ר י י ט ע ח ל ו צ י ש ע ב א ו ו ע ג ו נ ג.

זאָרג פאַר דער ניי־אָנגעקומענער יוגנט און זאָרג פאַר דער יוגנט־עליה, אויסברייטערן די ראַמען פון „החלוץ", כדי אַריינבריינגען אין אים צענדליקער טויזנטער יוגנטלעכע פון אַלע ווידישע צענטערס אין דער וועלט — דאָס זענען די וויכטיקסטע פליכטן אין דער איצטיקער תקופה. די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג מוז זיך מאָביליזירן כדי צו שאַפן די געהעריקע מיטלען אויף צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע צילן.

פאַר אַן אומבאַגרענעצטער מאַסן־עליה

און לגבי דעם ענין פון ע ל י ה: מיר זענען פאַראינטערעסירט אין אַן עליה אין אַזאַ מאַסשטאַב, וואָס זאָל ל ע ז ן די שווערע לאַגע פון יידן אין אויסלאַנד, און זאָל זיין אַ מיטל פאַר פאַרשטאַרקן די מיליטערישע זיכערהייט פון דער מדינה. עס זענען פאַראַן אַ מיליאָן יידן וואָס מוזן צו אונז קומען און וואַרטן אויף עליה.

דאָס יידנטום פון די אַראַבישע לענדער מאַכט דורך אַ קאַטאַסטראָפאַלן קריזיס — צוזאַמען מיט דער באַפרייאונג פון די אַראַבישע פעלקער פון קאָלאָניאַליסטישן יאָך הויבט זיך דאָרט אַ כוואַליע פון שאָוויניזם און באַדראָט דעם קיום פון הונדערטער טויזנטער יידן; די שווערע קאַטאַקליזמען, וועלכע עס לעבן דורך די יידן אין די סאָציאַליסטישע לענדער; די יידן אין די קאַפּיטאַליסטישע מדינות ווו עס פעלט זיי סטאַבילי̇טעט — צי זענען זיי נישט די ערשטע סימנים, וואָס זאָגן אָן אַ גרויסע עליה?

די ציוניסטישע באַוועגונג דאַרף פּראָקלאַמירן: אין צווייטן יאָרצענדליק — דער דריטער מיליאָן.

אין דער ציוניסטישער באַוועגונג פירט זיך שוין יאָרן לאַנג דער אַלטער ויכוח: ע ל י ה, צ ו ג ע פ אַ ס ט צ ו ם ב ו ד ז ש ע ט — אָ ד ע ר אַ ב ו ד ז ש ע ט, צ ו ג ע פ אַ ס ט צ ו ד י ב אַ ד ע ר פ נ י ש ן פ ו ן ע ל י ה.

אין משך פון ערשטן יאָרצענדליק זענען געקומען אין לאַנד 930.000 יידן. האָבן מיר דען געהאַט אין דער ציוניסטישער קאַסע געגנוג געלט פאַר אַן עליה אין אַזאַ מאַסשטאַב? דאָס מיינט דאָך — כמעט הונדערט טויזנט עולים יערלעך! טאָ לאָמיר זשע לערנען פון אונזער דערפאַרונג. מיר האָבן נישט קיין ברירה — מען טאָר נישט אַריינלייגן די עליה אין סדום־בעטל פון שטרויכ־לענדיקע ציפערן.

עס איז אויף אונז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ גרויסע היסטאָרישע שליחות. לאָמיר בלייבן טריי דער אומבאַגרענעצטער מאַסן־עליה! מיר וועלן זיך צום פאָלק אין ציון און אין גלות און פאָדערן ביי אים אַ פרייוויליקע מאָביליזאַציע. בעת די קאַמפן וואָס האָבן זיך געפירט וועגן דעם מאַסשטאַב פון עליה האָבן מיר שטענדיק געפאָדערט אַ באַשלוס וועגן פ ר י י ע ר ע ל י ה — א ו מ ב אַ ג ר ע נ ע צ ט ד ו ר ך אָ ר י ע נ ט אַ צ י ע א ו י ף ב ו ד ז ש ע ט — 1 0 0 . 0 0 0 ע ו ל י ם אַ י אָ ר — א י ן ד י ר אַ מ ע ן פ ו ן אַ ד ר י ט ן מ י ל י אָ ן א י ן צ ו ו י י ט ן י אָ ר צ ע נ ד ל י ק. א ו ן ד אָ ס מ י י נ ט אַ ט אָ ג־ ט ע ג ל ע כ ע ע ל י ה, ע ל י ה פ ו ן י ע ד ן י י ד, פ ו ן י ע ד ן ל אַ נ ד, עליה אונטער אַלע באַדינגונגען.

אונזער קאַמף קעגן דער טענדענץ צו באַגרענעצן די עליה האָט דערגרייכט זיין הויך־פּונקט בעת דער זיצונג פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, וואָס איז פאָרגעקומען אין פרילינג 1958. אין קעגנזאַץ צום פאָרשלאַג פון דעם קאַסירער פון דער יידישער אַגענץ, וועגן אַ יערלעכער עליה־קוואָטע פון 24.000 — האָט אונזער פראַקציע פאָרגעלייגט אַ אומבאַגרענעצטע עליה.

דער ויכוח האָט אַריינגעבראַכט גרויס שפּאַנונג, בעת ד"ר נ. גאָלדמאַן האָט זיך אַריינגעמישט אין אַ געוויסן מאָמענט אין די באַראַטונגען פון פּלענום פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט און האָט פאָרגעלייגט אַראָפּנעמען אונזער פאָרשלאַג פון דער טאָג־אָרדנונג און באַגנוגענען זיך מיט אַ נישט־פאַרפליכטנדיקן פשרה־פירוש, וועלכן ער האָט געגעבן צו דער פראַגע פון עליה. דערויף האָט אונזער פאַרטיי פאָרגעלייגט אַן אויסבעסערונג וואָס זאָגט:

די ציוניסטישע באַוועגונג וועט שטרעבן צו אומבאַגרענעצטער יידישער עליה פון אַלע

לענדער פון וואנען יידן פארן קיין ישראל". „מיר דארפן זען אין דער עליה דעם צענטער פון אונזער לעבן. זי איז שטענדיק געווען און איז פאַרבליבן דער קווינט־עסענץ פון ציוניזם".

דער צווייטער יאָרצענדליק שטייט פאר דער שוועל. עס ווארט אויף איר לעזונג די פראגע פון אבסארבירן דעם דריטן מיליאן. דערצו מוז דורכגעפירט ווערן א רעאָרגאַניזאַציע אין די רייען פון דער ציוניסטישער באוועגונג. דער יידישער גלות און זיין נויט — זיי וועלן באַשטימען די גרויס פון דער עליה. און איר פאַרנעם. און דאָס מיינט — אן אומבאגרענעצטע מאַסן־עליה.

ווען אונזער אויסבעסערונג איז אנגענומען געוואָרן דורך דער מערהייט פון דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, איז עס געווען אַ גרויסע איבעראַשונג און אַ גרויסער זיג פאַר אונזער באַוועגונג.



פראַקציע פון אחדות־העבודה—פועלי־ציון אויף דער סעסיע פון ציונ. אַקציאָנס־קאָמיטעט אויגוסט 1957 אין ירושלים. פון רעכטס צו לינקס : ניר, באַנקאָווער, מענדעלסאָן, גערשוני, פינקעלשטיין, זרבלל, בר־יהודה, רעפעטור, גאָלדמאַן, בראַגינסקי

פ. ל. גאָלדמאַן

מ'קאָן געווינען אויך אנדערע...

די פייערונגען פון דעם חג־העשור פון דער יידישער מדינה האָבן אַרומגענומען דעם רוב מנין ובנין פון דעם אַמעריקאַנער יידנטום. עס האָבן זיך אויסגעשלאָסן פון די פייערונגען בלויז עטלעכע פאַרפרוירענע גרופּקעס אין יידישן לעבן, מיט דעם „בונד" פון איין זייט און דעם „קאָונסיל פאָר דזשודאַאיזם" אויף דער צווייטער זייט. אָבער זייער פעלן האָט נישט פאַרשטערט די שמחה אויפן מינדעסטן אופן.

עס דאַרף אויך פאַרצייכנט ווערן, אַז דער יום־טוב פון 10 יאָר מדינת ישראל האָט געקריגן אַ טיפן אָפּקלאַנג צווישן דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג. נישט נאָר האָבן אומצאָליקע נישט־יידישע קערפּערשאַפטן געבראַכט צום אויסדרוק זייער באַגריסונג צום צענטן יום־העצמאות, נאָר אויך כמעט אַלע רעגירונגס־אינסטאַנצן אין די 48 שטאַטן, און אין די מערסטע פון זייערע שטעט האָבן דורך רעזאָלוציעס אויסגעדריקט זייער פריידן מיט דער מדינה. דער קאָנגרעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן — ביידע הייזער — האָט אָנגענומען איינשטימיקע באַגריסונגס־רעזאָלוציעס.

וואָס שייך אינערלעך, אין דער יידישער געזעלשאַפט גופא, האָבן די פייערונגען געטראָגן אַ פאַרשידנאַרטיקן כאַראַקטער. נישט שטענדיק האָבן זיי געגעבן פולע באַפרידיקונג דעם ציוניסט, אָדער אפילו דעם סתם יידישן פאָלקס־מענטש. נישט באַרירנדיק פּרטימדיק די סיבות, פאַרוואָס עס איז געווען אַזוי, וועלן מיר אָנווייזן אויף איין מאָמענט, דעם הויפּט־גורם, לויט אונדזער מיינונג, וואָס אויף אַ צאָל צענטראַלע יידישע פייערונגען איז דער טאָן געווען אָן איינגעהאַלטענער — מער, אַזוי צו זאָגן, „אַמעריקאַניש" און ווינציקער יידישלעך.

מיר האָבן דאָ אינזינען דאָס, וואָס צו די פייערונגען זענען צוגעשטאַנען וואָגיקע עלעמענטן אין יידישן לעבן, וועלכע זענען פ אַ ר דער מדינה געווען אַנטי־ציוניסטיש און וועלכע זענען, אפילו נ אָ ך דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה אַלץ געבליבן אַנטי־ציוניסטיש, ווי אויך יענע עלעמענטן, וואָס מיט זייער גאַנצער פּאָזיטיווער באַציאונג צו מדינת ישראל, האַלטן זיי פאַר זייער חוב שטענדיק צו דעקלאַרירן: „איי עם ען אַמעריקען פוירסט".

מען האָט זיי נישט נאָר „מצרף געווען" צו די פייערונגען. דער אמת איז, אַז די ווי־כטיקסטע פאַקטאָרן אין דער מדינה האָבן די דאָזיקע עלעמענטן געגעבן דעם א ו י ב ן ־ אָ ן, פאַקטיש די קאָנטראָלירנדיקע פּאָזיציעס, אין די קערפּערשאַפטן וועלכע זענען דאָ געשאַפן געוואָרן אין פאַרבינדונג מיט דעם חג־העשור. די היגע ציוניסטישע באַוועגונג האָט פאַקטיש געמוזט קעמפן פאַר אַן אָרט אין די צוגרייטונגען פון די צענטראַלע קערפּערשאַפטן. אין רעזולטאַט איז געלייגט געוואָרן אַ נישט־ציוניסטישער חותם אויף די פייערונגען. מיר רעדן דאָ, פאַרשטייט זיך, פון די צענטראַלע פייערונגען און נישט פון די פייערונגען וואָס ציוניסטישע פאַרטייען האָבן איינגעאָרדנט, יעדע איינע באַזונדער פאַר זיך, ווו, עס איז קלאָר, דער טאָן און דער אויסדרוק האָבן נישט געהאַט קיין רעזערוואַציעס.

ווי אַ באַרעכטיקונג פאַר דעם אַזוי־גערופענעם „אַמעריקאַנער" טאָן פאַר די צענטראַלע פייערונגען איז אָנגעגעבן געוואָרן דער מאָטיוו, אַז אָ ן דעם וואָלטן די פייערונגען געווען באַגרענעצט בלויז צו די ציוניסטישע קרייזן. איז ביי אונדז אַ גרויסע פראַגע, צי האָט זיך עס געלוינט פון יידישן און דערציערישן שטאַנדפּונקט. עס זאָגט עפּעס דער פאַקט, וואָס כמעט אין אַלע אויסדרוקן פון דער נ י ש ט־יידישער וועלט אין פאַרבינדונג מיט דעם חג־העשור, איז דווקא געקומען צום אויסדרוק דער ריין־יידישער מאָמענט: באַגריסונג צום יידישן פאָלק אין דער מדינה און צו יידן אין אַמעריקע. חוץ פון אָפענע און באַהאַלטענע אַנטיסעמיטישע קרייזן אין אַמעריקע, הערט מען נישט קיין שום פאָרוואָרף אויפן חשבון פון אַמעריקאַנער ישוב בנוגע יידישער לאָיאַליטעט.

מיט אַלע זיינע אייגנשאַפטן וועלכע כאַראַקטעריזירן אים, לעבט דאָס אַמעריקאַנער יידנטום

היינט אינהאַלטסרייכער, אין רעזולטאַט פון 10 יאָר מדינת ישראל. טייל טוט דאָס באַוווּסטזיניק און ביי אַ טייל געשעט דאָס אומבאַוווּסטזיניק. פאַסירונגען אין דער מדינה, אירע פּראָבלעמען אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע זענען טעמעס נישט נאָר פון צוזאַמענקונפטן, נאָר אויך פון טאָג־טעגלעכן געשפּרעך. ס׳איז אַ פאַלשע איינרעדעניש, אַז אַמעריקאַנער יידן, אַלנפאַלס די באַוווּסט־זיניקע צווישן זיי, האָבן נישט קיין אינטערעס און פילן זיך נישט ווי אַ צד אין דעם גוראַנגל פאַר דער געשטאַלטונג פון דער מדינה. די השגות פון די קלאַסן אין דער מדינה און דער אַפּעטיט פון די דאָרטיקע קלעריקאַלע כוחות האָבן אַ טיפן אָפּקלאַנג צווישן יידן אין אַמעריקע. דער פּאַרזוך אויסצומיידן דאָ די באַשאַפונג פון צדדים אַרום דעם קלאַסנקאַמף אין דער ישראלדיקער געזעל־שאַפט, אָדער בנוגע דעם אָרט פון רעליגיע אין דער מדינה — דער דאָזיקער פּאַרזוך וועט נישט געלינגען.

ס׳איז אַ היסטאָרישע זינד, וואָס מ׳האָט כמעט פון די סאַמע ערשטע טעג פון פּאָליטישן ציו־ניזם אַנגעצייכנט פאַר דעם אַמעריקאַנער יידישן ישוב די ראָל פון פילאַנטראָפּישן ציוניזם. אין רעזולטאַט האָט זיך באַקומען, אַז אין דער עפּאָכע פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה איז די ציוניסטישע באַוועגונג געווען פאַרטראַטן בלויז סימבאָליש אין דעם חלוצישן פּראָצעס. די דאָ־זיקע ציוניסטישע דערציאונג אין אַמעריקע איז דער הויפּט־גורם, וואָס דער היגער ישוב פאַר־נעמט נישט זיין אָרט אין עליה.

די דאָזיקע זינד פון אָנצייכענען פאַר אַמעריקאַנער יידן בכלל און פאַר דער היגער ציוניס־טישער באַוועגונג בפרט, אַ באַזונדערע ראָל, אַ נישט־פּאָליטישע, בלויז אַ געלט־געבערישע, טאָר נישט האָבן קיין המשך, אויב מען וויל האָבן האָפנונגען, אַז דער איבער פינף־מיליאָניקער יידישער ישוב אין די פאַראייניקטע שטאַטן וועט סוף כל סוף פאַרנעמען זיין אָרט אין דעם פּראָצעס פון קיבוץ גלויות.

דעריבער זענען שעדלעך אַלע באַמיאונגען מצד וויכטיקע ישראלדיקע פאַקטאָרן צו שטעלן אין שאָטן די ציוניסטישע באַוועגונג אין כמעט אַלע היגע טעטיקייטן לטובת מדינת ישראל. אַן ענלעכע כאַראַקטעריזאַציע איז אַנגעמאָסטן אויך אויף אַלע פאַרזוכן מצד פירנדיקע פּערזענלעכ־קייטן אין דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג גופא, וואָס זעט די לייזונג פון דעם קריזיס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין דעם אָפּשאַפן די ציוניסטישע פּאַרטייען און דער צונויפשמעל־צונג, אַזוי צו זאָגן, פון אַלע ציוניסטן, פון חרות ביז אחדות העבודה—פועלי ציון אין איין ציו־ניסטישער מחנה. מיר דערלויבן זיך צו זאָגן, אַז דער איינציקער רעזולטאַט פון אַזאַ ליקווידאַציע פון די באַזונדערע ציוניסטישע פּאַרטייען וועט זיין אַ נאָך לעבלעכערער ציוניזם ווי ער איז היינט, און אַ ציוניסטישע באַוועגונג מיט ווינציקער אַמביציעס, ווי עס האָבן כאָטש טיילן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

*

טראָץ אונדזער פעסטשטעלונג, אַז דער רוב מנין און בנין פון דעם אַמעריקאַנער יידנטום לעבט באַווירקט דורך דער עקזיסטענץ פון דער מדינת ישראל, ווילן מיר אָבער נישט שאַפן דעם איינדרוק, אַז מדינת ישראל קאָן זיך צופרידנשטעלן מיט אירע ביז־איצטיקע דערגרייכונגען, וואָס שייך איר אויסווירקונג אין דעם היגן יידישן לעבן. צוזאַמען מיט די מאָנונגען צו די יידן אין די גלות־לענדער בכלל און צו דעם אַמעריקאַנער יידנטום בפרט, דאַרף די מדינה זיך פילן פאַרפליכטעט צו זאָרגן פאַר דעם קיום און פאַר דעם אינהאַלט פון די יידישע ישובים אין זייער צעשפּרייטקייט. דער „דאָ״ און „דאָרטן״ מוז קריגן אַ נייע דעפיניציע. אין ליכט פון 10 יאָר מדינת ישראל לייגט דער דאָ־און־דאָרט אַרויף נאָך גרעסערע פליכטן אויף אַלע טיילן פון אונ־דזער פאָלק און גרעסערע קעגנזייטיקע זאָרגן. אונדז גייט דאָ דער עיקר אין דעם, אַז אין ישראל זאָל מער אָנערקענט ווערן די פאַרפליכטונג צום גלות. מיר גלויבן, אַז ווען די דאָזיקע אָנערקענונג וועט קומען, וועט נישט זיין שווער אָנצוצייכענען און דורכפירן אַ פּראָגראַם.

מיר זאָגן, אַז עס וועט נישט זיין שווער אָנצוצייכענען און דורכפירן אַ פּראָגראַם אויף דער באַזע פון אונדזער דערפאַרונג אין היגן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. מיר זענען געווען עדות פון דעם פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַ צאָל וויכטיקע יידישע קערפּערשאַפטן, וועלכע האָבן פון אַ קעמפערישער אַנטי־ציוניסטישער איינשטעלונג זיך אַנטוויקלט צו אַקטיווע פּראָ־ישראלדיקע פּאָזיציעס. זאָל אונדז דערלויבט זיין צו זאָגן, אַז אין איינציקע פון זיי האָט אונדזער באַוועגונג אין אַמעריקע מיטגעווירקט, אַז אַזוינס זאָל געשען.

זאָל דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות אויך דערלויבט זיין צו ברענגען אַ ביישפּיל פון צוויי אַזעלכע קערפּערשאַפטן: פון דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט און פון דעם גרויסן פאָלקס־אָרדן, דעם „אַרבעטער־רינג״. די פירערשאַפט פון אָט די צוויי גרויסע און וויכטיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע וועלן זיכער נישט האָבן קיין פאַריבל אויף אונדזער פעסטשטעלונג דאָ, אַז זיי איז, מיט וואָסערע 15 יאָר צוריק, מילד גערעדט, געווען לחלוטין פרעמד דער געדאַנק פון אַ יידישער מדינה. עס גייט דאָ אונדז נישט אין אויפמישן האַנדלונגען פון די דערמאָנטע צוויי אָרגאַניזאַציעס אין יענע יאָרן, וועלכע האָבן געוואָרצלט אין אַן אַנטי־ציוניסטישער איינשטעלונג. אויב מיר פאַרצייכענען עס, איז עס נאָר כדי אונטערצושטרייכן, אַז ווען עס זענען געקומען גורלדיקע מאָמענטן, ווען די יו־ען האָט געדאַרפט דעצידירן וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה, זענען די דאָזיקע צוויי קערפּערשאַפטן געווען אויף דעם ריכטיקן אָרט: זיי האָבן אַוועקגעלייגט אויפן וואָגשאָל זייער גאַנצן כוח אין אונדזער פאָלקס־געראַנגל פאַר אַ זעלבשטענדיקער מדינה.

מיר דערלויבן זיך צו מיינען, אַז אונדזער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, וועלכע האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס אויסגעווירקט אין אָט די צוויי קערפּערשאַפטן, האָט בייגעטראָגן צו דעם פּראָצעס איינערהאַלב זיי, וואָס האָט זיי געפירט צו פאַרנעמען פּאָזיטיווע פּאָזיציעס בנוגע דער עטאַבלירונג פון דער מדינת ישראל: מיר זענען געווען די איינציקע אָרגאַניזירטע ציוניסטישע ריכטונג סיי אין דעם „אַרבעטער־רינג״ און סיי אין דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. אָבער מיר ווילן גלייך צוגעבן, אַז אונדזער באַוועגונג פּרעטענדירט נישט צו זאָגן, אַז איר השפּעה איז געווען דער *דעצידירנדיקער* מאָמענט אין דער אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע צוויי קערפּערשאַפטן. ס'איז צו דעם היסטאָרישן קרעדיט סיי פון דער פירערשאַפט און סיי פון די גרויסע מאַסן, וואָס זאַמלען זיך אין די ראַמען פון „אַרבעטער־רינג״ און פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, וואָס אין דעם היסטאָרישן מאָמענט האָבן זיי זיך אויפגעהויבן צו די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן, וואָס אונדזער פאָלקס־געשיכטע האָט אַרויפגעלייגט אויף אונדז אין אונדזער דור.

מיר ברענגען דעם דאָזיקן פאַקט נישט לשם געשיכטע, נאָר כדי צו באַווייזן, אַז ביי אַ געהעריקער באַציאונג מצד ישראל און מיט אַ פּאַסיקן צוגאַנג צו די שטימונגען וואָס באַהערשן נאָך די נישט־ציוניסטישע קרייזן אין דעם היגן יידישן ישוב, קאָן געפונען ווערן דער וועג פאַר די באמת אויפריכטיקע און קעגנזייטיקע באַציאונגען לטובת די געמיינזאַמע אינטערעסן פון מדינת ישראל און די ישובים אין חוץ לארץ.

די איניציאַטיוו דאַרף קומען פון מדינת ישראל.

...קיין שום מאָדערן פאָלק, וואָס קעמפט זיין פאָטערלאַנד ווידער צו דערגרייכן וועט נישט זיין ביכולת צו פאַרלייקענען דאָס רעכט פונעם יידישן פאָלק אויף זיין לאַנד, נישט באַגייענדיק דערמיט אַ מאָראַלישן זעלבסטמאָרד.

משה העס

ג. גרשוני

אויף נייע וועגן

(אונדזער באַוועגונג אין די תפוצות)



צען יאָר מדינת ישראל האָבן דערמוטיקט און געקרעפטיקט טיילן פון יידישן פאָלק אין די תפוצות, געגעבן זיי כוח צום אויסדויער און אָנגעפילט מיט אינהאַלט דאָס יידישע לעבן. די בריק, וואָס פאַרבינדט היינט די מדינה מיט די יידן פון דער וועלט, — איז קעגנזייטיקע דאַגה פאַרן קיום, הילף און געשפּאַנטער גורל־געפיל פון יידן אין די תפוצות פאַרן קיום פון דער יונגער מדינה, און מצד ישראל — דער גרעסטער פאַרן נאַציאָנאַלן פּרצוף און וויטאַליטעט פון די יידן אין דער וועלט.

די בריק איז איבערגעוואָרפן. אָבער איין קאָפּ אירער שפּאַרט אָן אין ברעג פון פרעמדן באָדן ווו טאָלעראַנץ צו יידן מישט זיך צוזאַמען מיט אַלץ מער וואַקסנדיקער פרעמדקייט און איזאָלאַציע. דער יידישער יחיד זוכט דעם וועג צו אינטעגראַציע, ער וויל פאַרשלונגען ווערן אין דעם אַרום.

יידישע ישובים אין דער וועלט זענען נאָך היינט אין דעם גרעסטן טייל שפּליטערס פונעם אייראָפּעישן צענטער. דער פּראָצעס פון אויסוואַנדערונג אין די נייע לענדער איז קוים אַלט צוויי־דריי דורות.

דער אַלטער אייראָפּעישער צענטער האָט פאַרמאָגט מעכטיקע כוחות, וויבאַלד גרויסע יידישע ישובים אין צפון־ און דרום־ אַמעריקע, אין דרום־אַפריקע, אין וויטן אויסטראַליע, טיילווייז אויך אין מערב־אייראָפּע האָבן אין משך פון צענדליקער יאָרן אין זיך אויפגעהאַלטן דעם גייסט און די נאַציאָנאַל־קולטורעלע פאָרם פון דער אַלטער היים. אויף דעם וואַנדערונגס־וועג פון פּוילישע, רוסישע, רומענישע און אַנדערע מזרח־אייראָפּעישע יידן האָט זיי די אַלטע היים מיטגעגעבן נאַציאָנאַלע צידה לדרך. דאָס האָט באַשטימט אין אַ גרויסער מאָס דעם פּרצוף פון די יידישע נייע ישובים אין דער וויטער וועלט. די י י ד י ש ע שפּראַך האָט פאַרבונדן צעריסענע טיילן, די געזעלשאַפטלעכע טראַדיציע האָט געשאַפן די ראַמען פון אויטאָנאָמען יידישן קולטור־לעבן. די אַרומיקע סביבה און די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג האָבן אָבער אומאויפהערלעך צעשטערט די נאַציאָנאַלע ראַם און עס האָבן זיך, ביים יונגן דור, וואָס איז שוין געבוירן געוואָרן אין די נייע צענטערן, אַריינגעריסן מיט אימפּעט די שפּראַכלעכע אַסימילאַציע און קולטורעלע צוגעפּאַסטקייט.

היינט־צו־טאָג איז די אַסימילאַציע נישט באַגלייט מיט אַן אידעישן אַקאָמפּאַנימענט. ס׳איז נישט קיין פּראָבלעם פאַר יחידים, וואָס זוכן צו באַרעכטיקן זייער אַוועקגיין פון פאָלק מיט רייןמענטשלעכע, איבער־נאַציאָנאַלע אַספּעקטן; די אַסימילאַציע פון יונגן דור אין די תפוצות קומט פון זיך אַליין, סטיכיש און אָן וועלכער ס׳איז באַפאַרבונג.

אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון די יידן אין די לענדער קומען פאָר גרויסע ענדערונגען. עס ענדערט זיך די באַשעפטיקונגס־סקאַלע פון יידן, אָבער עס ווערט נישט אָפּגעשאַפט די איינציקאַרטיקע ראָל פון דער יידישער מינדערהייט אין דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון די וווין־לענדער. יידן זענען ווידער איינציק און אויסטערליש אין זייער נייער קאָנצענטראַציע, פון האַנטאַרבעט צום מסחר און פאַרמיטלונג, און וואָס ווייטער — אַלץ העכער צו דער אויסבילדונג פון אַן אינטעלעקטועלן קלאַס, מיט שטאַרקער מומחיות און קוואַליפיקאַציע. אַזוי בילדעט זיך ביים נייעם דור די ספּעציפישע וועלט־אויפפאַסונג, וועלכע איז בעיקר — לעבנס־צופּאַסונג. דער „אידעאַל" פון דעם נייעם דור יידן — לייכטע אָבער שטאַרק ספּעציאַליזירטע אַרבעט, וואָס דערמעגלעכט אַ העכערן לעבנס־סטאַנדאַרט. אַקאַדעמישער באַרוף, אָדער טעכנישע ספּעציאַליטעט ווערט דער עיקר־וועג פון דער יידישער יוגנט אין דער נייער וועלט, בכדי הנאה צו האָבן פון לעבן. יידן אין זייער מענטאַליטעט זענען היסטאָריש געוועזן צוליב פאַרשידענע סיבות די ערשטע, פון דער קאַפּיטאַליסטישער תקופה. דער יונגער יידישער דור פילט אויך אַרויס דעם אָנקום פון דער אַטאָם־תקופה און איז פון די ערשטע, וואָס פּאַסן זיך צו צו דער נייער פּאַזע

אין דער וועלט־אַנטוויקלונג, וואָס פאָדערט, אמת, גרויסע אחריות און נישט קיין קלענערע נערוון־שפּאַנונג, אָבער איז צוגלייך אַן אַרבעטס־פּראָצעס קורץ אין צייט און לייכט אין פיזישער אָנשטרענגונג.

אַ דור אָן אידעאַלן. דאָס יידישע לעבן ווערט צעשפּליטערט אין יחידישע מענטשן, יעדער מיט זיין גורל און זיין מזל, אָבער צוזאַמען — ווייט נישט דער אַמאָליקער קהל. דאָס זענען אָביעקטיווע פּראָצעסן, וועמענס יסוד זענען בעיקר די גרויסע, ממש רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען אין דער עקאָנאָמיק פון זייערע וווין־לענדער.

מיטן אויפקום פון מדינת ישראל און נאָך צען יאָר פון איר עקזיסטענץ, האַלט די ציוניסטישע באַוועגונג אין דער גאָרער וועלט נאָך אַלץ אין איין זוכן דעם שליסל צום נייעם דור יידן אין די תפוצות. עס האָט זיך אין דער היינזיכט גאָרנישט געענדערט: די טרעגער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג געהערן אין זייער גרעסטער מערהייט צום עלטערן דור, וועמענס נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין שטאַמט נאָך פון דער אַלטער היים און מיטן אויפקום פון דער מדינה האָט ער באַקומען נאָך מער כוח און דערמונטערונג. די צוקונפט פון ציוניזם אָבער, איז געבונדן אין אַ גרויסער מאָס מיטן קאָנען דעראָבערן דעם יונגן יידישן דור.

אַ סך פּרוון זענען געמאַכט געוואָרן אין דער ריכטונג — דער רעזולטאַט איז אָבער ווייט נישט קיין פריילעכער. בלויז אַ קליינער טייל פון דעם יונגן דור געניסט פון יידישער דערציאונג און ציוניסטישער אויפקלערונג. די חלוצישע באַוועגונג ראַנגלט זיך שווער, דערגייט צו ווינציקע און דערפירט נאָך ווייניקער צו עליה און הגשמה אין ישראל.

איינער פון די הויפּט־פּראָבלעמען פונעם ציוניזם היינט־צו־טאָג איז אייגנטלעך די פּראַגע פון נאַציאָנאַלער פאַרבינדונג צווישן טיילן פון פאָלק, צעזייטע איבער דער וועלט. ציוניזם אין דער יידישער וועלט איז איצט דער ב ש ו ת פ ו ת ד י ק ע ר אידעאַל פון ק י ו ם ה א ו מ ה. נאַציאָנאַלע פאַקטאָרן, ווי שפּראַך, דערציאונג, אָפּשטאַם און מענטאַליטעט האָבן דורות־לאַנג פאַרבונדן יידן אין זייער שטאַם־לאַנד און אין זייער צעשפּרייטונג. די קאָנטינואיטעט פון אַ גרויסן צענטער האָט באַווירקט זיינע צווייגן, אפילו פאַרוואָרפענע גאָר ווייט. אַזוי האָבן די יידן פון ניו־יאָרק, פון וואַרשע און בוענאָס־איירעס געהאַט אַ געמיינזאַמע שפּראַך און בשותפותדיקע נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

אינגאַנצן אַנדערש איז די לאַגע לגבי דעם יונגן דור. אַמעריקאַנער יונגע יידן האָבן נישט קיין געמיינזאַמע אינטערעסן נישט מיט די געבוירענע אין ישראל און אוודאי נישט מיטן יונגן דור אין ראַטנפאַרבאַנד און די לענדער פון מזרח־אייראָפּע.

דער ציוניזם מוז ווערן דער איינציקער ענטפער אויף דער פ ר ע מ ד ק י י ט צווישן טיילן פון יונגן יידישן דור. דער ציוניסטישער אידעאַל איז געבליבן דער איינציקער אידעאָלאָגישער וועג פאַר אַלע טיילן פון יידישן פאָלק אין דער גאָרער וועלט. אַלץ, וואָס איז אויסערדעם, איז לאָקאַליזירט, פאַרצעלירט און זוכט זיך צופּאַסן צו דער הערשנדיקער קולטור.

די יידן אין דער גאָרער וועלט זענען ערשט איצט דערגאַנגען צום שטאַפּל פון דער „צווייטער עליה" אין אָנהויב פון יאָרהונדערט. אַ דינער עליה־שטראָם פון אידעאַליסטן, מיט טיפער ציוניסטישער אמונה — די גרויסע מאַסע בלייבט.

מוז דערפאַר די ציוניסטישע דערציאונג אין די תפוצות שטאַרק אויסגעברייטערט ווערן — קודם כל: פלעגן און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן פון יידישן לעבן אין די תפוצות. קענטשאַפט פון יידישן לעבן אויפן אָרט, אַנאַליז פון עקאָנאָמישע יסודות זיינע, פּראָבלעמאַטיק און צוקונפט פונעם אָרטיקן ישוב און זיין וואַקסנדיקן דור.

*

פאַר אונדזערע אויגן איז דער גרויסער נסיון פון 3 מיליאָן יידן אין ראַטנפאַרבאַנד, ווו נאָך 40 יאָר אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט זיך ווידעראַמאָל אַנטפּלעקט די יידן־פּראַגע אין איר טראַגיק. נישט קיין אַלטע אויסגאַבע פון אַרכיוו, נאָר אַ שפּאָגל־נייע „יידן־פּראַגע" — אינטעגראַציע און צוגלייך דיסקרימינאַציע; אַסימילאַציע און איזאָלאַציע — באַגריפן פון אַלטן שולחן־עָרוך זענען מיטאַמאָל אויפגעפלאַקערט געוואָרן און אָפּגעבריט דאָרט די יידישע יוגנט, וואָס האָט שוין כמעט גאָרנישט געוווסט וועגן איר יידישער אָנגעהעריקייט. אין די ראַמען פון ראַטנפאַרבאַנד, ווו עס זענען געבליבן מיליאָנען יידן איז פאָרגעקומען דער זעלבער היסטאָרישער פּראָצעס, הגם אין אַן

אַנדערער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער פאָרמאַציע. קאָנצענטרירטע געדיכטע יידישע ישובים אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד האָבן זיך צעוואָרפן איבערן גרויסן סאָציאַליסטישן לאַנד און צוריק זיך קאָנצענטרירט אין די גרויסע שטעט. פּראָלעטאַריזירונגס־פּראָצעסן אין אָנהויב פון דער רעוואָלוציע זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן, און יידן זענען מערסטנס באַשעפטיקט אַלס מלוכה־באַ־אַמטע, אַנגעשטעלטע, אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ א. אַז. וו. ס'האָט זיך ברייט געעפנט דער וועג פאַרן סאָוויעטיש־יידישן יחיד צו די העכסטע שטאַפּלען פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד. אָבער די אייזערנע געזעצן פון עקסטעריטאָריעלן פאָלק האָבן זיך אויסגעווירקט אין דער סאָציאַליסטישער מדינה דאָס זעלבע ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. די אייגנאַר־טיקייט פון יידישן גלות־לעבן איז בכן נישט אָפּהענגיק פון רעזשים, וואָס הערשט, נאָר איז אַ רעזולטאַט פון אַ דורות־לאַנגער אַנטוויקלונג פון אַ באַדנלאָזן נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו, וואָס איז געווען דער טרעגער פון אַ שטאַטישער, פאַרמיטלערישער געזעלשאַפטלעכער פונקציע.

די „יידן־פראַגע" אין ראַטנפאַרבאַנד און פאָלקס־דעמאָקראַטיעס רייסט־אויף געוועבטע אי־לוזיעס, „טעאָריעס" און „פראָגנאָזן" פון צוויי דורות יידישע סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן פאַרויסגעזאָגט און געפּרעדיקט מיט פולער זיכערקייט, אַז די רעוואָלוציע וועט אויטאָמאַטיש לעזן די יידן־פראַגע און האָבן אין זייער „וויסנשאַפטלעכקייט" אויסגעשפּאָט דעם „רעאַקציאָנערן ציוניזם".

פולע גלייכבאַרעכטיקונג פון יידישן פּרט איז פאַראַנקערט, נאָך פערציק יאָר רעוואָלוציע, אין אַרויסשטויסונג פון פאַרנומענע פּאָזיציעס. פאַרשידענע פּרוון פון קאָלאָניזאַציע פון יידן מיט דער „אויטאָנאָמישער יידישער געגנט אין ביראָבידזשאַן" האָבן געליטן אַ ביטערע מפּלה. אָבער דערפאַר קומט פאַר אַ שטאַרקע קאָנצענטראַציע אין מאָסקווע, לענינגראַד, קיעוו, אָדעס, מינסק און אַנדערע גרויסע שטעט פון ראַטנפאַרבאַנד מיט אַן איבערוויגנדיקער שיכט פון אינ־טעליגענץ און אַנגעשטעלטע און מיט טראַגישן בלויז סיי אין לאַנדווירטשאַפט און סיי אין דער אינדוסטרי.

דער גזר פון שטומקייט אויף מיליאָנען יידן, דער פאַקטישער פאַרבאָט פון געדרוקטן וואָרט, פון יידישער שול, טעאַטער, קונסט א. אַז. וו. — שרייט־אויס הילכיקער ווי יעדע שטים וועגן דער צוואַנגס־אַסימילאַציע קעגן בפירושן ווילן פון די יידן גופא.

אַלע באַגעגענישן אין די לעצטע יאָרן מיט סאָוויעטישע יידן און דער עיקר מיטן יונגן דור, רעדן וועגן שטייגנדיקער סקאַלע פון נאַציאָנאַלע געפילן, וואָס האָבן נישט קיין פאָרם און נישט קיין אויסדרוק — ווייל מען איז שטום!

די לאַגע פון יידישן ישוב אין ראַטנפאַרבאַנד איז אָן שום ספק דער טראַגישסטער קאַפּיטל נאָך דעם חורבן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זי מאַכט טרויעריק־בולט דעם משונהדיקן גורל פון דעם נאַציאָנאַלסטן יידישן קיבוץ פון דער נישט־לאַנגער פאַרגאַנגענהייט און איז גלייכצייטיק אַ וואָרנונג פאַר דער נאָענטער צוקונפט.

*

אָרגאַניזירטע טיילן אין דער יידישער געזעלשאַפט אין די תפוצות זענען תמיד געווען אַ מינדערהייט. יחידים, דערנאָך קליינע גרופּן און שפּעטער גרעסערע — אָבער דאָך בלויז אַ מינ־דערהייט. פּאָליטישע פּאַרטייען אויך אין די גרויסע יידישע ישובים זענען געווען אַוואַנגאַרד־גרו־פּן פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיכער אין פּאַטענץ אַרומגענומען אַ סך ברייטערע קרייזן. דער אָנפירנדיקער איניציאַטיוו־רייכער טייל איז אָבער געווען און געבליבן דער ציוניסטישער לאַגער און בעיקר, די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַר־טיי, וואָס האָט פאַרמאָגט די רייכע טראַדיציע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער אַלטער היים, די דערפאַרונג פון אומדערמידלעכן קאַמף פאַר רעכט פון יידן און פון נאַציאָנאַלע פאָרמען פון יידישן לעבן.

די צעשפּליטערונג פון דעם היינטיקן גלות אין אַ סך קליינע ישובים האָט צוגלייך נישט פאַרמינערט, נאָר פאַרקערט, נאָכמער פאַרגרעסערט די צאָל פאָרמען פון אָרגאַניזירונג פון יידישן לעבן אויפן אָרט. די צעבראָקלטקייט ברענגט צום אויפקום פון אַ סך רעליגיעזע, קולטורעלע און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע פאָרמאַציעס, וואָס זוכן זיין צוגעפּאַסט צו דער נייער צייט.

דער שווערער געראַנגל איז איצט פאַר דעם וועג פונעם נייעם אויפוואַקסנדיקן דור — זיין ריכטונג וועט באַשטימען מער ווי ווען עס איז דעם גורל פון יידישע ישובים אין דער וועלט.

היינט־צו־טאָג איז די פראַגע — ווי שאַפט מען אַ נאַציאָנאַלע אַטמאָספער אין יידישן לעבן? עס איז פאַרשטענדלעך, אַז נאָר גרעסערע יידישע צענטערן קומען דאָ אין באַטראַכט, ווייל נאָר דאָרט איז מעגלעך, נישט קוקנדיק אויף דער אַסימילירנדיקער ווירקונג פון דער אַרומיקער סביבה, צו אַנטוויקלען פאַרשידנזייטיקע אַקטיוויטעטן פאַר דער אויסבילדונג פון אַן אייגנאַרטיקן יידישן נאַציאָנאַל־קולטורעלן לעבן.

אין פאַרשידענע יידישע צענטערן זענען אויך די טעטיקייטן פאַרשידענע. אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט די יידישע געזעלשאַפט אַנגעוועגדעט פאַרשידענע פאָרמען פון הילף פאַר אימי־גראַנטן: פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזירונג, לאַנדסמאַנשאַפטן, קולטורעלע און דערציערישע אַרבעט און אין דער לעצטער צייט, אין אַ פאַרשטאַרקטער מאָס, די אָרגאַניזירונג פון רעליגיעזע צענ־טערן.

דאָס נייע אין דעם היינטצייטיקן יידישן לעבן — איז אויך דער מאַנגל פון קלאַסן־דיפע־רענציאַציע, ביסלעכווייז פאַרשווינדט דער יידישער אַרבעטער פון וואַרשטאַט און פאַבריק. גרויסע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג געהערן צום העכערן לעבנס־סטאַנדאַרט־שיכט: סוחרים, העכערע אַנגעשטעלטע און אינטעליגענץ. די סאָציאַלע אונטערשידן אין די אַמאָליקע יידישע צענטערן פון אייראָפּע האָבן נישט ווייניק באַאיינפלוסט און פאַרשאַרפט די באַציאונגען, און דערמיט אַקטיוויזירט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, פאַרשטאַרקנדיק די פּאָליטיש־פּאַרטיי־אישע גרופּירונגען. דער היינטיקער גלות איז עקאָנאָמיש ווייניק דיפערענצירט און נישט קלאַסן־אַנטאַגאָניסטיש. דער קעגנזאַץ ליגט נישט אין מאַטעריעלן מצב, נאָר אין אינטעלעקטועלן שטאַנד: באַאַמטע, סוחרים, פאַבריקאַנטן פון איין זייט און דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ פון דער אַנדערער.

די קאָנצענטראַציע אין די גרעסערע שטעט פון די תפוצות, דער עיקר אין דעם מיליאָניקן יידישן ישוב אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי אויך אין אַנדערע לענדער — איז אַ רעזולטאַט פון אַ נאַטירלעכן פּראָצעס פון איזאָלאַציע־פאַקטאָרן, וואָס ווירקן אויף קליין־ און מיטל־שיכטן, און דאָס מיינט — כמעט לגבי דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין די דאָזיקע לענדער. די שטאַרקע פאַרמינערונג פון אַרבעטער־קלאַס האָט געענדערט די סאָציאַלע סטרוקטור פון יידן אין די תפוצות און זי באַשרענקט נאָר צו פאַרמיטלערישע עלעמענטן און אַקאַדעמישע פּראָפעסיעס.

וואָס איינזייטיקער עס איז די סאָציאַלע סטרוקטור, ווירקט אַלץ מער איזאָלאַציאָניסטיש די אַרומיקע סביבה און ברענגט צו אַ פאַרשאַרפטער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ. דערפאַר די שטרע־בונג צו קאָנצענטראַציע אין די גרויסע שטעט, און אַפילו דאָן, בעת עס קומט פאַר די אינער־לעכע וואַנדערונג פון צענטער שטאָט אין דער אומגעגנט, אויך דעמאָלט באַזעצן זיך יידן אין איין אָרט און שאַפן זיך אַ קליינעם צענטער, אַ פּריוויליקן געטאָ אין דער נישט־יידישער סביבה.

די נאַציאָנאַלע דערציאונגס־אַרבעט מוז דערפאַר אַרומנעמען אויסער דער הילף און זאָרג פאַרן קיום פון מדינת ישראל — אויך פּראָבלעמען פון יידישן לעבן אויפן אָרט. עס איז נישט דואַליזם — ס׳איז אָבער אַ לענגערער וועג. ציוניזם איז קיינמאָל נישט געקומען פלוצים, ער איז אויסגעוואַקסן פון די טיפענישן פונעם יידישן לעבן און זיינע נויטן.

*

דאַרפן די אָרגאַניזירטע טיילן — פּאַרטיי און יוגנט — פון דער אחדות־העבודה—פּועלי־ציון וועלט־באַוועגונג צופּאַסן זייער טעטיקייט צו דער געענדערטער צייט און אירע אויסווירקונגען אינעם יידישן לעבן אין דער גאָרער וועלט. די באַוועגונג קאָן זיך נישט באַגרענעצן מיט איינגע־פונדעוועטע פאָרמען פון אַרבעט. אָפטמאָל גייט די איינזייטיקע שטאַרקע טעטיקייט אויף איין געביט אויפן חשבון פון אַנדערע וויכטיקע סעקטאָרן פון דער אַרבעט. קיינער וועט נישט פאַר־לייקענען די גאָר גרויסע וויכטיקייט פון שול און דערציאונגס־אַרבעט. זי ראַטעוועט אַרויס די יידישע קינדער פון דער אַרומיקער סביבה, וואָס אי זי שלינגט איין שפּראַכלעך, אי זי ליידיקט אויס פון יעטוועדער נאַציאָנאַלער אייגנאַרט. אָבער די ווירקלעכקייט איז אַ סך אַכזריותדיקער: נאָר אַ קליינער טייל פון יידישע קינדער ווערן דערצויגן, ווען אַפילו טיילוויז, אין יידישע שול־אַנשטאַלטן. אויסערגעוויינלעכע אַנשטרענגונגען און גרויסע מיטלען ווערן אינוועסטירט אין דער שול־אַרבעט. דער ביישפּיל פון דרום־אַמעריקע, דער עיקר אַרגענטינע, ווייזט, אַז ביי אַ העכערן שטאַפּל פון אַנטוויקלונג (לגבי צפון־אַמעריקע), איז דאָך דער שול־וועזן נאָר אַ טיילווייזע לעזונג

פון דער גורלדיקער פראַגע פון נאַציאָנאַלער דערציאונג פון יידישע קינדער. די דאָזיקע דער־ציאונג האָט נישט קיין המשך אין לעבן, און אַרויסגייענדיק פון דער יידישער שולע — ווערט די יוגנט נאָכמער אַרומגענומען פון דער סביבה, וואָס שטויסט זי צו קאַריערע, צופּאַסונג צום אַרומיקן לעבן און ליידיקט זי אויס נאַציאָנאַל־קולטורעל.

דאָס פאַרלאַנגט נישט קיין רעוויזיע פון דער שול־אַרבעט פון דער באַוועגונג, אָבער דאָס צווינגט אויסצוברייטערן די ראַם פון השפעה און לייגן דעם געוויכט אויף אידעישער דערציאונג און באַרייכערונג פון פאָרמען פון יידישן נאַציאָנאַל־קולטורעלן לעבנס־שטייגער.

דער יונגער דור מיט זיין שפּראַכלעכער אַסימילאַציע געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון זעלבסט־אָפּנאַרעריי, גלויבנדיק, אַז דערמיט רייסט ער איבער מיט דער יידישער גאַס. דער אי־זאָלאַציע־פאַקטאָר ברענגט אים צוריק און דאָס פאָדערט פאַר אים נייע פאָרמען פון נאַציאָנאַלן לעבן.

אין אַמעריקע, דער עיקר, אָבער צוגלייך אויך אין אַנדערע לענדער, בילדן זיך אויס אייגנ־אַרטיקע פאָרמען פון יידישער אויסלעבונג. קלובן, פאַרוויילונגען, ווילטעטיקייט, רעפאָרמירטע און אָפּטמאָל שטאַרק־פאַרגוישטע פאָרמען פון רעליגיעזן קולט — אין דעם דאָזיקן אַסאָרטימענט פון פאָרמען זוכט זיך דער יונגער דור אַ מקום־מקלט, אַנטלויפנדיק פון דער נישט־יידישער גע־זעלשאַפט, וואָס נעמט אים נישט אַריין אין איר מיט.

און ווען אפילו עס ווערט אַלץ שטאַרקער דער אינטערעס פאַר מדינת ישראל און די גרייט־קייט זי צו שטיצן ביי אַלע באַדינגונגען, איז עס נישט דער ציוניסטישער אידעאַל, וואָס מיינט אויך פערזענלעכע אויסלייזונג דורך פאַרווירקלעכונג, נאָר נאַציאָנאַלע פילאַנטראָפּיע אויף אַ העכערן שטאַפּל.

איז עס דער בלויז פון דער גאַנצער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס אַרבעטנדיק צווישן עלטערן דור, געקומענעם פון דער אַלטער היים און וואַרפנדיק זיך אויף די שול־קינדער, פאַרלאָזט זי לגמרי די מיטלסטע צאָלרייכע שיכט פון צווייטן אויפוואַקסנדיקן דור.

די דיסקוסיע איז וועגן ציוניסטישע אינדזלען אין דער טעטיקייט: פּאַרטיי, קיבוצישע יוגנט־באַוועגונג, שול און דערציאונג, טעטיקייט פאַר ישראל, נאַציאָנאַלע פאָנדן א. א. וו. אָדער ציוניסטישע אינטעגראַציע אין אַלע אָן אויסנאַם עקזיסטירנדיקע פאָרמען אין היינטיקן יידישן לעבן.

דאָס לעבן ווייזט אָן, אַז קאָנצענטראַציע פון ציוניסטיש־געזעלשאַפטלעכע קרעפטן אויף איין געביט לאָזט איבער אַלע איבעריקע געביטן דעם מאָנאָפּאָל פון מאָדערנע רביים, פילאַנ־טראָפּישע טוער און אינטעליגענטן אָן נאַציאָנאַלן אידעאַל, עסקנים פון אַביסל „יידישקייט" און אַ פאַרפרעמדטער סביבה פון אַ „ווענטיל" אין דעם געפרעסטן מאָדערנעם לעבן אין די תפוצות.

מוזן די דאָזיקע פּראָצעסן אין דעם יונגן דור, וואָסערע משונהדיקע פאָרמען זיי זאָלן נישט אָננעמען, באַגלייט ווערן דורך אינטענסיווער טעטיקייט פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. מען מוז זיי באַאיינפלוסן אומעטום און ווירקן סיסטעמאַטיש, מיט אַ סך געדולד און אויסדויער־קראַפט צווישן די זוכנדיקע נאָך אַ יידיש ווינקל אין לעבן.

די דירעקטע ציוניסטישע אַרבעט אין אַלע אירע פאָרמען מוז האָבן איר איינהייטלעכע ראַם פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אויפן אָרט, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע ציוניסטיש־אָרגאַני־זירטע כוחות. די פּאַרטייען פון אונדזער וועלט־באַוועגונג האָבן דעם לעבעדיקסטן אינטערעס צו פאַרשנעלערן דעם פּראָצעס פון אויפשטעלן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַם. אָבער אָן אילו־זיעס: דער ציוניסטישער סעקטאָר איז דער באַוווסטזיניקער נאַציאָנאַלער טייל פון דעם יידישן ישוב, — דעריבער איז ער באַרופן צו זיין דער אָ נ פ י ר ע ר פונעם גאַנצן יידישן לעבן אויפן אָרט.

מיר זענען געקומען צום עטאַפּ ווען עס איז דרינגענדיק נויטיק אַ ציוניסטישע אידעישע אָפענסיווע אויף דעם גרויסן רוב פון דער יידישער געזעלשאַפט פון דעם נייעם דור, וואָס הויבט ערשט איצט אָן צו ווערן נאַציאָנאַל לויטן א י נ ס ט י נ ק ט.

דאָס פאַרלאַנגט פון אונדזערע פּאַרטייען איבערצושטעלן זיך וואָס שייך אַרבעטס־פאָרמען, איבערגרופּירן די כוחות און זיי כסדר קאָנצענטרירן אויפן ברייטן פראָנט פון היינטיקן יידישן לעבן, בכדי דורך מיטבאַטייליקונג און אידעישער דערציאונג אַריינציען ברייטע שיכטן אינעם ווירקונגס־קרייז פון דער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער באַוועגונג.

זאג נישט קיינמאל

זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג!
הימלען בלייערנע פֿאַרשטעלן בלויע טעג;
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס'וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט — מיר זענען דאָ!

פֿון גרינעם פּאַלמען־לאַנד ביז לאַנד פֿון ווייסן שניי,
מיר קומען אָן מיט אונדזער פּיין, מיט אונדזער וויי,
און וווּ געפֿאַלן איז אַ שפּריץ פֿון אונדזער בלוט,
שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גבורה, אונדזער מוט.

עס וועט די מאָרגן־זון באַגילדן אונדז דעם היינט
אונדזער נעכטן וועט פֿאַרשווינדן מיטן פֿיינט,
און אויב פֿאַרזאַמען וועט די זון אין דעם קאַיאָר,
ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פֿון דור צו דור.

געשריבן איז דאָס ליד מיט בלוט און נישט מיט בליי,
דאָס איז קיין ליד פֿון אַ פֿויגל אויף דער פֿריי;
נאָר ס'האָט אַ פֿאָלק צווישן פֿאַלנדיקע ווענט,
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט.

טאָ זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג:
הימלען בלייערנע פֿאַרשטעלן בלויע טעג.
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס'וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט — מיר זענען דאָ!

הירש גליק

געטאָ ווילנע

קאלאניזאציע –
קיבוצישע באוועגונג

ראובן כהן:

די באַזע פון אונדזער קיום

אונזער הויפּט פּראָבלעם איז: ווי אַזוי שאַפט מען דעם כוח, וואָס זאָל צו אונז ברענגען די ברייטע מאַסן?

מען זאָגט, אַז דאָס איז אָפּהענגיק פון שטאַרקער אָרגאַניזאַציע, דעריבער: לאָמיר זיך אָרגאַניזירן! מען קען נישט לייקענען דעם ווערט פון אָרגאַניזאַציע. מען מוז אָבער געדענקען, אַז דורך אָרגאַניזאַציע קען אויך אָפּגעשוואַכט ווערן אונזער כוח; דאָס הענגט אָפּ דערפון, וואָס די אָרגאַניזאַציע זאָגט און פון דעם וואָס זי טוט... אָט האָבן מיר אַלס אחדות־עבודה געהערט צו צוויי פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס: מפא"י און מפ"ם — און אין ביידע האָט מען זיך באַמיט אָפּשוואַכן אונזער כוח. אין נאָמען פון שטאַרקער, דיסציפּלינירטער אָרגאַניזאַציע האָט מען ביי אונז געפאָדערט, מיר זאָלן איבעררייסן אונזער קאַמף פאַר אַן אייגענעם וועג, און מען האָט אפילו פאַרזוכט צעברעכן דאָס ווערק פון דעם קיבוץ־המאוחד. און דאָס אַלץ — אין נאָמען פון „שטאַרקער אָרגאַניזאַציע". און וואָס איז געווען דער רעזולטאַט? אונזער וועג, דער וועג פון אחדות־עבודה — פּועלי־ציון און פון קיבוץ המאוחד האָט זיך באַפרייט פון דער אונטערדריקנדיקער און צעשטערערישער אָרגאַניזאַציאָנעלער ראַם און האָט געפונען די ריכטיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען.

אונזער אומאָפּהענגיקע קיבוצישע און פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע איז געשאַפן געוואָרן אַ דאַנק און צוליב אונזער אייגענעם וועג. אפילו אָן אונז וואָלטן אונזערע אידעאַלן געפונען פאַר זיך אַ נייע אָרגאַניזאַציע. דאָס איז דער כוח פון גערעכטע אידעאַלן און אידעען!

מען זאָגט אונז צו, אַז דורך זעלבסט־ליקווידאַציע וועלן מיר העלפן מאָביליזירן די כוחות און שאַפן אַן ענגערע צוזאַמענאַרבעט פון אַרבעטער־קלאַס. אָבער ווי דערקלערט זיך עס, אַז אין משך פון זיבן יאָר פון דער מדינה, בעת מיר זענען געווען אָרגאַניזאַציאָנעל געבונדן האָט דער דאָזיקער כוח נישט געקאָנט ברענגען צו אַ שותפות אין דער רעגירונג? און אָט זענען מיר דערשינען מיט דריי יאָר צוריק אַלס אַ זעלבשטענדיקער פּאָליטישער כוח, און עס האָט זיך אינגיכן געשאַפן א רעגירונג, אין וועלכער עס באַטייליקן זיך די דריי הסתדרות־פּאַרטייען, עס איז פאַראַן פּראָלעטאַרישע צוזאַמענאַרבעט אין די שטאָט־ראַטן און עס הערשן היינט צו טאָג נענטערע, כאָטש נאָך נישט גענוג נאָענטע, באַציאונגען אין די הסתדרות־אַנשטאַלטן. ווייזט אויס, אַז דווקא אונזער זעלבשטענדיקע עקזיסטענץ האָט גורם געווען צו ענגערער צוזאַמענאַרבעט און אייניקייט אין דער רעגירונג, אין ישוב און אין דער הסתדרות.

דער סאָציאַליסטישער וועג אין ציוניזם - די איינציקע לעזונג

מיר זענען נישט קיין אָפּאָזיציע־פּאַרטיי. נישט פאַר אונז איז דער לאָזונג: „וואָס ערגער — אַלץ בעסער". פון דעם וועט געהאָלפן ווערן „חרות". שלעכט אויף די גרענעצן, שלעכט אויפן געביט פון באַשעפטיקונג, פון באַשפּייזונג, שלעכט אין קאָלאָניזאַציע — דאָס זאָל אונז ברענגען אָנהענגער? מיר זענען אַ פאַראַנטוואָרטלעכע באַוועגונג, אַ פּאַרטיי פון בוי און פון שעפערישע כוחות!

עס שטאַרקט אונז די קאָלאָניזאַציע פון די ברייטע שטחים, די פּראָדוקטיוויזאַציע, די פאַרבעסערטע עקאָנאָמישע לאַגע פון דעם אַרבעטער. די מאַכט וועט געהערן דעם, ווער עס וועט ליקווידירן דעם ישוב'ס דעפיציט פון 200 מיליאָן ל"י; דעם, וואָס וועט הויבן די נאַציאָנאַלע הכנסה ביז איבער 900 ל"י אַ יאָר פאַר יעדן פרט; דעם וואָס וועט באַזעצן די גרענעצן, דעם ווייטן נגב און די בערג — און נישט יענעם, וואָס וועט צוזאָגן הויכע לוינען, לייכטע קאַריערעס, לימודים אַנשטאַט פיזישער אַרבעט. די מאַכט אין ישראל וועט געהערן דעם, וואָס וועט ווייזן אַ וועג פאַר אויפנעמען מער יידן. דאָס איז אַ קאַמף וועגן דעם ריכטיקן וועג! און

דער ריכטיקער וועג גייט קעגן דעם שטראָם, ווייל ער איז דער וועג פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט.

אייגנטלעך, גייט דאָס גאַנצע ציוניסטישע ווערק קעגן דעם שטראָם. ציוניזם הייסט יידן זיין דאָס, וואָס זיי זענען פריער נישט געווען און וואָס זיי זענען אויך היינט נישט. כדי צו וויסן, וואָס צו טאָן מיט דעם דריטן מיליאָן, מוז מען זיך שטעלן אַ פראַגע, ווי אַזוי האָבן מיר דערגרייכט דעם מיליאָן עולים, וועלכע זענען צו אונז געקומען אין דעם ערשטן יאָרצענדליק. צי דען נישט דורך דעם, וואָס מיר האָבן אַבסאָרבירט 45.000 משפחות אין לאַנדווירטשאַפט און 47.000 משפחות אין אינדוסטרי? דאָס איז געווען די באַזע פאַר די 320.000 נייע באַשפּייזער. ווי אַזוי האָבן מיר עס אויפגעטאָן? דורך התישבות (קאָלאָניזאַציע) און הויפּטזעכלעך דורך התישבות אין קיבוצים און אין דער שווערער אינדוסטרי און קאָנסטרוקטיווע אונטערנעמונגען פון דער מדינה. דאָס האָט נישט אויפגעטאָן דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל; ער האָט באַטראָפן בלויז 20 פּראָצענט פונעם קאַפּיטאַל, וועלכער איז אַריין אין ישראל אין דעם ערשטן יאָר־צענדליק. מיר האָבן געוווּסט ווי זיך באַנוצן מיטן נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל און עס איז קלאָר, וועלכער וועג האָט מצליח געווען, דער קאַפּיטאַליסטישער צי דער סאָציאַליסטישער; אונזער וועג וועט אויך אויף ווייטער פאַרבלייבן דער סאָציאַליסטישער וועג, אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, הסתדרות־אינדוסטריעס און הסתדרותישע אונטערנעמונגען אין בוי. עס עקזיסטירן צוויי סעקטאָרן, וועלכע פירן צווישן זיך אַ געראַנגל און מיר זענען פאַר באַנוצן דעם נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל לויטן סאָציאַליסטישן וועג.

אונזער תקופה איז אייגנאַרטיק אין דער סתירה צווישן אידעאַל און זיין פאַרווירקלעכונג. עס איז נאָך נישט געווען אַ צייט, אין וועלכער עס זאָל הערשן אַזאַ קאָנפליקט צווישן די אָביעקטיווע מעגלעכקייטן פון פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון לאַנד און דעם מאַנגל אין מענטשן, וועלכע זאָלן די דאָזיקע מעגלעכקייטן אויסנוצן. עס פליסן צענדליקער מיליאָנען קוביק־מעטער וואַסער, וואָס ווערן נישט אויסגענוצט ווי געהעריק. צי איז דען דערלאָזבאַר אַזאַ לאַגע, אין וועלכער מיר ווערן פּאָליטיש און סטראַטעגיש אויפגעפאָדערט צו קאָלאָניזירן דעם וויטן נגב, און מיר זאָלן שטיין אומבאַהאָלפן פאַר דעם פּראָבלעם, ווער וועט דאָרט באַזעצן די ערשטע צוואַנציק פונקטן? ווייל די עקזיסטירנדיקע התישבות־אָרגאַניזאַציעס ווערן דאָך אַליין דערשטיקט צוליב מאַנגל אין מענטשן.

דער ישראלדיקער ישוב איז געגליכן צו איינעם וואָס געפינט זיך ביים ברעג פון אַן אָזערע פון ריינע וואַסער, און קען דאָס דאָזיקע וואַסער נישט באַנוצן. מיר פאַרמאָגן באָדן, מיר האָבן וואַסער, פאַראַן אַ בודזשעט און פאַראַן אויך מענטשן — דאָס אַלץ פאָרט זיך אָבער נישט צונויף אין דעם נגב און אין תחום פון אונזער קאָלאָניזאַציע. ווען מען באַטראַכט די ווירקלעכקייט, איז אַלץ אין איר וויכטיק. די פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייט איז, אָן אַ ספק, וויכטיק און נויטיק. מיר דאַרפן אַרבעטער מיט אַ הויכן קולטורעלן ניוואָ, ווייל פון זייערע שורות קומען די פאַרטיידיקער פון אונזער לאַנד. עס איז וויכטיק די טעטיקייט אין אַלע צווייגן פון אונזער ווירטשאַפט. מען דאַרף אָבער פאַרשטיין, וואָס איז דער אַנטשיידנדיקער עלעמענט אין זיי. און דער דאָזיקער אַנטשיידנדיקער עלעמענט ליגט אין דער פונדאַמענטאַלער באַאַרבעטונג פון די פעלדער און פון אונזערע נאַטור־אוצרות.

עס טרעפט, אַז מענטשן ווערן פאַרפירט פון די ציפערן וואָס זאָגן, אַז בלויז 15 פּראָצענט זענען ביי אונז באַשעפטיקט אין לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט. מיר האָבן שטענדיק אונטער־געשטראָכן, אויף די קאָנפערענצן פון קיבוץ, אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע ראַטן און אויף די הסתדרות־צוזאַמענקונפטן, אַז פאַקטיש לעבט כמעט אַ העלפט פון אונזער באַפעלקערונג פון לאַנדווירטשאַפט. ווייל מיר רעכענען אַריין אויך די, וואָס פּראָדוצירן די רוי־מאַטעריאַלן און מאַשינען און געביידעס פאַר דער קאָלאָניזאַציע און פאַר דער לאַנדווירטשאַפט. מען מוז אויך אַריינרעכענען אין חשבון די יעניקע, וועלכע טראַנספּאָרטירן און פאַרקויפן די לאַנדווירט־שאַפטלעכע פּראָדוקטן, ביז זיי קומען אָן צום געברויכער. און דאַן וועלן מיר זיך איבערצייגן, אַז די פופצן פּראָצענט וואָס זענען באַשעפטיקט אין לאַנדווירטשאַפט, שאַפן די באַזע פאַר דער עקזיסטענץ פון נאָך אַ 35 פּראָצענט.

דאָס איז דער דעציזירנדיקער עלעמענט. און ביי אונז זענען דאָך פאַראַן פילע וויסטע שטחים, און זיי שטעלן אין געפאַר אַלצדינג, און דער עיקר שטעלן זיי אין געפאַר דעם ישוב פון די שוין באַזעצטע שטחים. אונזער כוח ליגט אין דעם סינטעז פון אידעע און איר פאַר־

ווירקלעכונג. אונזער קראַפט ליגט אין דעם, וואָס מיר בילדן דעם חלוצישן כוח, וועלכער רעאַליזירט דעם פּיאָנערישן סאָציאַליסטישן ציוניזם. דער קיבוץ לעבט מיטן געפיל, אַז עס איז פאַראַן אַ קאָנפליקט צווישן דער נויטווענדיקייט פון זיין עקזיסטענץ אַלס גרויסער ווירט־שאַפטלעכער כוח, אַלס אַ קאָלעקטיווע ווירטשאַפט, און צווישן דער סביבה. ער פילט, אַז נישט ער לעבט דורך אַ קריזיס, נאָר אַז עס קומט פאַר אַ קריזיס פון ווערטן. דער קיבוץ באַמיט זיך צו געפינען אַ וועג צו דער סביבה, אָנשטעקן זי מיט דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן קיום פון ציוניסטישן ווערק, פאַרן סאָציאַליסטישן וועג פון דעם דאָזיקן ווערק. דער קיבוץ איז דורכגעדרונגען מיט דער טיפער איבערצייגונג, אַז זיין וועג איז דער ריכטיקער וועג, אַז זיין ווערק האָט אַ דעצידירנדיקן ווערט אין דער באַאַרבעטונג פון אַ העלפט פון אונזער באָדן, אין דער פּראָדוצירונג פון אַ דריטל שפּייז פונם ישוב; אין דער פאַרטיידיקונג פון די גרענעצן און אין דער קאָלאָניזאַציע פון וויסטע שטחים, אין דער פאַרשטאַרקונג פון מיליטערישן כוח. פאַראַן ביים קיבוץ דאָס קלאָרע באַוווּסטזיין, אַז ער איז איינער פון די דעצידירנדיקע עלעמענטן אין פאַרזיכערן די פיזישע, עקאָנאָמישע, סטראַטעגישע און פּאָליטישע עקזיסטענץ פון דעם ישוב. ווייל דער קיבוץ ווייס, אַז עס איז נישטאָ קיין אַנדער אַלטערנאַטיווע, קיין אַנדערער וועג פאַר אַ גרויסער און שטאַרקער ווירטשאַפט אין דער קאָלאָניזאַציע, וואָס זאָל אים פאַרבייטן.

אונזער הויפּט אויפגאַבע אין דער נאָענטער צוקונפט איז: די אַבסאָרבירונג פון דעם דריטן מיליאָן. דער עיקר פּראָבלעם איז, אַז יעדע צען טויזנט עולים זאָל ווערן אַ באַזע פאַר דער עליה פון ווייטערדיקע צען טויזנט, און נישט פאַרקערט, וואָס הייסט פאַרמאַכן דעם וועג פאַר נייער עליה. זיי מוזן גיין אויף קאָלאָניזאַציע (התישבות) און נישט אין די שטעט, זיי מוזן שאַפן און פּראָדוצירן, און נישט באַדינען און פאַרמיטלען.

א רעזאָלוציע פון 35 יאָר צוריק

דער קאַמף פאַר דער דאָזיקער אויפפאַסונג, דאַרף זיין דער הויפּט ציל פון אחדות־העבודה— פּועלי־ציון. עס לוינט זיך דערמאָנען דאָס, וואָס איז געזאָגט געוואָרן מיט 35 יאָר צוריק, אין 1923, אויפן צוזאַמענפאָר פון אחדות־העבודה. די דאָזיקע קאָנפערענץ, וועלכע האָט אין זיך געאייניקט די מערהייט פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט, האָט זיך פאַרנומען מיט התישבות. און אָט וואָס מען האָט דאָרט געזאָגט:

„די קאָנפערענץ פון אחדות־העבודה וועקט די אויפמערקזאַמקייט פון דער אַרבעטערשאַפט אויף דער סכנה, וועלכע לויערט אויף דער קיבוצישער קאָלאָניזאַציע צוליב דעם באַנייטן אָנגריף, וועלכער ווערט געפירט קעגן איר דורך די קעגנער פון קאָלעקטיווער התישבות אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די קאָנפערענץ רופט צו אַ קאָנצענטראַציע פון די כוחות פון אחדות־העבודה, און פון דער הסתדרות אין ארץ־ישראל און פון דער ציוניסטיש־סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג אין אויסלאַנד כדי צו פאַרטיידיקן איר קיבוצישע קאָלאָניזאַציע קעגן די פאַרשידענע פאַרזוכן זי אונטערצודריקן, און כדי צו פאַרפעסטיקן איר פּאָזיציע אין דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין לאַנד.

די קאָנפערענץ שטרייכט אונטער, אַז דער קיבוץ, געאייניקט אין אידעע און טאַט, וואָס האָט זיך צוגעגרייט צו אַ לעבן פון שותפות אין די ראַמען פון דער אַרבעטער געזעלשאַפט — איז דער דעצידירנדיקער עלעמענט אין אונזער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט אין ארץ־ישראל, סיי אין דער לאַנדווירטשאַפט, סיי אין דער אינדוסטרי און סיי אין געזעלשאַפטלעכע אַרבעטס־אונטערנעמונגען. אחדות־העבודה זעט אין דעם שאַפן פון גרויסע און מעכטיקע קיבוצים די נאַטירלעכע טענדענץ פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד, וואָס שטרעבט צו קליטת עליה, פּראָלעטאַרישער דערציאונג, צו עקאָנאָמישער גלייכהייט פון אירע חברים, צו אַ באַהעפטונג פון לאַנדווירטשאַפט, מלאכה און אינדוסטרי, צו קלאַסן־אחריות און קלאַסן־דיסציפּלין, צו שאַפן קאָלעקטיווע קעמערלעך, וועלכע בילדן די אַרבעטער־געזעלשאַפט.

אחדות־העבודה דאַרף מיטהעלפן שאַפן נייע קיבוצים און פאַרנעמען זיך מיט זייער עקאָנאָמי־שער און הסתדרותישער דערציאונג. צוליב דעם דאַרף אחדות־העבודה אַנטוויקלען אַ ברייטע דער־ציערישע און אָרגאַניזאַטאָרישע טעטיקייט ביי דער חלוצישער אַרבעטער־יוגנט און ביי דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין ישראל און אין אויסלאַנד. אין איצטיקן מאָמענט זעט איין די פּאַרטיי פון אחדות־העבודה די ספּעציעלע נויטווענדיקייט אין שאַפן אַ גרויסן חלוצישן קאָלעקטיוו בכדי אויסצופירן די אויפגאַבן פון אַרבעט און התישבות פון דער הסתדרות.״

דאָס איז געווען „היינט מיט 35 יאָר צוריק".

ווי זאָל די באַוועגונג מאָביליזירן פרישע כוחות? דער ריכטיקער געדאַנק באַשטייט אין דעם סינטעז פון סאָציאַליסטישן אידעאַל מיט דער חלוצישער טאַט. דאָס איז די באַזע פון דעם כוח. היינט באַדייט דאָס קאָנקרעט — גייט פרייוויליק אין די נייע ישובים און באַזעצן דעם טיפן נגב.

מיר מוזן שיקן אונזער יוגנט אין די חלוצישע באַוועגונגען. מיר מוזן גיין אויף אַרבעט אין די קאָנסטרוקטיווע אונטערנעמונגען. קליטת עליה און דאָס סאָציאַליסטישע ווערק אין לאַנד מוז ווערן אַן אינטעגראַלער חלק פון אונזער לעבן. עס מוז פאַרטיפט און אינטענסיפיצירט ווערן די אידעאָלאָגישע טעטיקייט אין דער באַוועגונג. דאָס מיינט „שווימען קעגן דעם שטראָם", אָבער דאָס איז דער איינציקער ריכטיקער וועג.

אינדעקס פון וווּקס פון דורכשניטלעכער יידישער באַפעלקערונג עקאָנאָמיש־אַקטיווע און לוין־אַרבעטער

יאָר	באַפעלקערונג	עק. אַקטיווע	לוין־אַרבעטער
1947	100	100	100
1953	249	220	233
1957	292	260	280

וווינונגען

אין דירות געבויט דורך דער רעגירונג — וווינען 800.000 נפשות.

= 40% פון מדינה באַפעלקערונג.

ביז סוף 1957 זענען אויפגעבויט געוואָרן אין די ראַמען פון מלוכה־שיכון העכער 200.000 דירות, פון זיי:

104.000	—	פאַר עולים.
50.000	—	אין התישבות (אין גרעסטן טייל אין די קבוצים און מושבי עובדים) פאַר נייע עולים.
21.500	—	שכון עממי וחסכון (פאָלקס־און אָפּשפּאָר־דירות).
14.000	—	פאַר צבא קבע (מענטשן אין סטאַבילן מיליטער דינסט) און ותיקים.
10.500	—	פאַרשידענע
ס"ה	200.000	דירות

חיים הדרי

באנייאונג פון חלוצישן גייסט

יידן אין ישראל און אין גלות פייערן דאָס צענטע יאָר פון דער יידישער מדינה. מיר מאכן א סך הכל פון די גרויסע דערגרייכונגען אין קליטת־עליה, אין דער ווירטשאַפט, אין שטארקן אונזער מיליטערישן פארטיידיקונגס־כוח. מיר מאכן אויך א סך הכל פון דער פארנאכלעסיקייט און דורכפאלן אין דעם בוי פון דער ישראלדיקער געזעלשאפט, אין מעשים וועלכע האָבן געדארפט און זענען נישט געטאָן געוואָרן, טאטן וואס מיר האָבן געקאנט און געדארפט דורכפירן אנדערש ווי מיר האָבן עס געטאָן. נישט אלץ וואָס איז פארנאכלעסיקט געוואָרן נעכטן וועט זיך נאָך לאָזן מאכן מאָרגן, און נישט אלץ וואָס איז פאלש געטאָן געוואָרן ביז איצט קאָן פארבעסערט ווערן אין צווייטן יאָרצענדליק. דער גאנג פון דער געשיכטע האלט זיך נישט אָפּ כדי אונז צו דערמעגלעכן קארעגירן אונזערע פעלערן און שטרויכלונגען. פאַרקערט, אין אונזער תקופה אָטעמט די וועלט מיט אַ פיבערהאַפטן אָטעם און געשעענישן און פראָצעסן אנטוויקלען זיך מיט א שווינדלדיקן טעמפּאָ.

מדינת ישראל איז נישט געבוירן געוואָרן ווי אַ יש מאין און אויך נישט ווי א דיפּלאָמאַטישער דערפאלג פון פעיקע מנהיגים. זי איז געווען נויטיק פארן קיום פון יידנטום און זי איז געוואָרן א ווירקלעכקייט א דאנק עטלעכע דורות פון חלוצישער ארבעט, א דאנק די יונגע יידן וואָס זענען געקומען פון גלות און האָבן פארוואנדלט די אביעקטיווע נויטווענדיקייט אין א קאטעגאָרישן לעבנס־באפעל קודם כל פאר זיך זעלבסט דורך גיין צו ארבעטס־דעראבערונג (כיבוש עבודה), באָדן דעראָבערונג, בויען א ווירטשאפט, א געזעלשאפט און א נייע לעבנס־קולטור.

אויף דער שוועל פון צווייטן יאָרצענדליק לעבן אין ישראל קנאַפּע צוויי מיליאָן יידן; פאַר זיך גענומען איז עס א גרויסע קוואנטיטאטיווע דערגרייכונג. אבער דאס איז פונדעסטוועגן נישט מער ווי 15% פון יידן אויף דער גארער וועלט. דאָס יידישע פאָלק, נאכדעם ווי עס האָט אָנגעווירן אין די גלות־לענדער א דריטל פון זיינע זין, בלייבט אויך אויף ווייטער לעבן אין זיין מערהייט אין דער יידישער צעשפרייטקייט. די וואָס ווילן קומען קאָנען נישט קומען, און די פאר וועמען עס שטייען נישט קיין אָביעקטיווע שטערונגען אויף צו באזעצן זיך אין ישראל, ווילן נישט און זעען נישט אין דער עליה קיין ישראל א חוב און א נויטווענדיקייט פאר זיך און פאר זייערע קינדער. עס איז א ביטערע איראָניע, וואָס אין צענטן יאָר פון מדינת ישראל איז דער שטראם פון עליה קלענער ווי ווען נישט איז זינט דעם אויפקום פון דער מדינה... די חלוצישע מחנה אין גלות, די וואָס איז שטענדיק געווען א צענטער פון פערמענטירונג, די וואָס האָט געפאָדערט איבעראַנדערשן ווערטן און רעוואָלוציאָנערע טאַט, וואָס האָט תמיד געדינט ווי א רעזערוו און א פארשטארקונג פאר דעם ווערק פון התישבות אין לאנד, — די דאָזיקע מחנה איז איינגעשרומפּן געוואָרן, און איז געוואָרן א נישטיקע מינדערהייט אין די יידישע ישובים אין גלות, צווישן יידן וואס פארמאכן די אויגן און ווילן נישט זען די פראָצעסן און געשעענישן וואס קומען פאר ארום זיי און שטעלן אין געפאר דעם המשך פון זייער פיזישן און נאציאָנאלן קיום.

ישראל ערבים זה לזה

און אין ישראל — עס דראָט נישט קיין סכנה פון פארניכטונג און אויסראטונג פון דעם יידישן ישוב אין דער מדינה, עס דערווארטן אונז אָבער פארזוכן צו פארניכטן אונז. מיר ווייסן, אז יעדער אָנגריף אויף אונזער אומאָפּהענגיקייט און אונזערע גרענעצן וועט אָפּגעשטויסן ווערן, ווייל אין אונזער ישוב לעבט דער גייסט פון באפרייאונגס־קריג און פון סיני־קאמפאניע. אזא גייסט קומט נישט פון זיך אליין ווייל דער קריג וואס דראָט אונז (און ווער ווייסט צי נישט אין גיכן) וועט זיין פיל שווערער און בלוטיקער ווי די פריערדיקע, אין זיין פארנעם. אין אנבליק פון די געפארן מוז דער גייסט פון באפרייאונגס־קריג דערהויבן זיך צו א העכערער מדרגה. ער קאָן זיך שטיצן נאר אויף א גרויסן און כסדר־וואקסנדיקן ישוב, אויף נייע כוחות פון עולים און

יוגנט וועלכע וועלן זיך אָנשליסן אין די רייען, אויף שנעלער באזעצונג פון די שטחים וואס זענען געבליבן וויסט נאָך צען יאָר פון פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט, אויף עקאָנאָמישער אומאָפּהענגיקייט אויף פאַרפעסטיקונג פון די גרענעץ־ישובים וואָס עקזיסטירן שוין און אויף די וואָס וועלן אויפגעבויט ווערן.

ישראל ערבים זה לזה אפילו קעגן זייער ווילן. די קעגנזייטיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט צווישן יידן אין מדינת ישראל און דעם יידישן פאָלק אויף דער גאָרער וועלט איז א פאַקט און א גורל. אָבער דאָס מיינט נישט אז די דאָזיקע אחריות דאַרף קומען צום אויסדרוק נאָר אלס רעזולטאַט פון דעם בלינדן גורל און ארויפגעצוווּנגען דורך אויסערלעכע פאַקטאָרן. מיר האָבן די מעגלעכקייט צוּאיילן די פּראָצעסן, מיר קענען פאַרמיידן סכנות. דער גורל פון ישראל איז אָפּהענגיק פון דער באנייאונג פון חלוצישן גייסט אין לאנד און אין גלות, פון המשך פון פיאָנערישער עליה, המשך פון דעראָבערישער קאָלאָניזאַציע, פאַרשטאַרקונג פון עקאָנאָמישער זעלבשטענדיקייט, פון שמידן א שטארקן פארטיידיקונגס־כוח.

„עס זענען פאַראַן פאַרשידענע וועגן אויף פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם״, „אייגנאַרטיקע וועגן אין סאָציאַליזם״ — די דאָזיקע זאַצן הערן זיך פון קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן אויף דער וועלט. די אינטערנאַציאָנאַלע ארבעטער באוועגונג האָט באצאָלט א טייערן פּרייז איידער זי האָט זיך דערשלאָגן צו דעם דאָזיקן פשוטן אמת: דער וועג פון שפּאַלטונגען פירט צו דער צעטרענצלונג פון כוחות, מפּלות און ברידער־קריג. מיר אָבער האָבן נישט געוואַרט ביז נאָך סטאַלינס טויט און ביז זיינע באהעלפער און יורשים האָבן עפנטלעך געטאַדלט די דעגענעראַציע פון דיקטאַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד, די שיטות פון טעראָר, קולט פון יחיד און עפנטלעכע פּראָצעסן — כדי עס זאָלן זיך פאַר אונז אנטפּלעקן די „פאַרשידענע וועגן״. אין די יסודות פון אונזער באוועגונג, אין אירע מקורות און וואָרצלען ליגט דער טיפער גלויבן אין דער נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט פון אונזער פּאָלק, דאָס אייביק פּאָלק, היימלאָז פּאָלק — און דערפאַר אויך אָ פּאָלק מיט אָן עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אייגנאַרטיקייט. די דאָזיקע אייגנאַרטיקייט פון אונזער פּאָלק האָט אונז אויך געוויזן דעם אייגנאַרטיקן און ישראל׳דיקן וועג צו סאָציאַלער רעוואָלוציע און צו דער פאַרווירקלעכונג פון קאָלעקטיוויזם אלס די דערהויבנסטע שטרעבונג פון דער מענטשהייט.

מיר האָבן נישט באַטראַכט אונזער פּאָלק און באוועגונג אלס א פענאָמענאַלע דערשיינונג וואָס לגבי זיי גילטן נישט די פּראָצעסן פון געשיכטע און געזעלשאַפטלעכער אנטוויקלונג. מיר האָבן אָבער געזאָגט, אז אונזער אייגנאַרטיקייט באַזירט זיך אויף דעם אָביעקטיוון פאַקט, אז סאָציאַליזם ווערט רעאַליזירט נישט אין א וואַקוּאום, נאָר אויף א באַשטימטן פּראָנט — די עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפט, וואָס טיילט זיך אויף קלאַסן, וועלכע לעבן אין נאַציאָנאַלע ראַמען. אונזער נאַציאָנאַלע ווירקלעכקייט איז געווען קראַנקהאַפט און צעבראָכן. אַפּוואַרפנדיק קאַטעגאָריש די פאַלשע תורות און אילוזיעס וועגן דער אייביקייט פון גלות, איז אונזער באוועגונג געלונגען צו פאָרמולירן איר אייגנאַרטיקייט: דאָס שאַפן פון א נייער און זעלבשטענדיקער ווירטשאַפט אין ארץ־ישראל, אלס יסוד פאַר יידישער נאַציאָנאַלער, פּאָליטישער, קולטורעלער און געזעלשאַפטלעכער זעלבשטענדיקייט.

מדינת ישראל - א העכערער שטאַפּל

דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער געדאַנק איז געבוירן געוואָרן איידער עס האָט זיך געשאַפן א זעלבשטענדיקע ארבעטער־ווירטשאַפט. אויך די פּועלי־ציוניסטישע טאַטן זענען געקומען פאַר דער זעלבשטענדיקער ווירטשאַפט. דאָס זענען געווען גרויסע און וויכטיקע טאַטן: די עליה און די דעראָבערונג פון ארבעט פאַר דעם יידישן ארבעטער. אָבער איצט מעג מען שוין זאָגן, אז די דאָזיקע טאַטן, אויב זיי זענען נישט פאַרבונדן מיטן שאַפן פון אן אומאָפּהענגיקער ארבעטער־ווירטשאַפט, געהערן זיי צו דער פּרע־היסטאָריע פון דער ארבעטער־באוועגונג אין ישראל, איידער עס האָט זיך אין איר קריסטאַליזירט און איז רייף געוואָרן דאָס זעלבסטבאַוווּסטזיין און די אויפפאַסונג פון איר נאַציאָנאַלער און פּראָלעטאַרישער שליחות. די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם הויבט זיך אָן מיט דעם ערשטן דאָרף, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין ישראל. דער קאַמף פאַר א סאָציאַליסטישער מדינה האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם ערשטן לאַנדווירטשאַפטלעכן פּונקט, וואָס האָט געהערט צו ארבעטער, און דער אידעאַל פון א קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט, געבויט אויף יסודות פון פרייוויליקער אַלגעמיינער ארבעט,

קעגנזייטיקער הילף, דערהייבונג פון מענטש — דער דאָזיקער אידעאַל האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרווירקלעכן מיט דער ערשטער קבוצה, וואָס איז געגאַנגען דעראָבערן דעם באָדן און דעראָבערט ווערן דורך לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט.

דער זעלבשטענדיקייטס־קריג און די גרינדונג פון מדינת־ישראל אין א טייל פון ארץ ישראל איז געווען בלויז א העכערער שטאַפּל אין דעם אומאויפהערלעכן פּראָצעס פון שטרעבונג צו פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם און סאָציאַליסטישן ציוניזם. אין דעם דאָזיקן פּראָצעס פון באהערשן די נאַטור און פון פונדאמענטאלער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע, וואָס דינט אלס באזיס פארן קיום פון אנדערע סאָציאַלע שיכטן און אלס קוועלע פאר אנדערע פרנסות, — אין דעם דאָזיקן פּראָצעס איז געבוירן געוואָרן דער ארבעטער קלאַס, עס האָבן זיך געשאפן אנדערע קלאסן און עס האָט זיך אנטוויקלט דער קלאסן־קאמף אין ישראל.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט נאָר די צאָל פון קאָלאָניזאַטאָרן, ארבעטער, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט פונדאמענטאלער פּראָדוקציע — איז געשטיגן. זיי זענען געבליבן א מינדערהייט אין פאָלק. אויך די אנדערע סאָציאַלע שיכטן, וועלכע האָבן נישט אויפגענומען די קאָלאָניזאַטאָרישע אויפפאסונג, וועלכע זענען לגבי איר געבליבן גלייכגילטיק, און אפילו די וואָס האָבן זי באקעמפט אקטיוו, — אויך זיי האָבן זיך פארמערט אין דעם דאָזיקן לאנד. די אנטי־קאָלאָני־זאַטאָרישע אידעאָלאָגיעס זענען געוואַקסן ווי אַ פּאַראַזיטישער בליט אויפן יונגן קערפּער פון דער ישראלדיקער ווירטשאפט און געזעלשאפט. דער פאראזיטיזם אין זיין מק״ישער אנטפּלעקונג, פּאַרמאַסקירט אַלס קאָמוניסטישער רעוואָלוציאָניזם, האָט באקעמפט דעם ציוניזם, האָט פאַר־טיידיקט די אייביקייט פון גלות און אסימילאציע צווישן די רעוואָלוציאָנערע פעלקער, און איז געבליבן טויב און פיינטלעך לגבי דער אייגנאַרטיקייט פון יידישער רעוואָלוציע. דער מק״יזם איז אויך נישט געווען בכוח צו פאַרשטיין דעם וווּנדער פון דעם קאָלאָניזאַציע־פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען פאר זיינע אויגן אין דעם דאָזיקן לאנד. זיין בלינדקייט האָט אים פאראורטיילט צו אייביקער פאראכטונג אין דער געשיכטע פון דעם פאָלק.

פון דער אנדערער זייט האָבן מיר געהאַט דעם פּאַראַזיטיזם, וואָס געפינט זיך, כלומרשט, אויף דעם פאַרקערטן געזעלשאפטלעכן פּאָלוס. אין נאָמען פון פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דעם „קליינעם מענטש", פון פּריוואַטער איניציאַטיוו און קאַפּיטאַליסטישער פרייהייט, האָבן זיי געפּרעדיקט דעם המשך פון דעם גלותדיקן ארט לעבן און געזעלשאפטלעכער סטרוקטור. דערפון שטאמט די פעלשונג פון דעם אמתן פאטריאָטיזם און דער קאמף קעגן דעם ארבעטער־כוח, דער רוף צו ברעכן די הסתדרות און די פּוסטע שאָוויניסטישע פראזעס. אויך זיי האָבן קיינמאל נישט פארשטאנען דעם סוד פון קאָלאָניזאטארישן פּראָצעס, וועלכער קאָן פארווירקלעכט ווערן נאָר דורך ארבעט און פּראָדוקטיוויזאציע. ווייל אפילו סאָציאַלע סטרוקטור פון גלות־יידנטום, אין איר גאנצער אָפּהענגיקייט און אומזיכערקייט לגבי דער צוקונפט, איז דערמעגלעכט געוואָרן, אין פארשידענע תקופות און פארשידענע ערטער, נאר א דאנק דער ספּעציפישער עקאָנאָמישער און ווירטשאפטלעכער סטרוקטור פון יענע לענדער, וואו יידן זיינען אריינגעדרונגען נאָר אין יענע צווייגן פון דער ווירטשאפט, וועלכע זענען ביז יענער צייט געבליבן ליידיק צוליב פארשידענע סיבות און האָבן אפילו זיך געבויטיקט אין יידישער איניציאַטיוו און עקאָנאָמישער טעטיקייט. עס איז דאָך אָבער נישטאָ קיין פלאץ פאר אַזאַ מין עקאָנאָמישער אינפילטראציע אין א לאנד פון יידישער ארבעט, פון א פולשטענדיקער יידישער ווירטשאפט. די העגעמאָניע פון א קאלאניזאטארישן רעזשים, דאָס איז א וויסנשאַפט, און א לעבנס־אויפפאסונג, טעאָרעטיש און פּראקטיש, דאָס איז א ציוניסטישער צוגאנג, א פּאָליטישע אויפפאסונג אין דער הסתדרות, לגבי זיכערקייט פּראָבלעמען, אין דער ווירטשאפט, דערציאונג און אין קולטור וועזן. דאָס איז אַן אַרט־לעבן און אַ באַפעל פון אונזער ווירקלעכקייט.

די חלוצים פון דער צווייטער עליה האָבן צו פארדאנקען זייער פּאָזיציע ווי גרינדער פון דער ארגאניזירטער ארבעטער באוועגונג נישט צוליב זייערע פערזענלעכע מעלות און אויך נישט אַ דאַנק זייערע דענקערישע און אַנאַליטישע פעיקייטן. דאָס אייגנאַרטיקע, וואָס זיי האָבן צוגעגעבן צום געדאנק, איז געווען: פערזענלעכע פארווירקלעכונג פון זייערע טעאָריעס; צום געדאַנק איז צוגעגעבן געוואָרן די טאָט. דער עלעמענט פון פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג האָט זיך אָרגאניש באהאפטן מיט די אידעאָלאָגישע פּרינציפּן, האָט זיי געגעבן סטאבילקייט און גלייכגעוויכט, ווערט און וואָגיקייט. דער פאַרנעם פון דער טאָט איז געווען אַ קליינער, און לויט היינטיקע באַגריפן אפילו לעכערלעך. אָבער די קליינע טאַט איז געווען באַלויכטן פון

גרויסן אידעאַל, האָט געשעפּט איר מעכטיקן כּוח פון דעם צענטראַלן געדאַנק; דעריבער איז אין איר געווען אַ בּטחון און אַ גרויסער צוזאָג אויף שפּעטער, און דעריבער האָט זי געפירט צו אַ גרויסער שפּעטערדיקער ווירקלעכקייט.

די אויפגאבן פון דער התישבות אין דער מדינה

נאָך צענדליקער יאָרן פון קאָלאָניזאַטאָרישער אַרבעט, אויף דער שוועל פון צווייטן יאָרצענדליק פון מדינת ישראל, דערנענטערט זיך די צאָל יידן ביי אונז צו צוויי מיליאָן — די לאַגע האָט זיך געענדערט און עס האָבן זיך געביטן די באַדינגונגען. עס איז אַנדערש די לאַגע פון וועלט־יידנטום, עס האָט זיך געענדערט די יידישע וועלט־מאַפּע. דער מאַסשטאַב פון טעטיקייט אין ארץ־ישראל איז אַן אַנדערער: דרייסטער פאַרמעסט, מלוכהשע מיטלען, ריזיקע מעגלעכקייטן, וואָס מיר האָבן נאָך קיינמאָל נישט פאַרמאָגט, אָבער אויך — סכּנות, וואָס זייערס גלייכן האָבן מיר נישט געקענט. עס איז אויסגעבויט געוואָרן אַ גרויסער ישוב. אין דער ישראל־ווירטשאַפט האָבן זיך קריסטאַליזירט קלאַסן און קלאַסן־קעגנזאַצן. אַלע זענען זיי געשאַפן געוואָרן מיטן כּוח פון דעם קאָלאָניזאַטאָרישן פּראָצעס. אָבער טראָץ די אַלע ענדערונגען, איז פאַרבליבן די אַלטע פראַגע וואָס דערוואַרט איר לעזונג: אין וואָס באַשטייט דער ברען־פּונקט פון פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם? דער פאַקט, וואָס עס איז שוין פיל אויפגעטאָן געוואָרן אין דער עקזיסטירנדיקער ווירטשאַפט אין אַ חלק פון ארץ־ישראל טאָר אונדז נישט פאַרבלענדן און פאַרשטעלן פאַר אונדז דעם אמת. די געשעענישן וואָס וועלן באַשטימען דעם צוקונפטיקן גורל פון לאַנד און דעם גורל פון די פאָלקס־מאַסן, וואָס וועלן נאָך קומען אַהער, וועלן נישט פאָרקומען אין אונזער הייַנטיקער ווירטשאַפט, נאָר אין יענע ברייטע שטחים אין דער מדינה, וועלכע זענען נאָך נישט דעראָבערט געוואָרן פאַר אַרבעט און קאָלאָניזאַציע, אויף יענער ערד, וואָס איז נאָך נישט באַאַרבעט געוואָרן און די נאַטור־אוצרות וואָס זענען נאָך נישט אַנטפּלעקט געוואָרן — דאָס הייסט: ווייטער פלעגן די טאַט און דעם פּראָצעס פון קאָלאָניזאַציע. אָן דעם דאָזיקן המשך וועט נישט זיין קיין קיבוץ־גלויות, וועט נישט זיין קיין צוזאַמענשמעלצונג פון די עדות און עס וועט נישט זיין קיין עקאָנאָמישע און פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט.

דאָס אַלץ קלינגט, דוכט זיך, פּשוט און פאַרשטענדלעך. עס פאָדערן זיך דאָ אָבער נישט טעאָרעטישע פאָרמולירונגען, נאָר פּראַקטישע באַשלוסן לגבי יעדן פון אונדז. ווייל דער נאַציאָנאַלער, פּראָלעטאַרישער און מענטשלעכער ווערט פון 50 מענטשן, וואָס באַזעצן זיך אין יראון צי אין בית־גוברין, איז אָן אַ שיעור גרעסער אין דעם באַלאַנס פון קאָלאָניזאַטאָרישן פּראָצעס, ווי דער ווערט פון 50 אַנדערע, וואָס זענען צו זיי ענלעך אין אַלץ, און וווינען אין חיפה צי אין תל־אביב. דאָס מיינט חלילה נישט אַ העכערע מענטשלעכע קוואַליטעט פון חבר פון אַ קיבוץ און איינוווינער פון די גרענעץ־פּונקטן. עס איז נישט מער ווי די אָביעקטיווע אָפּשאַצונג, אַז די וואָס וווינען אויף דער גרענעץ, די פּיאָנערן וואָס דעראָבערן די לאַנדווירטשאַפט און דעם ים און די אַרבעטער פון די מינעס, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט פונדאַמענטאַלער פּראָדוקציע, זענען דער דעצידירנדיקער עלעמענט אין דעם בוי פון ווירטשאַפט און געזעלשאַפט. דאָס איז ריכטיק לגבי יעדן קאָלאָניזאַציע־לאַנד, און בפרט נאָך אין די קאָמפּליצירטע סטראַטעגישע און פּאָליטישע באַדינגונגען אין וועלכע עס ווערן געבויט די ווירטשאַפט און געזעלשאַפט פון מדינת ישראל.

די סכּנה פון דעפּראָלעטאַריזאַציע

דאָס ווערק פון קאָלאָניזירן ישראל איז קיינמאָל נישט געבויט געוואָרן אין אידילישער רו. עס האָבן זיך שטענדיק געפאָדערט רעוואָלוציאָנערע אַנטשיידונגען, די בויער האָבן שטענדיק געמוזט קעמפן קעגן געוווינהייטן און ירושה פון דורות, קעגן דער צוציאונגס־קראַפט פון די קליינע באַקוועמלעכקייטן און קעגן פאַלשע אידעאָלאָגיעס וועלכע האָבן, כלומרשט, געוויזן אַ לייכטערן און קירצערן וועג צום בוי פון אַ נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט און געזעלשאַפט אין ישראל. עס איז נאָך אָבער קיינמאָל נישט געווען אַזאַ צוזאַמענשטעל פון אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע און סאָציאַלע באַדינגונגען, וואָס זאָלן אַזוי ווי איצט שטערן דעם פּראָצעס פון קאָלאָניזאַציע, און זאָלן אַזוי פאַרשאַרפן דעם קלאַסן־געראַנגל, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם

דאָזיקן פּראָצעס. עס איז אומפאַרמיידלעך דער געראַנגל צווישן דער נויטווענדיקייט פון איבערגאַנג צו אַרבעט פון ברייטע שיכטן און דעם ווילן פון די דאָזיקע שיכטן זיך אַרויס־צודרייען פון דער דאָזיקער נויטווענדיקייט; צווישן דער באַדערפעניש צו גיין צו חלוצישער ערד־אַרבעט און דער נייגונג צו זוכן אַלטע נישט־פּראָדוקטיווע גלות־פּרנסות; דאָס איז אַ גערנגל צווישן דער עקאָנאָמישער, סטראַטעגישער און פּאָליטישער נויטווענדיקייט צעשפּרייטן די באַפעלקערונג איבער דעם גאַנצער ברייט פון לאַנד און דעם אינסטינקט צו קאָנצענטרירן זיך אין גרויסע שטעט און געדיכט באַזידלטע צענטערס; צווישן דער באַדערפעניש פון לאַנד אין וואָס גרעסערער קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט און פּראָדוקציע און דער טענדענץ צו פאַרמיטלונג, באַאַמטנטום און „פרייע פּראָפעסיעס" — פרײַ פון פיזישער אַרבעט; דער גערנגל צווישן דער נויטווענדיקייט פון קעגנזײַטיקער הילף און דער צוציִאונגס־קראַפט פון סאָציאַל־עקאָנאָמישער דיפערענציאַציע, וועלכע צעטיילט דאָס פאָלק און צעטיילט דעם אַרבעטער־קלאַס דורך הויבן דעם לעבנס־ניוואָ פון ווייניקע און אַראָפּנידערן דעם לעבנס־סטאַנדאַרט פון די מאַסן און פון די נייע עולים.

דער דאָזיקער קאַמף איז אומפאַרמיידלעך. אַ חוץ פּוסטע פראַזן און סאָציאַלער דעמאַגאָגיע האָט נישט די בורזשואַזיע קיין וועג צו קיבוץ־גלויות און פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם. די תּורות און לאָזונגען פון דיפערענציאַציע און נידעריקן לעבנס־ניוואָ פאַרן אַרבעטער פירן נישט צו קליטת־עליה און צו אַן עקספּאַנסיע פון דער ווירטשאַפט. אויך דער פּראָלעטאַריאַט פאַרמאָגט נישט קיין אַנדער וועג צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם, סיידן דעם אַלט־נייעם וועג — פאַרשטאַרקטע קאָלאָניזאַציע און פּראָדוקציע.

דער דאָזיקער איינציקער און אייגנאַרטיקער וועג ווערט איצט אָנגעגריפן דורך אימיגראַנטישער סטיכיע, דורך טענדענצן צו דעפּראָלעטאַריזאַציע און דורך פּאָליטישן שאַרלאַטאַניזם מען קען פאַרדעקן אויף אַ געוויסער צייט דעם אמת און פאַרבאַהאַלטן דעם עקזיסטירנדיקן קריזיס אין דער עקאָנאָמיע פון לאַנד, וועלכער דריקט זיך אויס אין נידעריקער פּראָדוקציע, בעת אַ טייל פון דער אַמעריקאַנער שטיצע און די דײַטשע רעפּאַראַציעס ווערן אומפאַרשעמטערהייט אויפגעגעסן דורך אַלע שיכטן פון דעם ישׂראלדיקן אייגנוואַרצלטן ישוב, אַנשטאָט צו ווערן באַנוצט אויף די צוועקן פאַר וועלכע עס קומען צו אונדז די דאָזיקע געלטער: פון אויפנעמען עליה און קאָנסטרוקטיווע אונטערנעמונגען. אויף אַזאַ אופן וועלן מיר אָבער זיכער נישט דערגרייכן קיין עקאָנאָמישע זעלבשטענדיקייט. און אָן עקאָנאָמישער זעלבשטענדיקייט איז אוממעגלעך אויך פּאָליטישע סטראַטעגישע אומאָפּהענגיקייט.

צי האָט אחדות־העבודה - פּועלי־ציון אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען?

דערפאַר איז אַזוי וויכטיק אַן אינערלעכער חשבון הנפש אין אונדזער פּאַרטיי, לגבי איר אויפפאַסונג פון די אויפגאַבן פאַר וועלכע זי ווערט געשטעלט, אין ליכט פון דער אַקסיאָמע פון קאָלאָניזאַטאָרישער העגעמאָניע. פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלץ הענגט אָפּ פון אונדזער פּאַרטיי, ווײַל אונדזער כּוח אין פאָלק און אין ישוב איז באַגרענעצט. מיר זענען נאָך אַלץ אַ מינדערהייט. כאָטש איינער פון די גרויסע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז דער פּראָבלעם איז נישט, ווי אַזוי אָנווענדן רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק ווען דו ביסט אין דער מערהייט, נאָר וויאַזוי צו ווערן אַ מערהייט אין פאָלק דורך באַנוצן זיך מיט רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק. די זינד פון מפא"י באַשטייט אין דעם, וואָס זי האָט זיך צוגעפּאַסט צו דער לאַגע און האָט געשאַפן די אילוזיע, אַז מען קען גרינדן אַ לאַנדווירטשאַפט דורך עולים פון צוריקגעשטאַנענע לענדער, אונטער דער אויפזיכט פון באַאַמטע וואָס וועלן זיי לערנען זיך צו באַגנוגענען מיט אַ נידעריקן לעבנס־ניוואָ. אַ פאַלשע און פעלערהאַפטע פּאָליטיק האָט אָנגעפירט מיט דער עליה און מיט דער קליטה, מיט בויען וווינונגען און געבן קרעדיטן, דערציִאונג און באַציִאונג צו די חלוצישע יוגנט־באַוועגונגען; אַ פּאָליטיק וואָס האָט זיך צוגעפּאַסט צו צייטווייליקע חשבונות, וואָס האָט געפעלשט און געשטערט דעם קאָלאָניזאַטאָרישן פּראָצעס. אָבער עטיק און אָרנטלעכקייט פאָדערן, אַז איידער מען קומט מיט דער דאָזיקער, אין זיך ריכטיקער און קאָנסטרוקטיווער קריטיק, דאַרף געשטעלט ווערן די דעצידירנדיקע פראַגע פון זעלבסט־קריטיק: וואָס איז די שטעלונג פון אונדזער פּאַרטיי און באַוועגונג אין דעם דאָזיקן קאַמף, ווי ווייט זענען מיר פון דעם דאָזיקן געפערלעכן גייסט וואָס הערשט אין לאַנד און אין ישוב?

פאראַן אין די רייען פון דער פּאַרטיי פאַרשטאַנד און אידענטיפיקאַציע מיט די חברים פון די קליינע גרופּעס, וואָס היטן אָפּ עקשנותדיק די זיכערקייט פון דער מדינה, אַרבעטנדיק אין די גרענעץ ישובים. דער עקזאַמען באַשטייט אָבער נישט אין פאַרשטיין צי אין אידענטיפיצירן זיך. דער עקזאַמען באַשטייט, קודם כל, אין טאָטן, אין רעאַליזירן דעם וועג, פאַרווירקלעכן די אידעען. דער חשבון מוז זיין אַן אויסגעהאַלטענער און אַכזריותדיקער. דאָ קען מען זיך נישט באַגנוגענען מיט סימפּאַטיזירן און אידענטיפיצירן זיך. ווו איז אונזער פּאַרטיי־יוגנט? זאָל זי איבערגעבן אירע פליכטן אין דער פּאַרטיי עלטערע חברים און זאָל זי גיין שאַפן, פּראָדוצירן; מיר ווילן פון זיי נישט פאָדערן צו גיין דווקא אין קיבוץ, אויב זיי ווילן עס נישט — עס קאָן נישט זיין אַ לעבן אין קיבוץ אַלס אַרויפגעצוווּנגענע פליכט. אָבער זאָלן זיי גיין אַרבעטן און שאַפן אין די נייע שטחים וואָס מען דאַרף דעראָבערן, אין יעדער לעבנס־פאָרם וואָס איז פּאַסיק פאַר זיי.

ווו און ווי דערציען זיך די קינדער פון אונזערע חברים אין ישראל און אין אויסלאַנד? זאָלן זיי נעמען אויף זיך די פליכט צו דערהויבן די בילדונג און געזעלשאַפטלעכע באַוווּסטזיניקייט פון דער פרוי און מוטער אין אונזער באַוועגונג. זאָלן אונזערע עלטערע חברים ווערן פאַרפליכטעט זיך צו באַטייליקן פּערזענלעך אין קליטה פון עולים אין זייער עלטער דורך פאַרשידענע פאָרמען פון קעגנזייטיקער הילף. זאָלן אונזערע חברים קעמפן דרייסט און ערלעך און דורך פּערזענלעכן ביישפּיל קעגן דער אידעאָלאָגיע פון דיפערענציאַציע און קעגן אינסטינקטן פון דעפּראַלעטאַריזאַציע, וועלכע דעמאָראַליזירן און פאַרדאָרבן, וועלכע שטערן דעם וווּקס פון אונזער לאַנד און שטעלן אין געפאַר די פּראָלעטאַרישע העגעמאָניע.

אחדות־העבודה — פּועלי־ציון איז געבויט ווי אַ פאַרבאַנד פון קיבוץ־חברים. קאָלאָניזאַטאָרן, עולים און אַרבעטער — אַ פאַרייניקונג פון יידישער אַרבעט וואָס האָט אויך פאַר איר ציל די פאַרווירקלעכונג פון דעם ישראלדיקן וועג צום סאָציאַליזם. די הויפּט כאַראַקטעריסטיק פון דעם דאָזיקן וועג איז דער קאָלאָניזאַטאָרישער פּראָצעס. יעדער סאָציאַלער שיכט, יעדע פּאַרטיי און יעדע באַוועגונג אין ישראל שטייען פאַר דעם עקזאַמען: אויף וויפל העלפן זיי צו אין דער רעאַליזירונג פון דעם דאָזיקן פּראָצעס.

מעגלעך אַז די פליכטן וואָס דרינגען דערפון אַרויס, זענען נישט פּאַסיק אַלס באַגייסטערנדיקע לאָזונגען אין די קומענדיקע וואַלן אין לאַנד. אָבער נאָר זייער פאַרווירקלעכונג וועט זיכערן די צוקונפט פון פאָלק און פון סאָציאַליזם אין ישראל.



ערשטער פּאַוויליאָן פון מוזיי א. נ. פון יצחק קאַצענעלסאָן אין קיבוץ לוחמי הגיטאות

ליליה באַסעוויטש

די חברה אינעם קיבוץ

ס'איז דאָ אַן אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן דער חברה אין דער קבוצה אָדער אין קיבוץ און צווישן דער אַרבעטערינס־באַוועגונג אין לאַנד. דער אינהאַלט און ציל פון דער דאָזיקער באַוועגונג איז — מאַכן פון דער חברה א גלייכוואַרטיקן שותף אינם אויפבוי־ווערק פון לאַנד, מאַכן זי זעלבשטענדיק, אויסגלייכן איר רוקן. זי איז, אייגנטלעך, א טייל פון דער אַרבעטערינס־באַוועגונג אין דער וועלט, אבער זי איז אייגנאַרטיק, ווייל זי מוז קודם־כל שאַפן דעם שטאַנד פון יידישע אַרבעטערינס.

די חברה איז געקומען אין ארץ־ישראל מיטן ווילן צו בויען דאָס לאַנד בשותפות מיטן חבר, פולשטענדיק בשותפות. זי האָט נישט געקעמפט פאַר רעכט, זי האָט געקעמפט און קעמפט ביז היינט פאַר פליכטן. די חברות האָבן שטענדיק געפאָדערט: לייגט אַרויף אויף אונדז פליכטן — אין דער אַרבעט, אין דער הגנה, אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן. ס'טרעפט, אז מען פאַרשטייט נישט ווי געהעריק די אַרבעטערינס־באַוועגונג אין לאַנד, אויך נישט דעם קאַמף פון די חברות אין קיבוץ. אין אויסלאַנד האָבן מיר געוווּסט פון א באַוועגונג פון סופראַזשיסטינס, און ניט איינמאָל דערוועקט זיך אַזאַ אַסאָציאַציע. אָבער ס'איז א גרויסער אונטערשיד צווישן אונדז און זיי, ווייל דאָרטן האָט מען געקעמפט פאַר פאָליטישע רעכט, און דאָ קעמפן מיר פאַר פליכטן ביי דער פאַרווירקלעכונג, ביים בויען. די חברה אין לאַנד שטרעבט ניט צו ווערן ענלעך צום חבר, זי שטרעבט צו אַנטפּלעקן זיך, אין איר גאַנצער זעלבשטענדיקייט און אייגנאַרטיקייט, אין זיין א שותפטע. ווען מיר זאָגן: נעמט פון אונדז לויט אונדזערע כוחות — גיבן מיר צו: און מיר גלויבן, אז מיר פאַרמאָגן כוחות. פונדעסטוועגן האָבן דער פרוי געדראָט פיל געפאַרן אין לאַנד און אויך אין קיבוץ. ווייל צוזאַמען מיט דער שטרעבונג צו טראָגן, צוגלייך מיטן חבר, דעם יאָך פון דער אַרבעט, הגנה און געזעלשאַפטלעכן לעבן, האָט די פרוי אין קיבוץ געהיט אירע אייגנשאַפטן און האָט ניט פאַרנאַכלעסיקט אירע פליכטן אַלס פרוי און מוטער.

די שטרעבונג צו שליחות

צי איז אין אונדזער דאָרף געשאַפן געוואָרן די געשטאַלט פון א נייעם מענטש? די דאָזיקע פראַגע דערוועקט זיך ספּעציעל אין באַצוג צו דער פרוי. מיר וועלן זיין אויפריכטיק מיט זיך אליין, אויב מיר וועלן זאָגן, אז מיר פילן, ווי די ווירקלעכקייט פון א יידישער אַרבעטערין אין ארץ־ישראל, וואָס לעבט א קאָלעקטיוון לעבן און גיט אירע קינדער א קאָלעקטיווע דערציאונג, איז גאָר אַן אַנדער ווירקלעכקייט, ווי די, אין וועלכער עס האָבן געלעבט אונדזערע מאַמעס און באָבעס. אין דער מאָס, וואָס די פרוי וואָרצלט זיך אַלץ מער איין אין דער אַרבעט און אין קיבוץ, אינם לעבן פון דער געזעלשאַפט, אינם לעבן פון דער משפחה און קינד — אין דער זעלבער מאָס פילט זי, ווי עס וועבט זיך אין איר אַ נייע געשטאַלט פון אַ פרוי. די דאָזיקע שטרעבונג צו זעלבשטענדיקייט, צו שלימות — דער טייערסטער אוצר פון דער פערזענלעכקייט בכלל, — איז אויך דער אוצר פון דער אַרבעטערינס־באַוועגונג אין לאַנד און פון דער פרוי אין קיבוץ. און אויב עס רייסן נאָך אונדזער נשמה פאַרשיידענע סתירות און עס קומט נאָך פאַר א כסדרדיקער גערანגל צווישן דעם ווילן צו פאַרבאַהאַלטן זיך אין א ווינקעלע און צווישן דעם ווילן צו זיין א מענטש א קעמפער, צווישן דער אַרבעט און געזעלשאַפטלעכן לעבן, און צווישן דער אינערלעכער וועלט, דער ליבע און קינדער — ווייסן מיר אָבער, אז אין די דאָזיקע סתירות איז פאַרבאָרגן אונדזער שלימות. מיר לעבן גלייכצייטיק אין צוויי וועלטן: אין דער וועלט פון דער פרוי און אין דער וועלט פון דער געזעלשאַפט. די חלוצישע ווירקלעכקייט ברענגט ניט שטענדיק צום חלוצישן באַוווּסטזיין. אָבער דאָס איז נישט קיין פראַגע פון דער פרוי אַליין; דאָס איז איינע פון די הויפּט־פראַגן פונם קאָלעקטיוון לעבן. עס טרעפט, אז א מענטש לעבט פאַקטיש א

חלוציש לעבן, אָבער די זאַך דערגייט נישט צו זיין באוווסטזיין. ווי אזוי זשע זאָל מען דערציען א מענטש, וואָס זאָל זיין און תמיד בלייבן א חלוץ לויט זיין מהות און לויט זיין באוווסטזיין?

ווי ווייט איז דער מהלך צווישן דער פרוי, וואָס צײַטערט איבער איר זון, בעת ער נעמט אנטייל אין ספּאָרט־פּאַרמעסטונגען, און צווישן דער מוטער, וואָס שיקט איר זון אויפן פראָנט אָדער אין די שוץ־גראָבנס! אין דער צייט פון מאָביליזאַציעס, האָבן מיר געזען די פרוי אין פאַרשידענע אויסער־ארדנטלעכע סיטואַציעס: אויב די פרוי האָט פאַרלאָזן אירע קינדער און האָט זיך מאָביליזירט — איז עס געוויס א גרויסע זאַך, אָבער מיר האָבן אויך געזען, ווי א פרוי שטעלט זיך אויף א פאַרזאמלונג אין קיבוץ, און בעט, מען זאָל לאָזן גיין איר זון אויפן פראָנט. דאָ האָבן מיר געפילט עפּעס אויסערגעוויינלעכעס. די טרערן האָבן זי געשטיקט, אָבער זי האָט געבעטן: „איך האָב מיין הסכמה געגעבן, לאָזט אים גיין".

די פרוי אין קיבוץ האָט אויף זיך גענומען פיל מצוות, פיל מער ווי עס האָט אויף איר ארויפגעלייגט דער ציבור. נישט איינמאָל איז דאָס אויספילן איין מצווה פאַרבונדן מיט מוותר זיין אויף אַ צווייטער. ווען די חברה גיט זיך אָפּ דער אַרבעט, דוכט איר, אַז זי איז צו ווייניק איבערגעגעבן דעם קינד און ווען זי גיט זיך אָפּ דער ארבעט און דעם קינד, ווייסט זי, אז דאָס איז אויך ניט גענוג, ווייל אינם קאָלעקטיוון לעבן איז פאַראַן א גאַנצער געביט, וועלכן מען פילט אויס פריוויליק, נאָכן טאָג־ארבעט, און וועלכן מיר רופן: דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן. די פרוי ווייסט, אז זי מוז אקטיוו זיך באַטייליקן אויך אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן, און אויב זי פעלט דאָרטן — ליידט דאָס לעבן פון דער קבוצה. ניט אַיינמאָל זעען מיר אויף אסיפות און שמועסן א פיל גרעסערע צאָל חברות, ווי חברים. די חברה ווארפט זיך פון איין אויפגאַבע צו דער צווייטער, פון איין מצוה צו דער אַנדערער, שטענדיק קעמפט זי מיט זיך אַליין.

די חברה, וואָס האָט אויפגעבויט דעם משק, איז ניט מוותר אויף משפחה און מוטערלעכקייט. דוקא יענע חברות, וועלכע האָבן געשאפן ווירטשאפטלעכע צווייגן, וועלכע פירן אן די דאָזיקע צווייגן און ארבעטן אין זיי פיל יאָרן — דווקא די חברות זענען מאַמעס פון דריי, פיר און פינף קינדער. ווי זעצט מען עס איבער אויף דער שפּראַך פון דער ווירקלעכקייט? — ארבעטן 30—20 יאָר אין שטאַל, ביי די קי, דאָס הייסט — אויפשטיין יעדע נאַכט דריי אזייגער. מיר האָבן קולטורעלע באַדערפענישן, די באדערפענישן פון אן אָרגאַניזירטער געזעלשאפט. דאָס געזעלשאפטלעכע לעבן אין משק הויבט זיך אן שפּעט אין אוונט, און די חברה איז ניט מוותר אויף לייענען. די חברות, וואָס האָבן א פאַרצווייגטע משפחה, ווילן דווקא אויף קיין איין מצווה ניט מוותר זיין.

די ווירקונג פון דער ערד־ארבעט אויף דער חברה איז א באַדייטנדיקע: די בארירונג מיט דער ערד אנטוויקלט אין איר דאָס געפיל פון „מעשי בראשית", דערנענטערט זי צום גאנצן משק, צו זיינע פּראָגן, פאַרברייטערט איר האָריזאָנט, שלעפּט זי ארויס פון די קלייינלעכקייטן פון לעבן און ווירקט אַפּט גוט אויף איר געזונט־צושטאַנד.

ס'איז אבער א פאַקט, אז ניט אַלע חברות אין דער קיבוצישער ווירטשאַפט באַשעפטיקן זיך מיט ערד־ארבעט. אין די אַלטע קיבוצים האָט א דריטל פון די חברות געאַרבעט ביי לאַנד־ווירטשאַפט. זיי האָבן אויסגעמאכט 40 פּראָצענט פון די באַשעפטיקטע אין דער הויף־ווירטשאַפט און אינם גאָרטן. ס'איז ניט קיין קליינע צאָל. הייַנט איז די לאַגע אויף דעם געביט פיל ערגער.

ס'איז באַוווסט, אז אין אלע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פונם ארבעטנדיקן ארץ־ישראל איז דער פּראָצענט חברות אַ קליינער. אין די יונגע קיבוצים איז דער פּראָצענט חברות זייער אַ קליינער — א דריטל — און דאָס שטעלט אין געפאר די דערגרייכונגען פון דער פרוי אין דער התישבות. אויב מיר ווילן אז די חברה אין קיבוץ זאָל ארבעטן אין דער לאַנדווירטשאפט און אויך דערפילן די פליכט פון היים און קינדער־פלעגע — מוזן מיר האָבן א העכערן פּראָצענט חברות. מען דאַרף זאָגן אָפן: די פאַרקלענערונג פון דער צאָל חברות אין דעם יונגן אַרבעטער־ישוב שטעלט אין געפאר אונדזער קאָלאָניזאַטאָריש ווערק. ווייל אָן דער ארבעט פון דער פרוי וועט ניט זיין קיין התיישבות און ס'וועט נישט זיין קיין לאַנדווירטשאַפט.

צווישן טרוים און ווירקלעכקייט

איך וועל איבערחזרן די ווערטער פון א חברה, וועלכע האָט געזאָגט: „די חברות אין דער התישבות שאפן, טרוימען און קעמפן". יאָ, זיי טרוימען. אָבער דער טרוים, די גלוסטן, די שטרעבונג,

אין אונדזער לעבן זיינען אויך ווירקלעכקייט, און ניט ווייניקער ווי די ווירקלעכקייט אליין. דאָס קען פאַרשטיין בלויז אַ מענטש, וועלכער הערט זיך צו צו אונדזער לעבן. דער טרוים און די ווירקלעכקייט וווינען בשכנות אין אונדזער געזעלשאַפט, אין אונדזער נשמה. לגבי דער חברה איז עס נאָך צען מאָל ריכטיקער. ס'איז לייכט אָפּצוגעבן דאָס לעבן אַלס איינמאָליקן קרבן, — אָבער גיין אין שפּאַן פֿונעם אַרבעטסלעבן יאָרן־לאַנג טאָג־איין טאָג־אויס, איז פיל שווערער.

אין וווּנדערלעכן ליד פון דער יונג־פאַרשטאָרבענער דיכטערין פאַניע בערגשטיין קומט דאָס צום אויסדרוק. אָט זענען איניגע שורות:

ס' ווילט זיך געבן די גרויסע
איינציקע מתנה.
טראָגן זי מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ,
מיט קלאָרע אויגן, שמייכלענדיקע,
מיט אויסגעשטרעקטע הענט,
און מיט זוניקע פרילינגס־טריט,
די איינציקע פאָלקאָמענע מתנה
ברענגען —
מיין לעבן — — —

— — — — — — — — — — —

דער שיינענדיקער בלישטשענדיקער בריליאַנט,
די איינציקע גרויסע ליכטיקע מתנה,
ווערט צעריבן אויף טויזנטער דינינקע זאַמדעלעך,
און ווי בלייך און שוואַך
זייער שוואַך פּייערל אינם גאַסן־שטויב.

פאַרן טרוים איז די פרוי גרייט אָפּצוגעבן איר יוגנט, איר גאַנץ לעבן, אָבער דער קרבן פאָדערט זיך פון איר ניט מיט איין מאָל, ער ווערט צעטיילט אין אומציילִיקע אַרבעטס־טעג און אַרבעטס־שעהן.

נישט לייכט איז געווען די אַרבעט פאַר אונז, וואָס שטאַמען אַלע פון שטעט אין אונדזער אײ־דיקן קלימאַט. ווען איך בין אָנגעקומען אין לאַנד, האָט מיר אַ חברה דערציילט, אַז זי אַרבעט זומער מיט אַ קאַלטן קאָמפּרעס אויף איר הארצן. פיל צווייגן זענען אויסגעבויט געוואָרן דורך די חברות און ווערן ביז היינט דורך זיי געפירט. ס'זענען אויסגעוואַקסן ספּעציאַליסטינס אויף פאַרשידענע געביטן ווי הינער־־צוכט, גרינסגאָרטן, פי־צוכט, בינען־צוכט, בלומען־צוכט, פלאַנ־צונגען, וויינגאָרטנערײ א. א. וו.

די פראַגע פון המשך

איז איינע פון די פראַגן, וועלכע לאָזן ניט רוען די קיבוצישע באַוועגונג בכלל, און דער עיקר די חברה: די נייע עולה און דאָס מיידל, וואָס קומט פון שטאָט — צי וועלן זיי ממשיך זיין איר וועג? אין דער ערשטער ריי איז איר געדאַנק געווענדעט צו איר טאָכטער און די טעכטער בכלל. ביז איצט האָבן מיר זיך נישט אַנטוישט אין אונדזערע טעכטער, וועלכע האָבן זיך דערצויגן אין קיבוץ. זיי פילן אויס לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן, זיי זענען גוטע אַרבעטערינס, זענען טריי דער דאָזיקער אַרבעט. ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז אַ מיידל, וואָס וואַקסט אין קיבוץ, לויפט נאָך אַלס קינד צו דער מוטער וואָס אַרבעט אין שטאַל, ביי די פלאַנצונגען א. א. וו., זי זעט ווי איר מוטער און אירע חברות אַרבעטן דאָרט — וואָס זשע איז דאָ דער וווּנדער? זי קען אָבער נישט באַגרייפן די דאָזיקע היסטאָרישע דערגרייכונג, ווי עס האָבן עס געפילט אירע עלטערן, זי איז דערצויגן געוואָרן אין אַן אַנדער סביבה און אַנדערע באַדינגונגען. די מוטער דאגה'ט הויפּטזעכלעך וועגן דעם, צי וועט איר טאָכטער זיין קאָנסעקווענט ווי זי.

די קאָלעקטיווע דערציונג איז אַ סינטעטישע דערציונג — זי פאַראייניקט די געזעלשאַפטלעכע דערציונג מיט דער ווירקונג פון דער משפחה. מיר האָבן קיינמאָל נישט געוואָלט באַפרייען די

משפחה און די מוטער פונם יאָך פון דערציונג, הגם דאָס קינד געפינט זיך אינם קינדער־הויז אָדער אין דער קינדער־געזעלשאַפט. און פיל צייט און גייסטיקע כוחות ווידמען טאַטע־מאַמע זייער קינד.

די פלעגערין אין דער קאָלעקטיווער דערציונג איז דער ווינקל־שטיין אינם בנין, וואָס הייסט קיבוצישער משק. זי איז אַ שותף צו דער דערציונג, וועלכע איך וואָלט אָנגערופן: „פּאַרשנעלערטע דערציונג". דורות וואָלטן געדאַרפט הארעווען, כדי צו שאַפן אַזאַ טיף פונם דאָרפישן קינד: געזונט און שטאַרק, זעלבשטענדיק, ליבט דאָס לאַנד, און צוגעבונדן צו זיין משק, און האָט אַ שטאַרקן כאַראַקטער. דאָס איז די פרוכט פון דער קאָלעקטיווער דערציונג.

די פרוי איז די, וועלכע שאַפט דעם לעבנס־שטייגער אין דעם קיבוצישן ישוב. זי איז ממשיך די טראַדיציע־קייט. די פלעגערין אין דער קאָלעקטיווער דערציונג, די פרעבליסטין און די לערערין — זיי לייגן עס דעם יסוד צו אונדזער אַלט־נייער טראַדיציע, וועלכע ווערט איינגעקריצט טיף אין דער נשמה פון קינד פון קליינווייז אויף. קבלת־שבת און די יום־טובים ווערן אין אַ באַשטימטער פאָרם געפייערט אין אונדזער קינדער־הויז, אָנהויבנדיק פון די קלענסטע קינדער און ענדיקנדיק מיט די עלטסטע.

מיר באַצייכענען דעם יום־טוב, אַלס אַ טראַדיציאָנעלן און אַלס נאַטור־יום־טוב גלייכצייטיק. אַלס ערד־אַרבעטער און אַלס מענטשן, וואָס לעבן אין שויס פון דער נאַטור, באַנייען מיר די יום־טובים און קערן זיי אום צו יענער נאַטירלעכער פאָרם, אין וועלכער עס האָבן זיי געפייערט אונדזערע אבות, די ערד־אַרבעטער, ווען זיי זענען געזעסן אין לאַנד.

אין דער גאַנצער גרויסער קאָמפּליצירטער שאַפונג, וועלכע טראָגט אין זיך זוימען פון דער צוקונפט־געזעלשאַפט און הייסט קיבוץ, האָט די חברה אַ גרויסן חלק. אָבער אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין דער באַשטימונג פון די ענינים אין דער קיבוצישער באַוועגונג, איז איר אָרט פיל קלענער, ווי איר אָביעקטיווער אָרט ביים בויען דעם משק, ביים פאָרמירן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן און ביים דערציען דעם צווייטן דור — די דאָזיקע לאַגע מוז געענדערט ווערן.

> אויב נישט איצט — ווען זשע? ווי וועט זיין צו אונדזערע קינדער נאָך אונדז און ווי וועט זיין דעם אָנדענק פון אונדזער דור, אויב מיר וועלן איצט דורכלאָזן די דאָזיקע שעה פון גרויסער געלעגנהייט.
>
> י. ל. פּינסקער

> ...דו ווייסט דאָך, וואָס דאָס איז אין דער היים: נישט ביי פרעמדע, פאַר דעם, וואָס קלאַפּט זיין גאַנץ לעבן אין פרעמדע טירן, און קיינער ענטפערט נישט; פאַר דעם, וואָס באַקומט שטענדיק געשלאָגן און געזידלט אָנשטאָט אַ טרייסט און רו, און איך גלויב: ס'וועט קומען אַ טאָג און איך, אַ מידער און פאַרמאַטערטער פון שווערער אַרבעט, וועל מיט פרייד באַקוקן מיינע פעלדער און מיין לאַנד און קיינער וועט נישט זאָגן: „גיי פון דאַנען, דו ביסט אַ פרעמדער אין דאָזיקן לאַנד".
>
> י. טרומפּעלדאָר

א. ווײַנער־ישראלי

דער קיבוץ - א היים



פיר און אַכציק טויזנט יידן פון פאַרשידענעם עלטער און אָפּשטאַמונג לעבן אין קיבוצים. 226 ישובים אין אַלע טיילן פון לאַנד; ביים ברעג פון ים, אויף די בערג און אין די טאָלן, לענג אויס די אַזוי צעצויגענע און אומרואיקע גרענעצן — געפינען זיך קיבוצישע ישובים.

פּראָצענטועל, אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע טיילן פון דער באַפעלקערונג, — לעבן אין די קיבוצים 5 פּראָצענט פון אַלע יידן אין לאַנד; 7 פּראָצענט פון אַלע יידישע אַרבעטער; עטוואָס מער פון 8 פּראָצענט פון דער הסתדרות־באַפעלקערונג, און די קיבוצים באַטרעפן איצט איין דריטל פון אַלע יידישע דאָרפישע ישובים.

אָט אַזוי, סטאַטיסטיש גענומען, זעט אויס היינט־צו־טאָג די קיבוץ־באַוועגונג. אָבער די קיבוצים זענען נישט בלויז ציפערן. זיי זענען אין אַ גאַר גרויסער מאָס די געאָגראַפיע פון ארץ־ישראל, איר געשיכטע, איינע פון די וויכטיקסטע אויפטוען אין די לעצטע צוויי דורות אין ארץ־ישראל, און איצט אין מדינת ישראל. די דאָזיקע ציפערן זענען — מ ע נ ט ש ן, א י ד ע ע ן, ה אָ פ ע נ ו נ ג ע ן און מ ע ש י ם.

קיבוץ איז נישט נאָר אַ באַוועגונג, וועלכע האָט אַנהענגער, פריינט — אויך קעגנער — ווי ס'פירט זיך אומעטום אין פּאַרטיי־און געזעלשאַפטלעכן לעבן. קיבוץ איז אַ לעבנס־שטייגער פון מענטשן, אַ מענטשלעכע ה יי ם, וואָס איז געקניפּט און געבונדן מיט נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעאַלן. קיבוץ איז אַ מין „דריי־אייניקייט". לגבי ארץ־ישראל און איצט מדינת־ישראל — אַ זיכערער וועג פון בויאונג, שאַפונג און פאַרטיידיקונג. לגבי דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג — אַ רעוואָלוציאָנערע און גלייכצייטיק קאָנסטרוקטיווע דערשיינונג, וועלכע האָט נישט איר גלייכן ביי אַנדערע פעלקער און אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. און לגבי די קיבוץ־מענטשן אַליין איז עס אַ „פּערמאַנענטע רעוואָלוציע", וואָס ציט זיך טאָג־איין, טאָג־אויס אין פאַרלויף פון זייער גאַנץ לעבן. איז טאַקע נישט לייכט אויפצוקלערן דעם מהות פון קיבוץ, זיין ווערט און באַדייטונג פריער און איצט אין דער נייער פאַזע פון ציוניזם. דעריבער — קורץ, אין דער פאָרם פון ראשי־פּרקים, לויט דעם אַלטן יידישן כלל: „ואידך — זיל גמור" — און דאָס איבעריקע גיי און לערן אַליין, אָדער אפשר, ריכטיקער געזאָגט: קום און זע מיט דיינע אייגענע אויגן.

*

ציוניזם און סאָציאַליזם זענען אין די לעצטע צוויי דורות געווען די הויפּט־אידעען, דער ברען־פּונקט פון דער געזעלשאַפטלעכער שפּאַנונג און גערAַנגל אין די גרויסע יידישע צענטערן. יידישע מענטשן, אַרבעטער, אינטעליגענץ און יוגנטלעכע האָבן מיט ברען און התלהבות געזוכט אַ וועג פאַר זיך פערזענלעך, פאַרן יידישן פאָלק, פאַר די יידישע פאָלקס־מאַסן. מען האָט געבויט טעאָרעטישע בנינים, געשטיצט אויף די תורות פון נאַציאָנאַלער אויפוואַכונג און סאָציאַלער באַפרייאונג, לויט פּירושים, וואָס פאַרשידענע גרופּירונגען האָבן געגעבן די דאָזיקע תורות.

אין דריי שטראָמען האָט געפלאָסן די ענערגיע פון יענע דורות: אַ גרויסע מאַסן־עמיגראַציע קיין אַמעריקע, און די געוואַלדיק־שווערע אויפגאַבע צו בויען אַ לעבן אין אַ ניי, ריזיק לאַנד; אַ קליינער שטראָם, וועלכער איז געגאַנגען אין דער דעמאָלסטיקער פּעאָדאַלער ארץ־ישראל אונטער דער טערקישער הערשאַפט; און גרויסע פיזישע און גייסטיקע אָנשטרענגונגען צו קעמפן פאַר אַן אַנדער לעבן אין די אַלט־איינגעזעסענע היימען אין מזרח־אייראָפּע. יידישע אַרבעטער, סאָציאַליסטן און יוגנטלעכע זענען געווען פול מיט ענטוזיאַזם און גלויבן, באַווייזן קרבנות־גרייטקייט, אָרגאַניזאַציע־פעיקייט און רעוואָלוציאָנערן ברען פיל מער, ווי זייער פּאַקטישער כוח אויף דער יידישער גאַס, און אוודאי פיל מער — ווי זייער כוח אויף דער נישט־יידישער גאַס. יידישע סאָציאַליסטן זענען אַ סך מאָל געווען אַ ביישפּיל פאַר גרויסע און מעכטיקע

בישט־יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, מיט זייער קאַמף־גרייטקייט, קעגנזייטיקער הילף, אויפֿקלערונגס־ און בילדונגס־טעטיקייט צווישן אַרבעטער — אָבער קאָמונעס פֿון אַרבעטער — אויף אונדזער לשון — קיבוצים — האָבן זיי נישט געשאַפֿן. נישט אין רוסלאַנד, דעם גרעסטן און לעבעדיקסטן צענטער, אָנהויב היינטיקן יאָרהונדערט; אויך נישט אין דער דעמאָקראַטישער אַמעריקע. די איינצלנע פּרוּוון פֿון די „עם־עולם״־לייט צו גרינדן קאָמונעס אין אַמעריקע זענען באַלד צונישט געוואָרן.

נישט פֿאַטאַס האָט געפֿעלט די יידישע סאָציאַליסטן; ס׳איז נישט געווען קיין באַדן צו שאַפֿן קאָמונעס. באַדן, אין דעם זין פֿון אָביעקטיווער נויטווענדיקייט און מעגלעכקייט, ווי אויך סוביעקטיווער ווילן און אויסדויער־קראַפֿט. די סאָציאַליסטישע אידעאַלן וועגן גלייכהייט און באַפֿרייאונג פֿון אַרבעטער און אַלע אַנדערע סאָציאַליסטישע האָפֿענונגען און באַגערן — זענען אָפּגעלייגט געוואָרן „אויף מאָרגן נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע״. און ביז אָט דעם מאָרגן האָט מען זיך אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן אין קאַמף פֿאַר עלעמענטאַרע רעכט פֿון מענטש און אַרבעטער, אַ קאַמף אַ נויטווענדיקער און גערעכטער, אָבער נישט קיין גענוגנדער צו פֿאַרזיכערן דעם היינט און דעם מאָרגן פֿון יידישן פֿאָלק און פֿון יידישע אַרבעטער־מאַסן. די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר האָבן באַשטעטיקט אָט דעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן פּראָגנאָז און ליידער פֿיל מער, ווי אַפֿילו די שוואַרץ־זעער האָבן פֿאָרויסגעזען.

*

אַנדערש האָט זיך געשטאַלטיקט דאָס לעבן און די טעטיקייט פֿונעם קליינעם הייפֿל יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל. אויך דאָ איז געווען דער טראַדיציאָנעלער קאַמף צווישן אַרבעטער און אַרבעטס־געבער, ווי ווייט ס׳איז געווען אַ שטאָטישער יידישער ישוב און יידישע קאָלאָניסטן האָבן זיך באַנוצט מיט לוין־אַרבעטער. אָבער אָט דער פּראָפֿעסיאָנעלער און געזעלשאַפֿטלעכער קאַמף, שוין אין די בראשית־יאָרן פֿונעם נייעם יידישן ישוב, האָט אָנגענומען אַ ספּעציפֿיש ארץ־ישראלדיקן כאַראַקטער. צוויי הויפּט־אויפֿגאַבן און פֿאַרבאַדינגונגען צום עצם אַנטשטיין און קיום פֿונעם נייעם יידישן ישוב זענען געווען: שאַפֿן און בויען די ערשטע יידישע דערפֿער אין לאַנד („קאָלאָניעס״ האָט מען זיי גערופֿן) און באַזירן דעם דאָרף און די יידישע נייע שטאָטישע קוואַרטאַלן — אויף יידישער אַרבעט. יידישע לאַנדווירטשאַפֿט און יידישע אַרבעט זאָלן, הייסט עס, זיין דער יסוד פֿון דער ווירטשאַפֿטלעכער טעטיקייט פֿון די שוין אָנגעקומענע יידן אין לאַנד און גלייכצייטיק אַ באַזע אויפֿצונעמען נייע עולים.

דער פּריוואַט־אייגנטום־כאַראַקטער פֿון די יידישע קאָלאָניעס, דער כמעט שטענדיקער באַיקאָט מצד דער מערהייט קאָלאָניסטן אויף יידישע אַרבעטער, די אָפֿטע איבערפֿאַלן פֿון אַראַבער אויף די נייע יידישע ישובים, און נאָך און נאָך פּאָליטישע און עקאָנאָמישע סיבות און באַדינגונגען — האָבן געפֿאָדערט אַנדערע וועגן פֿון קאָלאָניזירונג און בויאונג אויך גאַנץ אַנדערע וועגן פֿון קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ, הן אַלס זעלבשטענדיקער, הן אַלס לוין־אַרבעטער. דאַן זענען געשאַפֿן געוואָרן די ערשטע קבוצות אַלס אַ נייער טיפּ ישוב: קאָלאָניסט, אַרבעטער און פֿאַרטיידיקער אין איין און דער זעלבער פּערזאָן. דאָס איז דער סוד און יסוד פֿון דעם קיבוץ אין ארץ־ישראל.

אָט אַזוי, במשך דריי צענדליק יאָר ביז די ערשטע פֿאַר יאָר פֿון מדינת ישראל, איז דער קיבוץ געוואָרן דער דאָמינירנדיקער טיפּ פֿון יידישן אַרבעטנדיקן דאָרף. ציוניזם און סאָציאַליזם, טיפֿע מענטשלעכע באַגערן צו אַ יושרדיקן לעבן האָבן זיך דאָ אָרגאַניש צונויפֿגעגאָסן. אין קיבוץ איז דערשינען דער מאָדערנער ערד־אַרבעטער, דער באַשיצער פֿון יידישן האָב, גוטס און כבוד, דער פֿאַקטישער קעמפֿער פֿאַר פֿרייער אײנוואַנדערונג און פֿרייער קאָלאָניזירונג אין אַלע טיילן פֿון לאַנד, און גלייכצייטיק דער בויער פֿון אַ נייער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט אויף יסודות פֿון גלייכהייט, קעגנזייטיקע הילף און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט. נישט נאָר ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע גרופּירונגען, — אויך בירגערלעך־ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס (המכבי הצעיר, הנוער הציוני) און רעליגיעזע פּאַרטייען (הפּועל המזרחי, אַפֿילו אגודת־ישראל) — אַלע די, ביי וועמען ציוניזם און בנין־הארץ, אין דער אָדער אין יענער פֿאָרם און אויסדרוק, איז אַ באַשטאַנד־טייל פֿון זייער וועזן, האָבן געפֿונען פֿאַר נויטיק צו שאַפֿן קיבוצים — לכל הפּחות עטלעכע — וואָס

זענען אייגנטלעך אין סתירה צו דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער וועלט־אָנשויאונג און באַנעם פון אַט די קרייזן.

*

פיל האָט זיך געענדערט אין די לעצטע צען יאָר. ס'איז אַנטשטאַנען די יידישע מדינה אין אַ טייל ארץ־ישראל, די טויערן פון לאַנד האָבן זיך ברייט געעפנט אויפצונעמען יידן פון אַלע לענדער און שבטים. דאָס ביסל רייכטימער פון לאַנד (ערד־שטחים, וואַסער־רעזערוואַרן א.א.) איז איצ רשות פון דער ישראל־רעגירונג, ס'איז אַנטשטאַנען צ.ה.ל., דער האַנדלס־פּלאַט א.א.וו. אָבער איצטער ווי פריער, און נאָך מער ווי פריער, צוליב די נייע אומשטענדן, זענען גילטיק די „אַלטע" מצוות: שאַפן אַ פאַרצווייגטע און גרויסע לאַנדווירטשאַפט, וואָס זאָל באַזאָרגן די באַפעלקערונג מיט ברויט און שפייז, באַזעצן די ליידיקע שטחים און דערמיט פאַרפעסטיקן דעם פאַקטישן באַזיץ פון די „ראַנד־געביטן", וואָס פאַרנעמען מער ווי אַ האַלבן שטח פון ישראל, פאַרלייכטערן דעם פּראָצעס פון צונויפשמעלצן און צוזאַמענבינדן יידן פון פאַרשידענע שבטים און קאַנטינענטן אין איין פאָלק. לויט דער דערפאַרונג ביז איצט, איז נישטאָ קיין בעסערער וועג דערצו — ווי אַ קיבוץ־געזעלשאַפט, וועלכע איז געבויט אויף עקאָנאָמישער גלייכהייט פון אַלע אירע מיטגלידער, און קאָלעקטיווע אָנשטרענגונג און אחריות. מיטן כוח פון אַט דעם קאָלעקטיוויזם פאַרווירקלעכט דער קיבוץ ערשטראַנגיקע אויפגאַבן פאַרן פאָלק, לאַנד און אַרבעטער.

אָבער ווי געזאָגט, קיבוץ איז נישט נאָר אַ מיטל און אַ וועג צו פאַרווירקלעכן ציוניסטישע און סאָציאַליסטישע אידעאַלן. קיבוץ איז אַ היים פאַר צענדליקער טויזנטער מענטשן, אַ היים אין פשוטן זין פון וואָרט: אַרבעט, עקאָנאָמישע עקזיסטענץ, פּערזענלעך, פאַמיליען, קולטור און געזעלשאַפטלעך לעבן פון מענטשן. די, וועלכע לעבן אין קיבוץ פאַרמאָגן אייגנשאַפטן פון אַלע מענטשן אויף דער וועלט. פאַרשידענע טעמפּעראַמענטן, זיטן און פעיקייטן, שוואַכקייטן, אַמביציעס א. א. וו. אָבער עס איז אַן א נ ד ע ר לעבן, לחלוטין נישט ענלעך אויף די לעבנס־פאָרמען געבויט אויף פריוואַט־אייגנטום, הן אַלס זעלבשטענדיקער פאַרדינער אָדער לוין־אַרבעטער און אָנגעשטעלטער, דער יסוד איז — געמיינזאַמע, פאַר אַלעמען פאַרפליכטנדע, אַרבעט, געמיינזאַמער באַזיץ און געברויך, גלייכע שותפות און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אַלעמען, זאָרג פון כלל פאַר יעדן איינצלנעם, און אחריות פון יעדן פרט פאַרן כלל. עס איז אַ קעגנזייטיקע פאַרזיכערונג פון מענטשן אויפן גאַנצן לעבן פאַר זיי און זייערע קינדער און קינדס־קינדער. דאָ גילט דער דורות־לאַנגער, אַזוי באַגערטער קאָמונע־כלל: יעדער איינער לויט זיינע מעגלעכקייטן, יעדן איינעם לויט זיינע באַדערפענישן. פאַרשטייט זיך, אַז דער לעבנס־סטאַנדאַרט איז אָפּהענגיק פון עקאָנאָמישן און פינאַנסיעלן מצב פון יעדן קיבוץ און אין יעדן געגעבענעם צייט־אָפּשניט.

אַלזאָ, דער קיבוץ איז נישט אַן אויסדערוויילטע געזעלשאַפט פון „אויבער־מענטשן", אָדער אַ מין אַריסטאָקראַטיע פון מאָראַל און גוט־האַרציקייט. קיבוץ פאַרווירקלעכט אייגנטלעך דעם עלעמענטאַרן יסוד פון סאָציאַליזם, וועלכער האָט תמיד געלערנט, אַז פריוואַט־אייגנטום איז דער יסוד פון אומרעכט און גערעַנגל פון מענטש מיט מענטש, און נאָר אַ קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט וועט פאַרמיידן אָרעמקייט און דעגענעראַציע און וועט פאַרזיכערן אַ ווירדיק לעבן. דער קיבוץ איז אין מיניאַטור אַ פּראָטאָטיפּ און אַן אָנזאָג פון אָט דער נייער געזעלשאַפט.

פון דעם אויבנגעזאָגטן איז נישט געדרונגען, אַז דאָס לעבן אין קיבוץ איז בלויז אידיליע און האַרמאָניע, און אַלע מענטשלעכע פּראָבלעמען זענען שוין דאָרט געלעזט געוואָרן. געוווינהייטן, מנהגים און באַגריפן געירשנטע פון עלטערן און אור־עלטערן, דער כמעט אין בלוט־איינגעזאַפּטער „הייליקער" געזעץ פון „מיינס איז מיינס" — און דער געיעג נאָך אַט דעם „מיינס" — קאָנען נישט באַזייטיקט ווערן בלויז לויט אַ באַשלוס פון מענטשן, ווען אַפילו דער באַשלוס שטאַמט פון גוטן ווילן און טיפן גלויבן. פון צייט צו צייט, נישט פילנדיק און נישט ווילנדיק, דערשיינען „רעצידיוון" און שטעלן דעם מענטש פאַר נייע נסיונות. יאָרן פאָדערן זיך, ביז דאָס נייע וועט ווערן נאַטירלעך, ווי דאָס פריערדיקע איז געווען. און ווירקלעך, דער קיבוץ איז אויך איצט נאָך אַלץ אַ נייע לעבנס־אָרדנונג, אָן טראַדיציע און אָן דערפאַרונג פון דורות. דעריבער זענען פאַראַן פּראָבלעמען און שוועריקייטן, און גאַנץ אָפט שאַפן זיך קאָנפליקטן, אמתע אָדער מכלומרשטע, צווישן מענטש און מענטש, צווישן איינצלנעם און דער קבוץ־געמיינשאַפט

דערצו דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט נאָך איין פאַקטאָר, וועלכער ווירקט און דריקט גאַנץ

שטאַרק אויפֿן קיבוץ־לעבן. דער פֿאַקטאָר איז—די אַרומיקע נישט־קיבוצישע סביבה. די קיבוצים זענען אייגנטלעך קליינע אינדזלען אין ים פֿון אַנדערע לעבנס־באַגריפֿן און באַגערן און שטייגער, וועלכע זענען פֿולשטענדיק אין קעגנזאַץ צום קיבוץ־לעבן. דער קיבוץ איזאָלירט זיך נישט פֿון דער אַרומיקער סביבה; אדרבא, ער איז אַ טייל פֿון איר און קומט מיט איר אין באַרירונג אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים: ווירטשאַפֿטלעכע באַציאונגען און אַלע באַגלייט־דערשיינונגען פֿון אָט די באַציאונגען, אַקטיווער אָנטייל אין געזעלשאַפֿטלעכן, פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן פֿון לאַנד. דער קיבוץ פֿאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער ווירטשאַפֿט פֿון לאַנד. פּערציק פּראָצענט פֿונעם באַאַרבעטן באָדן דורך יידן און אַראַבער צוזאַמענגענומען — ווערט באַאַרבעט דורך די קיבוצים. אַיין דריטל פֿון דער אַלגעמיינער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער פּראָדוקציע איז פֿון די קיבוצישע ווירטשאַפֿטן. אייניקע לאַנדווירטשאַפֿלעכע צווייגן פֿון די וויכטיקסטע (ווייץ און גערשטן־פֿעלדער, פּרוכט־גערטנער א.א.) געפֿינען זיך מערסטנטייל אין די קיבוצים. ס'איז אויך גרויס די השפּעה פֿון קיבוץ אויפֿן גייסטיקן און קולטור־לעבן אין לאַנד. דער דאָרפֿיש־קיבוצישער וועלטלעכער שטייגער פֿון די יידישע ימים־טובים דרינגט אַריין אויך אין נישט־קיבוצישע קרייזן אין דאָרף און אין שטאָט. די קיבוצישע ביכער־פֿאַרלאַגן האָבן דערוואָרבן לייענער אין די ברייטע שיכטן פֿון פֿאָלק. דיכטער, פּראָזאַיקער און אַלערליי קינסטלער, קיבוץ־חברים, פֿאַרנעמען אַ בכבודיק אָרט אין דער ליטעראַטור און קונסט. נישט אומזיסט זענען די עקסטרעם־בירגערלעכע און רעליגיעזע קרייזן דעם קיבוץ אַלס הויפּט־קעגנער זייערן. די בירגערלעכע קרייזן האָבן בלית ברירה שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז אַרבעטער מעגן זיך אָרגאַניזירן און קעמפֿן פֿאַר בעסערע לוינען און אַרבעטס־באַדינגונגען, אָבער דער קיבוץ, וועלכער שליסט אויס פּריוואַט־אייגנטום און „פּריוואַט־איניציאַטיוו" לויט דער בירגערלעכער אויפֿפֿאַסונג און איז מצליח ווירטשאַפֿטלעך — דער קיבוץ איז דעריבער אַ „סכנה" פֿאַרן לאַנד און דער געזעלשאַפֿט בכלל. אָט די קרייזן באַקעמפֿן דעם קיבוץ מיט אַלע מיטלען און וועגן, וואָס זיי פֿאַרמאָגן.

אָבער נישט נאָר די בירגערלעכע און עקסטרעם־רעליגיעזע קרייזן דריקן אויפֿן קיבוץ. די גרעסטע מערהייט פֿון יידן אין לאַנד, אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און אָרעמע שיכטן לויט די פּרינציפּן און געזעצן פֿון פּריוואַט־אייגנטום, ווען אפֿילו דאָס אייגנטום איז אַ נעבעכדיקער, אָפֿט נאָר אַ באַגערטער און נישט דערגרייכטער. די היינטצייטיקע קולטור, און לאו־דווקא נאָר די פּאָזיטיווע און מענטשן־נוצלעכע דערגרייכונגען אירע, „ווי זי שטייט און גייט" אין די ריזיק־גרויסע שטעט אין דער וועלט — דרינגט אַריין אין לאַנד, באַהערשט אַלע שיכטן און פֿאַרמירט דעם פּערזענלעכן און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון דער באַפֿעלקערונג. „זיין מיט לייטן גלייך" — דאָס איז אַ באַגער און אַ וועג אין לעבן. ליידער אויך די מערסטע רעגירונגען אין ישראל אין פֿאַרלויף פֿון די ערשטע יאָרן, האָבן זיך צוגעפּאַסט צו דער אַלגעמיינער אַטמאָספֿער, און דירעקט און אומדירעקט מיטגעהאָלפֿן און אַנטקעגנגעקומען דעם נישט־קיבוצישן און נישט־חלוצישן לעבנס־שטייגער. אָט די אַלגעמיינע אַטמאָספֿער דריקט אויפֿן קיבוץ, ווו נישט ווו דרינגט אויך אַריין דאָרט, און פֿאַרוואָנדלט די אונטערשידן פֿון קיבוץ און נישט־קיבוץ אין גאָר האַרבע מענטשלעכע פּראָבלעמען.

אַלס צוגאָב צו די אויבנדערמאָנטע פֿאַקטאָרן, וועלכע ווירקן אויך אויף דעם אינערלעכן לעבן אין קיבוץ, איז דער מ א נ ג ל א י ן מ ע נ ט ש ן. די חלוצישע באַוועגונג אין אייראָפּע, וועלכע איז געווען דער הויפּט־רעזערוואַר פֿון קיבוץ, איז חרוב געוואָרן אין די יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין מערב־אייראָפּע און אין די אַמעריקאַנישע לענדער ציילן אמת־חלוצישע אָרגאַניזאַציעס נישט מער ווי הונדערטער, און נאָך וויניקער קומען אין ישראל צו לעבן אין קיבוץ. בלויז אַ קליינער שטראָם פֿון אַלע יידן אין דער וועלט, איינשליסנדיק ישראל, גייט אין קיבוץ. די ווירטשאַפֿט און געזעלשאַפֿט אין קיבוץ פֿאָדערט נאַטירלעכערווייז כסדרדיקע פֿאַרגרעסערונג און פֿאַרבעסערונג — און די צאָל מענטשן דערצו איז נישט גענוג. שאַפֿן זיך, פֿון זיך אַליין, שוועריקייטן אָביעקטיווע און סוביעקטיווע, און מען מוז פֿאַרמאָגן גרויסע מאָראַלישע און אידעישע כוחות, כדי נישט מיטגעריסן צו ווערן מיטן אַלגעמיינעם שטראָם, און פֿאָרזעצן דעם לעבנס־וועג ווי תמיד.

*

יאָ, קיבוץ איז נישט קיין אידיליע, אָבער ער איז אַ גרויסע עפּאָפּייע, און מעגלעך, אַז אונדזער דור איז נישט אימשטאַנד אָפּצושאַצן איר גרויסקייט. דריי דורות לעבן שוין אין קיבוץ:

פאַטערס־גרינדער, קינדער־פאָרזעצער, און אייניקלעך, וועלכע וואַקסן אויף ערד און אין לופט פון קיבוץ. קיבוץ איז נישט אַ דאָרף, ווי ס׳איז געווען, און איז אויך איצט אין די מערהייט לענדער, אַ סינאָנים פון אָפּגעשטאַנענקייט און פרימיטיוויקייט. דער קיבוץ איז אַ מין „לאַבאָראַטאָריע" פון אַ ניי־יידיש־מענטשלעך לעבן — אינדערוואָכן, שבת און יום־טוב, אין פריידן און אין ליידן. דער קיבוץ איז אַן אָריגינעלע ארץ־ישראלדיקע שאַפונג, אַ רעזולטאַט פון אָביעקטיווער נויטווענדיקייט און סוביעקטיווער גרייטקייט צו לעזן פראָבלעמען, וועלכע האָבן נישט זייערס גלייכן ביי קיין שום פאָלק און לאַנד. קיבוץ איז מאַטעריע און גייסט, חיי שעה און חיי עולם צוזאַמענגענומען. דעריבער איז ער דער יסוד פון יידישער לאַנדווירטשאַפט, זיינע ישובים — פעסטונגען; דעריבער איז דער קיבוץ אַ „צושטעלער" פון מיניסטאָרן און גענעראַלן, פון גוטע זעלנער פון דער יידישער מדינה אויף אַלע געביטן פון ווירטשאַפט, קולטור און אָרגאַניזאַציע. נישט דערפאַר, ווייל אין קיבוץ זענען קאָנצענטרירט די בעסטע און פעיקסטע יידן פון לאַנד. אדרבא, דער רוב אַקאַדעמיקער און וויסנשאַפטס־לייט אויף אַלע געביטן לעבן אויסערן קיבוץ. אָבער דער קיבוץ האָט איין גרויסע מעלה: מענטשן האָבן זיך דאָ פאַרמאָסטן צו פאַרווירקלעכן מיט די אייגענע הענט טיף מענטשלעכע אידעאַלן, נישט וואַרטנדיק אויף דער גרויסער גאולה, וועלכע וועט קומען ערגעץ ווען. אין פראָצעס פון פאַרווירקלעכונג, אין שווערן קאַמף פאַר עקזיסטענץ אַלס נישט־דערפאַרענע ערד־אַרבעטער אויף אַ דורות־לאַנג פאַרוואָרלאָזטן באָדן, אין דער גרויסער אָנשטרענגונג צו בויען אַ ניי לעבן, אין אַ פיינטלעכער סביבה פון נישט־יידן און גאָר אָפט ביי אינדיפערענטער באַציאונג פון יידן, זיינענדיק אָנגעוויזן הויפּטזעכלעך אויף די אייגענע כוחות — זענען פשוטע יידישע בחורים און מיידלעך געוואָרן דערפינדער אויפן געביט פון אַגראָטעכניק, קולטור־רעפאָרמאַטאָרן אין קינדער־דערציאונג, סטראַטעגיקער און גוטע אַרבעטער און בויער פון אַ נייער געזעלשאַפט. ווייל אין תוך גענומען איז דער קיבוץ אַ געזעלשאַפט, וואָס פאָדערט און דערמעגלעכט צו אַנטפלעקן אַלע פאָטענציעלע פעיקייטן פון מענטשן. דעריבער איז דער קיבוץ, מיט אַלע זיינע שוועריקייטן, שוואַכקייטן און נאָך נישט געלעזטע פראָבלעמען — דאָך פאָרלויפיק די העכסטע שטופע פון אַ מענטשלעכער הומאַניסטישער געמיינשאַפט.

*

ביז איצט האָבן מיר גערעדט וועגן די קיבוצים ב כ ל ל. אָבער אין דער קיבוץ־באַוועגונג זענען תמיד געווען אונטערשידן, הן בנוגע דעם פאַרנעם און צוזאַמענשטעל פון די ווירטשאַפט־צווייגן אין יעדן קיבוץ, בנוגע דער געוווּנטשענער און מעגלעכער צאָל מיטגלידער אין אַ קיבוצישן ישוב, ווי אויך אונטערשידן אין דער פאָליטיש־פאַרטייאישער אָנגעהעריקייט אָדער איינשטעלונג פון די קיבוץ־חברים. ביז די ערשטע צוויי־דריי יאָר פון מדינת ישראל, האָט אונדזער קיבוץ, הקיבוץ המאוחד, פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דער קיבוץ־באַוועגונג לויט דער גרויס פון דער באַפעלקערונג און צאָל קיבוצים, לויט זיין ווירטשאַפטלעכן געוויכט, דערציעריש־קולטורעלער השפעה אין לאַנד גופא און אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער און חלוצישער באַוועגונג אין חוץ לאַרץ.

דער קיבוץ המאוחד איז געווען — און איז אויך איצט — אַ פיאָנער אויף אַלע געביטן פונעם לעבן אין די קיבוצים און אויסער דעם קיבוץ. ער איז שטענדיק און אומעטום דער ע ר ש ט ע ר, אַזוי ווי ס׳זינגט זיך אינעם פלמ"ח־הימן: „ראשונים תמיד אנחנו", דער ערשטער צו עפענען פאַרוואָרפענע און וויסטע געגנטן אין לאַנד פאַר קאָלאָניזאַציע. די ישובים פון קיבוץ־המאוחד האָבן אייגנטלעך געצייכנט די שפעטערדיקע געאָגראַפישע גרענעצן פון מדינת ישראל. דער קיבוץ־המאוחד איז געווען דער ערשטער צו בויען זיינע ווירטשאַפטן נישט נאָר אויף לאַנדווירטשאַפט אַליין, נאָר אויך אויף זעלבשטענדיקע פאַבריק־אונטערנעמונגען, אויף לוין־אַרבעט אין דער פריוואַטער יידישער ווירטשאַפט און מלוכהשע, מוניציפאַלע און געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן פון דער בריטישער אַדמיניסטראַציע אין לאַנד. אַזוי אַרום זענען געשאַפן געוואָרן מעגלעכקייטן כסדר אויפצונעמען נייע חברים און פאַרגרעסערן די ישובים. אין אונדזער קיבוץ געפינען זיך טאַקע די גרעסטע ישובים פון דער קיבוץ־באַוועגונג.

לויט זיין ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער איינשטעלונג און געזעלשאַפטלעכן טעמפּעראַמענט, איז דער קיבוץ־המאוחד געווען אַקטיוו טעטיק אין פאָליטישן לעבן פון לאַנד, און אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער און חלוצישער באַוועגונג אין חוץ־לארץ, הויפּטזעכלעך אין מזרח־ און מיטל־אייראָפע, אָבער אויך דער ערשטער אין די אַראַבישע שכנותדיקע לענדער.

אַ באַזונדער וויכטיק אָרט האָט דער קיבוץ־המאוחד פאַרנומען אויפן געביט פון שוץ און פאַרטיידיקונג קעגן די אַראַבישע אָנפאַלן אין דער פאַר־מדינה תקופה, און אין קאַמף פאַר פרייער איינוואַנדערונג. די ישובים פון קיבוץ־המאוחד זענען געווען אויפנעם־פונקטן פון דער אומלעגאַלער עליה. דאָ זענען געווען די געווער־לאַגערן פון דער „הגנה“, דאָ איז געבוירן געוואָרן דער פלמ״ח, אָט די ווונדערבאַרע פאָרמאַציע, וואָס האָט נישט אירס גלייכן אין קיין שום רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דאָ זענען געוואַקסן די שפּעטערדיקע גענעראַלן און פראָנט־קאָמאַנדירן אָפיצירן און טרייע זעלנער פון פאָלק און לאַנד. נישט אומזיסט האָבן די ענגלענדער אויסגעגאָסן דעם גאַנצן צאָרן זייערן אויף אָט די ישובים, גענישטערט און געזוכט געווער, אומלעגאַלע עולים, „קאָנטראַבאַנדיסטן“ און פלמ״חניקעס.

*

די השפעה פון אונדזער קיבוץ אויף אַלע געביטן איז געווען צו גרויס אין די אויגן פון מפא״י, וועלכע האָט שוין מיט יאָרן צוריק אָנגעהויבן זיך צוצופּאַסן צו די בעסער־סיטואירטע אַרבעטער־שיכטן, און אין אינערלעכן לעבן פון יידישן ישוב אין ארץ־ישראל און שפּעטער מדינת ישראל — אַנטקעגנגעקומען נישט באַרעכטיקטע פאָדערונגען פון די רעליגיעזע גרופּירונגען און בירגערלעכע קרייזן. דער כסדרדיקער דרוק און פאָדערונגען פון די קיבוץ־המאוחד־חברים צו פאַרברייטערן, אָדער לפּחות אָפּהיטן די שוין עקזיסטירנדיקע יסודות פון פאַרהעלטנישמעסיקער גלייכהייט פון אַלע אַרבעטער־שיכטן; די פאָדערונגען צו דערמוטיקן מאָראַליש און פינאַנסיעל חלוצישע עלעמענטן: דערציען און ריכטן די יוגנט, אויך געוויסע טיילן פון נייע עולים צו באַזעצן די ראַנד־געביטן; אָפּשלאָגן דעם אָנגריף פון די רעליגיעזע גרופּן, וועלכע ווילן פאַרוואַנדלען ישראל אין אַ מיטלאַלטערלעך־טעאָקראַטישער מדינה, פירן אַ ראַציאָנעלע אויסערן־פּאָליטיק א.א.וו. — אָט די אַלע פאָדערונגען האָבן נישט געשטימט, צוליב פאַרשידענע טעמים, מיט דער אינערלעכער און אויסערלעכער פּאָליטיק פון דער מערהייטס־פּאַרטיי אין לאַנד. די מפא״י־קרייזן האָבן זיך במשך פון יאָרן באַמיט אָפּצושוואַכן דעם כוח און די השפעה פון קיבוץ־המאוחד. לסוף איז זיי געלונגען אָפּצורייסן 22 ישובים פון אונדזער קיבוץ און עטלעכע גרעסערע גרופּן אין אַנדערע ישובים. די שפּאַלטונג האָט אָוועקגעשטעלט דעם קיבוץ־המאוחד אין אַ גאַנץ שווערער לאַגע. רעכטס און לינקס פון אַלע פאַרבן און שאַטירונגען האָבן זיך באַמיט אויסצונוצן דעם „גינסטיקן“ מאָמענט און מאַכן דעם לעצטן חשבון מיט אונדזער קיבוץ, און אַזוי שלאָגן די גאַנצע קיבוצישע באַוועגונג. אָבער דער קיבוץ־המאוחד איז אַרויס פון דעם קריזיס געאייניקט און באַלד ווידער אויפגעטראָטן מיט אַלע זיינע אייגנשאַפטן אַלס אַ דינאַמישער כוח אין דער קיבוץ־באַוועגונג, און אין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאַנד. די קאָאַליציע פון די דריי אַרבעטער־פּאַרטייען, וועלכע זענען דער הויפּט־כוח אין דער ישראל־רעגירונג, איז — דאָס זענען אַלע מודה — דער פאַרדינסט פון אונדזער אַלט־נייער פּאַרטיי אחדות־העבודה — פועלי־ציון, ווו די קיבוץ־חברים פאַרנעמען אַן אָנגעזעען אָרט.

*

און צום סוף. דער קיבוץ־המאוחד, אַלס אַ טייל פון דער קיבוץ־באַוועגונג, איז אין אַלע הינזיכטן איינער פון די וויכטיקסטע שטיץ־פונקטן און דערגרייכונגען אין מדינת ישראל. ער איז אַ מוסטער פון אידעישער גאַנצקייט, טרייהייט און אומאויפהערלעכן קאַמף און טאַט. זיין כוח איז קודם כל אין אים אַליין, אין זיינע געוואַגטע אויפטוען ביי אַלע אומשטענדן, דעריבער האָט ער אימפּאָנירט און געצויגן מענטשן פון פאַרשידענע קרייזן, לענדער און מענטאַליטעט.

נייע צייטן זענען איצט געקומען. געוואַלדיק גרויס זענען די באַדערפענישן פונעם לאַנד און פאָלק און אַרבעטס־מענטש. גרויס זענען די מעגלעכקייטן — אָבער נישט גענוג זענען די כוחות צו פאַרפעסטיקן און פאַרבעסערן דאָס שוין געשאַפענע און שאַפן נייע קיבוץ־געזעלשאַפטן, וועלכע זאָלן אָנרעגן חלוצישע באַגערן ביי דער פילפאַרביקער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד, און פאַרווירקלעכן עכט־יידישע און סאָציאַליסטישע אידעאַלן פון גערעכטיקייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט. די עקספּאַנסיע פון קיבוץ איז אָפּהענגיק פונעם „הינטערלאַנד“, וועלכע נעמט אַרום אַלע יידן אין דער וועלט, און קודם כל איז עס אָפּהענגיק פון די אידעען־ברידער אויף דער און יענער זייט אָקעאַן.

דאס ליד פון פלמ"ח

כאָטש די בייזע ווינטן וואָיען
און עס שרעקט די שוואַרצע נאַכט —
צום באַפעל ! — אין אָנגריף גייען
שטורם־בריגאַדעס פון פלמ״ח.

פון מתולה ביז דעם נגב,
פון דעם מדבר ביז דעם ים
גייען מיר דעם פיינט אַנטקעגן
פאַרן פאָטערלאַנד אין קאַמף !

ס׳קען דער לייב דעם וועג דורך פעלדער,
אָדלער אין די הימלען רוט ;
אונדזער וועג פירט צווישן פעלזן
ריכטונג : שונא ! — דער מאַרשרוט !

ערשטע שטענדיק אין די רייען
סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט.
צום באַפעל ! — אין אָנגריף גייען
שטורם־בריגאַדעס פון פלמ״ח.

זרבבל גלעד

יידיש : י. שילעוויטש

פראבלעמען פון סאציאליזם אין ישראל

ישראל גלילי

אונדזער וועג אין סאציאליזם

אונדזער באַוועגונג האָט אַ זייער אייגנאַרטיקן כאַראַקטער. כאָטש מיר האָבן נישט געשריבן קיין פולשטענדיק פאָרמולירטע פּלאַטפאָרם, — האָט די דאָזיקע באַוועגונג זיך טיף איינגעקריצט אין דער לאַנדשאַפט פון דער מדינה, אין דער געשטאַלט פון דעם דור, אין דער דערציאונג פון דער יוגנט, אין דער אַרבעטער־ליטעראַטור און אין די גרויסע אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע געראַנגלען פון דעם פאָלק.

מיר זענען אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון פּיאָנערן אין יידישן פאָלק און אין ישראל. מיר געהערן צום אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס; דאָס הייסט, אַז סיי אָביעקטיוו, סיי סוביעקטיוו זענען מיר אַן אָרגאַנישער טייל פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס. מיר זענען אַ ישראלדיקער אָפּצווייג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

מיר געהערן צו דער סאָציאַליסטישער וועלט־באַוועגונג און איר רעוואָלוציאָנערע טענדענצן, מיר גלויבן אַז דער סאָציאַליזם וועט נישט פאַרווירקלעכט ווערן פון זיך אַליין, אויך נישט דורך קליינע און לאַנגזאַמע רעפאָרמען אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, נאָר דורך אַקטיוון קלאַסן־קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט, אין פאָלק און אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, בכדי צעשטערן ביזן יסוד דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים.

אין דער ישראל־אַרבעטערשאַפט גלויבט אונדזער באַוועגונג, אַז ציוניזם און סאָציאַליזם בילדן אַן איינהייט, וועלכע לאָזט זיך נישט צעטיילן, סיי לגבי דעם וועג, סיי לגבי דעם ציל, דער דערציאונג און דעם צוגאַנג צו וועלט־פּראָבלעמען. די דאָזיקע טעאָריע האָבן מיר געלערנט ביי די גרינדער פון סאָציאַליסטישן ציוניזם, נחמן סירקין און בער באָראָכאָוו, וועלכע האָבן פאָרויסגעזען די צענטראַלע פּראָצעסן אין דער מאָדערנער געשיכטע פון יידישן פאָלק, אַ טעאָריע וואָס האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פון דער ווירקלעכקייט.

אַמאָל, ביים אָנהויב פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין גלות, איידער עס האָט נאָך עקזיסטירט אַן אייגענע קאַוואַדלע אויף וועלכער עס זאָל זיך שמידן איר קאַמף און שאַפן — פלעגן פילע אין דער דאָזיקער באַוועגונג איבערזעצן פאַקטן פון אַ פרעמדער ווירקלעכקייט, ווילנדיק לערנען פון זיי לגבי דער יידישער ווירקלעכקייט; אָבער זינט עס איז אַנטשטאַנען אין ישראל אַן איינגעוואָרצלטער אַרבעטער־קלאַס, קריסטאַליזירט זיך אַלץ מער און מער אין דעם באַוווסטזיין פון יידישן אַרבעטער אין זיין פאָטערלאַנד, אַן אייגענע תורה, אַן אייגענער וועג צום סאָציאַליזם.

אונדזער סאָציאַליזם — ווי אַלע אַנדערע אויף דער וועלט — איז נישט קיין אימפּאָרטירט אַרטיקל. ער איז אויסגעוואַקסן און איינגעוואָרצלט אין אונדזער באָדן, גלייך ווי ביי אַנדערע פעלקער. זיין מענטשלעכער, סאָציאַלער און מאָראַלישער אינהאַלט איז שותפותדיק פאַר אַלע מענטשן און אַלע פעלקער, אָבער זיין ממשותדיקע פאַרווירקלעכונג ווערט געגאָסן אין פאָרמען, אין אַ ריטם, קראַפט און טעמפּאָ, וועלכע דרינגען אַרויס פון די ספּעציפישע און היסטאָרישע אייגנאַרטיקייטן פון יעדן פאָלק און פון יעדער שפּראַך.

אונדזער סאָציאַליזם איז געבוירן געוואָרן אין שויס פון דער רענעסאַנס־באַוועגונג פון אונדזער פאָלק, און איז מיט איר ענג פאַרבונדן. נישטאָ קיין קיום און קיין האָפענונג אָן דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם; און ציוניזם קען רעאַליזירט ווערן אין זיין פולן היסטאָרישן זין — נאָר מיטן סאָציאַליסטישן וועג און אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

מיר זענען אַ באַוועגונג אין אַ קליינעם פאָלק. דער כוח פון אַרבעטער איז גרויס און אַנטשיידנדיק אין אונדזער פאָלק, ער איז אָבער קליין און שוואַך לגבי די אַנטשיידונגען אין גורל פון דער וועלט. און כאָטש מיר געהערן צו אַ קליינעם פאָלק — איז אונדזער וואַכזאַמקייט לגבי דעם גורל פון דער וועלט — אין וועלכן עס איז אין דער היינטיקער צייט ענג צונויפ־

געפלאָכטן דער גורל פון פעלקער — מער ווי ווען־נישט־איז אין דער וועלט־געשיכטע. מיר האָבן נישט קיין באַזונדערע און דאָפּלטע מאָס לגבי ישראלדיקע און וועלט־פּראָבלעמען, לויט דעם כלל פון: „זיי א ציוניסט ביי זיך און א סאָציאַליסט לגבי דער וועלט"; אונזער צוגאַנג שטאַמט פון דעם באַוווּסטזיין פון א יידישן אַרבעטער, דעם זון פון פאָלק און בירגער פון דער וועלט, א חבר פון דעם אַלוועלטלעכן אַרבעטער קלאַס.

א ברידערלעכע געזעלשאַפט פון מענטשן און פעלקער

סאָציאַליזם, לויט אונזער אויפפאַסונג, איז אן אידעאַלע געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך באַפרייט פון דער טאָטאַלער הערשאַפט פון קאַפּיטאַל און זיינע באַזיצער; א געזעלשאַפט וואָס האָט ליקווידירט די קאַפּיטאַליסטישע הערשאַפט איבער די נאַטור־אוצרות און מיטלען פון פּראָדוקציע; א געזעלשאַפט, געבויט אויף דער אַרבעט פון אַלע אירע מיטגלידער; אין וועלכער עס עקזיסטירן די באַדינגונגען פון פרייער אַנטוויקלונג פאַר יעדן יחיד און יעדן פאָלק; ווו עס עקזיסטירט אַ זעלבשטענדיקע דעמאָקראַטישע סוווערעניטעט פון יעדן פאָלק; אַ געזעלשאַפט באַפרייט פון יעטוועדער דיקטאַטור — פון קלאַס, פּאַרטיי צי ביוראָקראַטיע — און פון יעדער עקספּלואַטאַציע, סיי פון קלאַס, סיי פון ראַסע; אַ געזעלשאַפט פון ברודערשאַפט פון מענטשן און פעלקער.

דער סאָציאַליזם איז אַלזאָ א געזעלשאַפטלעכער מאָראַלישער אידעאַל; א מרידה קעגן סאָציאַלער אונטערדריקונג, וועלכע שטעלט אָפּ דעם פרייען פּראָגרעס פון מענטשן און פעלקער; אן אויפשטאַנד קעגן דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַל איבער די קוועלן פון פּרנסה און וויסן און איבער דער מדינה — צוליב דער באַקוועמלעכקייט פון דער מינדערהייט אויפן חשבון פון דער מערהייט אין יעדן פאָלק; אן אויפשטאַנד קעגן דער אָרעמקייט פון מיליאָנען, וואָס נויט זיי צו א לעבן פון איגנאָראַנץ און דערנידערונג; א פּראָטעסט קעגן דער הערשאַפט פון איין פאָלק איבער אַ צווייטן כדי עס עקספּלואַטירן, אַ הערשאַפט וועלכע איז גורם צו בלוטיקע מלחמות, וואָס אין דער אַטאָמישער עפּאָכע קענען זיי ברענגען אַ קאַטאַסטראָפע און פולשטענדיקע פאַרניכטונג פון דער גאַנצער מענטשהייט; סאָציאַליזם מיינט: נישט מסכים זיין צו דיקטאַטור אין יעטוועדער פאָרם און אַלע אירע פאַלגן; קעגן פּריווילעגיעס פון ייחוס, פאַרמעגן, ראַסע און קלאַס. דאָס איז א גלויבן אין דער פעיקייט פון יעדן מענטשן און יעדן פאָלק, און פון דער געזעלשאַפט אין אַלגעמיין — צו דערהויבן זיך, אויב עס וועט אָפּגעשאַפן ווערן דער קאַפּיטאַליזם, וועלכער צווינגט אויף דער וועלט די קאַרופּטע און גייציקע באַציאונגען פון א יאַריד.

אין די איצטיקע ציימן פון ווערטן־טויש, וועלן זיך געפינען די וואָס וועלן זאָגן, אַז דער דאָזיקער סאָציאַליסטישער אידעאַליזם איז אפשר שיין, און טויג בלויז אַלס דערציערישע לאָזונגען פאַר א יוגנט באַוועגונג. מיר אָבער האַלטן, אַז א באַוועגונג לעבט א דאַנק איר גלויבן. מיר האַלטן, אַז אין דעם דאָזיקן גלויבן איז פאַראַן מער רעאַליזם און אַז ער איז איינגעוואָרצלט אין די היסטאָרישע פּראָצעסן פון אונזער תקופה, איידער אין דער כלומרשטדיקער סטאַבילקייט פון קאַפּיטאַליזם. דאָס זענען נישט קיין ווילטעטיקע ווונטשן פון פילאַנטראָפּן, נאָר לעבנס־אינטערעסן פון מיליאָנען מענטשן. נאָך מער: אין דער איצטיקער תקופה, ווען די וועלט וואַקלט זיך צווישן קריג און שלום, איז עס די איינציקע האָפענונג פאַר א המשך פון דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער ראַסע. אין אונזער תקופה אַנטפלעקט זיך טאָג־טעגלעך דער קאָנפליקט צווישן דעם סאָציאַלן אינהאַלט פון פּראָדוקציע און קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט; די מענטשהייט שפּאַנט מיט ריזן טריט אַנטקעגן דער אַנטוויקלונג פון וויסנשאַפט און אַנטוויקלונג פון פּראָדוקטיווע כוחות; עס ווערן געשאַפן די מאַטעריעלע באַדינגונגען וואָס אין זייער אַלגעמיינעם צוזאַמענשטעל שאַפן זיי א באַזע און א ראַם פאַר דעם הומאַניש־מאָראַלישן אינהאַלט פון סאָציאַליזם. אין אונזער נאַציאָנאַלער ווירקלעכקייט האָבן מיר באַשיימפּערלעך געזען דעם כוח פון חלוצישן אַקטיוון אידעאַליזם אין צווייִלן פּראָצעסן און שאַפן א נייע ווירקלעכקייט. מיר האָבן זיך איבערצייגט אַז חלוצישער אידעאַליזם מיט זיין קלאָרן קוק, א דאַנק וועלכן ער קען אויפפאַסן די אַנטוויקלונגס־פּראָצעסן — איז פיל שטאַרקער ווי די ניכטערקייט פון „רעאַליסטן" וואָס אַנטלויפן פון גורל פון זייער פאָלק, אפילו בעת זיי לעבן מיט אים צוזאַמען, און פאַרשטעלן זיך אַלס די ריטער פון רעאַליזם, וואָס טראָגן די פאָן פון „ספּעציאַליסטן". זייער רעאַליזם איז — בלינדקייט.

דער סאָציאַליסטישער אידעאַל שטאַמט אין אונזער תקופה פון די באַדערפעניש און אַספּיראַציעס פון הונדערטער מיליאָנען פּראָלעטאַריער, וואָס זענען געצוווּנגען צו פאַרקויפן

זייער ארבעטס־קראַפט און שפּייזן מיט איר מערווערט די עקספּלואַטאַרן. דער סאָציאַליסטישער אידעאַל געפינט זיך הײַנט אויפן שליאַך, מיט וועלכן עס מוז גיין פאָרויס די מענטשהייט, פאַר וועמען דער איינציקער אויסוועג פון אינערלעכער סתירה פון קאַפּיטאַליזם, און זיינע פאַרברעכנס, איז א רעוואָלוציאָנערע ענדערונג.

מיר דאַרפן געדענקען: די ענדערונגען וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער פּראָדוקציע־סטרוקטור פון דעם קאַפּיטאַליזם — וועלן, אין סוף גענומען, אים נישט העלפן גובר צו זיין זיינע אינערלעכע סתירות, וואָס ווערן אלץ טיפער און שאַרפער. די באַציאונגען צווישן אייגנטום און פּראָדוקציע אין דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים שטייען הײַנט אין סתירה מיט דעם פּראָגרעס פון דער מענטשהייט — אפילו אין די אנטוויקלטע לענדער. די ריזן־מעגלעכקייטן, וואָס זענען פאַרבאָרגן אין די פּראָדוקציע־אַפּאַראַטן ווערן שוין נישט אויסגענוצט; דער גערענגל פאַר א קאָנסומענטן־מאַרק צווישן די אינדוסטריעלע גרויסמאַכטן פאַרשאַרפט זיך; פעלקער באַפרייען זיך פון פאַרשקלאַפונג און הינטערשטעליקייט; און ווייטער אמאָל די באַקאַנטע דערשיינונג פון איבערפּראָדוקציע פון איין זייט, און מאַנגל אין עלעמענטאַרע פּראָדוקטן, — צווישן זיי אויך שפּייז — פון דער אנדערער זייט. עס ווערט ווידעראַמאָל פאַרווענדט א גרויסער טייל פון פּראָדוקציע־פּאָטענציאַלן אויף קריגס־אינדוסטרי, בעת די קויף־קראַפט פון די מאַסן שטייגט נישט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער אנטוויקלונג פון פּראָדוקציע־כוחות אין דער תקופה פון אויטאָמאַטיזאַציע; עס צייגט ווידער איר עקלהאַפטן פּרצוף די הידרע פון מאַסן־ארבעטסלאָזיקייט. צוליב דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים פאַרהאַלט זיך די אנטוויקלונג פון טעכנאָלאָגיע און וויסנשאַפט.

ווער קאָן זיך דען פאָרשטעלן די פאַרברעכערישע אויסברענגערישקייט, וועלכע איז אַן אָרגאַנישע כאַראַקטעריסטיק פון קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע — און די ארבעט פון פעלקער, וואָס ווערט פאַרשווענדעט אויף פאַרמיטלונג, אַפּנאַרעריי? ווער קען עס נישט די נעבן־פּראָדוקטן פון א געזעלשאַפט וואָס איז באַזירט אויף גייציקייט: יוגנט־פאַרברעכנס, פּראָסטיטוציע, דעגענעראַציע פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, פאַלשע קונסט, פּוסטע און אינהאַלטלאָזע צייט פאַרשווענדונג. נאָך קיינמאָל איז די מענטשהייט נישט אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ שרעקלעכן אָפּגרונט צווישן די פּרעכטיקע מעגלעכקייטן פון סאָציאַלער פאַרבעסערונג פאַר דער מענטשהייט, אַדאַנק דעם וואָס די וויסנשאַפט באַהערשט אלץ מער די סודות פון דער נאַטור און אַדאַנק דעם, וואָס די טעכנאָלאָגיע האָט זיי איינגעשפּאַנט אין איר דינסט — און צווישן די באַדינגונגען פון אייגנטום און פּראָדוקציע וואָס הערשן אויף דער וועלט, מיט זייער מאָראַלישער פאַרדאַרבנקייט און די שווערע קייטן מיט וועלכע זיי האַלטן אָפּ דעם פּראָגרעס פון דער מענטשהייט.

לויט אונזער אויפפאַסונג איז דער סאָציאַליזם קיינמאָל נישט געווען א טעאָריע פאַר משיח׳ס צייטן, א וויזיע פאַר אחרית הימים. זינט זי האָט געשטעלט אירע ערשטע טריט, האָט אונזער באַוועגונג פאַרמאָגט אַ מאָסשטאַב, לויט וועלכן זי האָט געשאַצט זיך אַליין און די וועגן, כוחות און שטרעבונגען אין אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם — דער מאָסשטאַב פון פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג.

עס איז נישט קיין צופאַל, און אויך נישט דער רעזולטאַט פון אַן אַ־פּריאָרי טעאָרעטישער היפּאָטעזע. דער פאַקט, וואָס מיר פאַרמאָגן די דאָזיקע סקאַלע שטאַמט פון די אייגנאַרטיקע באַדינגונגען, אין וועלכע עס האָט זיך געגרינדעט און אנטוויקלט אונזער באַוועגונג. סאָציאַליסטישער ציוניזם בכלל איז א באַוועגונג פון פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג, א באַוועגונג וואָס שטאַמט פון דער דרינגענדיקער נויטווענדיקייט אין פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג. געשטאַלטעט און געפורעמט דורך לעבנס־באַדינגונגען און דורך דעם גערענגל פאַר עקזיסטענץ, האָט זיך די ארץ ישראלדיקע ארבעטער־באַוועגונג קריסטאַליזירט ווי א באַוועגונג וואָס איר צענטראַלער קאָנקרעטער ציל איז געווען: שאַפן א נייע ווירקלעכקייט. צוליב די אייגנאַרטיקע באַדינגונגען פון אונזער לעבן האָט זיך ביי דער ישראלדיקער ארבעטערשאַפט געשאַפן דער כוח צו לעזן פּראָבלעמען נישט קומענדיק צו קיינעם מיט פאָדערונגען; עס האָט זיך געשאַפן די אייגנאַרטיקע אמונה אין כוח פון חלוצישקייט, וואָס נעמט אויף זיך די אחריות צו לעזן פּראָבלעמען מיטן כוח און מיטן וועג פון דער ארבעטער־באַוועגונג, עס האָט זיך ביי איר דערוועקט דער טרייבנדיקער אימפּולס פון „נישטא קיין צייט״. דערפון שטאַמט איר ספּעציעלע עמפּפינדלעכקייט

לגבי דער מאָס פון געוואגטקייט און אנשטרענגונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט אויף דער וועלט אין זיין וועג צו דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם.

ווי שטענדיק, גייען מיר אויך איצט ארויס פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז סאָציאַליזם איז א לעבנס־וויכטיקע נויטווענדיקייט פאַר דער מענטשהייט, אין איצטיקן דור, א קאָנקרעטע מעג־לעכקייט וואָס איז רייף געוואָרן, אין פאַרשידענע סטאַדיעס, ביי פאַרשידענע פעלקער און לענדער. אונזער שאַרפע עמפּינדלעכקייט לגבי פּראָבלעמען פון פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג און רעאַליזירונג פון טעאָריעס קומט פון אונזער אויפפאַסונג, אַז עס איז פאַראַן אַן אידענטיש־קייט צווישן דעם ארבעטער־קלאַס און דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, און פון דעם גלויבן אַז דער ארבעטער־קלאַס דאַרף און קאָן, אין זיין קלאַסן־קאַמף, זיין דער חלוץ פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

דערפאַר האָט אונז שטענדיק באַצויבערט די דרייסטקייט, וואָס די ארבעטער־באַוועגונג פלעגט ארויסווייזן ערגעץ אויף דער וועלט, ווו זי האָט גענומען אין אירע הענט דעם גורל פון איר פאָלק, האָט דורכגעפירט א ראַדיקאַלע ענדערונג אין דעם רעזשים, אין דער ווירטשאַפט און אין דער געזעלשאַפט. דערפאַר האָבן מיר שטענדיק באַגריסט יעדן רעוואָלוציאָנערן אויפ־שטאַנד, וואָס איז געווענדעט געווען אויף צו צעברעכן דעם קאַפּיטאַליזם אין שטורעם פון דער רעוואָלוציע, מיטן כוח פון דעם קלאַס און נישט דורך א גרופּע, א סעקטע, דורך א פּוטש; דעריבער האָבן מיר באַגריסט יעדע דרייסטע פאַרטיידיקונג קעגן פאַשיזם און רעאַקציע, יעדע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַפרייאונגס־באַוועגונג, וואָס האָט געוואָלט זיך באַפרייען פון יאָך פון פרעמדער הערשאַפט. דערפאַר האָבן מיר אויך באַגריסט יעדן פּראַקטישן פאַרזוך מצד אַן ארבעטער־מערהייט אין א פּאַרלאַמענט, דורכצופירן — נישט דורך פּראַזן — ראַדיקאַלע ענדערונגען אין דער ווירטשאַפט. אויך אונזער קעגנערשאַפט צום רעפאָרמיזם איז געווען א נאַטירלעכער פועל־יוצא פון אונזער לעבהאַפטער עמפּינדלעכקייט לגבי דער פליכט פון שנעלער און פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג פון אידעאַלן.

מיר זענען נישט קעגן די דעמאָקראַטישע ווערטן פון רעפאָרמיזם, נאָר קעגן די שוואַכקייטן פון זיין גערעאַנגל פאַר פּראַקטיש רעאַליזירן די דאָזיקע ווערטן, קעגן דעם גלויבן אַז מען קאָן באַזיגן דעם קאַפּיטאַליזם אָן א רעוואָלוציאָנערער ענדערונג פון די יסודות פון דער געזעלשאַפט, קעגן דער פּאָליטיק, וועלכע האָט געשטאַמט פון א גלויבן, אַז מען קאָן פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם אין די ראַמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, קעגן דער אילוזיע, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז פעסט און סטאַביל.

אונזער קעגנערשאַפט צו רעפאָרמיזם שטאַמט פון דעם באַוווּסטזיין, אַז קאַפּיטאַליזם איז נישט סטאַביל, צוליב די פּראָצעסן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין אים און זענען גורם צו קאַטאַס־טראָפאַלע אויפטרייסלונגען, ווי עס איז געשען בעת דעם אויפקום פון פאַשיזם, בעת דעם אויסברוך פון ערשטן און צווייטן וועלט־קריג. מיר זענען געווען קעגן דער מיטבאַטייליקונג פון ארבעטער־פּאַרטייען אין דער פּאָליטיק און אין דער אידעאָלאָגישער וועלט פון דער בורזשואַזיע. דאָס איז געווען א קעגנערשאַפט צו דער באַטייליקונג פון סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין דער קאָאַליציאָניסטישער פּאָליטיק פון דער בורזשואַזיע, בעת זיי האָבן שלום געמאַכט מיטן פאַקט, אַז דער לעבנס־ניוואָ אין אנטוויקלטע לענדער איז באַדייטנד געשטיגן אדאַנק דער עקספּלוי־אַטאַציע פון אונטערדריקטע פעלקער. מיר האָבן נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן פאַקט, וואָס סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן איגנאָרירט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע; עס האָט אונז דערשראָקן די שוואַכע שטעלונג פון גרויסע ארבעטער־פּאַרטייען אנטקעגן דעם וווּקס פון פאַשיזם. אין אונזער דור זענען מיר געווען עדות דערצו, אַז עס זענען נישט אויסגענוצט געוואָרן רעוואָלו־ציאָנערע קאָניונקטורן, בעת וועלכע דער ארבעטער־קלאַס האָט געקאָנט און געדאַרפט איבער־נעמען די מאַכט, און בעת ארבעטער־פּאַרטייען האָבן פאַרשווענדעט די אויטאָריטעט, וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן דורך א מערהייט פון פאָלק אין א פּאַרלאַמענטאַרן נצחון. אונזער קעגנער־שאַפט צו רעפאָרמיזם איז א קעגנערשאַפט צו אָריענטאַציע אויף שלום צווישן קלאַסן, פון פאַרווישן דעם סאָציאַליסטישן אינהאַלט אין דער דערציאונג פון די יונגע דורות, עס איז געווען א קעגנערשאַפט צו דער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק פון סאָציאַלער דיפערענציאַציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין ארבעטער־קלאַס גופא, וועלכע האָט געפירט געוויסע טיילן פון קלאַס צו פשרה, מיט דעם קאַפּיטאַליזם און פאַרראַט לגבי קלאַסן־סאָלידאַריטעט. עס איז געווען א קאַמף קעגן דער טעאָריע וואָס לערנט, אַז סאָציאַליזם איז שוין כלומרשט פאַרווירקלעכט געוואָרן אין די־

מדינות פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג. מיר האָבן נישט געקאָנט בלייבן גלייכגילטיק צום קאַמף פון דער ווינער אַרבעטערשאַפט, מיר האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס מפקיר זיין די אַרבעטער פון שפּאַניע אין זייער גוראַנגל; מיר האָבן געמוזט באַקעמפן דעם אומפאַרגעסלעכן און שענדלעכן פאַקט, אַז מיר האָבן דאָ געדאַרפט פירן אַ מלחמה קעגן דער דערשטיקערישער פּאָליטיק פון דער ענגלישער „לייבאָר" רעגירונג. ס'איז געווען אַ קעגנערשאַפט צו סאָציאַליס־טישער באַטייליקונג אין „קאַלטן קריג", און אין אַגרעסיווער אַנטי־סאָוויעטישער פּאָליטיק.

דער פעלער פון קאָמוניזם איז באַשטאַנען אין זיין גרינגשעצונג לגבי די דעמאָקראַטישע ווערטן, אין זיין נישט אַנערקענען די ריזיקע מעגלעכקייטן וואָס געפינען זיך אין דער ראַם פון פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע, און אין זיין אויפפאַסונג, אַז מען קאָן אַרויפצווינגען אויף אַלע פעלקער און אין אַלע אומשטענדן די דאָקטרינע פון איין און איינציקן וועג צום סאָציאַליזם. דער רעפאָרמיזם אָבער איז באַגאַנגען דעם פעלער פון אומבאַגרינדעטער זעלבסט־זיכערהייט, אַזוי ווי די דעמאָקראַטישע פרייהייטן וואָלטן אים געווען גאַראַנטירט אויף שטענדיק, נישט נאָר בעת אַדאַנק זיי ווערט געשאַפן אַ מין קאָמפּראָמיס מיט דער בורזשואַזיע, נאָר אויך ווען מען וועט זיך באַנוצן מיט דער דעמאָקראַטיע כדי צו נאַציאָנאַליזירן דעם פּריוואַט־באַזיץ פון פּראָדוקציע־מיטלען.

מען קאָן זאָגן, אַז דער קאָמוניזם האָט געמאַכט אַ פעלער אין דעם, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי טיף עס איז פאַרוואָרצלט די אינדיווידועלע פרייהייט אין די פעלקער וואָס האָבן זוכה געווען צו פאַרזוכן דעם טעם פון פּאָליטישער דעמאָקראַטיע, און האָט זיך נישט באַצויגן מיט געהעריקן דרך־ארץ צו דעם דאָזיקן געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזיין; פון דער אַנדערער זייט האָט דער רעפאָרמיזם געמאַכט דעם פעלער, וואָס ער האָט געזען אין פּאָליטישער דעמאָקראַטיע, אַזוי ווי זי עקזיסטירט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער — דעם ענדגילטיקן אידעאַל — טראָץ דעם, וואָס צוזאַמען מיט דער פּאָליטישער פרייהייט, וועלכע הערשט אין די דאָזיקע לענדער, סיי צי זיי זענען אַנטוויקלטע סיי אָפּגעשטאַנענע, עקזיסטירט נאָך אין זיי יענע פרייהייט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם קאַפּיטאַליזם: די פרייהייט צו לעבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, פרייהייט צו לעבן אין עם הארצות, פרייהייט צו שטאַרבן פון הונגער...

אונדזער באַציאונג צום ראַטן־פאַרבאַנד

אין משך פון די פערציק יאָר פון זיין עקזיסטענץ האָט דער ראַטנפאַרבאַנד צו פאַרצייכנען אויסערגעוויינלעכע דערגרייכונגען אויפן געביט פון ווירטשאַפט, וויסנשאַפט, דערציאונג און מיליטער. די דאָזיקע דערגרייכונגען וואָלטן נישט געווען מעגלעך, ווען אין דעם דאָזיקן לאַנד וואָלט נישט ליקווידירט געוואָרן די הערשאַפט פון רוסישן און אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַליזם; ווען דאָס סאָוויעטן־לאַנד וואָלט זיך נישט באַנוצט מיט די דעצידירנדיקע מעלות פון אַ גע־פּלאַנטער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט, באַפרייט פון דעם אינטערעס פאַר רווחים, וואָס איז כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר פּריוואַטן קאַפּיטאַל. ראַטן־פאַרבאַנד האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין געבן הילף דעם כינעזישן פאָלק אין זיין אויטאָ־עמאַנציפּאַציע; אין פאַרניכטן דאָס נאַציסטישע געשפּענסט און באַפרייען די וועלט פון פאַשיסטישער אונטערדריקונג; אין אויפשטעלן נייע רעזשימען אין מזרח־אייראָפּע — רעזשימען, וואָס זענען פריי פון דער הערשאַפט פון פעאָדאַלע באַדן־באַזיצער און פרעמדן עקספּלואַטירנדיקן קאַפּיטאַל; רעזשימען וואָס שאַפן, דורך דעם פיינפולן וועג פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער רעוואָלוציע, די באַדינגונגען פאַרן בנין פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

די דיקטאַטור וואָס הערשט אין ראַטן־פאַרבאַנד איז נישט קיין פּראָטאָטיפּ פאַר יעדער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, וואָס ווערט געגרינדעט כדי צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם. די דאָזיקע דיקטאַטור איז אַ רעזולטאַט פון ספּעציפישע היסטאָרישע, סאָציאַלע און אינטער־נאַציאָנאַלע באַדינגונגען, אין וועלכע עס האָט זיך געגרינדעט און אַנטוויקלט דער ראַטן־פאַרבאַנד. די טענדענץ צו שילדערן די סאָוויעטישע דיקטאַטור אַלס אַ סאָציאַליסטישן אידעאַל, און דער פאַרזוך זי אַרויפצוצווינגען אויף פעלקער מחוץ דעם ראַטן־פאַרבאַנד — דאָס זיינען געווען צוויי עלעמענטן, וועלכע האָבן פאַרטיפט די שפּאַלטונג אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער באַוועגונג, האָבן באַדינט אויך אינטערעסן פון רוסלאַנד אַלס גרויס־מאַכט, האָבן גורם געווען צו עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג פון פעלקער, און אַ דאַנק זיי האָט זיך

אַנגעהויבן דער קאַמף פאַר גערעכטע און קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן די לענדער פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע און דעם ראַטן־פאַרבאַנד.

די רעגירונג פון אַרבעטער און פויערים, וואָס האָט אין איר דיקטאַטאָרישער פאָרם געזאָלט דינען אַלס איבערגאַנגס־רעגירונג, כדי אויסצוואָרצלען דאָס פּריוואַטע אייגנטום אויף באָדן, נאַטור־אוצרות און פּראָדוקציע־מיטלען, כדי צו פאַרענדיקן ראַסן־און קלאַסן־אונטערדריקונג, כדי צו פאַרטיידיקן די רעוואָלוציע פון אירע קלאַסן־קעגנער, אינערלעכע און אויסערלעכע — די דאָזיקע רעגירונג איז דעגענערירט געוואָרן אין אַ פאַרטייאיש־ביוראָקראַטישער דיקטאַטור, וועלכע האָט פאַרראַטן די ווערטן פון סאָציאַליסטישן הומאַניזם; זי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טיראַניזם, וואָס נויטיקט זיך אין מעטאָדן פון צוואַנג און טעראָר; אין אַ געצנדינערישער פאַרערונג פון אויבערשטן הערשער; אין ליגנערישער פּראָפּאַגאַנדע און עפנטלעכע בלוטיקע פּראָצעסן; אין כשר׳ן און הייליקן אַלע מיטלען.

טראָץ דעם וווּנדערלעכן פאָרשריט פון ראַטן־פאַרבאַנד אויף די געביטן פון ווירטשאַפט, וויסנשאַפט, טעכניק און פאָלקס־דערציאונג, טראָץ דער באַפרייאונג פון דער געזעלשאַפט פון קאַפּיטאַליסטישע באַזיץ־באַציאונגען, און טראָץ דעם פאַרלייגן מאַטעריעלע יסודות פאַר סאָציאַליזם, איז דער סאָציאַליזם נאָך נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן אין דער סאָוויעטישער געזעלשאַפט. ווייל סאָציאַליזם קען פאַרווירקלעכט ווערן נאָר אין אַ פרייער געזעלשאַפט, ווו עס איז פאַרזיכערט די פרייהייט פון יעדן יחיד און פאָלק, קעגן יעדער פאָרם פון אונטערדריקונג.

מען טאָר נישט מאַכן קיין אונטערשייד צווישן דעם יידיש־ציוניסטישן און דעם סאָציאַ־ליסטישן חשבון. דאָס יידישע פאָלק און די ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט האָט אַ ביטערן חשבון מיטן ראַטן־פאַרבאַנד, צוליב זיין בייזוויליקן איגנאָרירן אונזער סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־באַוועגונג, זיין נישט אָנערקענען דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם און די נאַציאָנאַלע רעכט פון די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווי אויך צוליב דער סאָוויעטיש־נאַסערישער פּאָליטיק אין נאָענטן מזרח.

די לאַגע און דער גורל פון די יידן וואָס לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד, אויך זיי מוזן גענומען ווערן אין חשבון ביי דער סאָציאַליסטישער אָפּשאַצונג פון דער מדינה, וועלכע איז אַרויף אויף דער היסטאָרישער בינע מיט דעם לאָזונג פון באַפרייאונג פאַר אונטערדריקטע פעלקער, רעכט פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטימונג און אַ צוזאָג פון פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פאַר אַלע פעלקער.

אין צייט פון וועלט־קריג האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד פיל אויפגעטאָן כדי ראַטעווען די שארית הפליטה פון די נאַצישע נעגל און בעת דער אנטשיידונג אין אונ״א וועגן גרינדן מדינת ישראל האָט ראַטנפאַרבאַנד אָנערקענט דאָס רעכט פון יידישן פאָלק צו אַ זעלבשטענדיקער מדינה, האָט אונז אויסגעשטרעקט אַ האַנט און געהאָלפן אין אונזער באַפרייאונגס־קריג קעגן די איינ־וואַזיאָרן. אָבער צוגלייך מיט די דאָזיקע געבענטשטע טאַטן, וועלכע האָבן געוועקט די האָפנונג אויף אַן אַנטוויקלונג פון פריינטלעכע באַציאונגען צווישן ראַטן־פאַרבאַנד און ישראל און גלויבן אין זיין הילף פאַר אונזער ווערק פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג — גילט דאָרט אַ דעקרעט, וואָס פאַרבאָט ציוניזם, און יידן ווערן גערודפ׳ט און אַרעסטירט פאַר זייער באַציאונג צו ישראל; נישט נאָר זענען די פאַרבינדונגען צווישן סאָוויעטישן יידנטום און אַנדערע יידן אויף דער וועלט איבערגעריסן, נאָר עס איז ביי אים אפילו אָוועקגענומען געוואָרן דאָס עלע־מענטאַרע רעכט אויף נאַציאָנאַל־קולטורעלן אויסדרוק. עס ווערט געפירט א פּאָליטיק פון אויסגערעכנטער אַסימילאַציע. מען איז דערגאַנגען ביז דעם פאַרברעכערישן מאָרד פון די יידישע שרייבער און שענדלעכע עפנטלעכע פּראָצעסן מיט אַנטיסעמיטישע אָנטפּלעקונגען, וועלכע האָבן געשאַפן אַ פּאַניק אין סאָוויעטישן יידנטום און דערוועקט גרויס אומרו אין יידישן פאָלק אויף דער גאַנצער וועלט.

דער שווונג און דערמוטערונג, וואָס דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט אַריינגעבראַכט אין דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אַנטוויקלונג פון אַנדערע גרופּן, און די אָפענע דיסקרימינאַציע לגבי יידן, געפּאָרט מיט דער גרינדונג פון מדינת ישראל — האָבן גורם געווען אַ שטאַרקע נאַציאָנאַלע אויפלעבונג צווישן די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד און געשפייזט זייער בענקשאַפט צו ציון. פערציק יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, בענקט דאָס יידנטום פון ראַטן־פאַרבאַנד נאָך אַ ציוניסטיש־נאַציאָנאַלער לעזונג פון זיין פּראָבלעם, און צוזאַמען מיט אים פּראָטעסטירט די

ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט קעגן ז׳ער אונטערדריקונג פון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן און פאָדערט דאָס רעכט פון יידן אומצוקערן זיך קיין ישראל.

פארשידענע וועגן צום סאציאליזם

בעת מיר זאָגן „פאַרשידענע וועגן צום סאָציאַליזם״, פּרובירן מיר נישט צו זאָגן נביאות, וואָס פאַרא פאָרם וועט אָננעמען דער קלאַסן־קאַמף אין פאַרשידענע לענדער, ביי פאַרשידענע פעלקער און אין פאַרשידענע באַדינגונגען. מיר פאַרגעסן אָבער נישט די פּראָפּאָרץ. קודם כל מוז זיך דער וועג שטיצן אויפן נאַטירלעכן געזעלשאַפטלעכן טרעגער פון סאָציאַליזם — אויפן אַרבעטער קלאַס, אין שטאָט און אין דאָרף, ווי אויך דאָס באַוווסטזיין, אַז מען קען נישט פאַרווירקלעכן סאָציאַליזם אין באַדינגונגען פון שלום צווישן קלאַסן, נאָר דורך דעם קלאַסן־קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט און דערנאָך זיין איבערנעמען די מאַכט; מען קאָן נישט בויען סאָציאַליזם אין די ראַמען פון אַ „וווילטאַט־מדינה״, און נישט דורך איגנאָרירן פעלקער, וואָס האָבן דורכגעפירט ביי זיך אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע. דער וועג צו סאָציאַליזם קאָן זיך נישט באַגרענעצן בלויז אין טרייד־יוניאָניסטישן קאַמף און נישט אין אַסימילאַציע פון אַרבעטער אין בירגערלעכע פאַרטייען. מיר ווייסן נישט, ווי עס וועט אויסזען דער צוקונפטיקער קאַמף פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער. מיר ווייסן אָבער, אַז אויב דער אַרבעטער־קלאַס דערהויבט זיך נישט צו דער מדרגה פון אַ זעלבשטענדיקן פּאָליטישן כוח — קענען אפילו די סאָציאַלע דערגרייכונגען פון אַרבעטער צוגענומען ווערן ביי אים, ביי דער הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע אין אַ קאַפּיטאַליסטישן לאַנד — און אפילו ביי פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע.

די דאָקטרינע פון „איין וועג וואָס פירט צום סאָציאַליזם״ איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. די אָנערקענונג פון דעם סוווערענעם רעכט פון יעדער אַרבעטער־באַוועגונג זיך אויסקלייבן איר אייגענעם וועג — איז אַ תנאי פאַר דער באַנייאונג פון סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט אין אונזער תקופה.

העכער הונדערט יאָר זענען פאַרביי זינט עס איז געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל. עס איז דאָ אוממעגלעך צו מאַכן אַ חשבון פון די פּראָגנאָזן, וואָס האָבן זיך פאַרווירקלעכט און אַנדערע, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלשע. אין משך פון דער דאָזיקער לאַנגער תקופה איז גאָרנישט בטל געוואָרן אין דער מאַרקסיסטישער סאָציאָלאָגיע — אין אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו אויפדעקן די טענדענצן און די קעגנזאַצן אין קאַפּיטאַליזם, און אין אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו קלאַסן־קאַמף און דער היסטאָרישער אידענטיפיצירונג פון אַרבעטער־קלאַס מיט סאָציאַליזם. אָבער דער פּראָצעס פון דערוואַכונג ביי די אַרבעטער און זייער קומען צו זעלבסט־באַוווסטזיין און פאַרשטאַנד פון זייער היסטאָרישן ציל — איז שוין געווען מער קאָמפּליצירט און פאַרוויקלט. די פעיקייט פון דער בורזשואַזיע צו פאַרפירן די אַרבעטערשאַפט, זי זאָל מיינען, אַז זי איז אַ שותף, וואָס איז פאַראינטערעסירט אין דעם המשך פון בורזשואַזן רעזשים, האָט זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער איידער עס האָבן דאָס אָפּגעשאַצט די סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער; די בורזשואַזיע אין אַ מאָדערנעם לאַנד שאַפט אַ דיפערענציאַציע אין דער ספערע פון קאַפּיטאַליסטישע געדאַנקען און אינטערעסן; די פעיקייט פון דער הערשנדיקער בורזשואַזיע צו שאַפן אילוזיעס ביי די מאַסן און פורעמען זייער וועלט־אויפפאַסונג — איז פיל גרעסער ווי מען האָט געגלויבט.

הונדערט יאָר זענען פאַרביי זינט עס האָט זיך געגרינדעט דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל, און די סאָציאַליסטישע באַוועגונג שטייט נאָך אַלץ פאַר איר הויפּט ציל: דעראָבערן די אַרבעטערשאַפט פאַרן סאָציאַליזם, אויפבויען אַ מעכטיקע פּאָליטישע באַוועגונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס אויף דער וועלט; אויסנוצן אַלע מעגלעכקייטן וועלכע מען קען געפינען אין דעמאָקראַטישע וואַלן, אַלגעמיינעם וואַל־רעכט, פרייהייט פון אָרגאַניזאַציע און אויסדרוק. די שוואַכקייט פון דעם סאָציאַליזם אין אונזער תקופה באַשטייט אין דעם, וואָס מיליאָנען אַרבעטער האָבן זיך נאָך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, וואָס איז זייער שטעלונג אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וואָס איז זייער פערזענלעכער היסטאָרישער אינטערעס, און זענען נאָך נישט אַרויף אויפן וועג פון פּאָליטישן סאָציאַליסטישן אַקטיוויזם כדי צו דעראָבערן די מאַכט אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן, און באַנוצן די אויטאָריטעט פון דעם מאָדערנעם שטאַט קעגן דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַל. נאָך צענדליקער יאָרן פון טעטיקייט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, באַקעמפט

נאָך די בורזשואַזיע דעם סאָציאַליזם מיט דער הילף פון אירע קרבנות אין די רייען פון פּראָ־לעטאַריאַט. אויך די דערציאונג פון אַרבעטער צום סאָציאַליזם איז אַ טייל פון פּראָבלעם פון פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל. אָן אַ סאָציאַלער אידעאָלאָגישער באַנייאונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועט זיך דער פּראָלעטאַריאַט נישט אויפוועקן פון זיין אַפּאַטיע, וועט זיך נישט פאַרשטאַרקן דער קלאַסן־קאַמף און עס וועט נישט צוגעאיילט ווערן דער איבערגאַנגס־פּראָצעס.

דער וועג פון אונזער פּאַרטיי

אונזער שטעלונג לגבי די פראַגן פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם קריסטאַליזירט זיך אויפן יסוד פון דער לעבנס־דערפאַרונג און קולטור פון דעם יידישן פאָלק אין משך פון לאַנגע דורות; פון דער אייגענער פּאָליטישער און קאָלאָניזאַטאָרישער דערפאַרונג פון דער ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט, פון די טעאָרעטישע מקורות פון סאָציאַליסטישן ציוניזם און וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם און פון אונזער באַציאונג צום גורל פון סאָציאַליזם און זיין קאַמף אויף דער גאַנצער וועלט. אין דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם פאַרנעמט מאַרקס אַ צענטראַלע פּאָזיציע. מיט דעם מאַרקסיזם האָט זיך אָבער נישט געשלאָסן די פילאָזאָפישע, סאָציאַלאָגישע און נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן געדאַנק. דער סאָציאַליסטישער געדאַנק איז געוואָרן רייכער אין דערפאַרונג און האָט זיך צעצווייגט, אָבער די מאַרקסיסטישע טעאָריע איז געבליבן דער מקור, ווייל דאָס איז די טעאָריע פון דער באַפרייאונג־באַוועגונג פון אַרבעטער־קלאַס, די באַפרייאונגס־באַוועגונג פון אַרבעט און אַרבעטער. עס זענען אין איר פאַרבאָרגן אַ מעכטיקער מאָראַלישער פּאַטאָס און די וויכטיקסטע ווערטן פון דער מענטשלעכער קולטור. די גרויסע עמפינדלעכקייט, וועלכע אַנטפּלעקט זיך בעת מען פאַרזוכט צו דעפינירן די באַציאונג צו מאַרקסן, איז נישט צופעליק. צי איז עס דען אַן עמפינדלעכקייט צו פּרטים פון אַ פילאָזאָפישן טראַקטאַט? צי איז עס די מורא, אז מען וועט זיך צוטשעפּען צו טעאָרעטישע אָפּשאַצונגען וואָס זענען נישט מקוים געוואָרן? נישט דאָס און נישט דאָס אַנדערע. מיר ווייסן פון דער־פאַרונג, אַז די וואָס ווילן אָפּווענדן די אַרבעטער־באַוועגונג פון די מקורות פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליסטישן געדאַנק, ווילן על פּי רוב פאַרווישן איר כאַראַקטער אַלס אַ קעמפערישע באַוועגונג, פּרובירן אויפהערן צו נעגירן דעם קאַפּיטאַליזם, נישט באַטראַכטן דעם פּריוואַטן באַזיץ פון פּראָדוקציע מיטלען אַלס הויפּט סיבה פון דער צעטיילונג פון דער געזעלשאַפט אין קלאַסן, פאַרטושן דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון דער מדינה, אָפּשוואַכן דעם קלאַסן־קאַמף, אָפּקערן זיך פון דעם אינהאַלט און די געבאָטן פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, און מער פון אַלץ — ליקווידירן דעם אַקטיוויזם אין דעם בוי פון אַ קלאַסן־לאָזער געזעלשאַפט. עס איז אַן אנערקענ־טער פאַקט, אַז דאָס אָפּקערן זיך פון מאַרקסיזם פאַרוואַנדלט זיך אין פאַרראַט פון סאָציאַליזם. דאָס מיינט נישט, אַז עס איז אוממעגלעך אַן אַרבעטער זאָל דערגרייכן אַ סאָציאַליסטישע זעלבסט־באַשטימונג אָן דעם, ער זאָל זיין אַ געשווירענער מאַרקסיסט. עס איז אָבער נישט קיין צופאַל, וואָס אַ סך פון די, וואָס דערווערטירן פון דער אַרבעטער באַוועגונג צו דער אַנדערער זייט פון די באַריקאַדן, פילן א באַדערפעניש אַנצוהויבן דערמיט וואָס זיי נעגירן די מאַרקסיסטישע אידעאָלאָגיע, און פיל פון זיי ענדיקן דערמיט, וואָס זיי פאַרלאָזן אינגאַנצן דעם סאָציאַליזם. דעריבער, בעת מיר זאָגן, אַז אונזער באַוועגונג באַזירט זיך אויף די טעאָרעטישע פּרינציפּן פון מאַרקסיזם, דאַרפן מיר צוגעבן, אַז מיר באַטראַכטן נישט דעם מאַרקסיזם אַלס אַ מאַריניזירטע דאָקטרין, און אַז מיר באַציען זיך נישט צו די מאַרקסיסטישע טעאָריעס ווי צו אַ „כזה ראה וקדש”. אַזוי צום ביישפּיל, איז אונזער גאַנצע באַוועגונג אַ מרידה קעגן דעם פעלער, וואָס מאַרקס איז באַגאַנגען אין דער אָפּשאַצונג פון יידישן פּראָבלעם.

אונזער באַוועגונג איז ענג פאַרבונדן מיטן גורל פון סאָציאַליזם און זיין אינטערנאַציאָנאַלן קאַמף. די דאָזיקע פאַרבינדונג דרינגט אַרויס פון אונזער ווערק און אונזער וועג אין פאָלק און אין לאַנד. מיר זענען נישט פאַרבונדן אָרגאַניזאַציאָנעל נישט מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען און אויך נישט מיט דער וועלט־אָרגאַניזאַציע פון די קאָמוניסטישע פאַרטייען. עס איז אויך ביי אונז נישטאָ די נטיה צו אַזאַ מין אָרגאַניזאַציאָנעלער פאַרבינדונג. מיר זענען איבערצייגט, אַז עס וועט נישט זיין קיין ממשותדיקער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַליזם, ביז עס וועט נישט געשאַפן ווערן אַ וועלט־פאַרבאַנד פון אַרבעטער, וועלכער זאָל אַרומנעמען די אַרבעטער סיי פון די קאַפּיטאַליסטישע און סיי פון די רעוואָלוציאָ־

נערע לענדער. ווען עס וועט זיך גרינדן דער דאָזיקער פאַרבאַנד — וועלן מיר אויך זיך באַטייליקן אין אים. טראָץ אַלע אונזערע ביטערע אַנטוישונגען, האָבן מיר נישט אויפגעגעבן אונזער שטרעבונג צו אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער סאָלידאַריטעט, אָבער זי קאָן געבויט ווערן נאָר אויפן יסוד פון קעגנזייטיקייט. אין אונזער תקופה קאָן די סאָציאַליסטישע אינטער־נאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט אַנטשטיין נאָר אויפן יסוד פון אנערקענען די עקזיסטענץ פון פאַרשידענע וועגן, וואָס האָבן זיך קריסטאַליזירט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, פון אנערקענען דאָס רעכט אויף אַנטוויקלונג און זעלבשטענדיקייט פון יעדן פאָלק, גרויס צי קליין — און צווישן זיי אויך ישראל; אויף סאָציאַליסטישער אויסערן־פּאָליטיק — און דאָס מיינט — אַ שלום־פּאָליטיק; נישט־אינטערווענץ אין די אינערלעכע ענינים פון אַנדערע פעלקער און אַ דעקלאַראַציע וועגן דעם רעכט פון יעדן פאָלק צו פאַרטיידיקן זיך קעגן אַגרעסיע; אָפּהיטן די פּרינציפּן פון דער אונ״א; לעזן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטן דורך אונטערהאַנדלונגען; פרידעלכע קאָ־עקזיסטענץ פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע רעזשימען. סאָציאַליסטישע סאָלי־דאַריטעט פּאָרט זיך נישט מיט אויטאָמאַטישער אידענטיפיקאַציע מיט די ספּעציפישע אינטערעסן פון איין גרויסמאַכט אויף דער וועלט־אַרענע, בפרט נאָך אין דעם „קאַלטן קריג״, פּונקט ווי זי פּאָרט זיך נישט מיט שטיצן אַגרעסיווע מיליטערישע אָפּמאַכן און מיט דער פּאָרזעצונג פון קאָלאָניאַליסטישער פּאָליטיק.

אחדות־העבודה — פּועלי־ציון מוז פאַרשטאַרקן אירע באַמיאונגען צו שאַפן קעגנזייטיקע פאַרבינדונגען פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער סאָלידאַריטעט. מיר דאַרפן ברענגען דאָס וואָרט פון סאָציאַליסטישן ציוניזם צו דער וועלט־אַרבעטערשאַפט אין אַלע לענדער און אַלע רעזשימען, מיר דאַרפן זיין טעטיק אין פאַרשטאַרקן די צוזאַמענאַרבעט צווישן אַלע טיילן פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם אויפן באַזיס פון אָפּהיטן אידעאָלאָגישע, פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע זעלבשטענדיקייט, שטיצן די עמאַנציפּאַציע פון אונטערדריקטע פעלקער און פאַרטיידיקן דעם וועלט־פרידן. מיר וועלן ממשיך זיין אונזער טעטיקייט אין די ראַמען פון שלום־באַוועגונגען און די פעדעראַציעס פון פרויען און יוגנט; מיר וועלן ווייטער פלעגן די באַציאונגען מיט די לינקע כוחות אין איטאַליע און פראַנקרייך. ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט דאַרף געווידמעט ווערן די באַציאונגען מיטן סאָציאַליזם פון אַזיע און אַפריקע, און מיר האָפן אַז עס וועט קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג אויך מיט די סאָציאַליסטן פון די אַראַבישע לענדער.

עס גייט נאָך אָן דער צענטראַלער פּראָצעס אין לעבן פון אונזער פאָלק — די פאָרמירונג פון אַן אַרבעטער־קלאַס דורך דעם כוח פון דער עליה. די התישבות איז נאָך אַלץ געבליבן די הויפּט־לעזונג פון דער יידן־פראַגע און די הויפּט־גאַראַנטיע פאַר דער צוקונפט פון מדינת ישראל. אבסארבירן די עליה, באַזעצן דעם מדבר, בויען אַ זעלבשטענדיקע ווירטשאַפט אין דער אינדוסטרי און לאַנדווירטשאַפט, סאָציאַלע איבערגרופּירונג פון פאָלק, פאַרפעסטיקן די זעלבשטענדיקייט פון מדינת ישראל — דאָס זענען נאָך אַלץ די הויפּט באַדינגונגען פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליסטישן ציוניזם. מיר געפינען זיך נאָך אַלץ אין סאַמע ברען פון בוי, מיט דער גאַנצער נויט און אַלע שוועריקייטן, וואָס באַגלייטן דאָס שאַפן פון אָנהויב־אָן אַ זעלבשטענדיקע נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט. די אייגנאַרטיקע באַדינגונגען פון אונזער ווירק־לעכקייט פאָדערן אַ סאָציאַליסטישע און חלוצישע סטרוקטור פון אונזער ווירטשאַפט און געזעלשאַפט; דאָס איז דער דיקטאַט פון דעם ציל, צו וועלכן מיר שטרעבן. דער קאַמף קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער סטיכיע, צוזאַמען מיט אייגענער פּראָלעטאַרישער שאַפונג — אין זיי ביידע דריקט זיך אויס דער אינהאַלט פון דעם קלאַסן־קאַמף פון ישראלדיקן אַרבעטער. די ישראלדיקע בורזשואַזיע טראָגט אין זיך אַ היסטאָרישן פעלער, ווייל זי האָט נישט קיין לעזונג פאַר די פּראָבלעמען פון פאָלק און פון לאַנד; איר אינטערעס און איר וועג שטייען אין שאַרפן קאָנפליקט צו די באַדערפנישן פון עליה, התישבות. פּראָלעטאַרישע העגעמאָניע אין ישראל איז אַלזאָ נויטיק נישט נאָר כדי פאַרזיכערן דעם לעבנס־ניוואָ פון די ארבעטנדיקע מאַסן, נאָר פאַר דעם עצם עקזיסטענץ פון דער מדינה און כדי דערפילן אירע אויפגאבן. סאָציאַליסטישע טאַטן אין דער ווירטשאַפט, אין בוי, אין געזעצגעבונג און אין לעבנס־שטייגער — זיי זענען גלייכצייטיק דער תנאי פאַר שאַפן די פּראָלעטאַרישע העגעמאָניע, ווי אויך רעאַליזירן אירע הויפּט־אויפגאַבן.

אין די ראַמען פון דער מדינה פאַרשאַרפט זיך דער סאָציאַלער קאָנפליקט צווישן דעם אַרבעטער און דער בורזשואַזיע נישט נאָר אין פראַגן פון ארבעטס־לוין און סאָציאַלע באַדינגונ־

גען, נאָר אין גראַנגל וועגן דעם כאַראַקטער פון דער ישראל־געזעלשאַפט. אין דעם דאָזיקן גראַנגל, איז אַ הויפּט פאַקטאָר — זייט ביי זייט מיט דעם פּראָפעסיאָנעלן און פּאַרלאַמענטאַרישן קאַמף — די אַנטוויקלונג פון אַרבעטער־כוח אין בוי פון דער ווירטשאַפט, אין אויסנוצן פול די אָביעקטיווע מעגלעכקייטן פון דער קאָלאָניזאַציע און פון נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל — אין פאַרגלייך מיט דער גישטיקער קאָנסטרוקטיווער קראַפט פון דער בורזשואַזיע. דער אַבסאָרביר־פּאָטענציאַל פון לאַנד; די גרויס פון דער עליה, דער טעמפּא פון קאָלאָניזאַציע, דער פאָרשריט אין דערגרייכן עקאָנאָמישע אומאָפּהענגיקייט, דער געזעלשאַפטלעכער לעבנס־שטייגער, דער לעבנס־ניוואָ פון דער אַרבעטערשאַפט, דער כאַראַקטער פון דער יוגנט, וואָס וואַקסט־אויף אין ישראל, די מיליטערישע פּאַרטייזאַנגס־קראַפט פון דער מדינה — צוליב זיי אַלע פאָדערט זיך אין הייַנטיקע טעג נאָך מער דער סאָציאַליסטישער וועג אין דער פאַרווירקלעכונג פון דעם ציוניזם.

צוליב דעם דאָזיקן וועג איז נויטיק די גאַנצע אַרבעטערשאַפט זאָל זיך אָרגאַניזירן אַלס זעלבשטענדיקער כוח, גרייט צום דינסט פון דעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן ציל; אין זיין פולער אנשטרענגונג אין דעם פּאָליטישן און פּראָפעסיאָנעלן קאַמף און אין שאַפן אַן אייגענע עקאָנאָמישע באַזע; פּראָלעטאַרישע זעלבשטענדיקייט וועט שטרעבן צו באַאיינפלוסן מיט אירע חלוציש־סאָציאַליסטישע ווערטן אַלע געביטן פון אונזער לעבן.

נישטא קיין ציוניזם אָן פּראָלעטאַרישן ציוניזם

די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט האָט איצטער שוין דערגרייכט אַזאַ שטופע פון אַנטוויקלונג, אַז אָן דעם אָנטייל פון דעם פּראָלעטאַריאַט און דערצו דעם אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט, איז קיין רעוואָלוציע נישט מעגלעך. נאָך די ערשטע רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן געהאַט דאָס פולשטענדיקע רעכט צו זאָגן: רוסלאַנדס באַפרייאונג וועט קומען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָדער זי וועט גאָרנישט קומען. דאָס זעלבע זאָגן מיר וועגן טעריטאָריאַליזם: די באַפרייאונג פון יידישן פאָלק וועט אָדער פאַרווירקלעכט ווערן דורך דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָדער זי וועט אינגאַנצן נישט פאַרווירקלעכט ווערן. אָבער די אַרבעטער־באַוועגונג האָט נאָר איין וועג — דעם קלאַסן־קאַמף, און דער קלאַסן־קאַמף פירט נאָר דעמאָלט צו אַ בעסערער צוקונפט, ווען ער באַקומט אַ פּאָליטישן כאַראַקטער. מעג זיך דער טעריטאָריאַליזם זיין די דרינגענדיקסטע באַדערפעניש פון דעם יידישן פאָלק — וועט ער דאָך בלייבן אַן אוטאָפּיע, אויב דער אָרגאַניזירטער רעוואָלוציאָנערער יידישער פּראָלעטאַריאַט וועט נישט צושטיין צו דער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג און וועט אים נישט פאַרווירקלעכן אויף זיין אייגענעם אייגנאַרטיקן וועג — דורכן קלאַסן־קאַמף.

דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם איז מעגלעך נאָר דעמאָלט, ווען דער ציוניזם קען רעאַליזירט ווערן דורך קלאַסן־קאַמף, און דער ציוניזם איז מעגלעך נאָר דעמאָלט, ווען עס איז מעגלעך דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם. אויב ווידער דער פּראָלעטאַריאַט האָט נישט קיין באַזונדערע וועגן צו פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם, איז אין אַזאַ פאַל דער ציוניזם אַ פּוסטער חלום.

בער באָראָכאָוו

י. בן אהרן

סאָציאַליסטישער וועג פאַר ישראל



אין טומל פון די פייערונגען פון צען יאָר מדינת ישראל, אין דער אַלגעמיינער שטימונג פון יום־טוב, פון פרייד איבער אונדזערע גרויסע דערגרייכונגען — טאָר מען נישט פאַרגעסן די פילע שאָטנס; פאַרקערט, מיר מוזן זיי ארויסברענגען און אַנטפּלעקן, כדי זיי גובר צו זיין און אויפדעקן נאָך מער דאָס ליכט וואָס שימערט טיף פאַרבאָרגן אין מדינת ישראל.

און דאָס דאַרף אינטערעסירן נישט נאָר די וואָס באשעפטיקן זיך דערמיט, די אָדער יענע פאַרטיי, אָדער אפילו דעם קאָלעקטיוו פון דער ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט. די מדינה ישראל געהערט דעם גאַנצן יידישן פאָלק, דעם אַרבעטער און פאָלקס־מענש, דעם אַלטן תושב און דעם נייעם עולה און די יידישע מאַסן אויף דער גאָרער וועלט. זיי אַלע, אין ישראל און אין גלות, מעגן און דאַרפן וויסן וועגן וואָס עס פירט זיך דער קאַמף, פ אַ ר וואָס און ק ע ג ן וואָס עס קעמפט אחדות־העבודה—פועלי־ציון.

אויף דער שוועל פון צווייטן יאָרצענדליק פון קיום פון מדינת ישראל, בלאָנדזשען מיר נאָך אומבאַהאָלפן אין דעם געפלאָנטער פון די פּראָבלעמען פון דער ישראלדיקער געזעלשאַפט און ווירטשאַפט און פון דער פּאָזיציע פון דעם אַרבעטער און פון דער גאַנצער חלוצישער מחנה. טראָץ דעם, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס אין ישראל, זיינע חלוצישע אָרגאַניזאַציעס און זיינע פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן דערוואָרבן א סך דערפאַרונג אין די דאָזיקע ערשטע צען יאָר, האָבן מיר פון דעסטוועגן ערשט אָנגעהויבן אויפצוקלערן די דאָזיקע פּראָבלעמען.

אומבאַפרידיקונג טראָץ גרויסע דערגרייכונגען

דער ערשטער יאָרצענדליק האָט מיט זיך געבראַכט גוואַלטיקע דערגרייכונגען; מיר האָבן געהאַט אַ גרויסע גערעטעניש אין וויכטיקע אונטערנעמונגען און ווערק, אין אינדוסטריאַליזאַציע, אבסאָרבירונגען פון עליה, העכערונג פון לעבנס־ניוואָ, אין קולטור, זיכערקייט און אויסערפּאָליטיק. און פונדעסטוועגן הערשט ביי אונז צייטנווייז אומזיכערקייט און צעטומלטקייט. אויב מיר ווען זוכן די סיבות פון דער דאָזיקער צעטומלטקייט, וועט זיך ארויסווייזן, אַז זי איז אַ רעזולטאַט פון דער שטימונג, אַז די ווערטן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך געלאָזן אין וועג — די אידעישע, געזעלשאַפטלעכע און עטישע פונדאַמענטן אויף וועלכע מיר האָבן געבויט אונזער בנין — זענען פאַרשוואונדן. אלץ וואָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן די פאַקטן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין דער מדינה אויפן וועג פון פאַרוואַנדלען זי אין אַ סאָציאַליסטישע אַרבעטער־געזעלשאַפט — איז אמת. עס איז ריכטיק, אז דער געזעלשאפטלעכער קאַפּיטאַל אין ישראל איז אָן פאַרגלייך מעכטיקער ווי אין יעדער קאַפּיטאַליסטישער מדינה אויף דער וועלט; עס איז א באַוווסטער פאַקט, אז די רעגירונג און די ארבעטער ווירטשאַפט הערשן איבער דעם גרויסן חלק פון באָדן, וואַסער און א.וו. די דאָזיקע מעכטיקע דערגרייכונגען זענען פאַרשריבן אין בוך פון אידעאַלן פון יעדער ארבעטער־באַוועגונג אויף דער וועלט. וואָס פאָדערן דען די סאָציאַליסטישע פּלאַטפאָרמען, אויף וועלכע מיר האָבן זיך דערצויגן? די נאַטור־אוצרות אין די הענט פון פאָלק; דער באָדן אין די הענט פון די, וואָס באַאַרבעטן אים, און אונטער דער אויפזיכט פון דער קאָלעקטיווער אָרגאַניזאַציע פון ארבעטער. פּאָליטישע העגעמאָניע פאר דעם ארבעטער, געזעלשאַפטלעכע מיטלען פאר אינוועסטיציע, כדי צו בויען די גרונט־אינדוסטריעס — מיט דעם אַלעמען איז געבענטשט געוואָרן דער אַרבעטער אין ישראל. מיר פאַרמאָגן שוין אָט די אַלע דערגרייכונגען, וועלכע זענען נאָך נישט רעאַליזירט געוואָרן אויך אין פיל מדינות פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע. ס'איז נישט קיין גוזמא, ווען מען זאָגט, אז דער קאַפּיטאַליזם אין ישראל שטייט נישט אויף אַ פעסטן באָדן און איז נישט פאַרוואָרצלט אין די גרונט־צווייגן פון דער ווירטשאַפט, און אז די

גרויסע טייל פון דער נאַציאָנאַלערווירטשאַפט, די שווערע, פונדאַמענטאַלע טיילן, געהערן דער געזעלשאַפט און געפינען זיך אונטער איר קאָנטראָל.

דער יונגער דור, וואָס איז אויסגעוואַקסן פאַר אונזערע אויגן, האָט געירש׳נט ביי אונז די דאָזיקע דערגרייכונגען, כדי זיי אויסברייטערן, פאַרפעסטיקן און אויסנוצן פאַר וויטערדיקע דעראָבערונגען. ווען נאָך האָט אַ דור אין ישראל צי אויף דער וועלט איבערגעלאָזן אַזאַ ירושה זיינע נאָכפאָלגער, ווען נאָך האָט דער יורש זוכה געווען צו ווערן א שותף צו אַזאַ ירושה מיט זיין בלוט, זיין גבורה און דרייסטקייט און מיט זיין אומבאַגרענעצטן אידעאַליזם?

מיר רופן אָן אויפהער: פאַראַן באַדן און וואַסער, אויך די מיטלען פעלן נישט; אמת, זיי זענען באַגרענעצט, אָבער זיי זענען דאָ — קומט און באַזעצט זיך, קאָלאָניזירט, לעבט פון אייער אַרבעט. בויט איין אַ זעלבשטענדיק לעבן, אַן אומאָפּהענגיקע עקזיסטענץ אויפן נאַציאָנאַלן באַדן. נעמט איבער אין אייערע הענט די אינדוסטריעלע ווירטשאַפט. ווערט דער בעל־הבית איבער איר, נישט נאָר פאָרמעל, לויטן געזעץ, נאָר דורך ממשות׳דיקער אחריות און דירעקטער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר איר פאַרמעגן, פאַרדינסטן און פאַרלוסטן. טרייסלט זיך אָפּ פון רעזשים פון חלוקה, פון סובסידיעס, ווערט די בויער פון אונזער ווירטשאַפט!

מיר רופן — און קיין אָפּקלאַנג איז נישטאָ. און אין דער זעלבער צייט פאַרמירט זיך און וואַקסט אין ישראל אַ געזעלשאַפטלעכער, עקאָנאָמישער און פּאָליטישער רעזשים, וועלכער איז פיינטלעך צו אונזער אידעאַל און צו דער צוקונפט פון אונזער ווערק.

מיר זענען שטענדיק געווען א מינדערהייט־באַוועגונג, אויך אין די דערהויבענע טעג פון פּלמ״ח, העפּלה און פון די באַפרייאונגס־קאַמפן, אָבער דאַן האָבן מיר זיך געהויבן אויף די כוואַליעס פון פאָלקסטימלעכער מאַסן־פּריוויליקייט, עס האָט אונז אַרומגערינגלט די ליבע פון פאָלק, אונזער רוף האָט דאַן געהאַט א שטאַרקן אָפּקלאַנג, אונזערע טאַטן זענען באַגלייט געוואָרן מיט כבוד און פאַרערונג, און דער מאָראַלישער כוח פון דער דאָזיקער מינדערהייט האָט דערוואָרעמט און געוועקט דעם ענטוזיאַזם פון דער בעסטער יוגנט, פון דעם בעסטן טייל פון יידישן פאָלק אין ישראל און אין גלות.

מיר זענען געבליבן טריי אונזער וועג און אונזער פליכט, מיר רופן ווייטער, מיר קלערן אויף, מיר דערציען, אזוי ווי מיר האָבן עס פריער געטאָן — עס איז אָבער נישטאָ קיין אָפּקלאַנג.

דאָס עקאָנאָמישע וואונדער, וואָס הייסט ישראל איז געבויט אויף 38—39 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, וואָס איז באַשעפטיקט אין פּראָדוקטיווער אַרבעט און אויף אַ האַלבן מיליאַרד דאָלאַר, וואָס שטראָמט צו אונז יאָר־יערלעך פון אויסלענדישע מקורות. דער דאָזיקער האַלבער מיליאַרד דאָלאַר דערמעגלעכט דער מדינה צו באַשפּייזן די גאַנצע באַפעלקערונג, נישט צווינגענ־דיק זי צו אַרבעט. אָבער די דאָזיקע געלט־קוועלעס ווערן איינגעשרומפּן, און עס איז נישטאָ קיין אויסזיכט צו געפינען נייע קוועלעס אַנשטאָט זיי. מפא״י ווייסט עס; זי וויל אָבסאָרבירן עולים, קאָלאָניזירן און פאַרזיכערן צה״ל און די גרענעצן פון לאַנד. זי זאָרגט דערפאַר נישט ווינציקער פון אונז. ווען נישט דאָס — וואָלטן מיר נישט געזעסן מיט איר צוזאַמען אפילו איין טאָג. אָבער זי בויט אַלע אירע פּלענער אויפן פּריוואַטן קאַפּיטאַל און כדי דער פּריוואַט־קאַפּיטאַל זאָל צו אונז קומען מוז מען אַראָפּנידערן דעם לעבנס־ניוואָ פון די אַרבעטער־מאַסן.

אונזער ענטפער איז אַן אַנדערער: אויב עס איז אמת, אז די הכנסה־קוועלעס אין אויסלאַנד ווערן אויסגעזאַפּט, מוז מען דאָך אָפּהיטן, אז די געלטער, וועלכע שטראָמען נאָך דערווייל, זאָלן פאַרווענדעט ווערן אויף עליה און קליטה, אויף פּיליעריקע קאָנסטרוקטיווע ווערק, וואָס זענען נישט אומשטאַנד אומקערן שוין צו מאַרגנס די אינוועסטיציע און די פּראָצענטער און אויסהאַלטן אונזער מיליטערישן בודזשעט; פאַר דער רעשט מוזן מיר אליין נעמען די אחריות. דאָס מיינט, אז צוויי מיליאָן יידן אין ישראל מוזן אין משך פון די קומענדיקע צען יאָר און נישט שפּעטער, צוקומען צו אַזאַ לאַגע, אַז זיי זאָלן עסן בלויז דאָס, וואָס זיי וועלן שאַפן מיט זייערע אייגענע הענט.

א לעבנס־ניוואָ וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן פון דער מדינה, וועט זעלבסטפאַרשטענדלעך זיין גאָר אַנדערש ווי דער, וואָס עקזיסטירט ביי אונז היינט צו טאָג. דער סאָציאַלער פּרצוף פון דער ישראל׳דיקער געזעלשאַפט וועט זיך ענדערן ביזן סאַמע יסוד. ווייל א געזעלשאַפט, וואָס איז זיך מקיים אָן אויסערלעכער הילף, נאָר פון איר אייגענער אַרבעט און פּראָדוקציע — מיינט אַן אַנטשיידונג לטובת א סאָציאַליסטישן רעזשים אין ישראל, נישט אין

משיח׳ס צייטן, נאָר אין די קומענדיקע צען יאָר. ווייל אָן דעם וועט נישט זיין קיין דריטער מיליאָן און קיין מיליטערישע זיכערקייט, קיין עקאָנאָמישע זעלבשטענדיקייט און אויך נישט קיין פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער כוח און אויסדויער, וועלכער איז נויטיק אין די שווערע נסיונות, וואָס שטייען אונז פאָר.

חלוצישקייט איז נישט קיין מצוה פאַר א סעקטע פון חסידים־שוטים; זי איז אויך נישט קיין ענין פון סאָציאַליסטישער טעאָריע — צי מוזן מיר דען מטריח זיין מאַרקס׳ן, לענינען, באָראָכאָוון און סירקינען און אלע געזעצן פון דער וועלט־סאָציאָלאָגיע, כדי צו לעבן אין א יידישער קאָמונע — אין אַ קיבוץ, אָדער כדי צו בויען אַ זעלבשטענדיקע אַרבעטער־ווירטשאַפט, כדי צו בלייבן אומאָפּהענגיק און נישט דינען אלס געדונגענע ארבעטער ביי א פּריוואַטן אונטערנעמער? מיר האָבן געלערנט דעם מוז פון קאָנסטרוקטיווער חלוצישקייט אלס אינדיווידועלן און נאַציאָנאַלן לעבנס־באַפעל, נישט פון ווייטע טעאָריעס, נאָר פון אונזער נאָענטער און פאַרוואָרצלטער ווירקלעכקייט.

א סך פירער פון מפא״י טענה׳ן, אז נאָר דורך אינפלאַציע, דעוואַלואַציע און אַרבעטסלאָזי־קייט — דער גוט־באַקאַנטער קאַפּיטאַליסטישער רעצעפּט — קאָן מען אויסהיילן די עקאָנאָמישע קרענק פון דער ישראל׳דיקער געזעלשאַפט. זיי גלויבן נישט, אז מיטן כוח פון פּלאַנונג און אָרגאַ־ניזאַציע, קאָן מען גובר זיין די שוועריקייטן, און דערפאַר איז זיי ליבער צו דערלויבן די פרייע טעטיקייט פון די בלינדע כוחות פון דער נישט־געפּלאַנטער ווירטשאַפט, פון דער ווילדער און נישט געצוימטער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. זיי וועלן אַנטשיידן, זיי וועלן ברעכן דעם שטאָלץ פון דער ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט. און דעמאָלט, ווען די אַרבעטער וועלן שטיין אין דער ריי אויף צו קריגן א וואַסער־קראַן, א שטיקעלע ערד און א ציג, אָדער א האַלבע קו און פינף היינער, ווען עס וועלן זיך ציען די לאַנגע רייען אויף אַביסל רייז און אַן אַרבעטס־פּלאַץ אַבי ווו — אין דער הסתדרות׳ישער, רעגירונגס, אָדער פּריוואַטער אינדוסטרי׳ און ביי יעדע באַדינגונגען — דעמאָלט וועט קומען די צייט אויף גרויסע ויתורים דעם קאַפּיטאַל, און קיינער וועט קיין פּיפּס נישט טאָן, קיינער וועט נישט פּראָטעסטירן, און דער פּריוואַט־קאַפּיטאַל, אָנשטאָט צו פליסן קיין שווייץ, וועט קומען צו אונז. אזוי האָפן זיי. א מדינה פון ארבעטסלאָזיקייט און נידעריקן ארבעטס־לוין וועט זיין אַ געוווּנטשענער פּלאַץ פאַר יידישן פּאַטריאָטישן קאַפּיטאַל. יאָ, עס זענען פאַראַן פאַרשידענע וועגן אויף צו וועקן דעם יידישן פּאַטריאָטיזם, און דאָס איז איינער פון זיי. אָבער אויך דער דאָזיקער וועג איז נישט מער ווי אַן אוטאָפּיע. ווייל אין אַ לאַנד פון עקאָנאָמישן גיהנום, אָן אַ הסתדרות, אָן אָרגאַניזאַציע, אָן א לעבנס־ניוואָ, וועט אפילו דער יידישער קאַפּיטאַליזם נישט וועלן גיין. די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז פול מיט באַלערנדיקע ביישפּילן אויף דעם דאָזיקן געביט.

א באזוך אין די גרענעץ־קיבוצים

מיט א צייט צוריק זענען די חברים פון דער קאָמיסיע פון כנסת פאַר אויסערלעכע־און זיכער־הייטס־ענינים, אַרויסגעפאָרן צו דער סירישער גרענעץ. מען האָט זיי געפירט אויף אַ באַזוך אין גרענעץ־זידלונגען פון אלע שאַטירונגען: גונן — מפא״י, גדות — דער קיבוץ־המאוחד, דן — השומר־הצעיר, שאר ישוב — פּראָגרעסיווע; דאָס איז געשען צען יאָר נאָך דער אנטשטייאונג פון דער מדינה; עס האָט זיך נישט געוואָלט גלויבן אז עס זאָל מעגלעך זיין אַזאַ לאַגע; דא איז נישטאָ קיין שוץ־מויער און דאָרט פעלט א שעלטער און אין אנדערן א שוץ־גראָבן, אין דריטן איז נישטאָ קיין פּרנסה, און אין אנדערן איז נישטאָ קיין שול אָדער אַ דאָקטאָר. און דאָס געשעט אין מדינת ישראל, נישט אונטער דעם ענגלישן מאַנדאַט; דאָס געשעט, בעת דער בודזשעט פון דער מדינה באַטרעפט א מיליאַרד און 200 מיליאָן פונט; פונדעסט־וועגן געפינט זיך נישט דער מיליאָן פונט כדי צו פאַרזיכערן די דאָזיקע עלעמענטארע באַדערפנישן. מיר האָבן אויפגעהאָדעוועט אין אונזערע ישובים טעכטער און זין, מיר האָבן אין אונזערע באַווע־גונגען דערצויגן אַ דור פון בויער און קעמפער, מיט וועלכע עס קאָן שטאָלצירן די גאַנצע מענטש־הייט, אָבער אויך זיי זענען נישט קיין מלאכים נאָר בשר ודם, פאַראַן צווישן זיי אַזעלכע וואָס זענען געשטרויכלט געוואָרן און פאַלן אָפּ; עס ציט די אוניווערסיטעט, עס לאָקן ביוראָס, געהאַלטן, געזעלשאפטלעכע פּאָזיציעס — אנשטאָט מאָזאָליעס, אנשטאָט שטיין ביינאכט אויף דער וואך, און דער קויל אין מיטן העלן טאָג לעבן דעם עס־זאַל. צי איז אָבער די קיבוץ־באַוועגונג דער איינציקער

קרבן פון דער דאָזיקער ווירקלעכקייט, וועלכע גיט פּרעמיעס דווקא די, וואָס אַרבעטן נ י ש ט און בויען נ י ש ט? דאָס זעלבע קומט פאָר מיט די גרענעץ־ישובים, מיט אַרבעטער אין גרונט־אינדוסטריעס. וואָס האָבן מיר, אייגנטלעך, געפאָדערט פאַר דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן אַרבעטער? מיר האָבן געפאָדערט צו העכערן זיין לוין מיט 15%. האָט מען עס אָפּגעוואָרפן. צוואָס־זשע זאָל מען בלייבן טריי דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט? פאַרוואָס זאָל דער ישראל׳דיקער אַרבעטער נישט גיין אין די וועגן פון אַמעריקאַנער אַרבעטער און זאָגן: איך וועל מאַכן יעדע אָנשטרענגונג, כדי מיין זון זאָל נישט זיין קיין לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער, כדי ער זאָל ווערן אַ דאָקטאָר, אַן אינזשיניער, אַ באַאַמטער, ער זאָל זיך באַשעפטיקן מיט אַן אַרבעט, וואָס פאַרשמירט נישט די הענט און דעם פּנים.

צווישן די טוער פון אונזער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג זענען פאַראַן חברים, וועלכע טראָגן אויף זייערע פּלייצעס דעם עול פון דעם ביטערן גערענגל. די דאָזיקע חברים שרעקן זיך, טאָמער וועט זיך דער אַרבעטער דערוויסן דעם אכזריות׳דיקן אמת. זיי שרעקן זיך פאַר דער פּערספּעקטיוו פון אַן עקזיסטענץ אָן הילף, אָן חלוקה, זיי וואָגן נישט צו דערשיינען פאַר דעם אַרבעטער און אויף אים אַרויפלייגן דעם עול פון חלוצישקייט, אין דער אַלגעמיינער אַטמאָספער פון הפקרות און דערווייטערונג פון די חלוצישע געבאָטן, וואָס הערשט היינט צו טאָג אין לאַנד. זיי טענה׳ן צו אונז, און אפשר מיט רעכט, אַז מיר זאָגן צופיל דעם אמת; אַז מיר שטעלן אַרויס די העכסטע פאָדערונג, בעת עס זענען נישטאָ קיין אויסזיכטן זי זאָל ווערן אָנגענומען. ווייל דער רעזשים איז נישט גינסטיק פאַר אַזאַ פאָדערונג, ווייל בעת מיר פאָדערן אַ קרבן — לאָקן אַנדערע מיט עקאָנאָמישן כאַבאַר און פאַרדאַרבן דעם גייסט...

יאָ, אונזער לאַגע איז נישט קיין לייכטע. מיר וועלן נישט קאָנקורירן מיט מפא״י אין כאַבאַר, און מיט מפ״ם אין דעמאַגאָגיע. אַ טיפּישער ביישפּיל: מפ״ם דערלויבט זיך, בעת די וואַלן אין דעם לערער־פאַריין אין תל־אביב, צו פאַרעפנטלעכן אַן אויפרוף, וועלכער פאָדערט אָפּצוטיילן די מיטל־שול־לערער פון דער אַלגעמיינער לערער־אָרגאַניזאַציע און אָנערקענען זייער אויטאָנאָמיע און אַקאַדעמישן סטאַטוס. דורך דעם וועט זיך פאַרגרעסערן די דיפערענץ אין געהאַלט צווישן זיי און אַנדערע לערער. מפ״ם האָט דאָס געטאָן, ווייל זי פאַרמאָגט אין תל־אביב אַ גרעסערע גרופּע מיטל־שול־לערער, און אַזוי־אַרום באַמיט זי זיך זיי צוציען. אין פּתח־תקוה אָבער, וווּ זי האָט נישט קיין גימנאַזיע־לערער, פאַרעפנטלעכט די זעלבע מפ״ם אַן אויפרוף ק ע ג ן אַ סעפּאַראַטער אָרגאַניזאַציע פאַר די לערער פון די מיטל־שולן און קעגן דער דיפערענציאַציע צווישן זיי און די אַנדערע לערער. אַזוי שאַפט זיך אַ לאַגע, אַז מיר קומען צו דער אַרבעטערשאַפט מיט גרויסע מאָראַלישע פאָדערונגען, בעת אַנדערע, וועלכע פאָדערן כלומרשט פון אונז צוזאַמענאַרבעט און חלוצישקייט (און מפא״י פאָדערט עס פון אונז טאָג־טעגלעך) האַנדלען אַזוי, אַז מיר בלייבן צו שפּאָט...

אָבער דער דאָזיקער וועג פון כאַבאַר און אָפּאָרטוניזם איז פאַר אונז געשלאָסן. מיר קענען מיט אים נישט גיין, נישט פון ציוניסטישן שטאַנדפּונקט, נישט פון שטאַנדפּונקט פון זעלבשטענדיקייט און זיכערקייט. דעריבער זאָגן מיר: אַ קלאָרע אַנטשיידונג פאַר סאָציאַליזם אין ישראל מיטן כוח פון פּראָלעטאַרישער העגעמאָניע, אין די ראַמען פון אַ פּלאַן פאַר דעם קומענדיקן יאָרצענדליק — דאָס דאַרף זיין אונזער פּאָליטישע און זיכערהייט־טענדענץ, אונזער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע שטרעבונג און מענטשלעך־מאָראַלישע באַדערפעניש. אַזאַ צוגאַנג פאַרמאָגט אין זיך די שלימות פון קערפּער און גייסט. דאָס איז אונזער באַוועגונג און דאָס איז אונזער וועג.

שותפות און זעלבשטענדיקייט

מיט אַזאַ צוגאַנג זענען מיר געצוווּנגען צו פאַרמעסטן זיך מיט אונזער גאַנצער סביבה. זי דיקטירט אונזערע באַציאונגען מיט דעם אַרום. וואָלטן מיר געווען אַן אידעאָלאָגישע קירכע, וואָלטן מיר דעמאָלט געזאָגט: עס איז פאַראַן אַן אמת, און מיר וועלן וואַרטן אויף דער רעוואָלוציאָנערער געלעגנהייט, נאָר דערווייל בלייבן מיר ווייס און זויבער. מיר וועלן נישט איינריכטן אונזערע הענט נאָר וואַרטן פּאַסיוו אויף דער צוקונפט, אַבי בלייבן שיין און ריין. מיר אָבער זענען אַנדערש. מיר זענען אַ פּאָליטישע, רעוואָלוציאָנערע און חלוצישע באַוועגונג — און דאָס מיינט: אַ באַוועגונג וואָס בלייבט טעטיק אין אַלע סיטואַציעס און אונטער אַלע אומשטענדן.

דאָס באַשטימט אויך די צוויי פּרינציפּן פון אונזער פּאָליטישער טעטיקייט: שותפות און

זעלבשטענדיקייט. מיר קעמפן כדי צו פאַרוואַנדלען אונזער וועג אין דעם וועג פון די ברייטע יידישע פאלקס מאסן, אויסער ראַמען, באַוועגונגען און פאַרטייען.

רעדן וועגן גענאַנגעל און קאַמף אויסער די ראַמען פון שותפות, מיינט איגנאָרירן אונזער אמת און די ישראלדיקעווירקלעכקייט. דעריבער האָבן מיר געזאָגט — שותפות, און דעריבער שטרעבן מיר צו שאַפן די דאָזיקע שותפות מיט אַלע אונזערע כוחות. אין משך פון די דריי יאָר, וואָס מיר באַטייליקן זיך אין דער רעגירונג, וואָס די דריי אַרבעטער פאַרטייען שטייען אין איר צענטער, זענען מיר געווען ערלעך און איבערגעגעבן דער דאָזיקער שטרעבונג. וואָס האָבן מיר דען נישט געגומען אויף זיך? און נישט נאָר אונזערע פאָרשטייער אין דער רעגירונג; זיי האָבן אַרויסגעוויזן איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען און אויסדויער. דורך דעם האָבן זיי אויסגעפילט אַ וויכטיקע שליחות און האָבן דעמאָנסטרירט מוסטערהאַפטע אחריות און קאָאָפעראַציע אין די שווערסטע באַדינגונגען. אַזוי האַנדלען מיר אויך אין דער כנסת און אין דער הסתדרות. מיר האָבן פיל בייגעשטייערט פאַרן געבאָט פון פראָלעטאַרישער שותפות. ווען נישט די אומאויפהערלעכע גייסטיקע אָנשטרענגונג וואָלט די דאָזיקע שותפות נישט אויסגעהאַלטן קיין איין טאָג.

אָבער אין דער זעלבער צייט עקזיסטירט נישט קיין גרעסערער פאַרראַט קעגן דער אַרבעטער־אייניקייט, קעגן דער צוקונפטיקער הערשאַפט פון דער ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט — נישט איר פאָליטישע הערשאַפט, נאָר איר העגעמאָניע איבער באָדן, אַרבעט, ברויט, קאָנטראָל איבער עליה און זיכערהייט — נישטאָ קיין גרעסערער פאַרראַט, ווי דאָס אָפּזאָגן זיך פון אונזער זעלבשטענדיקייט, ווי אַריינגיין אונטערן יאָך פון פרעמדע וועגן און אידעען. מיר האָבן געהאַט אַזאַ דערפאַרונג און מיר האָבן פון איר אַרויסגעצויגן די געהעריקע קאָנסעקווענצן. ווער נאָך, ווי מיר, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין „אייל אויף די רעדער פון דער געשיכטע", צוליב פּראָלעטאַרישער אייניקייט? מיר זענען געווען אין מפא"י, מיר זענען געווען מיטן „השומר הצעיר" אין מפ"ם. ווער נאָך, ווי מיר, האָט אַזוי פיל מוותר געווען אויף זיין אומאָפּהענגיקייט, אויף זיין פּאָליטישן כוח צוליב אַרבעטער־אייניקייט? יאָ, מיר האָבן פיל געלערנט.

כדי צו דערפילן די אויפגאַבן פאַר וועלכע מיר שטייען, פאָדערט זיך אַ פולשטענדיקע און אינטענסיווע באַנוצונג פון די שטאָטלעכע אינסטרומענטן — אין דערציאונג, אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער ווירטשאַפט, אין קאָנטראָל פון אינוועסטיציע־מיטלען, קרעדיט, אימפּאָרט, אָפּהיטנדיק דערביי דעם מאַקסימום פון פרייהייט און אויפמונטערונג פאַר דעם פּריוואַט־קאַפּיטאַל, אין זיינע ראַמען, מיט זיינע וועגן, אָבער אויך אין די ראַמען פון דעם נאַציאָנאַלן ציל, און דאָס אַלץ מיינט אין די ראַמען און אויפן יסוד פון סאָציאַלער גלייכקייט. פאַראַן תכלית און אויסזיכטן פאַר דעם פליגל־געווויש פון גרויסע אידעאַלן און דערהויבונג, גרויסע ליבע פון מענשן און ליבע פון פרייהייט. אַ דאַנק זיי וועלן מיר בויען אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, וועלכע איז אַ קאַטעגאָרישער תנאי פאַר דעם דריטן און פערטן מיליאָן, פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון דער מדינה און פאַר דעם פאַרזיכערטן קיום פון ישראל אין זיין היימלאַנד.

שלמה דרך

אויף אייגענע וועגן

סאָציאַליזם אין ישראל

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל טרעט אַריין אין צענטן יאָר פון מלוכהשער זעלבשטענדיקייט, זייענדיק רייך באַלאָדן מיט גרויסע דערגרייכונגען, סיי וואָס שייך איר צאָלמעסיקן כוח, אירע אָרגאַניזאַציאָנעלע אויפטוען און ווירטשאַפטלעך־פּאָליטישע מאַכט־פּאָזיציעס אין לאַנד. זי האָט אַדורכגעמאַכט אַ לאַנגן און קאָמפּליצירטן וועג, — פון די ערשטע שטרייקן אין די קאָלאָניעס פון יהודה און די ערשטע שוואַכע אָנהייבן פון זעלבשטענדיקע אַרבעטער־ווירטשאַפטן אין די בערג פון גליל, ביז צו די הונדערטער קיבוצים און מושבים אין דער לאַנדווירטשאַפט, די גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון סולל־בונה, דער פאַרצווייגטער נעץ פון טראַנספּאָרט־ און קאָנסום־קאָאָפּעראַטיון און דעם געוואַלטיקן אָרגאַניזאַציאָנעלן ווערק פון דער הסתדרות מיט אירע גוט־איינגעפונדעוועטע אינסטיטוציעס פאַר קעגנזייטיקער הילף, דערציאונג, קולטור א. א.

נישטאָ היינט אין דער גאַרער קאַפּיטאַליסטישער וועלט קיין שום מדינה, וווּ סאָציאַליזם זאָל קאָנען אויפווייזן אַזאַ טיפע פאַרוואָרצלטקייט אין געזעלשאַפטלעכן, עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן, ווי אין ישראל; נישטאָ קיין שום קאַפּיטאַליסטישע מלוכה, וווּ אַרבעטער זאָלן האַלטן אַזעלבע פונדאַמענטאַלע מאַכט־פּאָזיציעס אין זייערע הענט, ווי די ישראלדיקע. וואָלטן מיר, ישראלדיקע סאָציאַליסטן, דאָך באַדאַרפט קוקן פריידיק און זיכער אין דער צוקונפט אַריין; וואָלט דאָך דער וועג, וואָס ליגט נאָך צווישן אונדז און דעם אַנטגילטיקן ציל — די אַרבעטנדיקע, סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט פון סאָציאַלער גלייכהייט און אינדיווידועלער פרייהייט — באַדאַרפט זיין באַשיינט מיט דעם שטראַלנדיקן ליכט פון אָפּטימיזם, פון האָפערדיקייט און צוקונפט־זיכערקייט.

איז עס אָבער נישט אַזוי.

לעגיטימער אויסדרוק פון יידישער ווירקלעכקייט

יידישער סאָציאַליזם, ווי אַ שעפערישער, אַ באַוועגנדיקער כוח אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע מיינט בפירוש — צ י ו נ י ס ט י ש ן סאָציאַליזם, און נישט ק אָ ס מ אָ פּ אָ ל י ט י ש ן סאָציאַליזם, וואָס אין קיינעם פון זיינע היסטאָרישע גלגולים האָט ער נישט געזען קיין אייגנאַרטיקע יידישע פּראָבלעמאַטיק, האָט זיך נישט געשטעלט קיין באַזונדערע יידישע אויפגאַבן און נישט געזוכט קיין ספּעציפישע יידישע ענטפערס. יידישער סאָציאַליזם איז געוואָרן אַ פאַקטאָר אין דער פאַרמירונג און אויסגעשטאַלטונג פון יידישן גורל, ערשט נאָך זיין באַהעפטונג מיט יידיש־נאַציאָנאַלער גאולה־בענקשאַפט און גאולה־שטרעבונגען, ערשט נאָך דעם, ווי ער איז געוואָרן אַן אינטעגראַלער, הגם אידעיש זעלבשטענדיקער, טייל פון דער יידיש־נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס־באַוועגונג.

אָט דער דאָזיקער יידיש־נאַציאָנאַלער סאָציאַליזם איז אויפגעקומען ווי אַ געזעלשאַפטלעך־אידעישע שטרעמונג וואָס האָט נישט רעפּרעזענטירט קיין מערהייטס־כוח, נישט אין דער נאַציאָנאַלער ראַם פון אייגענעם פאָלק און נישט אין סאָציאַלן תחום פון אייגענעם קלאַס. ער איז אויפגעטראָטן אויף דער טריבונע פון יידישן לעבן ווי אַ מ י נ ד ע ר ה י י ט ס־גרופּע, אַן איזאָלירטע אין דער אייגענער היים — אין דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג — און אַ נישט אָנערקענטע אין דרויסן — אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

דער יידישער סאָציאַליזם איז אַריינגעטרעטן אין געזעלשאַפטלעכן און אידעישן געראַנגל זייענדיק אין אָנהייב אַ קליינע מחנה, אָרעם אין אָנזען, נישטיק אין צאָל און גאָר שוואַך אין

מאַטעריעלע כוחות. אָבער דערפאַר האָט ער אין זיך געטראָגן אַ גרויסע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע וויזיע, האָט געעפנט אַ ברייטע היסטאָרישע פערספּעקטיוו, וויזנדיק גלייכצייטיק דעם וועג וואָס פירט צו איר רעאַליזירונג. ער האָט פאַרמאָגט אַ שלל מיט אָריגינעלע אידעישע ווערטן, נישט קיין איבערגעפלאַנצטע פון פרעמדער ערד און נישט קיין איבערגעזעצטע פון אַנדערע פּראָגראַמען, נאָר ווערטן, וואָס זענען אויפגעקומען, ווי דער לעגיטימער אויסדרוק פון דער יידישער ווירקלעכקייט אין די גלות־לענדער און אין ארץ ישראל, פאַראייניקנדיק אין זיך אויף גאָר אָן אָריגינעלן, זעלבשטענדיקן אופן די אידעאַלן פון יידיש־נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער גאולה מיט דער גייסטיקער ירושה פון די איידלסטע אינטערנאַציאָנאַלע שטרעבונגען און קאַמפן פאַר מענטשלעכער פרייהייט און גלייכהייט, פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט, פאַר פריינטשאַפט צווישן פעלקער און ברידערלעכקייט צווישן מענטשן.

פון באַוווסטזיין צו רעאַליטעט

ביים אָנהייב פון יידישן אַרבעטער־קלאַס אין ישראל איז געווען דער גערדאַנק. ער איז געלאָפן ווייט פאָרויס דער ווירקלעכקייט. דער ציוניסטישער סאָציאַליזם איז נישט אויפגעקומען אויף דעם באָדן פון אַ שוין עקזיסטירנדיקן יידישן אַרבעטער־קלאַס, הגם יידישע אַרבעטער האָבן, ווי מיר ווייסן, געלעבט און געקעמפט אין אַלע לענדער פון יידישער מאַסן־באַפעלקערונג. אָבער זיי האָבן זיך אין זייער גרויסער מערהייט אָריענטירט אויף „דאָיקייט”, אויף גלות־אייביקייט און נישט אויף ארץ ישראל. נישט פון זייערע רייען זענען געקומען די מאַסן חלוצים און אַנדערע עולים. דער ציוניסטישער סאָציאַליזם איז אויסגעוואַקסן פון דעם באַוווסטזיין וועגן דער היסטאָרישער נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ יידישן אַרבעטער־קלאַס דורך טעריטאָריעלער קאָנצענטראַציע, מלוכהשער זעלבשטענדיקייט און ראַדיקאַלער ענדערונג פון אונדזער סאָציאַלער סטרוקטור.

אויף דער גאָרער וועלט איז קודם געווען דער אַרבעטער־קלאַס, ווי אַן אָביעקטיווע סאָציאַלע ווירקלעכקייט, און דערנאָך ערשט איז אויפגעקומען די אַרבעטער־באַוועגונג. דער קלאַס איז אַנטשטאַנען ווי אַ פּועל יוצא פון סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אַנטוויקלונגס־פּראָצעסן אין לעבן פונעם פאָלק, דורך איבערוואַנדערן פון דאָרף אין שטאָט און פאַרבייטן די פעלד־אַרבעט און די מלאכה אויף לוין־אַרבעט אין פאַבריקן. ערשט אונטער דער השפעה פון די פּאָליטישע און גייסטיקע אַנטוויקלונגען אין לעבן פון דעם קלאַס, איז אויפגעקומע די באַוועגונג. אָבער נישט אַזוי איז געגאַנגען די אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין ישראל. דאָ האָט די באַוועגונג געשאַפן דעם קלאַס. זי, די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג, איז אין איר אָנהויב נישט געווען קיין באַוועגונג פון אַרבעטער, נאָר אַ באַוועגונג צו אַרבעט, צו אַ לעבן פון אַרבעט. זי איז געווען דער אויסדרוק פון דער סאָציאַלער דינאַמיק אין יידישן לעבן, בשעת אירע קעגנער האָבן זיך אָריענטירט אויף דער סאָציאַלער סטאַטיק.

ווי באַוווסט, האָט מאַרקס פאַנאַנדערגעטיילט צוויי אַנטוויקלונגס־סטאַדיעס אין דער געשיכטע פון יעדן אַרבעטער־קלאַס: די ערשטע סטאַדיע, ווען דער אַרבעטער־קלאַס איז אַן אָביעקטיווער סאָציאַלער יש, ווען ער עקזיסטירט אין דער רעאַליטעט פון דעם געזעלשאַפטלעכן זיין, אָבער ער פאַרמאָגט נאָך נישט דעם באַוווסטזיין פון אייגענעם קיום, ווי אַ ספּעציעלער קלאַס מיט ספּעציעלע אייגענע אויפגאַבן; די צווייטע סטאַדיע, די העכערע, הויבט זיך אָן ווען צו דער קלאַסן־ווירקלעכקייט קומט צו אויך דער קלאַסן־באַוווסטזיין. די דאָזיקע צעטיילונג אין צוויי סטאַדיעס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק אומעטום, ווו די סאָציאַלע קלאַסן זענען אַנטשטאַנען אויף אַ נאָרמאַלן אופן, ווו עס איז געווען אַ נאָרמאַלער באָדן פאַר זייער עוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג.

אין ישראל איז אַזאַ באָדן נישט געווען. דער יידישער אַרבעטער דאָ איז נישט דער זון פון דעם יידישן פּויער אָדער בעל־מלאכה. ער איז דאָס קינד פון דער געאָגראַפישער איבערוואַנדערונג, פון דער סאָציאַלער איבערשיכטונג און פון דער פּערזענלעכער רעוואָלוציע אין לעבן פון יידישן פאָלק און יידישן יחיד. דער אַנטוויקלונגס־וועג פון דעם ישראלדיקן אַרבעטער־קלאַס איז דערפאַר געגאַנגען אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, ווי ביי אַנדערע פעלקער. ביי אונדז איז נישט געווען קודם דאָס קלאַסן־באַוווסטזיין, ווי ביי נאָרמאַלע פעלקער, נאָר דאָס קלאַסן־באַוווסטזיין אָן־אַ־קלאַס — דאָס באַוווסטזיין וועגן דער גורלדיקער נויטווענדיקייט פון אַן אַרבע־

טער־קלאַס, וועמענס היסטאָרישער ציל עס איז צו פאַרווירקלעכן די נאַציאָנאַלע באַפרייאונג פון דעם יידישן פאָלק אין פאַרבינדונג מיט דער סאָציאַלער באַפרייאונג פון דעם יידישן יחיד.

דער גאַנג פון סאָציאַליסטישן באַוווסטזיין צו סאָציאַליסטישער ווירקלעכקייט האָט אין יידישן לעבן זיך אויסגעדריקט אין איבערגאַנג פון גלות קיין ישראל. ערשט אויפן באָדן פון ישראל איז דאָס באַוווסטזיין געוואָרן רעאַליטעט, איז דער יידישער סאָציאַליזם געוואָרן אַ נאַציאָנאַל און סאָציאַל־באַפרייענדיקער כוח, אַ פּאָליטישער מאַכט־פאַקטאָר אין־נעם לעבן פון דעם פאָלק.

דעם וועג פון מאַכטלאָזן קלאַסן־באַוווסטזיין אין רעאַלן באָדן צו אַ קלאַסן־רעאַליטעט, אָנגעפילט מיטן באַוווסטזיין פון אַ גרויסער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער מיסיע, האָט אָנגעצייכנט און באַלויכטן די לערע וועגן דער גורלדיקער פאַרבונדנקייט צווישן ציוניסטישער און סאָציאַליסטישער פאַרווירקלעכונג. די לערע, וואָס איז אַזוי גרינטלעך באַשטעטיקט געוואָרן דורך אונדזער דערפאַרונג, אַז דער וועג צום יידישן סאָציאַליזם פירט נויטווענדיק איבער קיבוץ־גלויות, איבער נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע און חלוצישער אויפבוי־אַרבעט, איבער שאַפונג פון אַן אַרבעטער־ און פויערים־קלאַס, איבער פּראָלעטאַריזאַציע און קאָלאָניזאַציע.

איבערבויען די וועלט — דורך בויען דאָס אייגענע לעבן

איינע פון די סאַמע אייגנאַרטיקסטע כאַראַקטער־שטריכן פון דער יידישער רעוואָלוציע ליגט אין דעם, וואָס זי קאָן נישט דורכגעפירט ווערן אין צוויי פאַרשידענע עטאַפּן — די נאַציאָנאַלע באַזונדער און די סאָציאַלע באַזונדער. דערפאַר האַלטן מיר נישט פון ציוניזם פּלוס סאָציאַליזם, נאָר פון ציוניסטישן סאָציאַליזם ווי איין גאַנצקייט; דערפאַר וואַרפן מיר אָפּ די עטאַפּן־טעאָריע פון השומר הצעיר, ווייל אין אַלע עטאַפּן פון אונדזער לעבן און שאַפן זענען מיר אי ציוניסטן אי סאָציאַליסטן. נישטאָ קיין רגע אין אונדזער אַרבעט, ווען מיר זענען נאָר ציוניסטן אָדער נאָר סאָציאַליסטן. תמיד און אין אַלעמען זענען מיר ביידע צוזאַמען. אונדזער רעוואָלוציע פאַנגט אָן נישט ביים איבערנעמען די פּאָליטישע מאַכט, נאָר מיט דער עליה קיין ישראל און מיטן איבערגאַנג צו פיזישער אַרבעט. מיט דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג הויבט זיך אָן אונדזער סאָציאַלע רעוואָלוציע און מיט דעם אויפבוי פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט רעאַליזירן מיר אונדזערע ציוניסטישע שטרעבונגען.

יידן האָבן געדינט אַלע רעוואָלוציעס און אַלע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען אין דער וועלט, זייענדיק „נאָר סאָציאַליסטן", און גאָרנישט איז דערפון געבליבן פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן קיום. ערשט דער ציוניזם האָט געעפנט אַ היסטאָרישע פּערספּעקטיוו פאַרן יידישן סאָציאַליזם און האָט אים פאַרוואָרצלט טיף און פרוכטבאַר אין יידישן לעבן. ציוניסטישע פאַרווירקלעכונג האָט געשאַפן יידיש־סאָציאַליסטישע ווירקלעכקייט, ווייל נאָר אין דער ראַם פון אייגענעם פאָלק, אויף אייגענעם נאַציאָנאַלן באָדן, ווערט דער סאָציאַליזם אַ באַפרייענדיקער און שעפערישער כוח. דערפאַר עקזיסטירט נישט קיין קעגנזאַץ צווישן ציוניזם און סאָציאַליזם, ביידע שטאַרקן זיך קעגנזייטיק און באַפרוכפּערן איינער דעם אַנדערן.

אַלע סאָציאַליסטיש־פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציעס האָבן פאַר זיך דעם זעלביקן ציל, אָבער גייען צום ציל מוזן זיי מיט אייגענע וועגן. די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע האָט די גרויסע זכיה, וואָס זי מוז נישט אָנהויבן מיט חרוב מאַכן פון דעם, וואָס עס עקזיסטירט, נאָר זי קאָן אָנהויבן מיטן אויפבוי פון דעם, וואָס איז נאָך נישט פאַראַן. די שוואַכקייט אירע, וועלכע באַשטייט דעריין, וואָס זי האָט נישט אָנגעטראָפן אַ שוין אויסגעבויטעווירטשאַפט, מיט וועלכער זי דאַרף זיך ראַנגלען, כדי צו דעראָבערן און איבערצונעמען — איז געוואָרן איינע פון אירע כוח־קוואַלן.

קאָסמאָפּאָליטישער סאָציאַליזם וויל דורכפירן די רעוואָלוציע אין דער אייגענער היים דורך אָנטיילנעמען אין דער וועלט־רעוואָלוציע; ציוניסטישער סאָציאַליזם וויל אָנטיילנעמען אין דער וועלט־רעוואָלוציע דורך דורכפירן די אייגענע רעוואָלוציע, אין דער אייגענער היים, מיט אייגענע מיטלען, צוגעפּאַסט צו די נאַציאָנאַלע, היסטאָרישע, גייסטיקע, ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע באַדינגונגען פון אייגענעם לעבן. ער וויל העלפן איבערבויען די וועלט דורך בויען דאָס אייגענע נאַציאָנאַלע לעבן אויף נייע סאָציאַלע יסודות.

די אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל האָט נישט געוואַרט אויפן אַטעסטאַט פון דעם צוואַנ־ציקסטן קאָנגרעס אין מאָסקווע, כדי צו אָנערקענען די רעכט און די נויטווענדיקייט פון אַן איי־גענעם גאַנג צו סאָציאַליסטישער פאַרווירקלעכונג. זי האָט אַליין אויסגעטראָטן נייע, אָריגינעלע וועגן, זי האָט געשאַפן אייגנאַרטיקע פאָרמען פון לעבן און אַרבעט, און זי האָט אַוועקגעשטעלט דעם ידישן אַרבעטס־מענטש פאַר נאַציאָנאַלע אויפגאַבן און מאָראַלישע פאָדערונגען, וואָס קיין שום סאָציאַליסטישע באַוועגונג פאַר און איינצייטיק מיט איר, האָט עס נישט געטאָן.

צו די אָריגינעלסטע אייגנשאַפטן פון דער ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג געהערט די טאָטזאַך, וואָס זי האָט אָנגעהויבן בויען אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אוןווירטשאַפט, נישט וואַרטנדיק אויפן פּאָליטישן זיג פון סאָציאַליזם אין דער וועלט, אָדער אפילו אין אייגענעם לאַנד.

בונדיסטן און קאָמוניסטן פלעגן פּרווון אָפּפרעגן אונדזער צוגאַנג צו ייִדיש־נאַציאָנאַלער פּראָבלעמאַטיק, אַרויסשטעלנדיק צווישן אַנדערע טענות אויך די טענה, אַז אָן דער דעראָבערונג פון דער פּאָליטישער מאַכט וועלן קיין ייִדיש פּויערטום און קיין ייִדישער אַרבעטער־קלאַס נישט אויפקומען, און ממילא וועט פעלן די סאָציאַלע באַזע פאַר אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. האָט אָבער די געשיכטע באַוויזן, אַז צוליב די ספּעציעלע באַדינגונגען פון ישראל, קאָן מען בויען קאָ־לאָניזאַציע, פּראָלעטאַריזירן סטודענטן און מיטלשטאַנד־מענטשן און עס איז מעגלעך צו לייגן די פונדאַמענטן פאַר אַ סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיע, נאָך איידער די פּאָליטישע רעוואָלוציע האָט איבערגעגעבן די מאַכט אין די הענט פון די אַרבעטער.

זעלבשטענדיקע ארבעטער־ווירטשאפט — דער יסוד פון אונדזער כוח

די ספּעציפישקייט פון ישראלדיקן סאָציאַליזם באַשטייט נישט דווקא אין זיינע טעאָרעטישע הנחות, נאָר הויפּטזעכלעך אין די אָריגינעלע וועגן פון דער טאָג־טעגלעכער פאַרווירקלעכונג.

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין דער גאַרער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, שטרעבט צו דע־ראָבערן די פּאָליטישע מאַכט, כדי מיט איר כוח צו ליקווידירן די סאָציאַלע אומגלייכקייט, אָפּ־צושאַפן דעם פּריוואַט־אייגנטום אויף פּראָדוציר־מיטלען און אויפשטעלן די קלאַסנלאָזע געזעל־שאַפט. אין קעגנזאַץ צו איר האָט די אַרבעטערשאַפט אין ישראל, אַדאַנק איר קאָלאָניזאַטאָרישן כאַראַקטער און צוליב דעם פאַקט, וואָס זי בויט אַלץ פונדאַסניי, געהאַט די מעגלעכקייט צו שאַפן קעמערלעך פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט און ווירטשאַפט איבערן גאַנצן לאַנד, נאָך פאַר דער דעראָבערונג פון דער פּאָליטישער מאַכט, צו אָרגאַניזירן זיי אין צענטראַלע ראַמען, אַרויפ־לייגן אויף זיי דעם יאָך און די דיסציפּלין פון אַן אידעישער באַוועגונג און פאַרוואַנדלען זיי אין אַ מעכטיקן כוח. זענען טאַקע די צעזייטע קעמערלעך פון דער קומענדיקער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט געוואָרן אַ מעכטיקער אָנשפּאַר, סיי אין קאַמף פאַר נאַציאָנאַל־מלוכהשער זעלב־שטענדיקייט און סיי אין טאָג־טעגלעכן סאָציאַלן קלאַסן־געראַנגל.

אין דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט דריקט זיך אויס דער קאַמף צווישן די סאָציאַלע קלאַסן הויפּטזעכלעך אין דעם געראַנגל צווישן לוין־אַרבעט און קאַפּיטאַל, וועלכער נעמט אָן צוויי היסטאָריש־עיקרדיקע פאָרמען: אַן עקאָנאָמיש־טרייד־יוניאָניסטישע און אַ פּאַרלאַמענטאַ־ריש־פּאָליטישע. אויך אין ישראל גייט, פאַרשטייט זיך, אָן דער זעלבער קאַמף און נעמט אָן די זעלבע פאָרמען. דירעקטער עקאָנאָמישער לוין־קאַמף, אָנגעפירט פון דער הסתדרות, און פּאָלי־טישער געראַנגל צווישן די אַרבעטער־פּאַרטייען און די בירגערלעך־רעאַקציאָנערע און קלערי־קאַלע כוחות, שפּילן אַן אָנזעעוודיקע ראָל אין לעבן פון דער מדינה. אָבער צו די צוויי אומעטום־עקזיסטירנדיקע פאָרמען פון קלאַסן־קאַמף איז אין ישראל צוגעקומען נאָך אַ דריטע פאָרם, וואָס איז נישט פאַראַן אין קיין שום אַנדערע מדינה: דער געראַנגל צווישן דער פּריוואַט־קאַפּיטאַליס־טישער און דער זעלבשטענדיקער אַרבעטער־ווירטשאַפט אין דאָרף און אין שטאָט, אין אינדו־סטריי און אַגריקולטור, אין טראַנספּאָרט, בוי, קאָנסום און אַנדערע צווייגן.

די אייגענע קאָלאָניזאַטאָריש־ווירטשאַפטלעכע שאַפונג איז דער פונדאַמענט פון דעם אַרבע־טער־כוח אין לאַנד. זי דערמעגלעכט דעם ישראלדיקן סאָציאַליזם זיך צו פאַרמעסטן מיט דעם קאַפּיטאַליזם אויף אַ ק אָ נ ס ט ר ו ק ט י ו ו ן אופן. דערפאַר איז די דאָזיקע שאַפונג געוואָרן אַ הויפּט־אָביעקט פון קלאַסן־קאַמף אין ישראל, דער ברען־פּונקט אין פאַרמעסט צווישן בורזשואַ־זיע און אַרבעטערשאַפט, דער ענד־רעזולטאַט פון דעם געראַנגל וועט אַוועקלייגן דעם

שטעמפּל אויף דער סאָציאַלער און פּאָליטישער געשטאַלט פון דער מדינה. דאָ ליגט אויך די סיבה, וואָס די פּראָבלעמען פון דער זעלבשטענדיקער ארבעטער־ווירטשאפט — איר געזעלשאַפטלעכער כאַראַקטער, פארנעם אנטוויקלונגס־טעמפּאָ א.א.וו. — שטייען אין סאמע צענטער פון די וויכוחים צווישן די ארבעטער־פּארטייען אין ישראל.

קאפּיטאַליזם קאָן דאס לאַנד נישט בויען

אייגנאַרטיקע ישראלדיקע באַדינגונגען האָבן גורם געווען די אַנטשטייאונג און גיכע אַנט־וויקלונג פון א זעלבשטענדיקער, פּארצווייגטער ארבעטער־ווירטשאפט, געבויט אויף געזעל־שאפטלעכע, נישט־קאפּיטאַליסטישע יסודות, אין ראַמען פון א קאפּיטאַליסטישן רעזשים.

קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט איז תמיד און אומעטום — פּ ר אָ פ י ט ־ ו ו י ר ט ש אַ פ ט. די זיכערקייט פון דעם אינוועסטירטן קאַפּיטאַל און די הויך פון ריווח באַשטימען וווהין דער פּריוואַ־טער קאַפּיטאַל שטראָמט און ווו ער ווערט אינוועסטירט. ארץ־ישראל האָט, צוליב די באַדינגונגען פונעם לאַנד, קיינמאָל נישט פאַרמאָגט קיין שטאַרקע צוציאונגס־קראַפט פאַר פּריוואטן פּראָפיט־קאַפּיטאַל. די אָרעמקייט פונעם לאַנד אין נאַטור־אוצרות און רוי־מאַטעריאַלן, דער זייער באַ־שרענקטער אָפּזאַץ־מאַרק פאַר אינדוסטריעלע פּראָדוקטן אין דער תקופה פאַר דעם אויפקום פון דער מדינה, און די שטענדיקע נישט־זיכערקייט, קודם צוליב דעם פחד פאַר אַראַבישע אומרוען און שפּעטער צוליב די אָנגעשטרענגטע באַציאונגען מיט די שכנים — דאָס אַלץ האָט אָפּגעהאַלטן דעם פּריוואטן קאַפּיטאַל, אויך דעם יידישן, פון אָנזעעוודיקע אינוועסטיציעס אין דער ישראלדי־קער ווירטשאַפט, סיידן די אינוועסטיציע איז געווען פאַרבונדן מיט פּערזענלעכער עליה און איינאָרדענען זיך אין לאַנד.

צו די שוועריקייטן, וואָס זענען א פּועל־יוצא פון די ווירטשאפטלעכע און פּאָליטישע כאַ־ראַקטער־אייגנשאַפטן פונעם יידישן לאַנד, קומען נאָך צו שוועריקייטן, וואָס שטאַמען פון די היס־טאָרישע און פּסיכאָלאָגישע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן פון דעם יידישן מענטש. בויען אַ לאַנדווירט־שאפט מיט קינדער פון א פאָלק, וואָס איז זינט דורות אָפּגעריסן פון נאטור און באָדן; קאַמף קעגן מדבר מיט אַרבעטער וואָס זענען פון דורות שטאָט־מענטשן — האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אבסאָלוטער אוממעגלעכקייט אויף דער באזע פון פּריוואט־ווירטשאפט און פּריוואט־קאַפּיטאַל, וואָס ווערט באַווירקט נישט פון געזעלשאַפטלעכע מאָטיוון, נאָר פון פּראָפיט־אינטערעסן, און וואָס גייט נישט וווהין דער כלל־אינטערעס רופט, נאָר וווהין די רווח־זוכעניש שיקט.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז א י ד עאָ ל אָ ג י ש תמיד געווען בירגערלעך איינגע־שטעלט. זי האָט זיך נישט אָריענטירט אויף סאָציאַליסטישע ווירטשאפטס־פאָרמען אין דעם אויפ־בוי פונעם לאַנד. אָבער די נויטווענדיקייט צו באַזעצן די ערד און קאָלאָניזירן דאָס לאַנד האָט אָביעקטיוו געמוזט אַרויסהויבן יענעם מענטשן־טיפּ און יענעם סאָציאַלן קלאַס, וועמענס באַ־ציאונג צו די היסטאָרישע אויפגאַבן פונעם ציוניזם איז באַווירקט געוואָרן נישט פון ענגע קלאַסן־מאָטיוון נאָר פון סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אידעאַלן. די קאָלאָניזאַטאָרישע באַדערפענישן פון דעם לאַנד האָבן אוועקגעשטעלט אין אַ דאָמינירנדיקער שליסל־פּאָזיציע יענע שיכטן, וועל־מענס סאָציאַלע קלאַסן־אינטערעסן האָבן זיך פולשטענדיק אידענטיפיצירט מיט דעם נאַציאָנאַלן אינטערעס פונעם פאָלק. דערפאַר האָט אַ גרויסער טייל פון דער ישראלדיקער עקאָנאָמיק — די לאַנדווירטשאַפט, פישעריי, טראַנספּאָרט, אַ טייל פון דער אינדוסטרי, מסחר און באַנקן — נאָך אין דער פאַרמלוכהשער תקופה, זיך אַנטוויקלט נישט אויף פּריוואט־קאַפּיטאַליסטישע נאָר אויף געזעלשאַפטלעכע יסודות, אין פאָרם פון סאָציאַליסטישע קאָלעקטיוון, פון קאָאָפּעראַטיוון און הסתדרותישע בוי־ און אינדוסטרי־אונטערנעמונגען. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, הגם איר אי־דעאָלאָגיע איז געווען אַ בירגערלעכע, האָט צוליב די אינטערעסן פון עליה, קאָלאָניזאַציע, זיכער־קייט און אַלגעמיינע אנטוויקלונג פון דעם לאַנד, געמוזט שאַפן נאַציאָנאַלע פאָנדן און פינאַנסירן די קאָלאָניזאַציע־ארבעט, וואָס איז געטראָגן געוואָרן הויפּטזעכלעך פון אַרבעטער־עלעמענטן און האָט אָנגענומען סאָציאַליסטישע פאָרמען.

די פאַרשידענע פּרוון צו אַנטוויקלען די לאַנדווירטשאַפט אויף קאַפּיטאַליסטישע יסודות זענען ד ו ר כ ג ע פ אַ ל ן. די דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז נאָר די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־קאָ־

לאַניזאַציע איז מסוגל צו דערפילן די נאַציאָנאַלע אויפגאבן, וואָס שטייען פאַר דער ישראַלדיקער לאַנדווירטשאַפט: באַזעצן די גרענעצן און שטאַרקן די זיכערקייט פון לאַנד, באַפרוכפערן די וויסטעניישן און שאַפן נייע אַרבעטס־קוועלן פאַר דער עליה, בילדן אַ באַזע פאַר יוגנט־דערציאונג און פראָדוצירן די סאמע נויטווענדיקסטע באַשפייזונגס מיטלען פאַר דער באַפעלקערונג. דערפאַר זענען די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־ישובים געוואָרן דער יסוד און דער רוקנביין פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט.

דאָס זעלבע גילט אין אַ גרויסער מאָס אויך פאַר דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. דער פריוואַטער קאַפּיטאַל איז נישט געוואָרן קיין פּראָדוקטיווער אַנטוויקלונגס־פאַקטאָר אין לאַנד. ער האָט נישט געבויט קיין נייע שטעט און נישט קיין נייע דערפער, ער איז נישט געגאַנגען אין נגב און נישט אין גליל. ער האָט נישט געשאַפן קיין נייע פּרנסה־קוואַלן פאַר עולים. בית־שאָן, באר־שבע, אשקלון, אילת און אַנדערע נייע שטאָטישע צענטערן זענען אויסגעבויט געוואָרן דורך דער מלוכהשער און אַרבעטער־איניציאַטיוו, אָבער נישט פון פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער. אפילו די קאָנצעסיעס, וואָס די מלוכה האָט געגעבן דעם גרויסן פּריוואַט־קאַפּיטאַל אויף צו אַנטוויקלען די שווערע אינדוסטרי, ווי די פאָספאַטן פון ים המלח, די עלעקטריציטעט, די כעמיקאַליע־אינדוסטרי א. א. זענען נישט אויסגענוצט געוואָרן, הגם די רעגירונג האָט געשטיצט די פּריוואַטע געזעלשאַפטן מיט געוואַלטיקע הלוואות פון דער מלוכה־קאַסע. כמעט אַלע גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין לאַנד, וואָס זענען מלוכהש אייגנטום, זענען קודם געווען אין פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע הענט. ערשט ווען דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די אונטערנעמונגען, ווייל די פּראָפיטן זענען נישט געווען גענוג הויך, האָט זיי די מלוכה איבערגענומען אין אייגענעם רשות.

סאָציאַליסטישער קאָנסטרוקטיוויזם

גענוי ווי די לאַנדווירטשאַפטלעכע, אַזוי ווערט אויך די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג פון ישראַל געטראָגן הויפּטזעכלעך פון דעם געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל, וואָס קומט אָדער פון דער מלוכה־קאַסע, אָדער פון די זעלבשטענדיקע אַרבעטער־אינסטיטוציעס, ווי סולל־בונה, המשביר, די קאָאָפּעראַטיוון, די קיבוצישע אינדוסטריעס.

דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל אין ישראַל גייט נישט אויף דער ליניע פון נאַציאָנאַלן אינטערעס, נאָר פון גרויסן און גיכן פּראָפיט. ער קאָנצענטרירט זיך אין די שפּאַלטן פון די שוין פון פריער געשאַפענע ווירטשאַפטלעכע צווייגן; ער לעבט פון מסחר און פאַרמיטלונג, פון קאָנסום־פּראָדוקציע, באַנק, עקספּאָרט־ און אימפּאָרט־געשעפטן. ער איז אַ קנאַפּער פאַקטאָר אין דער אויסברייטערונג פון דער פּראָדוקציע, אָבער ער נוצט אויס די פון מלוכהשן און אַרבעטער־קאַפּיטאַל אויסגעברייטערטער פּראָדוקציע פאַר זיינע אייגענע אינטערעסן. ער וואַקסט גיך און אַקומולירט גרויסע רווחים אויפן חשבון פון דער מלוכה־קאַסע. ער טראָגט נישט קיין שום אַחריות פאַר די נאַציאָנאַלע נויטווענדיקייטן פון דער ווירטשאַפט און שפּילט אַ נישטיקע ראָל אין דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם.

דער גאַנצער עול פון ציוניסטישן אויפבוי איז געפאַלן אויף די פּלייצעס פון דער חלוצישער אַרבעטערשאַפט און זי האָט, כדי צו דערפילן איר שווערע אויפגאַבע, אַנטוויקלט נייע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכער און ווירטשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, שאַפנדיק אַ סינטעז צווישן קאָלאָניזאַטאָרישער אייגן־ווירטשאַפט מיט פּראָפעסיאָנעלן לוין־קאַמף אין דער פּריוואַט־ווירטשאַפט. אין גרעַנגל צווישן די ביידע עיקרדיקע סעקטאָרן אין דער ווירטשאַפט פון דעם לאַנד, דעם קאַפּיטאַליסטישן און סאָציאַליסטישן, האָט זיך דער סאָציאַליסטישער אַרויסגעוויזן מער צוגעפּאַסט צו די מלוכהשע און יידיש־נאַציאָנאַלע אינטערעסן און אויך רענטאַבילער פון ריין־עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט. דאָ ליגט דער סוד פון דעם ווירטשאַפטלעכן דערפאָלג און דעם כסדרדיקן אויפשטייג פון דער אַרבעטער־ווירטשאַפט אין לאַנד.

דער סאָציאַליסטישער קאָנסטרוקטיוויזם אין שטאָט און דאָרף האָט געגעבן דער ישראַלדיקער אַרבעטערשאַפט אַ דאָמינירנדיקע שליסל־פּאָזיציע אין דער עקאָנאָמיק און האָט געשאַפן די באַזע פאַר דער פּאָליטישער העגעמאָניע פון די ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען אין לעבן פונעם לאַנד.

עטלעכע פֿאַקטן וועלן דאָס אילוסטרירן. אַ דריטל פֿון דער נאַציאָנאַלער הכנסה פֿון דער מדינה קומט פֿון די פּראָדוקציע־צווייגן, וועלכע זענען אין רשות פֿון אַרבעטער־אינסטיטוציעס. רעכנט מען דערצו נאָך די מלוכה־ווירטשאַפֿט, וועלכע באַהערשט 90% פֿון דעם גאַנצן באַדן אין דער מדינה, די נאַטור־אוצרות, די קאָמוניקאַציע־מיטלען, די מערסטע שווער־אינדוסטריעס א. א. — באַקומט זיך, אַז די געזעלשאַפֿטלעכע, דאָס הייסט די גישט־קאַפּיטאַליסטישע, ווירטשאַפֿט מאַכט אויס העכער 60% פֿון דער גאַנצער נאַציאָנאַלער הכנסה און פֿון דעם נאַציאָנאַלן פֿאַרמעגן פֿון דער מדינה.

אַזאַ כוחות־פֿאַרהעלטעניש צווישן קאַפּיטאַליסטישער און געזעלשאַפֿטלעכער ווירטשאַפֿט איז אַ דערשיינונג, וואָס מען טרעפֿט נישט אין קיין שום קאַפּיטאַליסטישער מדינה אין דער וועלט. זי איז אַ פּועל־יוצא פֿון דעם פֿאַקט, וואָס די יידיש־נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע ווערט אויסגעטראָגן פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס און וואָס דער קאָלאָניזאַציע־פּראָצעס איז דער דאָמינירנדיקער פֿאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג פֿונעם לאַנד. דאָס איז אַן אויסעראָרדנטלעך דינאַמישער פּראָצעס, וואָס ברייטערט אויס אומאויפֿהערלעך די ווירטשאַפֿטלעכע עקזיסטענץ־באַזע פֿון דער מדינה דורך כסדר־פֿאַרשריטנדיקער דעראָבערונג און באַהערשונג פֿון דער נאַטור.

דער יסוד פֿון פּערזענלעכער פֿאַרווירקלעכונג

דער דאָזיקער אָביעקטיווער און אייגנאַרטיקער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס האָט געמוזט אַרויפֿלייגן זיין הותם אויך אויפֿן כאַראַקטער פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס איז נאָך נישט קיין אַנטגילטיק־אויסגעשטאַלטיקטער. ער האָט גורם געווען, אַז דער ישראלדיקער סאָציאַליזם, ווי אַן אידעע און אַ באַוועגונג, וואָס בויט אַ מדינה און געשטאַלטיקט אַ פֿאָלק, טראָגט אין זיין סאַמע טיפֿסטן מהות אַ ראַדיקאַלן, וואָרצלדיקן און רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער. רעוואָלוציאָנער — נישט אין דעקלאַמאַטאָרישן זין, נישט ווי אַ פּאָליטישער לאָזונג, אָדער אַ שאַבלאָנע מליצה, נאָר עפּעס וואָס ענדערט גרינטלעך דאָס לעבן, וואָס איז אַ נייע שאַפֿונג, אַ מעשה בראשית.

דער ראַדיקאַליזם, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם ישראלדיקן סאָציאַליזם — אויך ער איז אַנדערש פֿון דעם, וואָס איז אָנגענומען געוויינלעך מיט אָט דעם באַגריף. דאָ האַנדלט זיך עס נישט וועגן ראַדיקאַליזם פֿון ווערטער און לאָזונגען, פֿון פּאָליטישע באַגריפֿן און אידעאָלאָגיעס, נאָר פֿון ט א ט. די וואָרצלען פֿון דעם סאָרט ראַדיקאַליזם ליגן אין דעם פּרינציפּ פֿון פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ע ר פֿ אַ ר וו י ר ק ל ע כ ו נ ג. אַלץ, וואָס איז אידעיש ריכטיק פֿאַרפּליכטעט מאָראַליש. אַלץ, וואָס איז פּרינציפּיעל נויטווענדיק פֿון שטאַנדפּונקט פֿון אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אינטערעסן — ביסטו מחויב צו פֿאַרווירקלעכן אין דיין פּערזענלעכן לעבן. דערפֿאַר — פּערזענלעכע עליה קיין ישראל און פּערזענלעכע חלוציות אין ישראל.

דער יסוד פֿון פּערזענלעכער פֿאַרווירקלעכונג האָט תמיד געדינט ווי אַ קען־צייכן פֿון דער ישראלדיקער אַרבעטערשאַפֿט און ווי אַ בולטער אונטערשייד־צייכן צווישן איר און דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דער וועלט. דער אידעאָלאָגישער יסוד איז ביי דער ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג נישט געווען קיין אַבסטראַקטער פּרינציפּ, וועלכן מען „אָנערקענט" טעאָרעטיש און „פּרינציפּיעל", אָבער אין פּערזענלעכן לעבן איז ער נישט מחייב זיינע אָנהענגער צו קיין שום ראַדיקאַלער ענדערונג. פֿאַרקערט, ער איז געקניפּט און געבונדן מיט דער אַלגעמיינער און פּערזענלעכער ווירקלעכקייט. די אידעע און איר טרעגער זענען צונויפֿגעגאָסן אין טאָגטעגלעכן לעבן. דאָס איז דער זין, דער אויפֿטו, די גרויסקייט פֿון דעם, וואָס מיר רופֿן אָן ח ל ו צ י ו ת. דעריבער האָט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג באַוויזן אויסצומיידן קריזיסן, וועלכע שטאַמען פֿון דער סתירה צווישן דער וויזיע און דעם פּראַקטישן לעבן, און פֿון וועלכע אַנדערע אַרבעטער־באַוועגונגען האָבן פֿיל געליטן.

דער ישראלדיקער סאָציאַליזם איז אין תוך אַ ב אַ וו ע ג ו נ ג פֿ ו ן פֿ אַ ר וו י ר ק ל ע כ ע ר, וועמען ס'איז פֿרעמד דער וויכוח צווישן „מינימום־פּראָגראַם" און „מאַקסימום־פּראָגראַם", צווישן וועג און ציל, צווישן פּראָקלאַמאַציע און טאַט. ווייל אויך דער „מינימום", וואָס ציוניסטישער סאָציאַליזם אין ישראל פֿאַרלאַנגט, איז גענוג „מאַקסימאַל". ער אַנטהאַלט אין זיך די פֿליכט פֿון „פּערזענלעכער רעוואָלוציע", פֿון עליה, פּראָלעטאַריזאַציע, זעלבסט־אַרבעט און קודם־כל חלוציש־קאָלאָניזאַטאָרישע אַרבעט. די היסטאָרישע נויטווענדיקייט צו שאַפֿן אַלץ פֿונדאַסניי און די

אָביעקטיווע מעגלעכקייט פון סאָציאַליסטישער התישבות, האָבן אַוועקגעשטעלט דעם יסוד פון זעלבסט־פאַרווירקלעכונג אין סאַמע צענטער פון די מאָראַלישע און אידעישע הויפּט־געבאָטן פון דער באַוועגונג. מיר מעגן אָן אַ טראָפּן גוזמא פעסטשטעלן, אַז דער יסוד פון פּערזענלעכער זעלבסט־פאַרווירקלעכונג האָט געשאַפן דעם מענטשלעכן טרעגער פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער וויזיע, האָט געבוירן דעם יידישן חלוציזם און דערהויבן דעם סאָציאַליסטישן אַרבעטער־ציוניזם פון אַ בלויזער אוטאָפּיע צו אַ רעאַלער מלוכהשער ווירקלעכקייט אין לעבן פון פאָלק און מדינה.

אידעאלאגישער ריקצוג

די סאָציאַליסטישע גרונט־קעמערלעך אין דער געזעלשאַפט און ווירטשאַפט פון ישראל זענען, ווי באַוווסט, אַנטשטאַנען אויף אַ וואָלונטאַריסטישן אופן, נישט האָבנדיק קיין שום שטיצע פון דער מלוכהשער מאַכט, וואָס איז נאָך געלעגן אין פרעמדע, בריטישע, הענט, און האָט זייער קרום געקוקט אויף „סאָציאַליסטישע עקספּערימענטן".

מיט דעם אויפקום פון דער אייגענער מדינה, ווען די פּאָליטישע מאַכט איז אַריבער אין די הענט פון דער סוווערענער יידישער באַפעלקערונג און די אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן באַקומען די מערהייט אין כנסת, האָבן די בויער פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אין ישראל, וועל־כע זענען גלייכצייטיק געווען די קעמפער פאַר דער מדינה און אירע שעפער, — געמעגט דער־וואַרטן אַ דרייסטן אויפשטייג און שנעלן פאַרויסגאַנג צו סאָציאַליסטישער פאַרווירקלעכונג, אויף אַ דעמאָקראַטישן און קאָנסטרוקטיוון אופן, מיט דער אויסדריקלעכער און אַקטיווער אונטער־שטיצונג פון דער מלוכהשער מאַכט.

דאָ איז געקומען די שווערע אַנטוישונג. זינט דעם אויפקום פון דער מדינה און דעם איבער־נעמען פון דער פּאָליטישער מאַכט דורך אַ קאָאַליציע פון מפא"י, בורזשואַזע ציוניסטן און רע־ליגיעזע פּאַרטייען, ווערט דער ישראלדיקער סאָציאַליזם אַלץ מער צוריקגעשטויסן אויף פאַר־טיידיקונגס־פּאָזיציעס. רייך קוואַנטיטאַטיוו באַטראַכט, האָט דער ישראלדיקער אַרבעטער־קלאַס צו פאַרצייכענען פיל דערגרייכונגען אין משך פון די צען יאָר מלוכהשער זעלבשטענדיקייט. אָבער די משונהדיקע דיאַלעקטיק פון דער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער אַנטוויקלונג אין דעם צייט־פּעריאָד האָט גורם געווען, אַז די קוואַנטיטאַטיווע דערגרייכונגען זענען באַגלייט געוואָרן מיט אומאויפהערלעכע ריקצוגן אויף דעם געזעלשאַפטלעכן, פּאָליטישן און אידעאָלאָגישן געביט.

פאַרשיכורט פון דער יונגער מלוכהשקייט האָט מען געגומען גלויבן, אַז דער מלוכה־אַפּאַ־ראַט און מלוכה־כוח וועלן פאַרענטפערן אַלע פּראָבלעמען און בייקומען אַלע שוועריקייטן, אויך אָן דער הילף פון וואָלונטאַרע, געזעלשאַפטלעכע כוחות, ווי די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און די קיבוצישע באַוועגונג; ס'איז געשטעלט געוואָרן אַ פרעג־צייכן אויף דער סאָציאַלער און פּאָ־ליטישער שליחות פון אַרבעטער־קלאַס, זיין וויזיע איז פאַרשמעלערט געוואָרן, זיין מעמד אַלס געזעלשאַפטלעכער און אידעישער פאַקטאָר איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. פּרייוויליק האָט מען מוותר געווען אויף פונדאַמענטאַלע ווערטן פון אַרבעטער־קלאַס, ווי למשל די דערציאונג צו אַרבעטער־ווערטן דורך שולן, וואָס שטייען אונטער דער השפעה פון דער הסתדרות. גלייכצייטיק איז אויף דעם עקאָנאָמישן געביט אַקטיוו דערמוטיקט געוואָרן, מיט דער הילף פון דער רעגירונג, דער אויפשטייג פונעם קאַפּיטאַליזם, אין קעגנזאַץ צו דער זעלבשטענדיקער אַרבעטער־ווירט־שאַפט, וועמענס פאַרשריט איז באַוווסטזיניק טאָרמאָזירט געוואָרן.

מיר וועלן זיך נאָך אומקערן, אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל צו דעם אַנאַליז פון די פאַקטאָרן, וועלכע האָבן אַקעגנגעווירקט דער אַנטוויקלונג פון סאָציאַליזם אין דער תקופה פון מלוכהשער זעלבשטענדיקייט. דאָ ווילן מיר זיך נאָר קורץ אָפּשטעלן אויף דער לאַגע און פּאָזיציע פון דער קיבוצישער באַוועגונג אין לאַנד, כדי אויסצוגעפינען אין וועלכער ריכטונג בלאָזן דיווינטן אין דער מדינה און וועלכע סאָציאַלע טענדענצן האָבן באַקומען די אויבערמאַכט אין דער מדינה.

דער קיבוץ – אן אלארם־רוף

דער קיבוץ איז די אָריגינעלסטע ישראלדיקע שאַפונג אין אונדזער דור. פון נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן שטאַנדפּונקט איז ער די זייל, אָן וועלכער עס שפּאַרט זיך אָן די עקאָנאָמישע און זיכערהייטלעכע זעלבשטענדיקייט; פון אַ ר ב ע ט ע ר ־ שטאַנדפּונקט איז ער אַ פעסטער פונדאַמענט, אויף וועלכן עס בויט זיך דער בנין פון סאָציאַליזם אין ישראל; פון אַ י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל ־ ס אָ צ י אַ ־ ל י ס ט י ש ן שטאַנדפּונקט איז דער קיבוץ אַ צוקונפט־ בשורה, אַ פּראָטאָטיפּ פון אַ געזעלשאַפט.

וועגן וועלכער פֿאַרגאַנגענע דורות האָבן געטרוימט באַטראַכטנדיק זי פֿאַר אַ הערלעכן אָבער ווייטן אידעאַל, און קומענדיקע דורות וועלן זי מוזן רעאַליזירן.

אין קיבוץ האָט זיך פֿאַר אונדז און פֿאַר דער גאַנצער וועלט אַנטפּלעקט אַ ברעקל פֿון די מעגלעכקייטן, וועלכע עס פֿאַרמאָגט די קאָלעקטיווע שאַפֿונג פֿון אַרבעטער־קאָלאָניזאַטאָרן, ווען זיי זענען נישט אונטערגעוואָרפֿן אַ פֿרעמדן ווילן און שטייען אין אייגענעם רשות. די אידעע פֿון קיבוץ איז נישט קיין ארץ־ישׂראלדיקע דערפֿינדונג. זי טליעט אין מענטשלעכן געדאַנק שוין זינט פֿיל דורות. אָבער ערשט אין אונדזער דור און אין אונדזער מדינה האָט דער אוניווער־סאַלער אידעאַל אָנגענומען רעאַלע פֿאָרמען און איז געוואָרן אַ שטיק צאַפּלדיקע ווירקלעכקייט. צום אונטערשיד פֿון די פֿאַרשידענע אוטאָפּישע קאָמונעס אין אַמעריקע, אין אַכצנטן און ניינצנטן יאָרהונדערט, איז דער קיבוץ אין ישׂראל נישט קיין סעקטע פֿון מענטשן, וואָס אַנטלויפֿן פֿון דער וועלט און דער ציוויליזאַציע, נישט קיין גרופּעס, וואָס ווילן אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דעם עול פֿון אחריות פֿאַר דעם געזעלשאַפֿטלעכן כלל. דער קיבוץ אין ישׂראל איז אַ באַוועגונג, וואָס שטייט מיט בײדע פֿיס אין סאַמע צענטער פֿון קאָכעדיקן לעבן, וואָס איז כּלפּי־חוץ אַ מעכטיקער גייסטיקער און סאָציאַל־פּאָליטישער פֿאַקטאָר און כּלפּי פּנים — אַ מענטשלעכע לאַבאָראַטאָריע, וווּ עס ווערן אויסגעשמידט פֿאָרמען פֿון האַרמאָנישן מענטשלעכן צוזאַמענלעבן אין דער צוקונפֿט. די דערפֿאַרונגען פֿון דעם קיבוצישן לעבן אין משך פֿון דריי דורות, זענען דער וויכטיקסטער בייסטייער פֿון דעם ישׂראלדיקן סאָציאַליזם צו דעם גייסטיקן אוצר פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם אין דער היינטיקער תּקופֿה.

דער קיבוץ אין ישׂראל, דער רוקנביין פֿון אונדזער קלאַסן־זעלבשטענדיקייט און דער פֿונ־דאַמענט פֿון אונדזער נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט, מאַכט דורך שוועריקייטן. אויף אַ סיסטע־מאַטישן אופֿן, מיט גרויס פֿלייס און מיט דעם שם המפֿורש פֿון די העכסטע מלוכה־אויטאָריטעטן, האָט מען פֿון זיין קאָפּ אַראָפּגענומען די קרוין פֿון חלוציזם, און פֿאַרשטאָפּט די בלוט־אַרטעריעס וועלכע שפּייזן זיין קערפּער; אַ חרם איז אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אין די מלוכה־שולן אויף די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס דערציִען צו זעלבסטפֿאַרווירקלעכונג און קיבוצישער ראַב אין עס איז צעשטערט געוואָרן די מאָראַלישע אַטמאָספֿער, וואָס דאַרף דערמוטיקן צו גיין אין קיבוץ. אויך מאַטעריעל ווערט ער דיסקרימינירט אין פֿאַרגלייך מיט דער אינדיווידועלער ווירט־שאַפֿט. יאָרנלאַנג זענען פֿאַר די נייע עולים געשאַפֿן געוואָרן בעסערע קליטה־באַדינגונגען אין די אינדיווידועלע זידלונגען ווי אין די קיבוצישע. און דאָס איז נאָר איין ביישפּיל פֿון אַ סך.

לאָמיר דאָך פֿאַרשטיין: דער קיבוץ ווי אַ לעבנס־פֿאָרם, וואָס שווימט קעגן שטראָם, וואָס איז די פֿולסטע נעגאַציע פֿון דעם עקזיסטירנדיקן סאָציאַלן רעזשים אין דער וועלט און אין לאַנד, וואָס פֿירט אַ פֿאַרביטערטן קאַמף סיי מיט געוווינהייטן און באַגריפֿן, וואָס זענען אַ ירושה פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט און סיי מיט דער פֿיינטלעכער סביבֿה; אַ לעבנס־פֿאָרם, וואָס איז גע־צוווּנגען זיך צו ראַנגלען מיט געוואַלטיקע סאָציאַלע און גייסטיקע השפּעות פֿון דעם קאַפּיטאַ־ליסטישן אַרום, וועלכער רופֿט און לאָקט און זאָגט צו בעסערע לעבנס־באַדינגונגען, פּערזענלעכע קאַריערע, פֿריי פֿון געזעלשאַפֿטלעכע פֿליכטן — אַזאַ לעבנס־פֿאָרם קאָן זיך נישט אַנטוויקלען און וואַקסן און איז נישט אימשטאַנד צו דערפֿילן איר מיסיע אָן אַ דערמוטיקנדיקע אַטמאָספֿער אַרום זיך, אָן פּאָליטישער און געזעלשאַפֿטלעכער אונטערשטיצונג און אָן אַ באַוועגונג, וועלכע דערציט אין גייסט פֿון אירע אידעאַלן און ווערטן. דער קלעם, אין וועלכן די קיבוצישע באַוועגונג געפֿינט זיך איז אַן אָרעמקייט־צייגניש פֿאַרן ישׂראלדיקן סאָציאַליזם אין דער תּקופֿה פֿון דער מלוכהשער זעלבשטענדיקייט, איז אַן אַליאַרם־רוף. וואָס דאַרף וועקן און וואָרענען.

סאָציאַלע וואַנדלונגען

צוויי סיבות האָבן דערפֿירט צום אידעאָלאָגישן ריקצוג אין דער ישׂראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג: די אָביעקטיווע סאָציאַלע ענדערונגען, וועלכע זענען פֿאָרגעקומען אין דער ישׂראל־דיקער געזעלשאַפֿט, און די אָפּשוואַכונג פֿונעם סאָציאַליסטישן גלויבן ביי מפּא״י, די מערהייטס־פּאַרטיי אין אַרבעטער־קלאַס.

במשך פֿון די לעצטע צען יאָר האָט זיך געענדערט די סאָציאַלע סטרוקטור פֿון דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג און עס האָט זיך אויך געענדערט די אַרבעטערשאַפֿט. די בורזשואַזיע

האָט זיך פּאָליטיש פאַרשטאַרקט, צוליב די פשרות, וואָס אירע פּאַרטייען האָבן אַרויסבאַקומען פון מפא״י, און ווי אַ רעזולטאַט פון דער פאַרשטאַרקטער אַמעריקאַנער השפעה אויף דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און גייסטיקן לעבן פון דער מדינה. אויך דער געוויכט פון די מיטל־שיכטן איז שטאַרק געשטיגן ווי אַ רעזולטאַט פון דעפּראָלעטאַריזאַציע־פּראָצעסן אין דער אַרבעטערשאַפט. די פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ דערוויטערט זיך וואָס אַמאָל מער פון איר פריערדיקער שותפות מיטן אַרבעטער־קלאַס און זוכט זיך אויסצובויען אַ סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פּאָזיציע פון אַ זעלבשטענדיקן שיכט, וואָס הגם זי איז אַ לוין־נעמער־שיכט און אָנגעשלאָסן אין דער הסתדרות, שטייט זי, לויט איר מהות, צווישן די קלאַסן. פון דער אַנדערער זייט האָט די אַנטשטייאונג פון דער מדינה געעפנט צאָלרייכע אויפשטייג־מעגלעכקייטן פאַר דער יוגנט צו קאַריערעס, וואָס גיבן גלאַנץ און כבוד און גוטע הכנסות, פאַרשטויסנדיק די ווערטן פון פערזענלעכער חלוצישער פאַרווירקלעכונג, וואָס אויף זיי פלעגט זיך דערציען די יוגנט.

די סאָציאַלע דיפערענציאַציע אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, וואָס ווערט אַלץ שאַרפער, צוליב דער לוין־פּאָליטיק פון דער רעגירונג, האָט אַריינגעטראָגן שאַרפע אונטערשידן אויך אין אַרבעטער־קלאַס. ס׳זענען אויפגעקומען נייע פּראָלעטאַרישע שיכטן, וואָס רעקרוטירן זיך דער עיקר פון דער נייער עליה. זיי שטעלן צו די נישט־קוואַליפיצירטע, די פאַכלאָזע קאַדרן. דאָס איז אַ נייער טיפ פון פּראָלעטאַריאַט, וועמען קלאַסן־באַוווסטזיין און קלאַסן־סאָלידאַריטעט זענען פרעמדע באַגריפן, וואָס ווייסט ווייניק וועגן דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער שליחות פון דעם ישראלדיקן אַרבעטער־קלאַס, וואָס טראָגט זיין אַרבעטס־גורל בלויז ווי אַ צוואַנג, אַ יאָך, אונטער וועלכן מען מוז זיך בויגן. זיי אַקעגן שטייען, די וותיקישע שיכטן פונעם אַרבעטער־קלאַס, די איינגעפונדעוועטע, מיט פיל דערפאַרונג און פאַך־קענטנישן. פון זיי שאַפט זיך עס די „אַרבעטער־אַריסטאָקראַטיע״, מיט אַלע פּאָליטישע און סאָציאַלע איינשטעלונגען, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם שיכט. פון זייער מיטן קומען די אַלע, וואָס דערווייטערן זיך פון אַרבעטער־קלאַס און פאַרגרעסערן די רייען פון די אַזוי־גערופענע „זעלבשטענדיקע״ און פון דעם קליינבירגערטום מכל המינים.

זייט ביי זייט בילדן זיך אַרויס צוויי קעגנזעצלעכע פּראָצעסן: פּראָדוקטיוויזאַציע און דעפּראָדוקטיוויזאַציע. דער ערשטער פּראָצעס איז קענטיק ביי די מענטשן פון דער נייער עליה, דער צווייטער — ביי די וותיקים. און פונקט ווי דער איבערגאַנג צו אַרבעט איז אין יידישן לעבן תמיד געווען באַגלייט מיט גייסטיקער און געזעלשאַפטלעכער ראַדיקאַליזאַציע, אַזוי איז איצט דער ריקצוג פון פיזישער אַרבעט און דאָס אָפּקערן זיך פון דער התישבות און פון קיבוץ — באַגלייט מיט אַ גלייכצייטיקן פאַרשטאַרקן פון טראַדיציאָנעל־קאָנסערוואַטיווע איינשטעלונגען און אָנשויאונגען, אויף דעם פּאָליטישן און גייסטיקן געביט, און פון דער גרייטקייט אי צוגיין אויף גרויסע קאָמפּראָמיסן מיטן קאַפּיטאַליזם, ווי אַן עקאָנאָמישער און געזעלשאַפטלעכער רעזשים, און אַ וועלט פון גייסטיקע ווערטן.

הויפט-סטאציעס אויף דעם וועג צוריק

ריין לאָגיש באַטראַכט, וואָלטן די דאָזיקע פּראָצעסן, וועלכע באַדראָען די אינערלעכע אייניקייט פונעם אַרבעטער־קלאַס און זיין שליחות אין פאָלק, באַדאַרפט אַרויסרופן אָנשטרענגונגען צו שטאַרקן אין אַרבעטער־קלאַס זיינע אייגענע ווערטן, צו הויבן נאָך העכער די פאָן פון זיינע אידעען, צו פאַרשטאַרקן דעם אידעאָלאָגישן קאַמף מיט דער סאָציאַלער און גייסטיקער סטיכיע, וועלכע שפּייזט זיך פון פרעמדע איינפלוסן און טראָגט אַריין אין די אַרבעטער־רייען באַגריפן, אָפּשאַצונגען און לעבנס־שטייגערס, וועלכע זענען פרעמד דעם גייסט פון דעם ישראלדיקן סאָציאַליזם.

זענען מיר אָבער עדות אין די לעצטע יאָרן צו אַ פאַרקערטער דערשיינונג. מפא״י, נישט נאָר וואָס זי שטעלט זיך נישט אַקעגן דער דאָזיקער סטיכיע, נאָר זי העלפט איר אַקטיוו אונטער. מפא״י האָט פּאַקטיש און טעאָרעטיש אויפגעהערט זיך צו אָריענטירן אויף דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם. עקאָנאָמיש און גייסטיק איז זי איינגעשטעלט אויף דער „וועלפער סטייט״־אידעאָלאָגיע לויטן סקאַנדינאַווישן מוסטער. אָנשטאָט קלאַסן־קאַמף זוכט זי קלאַסן־

פּשרה, אויפֿן חשבון פֿון די אַרבעטער, פֿאַרשטייט זיך. דערפֿון קומט, וואָס זי האָט מוותּר געווען אויף פּרינציפּן וואָס זענען תּמיד באַטראַכט געוואָרן פֿאַר אַבסאָלוטע מאָראַלישע ווערטן; דערפֿון נעמט זיך דאָס אַראָפּלאָזן די פֿאָן פֿון זעלבסט־אַרבעט, די אָפּשוואַכונג פֿון דער קלאַסן־זעלבשטענדיקייט אין דערווירטשאַפֿט און אין קולטור־לעבן, דאָס הויבן די חשיבֿות און דעם מעמד פֿון רעליגיע און טראַדיציע, און די טענדענץ צו פֿאַרמינערן די וואָגיקייט פֿון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק, צו פֿאַרוואַסערן זיין אינהאַלט און ליקווידירן אינטעגראַלע עלעמענטן פֿון זיין היסטאָרישן ציל.

ווייל מען אָנצייכענען די הויפּט־סטאַציעס, אויף דעם ריקצוג־וועג פֿון ישׂראלדיקן סאָציאַליזם, אונטער דער אָנפֿירונג און אויף דער אחריות פֿון מפּא״י, מוז מען דערמאָנען: דאָס אויפֿשטעלן די רעגירונגס־שותּפֿות מיט דער בורזשואַזיע באַלד נאָך די וואַלן צו דער ערשטער כּנסת, אָנשטאָט אַ בונד מיט די איבעריקע הסתּדרות־פּאַרטייען; די ליקווידאַציע פֿון דער אַרבעטער־ריכטונג אין דער שול־דערציאונג, ביים גלייכצייטיקן איבערלאָזן די רעליגיעזע ריכטונג; דאָס אויפֿלעזן דעם פּלמ״ח; די שפּאַלטונג פֿון קיבוץ המאוחד; דאָס אויפֿצווינגען אַ קלעריקאַלן מיטלאַלטערלעכן כאַראַקטער אויף די געזעצן, וואָס האָבן צו טאָן מיט דעם פּריוואַט־לעבן פֿון דעם בירגער, ווי חתונות, גטן, א. א. וו.; די ווירטשאַפֿט־ און סאָציאַל־פּאָליטיק, וואָס לייגט אַרויף אַ צו גרויסן עול אויף די אַרבעטער און אַ צו קליינעם אויף די, וואָס לעבן נישט פֿון אַרבעט, נאָר פֿון פּראָפֿיט; די לוין־פּאָליטיק, וואָס באַעוולט די סאָציאַל־שוואַכערע טיילן פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט און פֿאַוואָריזירט די „מיוחסדיקערע״, אָפּשוואַכנדיק אַזוי אַרום די סאָציאַלע איינהייט פֿון דעם קלאַס; דער קאַמף קעגן דער קיבוצישער באַוועגונג פֿאַר איר גרויסן „חטא״, וואָס זי וויל נישט פֿאַראַטן דעם פּרינציפּ פֿון זעלבסט־אַרבעט; דער חרם אויף די חלוצישע יוגנט־באַוועגונגען אין די מלוכה־שולן, און אין דער לעצטער צייט: 1. דער באַשלוס איבערצופֿירן פֿונדאַמענטאַלע ווירטשאַפֿטלעכע אונטערנעמונגען, וואָס טראָגן אַ מאָנאָפּאָליסטישן כאַראַקטער, פֿון מלוכהשער קאָנטראָל אין פּריוואַטע הענט; 2. די טענדענץ איינצוצוימען די אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן פֿון דער אַרבעטער־ווירטשאַפֿט דורך פֿאַוואָריזאַציע פֿון דער פּריוואַט־איניציאַטיוו און דער צעברעקלונג פֿון דעם איינהייטלעכן, קאָנצענטרירטן כּוח פֿון סולל־בונה; 3. דאָס אַריבערפֿירן דעם באָדן־באַזיץ פֿון קק״ל אין רשות פֿון דער מדינה, געבנדיק דערביי דאָס רעכט צו פֿאַרקויפֿן טיילן פֿון דעם נאַציאָנאַלן באָדן צו פּריוואַטע אייגנטימער.

אַ סאָציאַליסטישע מדינה?

ווי אַ מדינה שטייט ישׂראל אויפֿן יסוד פֿון פּריוואַט־אייגנטום, פֿון קלאַסן־עקזיסטענץ, און ממילא אויך פֿון קלאַסן־קאַמף. זי איז אַ *בירגערלעך־פּאַרלאַמענטאַרישע דעמאָקראַטיע*. דער אַרבעטער־סעקטאָר אין דער ווירטשאַפֿט, אין אַלע זיינע פֿאָרמען — די קיבוציש־קאָלעקטיווע, די קאָאָפּעראַטיווע, די מושבֿיש־אינדיווידועלע, און די פֿון דער הסתּדרות אָנגעפֿירטע אינדוסטריי — צוזאַמען מיט דעם מלוכהשן סעקטאָר בילדן אַ מעכטיקן כּוח, וואָס באַאיינפֿלוסט שטאַרק די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אַנטוויקלונג פֿון דער מדינה. זיי ראַנגלען זיך מיט דעם קאַפּיטאַליסטיש־אָנגעפֿירטן סעקטאָר פֿאַר דער העגעמאָניע אין לאַנד. אָבער דער קאַמף איז נאָך ווייט נישט אַנטשידן. דערווייל הערשן נאָך קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע־באַציאונגען אין דער מדינה און זיי בילדן דעם אַלגעמיינעם יסוד פֿאַר איר סאָציאַלן רעזשים.

אָבער לויט מפּא״י לעבן מיר שוין היינט אין אַ סאָציאַליסטישער מדינה. לויט איר איז שוין דער סאָציאַליזם פֿאַרווירקלעכט געוואָרן אין ישׂראל. פּלוצים הויבן אָן מפּא״ישע אידעאָלאָגן „מאַרקסיסטיש״ צו אַרגומענטירן און טענהן, אַז היות ווי דער נישט־קאַפּיטאַליסטישער סעקטאָר פֿאַרנעמט קוואַנטיטאַטיוו און קוואַליטאַטיוו אַזאַ שטאַרקע פּאָזיציע אין דער עקאָנאָמיע, הייסט דאָס, אַז ישׂראל איז „אַ סאָציאַליסטישע מדינה מיט קאַפּיטאַליסטישע אינדזלען״.

עס איז, דוכט זיך, איבעריק צו פֿאַרלירן אַ סך ווערטער, כּדי צו באַווייזן ווי טעאָרעטיש פֿאַלש און דערציערישׂ שעדלעך די אויפֿפֿאַסונג איז. זי פֿאַרווישט אַבסאָלוט די גרענעצן צווישן סאָציאַליסטישער און בירגערלעך־מלוכהשער ווירטשאַפֿט; צווישן יורידישער פֿאָרם און סאָציאַלן מהות; צווישן אַן אַרבעטער־ווירטשאַפֿט אין ראַמען פֿון אַ קלאַסן־מדינה, וועלכע איז געבויט אויף פּריוואַט־אייגנטום און קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוציר־באַדינגונגען און אַן אַרבעטער־ווירטשאַפֿט אין רשות פֿון אַ קלאַסנלאָזער מדינה, אָן פּריוואַטן אייגנטום אויף פּראָדוציר־מיטלען און

געבויט אויף סאָציאַליסטישע פּראָדוציר־באַציאונגען. דאָס פאַרטושן די דאָזיקע זייער וועזנטלעכע אונטערשידן, מוז ברענגען צו אַ דעוואַלואַציע פון יסודותדיקע אידעאָלאָגישע ווערטן, צו אַ ניוועלאַציע פון דעם געזעלשאַפטלעכן און עקאָנאָמישן אינהאַלט פון דער סאָציאַליסטישער אידעע אין צו אַ שטאַרקער פאַרפלאַכונג פון דעם סאָציאַליסטישן ציל. די פאַרטושונג פון באַגריפן און ווערטן דורך מפא״י, איז נישט קיין צופאַל און קיין טעות. מפא״י נויטיקט זיך אין איר, ווייל זי דינט אַלס אידעאָלאָגישע באַזע פאַר איר פּראַקטישער פּאָליטיק.

גרונט־שטיינער זענען נאָך נישט קיין בנין. צווישן פונדאַמענט און דאַך איז אַמאָל דאָ אַ זייער ווייטער מהלך. ס׳קאָן אפילו געמאָלט זיין, אַז אָנשטאָט ווייטער צו בויען די ווענט און דאַך הויבט מען אָן פאַנאַנדערצונעמען דעם פונדאַמענט. אַזוי געשעט אין ישראל.

מלוכה־ווירטשאַפט קאָן דינען ווי אַן איבערגאַנג־סטאַציע צו אַ סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט, אָבער זי איז אויך עלול ווידער אַריינצופאַלן אין פּריוואַטע הענט, ווי נאָר עס ענדערן זיך די פּאָליטישע כוחות־פאַרהעלטנישן. צי האָט די ענגלישע קאָנסערוואַטיווע רעגירונג נישט צוריקגעגעבן נאַציאָנאַליזירטע פּראָדוקציע־צווייגן צו פּריוואַטע באַלעבאַטים? שטייען מיר דאָך אפילו אין ישראל, אין פערטן יאָר פון דער אַרבעטער־רעגירונג אין אַ שאַרפן קאַמף קעגן באַשלוס פון די מפא״ישע מיניסטאָרן צו פאַרקויפן צו פּריוואַטע פּערזאָנען איינעם פון די סאַמע פונדאַמענטאַלסטע צווייגן פון דער מדינה־ווירטשאַפט — דעם „מפעל הדשנים הכימיים״, אַ מאָנאָפּאָליסטישע אונטערנעמונג, פון וועלכער ס׳איז אָפּהענגיק די גאַנצע לאַנדווירטשאַפט אין לאַנד. און ווי באַוווּסט, איז דאָס ערשט אַן אָנהויב. די מפא״ישע מיניסטאָרן האָבן אָפן דערקלערט זייער גרייטקייט איבערצוגעבן דער פּריוואַטער איניציאַטיוו יעדע ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונג, וואָס געהערט צו דער מלוכה, אויב נאָר עס וועלן זיך געפינען בעלנים צו קויפן זי. די מפא״ישע טעאָריע וועגן סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט הינקט אונטער אפילו אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס איז טעאָרעטיש אָנגענומען ביי די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען אין אייראָפּע. די דאָזיקע פּאַרטייען פאַרשטייען, אַז „נאַציאָנאַליזירן״ הייסט נאָך נישט „סאָציאַליזירן״, אַז אַריבערפירן פּראָדוציר־מיטלען אין באַזיץ פון אַ קלאַסן־מדינה, איז נאָך ווייט נישט קיין סימן פון סאָציאַליזם און ליקווידירט נאָך נישט דעם קאַפּיטאַליזם.

נאָך מער, די ישראלדיקע דערפאַרונג לערנט, אַז אפילו ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס, וואָס געפינען זיך אין דירעקטן רשות פון אַרבעטער־קלאַס, קאָנען געזעלשאַפטלעך דעגענערירן, און אָנשטאָט צו שטאַרקן דעם כוח פונעם פּראָלעטאַריאַט אין קאַמף פאַר סאָציאַליזם, קאָנען זיי אים אָפּשוואַכן און דיסקרעדיטירן. נישט בלויז דער מאַטעריעלער כוח און עקאָנאָמישער דערפאָלג דעצידירן דעם סאָציאַל־פּאָליטישן ווערט פון דער אַרבעטער־ווירטשאַפט, נאָר קודם כל — איר אידעאישע געטרייִשאַפט און אויסגעהאַלטנקייט, איר צוגעבונדנקייט צו די היסטאָרישע אינטערעסן און אויפגאַבן פון דעם קלאַס. אַ שטאַרקע אַרבעטער־ווירטשאַפט, ווי די ישראלדיקע, קאָן זיין, און איז פּאַקטיש, אַ מעכטיקער שטיצפּונקט אין קאַמף פאַר אַן אַנדערן רעזשים און פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונעם סאָציאַליזם. אָבער עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכע מאַכט־פּאָזיציעס אַליין, אָן דער ענדערונג פון דעם סאָציאַלן און פּאָליטישן רעזשים, באַדייט נאָך בשום אופן נישט קיין סאָציאַליסטישע מדינה. דאָ שיידן זיך די וועגן צווישן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן רעפאָרמיזם און אויסגעהאַלטענעם, אינטעגראַלן סאָציאַליזם, אָדער אין ישראלדיקער טערמינאָלאָגיע גערעדט — צווישן מפא״י און אחדות־העבודה—פּועלי־ציון.

די באַמיאונגען פון מפא״י איינצורעדן, אַז די היינטיקע ישראל איז אַ „סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט מיט קאַפּיטאַליסטישע אינדזלען״, פאַרפאָלגן אַ זייער פּראַקטישן ציל: צו פאַרטושן איר אַחריות פאַר דער שטאַרקונג פון די קאַפּיטאַליסטישע יסודות אין דער יידישער מלוכה, וואָס האָט אַן אַרבעטער־מערהייט אין כנסת, און צו פאַרווישן דעם שמערצלעכן פּאַקט, וואָס אין משך פון די צען יאָר פון אונדזער מלוכהשער זעלבשטענדיקייט, האָבן זיך די אַרבעטער אין ישראל נישט ווי געהעריק דערנענטערט צום סאָציאַליסטישן ציל, הגם עס איז אָביעקטיוו מעגלעך געווען. פאַרקערט, זיי האָבן אויפגעגעבן פּאָזיציעס.

ביי די טויערן פון צווייטן יאָרצענדליק

די ישראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג טרעט אַריין אין צווייטן יאָרצענדליק פון אונדזער נאַציאָנאַלער סוווערעניטעט מיט דעם פריידיקן באַוווּסטזיין, אַז דאָס איז איר גייסט און אירע הענט, וואָס האָבן געלייגט די יסודות און אויפגעשטעלט דעם בנין פון דער זעלבשטענדיקער יידישער

מלוכהשאַפט. דאָס איז איר יום־טוב און איר היסטאָרישער טריומף איבער דעם קלאַסן־קעגנער אין נאַציאָנאַלן לאַגער און דעם אַנטי־נאַציאָנאַלן קעגנער אין סאָציאַליסטישן לאַגער.

אָבער די פרייד איז נישט קיין פולע. זי איז געטריבט דורך דעם צער דערפון, וואָס דערגרייכונגען, וועלכע זענען אָביעקטיוו מעגלעך געווען — זענען פאַרטאַכליעוועט געוואָרן; וואָס אויפן וועג צו אַ מדינה פון אַרבעט, פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און פערזענלעכער פרייהייט האָבן מיר געמאַכט אומנויטיקע ריקצוגן און זענען איינגעגאַנגען אויף ווייטיקלעכע פשרות מיט רעאַקציאָנערע אַרבעטער־פיינטלעכע כוחות און דורך דעם איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער סאָציאַליסטישער כוח און עס איז געשעדיקט געוואָרן די אַנטוויקלונג פון דער מדינה. דער היסטאָרישער אמת פאַרפליכטעט צו קוקן מיט אָפענע אויגן אויף דעם פאַקט, און נאָך מער ווי עס פאַרפליכטעט דער אמת — איז עס מחייב די נויטווענדיקייט פון צוגרייטן זיך צום צווייטן יאָרצענדליק און דריטן מיליאָן.

אַן אידעישער קריזיס הענגט איבער דער אַרבעטערשאַפט אין ישראל. ער איז אַ פועל־יוצא דערפון, וואָס ביי גרויסע טיילן פון דעם אַרבעטער־קלאַס איז פאַרבלאַסט געוואָרן דאָס באַוווסטזיין פון דער סאָציאַליסטישער שליחות און עס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער מוט ווייטער צו שפּאַנען אויף דעם אייגענעם וועג, דעם היסטאָרישן וועג פון דעם ציוניסטישן סאָציאַליזם, וועלכער איז געווען פאַרבונדן מיט דער טיפער איבערצייגונג וועגן דער מאָראַלישער און סאָציאַלער העכערקייט פון דעם אַרבעטער־קלאַס איבער דער בורזשואַזיע, דער היסטאָרישער גערעכטיקייט פון זיין שטרעבן, דער אומפאַרמיידלעכקייט פון דעם קלאַסנקאַמף און דעם אַבסאָלוטן קעגנזאַץ צווישן דער סאָציאַליסטישער און קאַפּיטאַליסטישער שיטה אין אויפבוי פון דער מדינה.

דראָט דערפאַר אַ סכנה דער אַרבעטערשאַפט פון ישראל — צו פאַרלירן איר ביזאיצטיקע פּאָליטישע און גייסטיקע העגעמאָניע אין דער מדינה. די געפאַר קומט נישט דערפון, וואָס די ישראלדיקע בורזשואַזיע וואַקסט אין כוח און השפעה. זי שטאַמט נישט פון דעם קעגנערס שטאַרקייט, נאָר פון דער אייגענער שוואַכקייט, דערפון, וואָס דער טרעגער און פאַרווירקלעכער פון דער סאָציאַליסטישער מיסיע איז ביי זיך אידעיש שוואַך געוואָרן. די געשיכטע פון רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אין דער וועלט ווייסט צו דערציילן וועגן קריזיס־דערשיינונגען אין זייערע רייען, וועלכע זענען געקומען צוליב דעם, וואָס די אָנשטרענגונגען צו פאַרווירקלעכן די אידעע האָבן וויט אַריבערגעשטיגן די גרענעצן פון די אָביעקטיווע מעגלעכקייטן אונטער די קאָנקרעטע היסטאָריש־סאָציאַלע באַדינגונגען. יענע באַוועגונגען זענען געגליכן צו אַ בויגן, וואָס איז צעבראָכן געוואָרן, ווייל מען האָט אים צו שטאַרק געשפּאַנט.

דער קריזיס פון דעם ישראלדיקן סאָציאַליזם ביים היינטיקן טאָג, נעמט זיך פון פאַרקערטע סיבות. דער ציוניסטישער סאָציאַליזם, וואָס פאַרווירקלעכט זיך אין ישראל, איז דער מעכטיקער בויגן פון דער יידישער געשיכטע, וואָס ברעכט זיך, ווייל ער איז נישט געשפּאַנט געוואָרן מיט דעם פולן כוח פון אַן אייזערנעם צילבאַוווסטן ווילן, ווייל די האַנט, וואָס איז באַרופן אים צו שפּאַנען איז אין אַ באַשטימטן מאָמענט שוואַך געוואָרן און האָט אָנגעהויבן צו ציטערן. דער קריזיס קומט דערפון, וואָס דער פאַרווירקלעכונגס־פּראָצעס איז פאַרשטאַרצט געוואָרן אויף אַ באַשטימטן פונקט, ער איז פאַרזאַמט געוואָרן אין ראַמען פון דעם שוין דערגרייכטן, בעת די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַדערפענישן פאַרפליכטן צו המשך, און די אָביעקטיווע באַדינגונגען דערמעגלעכן עס. דאָס פּריצייטיקע און שעדלעכע פאַרצאַמען די פאַרשריטלעכע אַנטוויקלונגס־טענדענצן האָט פאַרקריפּלט דעם כאַראַקטער פונעם סאָציאַלן רעזשים אין דער מדינה, האָט געמוטיקט די אַנטי־חלוצישע און קאַריערעיסטישע עלעמענטן און פאַרשאַרפט די סאָציאַלע קעגנזאַצן אין דער באַפעלקערונג, האָט געעפנט טיר און טויער פאַר פּאַראַזיטישער באַרייכערונג אָן מי און שוויס און מעגלעך געמאַכט פאַר באַשטימטע שיכטן אַראָפּוואַרפן פון זיך יעדן עול. דאָ, אין די אָפּנויגן פון דעם אייגענעם וועג, אין דעם נישט־פאַרווירקלעכן די סאָציאַליסטישע אידעע, ליגן אויך די הויפּט־סיבות פון די אָנגעשפּאַנטע באַציאונגען צווישן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען.

ארבעטער שותפות – א לעבנס מוז

סאָציאַליזם האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין לעבן פון ישראל. ער איז אַ ווירטשאַפטלעכער, פּאָליטישער, קולטורעלער און זיכערהייטס־פאַקטאָר אין דער מדינה. זיינע דערגרייכונגען

האָבן אים געמאַכט פאַר אַן אַקטועל־ממשותדיקע און נישט נאָר טעאָרעטישע אַלטערנאַטיווע צום קאַפּיטאַליזם. אָבער אויב עס וועט זיך אין אים נישט שטאַרקן דאָס באַוווסטזיין פון זיין אייגענער שליחות און פון זיינע אידעאָלאָגישע און געזעלשאַפטלעכע ווערטן, וועלכע ווערן איצט פאַרשטויסן אין אַ זייט; אויב עס וועט נישט באַנייט ווערן דער חלוצישער אַרבעטער־וועג, ווי דער דרך המלך אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער מדינה — ווערט נישט נאָר פאַרשלאָסן דער וועג פאָרויס, נאָר עס דערהויבט זיך אַ פרעג־צייכן אויך איבער דעם, וואָס עקזיסטירט פון פריער, איבער דעם, וואָס איז שוין אויפגעטאָן און דערגרייכט געוואָרן ביז איצט.

די נצחון־אויסזיכטן פון דעם סאָציאַליזם אין ישראל, — געשטיצט אויף דער קאָלעקטיווער התישבות, אויף דער אַרבעטער־ווירטשאַפט אין שטאָט און דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן קלאַסן־קעמפערישן כוח פון דער הסתדרות — זענען געוויס נישט קלענער פון די אויסזיכטן, וואָס עס האָט דער קאַפּיטאַליזם אין סאָציאַלן קאַמף, וועלכער קומט פאָר אין דער מדינה. אָבער כדי די היסטאָרישע מעגלעכקייט זאָל ווערן אַן אַקטועלע ווירקלעכקייט — מוז אויסגעשמידט ווערן אַ קאָלעקטיווער ווילן, מוז זיך געפינען אַ שטאַרקער סאָציאַלער כוח, וואָס זאָל באַוווסטזיניק שטרעבן צום ציל.

אפילו אין די ספּעציפישע באַדינגונגען פון ישראל, ווו אַרבעטער האַלטן אַזוינע שטאַרקע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, וועט דער געראַנגל צווישן סאָציאַליסטישע און קאַפּיטאַליסטישע כוחות נישט אַנטשידן ווערן נאָר דורך דעם ווירטשאַפטלעכן פאַרמעסט. די ישראלדיקע בורזשואַזיע, וואָס האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אויף דעם געביט פון ווירטשאַפטלעכן אויפבוי, איז שוין זינט עטלעכע יאָר באַמיט אַריבערצופירן דעם אַנטשיידונגס־קאַמף מיט דער אַרבעטערשאַפט פון דעם ווירטשאַפטלעכן צום פּאָליטישן געביט. דאָ זעט זי בעסערע שאַנסן אויף אַ זיג. זי שטרעבט צו פּאָליטישער העגעמאָניע, כדי מיט איר כוח צו דעראָבערן די עקאָנאָמישע מאַכט־פּאָזיציעס, וועלכע די אַרבעטער האָבן געבויט. דערויף צילן היינט אַלע אירע שטרעבונגען. צו דעם צוועק שאַפט זיך אַ קאָאַליציע פון פאַשיסטישע, רעאַקציאָנער־בורזשואַזע און קלעריקאַלע כוחות. זי וויל אין קומענדיקן וואַל־קאַמף צו דער כנסת אַרויסנעמען די פּאָליטישע מאַכט פון די אַרבעטער הענט.

אויף דער טאָג־אָרדענונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין ישראל שטייט די אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט און דער דרינגענדער געבאָט פון אַרבעטער־שותפות. נאָר אַ קאָאַליציע פון אַרבעטער־פּאַרטייען קאָן ביי דער איצטיקער כוחות־פאַרהעלטעניש אין ישראל אָפּווענדן די סכנה פון אַ בורזשואַזי־קלעריקאַלער קאָאַליציע און איינהאַלטן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע העגעמאָניע אין דער מדינה. דערפאַר איז די אַרבעטער־שותפות אַ לעבנס־מוז, פאַר דעם המשך פון דעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן וועג אין אויפבוי פון דער מדינה.

באַשטימטע גרופּעס אין מפא״י שטעלן אַוועק די פאָדערונג פון אַרבעטער־פאַראייניקונג, ווי אַ קעגנזאַץ צו אַרבעטער־שותפות. אָבער די פאַראייניקונג איז נישט קיין אַקטועלע מעגלעכקייט און אויך נישט קיין קעגנזאַץ. אייניקייט וואַקסט מאָלעקולאַריש, רייפט אויס לאַנגזאַם און נויטיקט זיך אין אַ פּאַסיקן אידעיִשן און פּסיכאָלאָגישן קלימאַט. אַזאַ קלימאַט איז היינט נישטאָ, און קאָן אויך נישט אַנטשטיין אויף באַפעל. פאַרקערט, ווער עס מיינט ערנסט מיט דער לאָזונג און האָפענונג פון אַרבעטער־אייניקייט מוז ווירקן פאַר אַרבעטער־שותפות ווי אַ וועג און פאָרבאַדינג צו אייניקונג. פון דער אַנדערער זייט — ווער עס וויל אוממעגלעך מאַכן אפילו מינימאַלע קאָאָפּעראַציע צווישן די אַרבעטער־פּאַרטייען קאָן דאָס לייכט און בכבודיק דערגרייכן, דורך אויפהויבן אויף איר דעם שווערן האַמער פון זאָפאָרטיקער פאַראייניקונג, ווי אַ באַדינג פאַר שותפות. אַ באַקאַנט שפּריכוואָרט זאָגט: „דאָס בעסערע איז אַמאָל אַ פיינט פון דעם גוטן״. אוודאי איז אייניקייט דאָס „בעסערע״, אָבער אויף דער פּאָליטישער טאָג־אָרדענונג, ווי אַ רעאַלע מעגלעכקייט, שטייט דערווייל נאָר דאָס „גוטע״.

ווי שווער עס איז צו דערגרייכן אַרבעטער־שותפות און אָנהאַלטן זי — באַווייזן די צוויי ערשטע כנסת־פּעריאָדן אָן אַ קאָאַליציע פון אַרבעטער און דער איצטיקער, דריטער כנסת־פּעריאָד, ווען די רעגירונג איז געבויט אויף דער שותפות פון די דריי אַרבעטער־פּאַרטייען. עס איז שוין היינט פולשטענדיק קלאָר, אַז אַן אמתער שותפות צווישן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען אין דער הסתדרות און אין דער מלוכה, געבויט אויף אַן איינפאַרשטענדלעכן

טעטיקייטס־פראָגראַם, וואָס בלייבט נישט אויפן פאַפיר, נאָר ווערט פאַקטיש און געמיינזאַם דורכגעפירט — אָן דעם וועט עס צו קיין אייניקונג נישט קומען. אָבער אַ סיסטעמאַטישע ציל־באַוווסטע פאַרטיפונג און שטאַרקונג פון דער קאָאָפּעראַציע צווישן די אַרבעטער־פאַרטייען קאָן און מוז דערפירן צו העכערע שטאַפּלען פון דערנענטערונג און געמיינזאַמער אַחריות. דער וועג צו אַרבעטער־אייניקייט פירט דורך סאָציאַליסטישער פאַרוויר קלעכונג. געמיינזאַמע אָנשטרענגונגען צו דערגרייכן די היסטאָרישע צילן פון דער יידישער רעוואָלוציע וועלן אויסשמידן אויך די אַרבעטער־אייניקונג. אָפּוועגדן זיך, אין קומענדיקן יאָר־צענדליק פון דער גרויסער אויפגאַבע — וועט פאַרטיפן די חילוקי דעות און פאַרשאַרפן די קעגנזאַצן.

נאָך זענען די וועגן אָפן און די ברירות פריי. אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל וואַרטן גרויסע שאַנסן און עס לויערן שווערע סכנות.

די שוועל פון צווייטן יאָרצענדליק איז אַ נייער שיידוועג פאַר דעם סאָציאַליזם אין ישראל.

הסתדרות־באַפעלקערונג אין די יאָרן 1947 — 1958

		1.1.1947	1.1.1958
1.	חברים	88.305	317.633
2.	חברות	30.605	100.784
	סך הכל (2 — 1)	118.910	418.417
3.	צייטווייליקע	1.519	9.583
	סך הכל (3 — 1)	120.429	428.000
4.	אַרבעטער־יוגנט (נוער עובד)	4.540	20.390
	סך־הכל (4 — 1)	124.969	448.390
5.	פרויען פון חברים	44.474	191.117
	סך הכל חברים און חברות (5 — 1)	169.443	639.507
6.	קינדער פון חברים	74.924	354.751
	ס״ה הסתדרות־באַפעלקערונג (6 — 1)	244.367	994.258
	וווקס אין % (1958 — 1947) =	100%	406,9%

* * *

דער ציוניזם איז צוזאַמענגעזעצט פון צוויי טענדענצן, ער האָט אויך אַ דאָפּלטן פּראָגראַם: אַ נאַציאָנאַלן און פּראָלעטאַרישן. די אויפלעבונג פון יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל איז זיין גרויסער נאַציאָנאַלער ציל. אָבער דאָס פאָלק קאָן אויפלעבן אין ארץ־ישראל, ווען עס זאָל אַליין דורך זיין אייגענער אַרבעט פאַרנעמען ארץ־ישראל, און דאָס מיינט, אַז דער סאָציאַלער בוי פון יידישן פאָלק מוז געענדערט ווערן. די ווידערגעבורט פון יידישן פאָלק, מיינט די געבורט פון יידישער אַרבעט. מיט דעם ערשטן נאַציאָנאַלן קלאַנג פאַר ארץ־ישראל האָט זיך שוין געהערט דער רוף צו יידישער אַרבעט. פּינסקער, דער שעפער פון ציוניזם, רעדט שוין אויף דעם קאַטאָוויצער צוזאַמענפאָר פון די חובבי ציון אין 1886, דעם ערשטן ציוניסטישן צוזאַמענפאָר אין דער וועלט, דאָס יידן מוזן אויפהערן צו זיין פאַרמיטלער און קרעמער און מוזן איבערגיין צו אַרבעט. דאָס איז דער געבאָט פון דער צייט. לעוואנדא בויט זיין גאַנצן פּאַלעסטיניזם אויף דער נויטווענדיקייט פאַר יידן צו ווערן אַקערבויער. צו אַקערבוי רופט ליליענבלום אין זיין רוף צו ארץ־ישראל. „אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה", אַזוי זינגט די חבת ציון. אין דעם ציוניזם, בשעת ער איז געוואָרן אַן עפנטלעכע ייִדיש־נאַציאָנאַלע באַוועגונג, טרעט אויף די אידעע פון אויפבויען אַ יידישן אַרבעטס־פאָלק זייער מאַרקענט אין בולט. עס רעדט זיך שוין קלאָר און אַגיטאַטאָריש וועגן אַריבערברענגען הונדערטער טויזנטער אויב נישט מיליאָנען יידן אין ארץ־ישראל און אַריינשטעלן זיי אין באַדינגונגען פון אַרבעט. דער ציוניזם איז דער נאַציאָנאַלער פּראָטעסט קעגן גלות און דער סאָציאַלער תקון אַנטקעגן דעם יידישן לופט־מענטש. מיט דעם אָנשלוס פון אַ טייל פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין דעם ציוניזם און דעם אָנהייב פון פּראַקטישער קאָלאָניזאַציע איז די אידעע פון אַרבעט געוואָרן די הערשנדיקע אידעע אין ציוניזם.

*

אָבער אַט איז געקומען ווידער אַ שטורעם אויף דער וועלט. דאָס יידישע פּראָבלעם שטייט אין זיין גאַנצן שרעקן און פאָדערט זיין לעזונג. און כמעט ווי פון זיך זעלבסט האָט די מאַיאָריטעט פון די יידישע באַוווסטזיניקע אַרבעטער זיך צוגעווענדט צו די געדאַנקען פון דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם. אַ פרייע לאַנד פאַר דער נאַציע איז נישט דער היפך, נאָר די דערגענצונג פון יידישן סאָציאַליזם, און אַז דאָס פרייע יידנלאַנד דאַרף זיין אויפגעבויט אויף העכערע סאָציאַלע יסודות, איז דער לאָגישער פועל־יוצא פון ציוניזם. איז דאָס אָבער רעאַל־מעגלעך, דורכפירבאַר? ווער עס גלויבט אין די כוחות פון דער יידישער נאַציע, און ווער עס האָפט אויף דער אויפלעבונג פון דער יידישער נאַציע, קאָן זיך נישט פאָרשטעלן די אויפלעבונג פון דער נאַציע אָן דער פירערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט.

נחמן סירקין

אחדות־העבודה – פועלי־ציון

ערשטע לאנד־קאָנפערענץ פון אחדות־העבודה — פועלי־ציון

די קאָנפערענץ פון אחדות־העבודה—פּועלי־ציון אין יאָר תשי״ח איז געווען אַ וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע געשעעניש און האָט אַרויסגערופן גאָר ברייטע אָפּקלאַנגען; זי האָט געדינט ווי אַ סטימול צו דער פאַרפעסטיקונג און פאַרשריט פון אונדזער פּאַרטיי, צו פאַרשטאַרקן איר איינפלוס ביים פאָלק, אין דער מדינה און אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, און אויך צו פאַרטיפן איר אידעאָלאָגישן אינהאַלט.

די רעזאָלוציעס, וואָס זי האָט אָנגענומען נאָך לאַנג־דויערנדיקע דעבאַטן במשך עטלעכע טעג, אָנגעלאָדענע מיט היכער, גייסטיקער שפּאַנונג; די גרונט־יסודות פאַר דערציערישער טעטיקייט פון דער פּאַרטיי צווישן די פאָלקס־מאַסן און יוגנט, וואָס זענען פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך דער קאָנפערענץ — דאָס זענען נאָך בלויז ווערטן, וועלכע מוזן ערשט רעאַליזירט ווערן אין לעבן. אָבער ווי זיי זענען, פאַר זיך, קאָנען זיי פיל ביישטייערן צו דער געשטאַלטונג פון דער ישראלדיקער געזעלשאַפט, סיי אויפן עקאָנאָמישן, קולטורעלן און אידעאָלאָגישן געביט, ווי אויך וואָס שייך דער פאַרבינדונג פון דער ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג מיט די שטורעמדיקע פּראָבלעמען פון פעלקער־באַציאונגען אין היינטיקער צייט — מיט די פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם אינערהאַלב דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג מיט אַלע אירע שטרעמונגען.

נישט אומזיסט איז די דאָזיקע קאָנפערענץ באַצייכנט געוואָרן, ווי א קאָנפערענץ פון „וועג־זוכעריי". אין איר צענטער איז געשטאַנען נישט דאָס גריבלען זיך אין פאַרשידענע נוסחאות, נאָר דאָס זוכן דעם אמת און דעם וועג צו דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניסטישן סאָציאַליזם ביי די פּאָליטישע באַדינגונגען אין דער געגנט פון מיטעלן מזרח און די אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען היינט צו טאָג. די קאָנפערענץ האָט אַפּעלירט צו דער יוגנט און צום יידישן פאָלק אין די תפוצות, ווי אויך צום פאָלק און צו דער יוגנט אין ישראל, און פון זיי געפאָדערט מאכן אלע אנשטרענגונגען בכדי אויפצוריכטן און רעאַליזירן די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט פון ישראל מיט מיטלען און וועגן צוגעפּאַסטע צו די ספּעציפישע באַדינגונגען פון אונדזער פאָלק און לאַנד אין דער היינטיקער תקופה.

דאָס איז געווען אַ קאָנפערענץ, אַ גרויסע אין איר אומפאַנג און א ביז גאָר פאָלקסטימלעכע אין איר צוזאַמענשטעל. אין איר זענען געווען רעפּרעזענטירט אלע שיכטן און עדות אין ישראל, אלע געזעלשאַפטלעכע קרייזן כמעט, אפּשטאַמיקע פון אַלע גלות־לענדער, אָנהויבנדיק פון די ערשטע, פון די וועטעראַנען פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ביז די גאָר יינגסטע פון די מזרח־עדות אין די מעברות, וואָס דאָס איז געווען זייער ערשטער קאָנטאַקט מיט א ברוינדער, זייער רייכער און פילפאַרביקער באַגריפן־וועלט פון די מענטשן פון די גרענעץ־פּונקטן און פון די קבוצים, פון וואַרשטאַט־אַרבעטער און גייסט־מענטשן. און צווישן די אלע, האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די אָנגעזעענסטע מיטגלידער פון דער אַראַבישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס אירע פאַרשטייער, אַרבעטסמענטשן און גרינדער פון ווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון, האָבן געלאָזט הערן זייער מוטיק וואָרט, ווי פרייע און שטאָלצע בירגער.

סיי אין די טיפע, אינהאַלטרייכע רעפעראַטן ווי אויך אין די פשוטע ווערטער פון די חברים און חברות פון די מעברות, וועלכע האָבן זיך נאָך נישט געפילט גאַנץ זיכער אויף דער רעדנער־טריבונע — האָט זיך געמערקט דער פרייער און פאַרבנרייכער אויסדרוק, ווי אלע קאָלירן פון אַ רעגנבויגן, פון וועלכע ס'איז געווען צוזאַמענגעשטעלט דער דאָזיקער צוזאַמענפאַר.

דאָס איז אָבער אויך געווען אַן ערנסט־פּאַרטיפטע קאָנפערענץ, אינגאַנצן געווידמעט די גרויסע פּראָבלעמען פון איצטיקן מאָמענט; זי האָט אנאַליזירט די אנטוויקלונגס־פּראָצעסן אין דער וועלט און ביים יידישן פאָלק — אָן שום אילוזיעס, אָבער אויך אָן שרעק און פאַרלוירנקייט; זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין די טיפענישן פונעם ישראל־לעבן און אַרויסגעבראַכט די פּראָבלעמען פון היינטיקן דור פון דער גאַנצער מענטשהייט.

עס איז נישט פאַרגעקומען אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ קיין פאַרמעסט פון טענדענצן און „טיפע" מיינונגס־פאַרשידנהייטן. עס זענען אויך נישט געהערט געוואָרן קיין רעדעס פון „בעלי־תשובה", וועלכע זענען זיך „מתוודה" אויף זייערע באַגאַנגענע פעלערן; די דעלעגאַטן

האָבן זיך אויך נישט געטיילט אויף „אָפּהיטער פון דער ליניע" און אַזעלכע וואָס באַקעמפן זי הגם עס זענען געקומען צום אויסדרוק פאַרשידענע מיינונגען און אַנשויאונגען.

דאָס איז געווען א געבענטשטע פּילפאַרביקייט ווי די פאַרבנרייכקייט פון פאָלק, וואָס זאמלט זיך דאָ פון אַלע גלותן, און ווי דאָס ראַנגלען זיך פון היינטצייטיקן מענטש, וועלכער הערט זיך צו צו דער שטים פון זיין געוויסן, האָט ליב דעם אמת און שטרעבט מיט אַלע כוחות צו דער פולער פאַרווירקלעכונג פון די יידיש־נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע אידעאַלן.

געווען אסך „אָבסערוואַטאָרן" און סתם צושויער, וועלכע האָבן געזוכט אויף דער קאָנפערענץ די „סאָציאַליסטישע פאַרלוירנקייט" וואָס איז איצט שטאַרק אין דער מאָדע — און זיי האָבן זיך ביטער אנטוישט, ווייל די חברים פון אחדות העבודה — פּועלי־ציון, ליידן נישט אויף אידעאָלאָגישער פאַרלוירנקייט, הגם אין דעם מאָמענט האָט די צעטומלעניש אראָפּגעשריען ממש פון אַלע דעכער און זי איז געוואָרן דער בולטער קען־צייכן פון פאַרשידענע בלאָנדזשענדיקע פאַרטייען. נישט די צוואַנציסקטע קאָנפערענץ פון דער אלסאָוויעטישער קאָמוניסטישער פאַרטיי האָט געדינט פאַר אונדזער קאָנפערענץ, ווי אַן אויסגאַנג־פּונקט פאַר די דעבאַטן מכוח „באַזונדערע וועגן" אין סאָציאַליזם. די חברים פון אחדות העבודה — פּועלי־ציון, האָבן קיינמאָל נישט געזוכט קיין היתר ביי אַנדערע אויף זייער אייגענעם וועג צום סאָציאַליזם. צענדליקער יאָרן פון דענקען, טרוימען און ווירקן; פון נסיונות, דערגרייכונגען און שטרויכלונגען — האָבן געדינט ווי א שמעלץ־טיגל פאַר זייער געדאַנק. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס אויך אין דאָזיקן שטורמישן ענין פון וועלט־פּראָבלעמען, אין גרויסן אידעאָלאָגישן פאַרמעסט מכוח די פאַרשידענע וועגן אין סאָציאַליזם, האָבן די חברים פון דער קאָנפערענץ זיך נישט פאַרנומען מיט אַבסטראַקטע און פאַלשע פאָרמולעס, נאָר באַמיט זיך צו דערגרונטעווען די טעאָריע און פּראַקטיק פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, אויפן יסוד פון אייגענער גרויסער דערפאַרונג פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער ארבעטער־באַוועגונג.

טראָץ אַלע פאַרלוימדונגען פון קעגנער איז געווען ביז גאָר שטאַרק און איינדרוקספול דער ספּעציפישער ניואַנס פון אחדות העבודה — פּועלי־ציון, וועלכער איז געקומען צום אויסדרוק אויף דער קאָנפערענץ. און אפילו די, וואָס האָבן געגלויבט, אַז זיי וועלן דאָ נישט געפינען קיין שום אייגנטימלעכס און אריגינעלס — זענען מיטגעריסן געוואָרן און פּלוצים זיך ארומגעזען, אַז זיי האָבן זיך אידענטיפיצירט מיט פיל פון די מיינונגען פון אחדות העבודה — פּועלי ציון, סיי אין דער אינערן־פּאָליטיק (באַטייליקונג אין דער רעגירונג) ווי אויך מכוח די וועגן, וואָס פירן צום סאָציאַליזם. טאַקע מיט אַ געוויסער פאַרשפּעטיקונג, האָבן זיי אָנערקענט די טעאָריע פון אחדות העבודה — פּועלי־ציון לגבי אסך פראַגן, וואָס האָבן פריער געגאָלטן ווי ביטערע און שווערע שטרייטפּונקטן. עס האָבן זיך גאָר שטאַרק טועה געווען, ממש ביטער אנטוישט — די אַלע, וואָס האָבן פאַרויסגעזאָגט דער פאַרטיי א שנעלן סוף, נישט זעענדיק אין איר, כלומרשט, קיין שום אייגנטימלעכן אידעישן וועג, וואָס זאָל זי אָפּשיידן פון אנדערע פאַרטייען.

אָבער נישט דאָס, פאַרשטייט זיך, איז דער עיקר. מיר האָבן נישט קיין צייט פאַר פּרוכטלאָזע וויכוחים מיט פּאָליטישע קעגנער. די קאָנפערענץ האָט געדינט ווי נאָך א גרונטשטיין פאַרן פאַנאַנדערבוי פון דער פאַרטיי און פון דער באַוועגונג, פאַר אויסקריסטאַליזירן די טעאָרעטישע יסודות פאַר פאַרשטאַרקטער וואכזאמקייט, פאַר אויפנעמען נייע אויפגאַבן און זיכערן ווייטערע דערגרייכונגען. די הויפּט־כוונה פון דער פאַרטיי — פאַרפעסטיקן די שותפות צווישן די אַרבעטער־פאַרטייען אין הסתדרות און אין דער מדינה, ביז ס'וועט קומען דער טאָג, ווען דער ארבעטער־קלאַס ביי אונדז אין לאַנד און אין דער גאָרער וועלט וועט זיין פאַראייניקט און וועט אויסלייזן די מענטשהייט און אַלע פעלקער פון זייערע נויטן און פלאָנטערנישן.

* * *

גייענדיק מיט איר היסטאָרישן וועג, זעט די פּאַרטיי אחדות-העבודה—פּועלי-ציון, איר צענטראַלע אויפגאַבע ממשיך צו זיין אַלס חלוצישע אַרבעטער-פּאַרטיי, אינעם קאַמף פאַר דער ציוניסטיש-סאָציאַליסטישער פאַרווירקלעכונג: אָפּראַטעווען דאָס יידישע פאָלק פון צעשפּרייטקייט, דעגענעראַציע און נאַציאָנאַלן אומקום, קיבוץ-גלויות אין דעם נישט-צעטיילטן ארץ-ישראל, צו אַ באַנייענדיקן נאַציאָנאַלן לעבן, אין התישבות, אין אַרבעט, אין קולטור און נאַציאָנאַל-פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט; אָנפירן מיטן קלאַסן-קאַמף פון יידישן אַרבעטער פאַר זיינע טאָג-טעגלעכע נויטן און זיינע היסטאָרישע אויפגאַבן — פאַרוואַנדלען דאָס יידישע פאָלק אין אַן אַרבעטער-פאָלק אין אַ סאָציאַליסטישער מדינת-ישראל, אין ענגער פאַרבינדונג מיט דער סאָציאַ-ליסטישער פרייער פעלקער-משפחה אין דער וועלט.

אונדזער שליחות במשך די נאָענטסטע יאָרן וועט אויסגעפילט ווערן אין אַ תקופה פון סאָציאַלע ענדערונגען און געזעלשאַפטלעכע אויפברויזן צווישן מלחמה און שלום; אין אַ תקופה, ווען מדינת ישראל געפינט זיך נאָך אין באַלאַגערונג, ווען די אַראַבישע מדינות זאָגן זיך אָפּ צו אָנערקענען דעם עצם-פאַקט פון איר עקזיסטענץ און גרייטן זיך צו אַ פאַרניכטונגס-קאַמף קעגן איר; אין אַ תקופה, ווען סאָציאַלע און פּאָליטישע אויפטרייסלונגען איילן-צו דעם פאַנאַנדערפאַל-פּראָצעס אין גלות און די דרינגענדיקע נויטווענדיקייט פון רעטונגס-עליה פאַר די יידישע פאָלקס-מאַסן.

אונדזער ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע שליחות וועט פאַרגעזעצט ווערן אין אָנבליק פון היסטאָרישע פּראָצעסן, וועלכע קומען פאַר אינעם לעבן פון פאָלק און אין דער וועלט, און אין איינקלאַנג מיט די רעאַלע באַדערפענישן פון דער מדינה און פונעם אַרבעטער-קלאַס.

די צענטראַלע אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי אין די נאָענטסטע יאָרן זענען:

1) אַריינברענגען און קאָנסטרוקטיוו אָבסאָרבירן דעם דריטן מיליאָן יידן און צו-נויפשמעלצן די פאַרשידענע גלותן און עדות.

2) באַזעצן די וויסטע טיילן פון ישראל, אַנטדעקן אירע נאַטירלעכע אוצרות און צואיילן איר אַלגעמיינע אַנטוויקלונג.

3) באַוואָרענען די זיכערהייט און זעלבשטענדיקייט, שטרעבן צו אַ ישראל-אַראַבישן שלום און פאַרפעסטיקן דעם מעמד פון מדינת ישראל אין מיטללענדישן ראַיאָן און אין דער וועלט.

4) פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די אַרבעטער, עולים און פאָלקס-מאַסן.

5) פאַרפעסטיקן די אַרבעטער-העגעמאָניע אין דער מדינה און אין פאָלק.

6) פאַרויסגאַנג פון דער סאָציאַליסטישער פאַרווירקלעכונג אין דער ווירטשאַפט, אין דער מדינה, געזעצגעבונג און אין לעבנס-שטייגער.

סד־הכלען און רעזאָלוציעס
פון דער פּאַרטיי־קאָנפערענץ תשי"ח

הויפּט־באַדינגונגען צו אַבסאָרבירן דעם דריטן מיליאָן

אויפנעם פון דער עליה

די פּיליעריקע טעטיקייט פון דער ציוניסטישער און פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג און די דערגרייכונג אין דעם ערשטן צענדליק פון מדינת ישראל — בילדן אַ פעסטע באַזע פאַר אויפנעמען דעם דריטן מיליאָן.

מיטן אייגענעם כוח פון פאָלק איז געשאַפן געוואָרן די לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטרי, פישעריי און שיפעריי, וועלכע געפינען זיך אין אַ רעשיקן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס. ס'האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט אַ פאַרצווייגטע אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, וועלכע ציילט הונדערטער ישובים, גרייטע אויפצונעמען די עליה; ס'איז אויסגעבויט געוואָרן אַן אַרבעטער־ווירטשאַפט אין אינדוסטרי, קאָמוניקאַציע, אין בוי־אונטערנעמונג און אין פאַרקויף; ס'איז אַנטשטאַנען צבא הגנה לישראל, גוט געשולט און באַוואָפנט; ס'האָט זיך פאַרצווייגט און באַרייכערט די העברעישע קולטור; ס'האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט דעמאָקראַטישע און פאַרוואַלטונגס־אַנשטאַלטן און ס'איז דערוואָרבן געוואָרן אַ רייכע פּאָליטישע דערפאַרונג. — אַזוי זענען געשאַפן געוואָרן די גרונט־באַדינגונגען און אויפנעם־מעגלעכקייטן אין דער מדינה, אין דער הסתדרות און אין דער ציוניסטישער באַוועגונג — צו אַבסאָרבירן דעם דריטן מיליאָן אין אַ טעמפּאָ, וואָס אַנטשפּרעכט די באַדערפענישן פונעם פאָלק און פון דער מדינה אין אַ תקופה פון גלות־פאַנאַנדערפאַל און פון ווערטן־איבערשאַצונג אין דער וועלט.

התישבות, אַנטוויקלונג, באַפעלקערן — אין חלוצישע באַדינגונגען

מיט דער אַנטשטייאונג און בוי פון דער מדינה און מיטן פאָרשריט, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין באַזעצן דאָס לאַנד, זענען געשאַפן געוואָרן גינסטיקע באַדינגונגען פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם אין אַ גרויסן און זיך פאַרגרעסערנדיקן פאַרנעם — אין פון דער אַנדערער זייט האָט זיך נאָך מער אַנטפּלעקט דער מוז בייצוקומען די שווערע אָביעקטיווע שטערונגען, אין וועלכע מיר דאַרפן פאַרווירקלעכן די קאָלאָניזאַציע און אַנטוויקלונגס־אַרבעט פון שטאַנדפּונקט פון ב אָ ד ן און וו אַ ס ע ר.

די נישט־באַזעצטע באָדן־רעזערוון געפינען זיך, מערסטנטייל, אין די בערג און אין נגב. הייסט דאָס, אַז די קאָלאָניזאַציע־באַדינגונגען אין דער צוקונפט וועלן זיין שווערערע ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט. אַ צוגאָב פון וואַסער, וואָס איז נויטיק פאַר דער נייער קאָלאָניזאַציע, וועט אין דער צוקונפט קומען נאָר פון ווייטע מקורות; דאָס וועט פאָדערן צו שעפּן ווייט און הויך.

ס'איז אוממעגלעך צו אַנטוויקלען און באַזירן אַ נייע, ברייט־פאַרצווייגטע קאָלאָניזאַציע, נישט אַנטוויקלענדיק די צענטראַלע וואַסער־אונטערנעמונג אין לאַנד. דאָס באַזעצן די ווייטע שטחים אין נגב און אויף די בערג, וועט פאָדערן אויפשטעלן וואַסער־רעזערוואַרן, וואַסער־לייטונג און עלעקטריע, ווי אויך פלאַסטערן לאַנגע שאָסייען — דאָס אַלץ איז פאַרבונדן מיט גרעסערע אינוועסטיציעס ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט. די אַנטוויקלונג פון אינדוסטרי, פאַבריקאַציע און מלאכה אין דרום, אין נגב און גליל — און נישט אין די גרויסע שטעט לענגאויס דעם ים־ברעג — בכדי צו פאַרשטאַרקן די זעלבשטענדיקייט פון דער ישראל־ווירטשאַפט, אין איינקלאַנג מיט די אינטערעסן פון דער באַפעלקערונג און זיכערהייט־נויטן — די דאָזיקע אַנטוויקלונגס־אַרבעט איז אויך פאַרבונדן מיט חלוצישע אָנשטרענגונגען. דאָס זעלבע אויך לגבי דער אַנטוויקלונג פון די נאַטירלעכע אוצרות, בוי פון באַן־ליניעס, פאָרטן א.א.וו.

אַלגעמיינע און שנעלע אַנטוויקלונג פון דרומדיקן נגב און אילת

דאָס עפענען דעם וועג קיין אילת און ים־סוף און דאָס אַנטפּלעקן נייע מעגלעכקייטן פון ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע באַציאונגען מיט פעלקער פון אַזיע און אַפריקע — האָט געגעבן אַ שטאַרקן שטויס דער שנעלער אַנטוויקלונג פון דרומדיקן נגב און די שטאָט אילת. דאָס שאַפן אַן עקאָנאָמישע באַזע פאַר אילת איז פאַרבונדן מיט דער קאָלאָניזאַציע פון דרומדיקן נגב און אַנטוויקלונג פון זיינע נאַ־

טירלעכע אוצרות, לאַנדווירטשאַפט, ים־המלח א.א.וו. די פּאָרטן, וואַסער און עלעקטריץ־אונטערנעמונגען. די נאַפט־ברונימער וועלן נישט זיין באַשיצט און פאַרזיכערט אָן אַרבעטער־זידלונגען, צעשפּרייטע אין נגב־ברייטקייטן און לענגאויס די קאָמוניקאַציע־וועגן, וואַסער און נאַפט־ווערק, דאָס הייסט: די שנעלע און אַלגעמיינע אַנטוויקלונג פון דרומדיקן נגב און אילת, איז פון ווירטשאַפטלעכן, פּאָליטישן און זיכערהייטס־שטאַנדפּונקט — אַ לעבנס־וויכטיקע און דרינגענדיקע אויפגאַבע.

ווענדונג צו פּרימערע פּראָדוקציע־צווייגן

דער וווקס פון דער ישראל־ווירטשאַפט איז ביז איצט פאָרגעקומען בעיקר אין די צווייגן, וואָס זענען נאָענט צו קאָנסומציע. אָבער די אַנטוויקלונגס־באַדערפענישן, אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ פאַרשטאַרקטער עליה־אַבסאָרבירונג, זענען מחייב אַ דרינגענדיקע ווענדונג צו פּרימערע פּראָדוקציע־צווייגן, ד. ה., אין לאַנד־ווירטשאַפט — אויסער דער אַנטוויקלונג און פאַרפעסטיקונג פון דער געמישטער לאַנד־ווירטשאַפט, — פאַרברייטערן די פּראָדוקציע דורך נייע געוויקסן פאַר אינדוסטריעלע רוי־מאַטעריאַלן, דורך פאַרגרעסערן די פלאַנצונגס־שטחים א.א.וו.; אין שיף־וועזן — פאַרגרעסערונג פון האַנדלס־פלאָט און זיין אויסנוצונג פאַר דער נאַציאָנאַלער פאַרזאָרגונג אין אַ ברייטערן פאַרנעם; אין פאַבריקאַציע: שאַפונג פון אַ גרונט־אינדוסטריע (מעטאַל, כעמישע און מאַשינען־אינדוסטריע, רוישטאָפן), בכדי מאַקסימאַל אויסנוצן די אָרטיקע רוי־שטאָפן און נאַטירלעכע רייכטימער.

אַזאַ עקאָנאָמישע פּאָליטיק פאָדערט גרויסע געלט־אינוועסטיציעס, אויסשולונג פון אַרבעטער אין נייע פאַכן — און בכלל, אַ לאַנגן אָטעם ביז צו דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע אין איר פולן פאַרנעם.

פאַרשטאַרקונג פון אור־פּראָדוקציע אַנטקעגן פאַרמיטלונג און באַדינונג

די ישראלדיקע עקאָנאָמיק ליידט פון אַ שאַרפן מאַנגל אין גלייכגעוויכט צווישן די באַשעפטיקטע אין שעפערישע פּראָדוקציע־צווייגן און די, וועלכע זענען באַשעפטיקט אין פאַרמיטלונג און באַדינונג. די דאָזיקע אַנאָמאַליע איז גורם צו אַ פאַרקלענערונג און פאַרטייערונג פון דער פּראָדוקציע, אַ דעפיציט אינעם בילאַנס פון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט, צו אַ דיפערענץ צווישן קאַפּיטאַל־אימפּאָרט און אינוועסטיציע. דאָס אַלץ ווירקט שלעכט אויף דער ישראל־געזעלשאַפט און שטעלט אין געפאַר דעם וועג צו עקאָנאָמישער זעלבשטענדיקייט. כדי בייצוקומען די דאָזיקע ווירקלעכקייט מוז מען קודם כל אַריבערפירן באַשעפטיקטע אין באַדינונגס־צווייגן צו פּראָדוקטיווער אַרבעט, און רעאַליזירן, הלכה למעשה, די פּראָדוקטיוויזאַציע פון אַרבעטס־כוח אין מדינת ישראל.

דער נאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל פאַר קאָלאָניזאַציע און אַנטוויקלונג

אַבסאָרבירן די עליה, באַוואָרענען די זיכערהייטס־באַדערפענישן, אויפשטעלן גרונט־אונטערנעמונגען אין דער אינדוסטריע און די צענטראַלע וואַסער־אונטערנעמונגען, פאַרברייטערן די עלעקטריפיקאַציע־נעץ, אַנטדעקן נאַפט־קוואַלן און זיי אויסנוצן, באַזעצן דעם גליל, אַנטוויקלען דעם דרומדיקן נגב און די שטאָט אילת — דאָס אַלץ איז באַדינגט דורך דעם מאָביליזירן גרויסע נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע קאַפּיטאַלן און זייער אויסשליסלעכע פאַרווענדונג פאַר אַנטוויקלונגס־ און קאָלאָניזאַציע־צוועקן.

די ישראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג איז פאַראינטערעסירט אויך אין יידישן פּריוואַט־קאַפּיטאַל, אין אינוועסטיציעס אין אַלע עקאָנאָמישע צווייגן, אָבער דער פּריוואַט־קאַפּיטאַל, וואָס זוכט, לויט זיין קאַפּיטאַליסטישן מהות און לויט זיין טראַדיציע אין די גלות־לענדער — לייכטע און שנעלע פאַרדינסטן, שטראָמט נישט, בדרך כלל, אין די שטחים פון אַנטוויקלונג און נייער קאָלאָניזאַציע, טראָץ די פאַרלייכטערונגען און קאָנצעסיעס, וואָס די רעגירונג גיט פּריוואַטע אינוועסטירער. אויך אין דער צוקונפט זעט זיך פאָרויס אַ פאַרהעלטנישמעסיקע באַגרענעצונג פון פּריוואַטן קאַפּיטאַל־צופלוס, ווייל די פאַקטאָרן פונעם דערמאָנטן פּראָצעס האָבן זיך נאָך נישט געענדערט. מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז אין דער צוקונפט וועט אפשר זיין שווערער צו פינאַנסירן די אַנטוויקלונג און אַבסאָרבירונגס־אַרבעטן, ווייל די אַנטשעדיקונגס־געלטער פון דייטשלאַנד וועלן זיך סוף כל סוף אויסשעפּן; עס איז אויך נישט אויסגעשלאָסן, אַז די הילפס־געלטער פון אַמעריקע וועלן זיך איינשרומפּן, אָדער אינגאַנצן אָפּגעשטעלט ווערן. פון דעם איז געדרונגען: דער נאַציאָנאַלער און געזעלשאַפט־

לעכער קאַפּיטאַל, וואָס קומט בעיקר פון יידישע פּריוויליקע שפּענדונגען און איז צו דער דיספּאָזיציע פון דער מדינה און ציוניסטישער באַוועגונג — נאָר דער דאָזיקער קאַפּיטאַל וועט בילדן די עיקר־קוועלע פאַר פינאַנסירן די אַבסאָרבירונג, אַנטוויקלונג און קאָלאָניזאַציע.

נישט אַריבערפירן נאַציאָנאַלן באָדן אין פּריוואַטן באַזיץ

נאַציאָנאַלער באַזיץ פון באָדן איז געווען און איז אַ פאָרבאַדינג פאַר דער קאָלאָניזאַציע פונעם לאַנד, פאַר אַן אַרבעטער־התישבות און פאַר אַ פאָלקסטימלעכן וווינונגס־וועזן, אין שטאָט און אין דער קאָלאָניע, בכדי צו באַשיצן דעם קאָלאָניסט און דעם לאָקאַטאָר פון אַ שפּעקולאַנטישער רענטע און הויכן דירה־געלט. די דאָזיקע סאָציאַלע דערגרייכונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין מדינת ישראל, — וואָס אין אַנדערע לענדער איז מען צו איר דערגאַנגען ערשט נאָך מלחמות און סאָציאַלע רעוואָלוציעס, — דאַרף זאָרגפעליק אָפּגעהיט ווערן. אויך אין דער צוקונפט טאָר מען נישט אַריבערפירן נאַציאָנאַלן באָדן אין פּריוואַטן באַזיץ, ווייל נאַציאָנאַלער באַזיץ פון באָדן איז אַן ערשטראַנגיקער תנאי פאַר דער פאָרזעצונג פון דער קאָלאָניזאַציע און סאָציאַלער געשטאַלטונג פון דער מדינה.

אַ ציוניסטישע פאָלקס־באַוועגונג

די אויפגאַבן וואָס שטייען פאַר אונדז אויפן שוועל פון צווייטן יאָרצענדליק, קאָנען אויסגעפירט ווערן נאָר בתנאי פון אַן ענגער קעגנזייטיקער פאַרבינדונג צווישן דער מדינה און צווישן דעם פאָלק אין די תפוצות, וואָס איז דער טרעגער און אָביעקט פון מדינת ישראל. אויך נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה, האָט זיך נאָך נישט פאַרענדיקט די ראָל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און וועלט־באַוועגונג — אָרגאַניזירן די עליה פונעם פאָלק אין גלות, פון אַלע זיינע עדות און שיכטן, פאַרן אויפבוי און קיבוץ־גלויות אין נישט צעטיילטן היימלאַנד; פאַר דער נאַציאָנאַלער דערציאונג פון די יידן אין גלות; פאַר אַ קאַמף קעגן טענדענצן פון אַסימילאַציע און דעזערציע פון קעגנזייטיקער גורל־אחריות פון פאָלק; פאַר דער מאָביליזירונג פון נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, צו פינאַנסירן די אונטערנעמונגען פון קליטה, קאָלאָניזאַציע און זיכערהייט.

די דאָזיקע אויפגאַבן וועלן נישט אויסגעפירט ווערן דורך אויסלאַנד־אַפּאַראַטן פון דער מדינה און נישט דורך פאַרשידענע הילפס־אָרגאַניזאַציעס — נאָר דורך אויפלעבן און אַקטיוויזירן אַ פאָלקס־באַוועגונג אין גלות, פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם אין זיין פולן אינהאַלט און צילן.

די אויפגאַבן פון דער יוגנט

אין יעדער געזעלשאַפט פירט זיך אַ געראַנגל פאַר דער צוקונפט פון יונגן דור. אויב אָבער, אין אַלגעמיין, גיט איבער דער אַרבעטער־קלאַס דער יוגנט די אויפגאַבע: שטעלן זיך בראש פון סאָציאַלן באַפרייאונגס־קאַמף, אין די ראַמען פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג — איז דאָך אין אונדזער ווירקלעכקייט די אויפגאַבע פון דער יוגנט צו זיין דער פאָרפּאָסטן פאַר אַ נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן אויפקום, און אויסטראָגן דעם *בוי פון נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט פון גרונט אויס*.

אונדזער אויפגאַבע איז בויען פון דאָסניי די נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט און *שאַפן* דעם אַרבעטער־קלאַס. אין אונדזער ווירקלעכקייט איז עס איין און דער זעלבער היסטאָרישער פּראָצעס און ער באַשטימט עס דעם פּלאַץ פאַר דער יוגנט אין דער ישראל־געזעלשאַפט, פּאָזיטיוו אָדער נעגאַטיוו.

דער חורבן און אומקום פון אייראָפּעישן יידנטום, וואָס האָט אויך אויסגעטרוקנט די קוואַלן פון דער חלוצישער באַוועגונג: די נישט־געלונגענע אָנשטרענגונג צו שאַפן פון דאָסניי אַ גרויסע חלוצישע באַוועגונג אין די גלות־לענדער — די דאָזיקע פאַקטן האָבן גוזר געווען אויף דער ישראל־יוגנט, זי זאָל בילדן דעם הויפּט־רעזערוואַר פאַר דער פאָרזעצונג פון חלוציזם אין מדינת ישראל.

די יוגנט אין מדינת ישראל שטעלט מיט זיך פאָר אַ צאָלרייכע שבט, איינגעוואָרצלט אין לאַנד און אין שפּראַך, דערצויגן אויף פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט. אין די „הגנה"־רייען, אין די העפּלה־אויפטוען, אין דעם אַנטי־אימפּעריאַליסטישן קאַמף, אין באַפרייאונגס־קריג און אין דער סיני־אַקציע — האָט די דאָזיקע יוגנט אַרויסגעוויזן איר שטאַרקע צוגעבונדנקייט צום פאָטערלאַנד און איר גרייטקייט איינשטעלן דאָס לעבן פאַר ישראלס אומאָפּהענגיקייט. דאַקעגן האָבן נאָר ווייניקע פון איר גענומען אויף זיך די חלוצישע אויפגאַבן אין דער התישבות, אין די גרענעץ־ישובים, פּישעריי א.א.וו. צווישן דער יוגנט הערשט אַ

מענדענץ זיך דערוויטערן פון פיזישער, חלוצישער אַרבעט בכדי אַריינדרינגען אין לייכטע פּרנסות, אין ביוראָ־אַפּאַראַטן און פרייע פּראָפעסיעס.

אין דער ישראלדיקער געזעלשאַפט האָבן זיך געפונען וואָגיקע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן זיך באַמיט צו דערפינדן ערזאַצן פאַר פּערזענלעכן חלוציזם. אָבער די דאָזיקע ערזאַצן, אין וואָס פאַר אַן אידעאָלאָגישן בגד מען זאָל זיי נישט איינוויקלען, — פירן אַראָפּ אין אַ זייט די ישראל־יוגנט פון איר היסטאָרישער ראָל אין קאַמף פאַר באַזעצן דאָס לאַנד אין גייסט פון ציוניסטישן סאָציאַליזם.

די יוגנט צו אַן אייניאָריקן חלוצישן דינסט

די קאָנפערענץ זאָגט זיך אַרויס פאַר אַדורכפירן אין דער כנסת אַ געזעץ, וואָס פאַרפליכטעט די יוגנטלעכע — נאָכן אויספירן אַ צוויייאָריקע מיליטערישע דינסט, זיך מאָביליזירן, אָן שום אויסנאַם, צו אַן אייניאָריקן חלוצישן דינסט צום אויפשטעלן אָנהאַלטס־ישובים אין נגב, אין גליל און אין אַנדערע גרענעץ־ברענפונקטן, אינסטרואירן די עולים־ישובים, פאַרשטאַרקן דעם מענטשן־פּאָטענציאַל אין די ווייניק־באַפעלקערטע גרענעץ־פונקטן. פאַרבייטן חברים פון דער עלטערער התישבות, וועלכע זאָלן זיך קאָנען איבערגעבן דער הילף אין די גרענעץ־ און אָנהאַלטס־פונקטן.

אַ יאָר חלוצישע מאָביליזאַציע נאָכן מיליטער־דינסט, וועט דינען אַלס סטימול, צוצואיילן די אַנטוויקלונג פונעם לאַנד און וועט זיין אַ קוואַל פון דערציאונג און אינספּיראַציע פאַרן יונגן דור.

די מאַסן־עליה און דער חלוצישער רוקן־ביין

די קומענדיקע עליה וועט זיין אַנדערש אין איר צוזאַמענשטעל — אינעם זין פון לענדער־אָפּשטאַם — פונעם צווייטן מיליאָן. די עליה, וועלכע איז געקומען אין לאַנד מיט דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה, איז באַשטאַנען בעיקר פון די פאַרבליבענע רעשטלעך נאָכן אומקום אין די גלות־לענדער פון אייראָפּע. שפּעטער זענען געקומען עליה־כוואַליעס, מערסטנטייל פון די מוסולמענישע לענדער — פון אַזיע און צפון־אַפריקע.

די פאַרשטייענדיקע עליה — דער דריטער מיליאָן — איר מערהייט וועט וואַרשיינלעך זיין פון די אייראָפּעישע, בעיקר פון די סאָוויעטישע לענדער, און בלויז אַ מינדערהייט פון דער דאָזיקער עליה — פון צפון־ און דרום־אַפריקע און פון דרום־אַמעריקע. די דאָזיקע ענדערונג אינעם צוזאַמענשטעל באַשטימט איר אייגנאַרטיקייט אויך אין סאָציאַלן און פאַכמענישן זין און באַדינגט די אַבסאָרבירונגס־וועגן פון דער עליה. אין דער צייט, וואָס די עליה אין די לעצטע יאָרן האָט על פי רוב, געליטן פון מאַנגל אין פאַכמענער און אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ — וועט די קומענדיקע עליה זיך אויסצייכענען מיט אַ שפע פון פאַכמענער בכלל און אינטעליגענץ בפרט.

דאָס אַבסאָרבירן די דאָזיקע עליה און פאַרטיפערן איר פּראָדוקטיוויזאַציע־פּראָצעס איז אויך אָפּהענגיק דערפון, ווי גרויס עס וועט זיין דער חלוצישער קערן, וועלכער איז אין די לעצטע יאָרן באַשרענקט געוואָרן אין פאַרגלייך מיטן וווקס פון דער באַפעלקערונג און עליה.

די צוזאַמענבינדונג פון דער חלוצישער עליה פון אַלע גלות־לענדער מיט די חלוצישע אָרגאַניזאַציעס פון דער ישראלדיקער יוגנט — אינערהאַלב דער מאַסן־עליה — איז אַן אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט פאַר דער אַבסאָרבירונג פונעם דריטן מיליאָן.

אַקטיווע פּאָליטיק פאַר מיזוג גלויות

מיטן שנעלן טעמפּאָ פון מאַסן־עליה פון פאַרשידענע לענדער און עדות, ווערט פאַרשאַרפט דאָס פּראָבלעם פון צונויפשמעלצן אַלע גלותן און עדות. דער דאָזיקער פּראָבלעם איז שוין פאַרשאַרפט געוואָרן ביז אַן אינערלעכער סכנה, ווייל אַ גערענגל פון עדות וועט אָפּשוואַכן דעם אינערלעכן כוח פונעם פאָלק און אָפּהאַלטן דעם פּראָצעס פון זיין באַנייאונג און קאָנסאָלידאַציע. דעריבער פאַרפליכטעט דאָס אַבסאָרבירן די נייע עליה צו אַ מער אַקטיווער פּאָליטיק פון צונויפשמעלצן די גלותן און עדות און אַזוי־אַרום אויסמיידן פעלערן פון דער פאַרגאַנגענהייט.

אין דער ישראל־געזעלשאַפט זענען פאַראַן איצט דערשיינונגען, וואָס באַשווערן נישט ווייניק דעם אַבסאָרבירונגס־פּראָצעס, ווי: אָפּשליסן זיך פון די נייע עולים, קאָנצענטראַציע לויט לענדער־אָפּשטאַמונג, אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם עול פון חלוצישע פליכטן, געיעג נאָך רייכטום, עגאָיסטיש אויסנוצן די דערגרייכונגען פונעם כלל, אויסנוצן די שוועריקייטן פון די עולים, וועלכע פליסן אַרויס פון די אָביעקטיווע אַבסאָרבציע־שוועריקייטן.

אַן אומאויפהערלעכער קאַמף קעגן די דאָ־

זיקע דערשיינונגען — איז אומבאַדינגט נויטיק, בכדי די אַבסאַרבירונגס־אויפגאַבן זאָלן דורכגעפירט ווערן מיט דערפאָלג.

גערעגל איבער דער געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער געשטאַלטונג

דער פּראָצעס פון קלאַסן־אַנטשטייאונג אין דער ישראלדיקער געזעלשאַפט ווערט באַגלייט פון אַ שטענדיקן גערעגל וועגן אינהאַלט פון גייסטיקן און קולטור־לעבן. דער איבערגאַנג צו פיזישער אַרבעט — אין דער קאָלאָניזאַציע, פישעריי, שיפעריי און גראַבנס — פאַרשטאַרקט דעם באַוווסטזיין פונעם ווערט פון אַרבעטס־מענטש אַלס שעפער פון ווערטן און הערשער איבער דער נאַטור.

די אַרבעט אַלס נאַטירלעכע לעבנס־ווירקלעכקייט שפּיגלט זיך אָפּ און באַווירקט די געשטאַלטונג פון דער נייער ישראלדיקער קולטור — דורך אויפהויבן דעם ווערט פון דער פרייער און וויסנשאַפטלעכער דערציאונג, פון בויענדיקן און קעמפנדיקן חלוציזם, פון גלייכהייט, אַרבעט־מי און שנאה צו עקספּלאָאַטאַציע. נעגירן די דאַזיקע ווערטן און אויסבייטן די אויף קלעריקאַלער דערציאונג, געלט־גייציקייט און קאַריעריזם — העלפן צו פאַרשטאַרקן יענע געזעלשאַפטלעכע טענדענצן, וואָס צילן אויפצוווינגען די הערשאַפט פון מיטל־קלאַס און בורזשואַזיע אויפן לעבן אין מדינת ישראל.

די דאַזיקע שטרעבונגען, וועלכע שפּיגלען זיך אָפּ אין פאַרשידענע פאָרמען אין דער דערציאונג, ליטעראַטור און קונסט — נויטיקן זיך אין אַ באַרעכטיקונג פון עקספּלאָאַטאַציע, סאָציאַלער און עדות־אומגלייכהייט, אין דעם אָראָפּנידערן די געשטאַלט פונעם אַרבעטער־מענטש און דעם ווערט פון זיין קאַמף קעגן דער נאַטור און אין דער געזעלשאַפט.

דער גערעגל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג פאַר בויען דאָס לאַנד און דאָס פאָלק דורך ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע און חלוצישע וועגן — קאָן נישט דערגרייכט ווערן אויב ער וועט זיך באַגרענעצן בלויז אין וווירטשאַפטלעכן און פּאָליטישן תחום און וועט פאַרזען די סכנות, וועלכע שטייען פאַר דער זיך שאַפנדיקער ישראלדיקער געזעלשאַפט, צוליב די ענדערונגען, וואָס קומען־פאַר אינעם גייסטיקן לעבן און אין דער קולטור — אין אַ נישט סאָציאַליסטישער און נישט־אַרבעטער אַטמאָספער.

קעגן דער שטרעבונג אויפצוווינגען אויף אַן אַדמיניסטראַטיוון וועג דאָס „יידישע באַוווסטזיין" — איז די אַרבעטער־באַוועגונג באַרופן צו פלעגן דאָס חלוציש־סאָציאַליסטישע באַוווסטזיין פון דער יוגנט — פאַרטיפן איר פאַרבינדונג צום פאָלק, צו זיין געשיכטע און פאָטערלאַנד, צו זיין ליטעראַטור און קולטור, צו זיין עקזיסטענץ־קאַמף, צו זיין נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אויטאָעמאַנסיפּאַציע; צו געשטאַלטיקן די באַציאונג פון דער יוגנט צו אַרבעט, צו דער נאַטור, צו נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט; פאַר אַ געזעלשאַפט, אַ באַפרייטער פון אויסנוצונג, פאַר אַכטן די רעכט פונעם רעליגיעזן מענטש — קעגן אַנטי־רעליגיעזן צוואַנג און פאַר אַ גערעגל קעגן יעדע דערשיינונג פון רעליגיעזן צוואַנג — דורכן מלוכה־געזעץ.

דעפּראָלעטאַריזאַציע אָדער איבערגאַנג

די מערהייט אײנוווינער אין מדינת ישראל באַשטייט פון אַרבעטס־שיכטן און מיטל־קלאַס — דאַקעגן איז נישט וואָגיק די צאָל פון בורזשואַזיע־שיכטן, וועלכע הערשן איבער די פּראָדוקציע־מיטלען און קאַפּיטאַל. דערפאַר טאַקע איז די הויפּט־אָנשטרענגונג פון דער בורזשואַזיע צו דעראָבערן דעם איינפלוס אויפן מיטלשטאַנד. דורך אונטערשטיצן די לוין־דיפערענציאַציע וויל זי אונטערקויפן די אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ, דאָס באַאַמטנטום און נאָענטע צו זיי שיכטן אין דער אַרבעטערשאַפט.

אין מדינת ישראל קומט פאַר אַן אומאויפהערלעכער פּראָלעטאַריזירונגס־פּראָצעס און איבערגאַנג צו פיזישער אַרבעט פון מיטלקלאַס, וועלכער קומט אָן אין לאַנד מיט דער עליה — אין דער זעלבער צייט קומט פאַר אין דעם טייל פון דער אַרבעטערשאַפט, וואָס געפינט זיך לענגער אין לאַנד אַ פאַרקערטער פּראָצעס פון דעפּראָלעטאַריזאַציע. די עליה־ווירקלעכקייט שאַפט פאַר דעם דאַזיקן איינגעוואָרצלטן און דערפאַרענעם שיכט די געלעגנהייט איבערצוגיין צו באַדינונג און פאַרמיטלונג, צו באַאַמטנטום און פרייע פּראָפעסיעס און אַזוי אַרום זיך פאַררעכענען צום מיטלקלאַס. דער אומפאַנג פון אָט דעם קלאַס, צי ער קומט מיט דער עליה און בלייבט מיט זיין עמיגראַנטישן כאַראַקטער, אָדער ער שאַפט זיך פונדאַסניי אין מדינת ישראל — זיין אומפאַנג און פּאָליטישע באַדייטונג זענען אויסגעוואַקסן צו אַנאָרמאַלע מאַסשטאַבן און נישט אין ריכטיקער פּראָפּאָרציע צו דער עקזיס־

טירנדיקער, אָדער זיך שאַפנדיקער פּראָדוציר־באַזע.

פּאָליטיש צייכנט זיך די שיכט אויס מיט אומסטאַבילקייט און מיט אַ נייגונג זיך צו דערווייטערן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און אירע חלוצישע און סאָציאַליסטישע ווערטן.

„חרות" — דער אָנגריף־כּוח פון דער בורזשואַזיע

די „חרות"־פּאַרטיי שטרעבט צו דערגיין צו דער מאַכט אין מדינת ישראל אַלס אָנגריף־כּוח פון דער בורזשואַזיע קעגן אָרגאַניזירטן אַרבעטער־קלאַס. זי קאָנקורירט מיט דער פּאַרטיי פון די „אַלגעמיינע ציוניסטן" אין באַדינען די עקסטרעמע אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע, אירע פּאָזיציעס אין כּנסת און אין דער געזעלשאַפט: דורך נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער דעמאַגאָגיע און דורך חנפהנען די אַזוי־גערופענע רעליגיעזע עלעמענטן — שטרעבט זי צו געווינען ברייטע שיכטן פונעם מיטלקלאַס און באַוועלטע און ליידנדיקע צווישן דער נייער עליה. זי נוצט אויס די אָביעקטיווע נויטן פון דער קבוץ־גלויות־תּקופה און די נעגאַטיווע זייטן פון דער איבערגעטריבענער קאָנצענטראַציע אין די גרויסע שטעט און אין די עולים־צענטערן. זי באַנוצט זיך מיט עלעמענטן אָפּגעשטאַנענע און אָפּגעריסענע פון אַרבעט. פּונקט ווי דער פאַשיזם ביי אַלע פעלקער, פילט אויס „חרות" אין דער ישראלדיקער ווירקלעכקייט די פונקציע פון קאָנצענטרירן מאַסן אין דינסט פון דער בורזשואַזיע, וועלכע איז נישט פעיק דאָס צו טאָן אָפן און דירעקט.

איר איינגעוואָרצלטע און אָנגרייפערישע שנאה צו דער אַרבעטער־באַוועגונג און איר אָרגאַניזאַציע, איר בפירושער ווילן צו ברעכן די הסתדרות, איר שטרעבן צו פּאָליטישער פאַראייניקונג פון דער בורזשואַזיע, איר פּלאַן מבטל צו מאַכן אַלע דערגרייכונגען פון נאַציאָנאַליזירונג — כּדי איבערצוגעבן דעם באָדן, די נאַטירלעכע רייכטימער, די גרונט־אינדוסטרי צום אָרטיקן און אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל. אירע אָנגרייפערישע שטרעבונגען כּלפּי חוץ און איר גרייטקייט צו שטעלן אין דינסט פון פרעמדע אינטערעסן דעם ישראלדיקן פאַרטיידיקונגס־כּוח — אונטער אַ מאַסקע פון מיליטערישע פאַקטן — דאָס אַלץ פאַרוואַנדלט די עווענטועלע הערשאַפט פון „חרות" אין אַ סכּנה פאַרן עצם־קיום און צוקונפט פון מדינת ישראל.

רעליגיעזער צוואַנג „פּריוואַטע איניציאַטיוו" און לויןדיפערענציאַציע

די מיטל־שיכטן און רעליגיעזע אַרבעטער בילדן דעם הויפּט־אָנשפּאַר פון די רעליגיעזע פּאַרטייען אין מדינת ישראל, וואָס ווילן אויפצווינגען אויף דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג דורך אַדמיניסטראַטיווע צוואַנגס־מיטלען, די הערשאַפט פון רעליגיעזע מנהגים.

די פּראָגרעסיווע פּאַרטיי שטעלט־פאָר, בעיקר, די אינטערעסן פון אַ טייל פון דער אינטעליגענץ, פרייע פּראָפעסיעס און פון גוט־סיטואירטע גרופּן אין דער אַרבעטערשאַפט. זי געניסט פון זייער פּאָליטישער אונטערשטיצונג אַדאַנק איר פלעגן אינדיווידואַליסטישע, אַנטי־קאָלעקטיוויסטישע איינשטעלונגען פון די דאָזיקע שיכטן און איר פאָדערונג איינצופירן אַ סאָציאַלע דיפערענציאַציע צווישן די אַרבעטנדיקע מאַסן און פאַר „פּריוואַטער איניציאַטיוו".

די דערמאָנטע פּאַרטייען, וועלכע האָבן אויך חלוצישע און אַרבעטער־אָפּצווייגונגען — קאָנען שאַפן אַ בונד מיטן אַרבעטער־קלאַס און קעמפן אינערהאַלב דעם דאָזיקן בונד פאַר זייערע ספּעציעלע צילן. דאָס וואָלט געווען זייער געווונטשן בתנאי, אַז דאָס זאָל נישט זיין אויפן חשבון פון דער אַרבעטערשאַפט, פון איר פרייען קאַמף און שאַפונג לטובת קיבוץ־גלויות, פאַר איינפירן אַ דעמאָקראַטיש לעבן אין מדינת ישראל און פאַר אַ קלאַסן־קאַמף קעגן דער פּאַרטיי פון די „אַלגעמיינע ציוניסטן" און „חרות", וועלכע שטרעבן צו דער אויסשליסלעכער מאַכט פון די „רעכטע" אין דער מדינה.

פאַרזיכערונג פון אַרבעטער־העגעמאָניע אין מדינת ישראל

דאָס הויפּט־פּראָבלעם, פאַר וועלכן ס'שטייט די ישראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג אין איר אַלגעמיינעם פּאָליטישן קאַמף — איז צו פאַרזיכערן איר העגעמאָניע אין דער רעגירונג כּדי די מדינה זאָל זיין אַן אויסגעפּרוּווטער און אחריותפולער מכשיר פאַר קיבוץ־גלויות און בנין־הארץ.

צו דעם דאָזיקן פּאָליטישן קאַמף, וועמענס הצלחה איז אָפּהענגיק קודם כּל פון אַן ערלעכער און ענגער שותּפות צווישן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען אין דער הסתדרות און אין דער מדינה — שטרעבט די אַרבעטער באַוועגונג צו אַ געמיינזאַמער טע־

טיקייט מיט דער פּאָליטישער פאָרשטייערשאַפט פון די מיטלשיכטן, — אין כנסת און אין דער רעגירונג — דורך שטאַרקן זייער פאַרבינדונג מיט דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג.

די קלאַסן־זעלבשטענדיקייט

דער צענטער פונעם אַרבעטער־כוח אין זיין קאַמף און שאַפונג איז געווען און וועט זיין אין דער הסתדרות, אין איר אַלגעמיינקייט און זעלבשטענדיקייט, אין איר ווירטשאַפטלעכן שוווּנג, אין פאַרטיידיקן די אַרבעטער־אינטע־רעסן, אין אירע סאָציאַליסטישע און חלוצישע ווערטן.

די אַנטשטייאונג פון דער מדינה, אין וועל־כער ס׳גייט אָן דער קלאַסן־קאַמף איבער די וועגן פון אויפבוי, איבער אַ גערעכטער פאַר־טיילונג פון נאַציאָנאַלן איינקונפט און איבער דער סאָציאַלער געשטאַלטונג פון דער ישראל־געזעלשאַפט — פאַרפליכטעט נאָך מער אָפּצו־היטן די עקזיסטענץ און קלאַסן־זעלבשטענדי־קייט פון דער הסתדרות — אינעם גאַנצן פאַר־נעם פון אירע אויפגאַבן. די נייגונג אין מפא״י צו באַגרענעצן די קלאַסן־זעלבשטענדיקייט און איבערפירן הסתדרות׳ישע פונקציעס און מכשי־רים צו דער מדינה — קאָן אָפּשוואַכן דעם חלו־צישן שוווּנג אין די פאַרבינדונג פונעם אַר־בעטער און נייעם עולה צו דער הסתדרות, שע־דיקן דעם אַלגעמיינעם כוח פונעם אַרבעטער־אין דער פאַרטיידיקונג פון זיינע אינטערעסן; און זיין קאַמף פאַר אַ סאָציאַליסטישער גע־שטאַלטונג פון דער ישראל־געזעלשאַפט און פון דער מדינה.

אַרבעטער־זעלבשטענדיקייט בראש פון דער נאַציאָנאַלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז אַ גאַ־ראַנטיע פאַר אויספירן די היסטאָרישע אויפ־גאַבן פון דער מדינה.

קאַמף פאַר פאַרווירקלעכן דעם ציוניסטישן סאָציאַליזם

פאַרשידענע וועגן צום בשותפותדיקן ציל

דער סאָציאַליסטישער ציוניזם איז נישט קיין וויזיע פון אחרית הימים, נאָר אַ זיך שאַ־פנדיקע ווירקלעכקייט. דער סאָציאַליסטישער ציל פון ליקווידאַציע פונעם קאַפּיטאַליזם, אַלס קלאַסן־רעזשים, וואָס באַזירט אויף פּריוואַט־אייגנטום און געזעלשאַפטלעכער עקספּלאָאַטאַ־ציע פון ליקווידאַציע פונעם קאַפּיטאַליזם אַלס באַזירט אויף אַרבעט, קאָלעקטיוויזם און פריי־הייט — דער ציל איז בשותפותדיק פאַרן אַר־בעטער־קלאַס אין אַלע לענדער, אָבער די וועגן און מיטלען, וועלכע פירן צו דעם דאָזיקן ציל זענען פאַרשידנאַרטיק אין יעדן פאַלק לויט זיינע לעבנס־באַדינגונגען און לעבנס־באַ־דערפעניש, לויט זיין געשיכטע און אַנטוויק־לונגס־ניוואָ.

ספּעציפישע באַדינגונגען העלפן־צו דעם סאָציאַליזם אין מדינת ישראל

די אייגנאַרטיקע באַדינגונגען צום פאַר־ווירקלעכן דעם סאָציאַליזם אין ארץ־ישראל זענען:

א) די ווירטשאַפט און געזעלשאַפט, וועל־כע געפינען זיך אין אורשפּרינגלעכן שאַפונגס־פּראָצעס, און פון דאַנען די מעגלעכקייט פו־נעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער־קלאַס צו באַוויר־קן די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע גרונט־שטרע־בונג.

ב) די עקזיסטענץ פונעם נאַציאָנאַלן קאַ־פּיטאַל — די פרוכט פון פרייוויליקער איבער־געגעבנקייט פון די יידן אין די גלות־לענדער — אַנטקעגן דעם ווייניקער־וואָגיקן יידישן און פרעמדן פּריוואַט־קאַפּיטאַל.

ג) די עליה, וועלכע איז פאַרהעלטנישמע־סיק גרויס לגבי דער עקזיסטירנדיקער באַפעל־קערונג, וואָס איז געצוווּנגען אין איר גרעס־טן טייל באַלד איבערגיין צו פיזישער אַרבעט.

ד) דאָס נאַציאָנאַלע אייגנטום פון גרעסטן טייל באָדן און נאַטירלעכע רייכטימער, און די עקזיסטענץ פון אַ פּועלטום, וואָס איז נישט קיין איינגעוואָרצלטער קלאַס זינט דורות, נאָר אַ זיך־שאַפנדיקער קלאַס דורכן קאָלאָניזאַציע־פּראָצעס, וואָס נויטיקט זיך, בדרך כלל אין אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען און מאָדערנע פּראָ־דוקציע־מיטלען; אַ קלאַס, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר, צוזאַמען מיט די פאַבריקס־אַרבעטער, מלאכה און באַדינונג, איין סאָציאַלן שיכט, טראָגער דער דיפערענציאַציע אין אַרבעטס־לוין און אין איינקונפטן אינערהאַלב דער אַרבע־טערשאַפט.

ה) די היסטאָרישע שוואַכקייט פון דער בורזשואַזיע ביים באַזעצן די וויסטענישן, אין

אַנטוויקלען אַ לאַנדווירטשאַפט, פישעריי און שווער־אינדוסטרי.

דאָמינירנדיקע שטעלונג פונעם אַרבעטער אין ישראל

דער פּראָצעס פון עליה און קאָלאָניזאַציע, וואָס פליסט אַרויס פון די אייגנאַרטיקע, היסטאָרישע לעבנס־באַדינגונגען פונעם יידישן פאָלק, האָט געשאַפן די מעגלעכקייט, אַז דער ישראלדיקער אַרבעטער־קלאַס, וועלכער באַווירקט, דורך דער טעאָריע און פּראַקטיק פון ציוניסטישן סאָציאַליזם, זאָל דורך זיינע חלוציִשע אָנשטרענגונגען זיך דעראָבערן אַן איבערוויגנדיקע הערשאַפט איבער באָדן, וואַסער, נאַטירלעכע רייכטימער און פּראָדוקציע־מיטלען אין די גרונט־צווייגן, נאָך איידער עס איז אָפּגעשאַפן דאָס פּריוואַט־אייגנטום און דער קאַפּיטאַליסטישער רעזשים, בכלל, אין דער מדינה.

דאָס איבערנעמען די הערשאַפט פונעם אַרבעטער־קלאַס איבער די פּראָדוקציע־מיטלען אין די אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, איז באַדינגט דורך דער עקספּראָפּריאַציע פון די דאָזיקע מיטלען ביי דער בורזשואַזיע. אין די אָפּגעשטאַנענע לענדער, ווו אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע האָט שוין אָפּגעשאַפט דאָס פּריוואַט־אייגנטום פון די פּראָדוקציע־מיטלען — פירט דאָרט אַדורך דער אַרבעטער־קלאַס דעם איבערגאַנג פון אַגראַרער צו אינדוסטריע־ווירטשאַפט (אַלס נויטיקער פאָרבאַדינג פאַר העכערן דעם לעבנס־ניוואָ פון די מאַסן) דורך דיקטאַטאָרישער הערשאַפט, וועלכע לענקט אַ באַדייטנדיקן טייל פון די אַרבעטס־פּרוכטן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אין דער ריכטונג פון אינוועסטיציע און אַנטוויקלונג.

אין מדינת ישראל, דאַקעגן, — זענען געשאַפן געוואָרן נייע מעגלעכקייטן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונעם סאָציאַליזם: דער פאַקט פונעם שאַפנדיקן חלוציִשן כוח צו בויען אַ זעלבשטענדיקע אַרבעטער־ווירטשאַפט; דאָס, וואָס די אַרבעטערשאַפט איז דערגאַנגען צו אַ העגעמאָנישער שטעלונג אינערהאַלב דער ישראלדיקער ציוניסטישער דעמאָקראַטיע; דער פאַקט, וואָס דער קאָלאָניזאַציע־פּראָצעס אין לאַנד ווערט אויף אַן אַנטשיידנעם אופן געשטיצט דורכן יידישן נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, וועלכער איז אונטערגעוואָרפן די באַשלוסן פון די דעמאָקראַטישע אַנשטאַלטן פונעם פאָלק און פון דער מדינה — די דאָזיקע פאַקטן שאַפן פאַרן ישראלדיקן אַרבעטער־קלאַס די מעגלעכקייט אָנצווענדן סאָציאַליסטישע מעטאָדן ביים בויען זיינע ישובים און אונטערנעמונגען.

דער קיבוץ — חלוץ פון דער קאָמונע אין דער וועלט

די היסטאָרישע פאַרשפּעטיקונג פונעם יידישן פאָלק אין באַנייען זיין נאַציאָנאַלע, געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע עקזיסטענץ; דער איבערגאַנג צו מאָדערנער לאַנדווירטשאַפט און דאָס אַנטשטיין פון אַן אַרבעטער־קלאַס אין שטאָט און אין דאָרף, וועלכער קומט, בעיקר, פונעם מיטלקלאַס; די קאָלאָניזאַציע פונעם לאַנד אויף אַ טעכנישן און וויסנשאַפטלעכן הויכן ניוואָ — אין דער צייט פון באַשרענקנדיקן טעטיקייט־רוים פונעם אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַליזם און זיינע קריזיסן — דאָס אַלץ האָט באַוויגן דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס צו באַטייליקן זיך אין דער פאַרווירקלעכונג פונעם ציוניזם דורך בויען יידישע ישובים לויט סאָציאַליסטישע לעבנס־פאָרמען — און צו זיין דער חלוץ פון דער קאָמונע אין דער וועלט.

גלייכהייט און קעגנזייטיקע הילף

די צילן פון סאָציאַליזם, הן אין זין פון נעגירן די פעלערן פון קאַפּיטאַליזם און הן אין זין פון זיינע נייע געזעלשאַפטלעכע און ווירטשאַפטלעכע ווערטן — זענען אידענטיש, אין עיקר, אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. אָבער די ספּעציפישע באַדינגונגען, אין וועלכע דער סאָציאַליזם ווערט פאַרווירקלעכט אין יעדן לאַנד באַשטימען נישט נאָר ספּעציפישע פאַרווירקלעכונגס־פאָרמען ביי די פאַרשידענע פעלקער, נאָר אויך אַ פאַרשידענעם צייט־דויער צו דערגרייכן די סאָציאַליסטישע צילן.

דער ציוניסטישער סאָציאַליזם — אין זיין געדאַנקען־זעלבשטענדיקייט — איז פאַרויסגעגאַנגען אַנדערע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען אין שאַפן די קאָמונע און האָט געפלאַסטערט אַ וועג צו פערזענלעכער פאַרווירקלעכונג — חלוציות. די באַדינגונגען, אין וועלכע ס׳האָט זיך געשאַפן דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־קלאַס, האָט גורם געווען, אַז די שטרעבונג צו סאָציאַליסטישער גלייכהייט און קעגנזייטיקער הילף זאָלן בילדן די אַקטועלע גרונט־ווערטן אין דער אָרגאַניזאַציע פונעם קלאַס און זיין שאַפונגס־ווערק, אין דער צייט, ווען סאָציאַליסטישע באַוועגונגען אין אָפּגעשטאַנענע לענדער — ווי נאָר זיי זענען געקומען צו דער מאַכט, האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט פון דיפערענציאַציע און פאַרטיפט די אומגלייכ־

הייט אינערהאַלב דער אַרבעטנדיקער מאַסע כדי צו פאַרשטאַרקן און פאַרפולקאָמען טעכנישע און וויסנשאַפטלעכע ספּעציאַליזאַציע. די אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד, דורך איר אַריינפלעכטן זיך אינעם קאָלאָניזאַציע־ווערק מיט איר אייגענער שאַפונג — איז געוואָרן אויך פון די קראַפט־קוואַלן, וועלכע פליסן אַרויס פונעם געראַנגל מיט דער נאַטור — אין קעגנזאַץ צו דעם אַרבעטער־קלאַס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וועלכער געניסט פון דער באַפרייטער אַרבעט אין דער נאַטור ערשט נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, איבערנעמענדיק די דירעקטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער ווירטשאַפט און פאַר דער מדינה.

ציל און מיטל

די יידישע קאָמונע איז אַנטשטאַנען — נישט אין קעגנזאַץ צו דער זיך־אַנטוויקלענדיקער ווירקלעכקייט, און נישט אַלס פּרווו צו אַנטלויפן פונעם קלאַסן־געראַנגל — נאָר אַלס וועג צום שאַפן און אָרגאַניזירן זיך פונעם יידישן אַרבעטער־קלאַס, אַלס ברייטער שליאַך צו קאָלאָניזירן דאָס לאַנד און אויפנעמען די עליה. די סאָציאַליסטישע פאַרווירקלעכונגס־שטרעבונגען, וועלכע האָבן זיך דערוועקט אינערהאַלב דער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע פונעם יידישן פאָלק און האָבן אַרויפגעלייגט זייער שטעמפּל אויפן גאַנצן שאַפונגס־ווערק פונעם אַרבעטער אין לאַנד, האָבן געפונען זייער פולע פאַרקערפּערונג אין דער קבוצה און אין קיבוץ. אַדאַנק דער קאָלעקטיווער אָרגאַניזאַציע אין דער געזעלשאַפט און אין דער ווירטשאַפט, וועלכע איז באַזירט אויף דער הערשאַפט פון כלל איבער די פּראָדוקציע־מיטלען, קעגנזייטיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אויף קאָלעקטיוויזם און פרייהייט; אַדאַנק דער טיפער קעגנזייטיקער פאַרבינדונג צווישן די קיבוצישע באַוועגונגען און דעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער־קלאַס, אַ פאַרבינדונג, וועלכע באַשטימט פון איין זייט, אַז די שטאַרקייט און אַנטוויקלונגס־פעיקייט פון די קיבוצישע ישובים זענען באַדינגט אין אָנווענדן זייערע לעבנס־פּרינציפּן אויך אויף די איבעריקע שטחים פון דער קלאַסן־שאַפונג, און פון דער צווייטער זייט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס וועט נישט קאָנען אויספילן זיינע נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבן אָן חלוצישע קערפּערשאַפטן, וועלכע שטייען צו זיין דיספּאָזיציע; אַדאַנק די דערגרייכונגען פון דער קיבוצישער באַוועגונג אין אַלע לעבנס־געביטן און איר גרויסער וואָגיקייט אין דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט — אַדאַנק די דאָזיקע פאַקטאָרן און זייערע אָפּצווייגונגען בילדעט די יידישע קאָמונע אַן עקזיסטירנדיקע, סאָציאַליסטישע ווירקלעכקייט און איז אַ הויפּט־אינסטרומענט אינעם קלאַסן־געראַנגל פאַרן פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם אין מדינת ישראל. ענג מאַכן די טריט פון דער קיבוצישער באַוועגונג דורך האַמעווען איר אַנטוויקלונג — הייסט אָפּשוואַכן דעם רוקנביין פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און צונישט מאַכן די ווירקונג פון די חלוצישע און סאָציאַליסטישע ווערטן אין מדינת ישראל.

די פאַרפעסטיקונג און די פאַרטיידיקונג פונעם קיבוץ איז, בכן, אַ לעבנס־אינטערעס פונעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס.

פאַרן וווּל פון די גרענעץ־ישובים

די פּאַרטיי־קאָנפערענץ שיקט איר הייסע ברכה — אַ ברכה פון חברים צו איין געדאַנק, שאַפונג און געווער — צו די גרענעץ־ישובים, וועלכע האָבן זייער לעבן געווידמעט דער אַרבעט און דער גרענעץ־זיכערקייט, צו באַפרוכפּערן די וויסטעניש און פאַרווירקלעכן די שענסטע מענטשלעכע אידעאַלן, דורך אויפשטעלן קעמערלעך פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

די קאָנפערענץ ווענדעט זיך צו די פּאַרטיי־חברים און צו די יוגנט־מאַסן — זיך מאָביליזירן צו דער פאַרפעסטיקונג און פאַרברייטערונג פון די גרענעץ־ישובים. די דאָזיקע ווייניקע פונקטן, באַלאַסטעטע מיט אויפגאַבן און שווערן עול — נויטיקן זיך און וואַרטן אויף אַ צופלוס פון כוחות, כדי זיי זאָלן אויספילן די שליחות, וואָס זיי האָבן אויף זיך גענומען.

די ישראל־רעגירונג ווערט אויפגעפאָדערט צו דרינגענדיקע טאַטן, בכדי צו לינדערן די שווערע עקאָנאָמישע און זיכערהייטס־לאַגע פון די דאָזיקע ישובים, וועלכע שטייען אין דער ערשטער ריי פון זיכערהייטס־פראָנט און דינען אַלס ערשטער ציל־ברעט פאַר די וואָס פאַרמעסטן זיך קעגן דער מדינה.

אַרבעטסלאָזיקייט־פאַרזיכערונג

דאָס צענטראַלע פּראָבלעם אין תחום פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג, וואָס האָט נאָך נישט געפונען קיין לעזונג, ליגט אין דער אַרבעטסלאָזיקייט־פאַרזיכערונג — ריכטיק איז, אַז דאָס דאָזיקע פּראָבלעם איז כלל נישט איינפאַך. אין אַ לאַנד פון אימיגראַציע און לא כל שכן

אַ לאַנד פון פּערמאַנענטער עליה ווי אונדזער מדינה — קאָן די פראַגע פון פולער באַשעפטיקונג נישט אויסגעשעפּט ווערן דורך פאַרזיכערן סטאַבילע אַרבעט פאַר די שוין פאַראַנענע אַרבעטער — דאָס הויפּט־פּראָבלעם באַשטייט אין אַריבערפירן די עולים צו אַרבעט. די חבלי קליטה ביי דער אַרבעט, און בעיקר ביי פיזישער אַרבעט, בילדן די הויפּט־שוועריקייט אינעם אַבסאָרבירונגס־פּראָצעס, אָבער גלייכצייטיק קאָן מען נישט פאַרזען, אַז ס'איז פאַראַן אַ פּראָבלעם פון אַרבעטסלאָזע און טיילמאָל אויף אַ לענגערער צייט; צו דעם מוז מען געפינען אַ לעזונג, מ'קאָן נישט איבערלאָזן דעם אַרבעטסלאָזן אין נויט. די רעגירונג האָט, וואָס אַן אמת, געזאָרגט צו לעזן דאָס פּראָבלעם דורך אָרגאַניזירן אַרבעטן, אָבער ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דאָזיקע לעזונג גיט נישט קיין פולן ענטפער אויף דער אַרבעטסלאָזיקייט־פּראַגע. נישט ווייניק אַרבעטסלאָזע בלייבן נאָך אָן אַ וואָסערע ס'איז לעזונג.

דער אַרבעטער האָט רעכט צו אַן אַדרעס און הילף אין דער צייט פון אַרבעטסלאָזיקייט. מען קאָן זיך נישט באַגנוגענען בלויז מיט אונטערשטיצונג. אויך די אַרבעטסלאָזע־פאַרזיכערונג דאַרף און מוז ווירקן מיט קאָנסטרוקטיווע מיטלען, שאַפן אַרבעטן, אַריבערפירן אַרבעטער פון איין אָרט אין צווייטן — אָבער ווען ס'זענען אויסגענוצט געוואָרן אַלע מיטלען און וועגן, מוז זיין אַן אַדרעס, וווּ מען מוז ענטפערן דעם אַרבעטסלאָזן.

אויפן שוועל פון צווייטן יארצענדליק

מעגן די ישראל־אַרבעטער שעפן דערמוטיקונג פון די גרויסע דערגרייכונגען פון דער מדינה אויף דער פּאָליטישער אַרענע. ישראל האָט זיך דעראָבערט אַ בכבודיקן פּלאַץ צווישן די אומות העולם, אַלס גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס. ישראל איז בייגעקומען די קעגנערשאַפט פון פאַרשידענע פּאָליטישע גורמים אין דער וועלט, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען דעם פאַקט פון איר עקזיסטענץ; איר איז געלונגען אָנצוקניפּן פאַרצווייגטע און רעגולערע באַציאונגען מיט דער איבערוויגנדיקער מערהייט פון די מדינות — מיטגלידער פון אונאָ; איר איז אויך געלונגען צו באַקומען מאַטעריעלע און פּאָליטישע הילף ביים דערפילן אירע קליטה־אויפגאַבן: אַנטוויקלונג און קאָלאָניזאַציע. אין פאַרלויף פון גאַנצן צייט־אָפּשניט פונעם ערשטן יאָרצענדליק, האָט ישראל זיך געמוזט ראַנגלען אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע קעגן פאַרשידענע קאָנשאַכטן, דיסקרימינאַציע און עוולות; ישראל האָט געמוזט פאַרשטאַרקן אירע אָנשטרענגונגען צו באַקומען מאָדערן געווער, צו פאַרטיידיקן איר עקזיסטענץ און זיכערהייט; זיך ראַנגלען פאַר איר פּלאַץ אַלס זעלבשטענדיקע און גלייכבאַרעכטיקטע מדינה אין דער פעלקער־משפחה. אָבער טראָץ דער גרייטקייט און פאָדערונג פון ישראל, איז דער שלום נישט דערגרייכט געוואָרן צוליב דער שולד פון די הערשער פון די שכנותדיקע מדינות און צוליב דער מינכען־פּאָליטיק פון די גרויסמאַכטן, וועלכע קאָנקורירן צווישן זיך בכדי צו געווינען די הערשער פון די אַראַבישע מדינות. די פּאָליטיק פון די מערבדיקע גרויסמאַכטן וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין די געווער־ליפערונגען צו זייערע פאַרבינדעטע אין דער געגנט און אין אויפשטעלן דעם באַגדאַד־בונד, און אין רעזולטאַט דערפון די סאָוויעטישע פּאָליטיק, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין די געווער־טראַנזאַקציעס מיט מצרים און סיריע — האָבן פאַרוואַנדלט דעם מיטעלן מזרח אין אַן אַרענע פון „קאַלטער מלחמה”. די הערשער פון די אַראַבישע מדינות האָבן אויסגענוצט די הילף און פּראָטעקטאָראַט פון די גרויסמאַכטן פאַר מיליטערישע פאַרפעסטיקונגס־צוועקן, האָפנדיק אַזוי אַרום צו פאַרניכטן מדינת ישראל.

דאָס זיכערהייטס־פּראָבלעם איז די גאַנצע צען יאָר געשטאַנען אין צענטער פונעם מדינה־אינטערעס — זינט דעם באַשלוס פון דער סעסיע פון די פאַראייניקטע נאַציעס און ביזן היינטיקן טאָג. אַקטיווע פאַרטיידיקונג פון איר עקזיסטענץ און רעכטן — איז געווען די צענטראַלע אויפגאַבע, וועלכע לאַסטעט אויף דער מדינה. די גאַנצע צייט שטייט מדינת ישראל מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט צו שלום מיט די שכנותדיקע אַראַבישע מדינות.

די אַלע יאָרן איז ישראל געווען באַדראָט און אומאויפהערלעך אָנגעגריפן פון יענער זייט גרענעץ אונטער דער אַחריות און שליחות פון

די אַראַבישע מדינות, וועלכע גרייטן זיך מיליטעריש און פּאָליטיש, צו אַ פאַרניכטונגס־קאַמף קעגן ישראל. די אַראַבער האָבן צונישט געמאַכט די וואָפנשטילשטאַנד־אָפּמאַכן. הונדערטער ישראל־בירגער זענען אומגעקומען דורך אַראַבישע מערדער, וועלכע זענען אַריינגעדרונגען פון דער צווייטער זייט גרענעץ. פיל פאַרמעגן איז צעשטערט און באַרויבט געוואָרן, דער אַראַבישער באָיקאָט האָט זיך פאַרשפּרייט און איז פאַרשאַרפט געוואָרן. דער דורכגאַנג פון ישראל־שיפן דורכן סועץ־קאַנאַל איז פאַרווערט געוואָרן און ס'איז געמאַכט געוואָרן אַ בלאָקאַדע אויפן דורכגאַנגס־וועג צום מפרץ־אילת. די ארץ־ישראלדיקע אַראַבישע פּליטים, זענען געהאַלטן געוואָרן אין דחקות און אין נויט, אָן אַ לעזונג, אַלס אויפרייס־מאַטעריאַל פאַר אַ פאַרניכטונגס־קאַמף קעגן ישראל.

מיט דער אַלגעמיינער פאַרשטאַרקונג אויפן שטח פון עליה, קליטה, קאָלאָניזאַציע, פּראָדוקציע און וווקס פון איר מיליטערישן כוח פּאָליטישן געראַנגל, און איר ענערגישן, מיליטערישן פאַרטיידיקונגס־קאַמף — איז ישראל בייגעקומען די קליינע באַנדעס־אָנפאַלן און קעגן די פּרוּוון צו באַדראָען איר עקזיסטענץ. אַדאַנק דער סיני־אַקציע איז צעשמעטערט געוואָרן דאָס מצרישע מיליטער, נאָך איידער עס האָט באַוויזן אָנהויבן זיין אָנגריף־שטורעם. ס'איז צעשטערט געוואָרן די בלאָקאַדע אויף דעם אילת־דורכגאַנג און ישראל איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אַ פּלוצימדיקן אַראַבישן אָנפאַל מיט אַלע זיינע שרעקלעכע קאָנסעקווענצן.

דעם ערשטן יאָרצענדליק באַצייכנט אָבער אויך אַ ריי שווערע פעלערן: צוריקציען זיך אונטערן דרוק פון דראָונגען; פאַרצווייפלטע אָנשטרענגונגען זיך איינצוגלידערן אין דער פּאָליטיק פון די מערבדיקע גרויסמאַכטן, אונטערשטיצונג פון איין גלאָבאַלן בלאָק אין זיינע פּאָליטישע אַקציעס, אָנשלוס־טענדענצן אין דער אַמעריקאַנער דאָקטרינע פאַרן מיטעלן מזרח און אין פאַטאַלן צוריקצוג פון עזה, די, און אַנדערע פעלערן, האָבן געבראַכט פיל שאָדן דער שטעלונג פון ישראל אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, באַשווערט אירע אָנשטרענגונגען צו שאַפן פריינטשאַפטס־באַציאונגען מיט פעלקער און מדינות און האָבן זי פאַרגעשטעלט אַלס קעגנערין פון אויפגייענדיקע כוחות אין דער וועלט.

אויפן שוועל פון צווייטן יאָרצענדליק געפינט זיך ישראל אין מיטן פון דער „קאַלטער מלחמה" אין מיטעלן מזרח. זינט דער געווער־טראַנזאַקציע מיט מצרים און סיריע, איז פאָרגעקומען אַ שאַרפע ווענדונג צום שלעכטן אין דער סאָוויעטישער פּאָליטיק, וועלכע האַלט אָן אַ פּאָליטישן פּאַקט מיט מדינות, וואָס ווילן פאַרניכטן מדינת ישראל. ס'זענען פאַרשטאַרקט געוואָרן די אַמעריקאַנער איבערבעטונגס־פּרוּוון כלפּי די אַראַבישע הערשער, ס'זענען אַנטשטאַנען מדינות־צונויפשטעלן, וועלכע נוצן אויס די פאַראייניקונגס־שטרעבונג פון די אַראַבישע פעלקער פאַר עקספּאַנסיע־ און באַהערשונגס־צוועקן.

צום סוף פון די ערשטע צען יאָר, נישט נאָר וואָס די דראָענדיקע סכנה דויערט ווייטער, נאָר זי איז אפילו פאַרשטאַרקט געוואָרן: אַלע אַראַבישע רעגירונגען דערקלערן אָן אויפהער אַ דויערנדיקן מלחמה־צושטאַנד מיט ישראל; געווער־טראַנספּאָרטן פון סאָוויעטישע און אַמעריקאַנישע קוועלן, פליסן אומאויפהערלעך צו די אַראַבישע מדינות; דער עקאָנאָמישער באָיקאָט גייט ווייטער אָן; דער סועץ־קאַנאַל איז נאָך געשלאָסן פאַר ישראל־שיפן; די באַדראָונג פאַר פרייער שיף־באַוועגונג אין דעם אילת־דורכגאַנג איז נאָך נישט באַזייטיקט געוואָרן; די סכנה פון אַ באַנייטער לאָקאַלער מלחמה, הענגט נאָך איבערן קאָפּ. ס'וועבן זיך נאָך די פּלענער פון אָפּשניידן ישראל־גרענעצן און באַשרענקן איר זעלבשטענדיקייט אַלס „לעזונג". די אָנגרייפערישע אַראַבישע הערשער, שעפּן כוח און דערמוטיקונג פון זייערע אָפּמאַכן מיט די גרויסמאַכטן.

אין צווייטן יאָרצענדליק, שטייט ישראל ווידער פאַרן גורל פון מסירת־נפשדיקער פאַרטיידיקונג פון איר עקזיסטענץ, זיכערהייט און רעכט.

פאַר אַ זעלבשטענדיקער פּאָליטיק

די היסטאָרישע אויפגאַבע פון מדינת ישראל צונויפצוזאַמלען די גלויות פון יידישן פאָלק, אירע אָנשטרענגונגען צו דעראָבערן די סימפּאַטיע און אונטערשטיצונג מצד אַלע אומות העולם פאַר איר נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן באַפרייאונגס־ווערק, איר פּאָליטישע לאַגע אין מיטעלן מזרח, דאָס געפינען זיך פון יידישע קבוצים אין די פאַרשידענע טיילן פון דער וועלט, די עליה־דרינגלעכקייטן פון אַלע לענדער און רעזשימען, דער לעבנס־אינטערעס פון יידישן פאָלק צו באַזייטיקן די שפּאַנונג אין דער וועלט — פאַרפליכטן אַ פּאָליטיק פון

זעלבשטענדיקייט, נישט אידענטיפיצירן זיך מיט וועלכן ס'איז צד פון די גלאָבאַלע כוחות און אַ שלום־פּאָליטיק.

אינעם אָנבליק פון וואָס אַמאָל מער געשפּאַנטער פאַרמעסטונג צווישן די גרויסמאַכטן, וועלכע באַנוצן זיך מיט מיליטערישע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מיטלען — איז עס אַ לעבנס־אינטערעס פאַר ישראל און איר פּאָזיציע אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע — איר עקזיסטענץ, איר זעלבשטענדיקייט, צו פירן אַ פּאָליטיק פון נישט סאָלידאַריזירן זיך מיט וועלכן ס'איז צד פון די גלאָבאַלע כוחות, אַ זעלבשטענדיקייטס־פּאָליטיק, וועמענס עיקר ס'איז די באַדערפענישן פון יידישן פאָלק און דער שלום אויף דער וועלט. די פּאָליטישע אָריענטאַציע, וועלכע שטרעבט, כלומרשט צוליב דער זיכערהייט פון דער מדינת ישראל, צו סאָלידאַריזירן זיך מיט איין מדינות־בלאָק קעגן צווייטן — האָט נישט פאַרפעסטיקט אונדזער זיכערהייט, האָט נישט דערוואָרבן אונדז קיין פאַרבינדעטע, האָט אויסגעשטעלט ישראל אויף דער סכנה פון איזאָלאַציע אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע און באַשוועַרט אונדזער שטרעבונג צו ענגערע באַציאונגען און צוזאַמענאַרבעט מיט די פעלקער פון אַזיע און אַפריקע.

דאָס רייסן זיך אַריינפלעכטן אין די אינטערעסן און פּאָליטיק פון איין גרויסמאַכט, אָדער אַ בלאָק, וואָס באַצייכנט די פּאָליטיק פון געוויסע פּאַרטייען אין מדינת ישראל — נישט נאָר וואָס עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אילוזיע און אויסזיכטלאָז, נאָר עס איז אויך אין קעגנזאַץ צום יידישן און ציוניסטישן אינטערעס, ווייל זי קאָן שווער טרעפן די פאַרבינדונגען מיט די יידישע פאָלקס־מאַסן אין די פאַרשידענע פאַרשפּרייטונגס־ערטער און קאָן שטערן זייער עליה.

די טענדענץ אָנצושליסן מדינת ישראל אין „אייזנהאַוער־פּלאַן” — אַ פּרוכט פון דער „קאַלטער מלחמה”, האָט אונדז נישט מזכּה געווען מיט קיין שום גאַראַנטיע פאַר דער טעריטאָריעלער גאַנצקייט פון דער מדינה. דאַקעגן האָט זי געפלעגט די אילוזיע, אַז אונדזער זיכערהייט הענגט אָפּ פון פרעמדע; האָט געוואָרפן אַ שאָטן אויף אונדזערע שלום־כּוונות און האָט אָפּגעשוואַכט די ישראל־פּאָזיציע צווישן די פעלקער פון אַפריקע און אַזיע און די מדינות, וועלכע גרענעצן זיך אָפּ פון דער גלאָבאַלער סטראַטעגיע פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

די פּאַרטיי־קאָנפערענץ וואָרנט און וואָרנט די ישראלדיקע געזעלשאַפטלעכקייט קעגן די טענדענצן צוצובינדן מדינת ישראל, דירעקט אָדער אומדירעקט, צו די פּלענער און פּאָליטיק פון צפון־אַטלאַנטישן פּאַקט (נאַט”אָ). די דאָזיקע פּאָליטיק פון מיליטערישן אָנשלוס אין איין באַשטימטן בלאָק, קאָן שטעלן אין סכנה מדינת ישראל, אָפּשוואַכן איר פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע זעלבשטענדיקייט, אויסשטעלן זי אויף דער פיינטלעכער רעאַגירונג פונעם קעגנגעזעצטן בלאָק און אויפשטעלן אַ סכנותפולע וואַנט צווישן איר און די נייטראַלע לענדער.

דער לעבנס־אינטערעס פון ישראל און פון יידישן פאָלק, ליגט אינעם פלעגן פריינטשאַפט־באַציאונגען מיט אַלע פעלקער און זייערע לענדער און זייערע פּאָליטישע רעזשימען, אויפן יסוד פון קעגנזייטיקן אַכטן די סוווערעניטעט און טעריטאָריעלע גאַנצקייט, אָנערקענען גלייכע רעכט פון אַלע פעלקער, גרויסע ווי קליינע, צו זעלבשטענדיקן נאַציאָנאַלן אויסלעבן זיך; נישט אַריינמישן זיך אין אינערלעכע אינטערעסן פון אנדערע לענדער און אָנערקענען די רעכט פון יעדן פאָלק צו זעלבסטפאַרטיידיקונג קעגן אויסערלעכן שונא, אַכטן די פּרינציפּן און צילן פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער; לעזונג פון אינטערנאַציאָנאַלע שטרייט־פּראָבלעמען, דורך משא ומתן און פרידלעכע וועגן און פלעגן קעגנזייטיקע באַציאונגען און צוזאַמענאַרבעט צווישן אַלע פעלקער און לענדער, אויפן פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און קולטורעלן געביט.

די קאָנפערענץ רופט די רעגירונג צו אונטערשטיצן די אָנשטרענגונגען צו לינדערן די שפּאַנונג אין דער וועלט: דורך דער פּאָדערונג זיך אָפּצוהאַלטן פון אַטאָמישע עקספּערימענטן, אָפּשטעלן די פּראָדוקציע פון אַטאָמישן געווער און אָנצווענדן ממשותדיקע שריט צו אַלגעמיינער אַנטוואָפענונג.

די קאָנפערענץ זאָגט אַרויס איר מיינונג, אַז דאָס שליסן מיליטערישע פּאַקטן מיט איין גלאָבאַלן בלאָק קעגן דעם צווייטן און דאָס אויפשטעלן מיליטערישע באַזעס דורך די גרויסמאַכטן אין פרעמדע מדינות — צעשטערן די פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט פון די פעלקער, פאַרשטאַרקן די גלאָבאַלע באַוואָפענונג און העלפן מיט צו דער אויסברייטערונג פון דער קאַלטער מלחמה.

די קאָנפערענץ פאַרלאַנגט פון דער רעגירונג

אונטערשטיצן די פאָדערונג צו נייטראַליזירן די געביטן, אַרום וועלכע עס פירט זיך אַ קאַמף אין דער וועלט — און אין מיטעלן מזרח איינגעשלאָסן — כדי זיי זאָלן נישט דינען אַלס אַטאָמישע און באַליסטישע באַזעס.

די קאָנפערענץ איז אייניק מיט דער פאָדערונג אָנצונעמען פאָלקס־כינע אין דער פאַראייניקטער פעלקער־אָרגאַניזאַציע. דאָס אָננעמען כינע אין אונ״אָ, הייסט אַנטקעגנקומען די רעכט פון אַ גרויס פאָלק פאַר אַ קאָמפעטענטע פאָרשטייערשאַפט אין דער פעלקער־משפחה, וועט פאַריכטן אַ גרויסע פאָליטישע עוולה און וועט לינדערן די אינטערנאַציאָנאַלע שפאַנונג און העלפן פאַרזיכערן דעם שלום אויף דער וועלט.

פאַר אַ ישראל־אַראַבישן שלום

די פאַרטיי־קאָנפערענץ חזרט איבער און זאָגט אַרויס איר מיינונג, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין קעגנזאַץ צווישן יידישן פאָלק, וואָס זאַמלט צונויף זיינע גלויות און בויט זיך זיין זעלבשטענדיקע מדינה אין זיין פאָטערלאַנד, און די אַראַבישע פעלקער, וועלכע באַפרייען זיך פון פרעמדן יאָך און באַנייען זייער נאַציאָנאַלע זעלבשטענדיקייט. אין איר פאָליטישער און דערציערישער טעטיקייט, וועט די פאַרטיי ווירקן אין דער צוקונפט, ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט, אין איינקלאַנג מיט די גרונטפרינציפן פון סאָציאַליסטישן ציוניזם — אויפצושטעלן די יידישע מדינה, אַלס זעלבשטענדיקע מדינה צווישן די פעלקער אין מיטעלן מזרח.

די קאָנפערענץ דערקלערט, אַז קיין שום פאָליטישע אָדער עקאָנאָמישע פאַרבינדונג צווישן מדינת ישראל און אַנדערע מדינות אויסער דעם ראַיאָן, וועלכע זענען נויטיק פאַר דער פאַרפעסטיקונג און זיכערהייט פון דער מדינה — דאַרף נישט זיין אין קעגנזאַץ און דאַרפן נישט פאַרבייטן די היסטאָרישע טענדענץ צו פלעגן פריינטשאַפטלעכע באַציאונגען און קעגנזייטיקע הילף מיט די שכנותדיקע אַראַבישע פעלקער.

די יידישע מדינה, וואָס איז אַנטשטאַנען אַלס ווערק פון דער ציוניסטישער נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס־באַוועגונג, האָט זיך, פון סאַמע אָנהויב, אָנגעשטויסן אין דער שטאַרקער קעגנערשאַפט פון די אַראַבישע מדינות און פון זייערע הערשנדיקע קרייזן, וועלכע האָבן זינט דעמאָלט, אָנגעווענדעט אַלע מיטלען — פאָליטישע, מיליטערישע און עקאָנאָמישע — בכדי צו פאַרניכטן מדינת ישראל.

דער מלחמה־צושטאַנד, וואָס איז אויפגעצווונגען געוואָרן דורך די אַראַבישע הערשער אויף אונדז און אויפן גאַנצן ראַיאָן, נערט די נאַציאָנאַליסטישע אינסטינקטן ביי די אַראַבישע פעלקער, שטאַרקט די ווירקונג און הערשאַפט פון די רעאַקציאָנערע פאַקטאָרן, פאַרהאַלט די סאָציאַלע באַפרייאונג פון די אַראַבישע פאָלקס־מאַסן, פאַרשווענדעט גרויסע מיטלען און כוחות אויף נישט־פראָדוקטיווע צוועקן — אין קעגנזאַץ צו די אַנטוויקלונגס־באַדערפענישן פון אַלע מדינות אין דער אומגעגנט און דערמעגלעכט די גרויסמאַכטן צו באַהערשן, פאַר זייערע צוועקן און קעגן די אינטערעסן פון די פעלקער, זייער זעלבשטענדיקייט און אַנטוויקלונג.

נאָכן צוריקציען זיך פונעם בריטישן קאָלאָניאַליזם פונעם מיטעלן מזרח, אַדאַנק דעם קאַמף פון דער יידישער באַפרייאונגס־באַוועגונג און די נאַציאָנאַלע אויפוואַכונג פון די אַראַבישע פעלקער, איז דער ראַיאָן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינע פון די הויפט־אַרענעס פאַר דער פאַרמעסטונג פון די גלאָבאַלע כוחות. די דאָזיקע פאַרמעסטונג איז פאַרבונדן מיט שליסן מיליטערישע אָפמאַכן, ליפערן אָנגריף־געווער צו די אַגרעסיווע רעגירונגען, צעפלאַקערן עקסטרעם־נאַציאָנאַליסטישן שאָוויניזם פון איין זייט און אין איבערבעטונגס־סיסטעם, פון דער צווייטער זייט, וואָס באַצוועקט צו געבן כאַבאַר רעאַקציאָנערע הערשער און דיקטאַטאָרן אויפן חשבון פון מדינת ישראל.

די קאַלטע מלחמה אין מיטעלן מזרח, פאַרטיפט קעגנזאַצן צווישן די אַראַבישע מדינות, וועלכע ליציטירן זיך אין פיינטשאַפט כלפי מדינת ישראל, טרייבט די אַראַבישע הערשער צו פאַרשטאַרקן זייערע פאָזיציעס, דורך אויסנוצן די העצע און די מיליטערישע צוגרייטונג קעגן מדינת ישראל, דערווייטערנדיק די שלום־אויסזיכטן צווישן ישראל און אירע שכנים

דאָס אַרויסנעמען דעם מיטעלן מזרח פונעם קרייז פון דער קאַלטער מלחמה, — דורך נייטראַליזאַציע פון דעם ראַיאָן — איז אַ גאָר וויכטיקער לעבנס־אינטערעס פאַר די פעלקער פון דער אומגעגנט און צווישן זיי — ישראל.

די קאָנפערענץ דערקלערט, אַז כדי איינצושטעלן דעם שלום, איז קודם כל נויטיק. אַז די אַראַבישע הערשער זאָלן זיך אָפזאָגן פון זייערע פלענער צו פאַרניכטן מדינת ישראל

און אָנערקענען דעם פאַקט פון אונדזער עק־זיסטענץ און אַנטוויקלונג.

טראָץ דעם קאַטעגאָרישן אָפּזאָג פון די אַראַבישע הערשער, צו פירן פאַרהאַנדלונגען מיט מדינת ישראל — דאַרף די ישראלדיקע אויסערן־פּאָליטיק אומדערמידלעך פאַרזעצן אירע אָנשטרענגונגען צו דערגרייכן דעם שלום אויפן גרונט פון קעגנזייטיקן רעספּעקטירן די זעלבשטענדיקייט, טעריטאָריעלע גאַנצקייט און סוווערעניטעט פון די מדינות אין דעם גע־ביט.

די קאָנפערענץ באַצייכנט, אַז מדינת יש־ראל איז תמיד גרייט און צו יעדער צייט צו דירעקטע שלום־פאַרהאַנדלונגען, אָן שום פאַרבאַדינגונגען מיט יעדע איינע פון די אַראַ־בישע מדינות, כדי צו לעזן אויף אַ פרידלעכן אופן אַלע שטרייט־פּראָבלעמען. די קאָנפערענץ שטעלט אויך פעסט, אַז דאָס פאַרזעצן שיקן געווער־טראַנספּאָרטן צו די מדינות, וועלכע זאָגן זיך אָפּ אַ סוף צו מאַכן צום קריגס־צו־שטאַנד און אונטערשרייבן שלום־אָפּמאַכן מיט מדינת ישראל — דערמוטיקט די רעאַקציאָנע־רע קרייזן, אין דער אומגעגנט און דערווייטערט די אויסזיכטן פון אַ שלום צווישן ישראל און די אַראַבישע מדינות.

די קאָנפערענץ רופט אַלע אַראַבישע פעל־קער, זיי זאָלן זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון דער העצע און מיליטערישע אוואַנטורעס קעגן מדי־נת ישראל. ישראל איז גענוג שטאַרק און צו־געגרייט צו פאַרטיידיקן איר עקזיסטענץ און שטחים, אויב זי וועט אָנגעגריפן ווערן, אפילו דורך די אַרמייען פון אַלע שכנותדיקע לענדער. ישראל איז זיכער מיט איר כוח ב״יצוקומען אירע אָנגרייפער, וועלכע שטרעבן זי צו פאַר־ניכטן, אָבער אַ בלוטיקער צוזאַמענשטויס קאָן זיין אַן אומגליק פאַר אַלע פעלקער, וועט זייען חורבן און פאַראורזאַכן פיל קרבנות און וועט נישט לעזן קיינע פון די גרונט־פּראָבלע־מען פון דעם ראַיאָן.

די ישראל־אַראַבישע באַציאונגען, וועלן קיינמאָל נישט געפינען זייער לעזונג דורך מל־חמה און בלוט־פאַרגיסונג; זיי קאָנען גע־שטאַלטיקט ווערן נאָר דורך שלום, קעגנזיי־טיקע פריינטשאַפט־באַציאונגען און פאַרשטענ־דעניש צווישן גלייכע מיט גלייכע.

קעגן קאָנשאַכטן וועגן אָפּשניידן שטחים פון דער מדינה

די קאָנפערענץ דערקלערט, אַז יעדער פּרווו אָנצורירן די טעריטאָריעלע גאַנצקייט פון מדינת ישראל — וועט זיך אָנשטויסן און צעבראַכן ווערן אין דער קאָמפּראָמיסלאָזער קעגנערשאַפט פון דער מדינה. די פאַרשידע־נע פאָרשלאָגן, וועלכע שווימען־אויף פון צייט צו צייט צו לעזן דאָס פּראָבלעם פון יידיש־אַראַבישע באַציאונגען דורך אָפּשניידן שטחים פון מדינת ישראל, אויף דער באַזע פון די חלוקה־גרענעצן פון 29־טן נאָוועמבער 1947, אָדער אויף דער באַזע פון אַ פשרה צווישן יע־נע חלוקה־גרענעצן און היינטיקע מדינה־גרע־נעצן — זענען פאַלשע, און צילן בלויז צו ברענגען מדינת ישראל אַלס קרבן, בכדי צו איבערבעטן פאַרשידענע הערשער און דיקטאַ־טאָרן.

ישראל מוז קעמפן קעגן די דאָזיקע קאָנ־שאַכטן און זיי צונישט־מאַכן — דורך אַן אַל־געמיינער אָנשטרענגונג צו באַזעצן און באַפעל־קערן די וויסטע און ליידיקע שטחים, דורך פּאָ־ליטישן געראַנגל אויף דער אינטערנאַציאָנאַ־לער אַרענע, און מיטן כוח פון מיליטערישער זעלבסט־פאַרטיידיקונג פון די גרענעצן פון דער מדינה.

די וויסטעניש פון די ברייטע שטחים אינעם נגב און די קליינע יידישע באַפעלקערונג אין די גליל־געביטן זענען ווי אַן אַדורכבברוך אין דער זיכערהייטס־מויער, וואָס קאָן צוהעלפן דעם פּאָליטישן דרוק אויף ישראל, אַז זי זאָל זיך אונטערגעבן די פאָדערונגען פון טעריטאָ־ריעלע וויתורים.

שותפות פון די אַרבעטער־פּאַרטייען

די קאָאַליציע־רעגירונג

א.

די וואַלן צו דער דריטער כנסת און זייער אויסגאַנג, האָבן גורם געווען אַ דערשיטערונג אין די רייען פון מפא״י. אין ברייטע קרייזן פון דער אַרבעטערשאַפט און אפילו אין פאַרשי־דענע טיילן פון מפא״י, האָט זיך פאַרשטאַרקט דאָס באַוווסטזיין, אַז די שותפות מיט די „רעכטע״ אין דער רעגירונג, קאָן ברענגען אין אַ קורצער צייט, צו זייער פּאָליטישער פאַר־שטאַרקונג — ביז צום באַהערשן די מדינה.

די דאָזיקע וואַל־רעזולטאַטן, וועלכע האָבן פון איין זייט, באַצייכנט אַ ירידה אינעם כוח פון מפא״י און אַן אויפשטייג פון „אחדות הע־בודה—פועלי־ציון״, און פון דער אַנדערער זייט אַ פאַרשטאַרקונג פון „חרות״, אינעם לאַ־גער פון די „רעכטע״ — האָבן געשטויסן צום אויפשטעלן די נייע קאָאַליציע מיט די דריי אַרבעטער־פּאַרטייען אין איר צענטער.

א. הויפּט־אויפגאַבע אין פאַרשנעלערן די דאָזיקע אַנטוויקלונג האָט אויסגעפירט . אחדות העבודה—פּועלי־ציון מיט איר קאָנסעקווענטן געראַנגל אינערהאַלב מפּ״ם קעגן די „לינקס־טישע״ נייגונגען, וועלכע האָבן געצילט צו אָפּלענקען די פּאַרטיי פון איר היסטאָרישער אויפגאַבע און איר דירעקטער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פאַרווירקלעכונג.

די אַנטשטייאונג פון „אחדות־העבודה—פּועלי־ציון״ אַלס זעלבשטענדיקע פּאַרטיי, איר וואַקסנדיקער כוח ביי די הסתדרות־ און כנסת־וואַלן, און איר שאַרפער געראַנגל פאַר אַ שותפות פון די אַרבעטער־פּאַרטייען אין דער רעגירונג, — האָבן געדינט אַלס עיקרדיקע גורמים ביים אויפשטעלן די איצטיקע קאָאַליציע.

ב.

די נייע קאָאַליציע איז אַנטשטאַנען אויף דער באַזע פון איינפאַרשטאַנענע גרונט־ליניעס און קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, מיט דער רעכט פון זעלבשטענדיקן, גייסטיקן און פּאָליטישן אויסדרוק פאַר אַלע פּאַרטייען, וועלכע באַטייליקן זיך אין דער רעגירונג. די גרונט־ליניעס בילדן די בשותפותדיקע טעטיקייטס־פּלאַטפאָרם און ראַם, אין וועלכער „אחדות־העבודה—פּועלי־ציון״ ראַנגלט זיך פאַר אירע פּלענער און צילן. איידער ס׳איז געחתמעט געוואָרן דער קאָאַליציע־אָפּמאַך, האָט אונדזער פּאַרטיי געמאָלדן אירע שותפים, אַז די קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט וועט נישט פאַרפליכטן, אויב עס וועט אָנגערירט ווערן די נאַציאָנאַלע זעלבשטענדיקייט („קעגנזייטיקער״ זיכערהייטס־פּאַקט מיט אַמעריקע).

ג.

די איצטיקע קאָאַליציע מעג פאַרצייכענען אַלס איר פאַרדינסט, אונדזער וואָגיקן כוח אויף דער זיכערהייטס־אַרענע, די גוטע באַוואָפענונג פון צבא ההגנה לישראל, דעם טריאומף־מאַרש אין סיני, וועלכער האָט אויסגעמיטן און אָפּגעראַטעוועט מדינת ישראל פון אַ פּלוצימדיקן אַראַבישן אָנפאַל און האָט באַזייטיקט די בלאָקאַדע אויף אילת; פאַרשטאַרקונג פון דער עליה און עפעקטיווע קליטה־אָנשטרענגונגען; קאַמף קעגן אַרבעטסלאָזיקייט און פאַרברייטערונג פון באַשעפטיקונג; קאַמף קעגן אַראָפּנידערן ז׳עם לעבנס־ניוואָ פון די מאַסן; פאָרשריט אין באַפעלקערן דעם דרום; צוגעאײַלטע אַנטוויקלונג פון בויען שכונים פאַר עולים און פאַרבעסערונגען אין דער סאָציאַלער געזעצגעבונג.

ד.

דאַקעגן האָט די דאָזיקע קאָאַליציע נישט אויסגעפילט איר הויפּט־אויפגאַבע — זי האָט נישט פאַרשטאַרקט די חלוצישע טענדענצן אין דער מדינה, און האָט נישט אויסגעברייטערט די חלוצישע ראַם.

צוויי יאָר נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער איצטיקער רעגירונג, איז נאָך נישט פאַרגעקומען די בויטיקע ווענדונג אין דער אויסערן־פּאָליטיק. אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע פירט זיך נאָך אַלץ די איינזייטיקע פּאָליטיק, באַזירט אויף דער געפערלעכער איינרעדעניש, אַז די עקזיסטענץ און זיכערהייט פון ישראל וועלן גאַראַנטירט און אָפּגעהיט ווערן דורך דעם מערב־בלאָק, און דאָס — טראָץ די אַנטוישונגען און אפילו נאָך די ענדערונגען אין מיטעלן מזרח. דורך דער אַנטשיידונג פון דער מערהייט אין דער רעגירונג, איז פאָרגעקומען דער פּיינלעכער צוריקצוג נאָך דער סיני קאַמפּאַניע און ס׳איז אָנגענומען געוואָרן דער שעדלעכער באַשלוס, וועגן דער ישראל־שטעלונג צו דער אַמעריקאַנער דאָקטרינע פאַרן מיטעלן מזרח.

די דיפערענציאַציע אינעם לוין־סיסטעם, איז נישט נאָר באַשרענקט געוואָרן פאַר דער איצטיקער רעגירונג — איז אַפילו פאַרברייטערט געוואָרן — און פון דער אַנדערער זייט איז אָנגערירט געוואָרן די פּראָגרעסיוקייט פון הכנסה־שטייער. ס׳דויערט דער דראַנג צו קאַריעריזם, דער אויסברייטערונגס־פּראָצעס פון די מיטל־קלאַסן און באַדינונג־פּראָפעסיעס, פאַרמיטלונג און באַאַמטנטום ווערט פאָרגעזעצט; ס׳האָט זיך פאַרשטאַרקט דער קלעריקאַלער אָנגריף, וועלכער שטרעבט אַרויפצולייגן זיין שטעמפּל אויף דער געזעלשאַפטלעכער און גייסטיקער געשטאַלט פון דער מדינה.

ה.

מיט איין וואָרט: די שותפות פון דער עקזיסטירנדיקער קאָאַליציע האָט אויסגעפילט וויכטיקע אויפגאַבן אין זיכערהייטס־וועזן און אין צוימען דעם פּאָליטישן איינפלוס פונעם בירגערטום, אָבער די נישט־גרייטקייט פון מפא״י אַרויפצוברענגען די שותפות צו אַ העכערער מדרגה, צו אַ שותפות פון וואָג און טאַט — קאָן צונישט מאַכן די האָפענונג, וועלכע האָט זיך דערוועקט ביי די אַרבעטער־מאַסן מיט דער אַנטשטייאונג פון דער דאָזיקער רעגירונג, אין ווען עס צענטער עס שטייען די דריי ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען.

קאָנסאָלידירונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג

א.

די טענדענץ פון אַ קעגנזייטיקן פאַרניכ־טונגס־קאַמף צווישן „אַלטערנאַטיווע" פּאָלי־טישע פּאַרטייען, וואָס מען האָט געוואָלט איינ־פירן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אין יש־ראל — זענען געשפּייזט געוואָרן די לעצטע יאָרן דורכן געדאַנקען־גאַנג פון דער „קאַלטער מלחמה", פונעם ווילן זיך „אַנצושליסן" אי־דעאָלאָגיש און פּאָליטיש אין מעכטיקע גלאָ־באַלע כוחות, פון פאַרלאָזן זיך אויף אַ בונד מיטן בירגערטום און אויף הילף פון אַמעריקע פון איין זייט, און פון שטרעבן צו איינגלידערן זיך אין וועלט־קאָמוניזם — פון דער אַנדער־ער זייט. די דאָזיקע טענדענצן האָבן נישט קיין וואָרצלען אין די זעלבשטענדיקע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַדערפעניש פון דער ישראל־דיקער אַרבעטערשאַפט.

דאָס אַוועקשטעלן זיך גערנווייליק אין אָפּאָ־זיציע אַלס „אַלטערנאַטיווע", ווי עס האָבן גע־וואָלט די „אויסגעלינקטע" קרייזן אין מפּ"ם, אויסקוקנדיק אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָניונקטור, אָדער אויף אַ פאַנאַנדערפאַל פון מפא"י — פאַרמשפט די טרעגער פון די דאָ־זיקע געדאַנקען אויף אומפּרוכטבאַרקייט, גע־דאַנקלעכער פאַרקריפּלונג און אויסוואָרצלונג.

דאָס פּאָוואָריזירן, מצד מפא"י, אַ בונד מיטן בירגערטום און דער ווילן צו ליקווידירן די אידעישע קעגנער אינערהאַלב דער אַרבעטער־באַוועגונג, דורך איזאָלאַציע און מיט דער הילף פונעם אַפּאַראַט — איז נישט נאָר האָפענונגס־לאָז, נאָר פאַרמשפט אויך די דאָזיקע פּאַרטיי אַלץ מער זיך צופּאַסן צו ווערטן און טאַטן, וואָס האָבן נישט קיין וואָרצלען אין דער טעאָריע און טראַדיציע פון סאָציאַליסטישן ציוניזם.

ב.

פּאָליטישע פּאַרטייען ווערן אויסגעפּרוווט, נישט לויט זייערע דעקלאַראַציעס, נאָר דורך פּאָליטישע און דערציערישע טאַטן. די פאַר־איייניקונגס־„פאַרשלאַגן", וועלכע די מפא"י־אָנפירער דעקלאַרירן פון צייט צו צייט, אפילו ווען זיי זענען צייטנווייז אויפריכטיקע, און נישט בלויז צוליב וואַל־פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן — קאָנען נישט דערנענטערן די געשטרעבטע פאַראייניקונג פון דער גאַנצער אַרבעטער־באַ־וועגונג.

מיט פאַראייניקונגס־לאָזונגען קאָן מען נישט רעגולירן די חלוקי־דעות מיט מפא"י אַזוי ווי זי איז, און נישט פאַרדעקן דעם מאַנ־גל אין פּאַקטישער און אין אויפריכטיקער שות־פות צוליב דער שולד פון מפא"י און איר פאַראַנטוואָרטלעכקייט דערפאַר.

די טענה פון מפא"י־פירער, אַז ס'איז אומ־מעגלעך צו בילדן אַ ממשותדיקע שותפות ווי לאַנג ס'עקזיסטירן פּאַרטייאישע מחיצות, איז גרונלטאָז און איז נישט מער ווי אַ באַוויז, אַז זיי פאַרשוועכן די אידעע און דעם באַגריף פאַראייניקונג.

ג.

די עקזיסטירנדיקע דיפערענציאַציע אין דער ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג און אירע דריי אידעאָלאָגישע שטרעמונגען אין פּאַרטייאישע ראַמען — איז נישט קיין פּראָ־דוקט פון צופאַל, נאָר אַ רעזולטאַט פון היס־טאָרישער אַנטוויקלונג, פול מיט אידעאָלאָגישן און פּאָליטישן געראַנגל. פונדעסטוועגן דאַרף מען נישט זען אין דער פּאַרטייען־צעשפּליטע־רונג אַ גזירה אויף דורות.

טראָץ איר פאַרגאַנגענהייט און אידעאָלאָ־גישן געראַנגל מיט מפא"י און מפּ"ם — האָט אחדות העבודה—פועלי ציון נישט אויפגעגעבן די שטרעבונג צו אַ פּאָליטישער פאַראייניקונג פון די דריי ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַר־בעטער־פּאַרטייען.

די דאָזיקע פאַראייניקונג וועט צושטאַנד־קומען, נאָר דורך אַ פּראָצעס פון קעגנזייטיקער פּאָליטישער און אידעאָלאָגישער דערנענטע־רונג און געמיינזאַמער טעטיקייט אינעם אַרבע־טער־קלאַס און אין פאָלק, און וועט באַזירט זיין אויף אַ שותפות אינעם וועג פון אינערלעכער דעמאָקראַטיע, אומגעשטערטער רעכט פון קאָנסאָלידירונג און געדאַנקען־אויסדרוק און נאָך דעם ווי ס'וועלן פאַרקומען אידעאָלאָגישע ענדערונגען אין מפא"י און אין מפּ"ם.

זעלבשטענדיקייט פון דער פּאַרטיי און אַ פאַרשטאַרקונג פון דער אַרבעטער־שותפות

א.

להיפך צו אַ „פאַראייניקונג" אין די געגע־בענע אומשטענדן — וואָס מיינט, נישט מער, ווי די ליקווידאַציע פון אידעאָלאָגישע קער־פּערשאַפטן, רייכע אין ווערטן און זייער איינ־געשלונגען ווערן דורך מפא"י, אַזוי ווי זי איז היינט צו טאָג, מיט איר אַפּאַראַט און פּאָליטיק, און להיפך צו דער באַנייאונג פון דעם קעגנ־זייטיקן פאַרניכטונגס־קאַמף — וועט „אחדות־העבודה—פועלי־ציון" זיך ראַנגלען פאַר אַן

ענגער צוזאַמענאַרבעט און צו סטאַבילע פּאַר־מען פון שותפות צווישן די דריי זעלבשטענ־דיקע אַרבעטער־פּאַרטייען אין דער הסתדרות און אין דער מדינה, וואָס איז אַ באַדערפעניש פונעם אַרבעטער־קלאַס און פון פאָלק און קאָן ברענגען צו אַן אידעאָלאָגישער און פּאָליטישער דערנענטערונג און צו אַן אויפריכטיקער פּאַר־איייניקונג.

ב.

דער קאָאַליציע־בונד צווישן די דריי אַר־בעטער־פּאַרטייען אין דער ישראל־רעגירונג, וועלכע האָט פון איין זייט פאַרבעסערט די באַ־דינגונגען און די אַלגעמיינע אַטמאָספער אין דער ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג, און האָט באַשטעטיקט די פּאָזיטיווע מעגלעכקייטן און די מעלה, וואָס ס'טראָגט אין זיך די אַר־בעטער־שותפות, אין דער מדינה ווי אין דער רעגירונג — דערזעלבער בונד האָט פון דער אַנדערער זייט אויפגעדעקט די אינערלעכע חילוקי־דעות, וואָס הערשן לגבי דער אויסערן־און אינערן־פּאָליטיק אין פּראָבלעמען פון ערשטראַנגיקער און וואָגיקער באַדייטונג.

די יאָרן פון טעטיקייט אין דער רעגירונג, האָבן פאַרשטאַרקט אין „אחדות העבודה—פועלי־ציון" דאָס באַוווסטזיין אינעם ווערט פון איר זעלבשטענדיקער, געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער שליחות און דאָס באַוווסטזיין, אַז די דאָזיקע שליחות דאַרף פאַרווירקלעכט ווערן דורך זעלבשטענדיקייט און דורך שות־פות מיט מפא״י און מפ״ם, אין דער הסתדרות און אין דער מדינה. דער הויפּט־באַדינג צו דער רעאַליזירונג פון דער דאָזיקער שותפות, ליגט אין דער זעלבשטענדיקער טעטיקייט פון „אחדות העבודה—פועלי־ציון".

באַשפּייזער

עקאָנאָמיש־אַקטיווע אין דער אַרבעטער־ווירטשאַפט

		1948	%	1957	%
.1	אין אַרבעטער לאַנדווירטשאַפט	36.500	59,8	87.000	53,7
.2	אינדוסטריע, מלאכה	8.000	13,0	24.300	14,8
.3	טראַנספּאָרט	2.500	4,1	12.000	7,5
.4	בוי און עפנטלעכע אַרבעט	7.000	11,4	18.000	11,2
.5	האַנדל, פינאַנסן, סאָציאַלע פאַרזיכערונג און אַנד. באַדינונגען	7.200	11,4	20.700	12,8
	סך הכל	61.200	100,0	162.000	100,0

162.000 באַשפּייזער = 26% פון עקאָנאָמיש־אַקטיווע אין דער מדינה.

אַרבעטער־ווירטשאַפט אין די יאָרן 1949 — 1957

געלט - אומזאַץ

(אין פרייזן פון 1949)

		אין %
1949	150 מיליאָן ל״י	100
1957	706 „ „	471

דער ציוניזם איז נישט בלויז אידעאל

אונדזער פּראָגנאָז איז, אַז היינט־מאָרגן װעט ביי די ברייטע יידישע מאַסן, ביי די פּאָטענציעלע עמיגראַנטן, ביי די, װאָס קלייבן זיך ערשט אין װעג, פונקט װי ביי די, װאָס באַװעגן זיך שוין, — געבוירן װערן אַ דרינגנדיקע באַדערפעניש צו באַקומען אַ פרייען אַריינפאָר אין ארץ־ישראל און איינאָרדענען און שפּעטער צו דעמאָקראַטיזירן די לעבנס־פאָרמען אין ארץ־ישראל. און פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט, װעלכער פילט מיט יעדן טאָג אַלץ שטאַרקער די פּעלערהאַפטיקייט פון זיין סטראַטעגישער באַזע און די נויטיקייט צו ענדערן איר פּלאַץ, װעלן די לעבנס־פאָרמען אין ארץ־ישראל פאָרשטעלן נישט קיין אַבסטראַקטן, נאָר אַ ברענענדיקן, פּראַקטישן אינטערעס. די דאָזיקע לעבעדיקע, טאָג־טעגלעכע פאַראינטערעסירטקייט פון די יידישע מאַסן װעט װערן אַלץ בולטער, װאָס מער שװעריקייטן און שטערונגען די יידן װעלן באַגעגענען ביים אַריינפאָר אין די פריערדיקע אימיגראַציע־לענדער. מיר חזרן איבער. פאַר

אונדז איז דער ציוניזם נישט נאָר אַ היסטאָרישער אידעאַל, נאָר אויך אַ טאָג־טעגלעכע באַדערפעניש פון די ברייטע יידישע מאַסן.

ב. באָראָכאָװ



פּרעזידיום פון דער פּאַרטיי־קאָנפערענץ — תש״ח — אחדות העבודה—פּועלי־ציון אין ישראל

אנטיילנעמער פון זאמלבוך

אלון יגאל — געבוירן אין כפר תבור, קאָמענדאַנט פון פלמ״ח, גענעראַל פון דער ישראל־אַרמיי, כנסת דעפּוטאַט, חבר אין קיבוץ גינוסר.

בר־יהודה ישראל — עולה געװען אין יאָר 1925 פון רוסלאַנד, אינערן־מיניסטער, כנסת־דעפּוטאַט, חבר פון קבוץ יגור.

בן־אהרן יצחק — עולה געװען אין יאָר 1928 פון בוקאָװינע, כנסת־דעפּוטאַט, גענעראַל־סעקרעטאַר פון אחדות־העבודה — פועלי־ציון אין ישראל. חבר פון קבוץ גבעת חיים.

באַסעװיטש ליליה — עולה געװען אין יאָר 1923 פון רוסלאַנד. טוערין פון פרויען־באַװעגונג אין ישראל, חברה אין קבוץ עין־חרוד.

בראַגינסקי יהודה — עולה געװען אין יאָר 1929 פון רוסלאַנד. מיטגליד פון סוכנות־עקזעקוטיװע, לייטער פון קליטה אָפּטיילונג. חבר פון קבוץ גבעת השלושה.

באַנקאָװער יוסף — עולה געװען אין יאָר 1926 פון רוסלאַנד. חבר פון ועד הפועל פון הסתדרות און פון ציוניסטישן אַקצ. קאָמיטעט, חבר פון קבוץ רמת־הכובש.

בראַסלאַװסקי משה — עולה געװען מיט די עלטערן. שרייבער, מחבר פון „געשיכטע פון דער אַרבע־טער־באַװעגונג אין ארץ־ישראל״. חבר פון קבוץ נען.

גלילי ישראל — געקומען מיט די עלטערן אין לאַנד. הויפּט פון הגנה־שטאַב, חיצע קריגס־מיניסטער אין דער ערשטער רעגירונג, כנסת־דעפּוטאַט, חבר אין קבוץ נען.

גאָלדמאַן פּאָול (ניו־יאָרק) — סעקרעטאַר פון אחדות־העבודה — פועלי־ציון אין די פאַרייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. פּרעזידיום־מיטגליד פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט.

גרשוני גרשון — עולה געװען אין יאָר 1935 פון פּוילן. מיטגליד פון ועד הפועל פון הסתדרות און ציוניסטישן אַקצ. קאָמיטעט, דירעקטאָריום פון קרן היסוד, תל־אביב.

דרך שלמה — עולה געװען אין יאָר 1935 פון גאַליציע, זשורנאַליסט, פּאָליטישער סעקרעטאַר פון צ. ק. פון אחה״ע—פוע״צ אין ישראל. חבר פון קבוץ גבעת חיים.

העקטין רות — עולה געװען אין יאָר 1924 פון רוסלאַנד. כנסת־דעפּוטאַטין. חברה אין קבוץ עין־חרוד.

הדרי חיים — עולה געװען אין יאָר 1925 פון פּוילן. סעקרעטאַר פון קבוץ־המאוחד. חבר פון קבוץ גבת.

װיינער־ישראלי אהרן — עולה געװען אין יאָר 1931 פון פּוילן. מחבר פונעם בוך „היהודים בדורותינו״, חבר פון קבוץ גבת.

װאַשטשינאַ יהושע — עולה געװען אין יאָר 1934 פון פּוילן. מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיסיע פון הסתדרות. חבר אין קבוץ אפק.

זרובבל יעקב — עולה געווען אין 1910 פון רוסלאַנד. מיטגרינדער פון פועלי־ציון־באַוועגונג, חבר און מיטאַרבעטער פון ב. באָראָכאָוו. דירעקטאָר פון אַרכיון העבודה, ת״א.

טאַבענקין יצחק — עולה געווען אין יאָר 1912 פון פּוילן. מיטגרינדער פון פועלי־ציון אין פּוילן, פון אחדות העבודה, פון קבוץ המאוחד. חבר אין קיבוץ עין־חרוד.

טיבערג יהודה (ניו־יאָרק) — מיטגליד פון צ. ק. פון דער פּאַרטיי אין די פּאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. רעדאַקטאָר פון „אונדזער וועג״.

כרמל משה — עולה געווען מיט די עלטערן. גענעראַל פון דער ישראל־אַרמיי. קאָמוניקאַציע־מיניסטער, כנסת־דעפּוטאַט. חבר אין קיבוץ נען.

כהן ראובן — עולה געווען אין יאָר 1924 פון רוסלאַנד. מיטגרינדער פון קיבוץ המאוחד, מיטגליד פון קוראַטאָריום פון קרן קימת, חבר אין קבוץ עין־חרוד.

ניר נחום — עולה געווען אין יאָר 1925 פון פּוילן. מיטגרינדער פון דער פועלי־ציון־באַוועגונג אין פּוילן. כנסת־דעפּוטאַט, וויצע־פּאַרזיצער פון דער כנסת — רמת יצחק.

עבאַס אברהם — עולה געווען אין יאָר 1929 פון דמשק — סיריע. כנסת־דעפּוטאַט, צענטראַלער טוער צווישן די מזרח־עדות. נפטר געוואָרן אין סעפּטעמבער 1958.

ערעם משה — עולה געווען אין יאָר 1924 פון רוסלאַנד. כנסת־דעפּוטאַט. מיטגליד פון פּרעזידיום פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס. תל־אביב.

פינקעלשטיין חיים (בוענאָס־איירעס) — סעקרעטאַר פון צ. ק. אין אַרגענטינע. דירעקטאָר פון צווישא־שולן, מיטגליד פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט.

ציזלינג אהרן — אין לאַנד אָנגעקומען מיט די עלטערן. געוו. לאַנדווירטשאַפט־מיניסטער אין דער ערשטער רעגירונג. חבר פון קבוץ עין־חרוד.

צוקערמאַן יצחק (אַנטעק) — עולה געווען אין יאָר 1947 פון פּוילן. וויצע־קאָמענדאַנט פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. חבר אין קבוץ לוחמי הגיטאות.

צור זאב — עולה געווען אין יאָר 1931 פון פּוילן. וויצע־מיניסטער פאַר לאַנדווירטשאַפט, כנסת־דעפּוטאַט, חבר אין קבוץ שדה נחום.

ש. שווייצער — מיטגליד פון צ. ק. פון דער פּאַרטיי אין פראַנקרייך, רעדאַקטאָר פון „אַרבעטער־וואָרט״. מיטגליד פון ציוניסטישן א. ק.

שמעוני לייב — עולה געווען אין יאָר 1924 פון ליטע. שרייבער, מיטגליד פון סעקרעטאַריאַט פון קופת חולים און פון חיפהער אַרבעטער־ראַט.

תרשיש אברהם — עולה געווען אין יאָר 1920 פון רוסלאַנד. רעדאַקטאָר פון „למרחב״. מיטגליד פון ועד הפועל פון הסתדרות. חבר אין קבוץ עין־חרוד.

די אַלע מיטבאַטייליקטע פון ישראל זענען מיטגלידער אין די צענטראַלע אינ־סטאַנצן פון אחדות העבודה—פועלי ציון.

אינהאַלט:

1. י. טאַבענקין — צען יאָר מדינת ישראל 7
2. י. זרבבל — אין גורלדיקער שליחות 15
3. י. צוקערמאַן — די מויער פון געטאָ 27

אין בוי און קאַמף

4. א. ציזלינג — פון לייק־סאַקסעס ביז ירושלים 30
5. זאב צור — אויפן שוועל פון צוויטן יאָרצענדליק . . 36
6. י. בראַגינסקי — עליה און קליטה 44
7. י. וואַשטשינאַ — די הסתדרות 48
8. רות העקטין — די פרוי אין מדינת ישראל 55
9. א. עבאַס ז"ל — קיבוץ גלויות און מיזוג גלויות . . 59
10. מ. בראַסלאַווסקי — אונדזער שליחות אין דער העברעישער ליטעראַטור 64
11. ל. שמעוני־חיין — יידיש־קולטור אין ישראל 71
12. מ. ערעם — אַראַבער־פּראָבלעם אין מדינת ישראל 77
13. י. אלון — וואָס איז געווען דער פלמ"ח ? 81
14. מ. כרמל — זיכערהייט־פּראָבלעמען 86
15. י. בר־יהודה — פאַר אַ וועלטלעכער מדינת ישראל . . . 92

מדינה און פאָלק

16. נ. ניר — רעכטלאָזיקייט אָדער היימלאָזיקייט 100
17. י. טיבערג — ישוב אַמעריקע און מדינת ישראל 103
18. א. תרשיש — המשכדיקייט אין דער יידישער גאולה־באַוועגונג 108
19. ש. שווייצער — יידיש פאָלק און יידישע מדינה 113
20. ח. פינקעלשטיין — יידישער קיום אין דרום־אַמעריקע . 117

21. י. באַנקאָחער — עליה — דער צענטער פון אונדזער לעבן 127
22. פ. גאָלדמאַן — מ׳קאָן געחינען אויך אַנדערש... 132
23. ג. גרשוני — אויף נייע חעגן 135

קאָלאָניזאַציע — קיבוצישע באַוועגונג

24. ר. כ־הן — די באַזע פון אונדזער קיום 142
25. ח. הדרי — באַנייאונג פון חלוצישן גייסט 146
26. ליליה באַסעחיטש — די חברה אין קיבוץ 152
27. א. ווייגער־ישראלי — דער קיבוץ — אַ היים . . . 156

פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם אין ישראל

28. י. גלילי — אונדזער חעג אין סאָציאַליזם 164
(פאַרקירצונג פון אַ גרעסערער אַרבעט)
29. י. בן־אהרן — סאָציאַליסטישער חעג פאַר ישראל . . . 174
30. ש. דרך — אויף אייגענע חעגן 179

אחדות העבודה—פועלי־ציון

31. די פּאַרטיי־קאָנפערענץ תשי״ח 196
32. סך־הכלען און רעזאָלוציעס 198

אונדזער פרעסע

„למרחב"

טאָג־צייטונג

תל־אביב

„פאָלקסבלאַט"

דערשיינט יעדע וואָך

תל־אביב

„אַרבעטער־וואָרט"

וואָכנצייטונג

פּאַריז (פראַנקרייך)

„אונדזער וועג"

צוויי־וואָכן־צייטונג

פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע

„אונדזער וואָרט"

צוויי־וואָכן־צייטונג

בוענאָס־איירעס, אַרגענטינע

„בקיבוץ"

וואָכנצייטונג פון קיבוץ המאוחד

תל־אביב

„מבפנים"

פערטל־יאָר־שריפט פון קיבוץ המאוחד

תל־אביב

„ידיעות"

דערשיינט יעדן חודש.

אינפאָרמאַציע־העפטן פון צ. ק. אחדות־העבודה—פועלי־ציון אין ישראל.

„למרחב"

אויסגאַבן אין פויליש, רומעניש, פראַנצויזיש, פערסיש, בולגאַריש, אונגאַריש.

ביכער־פארלאג פון קיבוץ המאוחד

רעדאַקציע — אַלנבי 115, טעל. 65321 — ת״א.
הויפט־פאַרקויף — אַלנבי 91, 98, טעל. 67211.

עקזיסטירט קרוב 20 יאָר, אַרויסגעגעבן 380 ביכער: ליטעראַטור, וויסנשאַפט, סאָציאָלאָגיע, היסטאָריע, קונסט — אָריגינעלע און איבערזעצונגען. צוו. אַנד׳:

ספר הפלמ״ח (צוויי בענדער), ספר לוחמי הגיטאות, חנה סענעש, חברים מספרים על ג׳ימי, אל אשר נקראתי — ל. גוקאָווסקי, בכף — י. פיכמן, ב. באָראָכאָוו (2 בענדער), נ. ניר — פרקי חיים — זכרונות (עור־שטער באַנד), תולדות תנועת הפועלים הא״ית — מ. בראַסלאַווסקי (דריי בענדער), אדמה ללא צל — יונת און אלכסנדר סענעד, היים און פעלד, (יידיש) — אברהם לעוו, געקליבענע שריפטן — יצחק קאַצענעלסאָן, שריפטן — י. ח. ברנר א. א.

פיל ביכער פון דעם פאַרלאַג האָבן באַקומען פרעמיעס א. נ. פון טשערניכאָווסקי, ברענער, אוסישקין.

אין פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק

זענען ביז היינט דערשינען פֿאָלגנדע ביכער;

י. זרבבל:	בלעטער פֿון אַ לעבן (2 בענדער)
מענדל מאַן:	נאַכט איבער גלושינאַ
אברהם סוצקעווער:	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן:	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי:	בילדער און דערציילונגען
י. פּאַפּיערניקאָוו:	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן:	ביי דער ווייסל
יוסף ראָזען:	געקליבענע שריפֿטן (העברעיש)
ק. צעטניק:	דאָס הויז פֿון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין:	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פֿון קיבוץ לעבן)
אפרים שרייער:	קונסט און טעאַטער (העברעיש)
מלך נוי — ניישטאַדט:	דאָס ערשטע און דאָס צענטע יאָר מדינת־ישראל
יצחק לעוו:	אין געראַנגל — געקליבענע שריפֿטן
יצחק פּאַנער:	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
מרדכי יפה:	צען ישראל דיכטער
יחיאל האָפּער:	אַ הויף אויף פּאָקאַרנע (צוויי טיילן)
ה. לייוויק:	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דרוזדוב:	אחד העם
פּרץ גראַנאַטשטיין:	מענטשן פֿון נעכטן
י. לשצ׳ינסקי:	דאָס פּנים פֿון גלות־יידנטום (העברעיש)
יעקב פּאַט:	שמועסן מיט יידישע שרייבער (העברעיש)

Publishing I. L. Peretz Library,
31 *Allenby Str. Tel-Aviv, Israel.*